STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06001

KINIGIN MIRYAM

Mendel Osherowitch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קיניגין מרים

מ. אָשעראָוויטש

קיניגין מרים

היסטאָרישער ראָמאַן פֿון הורדוסעס צײַטן

אַרויסגעגעבן
פֿון מ. אָשעראָוויטש-יובל-קאָמיטעט
ניו-יאָרק.
1959

M. OSHEROWITCH

KINIGIN MERJIM

QUEEN MARIAMNE

COPYRIGHT 1959
BY M. OSHEROWITCH
NEW YORK

Published by
THE M. OSHEROWITCH JUBILEE-COMMITTEE
NEW YORK, 1959

PRINTED IN THE UNITED STATES OF AMERICA
BY MARSTIN PRESS, INC., NEW YORK
I. LONDON, *President*

נ י ו ש אַ ן

אין דעם פֿופֿציקטן יאָר פֿון
אונדזער פֿאַרהייראַטן לעבן—
מיט ליבשאַפֿט און רעספּעקט.

עטלעכע
ווערטער

איך וויל דאָ אויסדריקן אַ האַרציקן דאַנק דעם קאָמיטעט, וואָס האָט אויף זיך גענומען אַרויסצוגעבן מײַן היסטאָרישן ראָמאַן „קיניגין מרים" לכּבוד מײַן זיבעציק-יאָריקן יובֿל, וואָס איז אויסגעפֿאַלן נאָך מיט צוויי יאָר צוריק.

דערבײַ וויל איך דערמאָנען די נעמען פֿון עטלעכע גוטע פֿרײַנד מײַנע, וועלכע האָבן מיט זייער אַרבעט אינעם יובֿל-קאָמיטעט געמאַכט מעגלעך, אַז דאָס אַרויסגעבן פֿון מײַן ווערק „קיניגין מרים" זאָל שוין מער ניט אָפּגעלייגט ווערן. זיי זענען: יוסף טאַלעסניק, אב. מילער, הערי גילדין, איזידאָר רובינשטיין, נתן מינץ און מײַן איידעם אַרטור ראָזענבערג.

אַ ספּעציעלן דאַנק דריק איך דאָ אויס צו מײַן אַלטן גוטן פֿרײַנד נ. כאַנין דערפֿאַר, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען די אַרבעט דורכצופֿירן דעם פּלאַן און שאַפֿן די סומע, וואָס איז געווען נייטיק, אַז בײַ אַזאַ געלעגנהייט זאָל אַרויסגע-געבן ווערן מײַן ווערק, אויף וועלכן איך האָב געאַרבעט אַ סך יאָרן.

עס קומט אויך אַ דאַנק מײַן קאָלעגע אַבֿרהם קיהן פֿאַר איבערקוקן דעם מאַנוסקריפּט און זען, אַז ער זאָל איבער-געגעבן ווערן אין דרוק ווי צום בעסטן.

און איך וויל דאָ אויך דאַנקען מײַן פֿרײַנד ישׂראל לאָנדאָן דערפֿאַר, וואָס ער האָט דאָס דרוקן פֿון מײַן „קיניגין מרים" געשטעלט אונטער זײַן פּערזענלעכן אויפֿזיכט און אַכטונג געגעבן דערויף, אַז דאָס בוך זאָל אַרויסגעגעבן ווערן וואָס שענער.

מ. אַשעראָוויטש

ניו-יאָרק, אַפּריל, 1959

ערשטער טייל

ערשטער קאַפּיטל

אין די בערג

א

אויף די קרומע, שטויביקע וועגן, וואָס האָבן זיך אַלע מאָל אין אַן אַנדער זײַט פֿאַרדרייט צווישן די הויכע בערג און טיפֿע טאָלן פֿון גליל, האָבן זיך אַ גאַנצן טאָג געשלעפּט מחנות מיט מענטשן.

עס האָט זיך געדוכט, אַז צו דעם געדיכטן מענטשן־געדרענג, וואָס גיט זיך אַלע מאָל אַ שפּאַר אַרויס פֿון אַן אַנדער באַרג, וואו אַ שפּיציקער פֿעלדז פֿאַרשטעלט דעם וועג, וועט גאָר קיין מאָל קיין סוף ניט נעמען.

פֿון צײַט צו צײַט האָט זיך אַ טייל פֿון אַ מחנה אָפּגעריסן פֿון די אַנדערע, זיך עפּעס ווי אָפּגעהאַקט אין מיטן, און דאַן איז אויף אַ ווײַל געבליבן ליידיק ערגעץ אַ שמאָלער וועג, וואו מענטשן האָבן געקענט גיין בלויז איינציקווײַז און וואו אַן אייזל, וואָס איז מיט משׂא געווען אָנגעלאָדן, האָט זיך קוים געקענט דורכשטופּן. דער אויפֿגעהויבענער שטויב דאָרט, וואָס האָט זיך צווישן די ענגע שטיינערנע פֿעלדזן געשטיקט, האָט זיך שוין אָנגעהויבן צוריק צו דער ערד אַראָפּלאָזן, און אַ שטילקייט, וואָס די בערג האָבן שוין געהאַט פֿאַרגעסן, האָט דאָרט ווידער אָן זיך דערמאָנט.

אָבער באַלד האָט זיך פֿון ערגעץ אַרויסגעשפּאַרט נאָך אַ מחנה און נאָך אַ מחנה, און ס'האָט זיך ווײַט צעצויגן אַ קייט אַ לאַנגע פֿון מענטשן און מענטשן אָן אַ שיעור — יונגע און אַלטע, מאַנספּאַרשוינען און ווײַבער. אויך קליינע קינדער זענען דאָרט געווען. אין איינעם מיט די טאַטעס און מאַמעס האָבן זיי זיך צווישן די בערג פֿון גליל אויף די שמאָלע וועגן געשלעפּט. און אַלע מענטשן זענען פֿונעם קאָפּ ביז די פֿיס מיט שטויב געווען באַדעקט: אַלע מיט אומרואיקע בליקן אין די אויגן, אַלע מיט אַ פֿעסטער עקשנות, וואָס איז ווי פֿאַרגליווערט געוואָרן אויף די פּנימער, אַלע מיט שווערע פּעק אויף די געבויגענע פּלייצעס. און ניט נאָר די יונגע, בײַ וועמען די פּנימער זענען געווען ווי פֿון בראָנדז אויסגעגאָסן און שטאַרק אָפּגעברענט פֿון דער זון, נאָר אויך אַלטע לײַט מיט גרויע בערד האָבן געטראָגן שווערדן אויף די דיכן, און אין די הענט איז בײַ יעדערן פֿון זיי פֿײַל־און־בויגן געווען גרייט.

און אַזוי איז מען געגאַנגען אַלץ ווײַטער און ווײַטער, וואוהין די וועגן האָבן נאָר געפֿירט.

ווען די נאַכט איז צוגעפֿאַלן און אַ בלאַסע האַלבע לבֿנה האָט זיך אויף די שפּיצן פֿון די בערג באַוויזן און זיך באַלד צוריק ערגעץ באַהאַלטן, האָבן זיך

די מענטשן אָפּגעשטעלט, און וואו ווער ס'האָט נאָר געקענט, האָט זיך אַוועק־געזעצט אָדער אַוועקגעלייגט, אָנשפּאַרנדיק דעם מידן קאָפּ אין וואָס ס'האָט זיך נאָר געמאַכט. דער באַפֿעל זיך אָפּצושטעלן איז געקומען פֿון דער פֿאָדערשטער מחנה, וואָס איז געווען די ערשטע אין וועג און וואו דער פֿירער פֿון די אַלע מחנות איז פֿאָרויס, אַ באַוואָפֿנטער פֿונעם קאָפּ ביז די פֿיס, געפֿאָרן רײַטנדיק אויף אַ יונג פֿײַערדיק פֿערד, וואָס האָט זיך ניט געלאָזט צוימען אַזוי לײַכט.

חזקיה האָט ער געהייסן, דער פֿירער. חזקיה הגלילי. אַ ייִד, וואָס האָט מיטן גאַנצן האַרצן ליב געהאַט זײַן פֿאָלק. און פּונקט אַזוי ווי ער האָט ליב געהאַט זײַן פֿאָלק, אַזוי האָט ער פֿײַנט געהאַט די רוימער, וועלכע האָבן אויף יהודה זייער הערשאַפֿט אַרויפֿגעצוואונגען. ער האָט אויך פֿײַנט געהאַט דעם ייִדישן קיניג און כהן־גדול הורקנוס דערפֿאַר, וואָס ער האָט זיך אַזוי לײַכט אונטערגעגעבן דער הערשאַפֿט פֿון די רוימער. עס האָט אים שטאַרק פֿאַרדראָסן, פֿאַר וואָס דער קיניג, אַ זון פֿון די חשמונאים, וועלכע האָבן אַזוי העלדיש געקעמפֿט קעגן דעם יאָך פֿון פֿרעמדע הערשער אין דער ייִדישער מלוכה, ווײַזט ניט אַרויס אַפֿילו קיין סימן פֿון שטאָלץ און מוט.

און מער פֿון אַלץ האָט אים פֿאַרדראָסן, פֿאַר וואָס דער ייִדישער קיניג איז ווי אַ שפּילצײַג אין די הענט פֿון אַ פֿרעמדן מענטשן, וואָס קומט פֿון אַ פֿאָלק, וואָס האָט ערשט מיט עטלעכע צענדליג יאָר צוריק דעם ייִדישן גלויבן אָנגענומען. און וועגן אים, יענעם פֿרעמדן מענטשן, האָט חזקיה הגלילי מיט גאַל און ביטערניש גערעדט צו זײַן זון יהודה, וועלכער איז לעבן אים רײַטנדיק אויף אַ פֿערד געפֿאָרן:

— ער, דער אַנטיפּאַטרוס, וואָס איז צו אונדז פֿון אדום געקומען, איז אַ קנעכט פֿון די רוימער. ער וויל אויסראָטן און פֿאַרטיליקן די אַלע, וואָס זענען נאָך פֿאַרבליבן פֿון די חשמונאים, און די ייִדישע מלוכה וועט ער צעטיילן צווישן זיך און זײַנע זין, וועלכע זענען פּונקט אַזעלכע רשעים ווי ער... פֿרעמדע גע־וועלטיקן איבער אונדז, פֿרעמדע...

יהודה האָט דאָס הײַנט שוין ניט איין מאָל געהערט פֿון זײַן פֿאָטער. חזקיה האָט דאָס אים אויפֿן וועג שוין אַ סך מאָל געזאָגט. דאָך האָט דער זון דעם פֿאָטער ניט איבערגעשלאָגן, ווײַל ער האָט געוואוסט, אַז ער טראַכט דערפֿון די גאַנצע צײַט מיט טיפֿן ווייטיק און פֿאַרדראָס. אַלע מאָל, ווען דער פֿאָטער האָט אָנגע־הויבן רעדן וועגן דעם, האָט דער זון געגעבן אַ צוים אײַן דאָס פֿערד, אויף וועלכן ער איז אַ ביסל אײַנגעבויגן געפֿאָרן רײַטנדיק, און ער האָט זיך אויפֿ־מערקזאַם צוגעהערט.

און חזקיה האָט ווײַטער גערעדט:

— דער ערגסטער פֿון די אַלע זײַן זײַנע, דעם אַנטיפּאַטרוסעס, איז הורדוס!.. דאָס איז אַ שלאַנג, וואָס גנבעט זיך אונטער שטילערהייט און גיט אַ ביס... ניט אומזיסט האָט מען אים איצט געמאַכט פֿאַרן גאַנצן הערשער איבערן גליל און דער רוימישער צעזאַר האָט געגעבן זײַן ברכה דערויף... אָבער דאָס פֿײַער אין די הערצער פֿון אונדזער פֿאָלק וועט זיך ניט אויסלעשן ביז די רוימער

און אויך אַנטיפּאַטרוס און זײַנע זין וועלן אַרויסגעטריבן ווערן פֿון אונדזער לאַנד און מיר וועלן ווידער זײַן פֿרײַ!

ער האָט גערעדט מיט הארץ, דער אַלטער חזקיה הגלילי, און ער האָט גע־וואוסט, אַז די אַלע ייִדן, די אַלטע און די יונגע, וואָס זענען צוזאַמען מיט אים אַוועק אין די בערג פֿון גליל צו פֿירן אַ באַהאַלטענע און אַ ביטערע מלחמה קעגן הורדוסן, האָבן דעם זעלבן געפֿיל וואָס ער. און געוואוסט האָט ער, אַז די מלחמה וועט זײַן אַ שווערע, אַז אַ סך מענטשן וועלן זייערע לעבנס פֿאַרלירן, און דערפֿאַר האָט ער איצט אַזוי איבער זייערע לעבנס געציטערט.

עס איז געווען אַ סכנה ווײַטער צו גיין, ווײַל בײַ די וועגן, וואָס די פֿינצ־טערניש פֿון דער נאַכט האָט פֿאַרשטעלט, זענען דאָ און דאָרט געווען טיפֿע אָפּגרונטן, און איין טראָט ניט קיין אָפּגעהיטער איז געווען גענוג, אַז אַ מענטש זאָל אין דער טיפֿסטער טיפֿעניש אַרײַנפֿאַלן און דאָרט געפֿינען דעם טויט...

דאָס איז שוין געווען ניט דער ערשטער טאָג, וואָס זיי האָבן זיך אַזוי אויף די שטויביקע וועגן געשלעפּט ביז זיי זענען צו די בערג פֿון גליל אָנגעקומען. פֿון אַלע עקן פֿון לאַנד האָבן זיי זיך אַהער געצויגן און צווישן זיך האָט מען גערעדט, אַז עס דאַרפֿן קומען נאָך און נאָך ייִדן.

אויסגעמאַטערטע פֿון דעם לאַנגן וועג, האָבן זיי זיך אַלע אויף דער ערד אויס־געצויגן און ווער אַן וואָס ס׳האָט נאָר געקענט, האָט דעם מידן קאָפּ אָנגעשפּאַרט. און עס זענען געלעגן קעפּ מיט האָר צעשויבערטע — אויף פּעק, אויף זעק און אויך אויף שטיינער. און פּיס פֿון איין מענטשן האָבן זיך געפֿלאָכטן מיט די פּיס פֿון אַן אַנדער מענטשן. און ווען אַ פֿוס, וואָס האָט אין דער פֿינצטער די ערד אַרום זיך געטאַפּט, האָט ניט געפֿונען קיין פּלאַץ, וואו זיך אויסצוציִען, האָט ער זיך אין אַ קני אויסגעבויגן אַרויף און אַזוי איז ער געבליבן שטעקן, און ווען בײַ דעם מענטשן האָבן זיך די אויגן פֿון שלאָף צונויפֿגעקלעפּט, האָט די אויפֿגעהויבענע קני זײַנע זיך געגעבן אַ בייג און איז געפֿאַלן — אויף עמעצנס אַ בויך, אָדער אויף עמעצנס אַ פּנים. דאָ האָט איינער אין שלאָף מיט דער נאָז געשנאָרכעט, און דאָרט האָט אַן אַנדערער אין שלאָף געקרעכצט. אויך דאָס געוויין פֿון קינדער האָט זיך אַלע מאָל פֿון ערגעץ דערהערט. און די שטילקייט פֿון דער נאַכט האָט יעדן שאָרך, יעדן קלאַנג אויפֿגעכאַפּט און ס׳פֿאַרטראָגן ווײַט־ווײַט אין די בערג.

אַלע זענען געשלאָפֿן. בלויז דער אַלטער חזקיה האָט ניט געקענט שלאָפֿן.

ליגנדיק אויסגעצויגן אויף דער ערד, מיטן פּנים אַרויף, האָט ער געקוקט אויף דער לבֿנה, וואָס איז אַלע מאָל פֿון הינטער אַן אַנדער באַרגשפּיץ אַרויס. ער האָט געטראַכט וועגן די צײַטן פֿון אַ מאָל, ווען די ייִדישע מלוכה איז געשטאַנען פֿעסט און איז געווען די שענסטע פֿון אַלע מלוכות אַרום און אַרום, און די קיניגן פֿון סיריע, אַראַביע און מצרים האָבן בײַ איר שוץ געזוכט און מיט גרויס קנאה אויף איר געקוקט.

ער האָט געטראַכט וועגן דער העלדישקייט, וואָס ס׳האָבן אַרויסגעוויזן די ייִדישע קיניגן פֿון די חשמונאים אין דער מלחמה קעגן די פֿרעמדע שונאים,

וואָס האָבן געפּראָוווט אָוועקלייגן זייער שווערע האַנט אויף יהודה און מאַכן אונטערטעניק די קינדער פֿון ישׂראל.

ער האָט געדענקט יענע צײַטן, ווען די גרענעצן פֿון לאַנד האָבן זיך אַלץ ווײַטער און ווײַטער געשפּרייט. נאָך ווען ער איז אַ קליין יינגל געווען, האָט אים זײַן פֿאָטער אַ סך וועגן דעם דערציילט, און ער האָט אַלץ גוט אין זכרון אַרײַנגענומען. דער גרעסטער העלד פֿון אַלע יידישע קיניגן פֿון דער חשמונאים־משפּחה איז בײַ אים דעמאָלט געווען יוחנן־הורקונוס, און געהאַלטן פֿון אים אַזוי שטאַרק האָט ער דערפֿאַר, וואָס ער האָט זיך פֿונעם פֿאָטער אָנגעהערט אַזוי פֿיל וועגן דעם ווי אַזוי ער, יוחנן־הורקונוס, האָט אײַנגענומען דאָס לאַנד אדום און געמאַכט דאָס גאַנצע פֿאָלק דאָרט פֿאַר יידן...

און טראַכטנדיק וועגן דעם אַזוי איצט אין דער שטילקייט פֿון דער נאַכט, צווישן די בערג, וואו די פֿינצטערניש האָט אַלע סודות באַהאַלטן, האָט חזקיה הגלילי מיט אַ מאָל דערפֿילט, ווי דער געדאַנק, וואָס איז בײַ אים אין מוח אַלע מאָל אויף אַ גלײַכן וועג געגאַנגען, האָט זיך מיט אַ מאָל אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַל און איז באַלד אין אַן אַנדער ריכטונג אַוועק, און דאָן ערשט האָט חזקיה אָנגעהויבן הערן דאָס וואָיען פֿון די אויסגעהונגערטע שאַקאַלן, וואָס האָט זיך די גאַנצע צײַט פֿון דער ווײַטנס געטראָגן...

אַ מאָדנע וואָיען איז דאָס געווען: אָט איז זיך עס פֿאַרגאַנגען אין אַ יאָמער, און אָט גאָר אין אַ ווילדן געלעכטער, וואָס קען זיך ניט אָפּשטעלן. און חזקיה האָט ניט געקענט פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס ער האָט דאָס וואָיען פֿון די שאַקאַלן פֿריִער ניט געהערט. פּונקט ווי ער האָט ניט געקענט פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס ער האָט פֿריִער, אין די אַלע נעכט, וואָס ער האָט ניט געקענט שלאָפֿן, ניט געטראַכט אַזוי ווי ער טראַכט איצט וועגן דעם, וואָס האָט אין די יונגע יאָרן אַזוי שטאַרק זײַנע דמיונות גערייצט...

מיט אַ מאָל האָט ער דערהערט טריט לעבן זיך. און ווען ער האָט אויסגעדרייט דאָס פּנים אין אַ זײַט, האָט ער פֿאַר זיך דערזען זײַן זון.

— דו שלאָפֿסט נאָך ניט, פֿאָטער? — האָט יהודה אים געפֿרעגט.

— ניין. עס שלאָפֿט זיך ניט.

— פֿאַר וואָס?

— איך טראַכט.

— פֿון וואָס טראַכטסטו?

— איך טראַכט, זון, אַז גאָטס וועגן זענען פֿאַרהוילן און ס'איז שווער זיי מיטן שׂכל צו באַנעמען...

— דו מיינסט די אייביקייט פֿון די בערג און די שײַן פֿון דער לבֿנה מיט די שטערן בײַ נאַכט?..

— ניין, זון, ניט דאָס מיין איך און ניט פֿון דעם טראַכט איך אַצינד.

חזקיה האָט זיך אויפֿגעזעצט, אָפּגעטרונקען אַ ביסל וואַסער פֿון דעם לײמענעם קרוג, און ניט קוקנדיק אויפֿן זון, וואָס איז לעבן אים געשטאַנען, האָט ער גערעדט ווי פֿאַר זיך:

— איך טראַכט איצט, אַז ס'איז גאָטס שטראָף, וואָס פון אדום רוקט זיך אַציִנד אָן אַ גרויסער אומגליק אויף אונדז... אין דעם וואָס אַנטיפּאַטרוס דער אדומי און זײַנע זין געוועלטיקן איצט איבער אונדז איז פאַראַן גאָטס פינגער און די נקמה פון דורות...

ער האָט אַ ווײַל נאָך געדענקט, נאָך דעם האָט ער זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן, און אָנשפּאַרנדיק זיך מיט בײדע הענט אויף דער שווערד, וואָס ער האָט אין אַ שטיק ווייכער ערד אַרײַנגעגראָבן, האָט ער ווײַטער גערעדט:

— עס איז געווען ניט גוט, זייער ניט גוט, וואָס אַ ייִדישער קיניג פון די חשמונאים האָט דאָס לאַנד אדום אײַנגענומען און דעם ייִדישן גלויבן אויפן באַזיגטן פאָלק מיט געוואַלד אַרויפגעצוואונגען... ייִדן האָבן דאָס ניט געטאָרט טאָן! ניט מיט דער שווערד דאַרפן מיר אונדזער גלויבן פאַרשפּרייטן, נאָר דערמיט וואָס מיר וועלן ברענגען גאָטס וואָרט צו אַלע פעלקער פון דער וועלט. זע וואָס ס'איז געוואָרן פון דעם, וואָס מיר זענען אויף אַ שלעכטן וועג אַוועק און מיט געוואַלד אַרויפגעצוואונגען אונדזער גלויבן אויף אַן אַנדער פאָלק!..די קינדער פון דעם באַזיגטן פאָלק, אַנטיפּאַטרוס און זײַנע זין, הערשן איצט איבער אונדז מיט דער הילף פון דער רוימישער שווערד. און ווער ווייסט, וואָס ס'שטייט אונדז נאָך פאָר, אויב מיר וועלן פון זיך דעם פרעמדן יאָך ניט אַראָפוואַרפן...

ער איז געווען אַ גאָטספאַרכטיקער מענטש, דער חזקיה הגלילי, וואָס איז בײַ אַלעמען אין דער מחנה געווען זייער באַליבט. ער איז געשטאַנען נאָענט צו די פרושים, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז ייִדן דאַרפן זײַן אַ פאָלק פון תורה און מעשׂים טובֿים און ניט אַ פאָלק פון שווערד און בויגן. ווען ניט דער קריג צווישן די אייגענע פון פאָלק און דאָס אַרײַנמישן זיך פון די רוימער, וואָלט ער אפשר גאָר קיין שווערד אין האַנט ניט גענומען און וואָלט קיין בלוט פון מענטשן ניט פאַרגאָסן. ער איז אין דער מלחמה אַרײַנגעצויגן געוואָרן איבער דעם, וואָס ער האָט ליב געהאַט זײַן פאָלק און איז געווען גרייט דאָס לעבן אַוועקצוגעבן פאַר דער פרײַהייט פון פאָלק. און רעדנדיק ווײַטער דערפון, וואָס ער האָט פריִער אָנגעהויבן רעדן מיט זײַן זון, האָט ער געזאָגט:

— עס איז געווען דער ווילן צו דינען גאָט פרײַ און זײַן אַ מוסטער פאַר אַנדערע פעלקער, וואָס האָט געטריבן אונדזערע חשמונאים נאָך מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק צו נעמען שווערדן אין די הענט און אַרויס אין אַן אָפענער מלחמה קעגן די גריכן. זיי, די גריכן, האָבן דעם ייִדישן גלויבן געוואָלט אויסראָטן, און דערפאַר זענען די חשמונאים אַרויס אין קריג קעגן זיי. אַ הייליקער קריג איז דאָס געווען, און גאָט אין הימל האָט זייערע הענט געשטאַרקט.

יהודה האָט געוואָלט עפּעס זאָגן. אָבער חזקיה האָט אים אָפּגעשטעלט:

— זון, שלאָג מיר ניט איבער — האָט ער געזאָגט — עס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס מיר איז אַזאַ מחשבֿה אויפן זינען געקומען, און איך מוז דאָס אַרויסזאָגן. קיין אַנדערן וואָלט איך דאָס ניט געזאָגט, נאָר דיר, מײַן זון, זאָג איך דאָס, און איך וואָלט אַזוי געוואָלט, אַז מער זאָל איך ניט טראַכטן דערפון. אין אַ תהום, דאָ צווישן די בערג, זאָל דער געדאַנק אַרײַנפאַלן און זאָל מער צו מיר צוריק ניט קומען!..

— רעד, פֿאָטער, רעד — האָט יהודה שטיל געזאָגט.
און חזקיה האָט גערעדט:
— די זעלבע חשמונאים, וועלכע האָבן זייערע לעבנס אײַנגעשטעלט, ווען אַ פֿרעמד פֿאָלק האָט דעם ייִדישן גלויבן געוואָלט אויסראָטן — זיי האָבן דערנאָך דעם ייִדישן גלויבן מיט געוואַלד אויף אַן אַנדער פֿאָלק אַרויפֿגעצוואונגען — אויפֿן פֿאָלק פֿון אדום... און דערפֿאַר, זאָג איך, איז געקומען די נקמה... די נקמה פֿון דורות... דאָס פֿאָלק, וואָס אונדזערע זיידעס און עלטער־זיידעס האָבן אין דער מלחמה בײַגעקומען און קעגן זייער ווילן פֿאַר ייִדן געמאַכט נאָך מיט אַזוי פֿיל יאָרן צוריק, האָט איצט אין בוזעם פֿאַר אונדז אָנגעוואָרעמט אַ שלאַנג — הורדוסן, דעם זון פֿון אַנטיפּאַטרוסן, וואָס שטאַמט פֿון אדום!..
בײַם זון איז דאָס שוין קיין נײַס ניט געווען, אַז דער פֿאָטער זאָל אים אַ מאָל זאָגן אַזוינס, וואָס ער האָט פֿון אים פֿריִער קיין מאָל ניט געהערט; ער האָט געוואוסט, אַז דער פֿאָטער טראַכט שטענדיק און אַז אַלע זײַנע געדאַנקען דרייען זיך תּמיד אַרום דעם קאַמף פֿאַר פֿרײַהייט אין לאַנד אין די צײַטן פֿון אַ מאָל און אויך איצט, אָבער נאָך קיין מאָל האָט ער אים ניט געזען אַזוי צע־רודערט, ווי ער איז איצט געווען. און ווען די נאַכט האָט שוין געהאַלטן ווײַט, זענען פֿאָטער און זון נאָך אַלץ געשטאַנען אויף די שווערדן אָנגעשפּאַרט און דער אַלטער חזקיה האָט נאָך אַלץ גערעדט וועגן דער נקמה פֿון דורות און וועגן הורדוסן דעם אדומי...
— אים, הורדוסן — האָט ער געזאָגט — מוזן מיר בײַקומען. אָבער די מלחמה קעגן אים וועט זײַן אַ שווערע, זייער אַ שווערע...
ער איז שוין געווען מיד, דער אַלטער חזקיה. און ווען ער האָט זיך שפּעטער אויף דער ערד אויסגעצויגן און די אויגן האָבן זיך בײַ אים גענומען קלעפּן פֿון שלאָף, האָט ער ווידער, עפּעס ווי פּלוצעם, דערהערט דאָס וואָיען פֿון די שאַקאַלן, וואָס האָט זיך פֿון דער ווײַטנס געטראָגן. און ער האָט זיך אַליין געוואונדערט און ניט געוואוסט, צי די שאַקאַלן, וואָס פֿאַרגייען זיך אַזוי, אָט אין אַ יאָמער און אָט אין אַ ווילדן געלעכטער, וואָס שנײַדט די אויערן, האָבן זיך ערשט איצט צעוואָיעט, אָדער זיי האָבן פֿריִער אויך געוואָיעט און ער האָט דאָס ניט געהערט...

ב

פֿון אין דער פֿרי אָן האָט די זון גענומען באַקן אַזוי, אַז אַפֿילו אין שאָטן האָט מען זיך פֿון איר ניט געקענט אויסבאַהאַלטן.
חזקיהס מענטשן אין די בערג האָבן זיך באַגאָסן מיט שוויס, כאָטש אָנגעטאָן זענען זיי געווען אַזוי אַז היפּשע טיילן פֿונעם לײַב זענען אין גאַנצן ניט געווען באַדעקט. עס איז אָבער שווער געווען צו טראָגן די קופּערנע און מעשענע פּאַנ־צערס, מיט וועלכע מ'האָט זיך געדאַרפֿט באַשיצן פֿונעם שונאס פֿײַלן. עס איז

אויך שווער געווען צו טראָגן אויף די פּיס די שיך, וואָס זענען אַלע מאָל געווען פול מיט זאַמד און שטיינדלעך.

פּאַר חזקיהן איז יענער טאָג געווען אַ שווערער. פריִער פון אַלץ האָט ער געזען, אַז מ׳זאָל געפינען אין די בערג נאָרעס, לעכער און הייל פאַר די ווײַבער און קינדער, וואָס אַ סך פון דער מחנה האָבן מיטגענומען מיט זיך.

— זיי, — האָט ער געזאָגט — די ווײַבער און די קינדער, טויגן ניט צו מלחמה; זיי קענען ניט אַריבערטראָגן אַזוי פיל ווי מיר מאַנספּאַרשוינען. און מ׳מוז זען, אַז זיי זאָלן זײַן באַשיצט.

ער אַליין האָט אין דעם אויף זיך די שווערסטע אַרבעט גענומען, און דערבײַ איז אים שטאַרק צו נוץ געקומען דאָס, וואָס ער האָט אויסגעצייכנט געקענט די בערג פון גליל און גוט געוואוסט, וואו אַ באַהעלטעניש געפינט זיך. אַלע מאָל האָט מען אים אויף אַן אַנדער באַרג געזען קלעטערן. אַלע מאָל האָט מען אים פון אַן אַנדער הייל געזען אַרויסקריכן. און ווען ער האָט אַ נײַ באַהעלטעניש געפונען, האָט ער באַלד אַהין אַליין די צעשראָקענע ווײַבער געפירט און די קליינע קינדער געטראָגן. ער איז קיין איין רגע ניט געשטאַנען ליידיק. און ווען די ווײַבער און קינדער זענען שוין געווען באַשיצט און מ׳האָט זיי מער אין דער מחנה ניט געזען, האָט חזקיה הגלילי זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ באַרג און ווי ווײַט זײַן קול האָט נאָר געקענט גרייכן, האָט ער אויסגערופן אין דער הויך אויפן קול:

— הערט זיך צו צו מײַן קול, איר קינדער פון ישראל! און לייגט צו אײַערע אויערן צו דעם וואָס איך וועל זאָגן.

— מיר הערן! — זענען פון אַלע זײַטן געקומען אויסגעשרייען. און באַלד האָבן זיך אַלע אויסגעשרייען צונויפגעגאָסן אין איין אויסגעשריי, אַ שטאַרקן, און ער איז פון טויזנט מײַלער אַרויסגעקומען אין איין מאָל:

— מיר הערן!

מיט איין פוס אַרויסגעשטעקט פאָרויס און מיט איין האַנט אויפגעהויבן אין דער הויך, האָט חזקיה אויפן באַרג אויסגעזען נאָך העלדישער ווי אַלע מאָל. עס האָט זיך פון אים ווי אין דער לופט געטראָגן דער אָטעם פון כוח און גבורה. און ער האָט ווײַטער אויסגערופן הויך אויפן קול:

— ווער פון אײַך ס׳האָט מורא, ווער פון אײַך ס׳האָט אַ ווייך האַרץ, זאָל בעסער גיין פון דאַנען און זיך אומקערן צוריק צו זײַן געצעלט!

אָבער קיינער איז פון דער מחנה ניט אַוועק. אַלע זענען געבליבן אויף זייערע ערטער.

און נאָך דעם האָט זיך עס אָנגעהויבן. דער אויפשטאַנד, וואָס חזקיה האָט צוגעגרייט אַ לענגערע צײַט שטילערהייט. האָט זיך ביסלעכווײַז גענומען פאַר־שפרייטן אַלץ מער און אין אַ קורצער צײַט האָט מען שוין אומעטום געוואוסט, אַז די וועגן צווישן די בערג פון גליל זענען זייער געפערלעך, ווײַל חזקיה און זײַנע באַוואָפנטע מחנות האָבן זיך דאָרטן שטאַרק באַפעסטיקט. סוחרים, וואָס האָבן אויף יענע וועגן געמוזט פירן זייערע קאַראַוואַנען מיט סחורה צו די האַפנ־שטעט בײַ די ברעגן פון ים, האָבן געדונגען רוימישע זעלנער צו באַשיצן די

קאַראַוואַנען, אָבער חזקיהס באַוואָפֿנטע לײַט האָבן די זעלנער אויסגעהרגעט און זייערע טויטע קערפּערס אין די טיפֿע אָפּגרונטן אַרײַנגעוואָרפֿן. און ווען מ'האָט געבראַכט מער חיילות, האָבן זיי גאָרניט געהאַט מיט וועמען זיך צו שלאָגן; זיי האָבן חזקיהן און זײַנע מחנות גאָר אין ערגעץ ניט געפֿונען, ווײַל אַלע האָבן זיך באַהאַלטן אין די נאָרעס און אין די היילן פֿון די בערג, און מ'האָט זיי אין ערגעץ ניט געקענט זען.

עס זענען אָבער דאָך געווען צײַטן, ווען חזקיה האָט געטראַכט, אַז אויב ס'וועט זיך ווײַטער אַזוי ציִען, וועלן זיך צווישן זײַנע מענטשן נאָך אפֿשר געפֿינען אַזעלכע, וואָס וועלן ניט זען קיין תּכלית אין אַזאַ מין מלחמה קעגן הורדוסן און זײַנע חיילות. עס האָט זיך אים געלייגט אויפֿן שׂכל, אַז מענטשן אין אַזאַ לאַגע זאָלן זיך צו דעם דערטראַכטן, ווײַל אין אַ מלחמה פֿון אַזאַ מין זעט מען קיין מאָל גאָרניט — ניט קיין נצחון און ניט קיין מפּלה, און דאָס לעבן פֿון די מענטשן, דאָ אין די בערג, בײַט זיך קיין מאָל ניט נאָך אַ שלאַכט אַפֿילו אויף אַ האָר. און אַלץ גייט זיך ווײַטער ווי עס איז געווען.

דאָס האָט בײַ חזקיהן ניט איין מאָל אַרויסגערופֿן זאָרג און איבער דעם האָט ער זיך גאַנץ אָפֿט, אין די אָוונטן, שטיל צוגערוקט אַלע מאָל צו אַן אַנדער רעדל מענטשן, וועלכע זענען בײַ אַ צעלייגטן פֿײַער געזעסן. שטילערהייט איז ער געשטאַנען אין אַ זײַט און זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס מ'רעדט, און נאָך דעם איז ער אַליין אויך אַרײַן אין דעם רעדל, וואָס אַרום פֿײַער, און אַוועקזעצנדיק זיך וואו ס'האָט זיך נאָר געמאַכט, האָט ער אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם, אין וואָס פֿאַר אַ טרויעריקער לאַגע דאָס ייִדישע פֿאָלק געפֿינט זיך אַצינד און ווי ס'איז דעריבער אַ חובֿ צו טאָן אַלץ, וואָס מען קען נאָר, אַרויסצוטרײַבן די פֿרעמדע באַצווינגער און אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך דעם יאָך.

— יאָ, אַלץ וואָס מען קען נאָר! — האָט ער זײַנע ווערטער שאַרף און קלאָר פֿון מויל אַרויסגעבראַכט — אויב אַן אָפֿענע מלחמה איז דערווײַל ניט מעגלעך, וועלן מיר דאָ אין די בערג אונדזערע שׂונאים דאָס לעבן מאַכן ביטער... זאָלן זיי וויסן, אַז די בעסטע זין בײַ אונדז אין לאַנד האָבן אויפֿגעהויבן אַ שווערד קעגן די פֿרעמדע באַצווינגער און קעגן די אייגענע אונטערדריקער. איידער אַ לעבן פֿון קנעכט, איז שוין בעסער דער טויט!..

און ווען ער האָט געזען, ווי זײַנע רייד נעמען שטאַרק אויס און ווי אַלע אַרום דעם צעלייגטן פֿײַער הערן זיך צו צו אים מיט אויפֿגעשפּיצטע אויערן, מיט צעעפֿנטע מײַלער און מיט אָפֿענע פּנימער, האָט ער אין זײַן רעדן זיך נאָך מער צעוואָרעמט און דערמיט בײַ זיי נאָך מער די האָפֿענונגען אויף אַ נצחון געשטאַרקט.

— הורדוס — האָט ער געזאָגט — וועט אַזוי לאַנג זוכן וועגן אונדז בײַ־צוקומען דאָ, ביז ער וועט זען, אַז קיין אַנדער וועג ווי אַליין צו קומען אַהער האָט ער ניט. און ווען ער וועט אַליין קומען אַהער, וועט אַ פֿײַל פֿונעם בעסטן שיסער בײַ אונדז אים דאָס האַרץ דורכלעכערן, און זײַנע חיילות וועלן מיר ביז איינעם אויסראָטן און ס'וועט פֿון זיי קיין שׂריד ופּליט ניט איבערבלײַבן. דאָ אין די בערג פֿון גליל קען זיך מיט אונדז קיינער אין כּוחות ניט פֿאַרמעסטן!..

און אין דעם שײַן פֿונעם צעליגטן פֿײַער האָט מען געזען אַ סך בלישטשענ־דיקע אויגן, אַ סך נאַקעטע קני, וואָס האָבן זיך אַ גאַנצן טאָג אויף דער זון געבערענט; אַ סך קעפּ אין געפֿלאָכטענע טיכער און אויך הוילע קעפּ. און ווען ס'האָט פֿון ערגעץ אַ קיל ווינטל געגומען בלאָזן און פֿון דער ווײַט האָט זיך דערטראָגן דאָס וואָיען פֿון די שאַקאַלן, האָבן מענטשן זיך גענומען וויקלען אין די דיקע האָריקע טיכער, מיט די שוואַרצע און ווײַסע פּאַסן. און ווען דאָס פֿײַער איז שוין געווען אויסגעלאָשן, זענען זיך אַלע צעגאַנגען צוריק אין זייערע היילן און נאָרעס, פּונקט ווי די חיות אין וואַלד...

אַזוי זענען אַוועק נעכט און נעכט.

און אין איינער אַ נאַכט אַזאַ איז צו חזקיהן אין די בערג געקומען אַ מענטש, אויף וועמען ער האָט שוין לאַנג אַרויסגעקוקט. און דאָס איז געווען אַחיקם פֿון יודפּת.

אין יאָרן איז אַחיקם געווען אַ סך יינגער פֿון חזקיהן, און לויט זײַן אָפּשטאַם איז ער געווען אַ גריך. אָבער ער האָט שוין לאַנג דעם ייִדישן גלויבן געהאַט אָנגענומען און ער האָט באַוואונדערט אַלץ, וואָס ס'איז נאָר געווען פֿאַרבונדן מיט ייִדן און מיט ייִדישקייט. אין דער קריגערײַ, וואָס האָט צעריסן דאָס פֿאָלק און אויך די משפּחה פֿון די חשמונאים, האָט ער געהאַלטן מיט די, וואָס האָבן זיך געשטעלט קעגן די רוימער. אין זײַנע אויגן איז חזקיה הגלילי געווען דער גרעסטער העלד אין יענער צײַט. ער האָט דאָס געהערט פֿון די אַלע ייִדישע פֿרײַנד זײַנע, וואָס ער האָט אין יודפּת געהאַט, און אויך פֿון זײַן ווײַב, אַ שיינע ייִדישע טאָכטער, וואָס ער האָט ליב געהאַט. ער אַליין איז מיט חזקיהן שוין ניט איין מאָל געווען אין אַ שלאַכט קעגן די רוימער, און עס איז בײַ אים געווען פֿעסט אָפּגעמאַכט, אַז אויך איצט וועט ער שטיין בײַ זײַן זײַט. צוליב דעם איז ער גע־קומען, ווי ער האָט צוגעזאָגט נאָך פֿריִער, ווען חזקיה האָט אָנגעהויבן זאַמלען זײַנע מחנות זיך צו באַפֿעסטיקן אין גליל. און גלײַך בײַם אָנקומען האָט אַחיקם חזקיהן געזאָגט, אַז ער מוז אים שוין איבערגעבן עפּעס, וואָס מען קען ניט אָפּלייגן אויף שפּעטער.

מען האָט געקענט זען, אַז עס איז אַחיקמען ניט גרינג אַרויסצוברענגען פֿון מויל דאָס וואָס ער וויל. ער איז געווען שטאַרק צעטראָגן. דאָס קול האָט בײַ אים געציטערט, און ערשט נאָך דעם ווי ער האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט און פֿון אַ קרוג אַ ביסל ווײַן אַ זופּ געטאָן, האָט ער חזקיהן דערציילט, אַז הורדוס קלײַבט זיך צו נעמען פֿאַר אַ ווײַב די יונגע ייִדישע בת־מלכּה, מרים, דאָס אייניקל פֿונעם קיניג און כּהן־גדול הורקנוס, דעם חשמונאי...

און ווען חזקיה הגלילי האָט דאָס דערהערט, איז ער געבליבן אַ צעטומלטער.

— דאָס טאָר ניט געשען! — האָט ער אויסגעשריגן ווי ניט מיט זײַן קול — וואו האָסטו דאָס געהערט?

— אין ירושלים — האָט אַחיקם געענטפֿערט — מענטשן וואָס שטייען נאָענט צום קיניג הורקנוס און זײַן הויף, האָבן דאָס מיר דערציילט...

דאַן האָט פֿאַר חזקיהן אָנגעהויבן ווערן קלאָר, אַז הורדוס מאַכט פֿאַר זיך אַ וועג צום טראָן און ער גרייט שוין צו אַלצדינג צו ווערן דער קיניג פֿון יהודה...

און אין יענער נאַכט האָט שוין חזקיה הגלילי ניט געקענט שלאָפֿן...

ער האָט די גאַנצע צײַט געטראַכט וועגן דעם, וואָס אַחיקם פֿון יודפֿת האָט אים דערציילט, און ער האָט אַלץ ניט געקענט פֿאַרשטיין ווי אַזוי דאָס קען גאָר זײַן מעגלעך...ווייסן זיי דען דאָרט ניט, אַז הורדוס און זײַן פֿאָטער אַנטיפּאַטרוס זענען שולדיק אין דעם וואָס מ׳האָט מרימס זיידע, דעם קיניג אַריסטובולוס, שטילערהייט געסמט?..ער איז געווען אַ גוטער זון פֿון דער חשמונאים־משפּחה, דער קיניג און כּהן־גדול אַריסטובולוס; אין די שלאַכטן קעגן די רוימער האָט ער אַלע מאָל גרויס העלדישקייט אַרויסגעוויזן; ער האָט שטענדיק געהאַלטן הויך די פֿאָן אין דער מלחמה פֿאַר פֿרײַהייט. און ווען ער איז פֿון דער רוימישער געפֿאַנגענשאַפֿט אַנטלאָפֿן, האָט ער שוין געהאַלטן בײַם אויפֿהייבן אַ נײַעם אויפֿשטאַנד קעגן די רוימישע חיילות אין יהודה און אויך קעגן זײַן עלטערן ברודער הורקונוס, וואָס האַלט זיך נאָר מיטן גנאָד פֿון רוים. אָבער אַנטיפּאַטרוס און זײַן זון הורדוס האָבן זיך געשטעלט אויף דער זײַט פֿון דעם שוואַכן און צעשראָקענעם הורקונוס, ווײַל זיי אַליין האָבן שוין אַן אויג אויפֿן טראָן פֿון יהודה...

און ווייסן זיי דען דאָרט ניט, אַז אויך אַלכּסנדר דער חשמונאי, מרימס פֿאָטער, איז געווען אַ קרבן פֿון די קרומע גענג, וואָס אַנטיפּאַטרוס און הורדוס האָבן פֿאַר זיך אויסגעקליבן אין דעם קריג צווישן די צוויי ברידער, הורקונוס און אַריסטובולוס, וועלכע האָבן זיך אַזוי לאַנג איבערן טראָן פֿון יהודה געריסן?.. פּונקט ווי אַריסטובולוס דער פֿאָטער, אַזוי איז אויך אַלכּסנדר דער זון געווען אַ שיינער אָפּשטאַם פֿון דער חשמונאים־משפּחה; ער האָט אויך אַרויסגעוויזן גרויס העלדישקייט אין די מלחמות קעגן די פֿרעמדע און אייגענע שונאים אין לאַנד. און איבער דעם איז ער אַנטיפּאַטרוסן און הורדוסן געווען ווי אַ דאָרן אין אויג און עס איז בײַ זיי געבליבן, מען זאָל אים אָפּראַמען פֿונעם וועג. און זיי האָבן טאַקע אויסגעפֿירט, וואָס זיי האָבן געוואָלט; אַ קורצע צײַט נאָך דעם ווי מ׳האָט דעם קיניג אַריסטובולוס געסמט, האָט מען אין אַנטיאָכיא געכאַפּט זײַן זון אַלכּסנדר; מ׳האָט אים דאָרט געמשפּט פֿאַר העצן דאָס פֿאָלק מורד צו זײַן אין דער מלוכה און מ׳האָט אים אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ. און דאָס איז אויך פֿאַר קיינעם קיין סוד ניט געווען, אַז שולדיק אין דעם זענען אַלץ די צוויי — אַנטיפּאַטרוס און זײַן זון הורדוס...

איז ווי זשע איז דאָס מעגלעך, אַז אַ טאָכטער זאָל חתונה האָבן מיט אַ מאַן, וואָס איז שולדיק אין דעם, וואָס מען האָט איר פֿאָטער, אַ זון פֿון די חשמונאים, אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ ווי אַ פּשוטן פֿאַרברעכער?..

נאָך קיין מאָל האָט זיך חזקיה הגלילי ניט געפֿילט אַזוי דערשלאָגן ווי אין יענער נאַכט. ער האָט דאָס פֿאַרקרימטע אין דעם און די סכּנה דערפֿון מער געפֿילט בחוש ווי באַנומען מיטן שׂכל. און זוכנדיק מיטלען קעגן דעם, איז ער ווידער אַ מאָל און אָבער אַ מאָל געקומען אַלץ צו דעם זעלבן טרויעריקן אויספֿיר, אַז די בעסטע פֿון די חשמונאים זענען שוין אין דער אמתן גאָר מער נישטאָ; זיי זענען געפֿאַלן אין די מלחמות, ווײַל אַ העלדן־טויט איז זיי געווען ליבער ווי, דאָס לעבן אונטער אַ פֿרעמדן יאָך. און די וואָס זענען געבליבן זענען גאָר אַ

שאַנד פֿאַר זייער שטאַם, ווײַל זיי זענען צעפּוילט, פֿאַרדאָרבן און זיי קערן זיך גאָר מער ניט אָן מיטן גײַסט פֿון יהודה און מיטן שטרעבן פֿון ישׂראל...

און פֿאַר טאָג, ווען דער מאָרגנשטערן האָט זיך באַוויזן אין מזרח, האָט חזקיה אויפֿגעוועקט זײַן גאַסט:

— שטיי אויף, אַחיקם!

אַחיקם פֿון יודפֿת האָט זיך אויפֿגעכאַפּט. רײַבנדיק די פֿאַרשלאָפֿענע אויגן האָט ער זיך אין אַלע זײַטן ארומגעקוקט. ער האָט אַ פּנים ניט געדענקט וואו ער געפֿינט זיך, און ווען ער האָט זיך דערמאָנט, האָט ער אויף חזקיהן די בליקן אָנגעשטעלט:

— וואָס איז געשען?

— קום מיט מיר!

— וואוהין?

— וועסט שוין זען.

ביידע זענען אַוועק ווײַט אין די בערג, וואו מ׳האָט קיין לעבעדיקן מענטשן ניט געזען. דעם גאַנצן וועג האָבן זיי גאָרניט גערעדט. ערשט ווען מ׳האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט חזקיה אַרויפֿגעלייגט זײַן האַנט אויף אַחיקמס אַקסל, און אַרײַנקוקנדיק אים גלײַך אין די אויגן, האָט ער געפֿרעגט:

— קען איך זיך אויף דיר פֿאַרלאָזן, אַחיקם?

— אַזוי גוט ווי אויף זיך אַליין — איז גלײַך געקומען דערויף אַן ענטפֿער.

— וואָלסטו געקענט אײַנשטעלן דײַן לעבן?

— פֿאַר דיר?

— ניין, ניט פֿאַר מיר, נאָר פֿאַרן פֿאָלק, פֿאַרן יידישן פֿאָלק...

— און דו צווייפֿלסט אין דעם? — האָט אַחיקם פֿון יודפֿת זיך ווי באַליידיקט.

— ניין, איך צווייפֿל ניט — האָט חזקיה אים פֿאַרזיכערט. — אָבער דאָס מאָל מוז איך הערן אַ קלאָרן ענטפֿער אויף מײַן פֿראַגע. זאָג מיר: וואָלסטו געקענט, ביסטו גרייט מקריב צו זײַן דײַן לעבן פֿאַר אונדזער פֿאָלק?..

— יאָ!..

— דאַן זאָלסטו שוין גיין וואוהין איך וועל דיך שיקן און דורכפֿירן אַ שליחות, וואָס איך וועל דיר הייסן...

— איך בין גרייט. זאָג מיר וואָס.

— דערהרגענען הורדוסן!..

אַחיקם פֿון יודפֿת האָט זיך דערשראָקן, ווען ער האָט דאָס דערהערט.

— שרעק זיך ניט — האָט חזקיה אים באַרואיקט — איך האָב געוואוסט, אַז דו האָסט זיך דערויף ניט גערעכט. אָבער איך האָב דאָס שוין גוט באַטראַכט. איז הער זיך גוט צו צו מײַנע רייד: אויף הורדוסן מוז מען אָנפֿאַלן אין אַ צײַט, ווען ער טראָגט ניט קיין געווער...אָנפֿאַלן — און מיט אַ שווערד אים דערשטעכן אויף טויט...און אויב פֿון דער ווײַטנס, איז מיט אַ פֿײַל...

— אָבער ווי אַזוי?

— הער — האָט חזקיה זיך נענטער צוגערוקט צו אים — יעדן פֿרימאָרגן באָדט ער זיך אין ים. איך ווייס דאָס...ווען ער באָדט זיך, זענען פֿון דער

ווײַטנס בײַם ברעג אויסגעשטעלט זײַנע לײַבוועכטער. זיי האַלטן די בויגנס גרייט אים צו באַשיצן... זיי שטייען ווײַט איינער פֿונעם אַנדערן. זאָלסטו זיך אויך אַוועקשטעלן פֿון דער ווײַטנס, מיט פֿײַל און בויגן אין דער האַנט...מ׳וועט מיינען, אַז דו ביסט אויך איינער פֿון די לײַבוועכטער...און ווען דו וועסט בײַם ברעג דערזען הורדוסן אַ נאַקעטן, זאָלסטו גוט די פֿײַל אָנצילן און...פּונקט אין האַרצן זאָל די פֿײַל אים טרעפֿן!..

בײַם רעדן האָט חזקיה געציילט די ווערטער. און ווען ער האָט געענדיקט, האָט ער ביידע הענט אויף אַחיקמס אַקסלען אַרויפֿגעלייגט און אים שאַרף אין די אויגן אַרײַנגעקוקט:

— נעמסטו דאָס אויף זיך?

— יאָ! איך נעם דאָס אויף זיך.

— איז זאָל דיך גאָט בענטשן!

עס איז געבליבן, אַז אַחיקם פֿון יודפֿת זאָל טאַקע באַלד גיין צוריק און דורכפֿירן די שליחות, וואָס ער נעמט אויף זיך. און מער האָבן ביידע וועגן דעם שוין ניט גערעדט. חזקיה האָט אַחיקמען באַגלייט ביז צו אַ קליין בערגל, וואו דער וועג האָט זיך אין צוויי באַזונדערע ריכטונגען פֿאַרנומען. בײַם געזעגענען זיך האָט ער אים געגעבן אַ קוש אין קאָפּ און נאָך דעם האָט ער אים לאַנג נאָכ־געקוקט ביז ער איז אין גאַנצן פֿון זײַנע אויגן פֿאַרשוואונדן.

נאָך דעם זענען אַוועק טעג און וואָכן און חזקיה האָט פֿון אַחיקמען גאָרניט געהערט. און די טעג און וואָכן זענען געווען שווערע און ביטערע. אין די בערג האָט זיך די מלחמה צעפֿלאַקערט נאָך שטאַרקער ווי פֿריִער. קיין קאַראַוואַנען אויף די וועגן האָט מען שוין מער ניט געזען, און אויף די בערגשפּיצן האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן הורדוסעס באַוואָפֿנטע חיילות און זיי האָבן פֿון דער הויך געהאָלט מיט פֿײַלן אויף חזקיהס מענטשן. דאָס האָט אויף אַלעמען אַ פּחד אַרויפֿ־געוואָרפֿן און מ׳האָט זיך באַהאַלטן אין די לעכער, אין די היילן און אין די נאָרעס. און נאָך גרעסער איז דער פּחד געוואָרן, ווען מ׳האָט זיך איין מאָל דערוואוסט, אַז הורדוס אַליין פֿירט זײַנע חיילות אין שלאַכט און ווײַזט זיי אָן, ווי אַזוי מ׳זאָל זיך אויף די בערגשפּיצן אויסשטעלן און ווען מ׳זאָל די פֿײַלן וואַרפֿן.

ג

מ׳האָט זיך קיין סך ניט געדאַרפֿט אָנשטרענגען אויסצוגעפֿינען, אַז הורדוס אַליין געפֿינט זיך איצט שוין צווישן זײַנע חיילות אין דער מלחמה קעגן חזקיהן. אַ סך פֿון חזקיהס מענטשן האָבן אים גלײַך דערקענט, ווען זיי האָבן אים אויף אַ שפּיץ באַרג דערזען. ער איז דאָרט געשטאַנען אין זײַן פֿולער הויך, אָנגעטאָן אין אַ קופּערנעם פּאַנצער, באַוואָפֿנט מיט אַ שווערד און מיט אַ לאַנגער שפּיז, און די קופּער־רויטע האָר פֿון זײַן קאָפּ האָבן אין שײַן פֿון דער זון אויסגעקוקט

נאָך רויטער ווי זיי זענען געווען. דאָס פּנים איז בײַ אים געווען צעפלאַמט, די אָדלער־נאָז איז געווען פאַרריסן אַרויף. ער האָט דעם קאָפּ אַלע מאָל אין אַ זײַט אויסגעדרייט און דערבײַ איז ער אויף די פיס געשטאַנען אַזוי פעסט, פּונקט ווי ער וואָלט זיי אין דער ערד אַרײַנגעגראָבן. יעדע באַוועגונג וואָס ער האָט געמאַכט איז געווען אַ באַפעל אָן ווערטער. עס האָט פון אים ממש געשפּריצט מיט יוגנט, כּוח און גבֿורה, און ווען ער האָט זײַן קול אויפגעהויבן, האָבן די מענטשן אונטן, אין די לעכער און אין די נאָרעס, געהערט ווי ער שרײַט:

— הערט זיך ניט צו צו די, וואָס העצן אײַך צו קריג!.. בעסער גיט זיך אונטער און דערצאָרנט ניט די הערשער פון רוים... לאָזט איבער דאָס געווער און קומט אַרויס פון די באַהעלטענישן!.. הערט איר מײַן קול? ענטפערט מיר!

ער איז געווען זיכער, אַז אין חזקיהס מחנות געפינען זיך גענוג מענטשן, וואָס ווילן זיך גאָרניט שלאָגן; זיי זענען שוין מיד פון דער מלחמה, וואָס ציט זיך שוין יאָרן, אָבער חזקיה הגלילי האָט אויף זיי אַן אײַנפלוס און זיי לאָזן זיך פירן פון אים; ער האָט זיי זייער שטאַרק געוואָלט אָפּרײַסן פון דעם מענטשן, וואָס האָט אויף זיי אַזאַ גרויסע ווירקונג, אַז זיי זענען גרייט דאָס לעבן אַוועקצוגעבן, ווען ער רופט זיי אין קריג. און דערפאַר האָט ער קיין איין מאָל ניט דורכגעלאָזט די געלעגנהייט אַרונטערצושרײַען פון די בערג צו זיי, צו די מענטשן, וואָס זענען אין די באַהעלטענישן געלעגן:

— ענטפערט מיר! — האָט ער אַרונטערגעשריגן, כאָטש ער האָט קיינעם אונטן ניט געזען.

און פון די באַהעלטענישן אין די בערג האָבן זיך דערהערט קולות, וואָס מ׳האָט ניט געקענט פונאַנדערקלײַבן. פאַרשטיקטע אָפּקלאַנגען זענען דאָס געווען, וואָס האָבן זיך צווישן די בערג צעטראָגן און האָבן זיך דאָ און דאָרט ווי אַ ווידערקול אָפּגעהאַקט.

דאָס האָבן מענטשן הורדוסן געשאָלטן און געטריבן:

— אַ קללה אויף דיר, דו קנעכט פון אדום!

— גאָטס צאָרן זאָל זיך אויף דיר אויסגיסן, דו קנעכט פון רוים!

— גיי פון דאַנען!

— מיר ווילן דײַן קול ניט הערן!

— אַ פרעמדער ביסטו אונדז, דו האַלבער ייִד!

הורדוס האָט זיך קיין עצה ניט געקענט געבן. זיך אַרונטערלאָזן מיט זײַנע חיילות אין די בערג איז געווען אַ גרויסע סכּנה, ווײַל דאָרטן וואָלטן חזקיהס מענטשן פון די באַהעלטענישן מיט די פײַלן פון די בויגנס געמאַכט אַ סוף צו זיי. בכּלל האָט דער הערשער פון גליל געהאַלטן, אַז אין אַ מלחמה מיט אַ מחנה, וואָס וואַרפט פײַלן פון באַהעלטענישן, דאַרף מען גאָר אַנדערע וועגן געפינען, און ער האָט זיך דעריבער אַזוי לאַנג געקלערט ביז ער האָט דאָך געפונען אַ מיטל ווי אַזוי קעגן חזקיהן די מלחמה צו פירן: ער האָט געהייסן מאַכן גרויסע קאַסטנס און זיי געלאָזט באַשלאָגן מיט אײַזן און בלעך; די קאַסטנס האָט מען צוגעטשעפּעט צו קייטן און זיי אַרונטערגעלאָזט צווישן די שפּיציקע בערג, וואו חזקיהס מענטשן האָבן זיך אין היילן און אין נאָרעס באַהאַלטן. אין יעדן קאַסטן

זענען געווען הורדוסעס באַוואָפנטע זעלנער, און זיי האָבן מיט די לאַנגע שטאָלענע שפּיזן אַרויסגעשלעפּט מענטשן פון די היילן און פון די נאָרעס און זיי אין די טיפע אָפּגרונטן געוואָרפן...

אַזוי אַלע טאָג.

פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג.

און די טאָלן זענען געוואָרן פול מיט הרוגים. און די בערג זענען געוואָרן פול מיט פאַרצווייפלטע געשרייען. הורדוסעס חיילות האָבן קיינעם ניט געשאָנעוועט — ניט קיין יונגע און ניט קיין אַלטע. אַפילו אויף פרויען און קינדער האָבן זיי קיין רחמנות ניט געהאַט. וואָס מער בלוט עס האָט זיך געגאָסן, אַלץ מער זענען זיי צערייצט געוואָרן און האָבן נאָך מער לעבנס אומגעבראַכט. אַפילו די ייִדן אין הורדוסעס חיילות האָבן צו זייערע אייגענע ברידער, צו די מענטשן אין חזקיהס מחנות אַרויסגעוויזן אַזאַ אַכזריות, וואָס מ׳האָט פריִער נאָך קיין מאָל ניט געזען. זיי האָבן מיט שווערדן און מעסערס געהאַקט די, וואָס זיי האָבן מיט די לאַנגע שפּיזן פון באַהעלטענישן אַרויסגעשלעפּט און אין די טיפע אָפּגרונטן געוואָרפן. און נאָך מער אַכזריות האָבן אַרויסגעוויזן די ניט־ייִדן אין הורדוסעס חיילות, די גריכן, די רוימער, די סיריער און אויך די אַנדערע, וואָס מען האָט פון נאָענטע און פון ווײַטע לענדער געבראַכט. זיי האָבן זיך ווי די ווילדע געוואָרפן אויף די ייִדן, וואָס האָבן זיך פאַר דער פרײַהייט פון זייער פאָלק געשלאָגן, און זיי האָבן זיי די ערגסטע מיתות אָנגעטאָן; מ׳האָט בײַ מענטשן די אויגן אויסגעשטאָכן און זיי בײַם ברעג פון אָפּגרונט איבערגעלאָזט; מ׳האָט פון מענטשן לעבעדיקערהייט די הויט געשונדן און בײַ זיי הענט און פיס אויסגעבראָכן. עס איז גאָרניט געווען קיין איין פּײַניקונג, וואָס הורדוסעס אייגענע און פרעמדע זעלנער האָבן ניט אָנגעטאָן די ייִדן, וואָס האָבן אין די בערג פון גליל זיך געשלאָגן פאַר דער פרײַהייט פון זייער פאָלק און פאַר דער זעלבשטענדיקייט פון זייער לאַנד.

אָבער דאָס האָט דאָך ניט געבראָכן דעם מוט פון חזקיהן און זײַנע מענטשן. עס איז צווישן זיי ניט געווען קיין איינער, וואָס זאָל זיך אונטערגעבן. און זיי האָבן אַלע געדענקט וואָס חזקיה האָט זיי נאָך לאַנג צוריק אָנגעזאָגט, אַז אויב אַפילו ער אַליין וועט זײַן דער, וואָס וועט הייסן זיך אונטערגעבן, זאָל מען אים דאָס האַרץ דורכלעכערן מיט אַ פײַל...

***

די צאָל פון די, וואָס זענען געפאַלן אין די שלאַכטן איז געווען גרויס, און צווישן זיי זענען געווען אַזעלכע, אָן וועמען עס איז חזקיהן געווען שווער אויסצוקומען. ער אַליין איז עטלעכע מאָל פאַרוואונדעט געוואָרן. אָבער ער האָט זיך געטרייסט דערמיט, וואָס זײַן באַפעסטיקן זיך אין די בערג פון גליל האָט אָפּגעשטעלט דעם גאַנצן פאַרקער אויף די וועגן, און דאָס האָט געהייסן, אַז דער

גאַנצער האַנדל אין דער געגנט אַרום און אַרום איז אָפּגעשטעלט און דאָס גאַנצע לעבן פון דער באַפעלקערונג, וואָס ווייזט ניט אַרויס קיין ווידערשטאַנד צו הורדוסעס הערשאַפט איז צעשטערט...

יעדן אָוונט האָט חזקיה אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג מיט די מענטשן, וואָס ער האָט געמאַכט פאַר עלטסטע איבער די צעוואָרפענע מחנות אין די בערג. אין איינעם מיט זיי האָט ער אויסגעאַרבעט פּלענער ווי אַזוי ווייטער צו פירן די מלחמה. ער האָט אויך געזען, אַז פּונקט ווי ער, זאָלן זיי אויך פאַרשטיין, וואָס פאַר אַן אומגליק עס קען קומען אויף יהודה, אויב הורדוס וועט פון דאַנען אַרויס־קומען מיט אַ נצחון און ער וועט דערנאָך נעמען מרים די חשמונאית פאַר אַ ווייב. און רעדנדיק וועגן דעם צו זיי, האָט ער געזאָגט:

— הורדוס קען זיך האַלטן פאַרן הערשער פון גליל נאָר דעמאָלט, ווען ער וועט אונדז בייקומען. ווען ער וועט אונדז אָבער ניט קענען בייקומען, וועלן די רוימער אים זיכער אַרונטערזעצן. און דאַן וועט ער מער שוין ניט קענען שאַרפן די ציין אויפן טראָן פון יהודה. אַ מפּלה דאָ וועט מאַכן אַ סוף צו אַלע זיינע חלומות...

צווישן די, וואָס חזקיה האָט געמאַכט פאַר עלטסטע אין די מחנות, זענען געווען עטלעכע יונגע טעפּערס פון גליל, און זיי האָבן זיך מער ווי אַלע אַנדערע געקאָכט, ווען חזקיה האָט נאָר דערמאָנט, אַז הורדוס קלייבט זיך צו נעמען מרימען די חשמונאית פאַר אַ ווייב...

— מיר וועלן דערצו ניט דערלאָזן! — האָט אויפן קול געשריגן אַ טעפּער, וואָס האָט אויפן לייב געטראָגן אַן אָפּגעריבן פעלעכל פון עפּעס אַ חיה.

— אַ קיניג אין יהודה קען זיין נאָר איינער, וואָס שטאַמט פון די חשמונאים!

— האָט אַן אַנדער טעפּער זיך געהיצט.

— און דעם אַלטן הורקנוס, דעם כהן־גדול אונדזערן, דאַרף מען פאַרשטיינען דערפאַר, וואָס ער איז שוין גרייט צו לאָזן זיין אייניקל מרים צו ווערן הורדוסעס ווייב!.. — האָט זיך געבייזערט אַ דריטער, מיט אַן אויסגעקרימטער נאָז. — יאָ, פאַרשטיינען דאַרף מען אים דערפאַר!..

— עס זאָל ניט קומען דער פוס פון הורדוס דעם אדומי אינעם קהל פון גאָט!

— האָט זיך צעשריגן אַ פערטער, און דאָס קליינע שוואַרצע בערדעלע האָט זיך ביי אים געטרייסלט.

ביי זיי, ביי די פשוטע מענטשן, וואָס האָבן פון קליינערהייט אָן געמאַכט טעפּ, איז די משפּחה פון די חשמונאים געווען זייער באַליבט. עס איז זיי געווען טייער יעדער איינער, וואָס האָט נאָר פון יענער משפּחה געשטאַמט. און אין זייער ליבשאַפט צו דער משפּחה פון די חשמונאים, זענען זיי אַפילו דעם אַלטן הורקנוסן געווען גרייט אַלץ צו פאַרגעבן, ווען ער וואָלט נאָר ניט געפירט זיין פריינדשאַפט מיט אַנטיפּאַטרוסן און מיט זיינע זין, הורדוס און פאַזאָעל. זיי וואָלטן אים מוחל געווען זיין שוואַכקייט און די אַלע אַנדערע חסרונות, וואָס ער האָט, אַבי ער זאָל זיך נאָר פירן אַזוי ווי ס'פּאַסט פאַר איינעם, וואָס שטאַמט פון דער חשמונאים־משפּחה.

וואָרעם די חשמונאים־משפּחה האָט זיי אַלעמען דערמאָנט אָן די צײַטן, ווען ייִדן האָבן פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפֿן דעם יאָך פֿון די פֿרעמדע.

די חשמונאים־משפּחה האָט זיי אַלעמען דערמאָנט אָן ייִדישער גבֿורה און ייִדישן שטאָלץ, און זיי האָבן זי דעריבער אין קיין פֿאַל ניט געקענט פֿאַרבינדן מיט דעם „קנעכט פֿון אדום״, ווי זיי האָבן הורדוסן גערופֿן אין זייער פֿײַנדשאַפֿט צו אים דערפֿאַר, וואָס ער וואַרפֿט זיך אונטער דער הערשאַפֿט פֿון רוים...

אָבער וואָס לענגער עס האָט זיך געצויגן די מלחמה אין די בערג, אַלץ מער האָבן די עלטסטע גענומען באַמערקן, ווי אַ סך מענטשן הייבן אָן פֿאַרלירן דעם מוט און זיי ווערן פֿאַרצווייפֿלט...

פֿאַר חזקיהן האָט מען דאָס באַהאַלטן. אויף די באַראַטונגען אין די אָוונטן, ווען מ׳איז בײַ אַ צעלייגטן פֿײַער געזעסן, האָט מען אים אַזעלכע זאַכן ניט דער־ציילט. אים האָבן זײַנע אַרויסהעלפֿער נאָך אַלץ געהאַלטן בײַ דעם גלויבן, אַז אַלע — יונג און אַלט — זענען, פּונקט ווי פֿריִער, גרייט דאָס לעבן אַוועקצוגעבן אין דער מלחמה קעגן די רוימער און קעגן הורדוסן. אָבער ער איז אַלץ געזעסן אָן אָנגעכמורעטער, אַ פֿאַרטרויערטער, מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און אַ פֿאַר־קנייטשטן שטערן, און קיינער האָט ניט געוואוסט, פֿאַר וואָס ס׳האָט אים מיט אַ מאָל אַזאַ שווערער אומעט באַפֿאַלן.

בלויז ער אַליין האָט דאָס געוואוסט און ער האָט דעם סוד קיינעם ניט פֿאַרטרויט. דאָס איז געווען דערפֿאַר וואָס ס׳איז שוין אַוועק אַזאַ לאַנגע צײַט און ער האָט נאָך אַלץ גאָרניט געהערט פֿון אַחיקמען...

גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט האָט ער געוואַרט אויף אַ ידיעה פֿון אים. אַלע מאָל, ווען ער האָט דערהערט עפּעס אַ טומל, האָט ער געמיינט, אַז באַלד וועט מען אָנהייבן שאַלן און טרומייטערן און איבער די בערג פֿון גליל וועט זיך מיט פֿרייד צעטראָגן די גרויסע בשׂורה, אַז מ׳האָט הורדוסן דערהרגעט, ווען ער האָט זיך פֿאַר טאָג געבאָדן אין ים. אַלע מאָל ווען ס׳איז אַוועק אַ טאָג און הורדוס אַליין איז אויפֿן שלאַכטפֿעלד ניט געווען, האָט חזקיה געהאָפֿט, אַז מאָרגן וועט מען שוין הערן, אַז ער איז טויט. אָבער די האָפֿענונג איז געווען אומזיסט. אויף מאָרגן האָט מען שוין הורדוסן ווידער געזען אויף אַ באַרגשפּיץ, רײַטנדיק אויף אַ פֿערד. און מ׳האָט געהערט ווי זײַן שטאַרקע שטים הילכט אָפּ ווײַט:

— אַרונטערלאָזן די קאַסטנס דאָ!

— אַרויפֿציִען די קאַסטנס דאָרט!

און יעדער קאַסטן, וואָס מ׳האָט אַרונטערגעלאָזט אויף אײַזערנע קייטן, האָט געבראַכט טויט און פֿאַרניכטונג צו די מענטשן, וואָס האָבן זיך אין די בערג באַפֿעסטיקט. אַלע מאָל האָט מען ערגעץ אַנדערש געזען ווי ייִדן ווערן גע־שלײַדערט אין די טיפֿע תּהומען מיט די קעפּ אַראָפּ. אַלע מאָל האָט מען ערגעץ אַנדערש פֿאַרצווייפֿלטע אויסגעשרייען געהערט, און ס׳איז אוממעגלעך געווען צו ציִען די בויגנס אויף די באַוואָפֿנטע זעלנער, וואָס האָבן זיך אין די קאַסטנס אַרונטערגעלאָזט, ווײַל די ווענט פֿון די קאַסטנס זענען מיט בלעך און אײַזן געווען באַשלאָגן און ס׳האָט זיי קיין פֿײַל ניט גענומען.

חזקיה אַליין האָט אָנגעהויבן ווערן פֿאַרצווייפֿלט. הורדוסעס אײַזערנע קאַסטנס, ווי אַ מיטל אין אַזאַ מלחמה, האָבן אים שטאַרק צעטומלט און ער האָט ניט אויפֿגעהערט טראַכטן צו געפֿינען עפּעס אַ מיטל קעגן זיי. אָבער ער האָט קיין מיטל קעגן זיי דאָך ניט געקענט געפֿינען. און ניט איין מאָל, ווען ער האָט דערזען ווי די קאַסטנס אויף די אײַזערנע קייטן לאָזן זיך אַרונטער, האָט ער, אין זײַן אומבאַהאָלפֿנקייט געטראַכט, אַז ווען ס'וואָלט געשען אַ נס און ער וואָלט מיט אַ מאָל אַן איבערמענטשלעכע גבֿורה באַקומען, וואָלט ער די אייביקע בערג פֿון גליל אין שטויב צעריבן...

עטלעכע מאָל האָט חזקיה פֿון אַ באַהעלטעניש אַרויסגעשאָסן אַ פֿײַל צו הורדוסן אויף אַ באַרגשפּיץ. ער האָט גוט געצילעוועט; אַרײַנגעלייגט אין דעם ניט נאָר די גענויקייט פֿון אַ גוטן שיסער, נאָר אויך אַ פֿרומע כּוונה; ער האָט געוואָלט טרעפֿן די פֿײַל דווקא אין פּנים, ווײַל די ברוסט איז בײַ הורדוסן געווען באַשיצט מיט אַ קופּערנעם פּאַנצער. אָבער די פֿײַל האָט אַלץ ניט געטראָפֿן. אַלע מאָל, ווען זי איז צום שפּיץ באַרג צוגעפֿלויגן, איז שוין הורדוס געווען אויף אַן אַנדער אָרט. ער איז קיין מאָל צו לאַנג אויף איין אָרט ניט געשטאַנען...

ד

עס איז כּמעט קיין מאָל ניט אַוועק אַ וואָך, אַז הורדוס זאָל די באַפֿעסטיקטע אין די בערג ניט איבעררײַשן מיט עפּעס אַ נײַס אין זײַנע וועגן ווי צו פֿירן מלחמה. אויך זײַנע אייגענע מענטשן האָט ער אָפֿט איבערראַשט מיט זײַנע וועגן. און מער ווי אַלץ האָט ער זיי איבערראַשט מיט דעם, וואָס ער האָט אָנגעהויבן אָנזאָגן איטלעכן באַזונדער פֿון די עלטסטע אין זײַנע מחנות:

— ווען דו געפֿינסט זיך אויף אַן אָרט, וואו דײַן קול קען דערהערט ווערן צווישן חזקיהס לײַט, זאָלסטו עס אויפֿהייבן, דאָס קול דײַנס, און שרײַען אַזוי הויך, אַז אַלע זאָלן הערן, און שרײַענדיק זאָלסטו נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל דערמאָנען, אַז מיר קומען ניט ווי שונאים, נאָר ווי פֿרײַנד, און אַז ווען זיי וועלן זיך אונטערגעבן, וועלן מיר קיינעם פֿון זיי ניט באַשטראָפֿן. מיר זוכן ניט קיין נקמה...

זאָגנדיק דאָס, האָט ער ניט איין מאָל אין זיך געשמייכלט. און ווען איינער פֿון די עלטסטע האָט אים אַ מאָל דערבײַ אַ פֿיל באַדײַטיקן בליק צוגעוואָרפֿן, האָט ער אים די האַנט אויפֿן אַקסל אַרויפֿגעלעגט:

— גוט וואָס דו פֿאַרשטייסט...

נאָך דעם האָט ער שוין ווײַטער גערעדט וועגן דעם:

— אין אַ מלחמה מיט אַ שונא — האָט ער געזאָגט — מעג מען זיך מיט אַלע מיטלען באַנוצן... אַפֿילו מיט דעם, וואָס מע רופֿט געוויינטלעך אָן מיטן נאָמען פֿאַלשקייט... ווען עס איז רעכט אַרויסצוקומען קעגן מענטשן מיט שווערדן אין די הענט, איז אויך רעכט אַרויסצוקומען קעגן זיי מיט פֿאַלשקייט און זיך

באַנוצן מיט ליגנס... מיט וואָס איז דען הרגענען אַ מענטשן אַ קלענער פֿאַר־ברעכן ווי אָפּנאַרן אים ?..

און ער האָט דעמאָלט, ניט אָן באַרימערײַ, גאַנץ אָפֿן געזאָגט, אַז צווישן די מחנות פֿון חזקיה הגלילי האָט ער אויך זײַנע מענטשן, וואָס ער האָט אַהין אונ־טערגעשיקט...

— זיי האַלטן זיך דאָרט אַזוי — האָט ער געזאָגט — ווי זיי וואָלטן געווען קעגן מיר און קעגן רוים. אָבער שטילערהייט גראָבן זיי אונטער דעם מוט פֿון יענע ווילדע לײַט, די משוגעים...

דאָס נײַסטע מיטל אין זײַן וועג ווי צו פֿירן מלחמה איז געווען אַרויסצורופֿן אַ שטאַרקן חשק צום לעבן בײַ די יונגע מענטשן אין חזקיהס מחנות...

ער אַליין האָט זיך דערטראַכט דערצו, און ער אַליין האָט יעדן טאָג אַרונטער־געשריגן צו די מענטשן, וואָס האָבן זיך באַפֿעסטיקט אין די בערג:

— הערט זיך צו צו מײַן קול, איר יונגע מענטשן! קוקט ניט אויף די אַלטע, וואָס זענען מקריב זייערע לעבנס אָן אַ זין, אין אַ מלחמה, וואָס זיי האָבן שוין אין דער אמתן לאַנג פֿאַרלוירן!.. די אַלטע האָבן שוין זייער וועלט אָפּגעלעבט און זיי האָבן שוין גאָרניט צו פֿאַרלירן... איר אָבער, מענטשן יונגע, האָט נאָך ווייניק געלעבט און עס האָט ניט קיין זין דאָס לעבן אַוועקצוגעבן! דאָס לעבן איז שיין, דאָס לעבן איז פֿרײַ און ס'האָט פֿאַר אײַך אַלע פֿאַרגעניגנס פֿון דער וועלט צוגעגרייט!.. איז הערט זיך צו צו מײַנע רייד און גיט זיך אונטער!.. גיט זיך אונטער!.. גיט זיך אונטער!..

און אין די בערג, וואו דער טויט איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען פֿאַר די אויגן און וואו פֿון אויבן זענען אָפֿט געפֿלויגן פֿײַלן און פֿון אונטן האָבן שוואַרצע און פֿינצטערע אָפּגרונטן אַרויפֿגעקוקט, האָבן די פּשוטע ווערטער וועגן לעבן און טויט אַלעמען שטאַרק צערודערט. און צווישן חזקיהס מענטשן האָט מען אָנגעהויבן הערן ווי יונגע לײַט מורמלען שטילערהייט, אַז עס האָט טאַקע ניט קיין זין מקריב צו זײַן דאָס לעבן, ווײַל סײַ ווי איז די מלחמה דאָך אַ פֿאַרלוירענע...

— הורדוס איז גערעכט, די אַלטע האָבן שוין סײַ ווי סײַ גאָרניט וואָס צו פֿאַרלירן...

— ווי וועלן מיר אים קענען בײַקומען, ווען די רוימער זענען אויף זײַן זײַט?

— ער האָט פֿערד און רײַטוועגענער...

— הײַנט די קאַסטנס...

— די צאָל פֿון זײַנע חיילות איז זייער גרויס...

— און אויב די מלחמה דאָ וועט געדויערן נאָך אַ לאַנגע צײַט, וועלן מיר ביסלעכווײַז פֿון הונגער אויסשטאַרבן...

— וואָס ס'וועט בלײַבן פֿון דער שווערד, וועט דער הונגער פֿאַרלענדן...

— און ווער ס'וועט פֿון הונגער מיטן לעבן אַרויס, וועט דערנאָך אויף זיך בעטן דעם טויט...

אַזוי האָבן יונגע לײַט גערעדט צווישן זיך אין דער שטיל. און כאָטש די צאָל פֿון אַזעלכע יונגע לײַט איז די ערשטע צײַט געווען ניט גרויס, האָבן זיי דאָך אָפּגעשוואַכט דעם מוט אין די רייען פֿון חזקיהס מענטשן, וועלכע האָבן פֿריִער

אַרויסגעוויזן גרויס העלדישקייט אין דער מלחמה פֿאַר פֿרײַהייט. אַלע מאָל ווען מ׳האָט געהערט וועגן יונגע מענטשן, וואָס האָבן זיך אונטערגעגעבן, האָבן אַלע געפֿילט, אַז ס׳איז שוין ניט דאָס, וואָס פֿריִער און אַז דער סוף איז שוין נאָענט...

חזקיה האָט געזוכט מיטלען קעגן דעם. רײַטנדיק אויף זײַן פֿערד, איז ער אָפֿט אויף די קרומע, שטויביקע וועגן אַרומגעפֿאָרן, און אָפּשטעלנדיק זיך אַלע מאָל בײַ אַן אַנדער הייל, בײַ אַן אַנדער פֿעלדז, האָט ער געזאָגט מוסר די יונגע לײַט, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַרויסווײַזן שלאָבעריקייט; ער האָט מיט גוטן און מיט בייזן געפּרוּוּט ווידער אָנצינדן אין זיי דאָס פֿײַער, וואָס האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן אויסלעשן. אָבער זײַנע רייד וועגן פֿאָלק, וועגן לאַנד, וועגן פֿרײַהייט און וועגן ירושלים, דער הייליקער שטאָט, האָבן שוין מער ניט געווירקט אַזוי ווי פֿריִער. אַ סך פֿון די, וואָס האָבן זיך צו אים צוגעהערט, האָבן אים שוין מער גלײַך אין די אויגן ניט געקענט קוקן. זיי זענען געשטאַנען פֿאַר אים מיט געבוי־גענע קעפּ און דערבײַ האָבן זיי גאָר געטראַכט פֿון די רייד, וואָס זיי האָבן געהערט פֿון הורדוסן...

און הורדוס האָט געוואוסט וועגן די נײַע שטימונגען צווישן חזקיהס מענטשן. זײַנע געדונגענע אויסשפּירער האָבן דאָס אים געלאָזט וויסן. און ער האָט דעריבער קיין איין טאָג ניט פֿאַרפֿעלט אַרונטערצושרײַען אַלץ דאָס זעלבע און דאָס זעלבע צו די מענטשן אין די בערג:

— הערט זיך צו צו מײַן קול, איר מענטשן יונגע! קוקט ניט אויף די אַלטע, וואָס זענען מקריב זייערע לעבנס אָן אַ זין אין אַ מלחמה, וואָס זיי האָבן שוין אין דער אמתן לאַנג פֿאַרלוירן... איר אָבער, מענטשן יונגע, האָט נאָך ווייניק געלעבט, און ס׳האָט ניט קיין זין דאָס לעבן אַוועקצוגעבן!.. דאָס לעבן איז שיין, דאָס לעבן איז פֿרײַ, און ס׳האָט פֿאַר אײַך אַלע פֿאַרגעניגנס פֿון דער וועלט צו־געגרייט!.. איז הערט זיך צו צו מײַנע רייד, איר מענטשן יונגע, און גיט זיך אונטער!...גיט זיך אונטער!..גיט זיך אונטער!..

עס איז אוממעגלעך געווען פֿון דעם קול זיך צו באַפֿרײַען. ס׳האָט אַרײַנ־געדרונגען אין די היילן, אין די נאַרעס, אין די גריבער. עס האָט אומעטום גע־קלונגען און אומעטום אָפּגעהילכט. די זעלבע אײַנגעחזרטע ווערטער, וואָס הורדוס אַליין האָט אַרונטערגעשריגן אויף איין אָרט, האָבן די עלטסטע פֿון זײַנע מחנות אַרונטערגעשריגן פֿון אומעטום, וואו זיי זענען נאָר געשטאַנען. מען האָט געשריגן פֿון בערג, פֿון פֿעלדזן און אויך פֿון די אײַזערנע קאַסטנס, וואָס מ׳האָט אויף קייטן צווישן די בערג אַרונטערגעלאָזט. און ס׳איז שווער געווען פֿון די קולות זיך צו באַהאַלטן. ווען מ׳איז פֿון זיי אַנטלאָפֿן אויף איין אָרט, האָט מען זיי דערהערט אויף אַן אַנדער ראָרט. זיי האָבן מיט זייער הילך אַלעמען נאָכגעיאָגט.

מענטשן אין די היילן האָבן זיך איבער דעם צעטיילט אין צוויי כּיתות: אייניקע האָבן זיך געריסן אין קריג און אַנדערע האָבן געשריגן, אַז מ׳דאַרף זיך אונטערגעבן. עס האָבן אָנגעהויבן אויסברעכן געשלעגן צווישן אייגענע, און ברי־דער אויף ברידער האָבן זיך מיט שווערדן געוואָרפֿן, און טאַטעס האָבן אויף די קעפּ פֿון זייערע אייגענע קינדער טויטע קללות געשיקט.

— פֿאַרשאָלטן זאָלן זײַן די, וואָס פֿעלשן אין דעם בונד פֿון זייער פֿאָלק!

— אַ טויט צו די, וואָס נעמען אויף זיך דעם יאָך פֿון די פֿרעמדע!

אַזעלכע קולות האָבן זיך אָפּט געהערט אין די בערג און אין די טאָלן.

און די קולות פֿון די מענטשן, וואָס זענען געווען אונטן, האָבן זיך געמישט מיט די קולות פֿונעם שונא, וואָס איז געשטאַנען אויבן. עס איז געווען אַ מהומה פֿון קולות. און דאָס האָט געקענט טרײַבן מענטשן צו משוגעת, און אַ סך זענען טאַקע אַרונטער פֿון זינען און האָבן אויף זיך די האָר פֿונעם קאָפּ געריסן און האָבן זיך אַליין אין די טיפֿע אָפּגרונטן געוואָרפֿן...

***

און איין מאָל, ווען הורדוס האָט די אײַזערנע קאַסטנס אַרונטערגעלאָזט און די קולות פֿון אויבן און פֿון אונטן האָבן זיך איבער באַרג און טאָל צעהילכט, האָט זיך אין איינער פֿון די היילן אָנגעהויבן אַ שטאַרקער קריג צווישן אייגענע.

אין יענער הייל איז געלעגן באַהאַלטן אַבֿינדבֿ פֿון דער שטאָט ציפּורי. אויך זײַן ווײַב און זײַנע פֿיר זין זענען מיט אים דאָרט געווען. די זין, אַלע יונגע מענטשן, האָבן לאַנג אײַנגעטענהט מיטן פֿאָטער, מע זאָל זיך אונטערגעבן...

— מיר זענען נאָך יונג, טאַטע — האָבן זיי זיך בײַ אים געבעטן — מיר ווילן נאָך לעבן...

אויך די מוטער האָט זיי אין דעם אַרויסגעהאָלפֿן:

— זע, אַבֿינדבֿ — האָט זי געוויינט — מיר האָבן אויף דער וועלט פֿיר זין געבראַכט. לאָז זיי ניט שטאַרבן אַזוי יונג...

אָבער אַבֿינדבֿ האָט דאָס ניט געקענט הערן. און ווײַל ער האָט אין זייערע רייד דערקענט די ווערטער, וואָס הורדוס האָט ניט איין מאָל אַרונטערגעשריגן, איז ער געוואָרן אַזוי ווילד, אַז ער האָט געכאַפּט אַ האַק און זיך אַוועקגעשטעלט בײַם אַרויסגאַנג פֿון דער הייל...

— ווער ס'וועט נאָר פּרוּוון אַרויסגיין פֿון דאַנען זיך אונטערצוגעבן — האָט ער פֿון צווישן די ציין די ווערטער אַרויסגעבראַכט — ווער ס'וועט דאָס נאָר פּרוּוון, וועט דאָ דעם טויט געפֿינען!..

די פֿיר זין האָבן זיך איבערגעקוקט...

און די מוטער האָט שטיל געוויינט.

— אַבֿינדבֿ...אַבֿינדבֿ... — האָט זי עטלעכע מאָל דעם מאַן בײַם נאָמען אָנגערופֿן. און ווען זי האָט געזען ווי ער שטייט מיט דער האַק אין דער האַנט און קוקט אויף די זין, און אויף איר קוקט ער זיך גאָרניט אום, האָט זי אָנגעהויבן יאָמערן אויפֿן קול:

— אַבֿינדבֿ, געדענק אָן גאָט!..

דאָס קול האָט בײַ איר געציטערט. זי איז געקראָכן אויף דער ערד און פֿון די פֿאַרוויינטע אויגן האָט בײַ איר אַרויסגעקוקט אַ פֿאַרגליווערטע שרעק. און אַבֿינדבֿ האָט אַלץ געהערט און געזען; דאָס האַרץ האָט זיך בײַ אים אין בלוט געבאָדן; אָבער ער האָט זיך דאָך ניט אומגעקוקט אויפֿן ווײַב, וואָס האָט אויף

דער ערד געיאָמערט. ער האָט די גאַנצע צײַט אַפֿילו אויף אַ רגע ניט אַראָפּגענומען די אויגן פֿון די פֿיר זין, וואָס זענען ניט ווײַט פֿון אים געשטאַנען. אין די שטומע בליקן, וואָס זיי האָבן איינער אויפֿן אַנדערן געוואָרפֿן, האָט ער געזען שלעכטס; ער האָט שוין מער ניט געקענט קוקן אויף זיי ווי אויף אייגענע קינדער, נאָר ווי אויף פֿאַררעטער פֿון פֿאָלק. זיי זענען שוין אין זײַנע אויגן געווען קנעכט, וואָס זענען גרייט אַוועקצוגעבן די פֿרײַהייט פֿון זייער פֿאָלק פֿאַר אַ טאָפּ לינדזן. און ווען ער האָט דערזען, ווי איינער, דער עלטערער, האָט זיך געגעבן אַ לאָז צום אַרויסגאַנג פֿון דער הייל, האָט ער אויף אים די האַק אויפֿגעהויבן...

בײַ דער מוטער האָט זיך פֿון האַרצן אַרויסגעריסן אַ שאַרפֿער יאָמערלעכער קוויטש און זי האָט זיך אַ צעשראָקענע אין אַ ווינקל פֿאַררוקט און איז געבליבן אָן לשון. און נאָך דעם איז שוין די גאַנצע הייל פֿאַרפֿלייצט געוואָרן פֿון אַ ווילדער משוגעת, וואָס האָט זיך אין איין גרויסן קנויל צונויפֿגעדרייט; די זין האָבן זיך געוואָרפֿן אויפֿן פֿאָטער און זיך אַלץ געריסן אַרויסצוגיין פֿון דער הייל. אַלע האָבן געשריגן, אָבער מ׳האָט ניט געקענט הערן וואָס זיי שרײַען. און דער פֿאָטער מיט דער האַק האָט די זין אייינציקווײַז דערשלאָגן... און ווען זיי זענען שוין אַלע פֿיר געלעגן טויט פֿאַר אים, האָט ער זיך פֿאַר זיי אויף די קני אַרונטערגעלאָזט און אַזוי איז ער אַ היפּשע ווײַל געבליבן לעבן זיי ווי אַ צעמישטער, קוקנדיק דאָ אויף זיי און דאָ אויף דער צעשראָקענער, צעמישטער מוטער, וואָס האָט ווי אַ פֿאַריאָגט חיהלע אין אַ ווינקל זיך פֿאַררוקט, און ווען ער האָט מיט אַ מאָל דערהערט ווי הורדוס שרײַט פֿון דער הויך: „הערט זיך צו צו מײַן קול, איר מענטשן יונגע״, האָט ער זיך מיט אַ מאָל געגעבן אַ הייב אויף פֿון דער ערד, און אַרויסלייפֿנדיק, האָט ער אויך אָנגעהויבן שרײַען אַרויף:

— הער זיך צו צו מײַן קול, דו קנעכט פֿון אדום! דאָס בלוט פֿון מײַנע קינדער זאָל פֿאַלן אויף דײַן קאָפּ!..

לאַנג האָט ער אים אַזוי געשאָלטן, אים און אויך די רוימער, וועלכע ער האָט געדינט. און נאָך דעם האָט ער זיך אַליין אַרײַנגעוואָרפֿן אין אַ טיפֿן תהום און איז דערהרגעט געוואָרן...

נאָך דעם איז שוין זעלטן אַוועק אַ טאָג, אַז ס׳זאָל ערגעץ אין אַ הייל ניט געשען עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אַלעמען אין די בערג שטאַרק צערודערן, און דאַן האָבן זיך שוין געפֿונען אַזעלכע, וואָס האָבן חזקיהן אַליין שטילערהייט געראָטן, ער זאָל זיך אונטערגעבן...

— דו זעסט דאָך — האָבן זיי אים געזאָגט — אַז גאָט האָט זיך אָפּגעקערט פֿון אונדז... ער איז ניט מער אויף אונדזער זײַט, נאָר אויף דער זײַט פֿון די, וואָס זענען קעגן יהודה און ישׂראל... אפֿשר איז גאָר גאָטס ווילן, אַז מיר זאָלן זיך איצט אונטערגעבן?..

עס איז פֿאַר חזקיה הגלילי געווען אַ גרויסע אָפּקומעניש אַזוינס צו הערן, און ער האָט זיך געדאַרפֿט אָנטאָן אַ כּוח ניט צו וואָרענען, אַז אויב מען וועט ווײַטער צו אים אַזוי רעדן, וועט מען דערפֿילן די שטאַרקייט פֿון זײַן האַנט. עס זענען געווען צײַטן, ווען אים אַליין האָט זיך אויך געדאַכט, אַז ער הייבט אָן האָבן ספֿקות אין דעם, צי עס האָט טאַקע געהאַט אַ זין אַרויסצורופֿן דאָס פֿאָלק

אין אַ מלחמה און זיך פֿאַרמעסטן אין כּוחות קעגן די רוימער און קעגן הורדוסן און זײַנע חיילות. ער האָט די שווערע געדאַנקען געטריבן פֿון זיך און מיט אַלע כּוחות זיך ווײַטער געקלאַמערט אין דעם גלויבן, אַז פּונקט ווי דער אַלטער מתתיהו דער חשמונאי אין די צײַטן פֿון אַנטיוכוס הרשע, אַזוי האָט ער, חזקיה הגלילי, איצט אויף זיך די שליחות אויסצופֿירן דאָס פֿאָלק. און אַז עס איז אים, פּונקט ווי דעם אַלטן מתתיהון, אפֿשר גאָר באַשערט פֿון גאָט צו זײַן דער ערשטער פֿון אַ משפּחה, וואָס וועט דערנאָך אין אַ משך פֿון דורות אויפֿטאָן גרויסע זאַכן פֿאַרן לאַנד און פֿאַרן פֿאָלק...

גאָרניט ווי זײַן שטייגער איז געווען פֿריִער, האָט ער זיך אין די אויפֿדער־נאַכטן אָנגעהויבן אָפּזונדערן פֿון אַלעמען און ער איז איינער אַליין געזעסן אין זײַן הייל אַ פֿאַרטראַכטער. דער געדאַנק, אַז הורדוס וועט דאָ פֿון דער מלחמה אין די בערג פֿון גליל נאָך אפֿשר אַרויסקומען מיט אַ נצחון, האָט אים ניט געגעבן קיין רו. טראַכטנדיק דערפֿון איז ער אין דעם אַלע מאָל געגאַנגען ווײַטער און ער האָט זיך שוין אַזוי קלאָר פֿאַרגעשטעלט, ווי נאָך דעם גרויסן נצחון וועט מען הורדוסן געבן מרים די חשמונאית פֿאַר אַ ווײַב און דאַן וועט אים שוין ניט זײַן שווער זיך צוצושלאָגן צום טראָן און ער וועט ווערן דער קיניג פֿון יהודה מיטן גנאָד פֿון רוים. דאָס האָט אים אַ טיפֿן טרויער אַרײַנגעבראַכט, ווײַל ער האָט אין דעם געזען דעם סוף צו די אַלע האָפֿענונגען אויף דער גאולה, וואָס האָט געדאַרפֿט אויפֿריכטן דאָס ייִדישע פֿאָלק. און איין מאָל, אין אַ פֿרימאָרגן, נאָך אַ נאַכט ווען דאָס וואָיען פֿון די שאַקאַלן אין די וויסטענישן פֿון אַרום און אַרום האָט אים אַ סך מאָל פֿון שלאָף אויפֿגעוועקט, האָט חזקיה מיט אַ מאָל דער־הערט טריט. און ווען ער האָט די אויגן אויפֿגעהויבן, האָט ער פֿאַר זיך דערזען אַחיקמען פֿון יודפֿת.

חזקיה האָט זיך גלײַך אין זײַן פֿולער הויך געגעבן אַ הייב אויף, ווען ער האָט אַחיקמען דערזען. ער האָט אים געוואָלט עפּעס זאָגן, עפּעס בײַ אים פֿרעגן, אָבער די ווערטער זענען בײַ אים פֿונעם מויל ניט אַרויסגעקומען. דאָס האַרץ האָט אים אומרויִק געקלאַפּט. פֿון די האָר פֿונעם קאָפּ ביז די שפּיץ פֿינגער פֿון די פֿיס האָט אים אַ קעלט דורכגענומען און באַלד האָט אים אַ היץ באַשלאָגן. עס האָט זיך חזקיהן געדאַכט, אַז אין דער רגע האָט דער טויט אים מיט אַ שפּיץ פֿון אַ פֿליגל אָנגערירט...

און אחיקם איז פֿאַר אים געשטאַנען מיט אַ פֿינצטער פּנים, אַן אײַנגעשרומ־פּענער, אַ צעדריקטער, מיט געבויגענע אַקסלען און מיט אַ געבויגענעם קאָפּ. די קני האָבן בײַ אים געציטערט. און מיט אַ מאָל האָט ער געגעבן אַ פֿאַל חזקיהן צו די פֿיס.

— זײַ מיר מוחל, חזקיה!.. זײַ מיר מוחל!..

חזקיה האָט אים שטיל פֿון דער ערד אויפֿגעהויבן, און אָוועקזעצנדיק אים אויף דעם גרויסן שטיין, וואָס איז אין דער הייל אויף דער ערד געלעגן, האָט ער אַרויסגעזאָגט איין וואָרט, וואָס האָט געקלונגען ווי אַ שטרענגער באַפֿעל:

— דערצייל!

עס איז אָבער אַחיקמען שווער געווען צו דערציילן וואָס ס'איז פֿאָרגעקומען; די ווערטער האָבן זיך בײַ אים ניט צונויפֿגעלייגט אַזוי, אַז זיי זאָלן קענען געבן אַ באַגריף וועגן דעם, וואָס ער פֿילט איצט און וואָס ער לעבט איבער; ער איז געווען זיכער, אַז וואָס ער זאָל ניט זאָגן און ווי אַזוי ער זאָל ניט רעדן, וועט חזקיה אים דאָס מאָל ניט פֿאַרשטיין, און אַלץ וועט פֿאַר אים בלײַבן אַ געהיימעניש, וואָס מ'קען מיטן שׂכל ניט באַנעמען...

ער אַליין האָט דאָס אויך אין גאַנצן ניט געקענט באַנעמען מיטן שׂכל. און וואָס מער ער האָט געטראַכט דערפֿון, וואָס ס'איז פֿאָרגעקומען מיט אים ערשט ניט לאַנג צוריק, ווען ער איז פֿאַר טאָג געקומען צום ברעג פֿון ים טויטן הורדוסן, אַלץ מער האָט ער גענומען גלויבן, אַז דאָס איז אפֿשר גאָר געווען ניט אין דער ווירקלעכקייט, נאָר אין חלום, און אַז אויב ס'איז געווען אַ ווירקלעכקייט, איז ער אַליין דעמאָלט אפֿשר גאָר ניט געווען ער, נאָר אַן אַנדערער...

און פֿאָרגעקומען איז דאָס אַזוי:

אַחיקם איז אין אַ סך פֿרימאָרגנס געקומען צום ברעג ים. ער האָט דאָרטן אַ סך מאָל, האַלטנדיק דעם בויגן אין דער האַנט גרייט, געוואַרט אויף הורדוסן. אָבער ער האָט זיך אויף אים אַלץ ניט געקענט דערוואַרטן...

ער איז אַ סך מאָל געלעגן באַהאַלטן הינטער זאַמד־בערגלעך, וואָס די ווינטן האָבן צונויפֿגעבלאָזן. ליגנדיק, האָט ער זיך צוגעהערט צו יעדן שאָרך, וואָס האָט זיך צו זײַנע אויערן דערטראָגן. פֿון דער ווײַטנס האָט ער געקענט הערן דאָס רוישן פֿון די כוואַליעס בײַם ברעג. ער האָט אויך געהערט ווי די ים־פֿויגלען מאַכן קולות אַרום די שיפֿן, וואָס קומען אָן און גייען אַוועק. אָבער פֿון הורדוסן איז אין ערגעץ קיין סימן ניט געווען. אים האָט ער אין ערגעץ ניט געזען, און ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז הורדוס באָדט זיך אַלע מאָל אויף אַן אַנדער אָרט, האָט ער ניט איין מאָל בײַם ברעג פֿונעם ים געוואַנדערט, באַהאַלטנדיק זיך אַלע מאָל דאָ און דאָרט, ביז ס'האָט זיך אים סוף כּל סוף דאָך אײַנגעגעבן צו דערזען הורדוסן בײַם ברעג...

דאָס איז געווען אין אַ פֿרימאָרגן, ווען אויפֿן הימל איז אַפֿילו קיין סימן ניט געבליבן פֿון די וואָלקנס, וואָס האָבן זיך אויף אים געשפּרייט בײַ נאַכט. אַ קלאָרער, אַ ליכטיקער האָט ער מיט זײַן העלער בלויקייט אַרונטערגעקוקט פֿון דער הויך אויפֿן ים און אויף אַלץ אַרום, און די ערשטע שטראַלן פֿון דער זון, וואָס איז אויפֿגעגאַנגען אין מזרח, האָבן זיך אויף די רוקנס פֿון די כוואַליעס געטראָגן, און די גאַנצע וועלט איז געשטאַנען אַ פֿאַרגאַפֿטע און האָט איבערגעלאָזט פֿאַר דער שטילקייט אויסצודריקן איר גרויסע פֿרייד...

אין אַזאַ פֿרימאָרגן איז הורדוס געקומען זיך באָדן.

און געקומען צום ברעג פֿונעם ים איז ער ווי צום שלאַכטפֿעלד — אָנגעטאָן אין אַ קופּערנעם פּאַנצער, מיט אַ שווערד אויף דער זײַט. די באַוואָפֿנטע וועכטער, וואָס האָבן אים באַגלייט, האָט ער אַליין אָנגעוויזן וואו זיך אויסצושטעלן פֿון דער ווײַטנס. און ווען ער האָט דעם רוימישן מעשענעם העלם פֿונעם קאָפּ אַרונטער־געוואָרפֿן, האָט די קופּערנע רויטקייט פֿון זײַנע האָר אויסגעזען נאָך רויטער אַקעגן די שטראַלן פֿון דער זון, און ווען ער האָט זיך אָנגעהויבן אויסטאָן, האָט

עס אַרום אים געקלאַפּט מיט מעש און קופּער און שטאָל. אַלע מאָל האָט ער זיך אָנגעבויגן און זיך באַלד ווידער אויסגעצויגן גלײַך. און יעדע באַוועגונג זײַנע איז געווען רירעוודיק און שנעל, און ווען ער איז געבליבן שטיין אין גאַנצן אַ נאַקעטער און מיט די אויגן אָפּגעמאָסטן די כוואַליעס, וואָס האָבן שוין זײַנע הוילע פֿיס געוואַשן, האָט זיך פֿון הינטער אַ זאַמדיקן בערגל שטילערהייט אַרויס־גערוקט אַ מענטש מיט אַ פֿעלעכל פֿון אַ חיה אויפֿן לײַב און מיט אַ פֿײַל און בויגן אין דער האַנט...

דאָס איז געווען אַחיקם...

ער איז שוין געווען גרייט צו ציִען די פֿײַל פֿונעם בויגן, דער מענטש מיטן פֿעלעכל אויפֿן לײַב. אָבער ווען ער האָט שאַרף די בליקן אָנגעשטעלט, כּדי צו טרעפֿן ריכטיק, און ער האָט פֿאַר זיך דערזען הורדוסן אין גאַנצן אַ נאַקעטן — שלאַנק ווי אַ צעדערבוים, הויך, יונג, קרעפֿטיק, פֿריש און מיט אַ לײַב, וואָס איז שטאַרק אָפּגעברענט פֿון דער זון און איז ווי פֿון בראָנדז אויסגעגאָסן — זענען בײַ אים די אויגן ווי צוגעשמידט געוואָרן צו דעם געשטאַלט. ער האָט די בליקן ניט געקענט אָפּרײַסן. אַ פֿאַרגאַפֿטער, פּונקט ווי מען וואָלט אים פֿאַרכּישופֿט, האָט ער לאַנג אויף יענעם אויסערגעוויינטלעכן געשטאַלט געקוקט, און ער האָט אַליין ניט באַמערקט ווי דער בויגן איז בײַ אים פֿון די הענט אַרויסגעפֿאַלן...

— איך ווייס אַליין ניט, וואָס ס'איז דעמאָלט געשען מיט מיר — האָט אַחיקם, האַלטנדיק דעם קאָפּ געבויגן, איצט דערציילט חזקיהן — איך ווייס ניט; איך האָב אויף אים קיין פֿײַל ניט געקענט שיסן!..

— דאָס איז דער גריך אין דיר — האָט חזקיה געגעבן אַ זאָג, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ — ביסט נאָך אַלץ געבליבן אַ גריך...

אַחיקם האָט זיך אָבער ניט צוגעהערט צו דעם, וואָס חזקיה זאָגט אים, און ער האָט מיט אַ מאָל אָנגעהויבן רעדן זייער שנעל:

— עס איז געווען ווי אַ מלאך פֿון הימל וואָלט מיך אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט... עס איז געווען ווי אַ בת־קול פֿון הימל וואָלט מיר אין די אויערן אַרײַנגעשריגן, אַז איך זאָל ניט ציִען דעם בויגן... יאָ, יאָ, אַ מלאך!.. אַ בת־קול!.. איך האָב גאָר מער ניט געוואָלט קלערן וועגן דעם, אַז דאָס איז הורדוס... איך האָב אויך ניט געוואָלט קלערן וועגן דעם צוליב וואָס איך בין געקומען אַהער... קוקנדיק אויף יענעם נאַקעטן שיינעם געשטאַלט פֿון דער ווײַטנס, האָב איך געטראַכט, אַז אַפֿילו גאָט אַליין וואָלט געקענט אָנווײַזן דערויף מיט שטאָלץ און זאָגן: „דאָס איז דאָס ווערק פֿון מײַנע הענט, זיך צו באַרימען דערמיט!"

ער האָט אויך דערציילט חזקיהן, ווי באַצוויבערט ער איז געוואָרן, ווען ער האָט דערזען ווי הורדוס איז אַ נאַקעטער אין וואַסער אַרײַנגעשפּרונגען.

— עס האָט זיך מיר געדאַכט — האָט ער געזאָגט — אַז דאָס איז אַ געשטאַלט, וואָס לעבט ניט אויף דער ערד, נאָר אין די הימלען... איך האָב נאָך קיין מאָל אין מײַן לעבן ניט געזען אַזאַ לײַב בײַ אַ מענטשן פֿון דער ערד... איך האָב נאָך קיין מאָל ניט געזען אַ מענטשן, וואָס זאָל זײַן אַזוי שלאַנק... נאָר אַ צעדערבוים קען זײַן אַזוי שלאַנק ווי ער... דאָס איז געווען גבֿורה אין באַוועגונג... די קראַפֿט פֿון דער נאַטור אין גאַנג... די שיינקייט פֿון יוגנט פֿאַר־

קערפּערט אין אַ מענטשלעך געשטאַלט...די הענט אויסגעשטרעקט פֿאָרויס און דער קאָפּ מיט די קופּער־רויטע האָר אויפֿגעהויבן אין דער הויך, האָט ער זיך געגעבן אַ הייב אויף אין דער לופֿט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ערשט איצט האָט ער זײַן צײַטיקייט דערפֿילט מיט אַלע כּוחות און ער האָט זיך פֿון דער ערד אָפּגעריסן...זײַן קערפּער האָט זיך אין דער לופֿט ווי אויף די פֿליגלען פֿון אַן אָדלער געטראָגן...ווען ער איז אין וואַסער אַרײַנגעשפּרונגען און האָט אָנגע־הויבן שווימען, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אַקעגן אים האָבן די כוואַליעס פֿון ים זייער מאַכט פֿאַרלוירן. ער איז געוואָרן דער הערשער און די כוואַליעס פֿון ים זענען אים געווען אונטערטעניק...אַלץ איז אים געווען אונטערטעניק...ער האָט מיך אין גאַנצן ווי פֿאַרכּישופֿט מיט זײַן געשטאַלט, דער מענטש, ווען מען איך האָב מיטן גאַנצן האַרצן געהאַסט אײדער איך האָב אים מיט מײַנע אויגן דערזען... ערשט נאָך דעם ווי איך בין שוין געווען ווײַט אויפֿן וועג צוריק אַהער, איז מיר געוואָרן אַ פֿאַרדראָס און איך האָב זיך אָנגעהויבן שעמען דערמיט, וואָס איך האָב די שליחות ניט דורכגעפֿירט...

און דאָ האָט ער זיך ווידער אַ וואָרף געטאָן חזקיהן צו די פֿיס:

— זײַ מיר מוחל, חזקיה!..איך בעט דיך, זײַ מיר מוחל!..

ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, און אַלץ וועגן דעם, פֿאַר וואָס ער האָט די שליחות ניט דורכגעפֿירט, אָבער חזקיה האָט אים אָפּגעשטעלט:

— גענוג! איך וויל מער גאָרניט הערן!..

מיטן געדאַנק, אַז אפֿשר איז דאָס טאַקע אַ באַוויזז, אַז גאָטס ווילן איז אַזוי, איז חזקיה אַרויס פֿון דער הייל אַן אָנגעכמורעטער, אַ פֿאַרזאָרגטער. קעגן זײַן אייגענעם ווילן, און עפּעס גאָר ווי נאָר זיך אַליין צו פּײַניקן, האָט ער אַלץ גע־קלערט וועגן דעם, וואָס איצט קען ער שוין מער ניט זײַן דער זעלבער וואָס פֿריער; דאָס פֿײַער אין אים איז שוין אויסגעלאָשן און ער קען שוין מער קיינעם קיין מוט ניט אונטערגעבן און בײַ קיינעם קיין באַגײַסטערונג ניט אַרויסרופֿן; און אַזוי האָט ער זיך איינער אַליין, אַ דערשלאָגענער און אַ פֿאַרכמורעטער, צווישן די בערג אַרומגעבלאָנקעט, און ווען ער איז שפּעטער צוריק אין דער הייל גע־קומען, האָט ער דאָרט אַחיקמען פֿון יודפֿת שוין מער ניט געטראָפֿן...

אין דער הייל איז געווען האַלב טונקל און שאָטנס האָבן זיך אין פּאַסן געצויגן אין דער לענג, און אין אַ ווינקל איז געזעסן חזקיהס זון יהודה און די אויגן זענען בײַ אים געווען עפּעס ווי איבערגעקערט. פֿאַר אים איז אויף דער ערד געלעגן אַן אויסגעליידיקט קריגל ווײַן...

חזקיה האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, ווען ער האָט דאָס דערזען.

— וואָס איז דאָס?

— זײַ מיר מוחל, פֿאָטער — האָט דער זון שווער די ווערטער אַרויסגע־רעדט און דערבײַ האָט ער זיך מיט איין האַנט צעשויבערט די האָר פֿונעם קאָפּ — זײַ מיר מוחל!

— ווי קומט דאָס צו דיר? — האָט חזקיה זיך געבייזערט. — מיט ווײַן דאַרף מען זיך שטאַרקן, ווען מ'איז שוואַך, אָבער ניט טרינקען אַזוי פֿיל, אַז מ'זאָל ווערן שיכּור...און נאָך אין אַזאַ צײַט!..

— יאָ, אין אַזאַ צײַט — האָט דער זון די זעלבע ווערטער איבערגעחזרט, און האָט זיך מיט אַ מאָל שטאַרק צעוויינט. — אין אַזאַ צײַט!.. יעדער טאָג ברענגט אונדז טויט... אַלע אָפּגרונטן זענען שוין פֿול מיט די טויטע קערפּערס פֿון אונדזערע מענטשן... אויף אַלע וועגן געפֿין איך סימנים פֿון בלוט... און ביז וואַנען? ביז ווי לאַנג נאָך וועט דאָס געדויערן?.. פֿאָטער, איך קען דאָס מער ניט!..

און מיט אַ מאָל האָט ער זיך נאָך שטאַרקער צעוויינט:

— איך בין נאָך יונג, פֿאָטער, און איך וויל לעבן!..

פֿון זײַן אייגענעם זון איז חזקיהן שווער געווען צו הערן אַזוינס, וואָס האָט אים דערמאָנט אָן דעם, וואָס הורדוס האָט אַהער פֿון דער הויך אַזוי אָפּט אַרונטערגעשריגן. האָט ער זיך אָװעקגעזעצט אין אַ ווינקל און אַרײַנגעמענדיק דעם קאָפּ אין ביידע הענט, האָט ער קיין איין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. וואָס האָט ער דען געקענט זאָגן? אַ צעבראָכענער, אַ נידערגעשלאָגענער איז ער אַזוי געזעסן, האַלטנדיק די אויגן אײַנגעגראָבן אין דער שוואַרצער ערד, וואָס איז אין דער הייל געווען אָנגעשאָטן. ער האָט געזוכט אַ טרייסט און האָט ניט געקענט געפֿינען; ער האָט געזוכט אַ האָפֿענונג און האָט זי אין ערגעץ ניט געקענט זען. ער האָט דאָן אין אַלע גלידער פֿון זײַן לײַב געפֿילט דאָס אָנקומען פֿון טויט, און אין געדאַנק איז ער שוין געווען ווײַט פֿון אַלץ, וואָס האָט אים צו דער ערד געבונדן... אָבער וואָס וועט זײַן מיט די האָפֿענונגען אויף דער גאולה?.. ווען וועט זי קומען, די גאולה, וואָס האָט געדאַרפֿט אויפֿריכטן דאָס פֿאָלק?.. אַזוי איז ער לאַנג געזעסן מיט די פֿינצטערע געדאַנקען אין מוח און מיט דעם טיפֿן ווייטיק אין האַרצן, און שפּעטער, ווען זײַן זון האָט אים די געדאַנקען איבערגעשלאָגן און מיט אַ פֿאַרשטיקט קול דערציילט, אַז ער האָט דאָ פֿריִער געזען ווי אַחיקם פֿון יודפּת האָט זיך אין אַ טיפֿן אָפּגרונט אַרונטערגעוואָרפֿן, האָט ער בלויז דעם קאָפּ אויפֿגעהויבן און ברייט די אויגן צעעפֿנט, אָבער געזאָגט האָט ער גאָרניט. ערשט אין אַ ווײַל אַרום האָט ער געגעבן אַ זאָג ווי פֿאַר זיך:

— וואָס דען האָט ער געקענט טאָן?..

און נאָך דעם האָט ער זיך אויפֿגעהויבן און זיך געלאָזט גיין. אָבער בײַם אַרויסגאַנג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געפֿרעגט דעם זון:

— אין וועלכן אָפּגרונט האָט אַחיקם זיך אַרײַנגעוואָרפֿן?..

דער זון האָט אים געזאָגט וואו, און חזקיה איז שנעל אַרויס.

אין דער הייל האָט זיך ווידער אײַנגעשטעלט די שטילקייט, וואָס ס'האָט דאָרטן שטענדיק געהערשט, ווען ס'איז קיינער ניט געווען. יהודה איז שטיל אין ווינקל געזעסן און האָט זיך פֿון אָרט ניט גערירט. ווי ער וואָלט אין איין פּאָזע פֿאַרגליווערט געוואָרן. און פּלוצעם האָט ער זיך געגעבן אַ כאַפּ, ווי ער וואָלט זיך מיט אַ מאָל אָן עפּעס דערמאָנט, און ער איז אויף שנעל פֿון דער הייל אַרויס.

ער איז געלאָפֿן געפֿינען דעם פֿאָטער, און ווען ער האָט אים געפֿונען, האָט ער זיך אַזוי שטאַרק דערפֿרייט, אַז ער האָט זיך אים אויפֿן האַלדז געוואָרפֿן און אים געקושט.

— פֿאָטער... פֿאָטער...

ער איז געווען גליקלעך, וואָס ער זעט דעם טאַטן אַ לעבעדיקן. און חזקיה האָט פֿאַרשטאַנען, פֿאַר וואָס דער זון פֿרייט זיך אַזוי. ער האָט אויך פֿאַרשטאַנען, וואָס ער האָט חושד געווען לויפֿנדיק נאָך אים. האָט ער דעם זון מיט בײדע הענט אַרומגענומען און מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— האָסט זיך אומזיסט געשראָקן, זון... חזקיה הגלילי איז ניט פֿון די, וואָס וואַרפֿן זיך אַליין אין די טיפֿע אָפּגרונטן, דאָרט צו געפֿינען דעם טויט...

אָבער ער איז שוין דאָך מער ניט געווען דער זעלבער, וואָס ער איז געווען פֿריִער. דער געדאַנק, אַז אין דעם וואָס אַחיקם פֿון יודפֿת האָט זײַן שליחות ניט געקענט דורכפֿירן, איז פֿאַראַן אַ צייכן פֿון גאָט, איז אים נאָך דעם שוין די גאַנצע צײַט געלעגן אין זינען, און ער האָט שוין מער ניט געקענט צינדן קיין הערצער. זײַן קול האָט פֿאַרלוירן די שטאַרקייט פֿון אַ מאָל און האָט שוין מער מיט אַזאַ הילך ניט אָפּגעקלונגען אין די בערג. עס האָט זיך פֿון אים אָפּגעטאָן דער גײַסט, וואָס ער האָט פֿריִער אַנדערע געקענט איבערגעבן, און אין די שלאַכטן אַקעגן הורדוסעס חיילות האָט ער שוין מער ניט אַרויסגעוויזן דעם פֿריִערדיקן מוט...

ה

דאַן איז געקומען אַ טאָג, ווען הורדוס און זײַנע חיילות האָבן זיך מיט אַ מאָל געגעבן אַ שפּאַר אַרויס אויף די וועגן צווישן די בערג, און פֿון דער הויך האָט מען אויף אײַזערנע קייטן אָנגעהויבן אַרונטערלאָזן די קאַסטנס, און אין יעדן קאַסטן זענען געווען באַוואָפֿנטע זעלנער מיט שפּיזן און מיט בויגנס. איבער אַלע בערג און טאָלן האָט זיך צעפֿלאַקערט אַ מלחמה אויף טויט און לעבן; מ׳האָט זיך געשלאָגן אין דער הויך און מ׳האָט זיך אויך געשלאָגן אונטן; ווער מיט וואָס ס׳האָט נאָר געקענט, האָט זיך אויפֿן שונא געוואָרפֿן — מיט שווערדן, מיט שפּיזן און אויך מיט שטיינער, וואָס מ׳האָט פֿון די בערג אַרויסגעריסן. און עס זענען געפֿלויגן פֿײַלן פֿון בויגנס. און פֿערד האָבן מיט די קאָפּיטעס אויף לעבעדיקע און טויטע מענטשן געטראָטן, און בלוט האָט זיך אין שטראָמען געגאָסן און געשרייען האָבן זיך ביז צו די הימלען געטראָגן.

און יענע גרויסע שלאַכט, וואָס איז געווען די לעצטע צווישן הורדוסן און חזקיהן אין די בערג פֿון גליל, האָט הורדוס געוואונען. זײַנע חיילות האָבן געכאַפּט חזקיהן, זײַן זון יהודה און נאָך דרײַסיק פֿון די עלטסטע, און האָבן זיי אַוועקגעפֿירט אין געפֿאַנגענשאַפֿט...

אַרומגערינגלט מיט באַוואָפֿנטע וועכטער פֿון אַלע זײַטן, האָט מען די צוויי און דרײַסיק געפֿאַנגענע גיבורים אַרויסגעפֿירט פֿון די בערג. דער ערשטער אין דער ריי איז געגאַנגען חזקיה הגלילי און לעבן אים זײַן זון. קיינער פֿון די געפֿאַנגענע האָט קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט און קיינער האָט ניט געוווּסט וואוהין מ׳פֿירט אים און וואָס מ׳וועט מיט אים טאָן. די פֿאַנצערס אויפֿן לײַב זענען בײַ

זיי געווען צעבויגן און די קליידער, וואָס זיי האָבן געטראָגן, זענען געווען צעריסן. כמעט ביי אַלעמען זענען די נאַקעטע קני געווען צעבלוטיקט, אָבער דאָך זענען זיי געגאַנגען מיט פעסטע טריט. דער ערשטער אין דער ריי איז געגאַנגען חזקיה הגלילי. ער איז געגאַנגען אָן אַנגעכמורעטער, מיט אַן אויסדרוק פון דערשטיקטן צאָרן אויפן פנים, מיט אַ טיפן פאַרדראָס אין האַרצן און אָן מורא פאַר דעם, וואָס ס׳שטייט אים איצט פאָר.

ווען מען איז אַרויס פון די בערג, האָט מען זיך אָפּגעשטעלט. פון ערגעץ איז דאָן אָנגעלאָפן הורדוס אַליין, רייטנדיק אויף אַ פערד. ער האָט אויף די געפאַנגענע אַ שאַרפן בליק געוואָרפן, און ווען ער האָט צווישן זיי דערקענט חזקיהן מיט דער באַזילבערטער באָרד, האָט ער, אָנווייזנדיק אויף אים מיט דער האַנט, אַרויסגעגעבן אַ באַפעל:

— שמידן אין קייטן!..

חזקיהן איז דאָס בלוט געקומען אין פנים אַריין, ווען ער האָט דאָס דערהערט. אויפהייבנדיק די ברייטע פלייצעס אין דער הויך, האָט ער זיך געגעבן אַ גלייך אויס. די אויגן האָבן זיך ביי אים אָנגעצונדן און ער האָט אָנגעהויבן שרייען אויפן קול:

— זאָלסט זיך ניט דערוועגן, דו קנעכט פון אדום, מיך אין קייטן צו שמידן!..

הורדוס האָט דערויף גאָרניט געענטפערט. אין די ווינקלען פון די רויט־פליישיקע ליפן זיינע האָט זיך אַ גאַליקער שמייכל באַוויזן. ער האָט אַ טאָרע געטאָן דאָס פערד מיט בײדע פיס ביים בויך און איז שנעל אַוועק ווייטער.

דערנאָך האָט מען חזקיהן געשמידט אין קייטן.

ער האָט געקריצט מיט די ציין, אָבער ער האָט דאָך געשוויגן...

און ווען מ׳האָט די געפאַנגענע אָנגעהויבן פירן ווייטער און דער קלאַנג פון די קייטן האָט זיך מיטן קלאַפּן פון די טריט אויסגעמישט, האָט חזקיה זיך צוגעבויגן צו זיין זון און אים שטיל געזאָגט:

— איך האָב זיך אַליין דעם טויט געדאַרפט נעמען... מיר וואָלט דער טויט געווען ליבער איידער צו זיין געשמידט אין קייטן!..

אויף הורדוסעס באַפעל האָט מען חזקיהן און די אַנדערע געפאַנגענע אַוועקגעפירט אין דער שטאָט ציפורי און דאָרט האָט מען זיי פאַרשפאַרט אין געפענקעניש און אָנגעזאָגט שטרענג, אַז קיינער פון די וועכטער זאָל צו זיי ניט רעדן. מען האָט קיינעם פון זיי ניט געזאָגט, ווען און וואו ער וועט געשטעלט ווערן צום משפט. און נאָך דעם ווי הורדוס אַליין האָט די מעלדונג וועגן דעם געבראַכט צו סעקסטוס־צעזאַר, דעם רוימישן הערשער פון סיריע, האָט ער געשיקט רופן דעם תליון קאַסטאַבאַר און אים אַרויסגעגעבן אַ באַפעל:

— די צוויי און דרייסיק געפאַנגענע ווידערשפעניקער דאָרט — זיי אַלע אָפּהאַקן די קעפּ!..

אַפילו דעם קאַלטבלוטיקן תליון קאַסטאַבאַר, וואָס האָט הורדוסן שוין גוט געקענט, האָט דאָס שטאַרק צעטומלט, ווען ער האָט עס דערהערט.

— אָן אַ משפּט? — האָט ער הורדוסן געפרעגט.

— יאָ, אָן אַ משפּט — האָט הורדוס אים געענטפערט בייז. — אַלע צוויי און דרײַסיק געפאַנגענע ווידערשפעניקער אָפּהאַקן די קעפ!..

און ווען קאָסטאָבאַר האָט זיך געלאָזט אַרויסגיין, שוין גרייט דורכצופירן דעם באַפעל, האָט הורדוס אים גערופן צוריק און מיט אַ גאַליקן שמייכל אויפן פּנים אים אָנגעזאָגט נאָך עפּעס, וואָס ער האָט שוין שיִער ניט געהאַט פאַרגעסן:

— און אים אַליין, דעם חזקיה הגלילי — האָט ער געזאָגט — זאָל מען אָפּהאַקן דעם קאָפּ דעם לעצטן... ער זאָל מיט זײַנע אייגענע אויגן זען דעם טויט פון אַלע אַנדערע...

צווייטער קאַפּיטל

ווי אַ בלום צווישן דערנער

א

אין לאַנד האָט זיך, פֿון דן ביז באר־שבֿע, אַ שווערער וואָלקן אָנגערוקט און עס איז אויף אַלעמען אַ פּחד אָנגעפֿאַלן. אומעטום, אין אַלע שטעט, שטעטלעך און דערפֿער האָבן ייִדן מיט פֿאַרביטערונג גערעדט וועגן דעם, וואָס הורדוס האָט אָן אַ דין און אָן אַ משפּט געגעבן דעם טויט חזקיהן און די אַנדערע געפֿאַנגענע העלדן פֿון גליל.

בײַ די ליימיקע שטיבלעך, וואו אַלטע לײַט און אויך יונגע מענטשן זענען געזעסן מיט די פֿיס אונטער זיך און זיך געוואַרעמט אַקעגן דער זון; אין די גערטנער, וואו מ׳האָט געאַקערט און געפֿלאַנצט, און אויך בײַ די ברונעמער, וואוהין מען איז מיט ליימענע קרוגן אויף די קעפּ געקומען שעפּן וואַסער, האָט מען אַלץ גערעדט וועגן דעם; און אַלטע לײַט האָבן מיט די קעפּ געשאָקלט אויף דעם גרויסן אומגליק, וואָס ס׳האָט זיך געטראָפֿן, און יונגע מענטשן האָבן זיך שטאַרק געקאָכט:

— אַזוינס איז נאָך ניט געהערט געוואָרן אין יהודה!

— ווי קען מען דאָס אָן אַ דין און אָן אַ משפּט נעמען מענטשן, וואָס האָבן זיך פֿאַרן פֿאָלק אײַנגעשטעלט, און זיי אָפּהאַקן די קעפּ?!

— אַפֿילו פֿאַרברעכער גיט מען אַ משפּט, און חזקיה הגלילי איז ניט געווען קיין פֿאַרברעכער!

— שוין צו ווײַט גרייכט די חוצפּה פֿון אַנטיפּאַטרוסן און זײַנע זין!

— די קנעכט פֿון אדום האָבן אויף אונדז זייער שווערע האַנט פֿאַרשפּרייט!

— אין הויף האָט אַנטיפּאַטרוס דער אדומי די גאַנצע דעה...

— און זײַן זון פֿאַזאעל איז מיטן גנאַד פֿון רוים דער הערשער איבער ירושלים, און זײַן זון הורדוס איז דער הערשער איבערן גליל!

— און זיי טרעטן מיט די פֿיס אונדזערע דינים און משפּטים!

— און זיי שיקן צום טויט די בעסטע זין פֿון אונדזער פֿאָלק!

— ווײַטער טאָר מען דאָס ניט לאָזן אַזוי גיין!

— הורדוס מוז קריגן זײַן שטראָף דערפֿאַר!

— דאָס בלוט פֿון חזקיהן שרײַט צו אונדז פֿון דער ערד אַרויס!

אַזוי האָבן ייִדן גערעדט אומעטום, איבערן גאַנצן לאַנד. און אין דער לופֿט האָט זיך ווידער גענומען טראָגן דער גײַסט פֿון אויפֿשטאַנד קעגן די אייגענע און פֿרעמדע אונטערדריקער. און אין אַ סך שטעט האָט מען שוין אָפֿן גערעדט

וועגן צונויפֿקלײַבן מחנות און גיין אויף ירושלים און דאָרט שרײַען איבער אַלע גאַסן, אַז דער קיניג און כהן־גדול הורקונוס זאָל רופֿן הורדוסן צום משפּט פֿאַרן סנהדרין, אָפּצוגעבן דין וחשבון פֿון דעם וואָס ער האָט געטאָן.

— און מען מוז אים פֿאַרמשפּטן צום טויט! — האָבן זיך געהערט קולות.

— מיטן לעבן זאָל ער באַצאָלן פֿאַרן בלוט פֿון חזקיה הגלילי!

אַפֿילו אַזעלכע, וואָס זענען פֿריִער געשטאַנען ווײַט פֿון דעם גאַנצן קריג, זענען פֿון דער לעצטער געשעעניש אין גליל געוואָרן אַזוי צערודערט, אַז זיי האָבן שוין מער ניט געקענט בלײַבן אין אַ זײַט. און מער ווי אומעטום האָט מען זיך דערמיט גערעשט אין דער שטאָט ירושלים. אין אַלע הײַזער און אין אַלע גאַסן האָט מען דערפֿון גערעדט. אויך אין די הויפֿן פֿון הייליקן טעמפּל, וואו עס זענען אַלע מאָל געווען ייִדן פֿון גאַנצן לאַנד, און אויך פֿון אַנדערע לענדער, האָט מען גרויס צאָרן אויסגעדריקט. און עס האָבן זיך אויך געפֿונען אַזעלכע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז שולדיק איז הורקונוס, דער קיניג; ווען ער וואָלט זיך געהאַלטן אַנדערש און ער וואָלט געפֿירט די מלוכה אַזוי, ווי אַ קיניג וואָס קומט פֿון די חשמונאים דאַרף פֿירן אַ מלוכה, וואָלט ער זיכער ניט דערלאָזט דערצו, אַז אַנטי־פּאַטרוס דער אדומי און זײַנע זין זאָלן אַזוי הערשן איבערן לאַנד, און דאַן וואָלט אַוודאי ניט געקומען דערצו, אַז עס זאָל באַגאַנגען ווערן אַזאַ נבֿלה בײַ ייִדן.

טעג און נעכט זענען אַוועק און אין דער שטאָט ירושלים האָט מען גאָר וועגן קיין אַנדער זאַך ניט גערעדט ווי נאָר וועגן דעם וואָס ס'איז געשען אין גליל. די נעמען פֿון הורדוס און חזקיה זענען גאָר בײַ קיינעם פֿון די ליפּן ניט אַראָפּ. און איין מאָל איז געקומען אַ טאָג, ווען מ'האָט אויף די גאַסן פֿון דער שטאָט מיט אַ מאָל דערהערט אַ יאָמער און אַ געוויין, וואָס האָט ממש די הימלען געקענט שפּאַלטן.

איבער אַלע גאַסן און געסלעך, וואָס האָבן געפֿירט צום קיניג אין הויף אַרײַן, האָט זיך דער יאָמער געטראָגן. און געהאַט האָט אין זיך דער יאָמער עפּעס אַזאַ שאַרפֿקייט, וואָס שנײַדט זיך טיף אַרײַן אין די אויערן און ס'וואַרפֿט אָן אַזאַ מורא, אַז עס לויפֿט אַריבער אַ קעלט איבערן לײַב.

דאָס האָבן געוויינט ווײַבער, וואָס זענען פֿון ווײַט געקומען אַהער אין דער שטאָט ירושלים. און געווען זענען יענע ווײַבער די אַלמנות און אויך די מאַמעס פֿון יענע העלדן, וואָס הורדוס האָט אין גליל אומגעבראַכט אָן אַ דין און אָן אַ משפּט. און געקומען אַהער זענען זיי צו מאָנען גערעכטיקייט בײַם קיניג פֿון יהודה און שפּאַלטן דעם הימל מיט זייער יאָמער, אַז דער האַר פֿון אַלע וועלטן זאָל זייערע קולות דערהערן...

— אוי ווי איז צו אונדז, זין און טעכטער פֿון ירושלים! — איז זיך איינע פֿאַרגאַנגען אין יאָמערלעכן געוויין, און די אַנדערע האָבן דאָס באַלד, יעדע איינע אויף איר אייגענעם שטייגער, אונטערגעכאַפּט.

— דאָס בלוט פֿון מײַן מאַן האָט אַ מערדער פֿאַרגאָסן!..

— דעם שיינעם קאָפּ פֿון מײַן זון האָט אַ רוצח אָפּגעהאַקט!..

— אוי, קלאָגט און וויינט, איר טעכטער פֿון ירושלים!..

— אונדזערע שפּײַזער האָט דער רשע ווי אַ ווילדע חיה פֿאַרצוקט!..

— און יונגע לעבנס זענען ווי די ביימער פֿאַרשניטן געוואָרן פֿון דער וועלט!..

— זייער בלוט שרייט פֿון די קבֿרים אַרויס!..

— צי איז נאָך דערהערט געוואָרן אַזאַ רציחה אין די געמאַרקן פֿון יהודה? צי האָט זיך אַ מאָל אַזוינס געטראָפֿן אין די גרענעצן פֿון ישׂראל?..

— אוי, קלאָגט און וויינט און גיסט מיט טרערן, ווײַל גרויס און שרעקלעך איז דער בראָך!..

און נאָך יעדן אויסרוף איז דער יאָמער געוואָרן שטאַרקער און דאָס געוויין האָט זיך געשפּרייט ברייטער. און וואָס ווײַטער מען איז געגאַנגען, אַלץ מער ווײַבער זענען צוגעקומען. קיין פֿרוי האָט ניט געקענט בלײַבן פֿון ווײַטן, ווען אַנדערע ווײַבער ווײנען און קלאָגן אַזוי שטאַרק. און אַזוי איז די צאָל געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער, און ווען מ'איז צוגעקומען צום הויף פֿונעם קיניג, איז שוין דער יאָמער געווען אַזוי גרויס, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע שטאָט וויינט און קלאָגט...

פּונקט דאַן איז דער קיניג הורקונוס מיט זײַנע נאָענטע אַרויסגעקומען פֿון הויף און האָט זיך געלאָזט צום הייליקן טעמפּל, און ווען די ווײַבער האָבן אים דערזען, האָבן זיי אים שוין ניט געלאָזט גיין ווײַטער. זיי זענען אים צו די פֿיס געפֿאַלן, און דערבײַ האָבן זיי געמאַכט אַזעלכע קולות, אַז ער האָט זיך פֿאַר זיי דערשראָקן און איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער.

מיט די וואַסערדיקע אויגן זײַנע, וואָס האָבן שטענדיק אויסגעדריקט שרעק, האָט ער זיך אין אַלע זײַטן אַרומגעקוקט, געזוכט עמעצן, וואָס זאָל אים פֿון די וויינענדיקע ווײַבער אַרויסראַטעווען. ער האָט דאָס אָנגעבלאָזענע פּנים זײַנס געדרייט אַהין און אַהער, און די לאַנגע גרויע באָרד זײַנע האָט זיך דערבײַ געטרייסלט, און ווען ער האָט פֿון אַ פֿענצטער אין הויף דערזען אַנטיפּאַטרוסן, האָט ער צו אים ביידע הענט אויסגעשטרעקט און דאָס האָט געמיינט:

— טו עפּעס! האָב רחמנות!..

אויך אויפֿן וועג צוריק פֿונעם הייליקן טעמפּל האָבן די ווײַבער באַגלייט דעם קיניג מיט אַ געוויין און זענען אים צו די פֿיס געפֿאַלן. און ווען איינע פֿון די פֿרויען, אַ יונגע, אַ הויכע, מיט שוואַרצע צעשויבערטע האָר, האָט אים אָנגעכאַפּט בײַ די פּאָלעס פֿונעם לאַנגן מאַנטל און מיט אַ קוויטשיק קול זיך צעשריגן, ער זאָל איר אָפּגעבן צוריק איר מאַן, איז ער געוואָרן אַזוי צעטומלט, אַז אַליין ניט-הערנדיק וואָס ער זאָגט, האָט ער עטלעכע מאָל דאָס זעלבע איבערגעחזרט:

— עס זאָל זײַן אַזוי ווי דײַן ווילן איז... מען וועט דיר אָפּגעבן צוריק דײַן מאַן... מען וועט דיר אים אָפּגעבן צוריק...

ב

ער איז שוין געווען מיד פֿון אַלץ, דער קיניג הורקונוס. עס האָט אים פֿאַרדראָסן, וואָס דווקא אין אַזאַ צײַט איז אויף זײַן גורל אויסגעפֿאַלן צו זײַן אַ קיניג

אין יהודה. ער האָט זיך גאָר ניט געקענט פֿונאַנדערקלײַבן ריכטיק אין די אַלע זאַכן, וואָס די מלוכה האָט אויף אים אַרויפֿגעלייגט. דער קריג מיט זײַן אייגענעם ברודער אַריסטובולוס איז אויף אים אַרויפֿגעצוואונגען געוואָרן; עס האָט אים ווײ געטאָן דאָס האַרץ דערויף, וואָס אַריסטובולוס האָט איבער אים דאָס לעבן פֿאַרלוירן; ווען ס'וואָלט זיך געווענדט אין אים, וואָלט ער זיך אין גאַנצן פֿון דער מלוכה אָפּגעזאָגט; ער וואָלט זי גערן איבערגעגעבן אַן אַנדערן פֿון דער חשמונאים־משפּחה און אַליין וואָלט ער זיך פֿון אַלץ אָפּגעזונדערט און ער וואָלט זיך געלעבט רואיק און שטיל. וואָס דאַרף ער דען? אַפֿילו קיין כהן־גדול וואָלט ער ניט געוואָלט זײַן... ער קען גאָרניט צוזען ווי מ'שעכט אויפֿן מזבח אַזוי פֿיל אָקסן און לעמער... עס פֿאַרקלעמט זיך בײַ אים דאָס האַרץ, ווען ער דער־זעט בלוט...

עס האָט אים ניט געאַרט, וואָס די גאַנצע דעה אין דער מלוכה האָט גאָר אַנטיפּאַטרוס דער אדומי. פֿאַרקערט, ער איז גאָר געווען צופֿרידן דערפֿון, וואָס יענער נעמט בײַ אים דערמיט אַראָפּ אַ שווערן עול פֿון קאָפּ. עס האָט אים אויך ניט געאַרט וואָס אַנטיפּאַטרוסעס צוויי זין, הורדוס און פֿאַזאַעל, הערשן מיט אַזאַ שטאַרקער האַנט — הורדוס אין גליל, און פֿאַזאַעל אין ירושלים; ער האָט גאָר־ניט געטראַכט דערפֿון. בכלל האָט ער קיין סך ניט געטראַכט, ער איז פּשוט געווען צו פֿויל צו טראַכטן. און ווען ער האָט שוין אַ מאָל יאָ געטראַכט, איז דער איינציקער געדאַנק זײַנער באַשטאַנען אין דעם, אַז:

— ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען עס וואָלט נאָר געקענט זײַן שטיל און רואיק!..

ווײַטער זענען בײַ אים די געדאַנקען ניט געגאַנגען, און אַלע מאָל ווען ס'איז אין לאַנד געשען אַזוינס, וואָס האָט צערודערט די געמיטער און ער, דער קיניג און כהן־גדול, האָט געדאַרפֿט עפּעס טאָן וועגן דעם, האָט ער זיך אין גאַנצן פֿאַרלאָזט אויף אַנטיפּאַטרוסן, און ער איז געווען צופֿרידן דערפֿון, וואָס ער האָט לעבן זיך אַזאַ מענטשן, וואָס נעמט אַלץ אויף זיך אַזוי גערן...

אויך איצט, ווען די ווײַבער האָבן מיט זייער יאָמער אָנגעפֿילט די גאַסן פֿון ירושלים, האָט הורקנוס געזוכט אַן עצה בײַ אַנטיפּאַטרוסן, און ווען ער איז צוריק פֿונעם הייליקן טעמפּל געקומען, האָט ער זיך אַ מידער אַוועקגעזעצט אויפֿן טראָן און געהייסן איינעם פֿון די באַדינער, ער זאָל צו אים אַרײַנשיקן אַנטי־פּאַטרוסן.

אינעם גרויסן, ברייטן טראָן, וואָס איז אין גאַנצן מיט סאַמעט געווען באַ־שלאָגן, האָט זײַן לאַנגע אויסגעמאָגערטע פֿיגור אויסגעזען נאָך מער אײַנגע־שרומפּן ווי געוויינטלעך. ער איז געזעסן אַן אײַנגעבויגענער, אַ צונויפֿגעדרייטער און די געדיכטע שוואַרצע ברעמען זענען בײַ אים געווען אָנגעכמורעט. אַ זײַ־טיקער מענטש האָט געקענט מיינען, אַז ער איז שטאַרק פֿאַרטיפֿט אין געדאַנקען. אָבער ער האָט מער ווי אַ פֿינטעלע פֿון אַ געדאַנק אין זײַן מוח ניט געהאַט. און ווען אַנטיפּאַטרוס איז אַרײַנגעקומען און האָט זיך טיף פֿאַרנייגט, האָט ער צו אים ביידע הענט אויסגעשטרעקט, און דאָס ערשטע, וואָס ער האָט אים געזאָגט, איז געווען:

— זאָג מיר, אַנטיפּאַטרוס, וואָס איך זאָל טאָן!..גיב מיר, אַנטיפּאַטרוס, אַ קלוגע עצה!..

און עס איז אויסגעקומען מאָדנע, וואָס דער הויכגעוואַקסענער און ברייט־פּלייציקער מענטש בייגט זיך אַזוי פאַר דעם אײַנגעדאַרטן און אײַנגעשרומ־פּענעם מענטשן, וואָס שטרעקט אויס צו אים די הענט און בעט הילף. און פּונקט אַזוי איז אויך אויסגעקומען מאָדנע, וואָס אין דער שטים פון דעם מענטשן, וואָס בויגט זיך, איז פאַראַן אַזוי פיל פעסטקייט און זיכערקייט און אין דער שטים פון דעם מענטשן, וואָס זיצט אויפן טראָן, איז פאַראַן אַזוי פיל שוואַכקייט און אומ־באַהאָלפנקייט...

עפּעס האָט זיך דאָ ניט געקלעפּט...

— דער קיניג דאַרף ניט זײַן אומרואיק — האָט אַנטיפּאַטרוס געזאָגט, געבנדיק זיך אַ גלײַך אויס און אָננעמענדיק אַזאַ פּאָזע, פּונקט ווי ער וואָלט גאָר־ניט געווען דער זעלבער, וואָס האָט זיך פריִער אַזוי טיף געבויגן. — דער קיניג דאַרף ניט זײַן אומרואיק; מיר האָבן די שוץ פון רוים און דאָס וועט אונדז פון אַל דאָס בייז אויסהיטן...

— אָבער דאָס פאָלק מאָנט, דאָס פאָלק פאָדערט, אַז מען זאָל הורדוסן משפּטן פאַרן סנהדרין — האָט הורקונוס געזאָגט, צעשפּרייטנדיק די הענט — אַלע זענען בייז אויף אים, פאַר וואָס ער האָט אים, דעם חזקיה הגלילי, אָן אַ משפּט געגעבן דעם טויט...פאַר וואָס האָט ער אַזוינס געטאָן?..

בײַ אַנטיפּאַטרוסן אַרום די ליפּן האָט זיך אַ שמייכל באַוויזן און דאָס לינקע אויג האָט זיך בײַ אים פאַרמאַכט און זיך באַלד ווידער געעפנט.

— מײַן זון הורדוס — האָט ער געזאָגט — ווייסט ווי זיך צו באַגיין מיט די, וואָס הייבן אויף אַ שווערד קעגן דער מלוכה...און וועגן דעם משפּט פאַרן סנהדרין דאַרף דער קיניג ניט זײַן אומרואיק...

— אָבער וואָס זאָל איך טאָן? — האָט הורקונוס געפרעגט.

— זאָל דער קיניג נאָכגעבן דעם פאַרלאַנג פון די וואָס שרײַען אַצינדער, אַז מ׳זאָל מײַן זון משפּטן פאַרן טויט פון חזקיהן און זײַנע לײַט — האָט אַנטי־פּאַטרוס געענטפערט, אַרויפשפּאַנענדיק מיט פעסטע טריט אויף די טרעפּלעך פונעם טראָן, צוצוקומען נעענטער צום קיניג.

— און וואָס וועט זײַן אויב די ריכטער פון סנהדרין וועלן הורדוסן פאַר־משפּטן צום טויט?.. — האָט דער קיניג געפרעגט.

— דאָס וועלן זיי ניט וואָגן! — האָט אַנטיפּאַטרוס געזאָגט מיט זיכערקייט.

— מײַן זון הורדוס שטייט אונטערן שוץ פון רוים...

מער האָט ער גאָרניט געזאָגט. און ער איז מיט שטילע טריט אַרויס.

און באַלד נאָך דעם ווי אַנטיפּאַטרוס איז אַרויס, איז צום קיניג אַרײַנגעקומען מאַליכוס, און פּונקט ווי אַנטיפּאַטרוס, האָט ער זיך אויך טיף פאַרנייגט.

און געווען איז מאַליכוס איינער פון די אָנגעזעענסטע בײַם קיניג אין הויף. און אַלט איז ער געווען אַ יאָר אַכט און פערציק. און געשטאַמט האָט ער פון גאָר אַ יחוסדיקער משפּחה אין יהודה. און אין די אַלע מלחמות, וואָס די יידן האָבן געפירט קעגן זייערע שונאים אין די לעצטע יאָרן, האָט ער זיך ניט איין מאָל

שטאַרק אויסגעצייכנט. ער איז געווען אַן עלטסטער בײַ די חיילות פֿון יהודה. און אין אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן, האָט ער אַרויסגעוויזן אַ פֿעסטן ווילן. ער האָט זיך פֿאַר קיינעם ניט געשראָקן. אָבער קעגן דעם מעכטיקן אַנטיפּאַטרוס, וואָס האָט אויפֿן קיניג אַזאַ שטאַרקן אײַנפֿלוס געהאַט, איז ער דאָך געווען שוואַך, און דאָס האָט אים שטאַרק פֿאַרדראָסן.

און פֿאַרדראָסן האָט עס אים אַזוי שטאַרק ניט דערפֿאַר, וואָס ער אַליין האָט זיך פֿון דעם געקענט פֿילן באַליידיקט, נאָר דערפֿאַר וואָס ער איז געווען זיכער, אַז אַנטיפּאַטרוס און זײַנע זין זענען אַן אומגליק פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק; עס איז פֿאַר אים געווען קלאָר, אַז דער אײַנפֿלוס פֿון די אדומים וועט ביסלעכווײַז אין גאַנצן אָפּווישן אַלץ, צו וואָס די משפּחה פֿון די חשמונאים האָט אין מלחמות מיט שונאים זיך דערשלאָגן אין פֿאַרלויף פֿון דורות. און כאָטש ער איז געווען איינער פֿון די, וואָס האָבן אים, אַנטיפּאַטרוסן, נאָך מיט יאָרן צוריק גע־האָלפֿן זיך צושלאָגן צום קיניגלעכן הויף, האָט ער זיך די לעצטע צײַט געהאַלטן מיט אים פֿון דער ווײַטנס און בײַ אַ סך געלעגנהייטן אים אָפֿן זײַן שׂנאה אַרויס־געוויזן. ער האָט שטענדיק געזוכט מיטלען ווי אַזוי אים פֿון הויף צו פֿאַרטרײַבן, אָבער אַנטיפּאַטרוסעס מאַכט איז שוין געווען אַזוי שטאַרק, אַז ס'איז שוין אוממעג־לעך געווען זיך צו שטעלן קעגן אים. אַפֿילו דער קיניג אַליין האָט שוין בײַ אים די מאַכט ניט געקענט צונעמען, ווײַל יוליוס צעזאַר אַליין האָט אים שוין הויך דערהויבן און אים געמאַכט פֿאַרן פּראָקוראַטאָר פֿון יהודה.

איצט אָבער, ווען דאָס גאַנצע לאַנד איז אַזוי אויפֿגערודערט געוואָרן פֿון דעם, וואָס ס'איז געשען אין גליל, האָט מאַליכוס געפֿונען אַ געלעגנהייט אָנצו־ווײַזן דעם קיניג נאָך שטאַרקער ווי אַלע מאָל אויף דער גרויסער סכּנה, וואָס האָלט אין קומען, און ער האָט צו אים שאַרפֿע ווערטער גערעדט:

— ביז ווי לאַנג נאָך — האָט ער געזאָגט — וועט דער קיניג דאָס צוזען און שווײַגן? זעסטו דען ניט, אַז אַנטיפּאַטרוס און זײַנע זין האָבן שוין די גאַנצע מלוכה אין זייערע הענט און פֿאַר דיר האָבן זיי איבערגעלאָזט בלויז דעם נאָמען קיניג אַליין? ווייס, אַז דערמיט וואָס די אויגן זענען בײַ דיר פֿאַרבלענדט, שטעלסטו אין דער גרעסטער סכּנה ניט נאָר דײַן אייגן לעבן, נאָר די גאַנצע מלוכה. וואָרעם אַנטיפּאַטרוס און זײַנע זין זענען דיר מער ניט אונטערטעניק, נאָר פֿאַרקערט, זיי זענען די הערשער און נעמען פֿון דיר מער אין גאַנצן קיין באַפֿעלן ניט. און זע! אָן אַ דין און אָן אַ משפּט האָט הורדוס אין גליל אומגע־בראַכט חזקיהון און די אַנדערע, וואָס האָבן זיך אײַנגעשטעלט פֿאַרן פֿאָלק. דער־מיט האָט ער געוויזן, אַז ער רעכנט זיך אין גאַנצן ניט מיט אונדזער תּורה, מיט אונדזערע דינים און משפּטים. מיט דעם האָט ער געוויזן, אַז ער שטעלט זיך העכער פֿונעם סנהדרין. און געדענק אויך, אַז בײַ דיר, דעם קיניג פֿון יהודה און ישׂראל, האָט ער אַפֿילו ניט געהאַלטן פֿאַר נייטיק אָנצופֿרעגן! איז ווי קענסטו אַזוינס פֿאַרשווײַגן? ווי קענסטו פֿאַרשטאָפּן דײַנע אויערן און ניט הערן דאָס געוויין פֿון די אַלמנות און יתומים און דאָס געשריי פֿונעם גאַנצן פֿאָלק?!

מאַליכוס אַליין האָט זיך דאַן שוין געהאַט אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק, אַז ווײַל די געמיטער זענען איצט אַזוי צערודערט, וואָלט מען אפֿשר גאָר געקענט

אַרויסרופֿן אַ באַוואָפֿנטן אויפֿשטאַנד און אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך דעם יאָך פֿון רוים און אויך די ערשאַפֿט פֿון דער אַנטיפּאַטרוס־משפחה, וואָס רוים האָט אַזוי הויך דערהויבן. אָבער ער האָט דאָך געוואָלט אויסמײַדן בלוט־פֿאַרגיסונג אין לאַנד און דערפֿאַר איז ער צום קיניג הורקונוס געקומען און האָט צו אים מיט אַזאַ זיכערקייט גערעדט.

— אָבער צו וואָס, מאַליכוס, גאַר שרײַען אַזוי הויך? — האָט דער קיניג זיך ווי געבעטן בײַ אים. — צו וואָס? מען וועט הורדוסן ברענגען צום משפּט פֿאַרן סנהדרין... מען וועט אים זיכער ברענגען...

אַוועק פֿונעם קיניג איז מאַליכוס מיט אַ שווער געמיט, און אויפֿן וועג אַהיים האָט ער שוין ווידער געטראַכט, אַז עס וואָלט אפֿשר דאָך געווען גוט אויסצונוצן די שעה און אַרויסרופֿן אַ באַוואָפֿנטן אויפֿשטאַנד אין לאַנד. אָבער ער האָט דאָך באַשלאָסן צו וואַרטן ביז מען וועט הורדוסן ברענגען פֿאַרן סנהדרין...

און אין דער צײַט ווען מאַליכוס האָט געוואַרט, איז מען אין קיניגלעכן הויף גאַנצע טעג געווען פֿאַרנומען זוכנדיק מיטלען צו העלפֿן הורדוסן זיך אַרויס־צודרייען פֿון דער גרויסער סכּנה. אַלכּסנדרה, מרימס מוטער, איז געווען זייער אומרואיק; זי האָט ניט געוואָלט, אַז מען זאָל הורדוסן טאָן שלעכטס; דער טרוים פֿון איר לעבן איז געווען, אַז איר טאָכטער זאָל חתונה האָבן מיט דעם מענטשן, וואָס האַלט איצט אין שטײַגן אַלץ העכער און העכער; זי איז געווען זיכער, אַז ענדיקן וועלן זיך די רײַסערײַען דערמיט, וואָס הורדוס וועט ווערן דער קיניג פֿון יהודה, און דאַן וועט דאָך מרים זײַן די קיניגין, און זי אַליין, די מוטער פֿון מרימען, וועט אויך האָבן וואָס צו זאָגן אין דער מלוכה...

זי איז אין אַלץ געווען זייער אויסגערעכנט, מרימס מוטער אַלכּסנדרה. זי איז אין כאַראַקטער אין גאַנצן ניט געווען געראָטן אין איר פֿאָטער, דעם קיניג הורקונוס, וואָס האָט זיך שטענדיק פֿאַר עפּעס אָדער פֿאַר עמעצן געשראָקן; זי האָט געהאַט אַ שטאַרקן ווילן און ווען נאָר עס איז געווען נייטיק, האָט זי געקענט פֿעסט באַשטיין דערויף, אַז עס זאָל זײַן אַזוי ווי זי וויל. דערצו האָט זי נאָך שוין אַ ביסעלע צו פֿיל געוואוסט, אַז זי איז אַ שיינע און אַז זי קען באַצויבערן די קליגסטע מאַנספּאַרשוינען מיט איר שיינקייט און אויך מיט איר קלוגשאַפֿט...

זי האָט ניט געטראַכט פֿון דעם, וואָס הורדוס איז ניט ווייניק שולדיק אין דעם, וואָס די ערשטער פֿון רוים האָבן איר מאַן אַלכּסנדר געמשפּט ווי אַ ווידער־שפּעניקער און אים אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ ווי אַ פּשוטן פֿאַרברעכער. זי האָט אַלכּסנדרן אין דער אמתן גאַר קיין מאָל ניט ליב געהאַט און געוואָרן זײַן ווײַב איז זי, ווײַל אַזוי איז געווען דער ווילן פֿון איר פֿאָטער און מוטער. זי איז דעמאָלט כּמעט נאָך אַ קינד געווען. אין גאַנצן איז זי דאַן אַלט געווען ניט מער ווי פֿופֿצן יאָר. און באַלד נאָך דעם ווי זי איז זײַן ווײַב געוואָרן, האָבן זיך אין לאַנד ווידער אָנגעהויבן מלחמות און מלחמות, וואָס האָבן גאָר קיין מאָל קיין סוף ניט געהאַט, און צווישן די אַלע מלחמות איז די נשמה בײַ איר אַזוי צעריסן געוואָרן, אַז זי האָט קיין מאָל ניט געקענט וויסן קלאָר, וואָס זי פֿילט און מיט וועמען זי האַלט. עס איז אַלע מאָל אויסגעקומען אַזוי, אַז פֿון איין זײַט איז הורקונוס געשטאַנען מיט זײַנע חיילות און פֿון דער אַנדער זײַט איז געשטאַנען זײַן ברודער אַריסטובולוס

מיט זײַנע חיילות. הורקונוס איז געווען איר פֿאָטער, און אַריסטובולוס האָט איר אָנגעקערט אַ שווער... איר מאַן, אַלכסנדר, האָט געהאַלטן מיטן טאַטן און זיך געשלאָגן קעגן הורקונוסן, וואָס איז געווען זײַן שווער און איר פֿאָטער; און זי אַליין איז אין דעם צעריסן געוואָרן און האָט אַליין ניט געוואוסט מיט וועמען זי זאָל האַלטן און אויף וועמעס צד זי זאָל שטיין, ווײַל וואָס זי האָט געטאָן, איז געווען ניט גוט; ווען זי האָט געהאַלטן מיטן פֿאָטער, איז אויסגעקומען, אַז זי איז קעגן דעם אייגענעם מאַן און קעגן איר שווער, און ווען זי האָט געהאַלטן מיטן מאַן און מיטן שווער, איז אויסגעקומען, אַז זי איז קעגן איר אייגענעם פֿאָטער...

דאָס האָט אויף איר אַזוי געווירקט, אַז שפּעטער, ווען זי איז עלטער געוואָרן, האָט זי זיך אין גאַנצן פֿאַרטאָן אין זיך. קיין געמיינהייט, קיין רציחה האָט זי מער ניט איבערראַשט; זי האָט אויף אַלץ געקוקט ווי אויף אַ גאַנץ געוויינטלעכער זאַך, און עס איז שוין בײַ איר קיין נײַס ניט געווען, אַז מענטשן, וואָס ווילן שטײַגן הויך, זאָלן אָפּראַמען פֿון וועג די אַלע אַנדערע, וואָס שטערן זיי אין דעם...

מיטן לעבן פֿון פֿאָלק איז זי ניט געווען באַקאַנט, ווײַל דאָס אייגענע לעבן אירס איז אַוועק אין קיניגלעכע הייפֿן און זי האָט קיין מאָל פֿון קיין נויט ניט געוואוסט. דער גאַנצער קאַמף פֿאַר פֿרײַהייט אין לאַנד איז איר אין דער אמתן גאָרניט אָנגעגאַנגען, און דער מוסטער פֿון אַ פֿרוי, וואָס רופֿט אַרויס גרויס אַכטונג צו זיך, איז בײַ איר געווען קלעאָפּאַטרע, די קיניגין פֿון מצרים. זי האָט שטאַרק מקנא געווען יענער דערמיט, וואָס זי איז איצט די געליבטע פֿון דעם רוימישן צעזאַר. און ניט איין מאָל האָט זי געטראַכט, אַז ווען זי אַליין וואָלט איצט געווען יינגער, וואָלט זי פֿאַר זיך אויך אויסגעקליבן איינעם פֿון די מעכטיקע לײַט, וואָס מע האָט אַהער פֿון רוים אַרײַנגעשיקט און דאַן וואָלט זי אפֿשר אין יהודה די גאַנצע מלוכה געפֿירט...

איבער דעם וואָס זי איז שוין מער ניט געווען אַזוי יונג, האָט זי דורך דער טאָכטער געוואָלט געווינען מאַכט פֿאַר זיך. און ווען זי האָט דערהערט, אַז מע וועט הורדוסן דאָך שטעלן צום משפט פֿאַרן סנהדרין, האָט זי געשיקט רופֿן צו זיך זײַן פֿאָטער אַנטיפּאַטרוס זיך דורכצורעדן מיט אים וועגן דעם.

— איך ווייס, אַז אויף דיר, אַנטיפּאַטרוס, קען מען זיך פֿאַרלאָזן — האָט זי געזאָגט, שמייכלענדיק צו אים אַזוי ליבלעך ווי זי האָט נאָר געקענט, — אָבער הער זיך דאָך צו צו מײַן עצה, וואָרעם פּונקט ווי אויף דיר, קען מען זיך אויף מיר אויך פֿאַרלאָזן זייער גוט.

— איך בין גרייט צו הערן — האָט אַנטיפּאַטרוס העפֿלעך זיך פֿאַרנייגט.

— איז זאָל דער פּראָקוראַטאָר פֿון יהודה זיך אַוועקזעצן לעבן מיר — האָט זי אים נעענטער צו זיך צוגערופֿן. — און הער: איידער הורדוס וועט קומען אַהער צום משפּט פֿאַרן סנהדרין, זאָל ער זיך פֿריִער זען וועגן דעם מיט סעקסטוס־צעזאַר, דעם פּראָקוראַטאָר פֿון רוים אין סיריע... דאָ אין ירושלים מוזן אַלע ווייסן, אַז די רוימישע מאַכט וועט ניט דערלאָזן דערצו, אַז מ׳זאָל דײַן זון הורדוסן טאָן שלעכטס...

אויף אַנטיפּאַטרוסעס פּנים האָט זיך אַ שמייכל באַוויזן.

— ניט־צונויפֿרעדנדיק זיך, זענען מיר ביידע אויף דעם זעלבן געדאַנק געפֿאַלן — האָט ער געזאָגט — איך האָב שוין צו מײַן זון אַוועקגעשיקט אַ שליח קיין גליל. איך האָב מיטן שליח אַ פֿאַרזיגלטע שריפֿט צוגעשיקט, ער זאָל זיך ניט אָפּזאָגן פֿון קומען אַהער צום משפט פֿאַרן סנהדרין, אָבער איידער ער וועט קומען, זאָל ער זיך זען מיטן רוימישן פּראָקוראַטאָר פֿון סיריע און אים איבער־געבן ווי ס'האַלט דאָ אין ירושלים...

אַנטיפּאַטרוס האָט דעמאָלט אַלכּסנדרהן דאָך ניט אַלץ דערציילט; אין דער פֿאַרזיגלטער שריפֿט, וואָס ער האָט מיט אַ שליח אַרויסגעשיקט צו הורדוסן, האָט ער אים געשריבן, אַז ער אַליין טאָר איצט ניט מאַכן קיין איין שריט, וואָס קען נאָך מער אַרויסרופֿן דעם צאָרן פֿון פֿאָלק; עס דאַרף הייסן, אַז ער וואַרפֿט זיך אונטער דעם ווילן פֿון קיניג און קומט קיין ירושלים צום משפט פֿאַרן סנהדרין; אין דער זעלבער צײַט אָבער דאַרף די רוימישע מאַכט וואָרענען דעם קיניג און כּהן־גדול הורקנוס, אַז אויב די ריכטער פֿון סנהדרין וועלן אַרויסטראָגן אַ פּסק, אַז הורדוס איז שולדיק און זיי וועלן אים פֿאַרמשפּטן צום טויט, אָדער אים פֿאַרשפּאַרן אין געפֿענקעניש, וועט רום האַלטן הורקנוסן פֿאַראַנטוואָרטלעך דערפֿאַר און וועט שיקן אירע חיילות אויף ירושלים...

אין דער זעלבער פֿאַרזיגלטער שריפֿט האָט ער אים אויך געשריבן, אַז קומען קיין ירושלים זאָל ער ניט אַליין, נאָר מיט די בעסטע און געטרײַסטע פֿון זײַנע באַוואָפֿנטע זעלנער...

אויך זײַן זון פֿאַזאַעל, וואָס איז דאַן געווען דער עלטסטער פֿון די חיילות אין ירושלים, האָט אַנטיפּאַטרוס צוגעגרייט צו דעם, וואָס ס'וועט דאַרפֿן געשען אין גיכן. ער האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל די חיילות אין שטאָט האַלטן גרייט און אַז ווען ס'וועט נאָר זײַן נייטיק, זאָל ער זיי אַרויסרופֿן... אַפֿילו זײַנע יינגערע צוויי זין, יוסף און פֿעראָרי, האָט דער אַלטער אַנטיפּאַטרוס דעמאָלט צוגעצויגן צו דעם, וואָס ער האָט צוגעגרייט זיך צו באַוואָרענען פֿון דעם וואָס ס'קען געשען.

— איר זאָלט וויסן, מײַנע קינדער — האָט ער צו זיי גערעדט, אַזוי ווי ער וואָלט געציילט די ווערטער — איר זאָלט וויסן, מײַנע קינדער, אַז נאָך קיין מאָל זענען מיר ניט געווען אין אַזאַ סכּנה ווי אַצינד. דאָס גאַנצע לאַנד איז שטאַרק צערודערט. דער צאָרן פֿון פֿאָלק איז זייער גרויס. די אַלע מענטשן, וואָס זענען אין הויף שטענדיק געווען קעגן מיר און קעגן אונדזער גאַנצער משפּחה, האָבן איצט די קעפּ אויפֿגעהויבן...

ער איז געווען זייער אומרואיק, דער אַלטער אַנטיפּאַטרוס. און מער ווי פֿאַר אַלץ האָט ער זיך געשראָקן, אַז הורדוס אַליין זאָל איצט אין זײַן צאָרן נאָך ניט טאָן אַזאַ זאַך, וואָס קען נאָך מער צערודערן דאָס פֿאָלק. דערפֿאַר האָט ער צו אים אין דעם זעלבן טאָג אַוועקגעשיקט קיין גליל נאָך אַ שליח מיט אַ וואָ־רענונג, אַז ער זאָל צוימען זײַן צאָרן און ער זאָל געדענקען, אַז מע טאָר איצט ניט אויפֿרודערן דאָס פֿאָלק אין יהודה, פּונקט ווי מע טאָר ניט פֿאַרלירן דעם חן אין די אויגן פֿון רום...

און ער האָט טאַקע ווירקלעך געגלויבט, דער אַלטער אַנטיפּאַטרוס, אַז די לאַגע אין יהודה איז איצט אַזאַ, אַז פֿאַרן וואוילזײַן פֿון לאַנד איז זייער וויכטיק

ניט צו פֿאַרלירן דעם חן אין די אויגן פֿון רוים. עס איז בײַ אים גאָר קיין ספֿק ניט געווען, אַז אויב מע וועט זיך אָפּקערן פֿון דעם וועג, אויף וועלכן ער פֿירט די גאַנצע צײַט און מע וועט ניט אויסקומען מיט רוים, וואָס פֿאַרשפּרייט איר מאַכט אומעטום און זי מאַכט אונטערטעניק צו זיך אַזוי פֿיל פֿעלקער און מדינות, קען נאָך אפֿשר קומען אַ חורבן, וואָס וועט אין גאַנצן אָפּווישן די געדעכעניש פֿון יהודה. ער האָט וועגן דעם אַ סך געטראַכט. ער האָט דערפֿון אָפֿט גערעדט מיט די, וואָס זענען אים געווען נאָענט, און געווײנטלעך האָט ער דערבײַ אַלע מאָל אויסגעדריקט זײַן פֿאַרדרוס:

— גראָד די, וואָס האַלטן זיך פֿאַר די געטרײַע זין פֿון פֿאָלק, פֿאַרשטייען דאָס ניט... און אויף מיר און אויף מײַנע זין קוקן זיי קרום, ווי מיר וואָלטן גאָר קיין ייִדן ניט געווען... זיי רופֿן אונדז נאָך אַלץ אדומים...

ג

די גאַנצע שטאָט האָט געקאָכט. די גאַסן און די געמאַרקן פֿון ירושלים זענען גאַנצע טעג ביז שפּעט אין דער נאַכט געווען פֿול מיט מענטשן, און אַלע האָבן גערעדט וועגן דעם, וואָס מע ברענגט הורדוסן צום משפּט פֿאַרן סנהדרין.

— עס קומט אים דער טויט! — האָט זיך געקאָכט אַ ייִד מיט אַ לאַנגער באָרד, שטייענדיק אין אַ רעדל מיט מענטשן, וואָס האָבן זיך צו אים צוגעהערט — עס קומט אים דער טויט!

אַלע האָבן דעם ייִדן געקענט. ער איז געווען אַ שטילער, אַ גאָטספֿאָרכטיקער מענטש און ער האָט זיך קיין מאָל ניט געמישט אין דעם קריג, וואָס איז פֿאַרגעקומען אין לאַנד. דעם גרעסטן טייל פֿון זײַן לעבן האָט ער געפּאַשעט שאָף אין פֿעלד און ער איז צו פֿעלד און וואַלד געווען צוגעבונדן מער ווי צו מענטשן. ער האָט קיין מאָל קיין סך ניט גערעדט און ניט געהאַט צו וועמען צו רעדן, ווײַל ער איז גאַנצע טעג געווען אין פֿעלד מיט די שאָף. ער האָט אין פֿעלד שטענדיק די אויגן געהאַלטן אָפֿן און דאָס מויל פֿאַרמאַכט; און אויב ער האָט שוין יאָ אַ מאָל דאָס מויל געעפֿנט, איז דאָס געווען ניט צו רעדן, נאָר צו זינגען אַ ליד — איינע פֿון די פּאַסטוך־לידער, וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט און וואָס נאָך אַ סך אַנדערע פּאַסטעכער אין יהודה האָבן אָפֿט אויף די בערג און טאָלן געזונגען.

איצט אָבער האָט ער מער ניט געקענט שווײַגן, און שטייענדיק אין געזעמל מיט מענטשן, האָט ער אין דער הויך געטרייסלט דעם פּאַסטוך־שטעקן און האָט געשריגן אויפֿן קול:

— עס קומט אים דער טויט!

און אַלע אַרום האָבן געהאַלטן מיט אים, און אַלע מאָל האָט אַן אַנדערער זײַן קול אויפֿגעהויבן און געשריגן איבער די קעפּ פֿון די, וואָס זענען אין רעדל געשטאַנען:

— גענוג האָבן מיר פֿון דער אַנטיפּאַטרוס־משפּחה געליטן!
— זיי זענען אַ קללה פֿאַרן גאַנצן ייִדישן פֿאָלק!
— חזקיהס בלוט שרייט צו אונדז פֿון קבֿר!
— הורדוס האָט דעם כּבֿוד פֿון אונדזער תּורה פֿאַרשוועכט!

בײַם בית־המקדש, אויפֿן הר־הזיתים און אויך אויף די וועגן, וואָס האָבן געפֿירט קיין בית־לחם, קיין חבֿרון, קיין באר־שבֿע, קיין לוד און אין אַנדערע נאָענטע און ווײַטע שטעט, האָבן זיך מיט אַ מאָל געגומען ווײַזן ייִדן מיט באַוואַקסענע פּנימער און מיט לאַנגע פּאָלעס, וואָס האָבן דערגרייכט ביז צו דער ערד. קיינער האָט ניט געוואוסט ווער זיי זענען און פֿון וואַנען זיי האָבן זיך גענומען; מ׳האָט נאָר געזען ווי אַלע מאָל שטעלט זיך איינער פֿון זיי אַוועק אויף עפּעס אין דער הויך, הייבט אויף די הענט, פֿון וואַנען די לאַנגע אַרבל גליטשן זיך אַרונטער, און ער נעמט זאָגן מוסר דעם פֿאָלק:

— ביז ווי לאַנג נאָך וועט איר דאָס לײַדן, קינדער פֿון ישׂראל? גרויס וועט זײַן גאָטס צאָרן, אויב איר וועט זיך אַצינדער ניט אָננעמען פֿאַרן כּבֿוד פֿון זײַן הייליקער תּורה! גלײַכט אויס אײַערע רוקנס, איר קינדער פֿון ישׂראל, און וואַרפֿט אַראָפּ פֿון זיך דעם שווערן יאָך!

און אַן אַנדערער פֿון די, וואָס מיט די לאַנגע פּאָלעס און גרויסע בערד, האָט אויפֿן קול געקלאָגט, אויסרעכענענדיק הורדוסעס רציחות:

— אונדזערע קינדער האָט ער געמאַכט פֿאַר יתומים און אונדזערע טעכטער פֿאַר אַלמנות!

— אונדזערע בעסטע זין האָט ער פֿון דער וועלט אומגעבראַכט און די גיבורים, וואָס האָבן זיך פֿאַר דער פֿרײַהייט פֿון אונדזער פֿאָלק געשלאָגן, האָט ער אָן רחמנות פֿאַרטיליקט!

— און טיף ווי דער ים איז דער בראָך פֿון יהודה און הויך ווי די בערג איז דער אומגליק פֿון ישׂראל!

— קלאָגט און וויינט, איר טעכטער פֿון ציון, און שפּאַלט די הימלען מיט אײַער געוויין!

— אײַערע קעפּ באַדעקט מיט אַש און רײַסט אויף זיך די קליידער!

— און וויי איז צו די, וואָס באַנעמען ניט ווי גרויס עס איז איצט דער אומגליק!

— און ווינד און וויי איז צו די, וואָס פֿילן ניט די שאַנד!

דער ווייטיק פֿונעם גאַנצן ייִדישן פֿאָלק האָט פֿון דעם איינעם ייִדן אַרויסגעשריגן און אומעטום האָט זיך געקאָכט און געטומלט מיט הורדוסן, און ווען עס איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז דאָס איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי דער קיניג הורקונוס אַליין, וואָס האָט אַרויסגערופֿן הורדוסן צו קומען קיין ירושלים און זיך שטעלן צום משפּט פֿאַרן סנהדרין, האָבן מענטשן אים אַלע טאָג אַרומגערינגלט, ווען ער האָט זיך אין גאַס באַוויזן, אָדער ווען ער איז צום הייליקן טעמפּל געגאַנגען. אַלע האָבן אים געדאַנקט דערפֿאַר, וואָס ער האָט איצט אַזאַ מוט אַרויסגעוויזן; זיי האָבן אים דערפֿאַר גרויס כּבֿוד אָפּגעגעבן און וואוהין ער איז נאָר געגאַנגען, האָבן זיי אים באַגלייט, און פֿון אַלע זײַטן האָבן זיך געטראָגן קולות:

— לעבן זאָל הורקונוס!
— לעבן זאָל אונדזער קיניג!
— אונדזער קיניג פֿון די חשמונאים!

און דער אַלטער הורקונוס האָט זיך שוין טאַקע געהאַט אָנגעהויבן איבנרעדן, אַז דאָס איז געווען זײַן ווילן צו ברענגען הורדוסן צום משפט און ער האָט שוין אַפֿילו געפּרוּווט מאַכן דעם אָנשטעל, אַז ער איז טאַקע זייער בייז אויף אַנטי־פּאַטרוסן, אויף הורדוסן און אויף די אַנדערע פֿון דער משפּחה...

אין הויף איז מען געווען זייער אומרואיק פֿון דעם, וואָס ס'טוט זיך אין די גאַסן און אויף די געמאַרקן פֿון ירושלים, און אויך פֿון דעם, וואָס עס קומט פֿאָר אין די אַנדערע שטעט אין לאַנד. עס האָבן זיך אין הויף געשאַפֿן צדדים און פּונקט ווי עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן וועגן דעם גערעדט אין דער הויף, אַזוי זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך וועגן דעם געשושקעט שטילערהייט. הויפֿלײַט האָבן חושד געווען איינער דעם אַנדערן און אין געהיים האָט מען איינע קעגן די אַנדערע פֿאַרשיידנערליי פֿאַרשווערונגען געמאַכט. און הורדוסעס נאָמען איז בײַ זיי אַלע געווען אויף די ליפּן. אַלע האָבן דאָרט וועגן אים גערעדט. די מורא פֿאַר אים האָט זיך אין דער לופֿט געטראָגן אַפֿילו פֿאַר די, וואָס זענען געשטאַנען אויף זײַן זײַט. און פּונקט אין אַזאַ צײַט האָט מרים אין הויף דאָס ערשטע מאָל דערהערט, אַז מע וויל זי אָוועקגעבן הורדוסן פֿאַר אַ ווײַב...

אין גאַנצן איז מרים דאַן אַלט געווען ניט מער ווי אַ יאָר זעכצן. אָבער אויסגעזען האָט זי שוין ווי אַ מיידל פֿון אַ יאָר אַכצן. זי איז געווען הויך געוואַקסן און אין איר שיינקייט האָט זי צו זיך ניט געהאַט קיין גלײַכן אין גאַנצן לאַנד. די האָר פֿונעם קאָפּ זענען בײַ איר געווען פּעך־שוואַרצע און אויגן האָט זי געהאַט אַש־גרויע, און דאָס האָט צוגעגעבן איר איידל פּנים אַ שפּיל אין פֿאַרבן, וואָס האָט אין זיך געהאַט גאָר אַ באַזונדער מין רייץ.

ווען נאָר עמעצער האָט זי אין הויף דאָס ערשטע מאָל דערזען, האָט ער געמוזט בלײַבן שטיין אַ פֿאַרגאַפֿטער.

זי האָט מיט איר שיינקייט אַלעמען איבערראַשט.
זי האָט מיט איר חן אַלעמען פֿאַרכּישופֿט.
און שלאַנק איז זי געווען אין איר שטעל.
און צוגעצויגן צו זיך אַלעמענס בליקן האָט זי מיט איר גאַנג.
און יעדער שמייכל אירער האָט אין זיך געהאַט אַ וועלט מיט חן.
און יעדער בליק פֿון אירע אויגן האָט אָנגעפֿילט דאָס האַרץ מיט פֿרייד.

און ניט איינער אין דער שטאָט ירושלים האָט מיט אַ טיפֿער בענקשאַפֿט אין האַרצן וועגן איר געטרוימט און אין דער שטיל דאָס געזאַנג פֿון אַלע געזאַנגען געזונגען:

שיין ביסטו, געליבטע מײַנע,
צו דיר קיין גלײַכן איז ניטאָ.

דײַן קאָפּ אויף דיר איז ווי דער כּרמל
און דײַנע בריסט ווי הענגלעך טרויבן צוויי.

האָניקזאַפּט טריפֿן דײַנע ליפּן, באַשערטע מײַנע,
האָניק און מילך איז אונטער דײַן צונג.

אַ פֿאַרשלאָסענער גאָרטן ביסטו, מײַן שיינע;
אַ פֿאַרזיגלטער קוואַל ביסטו פֿאַר מיר.

ווי שיין און זיס דו ביסט, באַגערטע מײַנע,
צווישן אַלע טעכטער אָרום ביסטו אַ בלום צווישן דערנער.

און מרים איז אין הויף טאַקע געווען ווי אַ בלום צווישן דערנער.

זי איז אין דער טבֿע געווען זייער אַן איידעלע. אַן איידעלע און אַ שטאָלצע. פֿון איר זיידן אַריסטובולוס און איר פֿאָטער אַלכּסנדר, וועלכע זענען ביידע אומגעקומען אין דעם קריג קעגן די שונאים פֿון יהודה און ישׂראל, האָט זי אָט דעם חשמונאים־שטאָלץ געירשנט. דעם אַנדערן זיידן אירן, דעם קיניג הורקונוס, האָט זי ניט ליב געהאַט. וואָרעם כאָטש זי איז נאָך געווען אַזוי יונג און האָט נאָך ניט אַלץ געקענט מיטן שׂכל באַנעמען, האָט זי דאָס מיטן חוש דערפֿילט און ס׳איז איר ניט געווען צום האַרצן, וואָס דער קיניג הורקונוס טוט אַלץ וואָס אַנטיפּאַטרוס הייסט אים...

זי האָט אים ניט ליב געהאַט, דעם אַנטיפּאַטרוסן, און אַלע מאָל ווען ער האָט זיך אין הויף פֿאַר איר פֿאַרנייגט, איז זי מיט אַ געהויבענעם קאָפּ אַוועק ווײַטער און זיך אַפֿילו ניט אומגעקוקט אויף אים...

אויך צו דער מוטער האָט זי ניט געהאַט קיין וואָרעמען געפֿיל איבער דעם, וואָס יענע פֿאַרהאַלט זיך אַזוי גוט צו אַנטיפּאַטרוסן און זײַן משפּחה. און ווען נאָר די מוטער האָט זי צו זיך צוגערופֿן און אָנגעהויבן רעדן מיט איר, האָט זי די אויגן צו דער ערד אַרונטערגעלאָזט. זי האָט דער מוטער גלײַך אין די אויגן ניט געקענט קוקן...

***

מרים האָט זיך אין הויף שטענדיק געפֿילט עלנט, ווי זי וואָלט דאָרט געווען אַ פֿרעמדע. דער איינציקער מענטש, וואָס איז איר אין הויף יאָ געווען נאָענט, איז געווען איר ברודער אַריסטובולוס, וועלכער איז געווען מיט איין יאָר ייִנגער פֿון איר. מיט אים האָט זי געקענט רעדן, פֿאַר אים האָט זי זיך אָפֿט געקלאָגט. און ער, אַ שיין ייִנגל, ווען אַלע האָבן געבאַלעוועט, האָט זי אַלע מאָל געטרייסט אויף זײַן ייִנגלשן שטייגער:

— ווען איך וועל אויסוואַקסן, ווען איך וועל ווערן אַ גרויסער, וועל איך נעמען נקמה פֿון די אַלע מענטשן, וואָס זענען שולדיק אין אונדזער פֿאָטערס טויט!..

און זאָגנדיק דאָס, האָט ער דאָס קליינע שווערדל אין דער הויך אויפֿגעהויבן און אָנגענומען אַ פּאָזע פֿון אַ גרויסן העלד...

אין אַזעלכע פֿאַלן האָט מרים אַלע מאָל אויפֿן קול געלאַכט און דאָס האַרץ האָט זיך בײַ איר שטאַרק געפֿרייט. און איין מאָל, ווען זי האָט אַזוי געלאַכט און זיך געפֿרייט, קוקנדיק אויף דער העלדישער פּאָזע, וואָס איר ברודערל אַריסטובולוס האָט אָנגענומען, האָט די מוטער זי אַרײַנגערופֿן צו זיך.

אין איין אויגנבליק איז די פֿרייד פֿאַרשוואונדן און דאָס געלעכטער איז ווי אָפּגעהאַקט געוואָרן. מרים האָט זיך ניט גערן געלאָזט גיין צו דער מוטער. און ווען זי איז אַרײַנגעקומען צו איר, איז זי געבליבן שטיין מיט אַ געבויגענעם קאָפּ.

— דו האָסט מיך גערופֿן, מוטער?

— יאָ, איך האָב דיך גערופֿן, טאָכטער.

אינעם גרויסן חדר איז געווען האַלב טונקל. פֿון דרויסן האָט דורך די פֿענצטער אַרײַנגעקוקט אַ גרויער טאָג, וואָס האָט שוין געהאַלטן אין פֿאַרגיין. פֿון די דיקע ווענט אין הויף האָט עפּעס אַ מוראַדיקע שווערקייט זיך געטראָגן, און דער ריח פֿון בשׂמים און זאַלבן האָט שוין אַ ביסל צו פֿיל און צו שאַרף אין דער נאָז געשלאָגן...

אַ באַדינער איז שטיל אַרײַנגעקומען, האָט אַלע ליכט אָנגעצונדן און איז באַלד אַרויס. און ערשט נאָך דעם ווי ס'איז אין צימער געוואָרן זייער ליכטיק, האָט מרים די אויגן אויפֿגעהויבן. אָבער געקוקט האָט זי ניט אויף דער מוטער, נאָר אויף די ליכט, וואָס האָבן געברענט...

— איך וויל דיר אָנזאָגן אַ גרויסע בשׂורה, מײַן טאָכטער — האָט אַלכּסנדרה אָנגעהויבן — מאָרגן וועלן מיר דאָ האָבן אַ גאַסט, אַ גרויסן גאַסט, זייער אַ געהויבענעם...

— און ווער איז ער, דער גאַסט, מוטער? — האָט מרים געפֿרעגט.

— הורדוס. — האָט אַלכּסנדרה געענטפֿערט, און צוציִענדיק מרימען צו זיך, האָט זי מיט דער האַנט געגלעט איר קאָפּ.

— הורדוס? — האָט מרים איבערגעפֿרעגט — ער קומט צום משפּט פֿאַרן סנהדרין?

— יאָ, ער קומט צום משפּט. אָבער ניט וועגן דעם, טאָכטער, האָב איך דיך אַרײַנגערופֿן. איך וויל דיר זאָגן, אַז הורדוס האָט דיך פֿאַר זײַן אויסדערוויילטער געמאַכט. ער וועט דיך נעמען פֿאַר אַ ווײַב, און דער קיניג און איך האָבן אים שוין אונדזער ברכה דערויף געגעבן...

— אָבער איך וויל אים ניט! — האָט מרים אויסגעשריגן מיט כּעס. און אַליין ניט באַמערקט ווי זי האָט דערבײַ אַפֿילו אַ טופּע געטאָן מיטן פֿוס.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס אַלכּסנדרה האָט געזען איר טאָכטער אַזאַ בייזע. און זי האָט אָנגעהויבן לאַכן:

— דו ביסט נאָך אַ קינד, טאָכטער מײַנע, און דו פֿאַרשטייסט ניט. הורדוס איז איצטער דער באַרימטסטער מאַן אין יהודה... ער איז געבוירן געוואָרן פֿאַר גרויסע זאַכן... ער וועט שטײַגן אַלץ העכער און העכער... ער איז אַ העלד, אַ גיבור. דער גרעסטער גיבור איצט בײַ די ייִדן. קיינער איז צו אים ניט גלײַך אין גבֿורה, קיינער האָט ניט אַזוי פֿיל מוט. ער איז יונג, שיין און קרעפֿטיק. דער בעסטער מיט פֿײַל און בויגן אין פֿעלד. אַזאַ מאַן ווי ער איז פֿאַר דער שענסטער בת־מלכּה אַ גליק...

— אָבער איך וויל אים ניט! — האָט מרים מיט כּעס ווידער דעם זעלבן ענטפֿער געגעבן.

— פֿאַר וואָס? — האָט אַלכּסנדרה געוואָלט וויסן — פֿאַר וואָס ווילסטו אים ניט, טאָכטער מײַנע?

מרים האָט דערויף ניט געענטפֿערט באַלד. זי האָט לאַנג געקוקט אין דער ווײַט און געהאַלטן דאָס מויל געשלאָסן. דער קאָפּ איז בײַ איר געווען אַ ביסל אָנגעבויגן אַן אַ זײַט. און נאָך דעם האָט זי זיך מיט אַ מאָל געגעבן אַ גלײַך אויס אַזוי, אַז די מיידלש־צײַטיקע בריסטן האָבן זיך פֿון הינטערן ווײַסן זײַדנס נאָך מער אַרויסגעקײַלעכט און קוקנדיק דער מוטער גלײַך אין די אויגן, האָט זי געזאָגט:

— איך וויל אים ניט, ווײַל ער איז אַ מערדער!..

— אַ מערדער? — האָט אַלכּסנדרה געלאַכט מיט אַ געמאַכט געלעכטערל — ועמען האָט ער דען דערהרגעט?

— חזקיהן... — האָט מרים געענטפֿערט — חזקיה הגלילי!..

— און דאָס רירט אָן דײַן האַרץ — האָט אַלכּסנדרה מיט אַ געמאַכטער בייזקייט געזאָגט. — ווער איז ער דען דער חזקיה הגלילי? אַ ווידערשפּעניקער... ער האָט אויפֿגעהויבן אַ שווערד קעגן קיניג, קעגן די רוימער, וואָס באַשיצן אונדז... ער איז אַרויס אין אַ מלחמה קעגן אונדז אַלע... קעגן מיר, קעגן דיר, קעגן דײַן ברודער...

ווי זי וואָלט ניט געווען אין גאַנצן זיכער, צי זי דאַרף טאַקע ענטפֿערן דערויף אַזוי ווי זי וויל, האָט מרים אַ קורצע ווײַל געשוויגן, אָבער באַלד האָט זי ווידער אָנגעהויבן רעדן צו דער מוטער מיט אַ סך זיכערקייט אין זיך:

— ניין! — האָט זי געגעבן אַ זאָג — חזקיה הגלילי איז ניט געווען קיין ווידערשפּעניקער; ער האָט זיך געשלאָגן און אַוועקגעגעבן דאָס לעבן פֿאַרן פֿאָלק, פֿאַרן לאַנד. פּונקט אַזוי ווי מײַן זיידע אַריסטובולוס און ווי מײַן פֿאָטער אַלכּסנדר...

זאָגנדיק דאָס, האָט מרים דער מוטער שאַרף אין די אויגן אַרײַנגעקוקט. און ווען אַלכּסנדרה האָט אַזוי שנעל ניט געענטפֿערט, האָט די טאָכטער געפֿונען נאָך ווערטער אויסצודריקן דאָס זעלבע, וואָס זי האָט שוין געזאָגט:

— יאָ, מוטער — האָט זי יעדער וואָרט אַרויסגעבראַכט נאָך קלאָרער ווי פֿריִער — חזקיה הגלילי האָט זיך געשלאָגן פֿאַר דער זעלבער זאַך, וואָס די בעסטע פֿון אונדזערע אין דער חשמונאים־משפּחה האָבן זיך געשלאָגן. זענען זיי אפֿשר אויך געווען ווידערשפּעניקער?..

אַלכּסנדרה איז געווען שטאַרק איבערראַשט דערפֿון, וואָס איר טאָכטער, אויף ווערמען זי האָט נאָך געקוקט ווי אויף אַ קינד, רעדט גאָר אַזעלכע רייד און קלײַבט זיך פֿונאַנדער אין אַזעלכע זאַכן. זי האָט זיך פֿריִער גאָר קיין מאָל ניט פֿאָרגעשטעלט, אַז מרים טראַכט אַזוי, אַז זי פֿילט אַזוי. און פּונקט ווי זי וואָלט בײַ זיך אָפּגעמאַכט, אַז דווקא איצט מוז זי שוין אַלץ אויסהערן ביז צום סוף, כּדי זי זאָל דאָס מער שוין קיין מאָל ניט דאַרפֿן הערן, האָט זי זיך פֿון איר שטול אויפֿגעהויבן און זיך גענומען אַרומדרייען הין און צוריק. און נאָך דעם האָט זי זיך אויף אַן אַנדער שטול אַוועקגעזעצט און אויסשטרעקנדיק איין האַנט צו מרימען, האָט זי געזאָגט:

— רעד ווײַטער, טאָכטער, רעד ווײַטער.

און מרים האָט גערעדט.

זי האָט גערעדט פֿון דעם, וואָס זי האָט געהערט וועגן דער גרויסקייט פֿון די חשמונאים אין די צײַטן, ווען דאָס פֿאָלק איז געווען פֿרײַ און מע האָט אין לאַנד ניט געטראָגן אויף זיך קיין יאָך פֿון פֿרעמדע באַצווינגער. און ווען זי איז איבערגעגאַנגען צו די צײַטן, ווען רום האָט אָנגעהויבן אַוועקלייגן איר שווערע האַנט, האָט מרים דערמאַנט, וואָס זי האָט געהערט וועגן דעם ווי דער רוימישער פּראָקוראַטאָר פֿון סיריע, דער גרויזאַמער מעטעלוס סקיפּיאָ, האָט איר פֿאָטער אַלכּסנדר, דעם חשמונאי, געגעבן דעם טויט פֿון אַ פֿאַרברעכער, האָט זי זיך מיט אַ מאָל אַזוי צעוויינט, אַז זי האָט שוין ווײַטער ניט געקענט רעדן און זי איז צוגעפֿאַלן מיטן קאָפּ צום שטול.

דאָס האָט אַלכּסנדרהן שטאַרק גערירט און עס האָבן זיך איר אויך געשטעלט די טרערן אין די אויגן, אָבער געוויינט האָט זי דאָך ניט. צוגייענדיק צו מרימען, האָט זי זי שטיל, אָן ווערטער, געגלעט און געקושט. נאָך דעם האָט זי צו דער טיר זי צוגעפֿירט און שטיל צו איר געזאָגט:

— איצט גיי, מײַן טאָכטער, גיי און באַדענק זיך גוט...

דער טאָכטערס רייד, וואָס זענען פֿון טיפֿן האַרצן געקומען, האָבן אַלכּסנדרהן בלויז אויף אַ ווײַל אַ ביסל צערודערט. אָבער זי האָט געוואוסט, אַז זאָרגן זיך וועגן דעם דאַרף זי פֿון דעסטוועגן ניט. צו וואָס זיך זאָרגן? ווייסט זי דען ניט, אַז אין הויף טוט אַ טאָכטער אין אַזעלכע פֿאַלן אַלץ, וואָס מע הייסט איר, ווען עס איז קלאָר, אַז דאָס קען ברענגען נוצן דער מלוכה?..

און אַלכּסנדרה האָט מיט דער גאַנצער זיכערקייט אין זיך אַרויסגעקוקט דערויף, אַז הורדוס זאָל שוין וואָס גיכער קומען...

דריטער קאַפּיטל

די ערשטע באַגעגעניש

א

אנגעקומען קיין ירושלים איז הורדוס אין אַ שיינעם זומער־טאָג, ווען די ביימער אויף די גאַסן האָבן געבליט און דער פרישער, געשמאַקער ריח, וואָס האָט זיך פון די אַרומיקע גערטנער און פעלדער געטראָגן, האָט די גאַנצע שטאָט אָנגעפילט.

ער איז אַרײַנגעפאָרן רײַטנדיק אויף אַ פערד, וואָס איז געווען אויסגעפּוצט ווי צו אַ גרויסער פײַערונג נאָך אַ נצחון איבער אַ שונא אויפן שלאַכטפעלד. אַרום אים, אויך רײַטנדיק אויף פערד, זענען געפאָרן די בעסטע און געטרײַסטע פון זײַנע באַוואָפנטע חיילות. די מערסטע פון זיי זענען געווען גריכן און רוימער. בלויז אַ קליינע צאָל איז באַשטאַנען פון יידן. פונעם קאָפּ ביז די פיס זענען אַלע געווען באַוואָפנט. און דאָס איז געווען בלויז אַ טייל פון דער מחנה, וואָס ער האָט מיט זיך פון גליל מיטגענומען. די אַנדערע האָט ער איבערגעלאָזט ניט ווײַט פון שטאָט און זיי אָנגעזאָגט צו זײַן גרייט...

אויף די גאַסן פון ירושלים איז געווען שטיל, ווען הורדוס איז אין שטאָט, רײַטנדיק אויף זײַן פערד, אַרײַנגעפאָרן. מ׳האָט אין ערגעץ ניט געזען קיין מענטשן. מ׳האָט אין ערגעץ ניט געהערט קיין קול. בלויז דאָ און דאָרט האָט זיך פון אַ טיר, אָדער פון אַ פענצטער אַ קאָפּ אַרויסגערוקט און האָט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן נאָכגעקוקט. אָבער דווקא אָט די שטילקייט האָט געוואָרנט און געשראָקן...

כּדי צו מאַכן דעם אָנשטעל, אַז ער וואַרפט זיך אונטער גערן דעם באַפעל פון דער מלוכה און אַז ער האָט ניט די מינדסטע כּוונה צו פאַרפירן אַ קריג, איז הורדוס געקומען גלײַך אין הויף אַרײַן און זיך טיף פאַרן קיניג פאַרנייגט.

— דער קיניג וועט מיר פאַרגעבן, וואָס איך האָב זיך פאַרזאַמט אין מײַן קומען אַהער פון גליל — האָט ער געזאָגט — איך האָב ניט געקענט קומען פריער. ניט געקענט...

אונטער די שאַרפע בליקן פון זײַנע בלויע אויגן האָט דער קיניג הורקונוס זיך אין גאַנצן פאַרלוירן, און ער האָט זיך אָנגעהויבן פלאָנטערן אין די אייגענע ווערטער:

— עס איז ניט איך, נאָר זיי — האָט ער גענומען רעדן, אַזוי ווי ער וואָלט זיך דאָ גלײַך אויפן אָרט שוין געמוזט פאַרענטפערן — עס איז ניט איך, נאָר זיי... אַז טאָג־אײַן טאָג־אויס — גאַסן פול מיט מענטשן... און ווײַבער האָבן געוויינט... אַזוי פיל ווײַבער... און מאַנספאַרשוינען האָבן געשריגן... און די

ריכטער פֿון סנהדרין האָבן וועלטן אײַנגעלייגט... אַלץ זיי, זיי!.. איך האָב אַנדערש געדענקט, אין גאַנצן אַנדערש... אָט הער, וואָס איך האָב געדענקט. זעץ זיך אַוועק און הער: איך האָב געדענקט, ס'וועט איבערגיין; מ'וועט פֿאַרגעסן אָן דעם... די ווײַבער וועלן אויפֿהערן וויינען, די מאַנספּאַרשוינען וועלן אויפֿהערן שרײַען, און — ס'וועט איבערגיין... אַזוי האָב איך געדענקט... אַזוי האָב איך געטראַכט...

— עס איז אין מײַן האַרץ ניטאָ קיין צווייפֿל — האָט הורדוס זיך אָנגערופֿן — אַז דער קיניג האָט געדענקט דאָס זעלבע וואָס איך. און געדענקט האָב איך אַזוי: ווען מ'הייבט אָן מיט דינים און משפּטים, קען יעדער פֿאַרברעכער זיך אַרויסדרייען... און חזקיה הגלילי איז געווען אַ פֿאַרברעכער... אַ פֿאַרברעכער, ניט קיין העלד!.. אַז ער זאָל זיך אַרויסדרייען... צו דעם האָב איך ניט געטאָרט דערלאָזן. און דערפֿאַר האָב איך אים אָן אַ משפּט דעם טויט געגעבן. דאָס איז געווען מײַן פֿליכט, וואָרעם דער קיניג וועט דאָך געוויס ניט לייקענען, אַז פֿריִער פֿון אַלץ דאַרפֿן מיר אָפּגעבן דין וחשבון דער רוימישער מאַכט...

און דאָ האָט ער הורקונוסן, פֿאַרנייגנדיק זיך דערבײַ, דערלאַנגט אַ פֿאַרזיגלטע שריפֿט.

— דאָס איז פֿון סעקסטוס־צעזאַר — האָט ער געזאָגט — ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל דאָס איבערגעבן דעם קיניג...

אין דער פֿאַרזיגלטער שריפֿט איז קיין סך ניט געווען געשריבן. סעקסטוס־צעזאַר האָט ניט געהאַלטן פֿון קיין איבעריקע רייד און צו פֿיל ווערטער, ווען ער האָט געהאַנדלט מיט קיניגן פֿון לענדער, וואָס זענען געשטאַנען אונטער דער רוימישער הערשאַפֿט. ער האָט דעם ייִדישן קיניג הורקונוס געלאָזט וויסן, אַז רוים וועט אים האַלטן פֿאַראַנטוואָרטלעך, אויב מע וועט הורדוסן געבן אַ שטראָף.

דער אַלטער הורקונוס איז בלאַס געוואָרן, ווען ער האָט דאָס איבערגעלייענט. אַ צעטומלטער האָט ער געקוקט דאָ אויף הורדוסן און דאָ אויף דעם שטיק צונויפֿגעדרייטן פּאַרמעט. און פּונקט אַזוי ווי ער האָט זיך קיין עצה ניט געקענט געבן, וואָס ער זאָל איצט טאָן, אַזוי האָט ער ניט געוואוסט, וואָס ער זאָל איצט זאָגן. דאָס איינציקע, וואָס ער האָט געקענט און געוואָלט זאָגן, איז געווען, אַז ס'איז שווער צו זײַן אַ קיניג אין יהודה, ווען רוים האָט איר שווערע האַנט אַרויפֿגעלייגט. אָבער ער איז מיט הורדוסן ניט געווען אַזוי נאָענט, אַז ער זאָל זיך פֿאַר אים קענען קלאָגן, און דערפֿאַר האָט ער זיך דערפֿרייט, ווען אַנטיפּאַטרוס איז אַרײַנגעקומען. ווי ער האָט אים נאָר דערזען, האָט ער אים דאָס צונויפֿגעדרייטע שטיקל פּאַרמעט דערלאַנגט.

— זע — האָט ער געזאָגט — דאָס איז פֿון סעקסטוס־צעזאַר!..

אַנטיפּאַטרוס האָט דאָס איבערגעלייענט און געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז דאָס איז פֿאַר אים אַ נײַס, און ווען ער האָט געזען ווי דער אַלטער הורקונוס זיצט מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און קוקט אַלץ אַראָפּ, אַ פֿאַרלוירענער, האָט ער זיך מיט הורדוסן איבערגעוואונקען און ביידע האָבן געשמייכלט...

— קיינער פֿון אונדז האָט גאָר קיין בעסערס ניט געקענט ווינטשן — האָט אַנטיפּאַטרוס געזאָגט דעם קיניג, פּונקט ווי ערשט איצט איז אים אײַנגעפֿאַלן

דאָס, וואָס ער קלײַבט זיך צו זאָגן — דער קיניג וועט איצט קענען באַווײַזן פֿאַר די ריכטער פֿון סנהדרין, אָפֿן אָדער באַהאַלטן, אַז ער האָט געזוכט די גערעכטיקייט פֿון דין. אָבער קעגן דער מאַכט פֿון רוים קען מען זיך ניט שטעלן...

— און קיין משפּט זאָל גאָר אין גאַנצן ניט זײַן? — האָט דער קיניג געפֿרעגט אַ צעטומלטער.

— דער משפּט מעג זײַן, און טאַקע אינעם באַשטימטן טאָג — האָט אַנטיפּאַטרוס געענטפֿערט מיט אַזאַ רואיקייט, פּונקט ווי דאָ וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַ קלייניקייט — אָבער אויב די ריכטער פֿון סנהדרין וועלן מאַכן אַ פֿאַלשן שריט, אויב זיי וועלן האַנדלען ניט אַזוי ווי מע דאַרף, וועט מען זיי מוזן אויפֿקלערן... זיי וועלן דאָך געוויס ניט וועלן אײַנשטעלן דאָס לעבן פֿון דעם קיניג...

עס איז פֿאַר הורקונוסן ניט געווען אין גאַנצן קלאָר ווי אַזוי ער וועט זיך דאָ אַרויסדרייען. אָבער ווען אַנטיפּאַטרוס האָט אים געזאָגט, אַז ער נעמט אַלצדינג אויף זיך און ער וועט שוין אָנווײַזן אויף די נייטיקע מיטלען, וואָס מ׳זאָל אָננעמען, האָט ער באַלד, ווי זײַן שטייגער איז געווען אַלע מאָל, דעם גאַנצן ענין פֿונעם קאָפּ אַרויסגעוואָרפֿן. דאָס וויכטיקסטע בײַ אים אין אַזעלכע פֿאַלן איז געווען, וואָס ער האָט אַ מענטשן, וואָס נעמט בײַ אים פֿון די פּלייצעס די שווערע משׂא אַראָפּ. און אויך איצט, ווען ער האָט שוין מער אויף די אייגענע פּלייצעס די שווערע משׂא ניט געפֿילט, איז ער באַלד גאָר אַן אַנדערער געוואָרן; פֿון זײַנע וואַסערדיקע אויגן האָט שוין מער קיין שרעק ניט אַרויסגעקוקט; זײַן הויכע, אײַנגעדאַרטע פֿיגור האָט זיך אויסגעגלײַכט, די געדיכטע ברעמען זענען שוין מער ניט געווען אָנגעכמורעט, די באָרד האָט מיט אַ מאָל באַקומען מער פֿאַרנעם. און פּונקט ווי אַלץ וואָלט איצטער געווען אין דער בעסטער אָרדענונג, האָט ער שוין אַרומגעשפּאַנט מיט הורדוסן איבערן פּאַלאַץ פֿון איין זאַל אין אַנדערן און האָט אים געוויזן די שיינקייט און די רײַכקייט אומעטום. ער האָט אים אויך פֿאָרגעשטעלט פֿאַר אַלע הויפֿלײַט. און באַלד איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפֿעל צוצוגרייטן אַ גרויסע סעודה פֿאַרן גאַסט, און אומעטום האָט מען געזען ווי באַדינער יאָגן זיך און אײַלן זיך און האַלטן אין איין טראָגן שווערע קוישן מיט פֿאַרשיידנערליי עסנוואַרג און כּלערליי געטראַנקען.

ב

הורדוס האָט זיך געפֿילט גרויס בײַ זיך וואָס מ׳מאַכט אין הויף אַזאַ וואַרע פֿאַר אים. ער האָט מיט פֿעסטע טריט געשפּאַנט אויף די האַרטע דילן פֿון מירמלשטיין און אויך אויף די ווייכע קילימס, וואָס זענען אין די גרויסע זאַלן אויף די דילן געווען אויסגעשפּרייט. ער האָט אַלץ מיט נײַגעריקע בליקן באַטראַכט, און קוקנדיק אויף דער גאַנצער רײַכקייט אַרום און אַרום, האָט ער שוין געקלערט, אַז דאָס באַטראַכט ער דאָס אָרט, וואו ער אַליין וועט אַ מאָל וואוינען, ווען ער וועט שוין זײַן דער קיניג פֿון יהודה. ער איז געווען זיכער, אַז אַזוי וועט עס זײַן.

שפּאַנענדיק איבערן פּאַלאַץ, האָט ער געקלערט פון דעם, וואָס מיט יאָרן צוריק, ווען ער איז נאָך אַ קליין יינגל געווען, האָט אים אַן אַלטער וואַנדערער נביאות געזאָגט, אַז ער וועט אַ מאָל זיין אַ קיניג; יענעם וואַנדערער האָט מען געהאַלטן פאַר אַ הייליקן מאַן, און הורדוס האָט די גאַנצע צייט געגלויבט אין דעם; ער איז געווען זיכער, אַז די נבואה פון יענעם הייליקן מאַן וועט מקוים ווערן, און ער איז שוין געווען נייגעריק צו זען די צוקונפטיקע קיניגין זיינע, די בת־מלכה פון די חשמונאים, און ער האָט געפרעגט דעם אַלטן הורקנוס, וואו מרים געפינט זיך אַצינד און פאַר וואָס זי ווייזט זיך גאָרניט פאַר אים...

און גראָד דאַן האָבן צוויי באַדינער געגעבן אַן עפן די צוויי שווערע האַלבע טירן פון דעם גרויסן זאַל און מרים האָט געגעבן אַ לויף אַריין אַ פריילעכע, אַ צעפלאַמטע, און נאָך איר — דער קליינער אַריסטובולוס. זיי האָבן ביידע גע־האַלטן אין מיטן פון אַ שפּיל און זיי זענען שטיפעריש איבערן פּאַלאַץ פון איין חדר אין אַנדערן געלאָפן און זייער פריילעכער געלעכטער האָט אומעטום אָפּ־געהילכט. אָבער ווען זיי האָבן דאָ דערזען דעם קיניג און אַ פרעמדן מענטשן לעבן אים, האָבן זיי זיך ביידע פאַרשעמט. דער קליינער אַריסטובולוס איז באַלד אַרויסגעלאָפן צוריק, און מרים איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל, עפּעס ווי ניט אַהער און ניט אַהין...

— און אָט איז מרים! — האָט דער קיניג הורקונוס געגעבן אַ זאָג צו הורדוסן.

און ווען הורדוס האָט דערזען ווי שיין זי איז, האָט ער זיך אַזוי פאַרלוירן, אַז ער האָט געגעבן אַ לויף צו צו איר, איז געפאַלן אויף די קני און אַ פאַרגאַפטער געקושט דעם זוים פון איר קלייד...

דאָס איז געווען די ערשטע באַגעגעניש זייערע. און אויף ביידן איז דער איינדרוק דערפון געווען אַזאַ, אַז זיי האָבן עס דערנאָך שוין דאָס גאַנצע לעבן ניט געקענט פאַרגעסן. ער איז גלייך אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן פון איר שיינקייט, אַז ער האָט שוין דערנאָך לאַנג פון איר די אויגן ניט געקענט אָפּרייסן. און זי איז זייער שטאַרק איבערראַשט געוואָרן דערפון, וואָס ער איז פאַר איר אויף די קני געפאַלן און דעם זוים פון איר קלייד געקושט...

זי איז פּשוט צעטומלט געוואָרן דערפון. דאָס פּנים האָט זיך ביי איר גע־רויטלט. זי האָט זיך געשעמט די אויגן אויפצוהייבן. און אין איינעם מיט דעם האָט דאָס ביי איר אויך אַרויסגערופן אַזאַ פרייד, אַז זי וואָלט זיך אַפילו געקענט צע־לאַכן אויפן קול...

פון דעם וואָס זי האָט פריער געהערט וועגן אים, האָט זי זיך פאָרגעשטעלט, אַז ער איז אַוודאי אַ בייזער, זייער אַ מיאוסער, מיט אַ צעקרימטן פּנים און מיט גרויסע צעדרייטע ציין, וואָס שטעקן אַרויס פון מויל. זי האָט אים פריער אין געדאַנק גאָר אַנדערש ניט געקענט זען ווי נאָר אין געשטאַלט פון אַ ווילדן רוצח, וואָס ברומט ווי אַ צערייצטער לייב און פאַר וועמען מענטשן ציטערן ווי פאַר אַ חיה, וואָס פאַרצוקט אַלץ... און מיט אַ מאָל גאָר — אַזאַ איבערראַשונג! דער זעלבער הורדוס, פון וועמען זי האָט פריער ניט געקענט טראַכטן אָן שרעק און אָן האַס — ער פאַלט איר צו די פיס, קושט ווי אַ פאַרליבטער דעם זוים פון איר

קלייד, איין מאָל און צוויי מאָל און דריי מאָל; נאָך דעם הייבט ער אויף דעם קאָפּ מיט די קופּער־רויטע האָר, קוקט אויף איר מיט צוויי גרויסע, בלויע אויגן, וואָס זעען אויס ווי פאַרטרוימט, און זיינע ליפּן שעפּטשען שטיל:

— מרים... מרים... די געליבטע פון מיין הארץ... דער באַגער פון מיין נשמה... די שיין פון מיינע אויגן... אָ, ווי שיין דו ביסט!..

ס׳האָט מרימען אָנגעהויבן שווינדלען אין די אויגן. אַלץ איז געווען ווי אין אַ חלום. און ווען זי האָט געזען, ווי ער האָט זיך אויפגעהויבן אין זיין פולער הויך און האָט פאַר איר איין קני איינגעבויגן און אויסגעגלייכט די שווערד, וואָס ער האָט אויפן דיך געטראָגן, האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז דער גאַנצער הויף איז געוואָרן פול מיט אים און מיט זיין גבורה. זי האָט ממש געפילט ווי עס יאָגט פון אים עפּעס אַזאַ כוח, וואָס מאַכט זי אין גאַנצן אונטערטעניק און וואָס רופט ביי איר אַרויס אַזעלכע געפילן און פאַרלאַנגען, וואָס זענען איר ביז איצט געווען אין גאַנצן פרעמד. און זי האָט זיך אַזוי דערשראָקן, אַז זי איז אַרויס פון צימער מיט אַ פאַרשטיקט געוויין...

און הורדוס האָט אין זיך געשמייכלט...

נאָך דעם האָט מרים דעם גאַנצן טאָג זיך שוין אין ערגעץ ניט געוויזן. זי האָט זיך אין אַ באַזונדער חדר פאַרמאַכט און קיינעם צו זיך ניט צוגעלאָזט. איינע אַליין מיט זיך האָט זי אַ סך געוויינט און אַ סך געטראַכט. און טראַכטנדיק האָט זי געפילט ווי אונטער די בליקן פון יענעם הויך־געוואוקסיקן מאַן מיט די ברייט־צעעפנטע בלויע אויגן און קופּער־רויטע האָר איז זי עפּעס ווי מיט אַ מאָל צייטיק געוואָרן...

פונקט ווי אַ פרוכט אויף אַ בוים, ווען זי ווערט צייטיק אונטער די שטראַלן פון דער זון און זי רייסט זיך אַרונטערצופאַלן צו דער ערד...

זי איז געווען ווי צעמישט, די יונגע טאָכטער פון דער חשמונאים־משפחה. עס האָט זיך איר אויך אויסגעוויזן, אַז זי פאַלט, אַז זי רייסט זיך ערגעץ אַרונטער. אין געדאַנק ביי איר האָבן זיך צוויי געשטאַלטן געאַמפּערט; פון איין זייט האָט זי געזען הורדוסן אין געשטאַלט פון אַ ווילדן רוצח, מיט אַן אויסגעקרימט פּנים און מיט גרויסע צעדרייטע ציין, וואָס שטעקן אים אַרויס פונעם מויל זייער אומגעלומפּערט. און פון דער אַנדערער זייט — ווידער הורדוס, אָבער אין גאַנצן אַן אַנדערער; אַ וויכער, אַ צאַרטער, אַ פעסטער, אַ שטאַרקער, און ער פאַלט פאַר איר אויף די קני און קושט דעם זוים פון איר קלייד און שעפּטשעט שטיל ווערטער פון ליבע...

זי האָט די צוויי געשטאַלטן געוואָלט אָפּטיילן איינס פונעם אַנדערן, אָבער זיי האָבן זיך ביי איר אין געדאַנק ווי צונויפגעהעפט אין איין געשטאַלט. און אין דער באַשטימטער שעה, ווען די סעודה האָט זיך אָנגעהויבן פאַרן גאַסט, איז מרים געקומען אָנגעטאָן אין איר שענסטן קלייד פון ווייסן זייד, און ווען זי האָט זיך ביים טיש אַוועקגעזעצט, האָט זי זיך געשעמט די אויגן אויפצוהייבן, זי זאָל זיך נאָך מיט הורדוסעס בליקן ניט באַגעגענען. אָבער שטילערהייט, ווען עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז קיינער זעט ניט, האָט זי דאָך אַלע מאָל געכאַפּט אַ קוק אויף אים, און באַלד ווידער די אויגן אַרונטערגעלאָזט צום טיש...

הורדוס אָבער האָט אויף איר די גאַנצע צײַט געקוקט, נאָר גערעדט צו איר האָט ער זייער ווייניק. און נאָך דעם, ווי ער האָט עטלעכע בעכערס ווײַן אויס־געטרונקען און דאָס פּנים האָט זיך בײַ אים צעפֿלאַמט, האָט ער איר שטיל געזאָגט:

— דו ביסט די שענסטע פֿון אַלע טעכטער אין יהודה... דו ביסט דער טרוים, וואָס קען דערהייבן און דערבײַ אויך רייצן דעם באַגער... ניטאָ צו דיר אין לאַנד קיין גלײַכן. און דו, מײַן ליבסטע, וועסט זײַן מײַן ווײַב...

בײַ מרימען האָט זיך דאָס פּנים שטאַרק צערויטלט ווען ער האָט צו איר אַזוי גערעדט. זי האָט זייער געוואָלט, אַז ער זאָל צו איר אַזוי רעדן ווײַטער נאָך און נאָך און זי זאָל מיט פֿאַרמאַכטע אויגן זיך צוהערן צו יעדן וואָרט, וואָס קומט אַרויס פֿון זײַנע ליפּן. אָבער פּלוצלינג האָט זי זיך גאָר געגעבן אַ הייב אויף, פּונקט ווי זי וואָלט זיך אָפּגעריסן פֿון דעם אָרט, וואו זי איז געזעסן, און זי איז אַוועק פֿונעם טיש מיט אַ געוויין...

און מרימס מוטער האָט געלאַכט, ווען זי האָט דאָס דערזען.

— זי איז נאָך אַ קינד — האָט זי צו הורדוסן מיט אַ שמייכל געזאָגט — נאָך אַ קינד און זי פֿאַרשטייט ניט...

און זאָגנדיק דאָס, האָט אַלכּסנדרה שוין צו פֿיל און צו שטאַרק זיך געפֿלײַסט, אַז הורדוס זאָל זען ווי שיין און ווי רייצנדיק זי אַליין איז...

ג

גראָד בײַם גרייטן זיך צו דער סעודה, וואָס מע האָט אין הויף פֿאַר הורדוסן געמאַכט, איז אַלכּסנדרהן מיט אַ מאָל גאָר אײַנגעפֿאַלן דער געדאַנק, אַז עס וואָלט אפֿשר גאָר געווען בעסער, ווען ער וואָלט זי אויסגעקליבן פֿאַר אַ ווײַב, זי און ניט איר טאָכטער מרים...

און טאָקע צוליב דעם האָט זי איר לײַב דאַן שוין מיט די בעסטע אויל־זאַלבן אָנגעשמירט און די שענסטע קליידער אָנגעטאָן. זי האָט זיך דאַן לאַנג געפּוצט און געצירט; זי האָט דאַן לאַנג איר אייגן לײַב באַקוקט און באַטראַכט און זי איז געווען זיכער, אַז זי האָט גענוג ווײַבלעכן רייץ, וואָס קען צוצִיִען אַזאַ מאַנספּאַרשוין ווי הורדוס...

זי האָט זייער שטאַרק געוואָלט אים געפֿעלן, און צוליב דעם איז זי איצט גאָר אַנדערש געשטאַנען און גאָר אַנדערש געגאַנגען. שטייענדיק לעבן הורדוסן, האָט זי איר פֿיגור אַרויסגעשטעלט אַזוי, אַז ער זאָל זען די אַרויסגעשטאַרט־קײַלעכדיקע בריסטן אירע, און בײַם גיין האָט זי אירע היפֿטן געהויבן אַזוי, אַז זיי זאָלן זיך אים שטאַרק וואַרפֿן אין די אויגן. און אַלע מאָל, ווען זי האָט זיך לעבן אים אַוועקגעזעצט, האָט זי מיט די לאַנגע, געטאָקטע פֿינגער פֿון אירע שיינע הענט זיך געשפּילט מיט דעם האַלדזבאַנד, וואָס זי האָט געטראָגן, און דאָס האָט זי געטאָן, כּדי ער זאָל זען איר שיינעם, ווײַסן האַלדז...

ווי אַ יעגער ציט אָן דעם בויגן, ווען ער לאָזט זיך אַרויס אויף יאַגד, אַזוי האָט אַלכּסנדרה די גאַנצע וויבּלעכקייט אירע אָנגעצויגן, געפּעלן צו ווערן הורדוסן און געפּינען חן אין זײַנע אויגן. זי האָט צו אים זיסע רייד גערעדט. זי האָט צו אים זיס געשמייכלט. זי האָט זיך אַלע מאָל צוגערוקט צו אים אַזוי נאָענט, אַז ער זאָל פילן דעם ווארעמען אָטעם פון איר מויל און דעם געשמאַקן ריח פון איר לײַב. זי האָט געלויבט זײַן העלדישקייט, זײַן מוט, און זי האָט אַלץ געוואָלט, ער זאָל וויסן, אַז זי איז זיכער, אַז ער איז באַשאַפן געוואָרן אויפצוטאָן זייער גרויסע זאַכן...

— ווען אַזאַ מענטש ווי דו וואָלט געבוירן געוואָרן אַ רוימער — האָט זי אים געזאָגט — וואָלטן פאַר אים לענדער און פעלקער זיך געבויגן...

מיט יעדן וואָרט, וואָס זי האָט אַרויסגערעדט, האָט זי געוואָלט, אַז ער זאָל זען ווי שטאַרק זי האַלט פון אים, ווי הויך זי שעצט אים און ווי שטאַרק ער געפעלט איר. אָבער הורדוס האָט איר מער ווי העפלעכקייט ניט אַרויסגעוויזן. און דאָס איז אים אויך אָנגעקומען שווער, ווײַל די גאַנצע צײַט, וואָס זי איז צו אים געווען אַזוי ליבלעך, האָט ער גאָר געטראַכט וועגן דער יונגער, שיינער מרים, וואָס האָט אים אַזוי באַצויבערט, אַז ער האָט גאָר קיין אַנדער זאַך ניט געקענט טאָן ווי נאָר פאַלן פאַר איר אויף די קני און קושן דעם זוים פון איר קלייד...

ער האָט ניט געקענט און ניט געוואָלט טראַכטן וועגן דער מוטער, נאָך דעם ווי ער האָט געזען די טאָכטער...

און די מוטער האָט גערעדט און גערעדט, און אין אירע רייד צו הורדוסן האָט זי שוין געהאַלטן ווײַט...

— אין הויף — האָט זי אים געזאָגט — גלאַנצט עס מיט רײַכקייט און שיינ־קייט, אָבער פאַר אַזאַ פרוי ווי איך איז דאָס ניט אַלץ... וואָרעם פונקט ווי עס זענען פאַראַן מאַנספאַרשוינען, וואָס זענען פאַר גרויסע זאַכן געבוירן, אַזוי זענען אויך פאַראַן פרויען וואָס זענען פאַר גרויסע זאַכן געשאַפן... אין אונדזער משפּחה, די משפּחה פון די חשמונאים, זענען געווען אַזעלכע פרויען... דאָס פאָלק גע־דענקט נאָך גוט די קיניגין שלומית־אַלכּסנדרה, דאָס ווײַב פון דעם גרויסן קיניג אונדזערן אַלכּסנדר ינאַי, און ווען נאָר מע דערמאָנט די צײַטן, ווען זי איז געזעסן אויפן טראָן, לויבט מען זי זייער שטאַרק און מע טוט גרויסן איר נאָמען. זי האָט מיט קלוגשאַפט די מלוכה געפירט. אין אַלע לענדער פון אַרום און אַרום האָט מען איר קלוגשאַפט באַוואונדערט און איר שיינקייט גערימט. און איך, ווי ס׳איז הורדוסן אַוודאי שוין פון לאַנג באַקאַנט, בין אַן אייניקל פון דער קיניגין שלומית־אַלכּסנדרה, אַן אייניקל פון דעם קיניג אַלכּסנדר ינאַי...

הורדוס האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און דערבײַ האָט ער פאַרטראַכט און לײַטיש געזופט ווײַן פון דעם גאָלדענעם בעכער. און ווען אַלכּסנדרה האָט גע־מיינט, אַז דאָס הערט ער זיך צו צו איר אַזוי גוט, האָט זי ווײַטער גערעדט:

— פאַר אַ פרוי מיט פאַרלאַנגען און באַגערן — האָט זי געזאָגט — פאַר אַ פרוי, וואָס זעט ווײַט, איז שווער צו לעבן אַליין, אָן שוץ פון אַ מאַן, וואָס קען זי הויך שעצן און טײַער האַלטן... אַפילו אין אַ הויף, וואו עס גלאַנצט מיט גאָלד און זילבער און טײַערע איידלשטיינער, איז דאָס אַ מאָל זייער שווער...

הורדוס האָט די גאַנצע צײַט גאָרניט געהערט, וואָס זי רעדט צו אים. פֿון אַלץ, וואָס זי האָט אים געזאָגט, האָט ער בלויז איינציקע ווערטער אויפֿגעכאַפּט און זיי גלײַך פֿאַרלוירן. ער האָט גאָר ניט געטראַכט וועגן פֿאַרבינדן זיי אין איינעם. גאָרניט געהאַט דעם חשק דערצו. אָפּרוקנדיק דעם בעכער ווײַן פֿון זיך, האָט ער געגעבן אַ קוק אויף אַלכּסנדרהן, ווי ער וואָלט זי ערשט איצט לעבן זיך דער־זען. אַרומקוקנדיק זיך אין אַלע זײַטן, האָט ער געפֿרעגט:

— פֿאַר וואָס קומט מרים ניט אַרײַן צוריק?..

און אַרויסגעקומען איז דאָס אַזוי פּלוצלינג, אַז אַלכּסנדרה איז געבליבן זיצן מיט אַ פֿאַרגליווערט פּנים און מיט אַן אָפֿן מויל. און באַלד נאָך דעם האָט זיך אין די ווינקלען פֿון אירע ליפּן אַ שמייכל באַוויזן און זי האָט צוגערופֿן אַ באַדינער.

— גיי זאָג מײַן טאָכטער, אַז עס איז מײַן וואונטש, אַז זי זאָל אַרײַנקומען אַהער.

בלויז אויף אַ ווײַל האָט אַלכּסנדרה זיך געפּילט געטראָפֿן פֿון דעם, וואָס הורדוסן נעמט גאָר אין גאַנצן ניט איר ווײַבערישער רייץ. אָבער באַלד האָט זי אין דעם שוין ווי פֿאַרגעסן. און פּונקט ווי עס וואָלט גאָר קיין זאַך ניט געשען, איז זי שוין ווײַטער געווען צו אים פּונקט אַזוי ליבלעך ווי פֿריִער און זי האָט אים שוין ווידער געפּרואווט רייצן מיט איר ווײַבערישן חן. אַנדערש האָט זי ניט געקענט, ווען זי האָט לעבן זיך אַ שיינעם מאַנספּאַרשוין געזען. אַזוי איז זי געווען נאָך אין די גאָר יונגע יאָרן און ווען זי איז עלטער געוואָרן האָט זיך די דאָזיקע אייגנשאַפֿט בײַ איר נאָך מער אַנטוויקלט. זיצנדיק מיט הורדוסן בײַם טיש, האָט זי שוין צו אָפֿט און צו הילכיק געלאַכט, און אַלע מאָל, ווען ער האָט אויף איר די אויגן אַנגעשטעלט, האָט זי אים אַ פֿאַרפֿירערישן שמייכל צוגעוואָרפֿן. און ווען מרים איז אַרײַנגעקומען און האָט דאָס דערזען, האָט בײַ איר דאָס האַרץ אַנגע־הויבן קלאַפּן. זי האָט זיך געשעמט דערמיט, וואָס די מוטער באַנעמט זיך אַזוי. אין איינעם מיט דער בושה איז אויך געקומען אַ געפֿיל, וואָס איז נאָך פֿאַר איר אַליין ניט געווען אין גאַנצן קלאָר. קוקנדיק מיט בייזע בליקן אויף אַלכּסנדרהן, האָט זי מיט אַ מאָל אויסגעשריגן ווי ניט מיט איר קול:

— מוטער!..

אַלע האָבן זיך אומגעקוקט און קיינער האָט ניט פֿאַרשטאַנען פֿאַר וואָס דאָס מיידל האָט געגעבן אַזאַ געשריי. אַפֿילו אַלכּסנדרה האָט דאָס ניט פֿאַרשטאַנען; זי האָט געמיינט, אַז דאָס איז די טאָכטער בייז אויף איר דערפֿאַר, וואָס זי איז אַזוי צוגעלאָזן צו דעם מענטשן, וואָס איז שולדיק אינעם טויט פֿון איר פֿאָטער און אויך אינעם טויט פֿון איר זיידן. עס האָט איר דעמאָלט גאָרניט געקענט אײַנפֿאַלן, אַז דער טאָכטערס געשריי קומט פֿון דעם, וואָס אין איין אויגנבליק האָט זיך אין איר געגעבן אַ צינד אַן דאָס פֿײַער פֿון אייפֿערזוכט...

הורדוס איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך געלאָזט צולויפֿן צו מרימען, זי אײַנצונעמען. אָבער אַלכּסנדרה האָט אים צוריקגעהאַלטן.

— עס איז גאָרניט... עס איז גאָרניט — האָט זי געזאָגט — זי איז נאָך אַ קינד. זי פֿאַרשטייט ניט...

אויך דער אַלטער הורקונוס האָט זיך אַרײַנגעמישט. אַ לאַנגער, אַן אײַנגעדאַרטער, האָט ער זיך אויסגעצויגן אין דער הויך און פֿאַרגלאָצנדיק די וואָסערדיקע אויגן זײַנע, פּונקט אַזוי ווי ער וואָלט איצטער געשטאַנען בײַ דער עבֿודה אין הייליקן טעמפּל, האָט ער צו הורדוסן געזאָגט:

— יאָ, זי איז גערעכט... זי איז גערעכט, מײַן טאָכטער אַלכּסנדרה... מרים איז נאָך אַ קינד, זי פֿאַרשטייט ניט... אין איר נעסטעט נאָך דערווײַל אַ פֿײַנדשאַפֿט צו דיר... אָבער ווען זי וועט ווערן דײַן ווײַב, וועט דער האַר פֿון אַלע וועלטן עפֿענען אירע אויגן און פֿון דער פֿײַנדשאַפֿט, וואָס זי פֿילט צו דיר, וועט אַפֿילו קיין געדעכעניש ניט בלײַבן... זי וועט דיר איר ליבע שענקען. זי וועט זײַן דײַן ווײַב...

עס איז געווען שטיל, ווען דער אַלטער הורקונוס האָט גערעדט, און ווען ער האָט געענדיקט, איז די שטילקייט געוואָרן נאָך מער אָנגעצויגן, און דאַן האָט מרים מיט אַ מאָל אויסגעשאָסן אַ געלעכטער.

זי האָט געמוזט לאַכן, ווען זי האָט געהערט ווי דער אַלטער רעדט אַזוי פֿרום וועגן אַ פֿײַנדשאַפֿט, וואָס נעסטעט אין איר האַרץ צו דעם מאַן, אונטער וועמעס בליקן זי איז הײַנט ווי אַ הענגל פֿרישע ווײַנטרויבן געוואָרן צײַטיק... און געלאַכט האָט זי שטיפֿעריש, הילכיק, ווי זי וואָלט דאָ איצט אַלץ און אַלעמען געוואָלט אַרײַנצײַען אין דעם, וואָס עס האָט בײַ איר אַזאַ געלעכטער אַרויסגערופֿן. אָבער באַלד איז דאָס געלעכטער בײַ איר איבערגעגאַנגען אין היסטעריע און מע האָט שוין ניט געקענט וויסן, צי זי לאַכט, צי זי וויינט. פֿון אַלע זײַטן האָבן זיך גענומען יאָגן באַדינער און באַדינטע. און געסט האָבן זיך איבערגעוואָרפֿן מיט די בליקן און יעדער איינער האָט געמיינט, אַז ער פֿאַרשטייט דעם אַנדערן אויפֿן וואונק, אָבער קיינער פֿון זיי האָט דאָך גאָרניט פֿאַרשטאַנען און ניט אָנגעהויבן וויסן, וואָס דאָ קומט פֿאָר. און אין דעם טומל, וואָס איטלעכער באַזונדער האָט אויף זײַן אייגענעם שטייגער געוואָלט אײַנשטילן, איז הורדוס מיט דער זײַט געשטאַנען בײַם טיש און שפּילנדיק זיך מיטן הענטל פֿון זײַן שווערד, האָט ער פֿון דער ווײַטנס געקוקט אויף מרימען און אויף זײַן פּנים האָט זיך זייער אַ צופֿרידענער שמייכל צעשפּרייט...

ער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט יאָ פֿאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פֿאָר...

פֿאַרשטאַנען און מיט דער רואיקייט פֿון איינעם, וואָס ווייסט, אַז ס׳וועט זײַן אַזוי ווי ער וויל, האָט ער געוואַרט צו זען, ווי עס וועט אַרויסקומען דער אָנהייב דערפֿון...

און אין יענעם טאָג, אויף יענער סעודה בײַם קיניג הורקונוס אין הויף אין דער שטאָט ירושלים, איז אָפּגעמאַכט געוואָרן, אַז מע נעמט אַרײַן הורדוסן אין דער משפּחה פֿון די חשמונאים און מע וועט אים געבן מרימען פֿאַר אַ ווײַב...

— איצט ביסטו שוין איינער פֿון אונדזער משפּחה — האָט דער אַלטער הורקונוס מיט אַ צופֿרידענעם שמייכל צו אים געזאָגט.

אויך אַלכּסנדרה האָט צו אים געשמייכלט.

געשמייכלט ליבלעך און אים שוין בײַ צײַטנס גערופֿן: זון...

און הורדוס האָט זיך מיט זײַן גרויסער פֿרייד אין האַרצן און מיט אַ סך ווירדיקייט אין שטעל, געגייגט פֿאַרן אַלטן הורקונוס און אויך פֿאַר מרימס מוטער אַלכּסנדרה. ער איז פֿאַר זייביידן געשטאַנען ווי נאָך אַ גרויסן נצחון אין אַ מלחמה, וואָס האָט אים פֿריִער ניט ווייניק געשראָקן. און געטראַכט האָט ער שוין פֿון דעם וואָס איצט איז דער וועג צום טראָן אין יהודה פֿאַר אים שוין אין גאַנצן פֿרײַ. ער האָט אויך געטראַכט, אַז ווען ער וועט שוין זײַן אַ קיניג בײַ ייִדן, וועט ער טאָן אַלץ וואָס עס וועט נאָר זײַן מעגלעך, אַז די מלוכה זאָל זיך צעוואַקסן אַלץ גרעסער און גרעסער.

דער געדאַנק וועגן אַ ייִדישער מלוכה, וואָס זאָל זײַן אַ סך גרעסער ווי זי איז איצט, ווען די משפּחה פֿון די חשמונאים צעפֿאַלט זיך שוין, האָט אים שטאַרק גערייצט. דאָס איז געווען זײַן טרוים, אָבער גערעדט וועגן דעם האָט ער דאָך ניט.

פערטער קאַפּיטל

פאַר די ריכטער פון סנהדרין

א

גאַנץ פרי האָט מען אין די גאַסן פון ירושלים דערהערט דאָס שאַלן פון טרומפּייטן און דאָס בלאָזן פון שופרות, און דאָס האָט געמיינט, אַז היינט וועט פאַרקומען אַזוינס, וואָס טרעפט זיך ניט אַלע טאָג.

מענטשן, וואָס זענען נאָך אין די בעטן געלעגן, האָבן זיך פון שלאָף אויפ־געכאַפּט, אין איילעניש אויף זיך די קליידער אַרויפגעצויגן און זענען אַרויס אין גאַס. און באַלד זענען די גאַסן און געסלעך אומעטום געוואָרן פול מיט מענטשן און איינער האָט דעם אַנדערן די נייס איבערגעגעבן:

— היינט וועט זיין דער משפט.

— היינט וועט הורדוס אָפּגעבן דין־וחשבון פאַר דעם פאַרגאָסענעם בלוט פון חזקיה הגלילי!

— און ער וועט קריגן די פאַרדינטע שטראָף!

און אַ טאָג האָט זיך דאַן איינגעגעבן אַ שיינער, אַ זוניקער. איינער פון יענע שיינע, זומערדיקע טעג אין ירושלים, ווען אַלע ווייסע מויערן און טויערן וואַרפן זיך נאָך מער ווי אַלע מאָל אין די אויגן מיט זייער ווייסקייט, שפּיגלענדיק זיך אין די שטראַלן פון דער זון. פון די אַרומיקע פעלדער און גערטנער, און אויך פון די בערג, האָבן זיך אין דער לופט פרישע, געשמאַקע ריחות געטראָגן, און די לופט האָט אין זיך אַ ליבע וואַרעמקייט געהאַט, און די זון האָט מילד דורך די שויבן פון די פענצטער אין אַלע הייזער אַריינגעקוקט, און ווען אַ מענטש האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבן און דערזען דעם אָפּגעגילדעטן דאַך פונעם הייליקן טעמפּל, וואָס איז אין דער הויך געשטאַנען, האָט ער שוין די אויגן פון דאָרט ניט געקענט אָפּרייסן און איז אין גאַנצן פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם צויבערשפּיל צווישן גאָלד און זון.

ווי אַ שטראָם האָט זיך דער מענטשן־געדרענג פון אַלע זייטן אין איין ריכטונג געשפּאַרט; אַלע זענען געגאַנגען צו דעם הר־הבית, וואו עס איז גע־שטאַנען דער טעמפּל, וואָס זרובבל האָט אויסגעבויט נאָך דאַן, ווען די יידן האָבן זיך פון גלות בבל אומגעקערט צוריק אין זייער לאַנד; אַהין זענען איצט אַלע געגאַנגען, ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז היינט וועט הורדוס געשטעלט ווערן צום משפט פאַרן סנהדרין. עס האָט זיך געדאַכט, אַז צו דעם שטראָם פון מענטשן וועט גאָר קיין מאָל ניט נעמען קיין סוף און אַז דאָס שאַלן פון די טרומפּייטן און דאָס בלאָזן פון די שופרות וועט זיך אַלע מאָל אָנהייבן נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל.

ב

אַ האַלבער טאָג איז שוין געהאַט אַוועק, ווען אַלע זיבעציק ריכטער פֿונעם סנהדרין זענען אַרײַנגעקומען אין דעם לשכּת־הגזית, וואָס האָט אָפּגעטיילט די אַנדערע זאַלן אינעם הייליקן טעמפּל פֿון דעם קדשי־קדשים, וואוהין קיינער האָט ניט געטאָרט אַרײַנקומען אויסערן כּהן־גדול.

פֿון די דיקע שטיינערנע ווענט, וואָס האָבן דעם טומל פֿון דרויסן אַהער ניט צוגעלאָזט, האָט זיך געטראָגן די ערנצטקייט פֿון דין און משפּט און אויך אַ קעלט, וואָס האָט עפּעס אַ באַזונדער מין מורא אַרויפֿגעוואָרפֿן אַזוי שנעל ווי מע האָט נאָר די שוועל אַריבערגעטראָטן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָ מוז אַ זײַטיקער מענטש האַלטן דאָס מויל פֿאַרמאַכט און די אויערן אָפֿן און אַז רעדן קענען דאָ בלויז יענע מענטשן, וואָס האָבן דעם גורל פֿון אַנדערע בײַ זיך אין די הענט...

דאָס אַרײַנקומען פֿון די זיבעציק ריכטער האָט מיט זיך נאָך מער אַ שווערן ערנצט אַרײַנגעבראַכט. אין דער שטילקייט האָבן זייערע געמאָסטענע טריט מיט אַ הילך אָפּגעקלונגען, און ווען זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף די שטולן, וואָס זענען אין אַ האַלבן קרײַז געווען אויסגעשטעלט, האָט זיך געדאַכט, אַז איצט איז געוואָרן נאָך שטילער ווי פֿריער, און אַז אַלץ אַרום און אַרום איז געבליבן מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם.

בײַ יעדן ריכטער איז דאָס פּנים געווען זייער ערנצט און פֿאַרזאָרגט. מ׳האָט צווישן זיי קיין איין יונגן מענטשן ניט געזען. אַלע האָבן געהאַט גרויע בערד און הויכע געקנייטשטע שטערנס. מ׳האָט געזען, אַז די מענטשן האָבן דעם גרעסטן טייל פֿון זייער לעבן אַוועקגעגעבן אויף לערנען. און עס איז שווער געווען זיך פֿאָרצושטעלן, אַז די זעלבע בכּבֿודיקע זקנים מיט די גרויע בערד און מיט די פּנימער, פֿון וועלכע עס שײַנט אַראָפּ אַזאַ איידלקייט און אַזאַ ליכט, קען מען אַ מאָל זען אין גאַס, פּונקט אַזוי ווי מ׳זעט אַ געוויינטלעכן מענטשן פֿון אַ גאַנץ יאָר.

אין מיטן פֿונעם האַלבן קרײַז איז געווען אַ שטול פֿאַר הורקונוסן, דעם מלך און כּהן־גדול. ער האָט אויך געדאַרפֿט זײַן בײַם משפּט, און די זיבעציק אַלטע ריכטער האָבן אויף אים געוואַרט. זײַן שטול איז געשטאַנען אַ ביסל העכער פֿון די אַנדערע, און אַהין זענען אַלעמענס בליקן געווען געווענדט, און ווען דער אַלטער הורקונוס איז אַרײַנגעקומען, האָבן זיך אַלע פֿון די ערטער אויפֿגעהויבן און גע־וואַרט ביז ער האָט זיך אַוועקגעזעצט.

די ריכטער זענען געווען זייער אומרואיק און האָבן אַלץ געקוקט אויף דער טיר. קיינער פֿון זיי איז ניט געווען זיכער, צי הורדוס וועט טאַקע קומען צום משפּט, צי ניין. אַלע מאָל, ווען די טיר האָט זיך געעפֿנט און עס איז אַרײַנגעקומען עמעצער אַנדערש, ניט הורדוס, האָבן די ריכטער זיך איבערגעקוקט, און וואָס לענגער די צײַט האָט זיך געצויגן, אַלץ אומגעדולדיקער זענען די ריכטער גע־וואָרן. און דאַן האָט איינער, אַ זקן מיט אַ בלאַס פּנים און צוויי געדיכטע ברעמען, געפֿרעגט מיט אײַנגעהאַלטענעם כּעס:

— פֿאַר וואָס קומט ער ניט, דער אָנגעקלאָגטער? אַלע מאָל פֿירט זיך, אַז דער אָנגעקלאָגטער וואַרט אויף די ריכטער, און דאָ איז גאָר פֿאַרקערט; די ריכטער וואַרטן אויפֿן אָנגעקלאָגטן, און ער קומט אַלץ ניט אַהער.

און באַלד איז צווישן די זיבעציק זקנים געוואָרן אַ געמורמל. און הויכע שטערנס האָבן זיך געקנייטשט, און ברעמען האָבן זיך ערנצט געכמורעט און גרויע בערד האָבן זיך געטרייסלט און שאַרפֿע בליקן פֿון קלוגע אויגן האָבן זיך פֿון איינעם צום אַנדערן געוואָרפֿן.

— אפֿשר וועט ער גאָר אין גאַנצן ניט קומען אַהער?

— ער וויל אונדז מאַכן צו שאַנד און צו שפּאָט!

— פֿאַר גאָט האָט ער גאַרניט קיין מורא!

— און ער לאַכט זיך אויס פֿון זײַן געבאָט!

— אַזוינס איז ניט געהערט געוואָרן!

— און וואָס טוט מען איצט דערמיט?

— זאָל דער מלך דאָ אונדז זאָגן:

— וועט ער קומען, אָדער ניט?

און הורקונוס איז געווען צעטומלט. אַ פֿאַרלוירענער איז ער אויפֿן הויכן שטול געזעסן, האַלטנדיק דעם קאָפּ אַרײַנגעצויגן צווישן די צווײ הויכע אַקסלען זײַנע. די געדיכטע שוואַרצע ברעמען האָבן זיך בײַ אים אַרויפֿ־ און אַראָפּ געהויבן. די לאַנגע גרויע באָרד, וואָס איז אים אין גאַנצן אויף דער ברוסט אַרויף, האָט זיך צעשפּרייט און איז געוואָרן אַזוי שיטער, אַז מע האָט די האָר איינציקווײַז געקענט איבערציילן. און ווען עס האָט זיך אים אָנגעהויבן דאַכטן, אַז עפּעס מוז ער איצט זאָגן, ווײַל אויב ניט וועט נאָך ווערן ערגער, האָט ער צו די זיבעציק זקנים געזאָגט:

— ער וועט קומען... ער וועט קומען... אוודאי וועט ער קומען...

אָבער הורדוס איז אַלץ ניט געקומען.

אין לשכת־הגזית איז די שטימונג צווישן די ריכטער פֿון סנהדרין געוואָרן אַלץ מער און מער אָנגעצויגן. די שטילקייט, וואָס איז אַלע מאָל פֿון אַ געמורמל איבערגעריסן געוואָרן, האָט שווער געדריקט. יעדע רגע האָט זיך ווי אַן אייביקייט געצויגן, און אַלע מאָל, ווען די זיבעציק זקנים מיט די גרויע בערד און מיט די שטרענגע פּנימער האָבן זיך איבערגעוואָרפֿן מיט בליקן און קיין וואָרט צווישן זיך ניט אויסגערעדט, האָט זיך געדאַכט, אַז באַלד וועלן זיי זיך אַלע מיט אַ מאָל געבן אַ הייב פֿון די שטולן און ס'וועט געשען עפּעס אַזוינס, וואָס איז דאָ פֿריִער קיין מאָל ניט געשען...

מיט אַ מאָל האָבן זיך פֿון די שטיינערנע טרעפּ בײַ דער טיר דערהערט טריט. פֿעסטע און שנעלע טריט, וואָס קלינגען אָפּ ווײַט. דאָס זענען געווען טריט ניט פֿון איין מענטשן, נאָר פֿון אַ סך מענטשן.

די ריכטער האָבן זייערע בליקן אָנגעשטעלט אַהין, פֿון וואַנען דאָס אָפּהילכן פֿון די טריט איז געקומען. אייניקע האָבן זיך פֿון די טיפֿע שטולן אַרויסגעבויגן, און די פּנימער זענען בײַ זיי געוואָרן בלאָס...

די טיר האָט זיך געגעבן אַן עפֿן ברייט און אַ סך באַוואָפֿנטע לײַט האָבן זיך געגעבן אַ שפּאַר אַרײַן אינעווייניק, פּונקט ווי זיי וואָלטן זיך מיט געוואַלד אַרײַנגעריסן...

גלײַכע, אויסגעמושטירטע, מיט שווערדן אויף די דיכן און מיט לאַנגע שפּיזן און מעשענע שוצטאַצן אין די הענט, האָבן זיי געשפּאַנט איבער דעם דיל פֿון מירמלשטיין גלײַך צו די ריכטער, וואָס זענען אויף די שטולן געווען אויסגע־זעצט. און ווען זיי זענען שוין געווען נאָענט בײַ די שטולן, האָבן זיי זיך געגעבן אַ שטעל אָפּ און זיך אין צוויי לאַנגע רייען צעוואָרפֿן. און אין מיטן איז געבליבן שטיין איינער, אַ הויכער, אַ פֿעסט־געבויטער, מיט אַ רוימישן העלם אויפֿן קאָפּ, מיט אַ גרויסער שווערד בײַ דער זײַט און מיט אַ מאַנטל פֿון פּורפּור־רויטן סאַמעט פֿאַרוואָרפֿן אויף די אַקסלען...

דאָס איז געווען הורדוס...

— מע האָט מיך אַהער גערופֿן, בין איך געקומען, און איך בין גרייט צו הערן אײַער פּסק!..

און געזאָגט האָט ער דאָס האַלטנדיק דעם קאָפּ הויך פֿאַרריסן, און אין זײַן טאָן האָט זיך געפֿילט די פֿעסטקייט פֿון איינעם, וואָס איז זיכער, אַז אים קען מען גאָרניט טאָן, ווײַל ער איז דער וואָס איז שטאַרק און מעכטיק און ער האָט קיין מורא ניט פֿאַר קיינעם...

די ריכטער זענען געבליבן זיצן צעטומלטע, און דער אַלטער הורקונוס האָט דעם קאָפּ נאָך מער אין די אַקסלען אַרײַנגעצויגן. קיינער פֿון די זיבעציק זקנים האָט זיך אויף אַזאַ זאַך ניט געריכט. אָנשטעלנדיק די בליקן אויף הורדוסן, און אויך אויף די באַוואָפֿנטע זעלנער, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט, האָבן אייניקע פֿון זיי מיט די אויגן געפֿינטלט, ווי מע טוט געווייַנטלעך, ווען מע איז ניט אין גאַנצן זיכער צי דאָס, וואָס מע זעט, איז טאַקע אַזוי צי ניין. בײַ אַנדערע זענען די אויגן ווי פֿאַרגליווערט געוואָרן און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיי קוקן און זעען גאָר נישט. און די שטילקייט איז געווען אַזאַ שווערע, אַזאַ אָנגעצויגענע, ווי נאָך קיין מאָל ניט, און עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אויב עמעצער וועט זי ניט איבער־רײַסן באַלד מיט אַ וואָרט אָדער מיט אַ קלאַנג, וועט זיך דאָ אַלץ צעפּאַלן מיט אַ קראַך.

און הורדוס האָט די גאַנצע צײַט אָנגעהאַלטן זײַן אַרויסרופֿנדיקן שטעל, ווי ער וואָלט זיך מיט אַלעמען גערייצט אָן ווערטער. זײַן גלאַט פּנים האָט אויסגעזען שטרענג, אָבער אין די ווינקלען פֿונעם מויל האָט זיך אַ שמייכל באַהאַלטן, אַ גאַליקער, אַ צו להכעיסדיקער שמייכל. ער האָט די ריכטער גלײַך אין די אויגן אַרײַנגעקוקט, און דערבײַ האָט ער זיך מיט דער לינקער האַנט געשפּילט מיטן הענטל פֿון דער שווערד...

— איך וואַרט — האָט ער געגעבן אַ זאָג ווי פֿון צווישן די ציין, און דאָס מויל האָט זיך בײַ אים דערבײַ ניט געעפֿנט — איך וואַרט!..

אַלע ריכטער האָבן זיך אויסגעדרייט מיט די פּנימער צום אַלטן הורקונוס, וואָס איז געזעסן אין מיטן אויפֿן הויכן שטול, און אַלע האָבן געוואַרט, ער זאָל אָנהייבן די אָנקלאַגע קעגן הורדוסן, פֿאַר וואָס ער האָט אין גליל חזקיהן און די

אַנדערע געגעבן דעם טויט אָן אַ דין און אָן אַ משפּט. אָבער דער קיניג האָט נאָך מער דעם קאָפּ אין די אַקסלען אַרײַנגעצויגן, נאָך נידעריקער די וואַסערדיקע, צעשראָקענע אויגן צו דער ערד אַרונטערגעלאָזט, און ער איז ווײַטער געבליבן זיצן אָן אַ וואָרט אין מויל, מיט צעפּלאָנטערטע געדאַנקען אין מוח און מיט אַ טיפן וויטיק אין האַרצן...

דאָן האָט איינער פון די ריכטער, דער אַלטער שמעיה, מיט אַ מאָל זיך גע־געבן אַ הייב אויף, און באַלד זענען אַלעמענס בליקן ווי צוגעשמידט געוואָרן צו אים.

— פאַר וואָס שווײַגן דאָ אַלע?! — האָט דער אַלטער ריכטער אויסגעשריגן אויפן קול, און דאָס פּנים האָט זיך בײַ אים צעפלאַמט. — פאַר וואָס הערט מען ניט קיין וואָרט פון קיינעם?!

ער איז געווען בייז, דער אַלטער ריכטער, וואָס האָט שטענדיק שטאַרק אָפּ־געהיט דעם כּבֿוד פונעם סנהדרין. זייער בייז. אָבער באַלד האָט ער זיך באַהערשט, צוריקגעקראָגן די ריכטערישע רואיקייט, און אָפּוואַרטנדיק אַ קורצע ווײַל און אָפּמעסטנדיק אַלעמען מיט די בליקן, האָט ער קלאָר און שאַרף יעדעס וואָרט אַרויסגעבראַכט:

— בײַ אײַך, ריכטער פון סנהדרין, און אויך בײַ דיר, קיניג פון יהודה און ישׂראל, פרעג איך אַ פראַגע און איך פאַרלאַנג, אַז איר זאָלט מיר דערויף אַ קלאָרן ענטפער געבן!

אַלע האָבן זיך אומגעקוקט צו אים. אויך הורקונוס האָט דעם קאָפּ אויפ־געהויבן און אַנגעשטעלט די בליקן אויף אים.

און דער אַלטער ריכטער שמעיה האָט ווײַטער גערעדט:

— צי האָט זיך שוין אַ מאָל אַזוינס געטראָפן, אַז אַ ייִד, וואָס ווערט אָנגע־קלאָגט אין אַ פאַרברעכן, זאָל קומען אַהער אַזוי ווי הורדוס איז אַהער געקומען? איז שוין אַ מאָל דאָ אַזוינס געשען?..

זאָגנדיק דאָס, האָט ער די שטים העכער אויפגעהויבן און מיטן פינגער אויף הורדוסן אָנגעוויזן, און ווען ער האָט געזען ווי יענער שטייט נאָך אַלץ אַ גלײַכער, אַן אויסגעצויגענער און קוקט אויף אים מיט דעם גאַליקן, גיפטיקן שמייכעלע, וואָס באַהאַלט זיך אין די ווינקלען פון זײַן מויל, האָט ער זיך אָנגעטאָן אַ כּוח ניט אַרויסצואווײַזן זײַן כּעס. אָבער דאָס איז אים אָנגעקומען זייער שווער און ער האָט עס פאַרט אין גאַנצן ניט געקענט באַהאַלטן.

— איאַ, קיינער פון אײַך געדענקט ניט אַזאַ פאַל? — האָט שמעיה געדרייט מיטן קאָפּ אין ביידע זײַטן, ווען קיינער פון די ריכטער האָט ניט געענטפערט אויף זײַן פראַגע — קיינער פון אײַך האָט נאָך אַזוינס ניט געזען? אויך איך האָב נאָך קיין מאָל אַזוינס ניט געזען!..אַלע מאָל, ווען מ'ברענגט אַן אָנגעקלאָגטן, שטייט ער געוויינטלעך מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, און אַ מאָל אויך מיט צעשויבערטע האָר, און אָנגעטאָן איז ער אין שוואַרצן, כּדי אַרויסצורופן רחמנות צו זיך. אָבער זעט ווי ער דאָרט שטייט פאַר אונדז!

און ער האָט ווידער אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף הורדוסן, און וואָס אַ מאָל האָט זײַן קול אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער אָפּגעהילכט:

— אַנגעקלאָגט ניט נאָר אין מאָרד, אינעם מאָרד פֿון חזקיה הגלילי, נאָר אין נאָך און נאָך מאָרדן און פֿאַרברעכנס, פֿאַר וואָס ער קען קריגן די העכסטע שטראָף, ווען ס'זאָל באַוויזן ווערן, אַז ער איז ווירקלעך שולדיק, איז ער געקומען צו אונדז, צו די ריכטער, אויסגעפּוצט אין אַ פּורפּור־רויטן מאַנטל, און די האָר פֿונעם קאָפּ זענען בײַ אים פֿינקטלעך אָנגעקרויזט. און באַוואָפֿנט איז ער פֿונעם קאָפּ ביז די פֿיס; אַהער אינעם טעמפּל פֿון גערעכטיקייט איז ער אַרײַנגעקומען מיט געווער און מיט אַ גאַנצער מחנה באַוואָפֿנטע לײַבוועכטער!.. און וואָס מיינט דאָס?.. יאָ, וואָס מיינט דאָס, פֿרעג איך בײַ אײַך, ריכטער פֿון סנהדרין? דאָס מיינט, אַז ווען מיר דאָ וואָלטן געפּסקנט, אַז ער איז שולדיק און אַז ער דאַרף באַשטראָפֿט ווערן לויטן געזעץ, וואָלט ער מיט מאַכט אונדז געשטערט דורכ־צופֿירן דעם משפּט, און מיר אַלע דאָ וואָלטן די ערשטע געפֿאַלן... דער אַנגע־קלאָגטער וואָלט אפֿשר גאָר אונדז אויך אָן אַ משפּט געגעבן דעם טויט... אונדז, די ריכטער פֿון סנהדרין!..

בײַ די לעצטע ווערטער האָט ער זיך אויסגעצויגן מיטן קאָפּ פֿאָרויס, ווי ווײַט ער האָט נאָר געקענט, אויך די רעכטע האַנט איז בײַ אים געווען אויסגעצויגן פֿאָרויס. און אַרויסגעזאָגט האָט ער די ווערטער מיט אַ סך קראַפֿט, און דערבײַ זענען די אויגן בײַ אים געווען פֿאַרמאַכט.

ער איז געווען אַ קליין־געוויקסיקער, דער אַלטער ריכטער שמעיה. אָבער איצט, ווען ער האָט גערעדט, איז ער עפּעס מיט אַ מאָל הויך אויסגעוואַקסן. און אַלע ריכטער אַרום אים זענען אונטער דער קראַפֿט פֿון זײַנע ווערטער עפּעס ווי אײַנגעשרומפּן געוואָרן אויף די שטולן. זיי האָבן אַלע די קעפּ אײַנגעבויגן און האָבן זיך געשעמט אים אין די אויגן אַרײַנצוקוקן. זיי האָבן געטראַכט, אַז ביז איצט האָט זיך נאָך קיינער ניט אויפֿגעהויבן אַזוי הויך ווי ער...

— זעט! זעט ווי ער שטייט דאָ! — האָט שמעיה געגעבן אַ זאָג, אָנווײַזנדיק אויף דעם אָנגעקלאָגטן. — עפֿנט אויף אײַערע אויגן און קוקט אויף אים! אין זײַן שטעל וועט איר זען אײַער אייגענע געפֿאַלנקייט!..

עס איז געווען אוממעגלעך ניט צו פֿאָלגן אים. און אַלע ריכטער האָבן די קעפּ אויפֿגעהויבן און געגעבן אַ קוק אויף הורדוסן.

און הורדוס האָט אין זיך געלאַכט. איבערקוקנדיק זיך מיט די באַוואָפֿנטע זעלנער, וואָס ער האָט מיטגענומען, איז ער געשטאַנען אַ שטאָלצער, מיט אַ פֿאַר־ריסענעם קאָפּ און זיך אַלץ געשפּילט מיטן הענטל פֿון דער שווערד, וואָס ער האָט אויף אַ זילבערנעם פּאַס געטראָגן. פֿאַר אים איז אַלץ דאָ געווען אַ שפּיל, וואו ער האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט אַרויסצוווײַזן זײַן מוט און זײַן מאַכט. עס האָט אים נאָר באַנג געטאָן, וואָס מרים איז דאָ ניטאָ און וואָס זי זעט ניט ווי אַזוי ער האַלט זיך... די רייד פֿון דעם ריכטער שמעיה האָבן בײַ אים אַפֿילו אויף אַ האָר ניט צוגענומען די זיכערקייט, וואָס ער האָט געפֿילט, ווײַל ער האָט געוואוסט, אַז די מאַכט פֿון רוים איז אויף זײַן זײַט. און ער איז ניט געווען בייז אויף אים, אויף דעם אַלטן ריכטער, פֿאַר וואָס ער רעדט אַזוי. פֿאַרקערט, ער האָט אים גאָר באַוואונדערט, וואָס ער ווײַזט אַרויס אַזוי פֿיל מוט און ער איז אין זײַנע אויגן אויסגעוואַקסן העכער פֿון די אַלע אַנדערע ריכטער. ער האָט זיך גוט צו־

געהערט צו יעדן וואָרט, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט. און ער איז געווען גרייט צו הערן נאָך און נאָך. און דער אַלטער ריכטער שמעיה האָט ווײַטער גערעדט:

— אָבער געדענקט און נעמט דאָס גוט אַרײַן אין זינען: זײַן שטיין דאָ אַזוי פֿאַר אונדז וועט בײַם פֿאָלק דערוועקן צאָרן; און אײַער שווײַגן דאָ אַצינד וועט אויף אונדז אַלע ברענגען שאַנד!.. ווי קענט איר שווײַגן, ווען איר זעט די חוצפּה, וואָס ער ווײַזט דאָ איצט אַרויס? אַזוינס געזען האָב איך ניט קיין מאָל און איך וויל דאָס מער ניט זען! עס קומט גאָר אויס, אַז ניט מיר דאַרפֿן אים משפּטן, נאָר ער איז געקומען אַהער אונדז משפּטן... און איך דערמאָן אײַך ווידער צו געדענקען, אַז אויב איר וועט ווײַטער אַזוי שווײַגן און אונדזער דין און משפּט ניט באַשיצן, וועט קומען אַ טאָג, ווען אין אַ שעה אַ בייזער וועט ער, דער זעלבער אָנגעקלאָגטער, אונדז אַלעמען פֿאַרטיליקן און פֿאַרלענדן... דער־באַרעמען וועט ער זיך ניט אויף קיינעם!..

דעם גאַנצן כּוח, וואָס ער האָט נאָך געהאַט אין זיך, דער אַלטער ריכטער שמעיה, האָט ער אין די לעצטע ווערטער אַרײַנגעלייגט. ער האָט דערבײַ דווקא ניט אויפֿגעהויבן הויך זײַן קול; אָבער אין יעדן וואָרט האָט זיך געפֿילט די גאַנצע טיפֿקייט פֿון דעם ווייטיק, וואָס ער האָט אין האַרצן געטראָגן. מער האָט ער שוין גאָרניט געקענט זאָגן, און ווען ער האָט זיך צוריק אויף זײַן שטול אַוועקגעזעצט, אַן אויסגעמאַטערטער און אַ בלאַסער, האָט די וואָרענונג זײַנע נאָך לאַנג בײַ אַלעמען אין די אויערן געקלונגען. און דאַן איז אינעם גרויסן זאַל פֿונעם סנהדרין מיט אַ מאָל געוואָרן אַ טומל. אַלע ריכטער האָבן זיך מיט אַ מאָל געגעבן אַ הייב אויף פֿון זייערע ערטער, און ס'האָבן זיך דערהערט קולות:

— שמעיה איז גערעכט!

— ווי קען מען גאָר אַזוינס דערלאָזן?

— אין די גרענעצן פֿון יהודה און ישׂראל האָט זיך אַזוינס נאָך קיין מאָל ניט פֿאַרלאָפֿן!

— פֿאַר דעם אַליין האָט ער פֿאַרדינט אַ שטראָף!

— און מע טאָר דאָס ניט פֿאַרשווײַגן!..

פּונקט ווי ס'צעפֿלאַקערט זיך אַ פֿײַער פֿון איין פֿונק, וואָס פֿאַלט אויף שטרוי, אַזוי האָבן די רייד פֿון דעם אַלטן ריכטער שמעיה אַלעמען אָנגעצונדן. דער שטאָלץ, וואָס זיי האָבן פֿריִער אין זיך דערשטיקט, האָט זיך מיט אַ מאָל ווי אַ שטראָם פֿון די ברעגן אַרויסגעריסן. דער צאָרן, וואָס זיי האָבן פֿריִער געפּרוּווט באַהאַלטן, האָט זיך פּלוצלינג מיט אַלע כּוחות געגעבן אַ שפּאַר אַרויס. און אַלע מאָל האָט זיך איבער אַלע קולות דערהויבן אַן אַנדער קול, אָבער אינעם טומל האָט מען שוין קיין ווערטער ניט געקענט הערן פֿון קיינעם. אַלע האָבן זיך גע־קאָכט און בײַ איטלעכן פֿון זיי איז דער כּעס אויף הורדוסן געווען גרויס. אַפֿילו בײַ די, וואָס האָבן מורא געהאַט דאָס אַרויסצואווײַזן...

און ווען דער טומל האָט זיך אָנגעהויבן, האָט הורדוס זײַן רואיקייט ניט פֿאַר־לוירן. ער איז געשטאַנען און געקוקט ווי די זיבעציק אַלטע לײַט קאָכן זיך און ער האָט אַפֿילו מיט קיין אויג קיין פֿינטל ניט געטאָן. אָבער וואָס גרעסער דער טומל איז געוואָרן, אַלץ מער האָט מען געקענט באַמערקן ווי דער אויסדרוק אויף

הורדוסעס פּנים בײַט זיך. אינעם טומל האָט קיינער ניט געהערט, ווי ער האָט פון צווישן די ציין אַן איבערגעהאַקטן געשריי אַרויסגעלאָזט, און באַלד האָבן די באַוואָפנטע זעלנער זײַנע זיך געגעבן אַ שטעל אויס לעבן אים. און ווען ער האָט זיי געגעבן אַ צייכן, האָבן זיי די בלויזע שווערדן פון די שיידן אַרויסגעצויגן. אָבער זיי האָבן דאָך ניט געמאַכט קיין איין שריט פאָרויס און זיי זענען געבליבן שטיין אויף דעם זעלבן אָרט...

דער קלאַנג פון די שווערדן האָט אויף אַ ווײַל דעם טומל אײַנגעשטילט. די ריכטער מיט די גרויע בערד זענען געבליבן שטיין מיט אָפענע מײַלער. און דער אַלטער שמעיה האָט דאָס פּנים מיט ביידע הענט פאַרשטעלט. און שאָקלענדיק דעם קאָפּ אַהער און אַהין, האָט ער אויפן קול געיאָמערט:

ווי צו די אויגן, וואָס זעען דאָס,
און ווי צו די אויערן, וואָס הערן דאָס!
גאָטס וואָרט איז דאָ פאַרשוועכט.
און גרויס איז דער ווייטיק.
און נאָך גרעסער איז די שאַנד!

— אָבער ווייסט, אַז קומען וועט אַ טאָג — האָט ער מיט אַ מאָל אַנגעהויבן שרײַען, מאַכנדיק מיט ביידע הענט — אַ טאָג, ווען מיר אַלע, די ריכטער דאָ, וועלן דאַרפן אָפּגעבן דין־וחשבון פאַר גאָט דערפאַר, וואָס מיר האָבן די דינים פון דער תורה געלאָזט טרעטן מיט די פיס!..וועד האָט מורא פאַר שווערדן? קיינער האָט פאַר דעם ניט קיין מורא! מיר זענען גרייט דאָס לעבן אָוועקצוגעבן פאַרן כבוד פון דער תורה!..

און באַלד איז ווידער געוואָרן אַ גרויסער טומל, און די ריכטער האָבן געשריגן:

— אין בלוט פאַרשמירט זענען זײַנע הענט!

— ער איז דער מערדער פון חזקיה הגלילי!

— פאַר זײַנע שווערדן האָבן מיר דאָ ניט קיין מורא!

— און מיר זענען גרייט צו שטאַרבן דאָ!

און אין די אַלע קולות האָט זיך אַלע מאָל אַרײַנגעשניטן אַן אויסרוף, וואָס איז מיט זײַן גאַנצער שאַרפקייט געבליבן הענגען אין דער לופט:

— ניט אין שטאַרקייט און ניט אין כּוח, נאָר אין גײַסט געפינט מען גאָט!..

די קולות האָבן אָנגעהויבן ווערן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. און די באַוואָפנטע זעלנער, מיט הורדוסן אין דער מיט, און מיט די בלויזע שווערדן אין די הענט, זענען געשטאַנען און האָבן זיך אַפילו קיין ריר ניט געטאָן, אָבער זייערע בליקן האָבן דאָך אַ מורא אַרויפגעוואָרפן; זיי האָבן געקוקט — דאָ אויף הורדוסן, וואָס איז געשטאַנען צווישן זיי מיט אַלע בלוטן אינעם צעפלאַמטן פּנים, און דאָ אויף די ריכטער מיט די גרויע בערד און מיט די פּנימער, וואָס האָבן אויסגעדריקט די איידלקייט פון גײַסט. צוויי כּוחות האָבן זיך איינע אַנטקעגן די אַנדערע פאַר־מאָסטן — דער כּוח פון דער שווערד און דער כּוח פון גײַסט...

אַלץ איז געהאַנגען אויף אַ וואָגשאָל, און אין דעם טומל איז דער קיניג הורקונוס געווען אין גאַנצן אַ פאַרלוירענער. ער האָט ניט געקענט אײַנזיצן אויף דעם שטול, וואָס איז העכער פון אַלע אַנדערע געשטאַנען, האָט ער זיך אַלע מאָל אויפגעהויבן און זיך באַלד ווידער צוריק אַוועקגעזעצט. און ווען ער האָט מיטן אויג אויפגעכאַפּט ווי הורדוס האָט געגעבן אַ וואונק צו די באַוואָפנטע זעלנער, האָט ער אויסגעשריגן אַ דערשראָקענער:

— ריכטער פון סנהדרין, הערט זיך צו צו מײַן קול!

פון דער טיפעניש פונעם האַרצן איז בײַ אים דאָס קול אַרויסגעקומען. און דאָס איז ניט געווען קיין אויסגעשריי פון אַ מענטשן, וואָס קען באַפעלן, נאָר דער אויסגעשריי פון איינעם, וואָס איז אַזוי פאַרצווייפלט, אַז ער קען גאָרניט טאָן קיין אַנדער זאַך ווי נאָר שרײַען. מיט אַ שאַרפן קוויטש האָט דאָס קול אָפּגעקלונגען און ס'האָט זיך אינעם טומל אַרײַנגעשניטן.

עס איז געוואָרן שטיל. די ריכטער האָבן זיך צוריק אויף זייערע ערטער אַוועקגעזעצט, און אויף אַ וואונק פון הורדוסן האָבן די באַוואָפנטע זעלנער די שווערדן צוריק אין די שיידן אַרײַנגעלייגט.

און דאַן האָט דער קיניג מיט אַ ציטערדיק קול געזאָגט:

— הערט מיך אויס, רבותי! אַ פסק־דין קען מען אַרויסגעבן בלויז דאַן, ווען מ'באַטראַכט זיך גוט, ווען מ'האָט ישוב־הדעת. ווער פון אונדז ווייסט דאָס דען ניט? און איר אַלע זענט איצטער בייז. זייער בייז און אויפגעבראַכט. דעריבער לייג איך אָפּ דעם משפט. איך לייג אים אָפּ אויף מאָרגן. און אפשר נאָך אויף צוויי־דרײַ טעג... דער אָנגעקלאָגטער וועט דאַן קומען אַהער אַליין... ווילן מיר הערן, וואָס ער האָט צו זאָגן און דערנאָך ווילן מיר אַרויסגעבן דעם פסק...

און אָנווײַזנדיק מיטן פינגער אויף הורדוסן האָט ער געזאָגט:

— דער אָנגעקלאָגטער קען גיין!..

הורדוס און זײַנע באַוואָפנטע לײַט האָבן זיך געגעבן אַ דריי אויס און מיט פעסטע טריט, פונקט ווי אויף אַ מושטיר־פלאַץ, האָבן זיי זיך געלאָזט שפּאַנען צו דער טיר און זיי זענען אַרויס פונעם געריכט אינעם הייליקן טעמפּל. און די זיבעציק זקנים מיט די ווײַסע בערד זענען געבליבן זיצן מיט אָפענע מײַלער און ברייט צעעפנטע אויגן. און אַזוי זענען זיי אַ ווײַל געזעסן שטיל און קיינער פון זיי האָט קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. און נאָך דעם האָבן זיי זיך אויפגעהויבן און זענען איינציקווײַז אַרויס מיט לאַנגזאַמע און געמאָסטענע טריט.

דער לעצטער אַרויסצוגיין איז געווען דער אַלטער ריכטער שמעיה. ער איז געגאַנגען מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, זיך פאַרשטעלט דאָס פנים מיט בײדע הענט. און בײַ דער טיר האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, לאַנג געקוקט אויף די ליידיקע שטולן, און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, האָט ער שווער געזיפצט און שטיל געזאָגט:

— גאָט אין הימל, ווי קענסטו צוזען אַזוינס און שווײַגן?.. און ווי לאַנג נאָך וועט דאָס אַזוי זײַן?..

ג

גלײַך פֿון געריכט איז הורדוס אַוועק אין קיניגלעכן הויף. ער איז אַרײַנגעקומען אַהין אַ צופֿרידענער. און פּונקט ווי ער וואָלט שוין דאָרטן געווען אַן אײגענער, איז ער פֿרײַ פֿון אײן גרויסן זאַל אין אַנדערן געגאַנגען, און ווען ער האָט מרימען דערזען, האָט ער זי מיט אַ מאָל געגעבן אַ כאַפּ אַרויף אויף די הענט, זי אויפֿגעהויבן און זיך פֿרײלעך צעלאַכט...

זײַן געלעכטער איז געווען אַ געזונטער, אַ ברוסטיקער. און קוקנדיק אויף אים, האָט מרים אויך אָנגעהויבן לאַכן. אָבער ווען ער האָט זי צוריק אויפֿן ווייכן קילים אַוועקגעשטעלט און זיך אַרונטערגעלאָזט פֿאַר איר אויף די קני, איז זי געבליבן שטײן אַ צעטומלטע, אַ פֿאַרלוירענע און איז שנעל אַנטלאָפֿן...

עס האָט זי צו הורדוסן געצויגן, און דאָך האָט זי מורא געהאַט פֿאַר אים...

און הורדוס האָט זײער געוואָלט בלײַבן בײַם קיניג הורקנוס אין הויף אַ לענגערע צײַט, כּדי מרים זאָל זיך צוגעוואוינען צו אים. ער האָט זיך שוין ניט געקענט פֿאָרשטעלן, ווי אַזוי ער וועט איצטער קענען אַוועק צוריק קײן גליל און דאָרטן זײַן אָן מרימען. און ווען ער האָט וועגן דעם מיט מרימס מוטער גערעדט, האָט ער איר געזאָגט:

— ווען זי וועט זען ווי גוט און אײדל איך קען זײַן, וועט זי פֿאַר מיר שוין מער קײן מורא ניט האָבן... זי וועט מיך ליב האָבן, שטאַרק ליב האָבן, און איך וועל זי אויך ליב האָבן און וועל זי הויך שעצן. איך וועל פֿאַר איר דעם שענסטן פּאַלאַץ אויסבויען און אירע פֿיס וועלן שטענדיק בלויז אויף ווייכע קילימס טרעטן. די טײַערסטע דימענטן און אײדלשטײנער וועלן איר האַלדז באַפּוצן. אין גאָלד און זילבער וועל איך זי צירן, אין גאָלדענע רײַטוועגענער וועל איך זי פֿירן און זי וועט זײַן די גליקלעכסטע צווישן אַלע טעכטער פֿון ירושלים...

וועגן דעם משפּט פֿאַרן סנהדרין האָט ער מיט אַלכּסנדרהן ניט גערעדט, פּונקט ווי דאָס וואָלט אין גאַנצן ניט געווען וויכטיק. זי האָט עטלעכע מאָל געפּרוּווט רעדן מיט אים וועגן דעם, אָבער ער האָט זיך גאָר צו אירע רייד ניט צוגעהערט און האָט אַלץ גערעדט און גערעדט וועגן דעם, ווי גרויס און שטאַרק עס איז זײַן ליבע צו מרימען און וואָס ער וועט טאָן, אַז זי אים זאָל אויך ליב האָבן אַזוי ווי ער פֿאַרדינט.

— איך וועל איר ווײַזן — האָט ער געזאָגט — ווי איך יאָג זיך, פֿאָרנדיק רײַטנדיק אויף אַ פֿערד!.. איך וועל איר ווײַזן ווי איך טרעף, שיסנדיק אַ פֿײַל פֿון אַ בויגן!.. איך וועל איר ווײַזן ווי איך ראַנגל זיך מיט די שטאַרקסטע גיבורים און ווי קײנער פֿון זײ קען מיך ניט בײַקומען!.. דאָס וועט דאָך איר זיכער שטאַרק געפֿעלן און זי וועט מיך אָנהײבן ליב האָבן, שטאַרק ליב האָבן...

עס האָט פֿון הורדוסן געשטראָמט מיט פֿרייד, און אויסגעדריקט די פֿרייד האָט ער מיט עפּעס אַזעלכע מאָדנע קלאַנגען, וואָס זענען בײַ אים פֿון האַלדז אַרויסגעקומען. אַ געמיש פֿון קינדערשקייט און ווילדקייט איז אין די קלאַנגען געווען, און אַלע מאָל ווען ער האָט געהערט ווי אַלכּסנדרה רעדט אַרויס מרימס נאָמען, האָט דאָס לענגלעכע פּנים זײַנס מיט די בלויע אויגן זיך בײַ אים נאָך מער

צעשיינט; און ווען ער האָט דערהערט מרימס געלעכטער, וואָס האָט זיך פֿון אַן אַנדער חדר געטראָגן, האָט ער שוין רואיק אַזוי אַן אָרט ניט געקענט אײַנשטיין און ער האָט זיך מיט ברייטע טריט געגעבן אַ לאָז אַהין, פֿון וואַנען דאָס קלינגענדיקע געלעכטער איז געקומען. אָבער אַלכּסנדרה האָט אים מיט אַ ווײַבעריש־זיסן שמייכל אָפּגעשטעלט.

— זי איז פֿריילעך, מײַן טאָכטער מרים, איז זאָל זי לאַכן. עס איז איר גוט און מע דאַרף איר איצט ניט שטערן. דו בלײַבסט דאָך דאָ אין שטאָט אויף לאַנג נאָך, נו, ווערט אויף אַלץ נאָך זײַן אַ צײַט...

זי האָט דאַן זייער שטאַרק געוואָלט בלײַבן מיט אים אויג אויף אויג און רעדן מיט אים אַזוי, אַז ער זאָל בײַ צײַטנס שוין זען ווי גוט עס וועט אים קענען צו ניץ קומען איר פֿרײַנדשאַפֿט אין הויף. אָבער פּונקט דאַן איז מיט שנעלע טריט אַרײַנגעקומען דער אַלטער הורקנוס אַ צעטומלטער און דאָס בלאַסע צעשראָקענע פּנים איז בײַ אים געווען נאָך בלאַסער און דערשראָקענער ווי אַלע מאָל.

— דו מוזסט שוין אַנטלויפֿן פֿון דאַנען! אַנטלויפֿן וואָס שנעלער!..

און פּונקט ווי ער וואָלט זיך פֿאַר הורדוסן טאַקע גלײַך אויפֿן אָרט געדאַרפֿט פֿאַרענטפֿערן, האָט ער אויסגעשפּרייט ביידע הענט און האָט ווײַטער גערעדט:

— ווער — האָט ער געזאָגט — אין דען שולדיק אין דעם, וואָס דו האָסט זיי אַזוי דערצאָרנט?.. איצט פֿאַרלאַנגען זיי פֿון מיר, איך זאָל מאָרגן ווידער צונויפֿרופֿן די ריכטער פֿון סנהדרין און אָנהייבן דעם משפּט באַנײַס... און אין די גאַסן ווײַנען שוין ווידער די ווײַבער פֿון די, וואָס זענען אין גליל געפֿאַלן; די גאַנצע שטאָט איז מיט זייער יאָמער פֿול... דײַן לעבן דאָ איז אין גרויס סכּנה, און דו מוזסט וואָס שנעלער פֿון דאַנען אַנטלויפֿן!.. ווען די לבֿנה וועט הײַנט אַרויס אין הימל, זאָלסטו שוין זײַן ווײַט פֿון די טויערן פֿון ירושלים!..

בײַ הורדוסן האָט זיך פֿון צווישן די פֿאַרקריצטע ציין אַ ווילדער ברום אַרויסגעריסן. און אין די צוויי בלויע אויגן זײַנע האָט זיך אַ פֿײַער פֿון רציחה אָנגעצונדן:

— וואָס מאַכן זיי דאָ אין ירושלים אַזעלכע געוואַלדן? — האָט ער זיך געבייזערט, שטייענדיק פֿאַרן אַלטן קיניג און כּהן־גדול אַ גלײַכער, אַן אויסגעצויגענער, מיט אַלע בלוטן אין פּנים און מיט אַ סך זיכערקייט בײַ זיך. — איך האָב דעם חזקיהן און די אַנדערע פֿון זײַן פֿאַרברעכערישער באַנדע געגעבן די שטראָף, וואָס זיי האָבן פֿאַרדינט, איז איבער דעם אין ירושלים אַ גאַנצע מהומה געוואָרן און זיי ווילן מײַן קאָפּ דערפֿאַר. וואָס דען אַנדערש קען מען טאָן מיט אַזעלכע רויבער און פֿאַרברעכער? העלדן גאַנצע האָט מען דאָ פֿון זיי געמאַכט! און מע פֿלוידערט וועגן געזעץ און מע טומלט וועגן די דינים פֿון דער תּורה!..

ער האָט געהאַלטן, אַז פֿאַראַנטוואָרטלעך איז ער בלויז צו רוים, אָבער ניט צו ירושלים. רוים האָט אים געמאַכט פֿאַרן הערשער איבער גליל, און ער קען דאָרטן טאָן וואָס ער געפֿינט נאָר פֿאַר נייטיק צו האַלטן אָרדענונג אין דער גאַנצער געגנט. איז וואָס ווילן די ריכטער פֿונעם סנהדרין פֿון אים און וואָס פֿאָדערן זיי דין־וחשבון? ניט זיי האָבן אים פֿאַרן הערשער איבער גליל געמאַכט און ניט זיי דאַרף ער אָפּגעבן דין־וחשבון פֿאַר דעם, וואָס ער טוט...

אויך זײַן פֿאָטער האָט וועגן דעם די זעלבע מיינונג געהאַט. און רעדנדיק מיט אים דערפֿון, ווען קיין זײַטיקע מענטשן זענען ניט געווען דערבײַ, האָט ער ניט אָן ביטערקייט געזאָגט:

— אַז זיי רעדן נאָך אַלץ אויפֿן אַלטן שטייגער וועגן אַראָפּוואַרפֿן דעם יאָך פֿון די פֿרעמדע און וועגן זיך שטעלן אַנטקעגן דער מאַכט פֿון רוים... און זיי וויסן ניט, די נאַראָנים, אַז די קלוגשאַפֿט אין פֿירן אַ מלוכה באַשטייט אין דעם, וואָס מע ווייסט ווען מע מוז זיך בייגן און זיך אַפֿילו אונטערגעבן און ווען מע קען זיך שטעלן אַנטקעגן... אַראָפּוואַרפֿן דעם פֿרעמדן יאָך — דאָס קלינגט אַוודאי זייער שיין. אָבער פֿאַר דער שוואַכער יהודה זיך צו שטעלן אַנטקעגן דער מאַכט פֿון רוים איז פּונקט ווי זיך אַליין אויסקלײַבן דעם טויט...

און דער אַלטער אַנטיפּאַטרוס האָט געראָטן דעם זון, אַז ווען ער וועט אַנט־לויפֿן פֿון ירושלים זאָל ער אַוועק ניט קיין גליל, נאָר קיין דמשק, און דאָרט, אין דער אַלטער סירישער שטאָט, זאָל ער זיך זען מיט דעם רוימישן פּראָקוראַטאָר סעקסטוס־צעזאַר און אים אַלץ דערציילן.

— און דאָס זאָלסטו ברענגען אַ מתּנה דעם רוימישן פּראָקוראַטאָר אין סיריע — האָט אַנטיפּאַטרוס געזאָגט דעם זון, איבערגעבנדיק אים אַ געשניצט קעסטעלע מיט גוט צוגעקליבענע דימענטן און בריליאַנטן — אַ מתּנה פֿון מיר און פֿון דיר... מיטן שוץ פֿון אַ רוימער קען מען זײַן זיכער ניט נאָר דאָ, ווען מ׳טוט וואָס אים געפֿעלט, נאָר דאָן ווען מ׳לאָזט אים הערן דעם קלאַנג פֿון גאָלד און זילבער...

ד

וויִ שווער עס איז הורדוסן ניט געווען זיך צו שיידן מיט מרימען, איז ער אין דעם זעלבן טאָג דאָך אַוועק פֿון ירושלים, און עס האָט געדאַרפֿט הייסן, אַז ער איז אַנטלאָפֿן פֿאַרן קיניג. ער האָט זיך שטאַרק געאײַלט און אויפֿן וועג האָט ער אַליין ניט געקענט פֿאַרשטיין פֿאַר וואָס ער טראַכט ניט וועגן איר אַזוי פֿיל, וויפֿל ער וואָלט געוואָלט. בלויז פֿון צײַט צו צײַט איז זי אים אויפֿן זינען געקומען און ער האָט זיך פֿאַרטראַכט וועגן איר און דערבײַ האָט ער איר גע־שטאָלט אַזוי קלאָר פֿאַר די אויגן געזען. אָבער באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער טראַכט שוין גאָרניט וועגן איר, נאָר וועגן דער באַגעגעניש, וואָס שטייט אים פֿאָר מיט סעקסטוס־צעזאַרן און וועגן דער מתּנה, וואָס ער פֿירט אים; ער האָט זיך אויך געכאַפּט דערבײַ, ווי ער טראַכט אָפּ פֿון דעם, וואָס ס׳איז פֿאָרגעקומען, ווען ער איז געשטאַנען פֿאַר די ריכטער פֿון סנהדרין; און אַלע מאָל, ווען ער האָט וועגן דעם געטראַכט, האָט ער געזען פֿאַר די אויגן דאָס פּנים און דאָס געשטאַלט פֿון יענעם אַלטן ריכטער שמעיה, וועלכער איז אַזוי מוטיק אַרויסגעטראָטן קעגן אים. און דווקא אויף אים, אויף דעם אַלטן ריכטער שמעיה, איז ער ניט געווען בייז, ווי ער איז געווען אויף די אַנדערע ריכטער פֿון סנהדרין...

די פּנימער פֿון יענע זקנים האָט ער גאָר מער ניט געדענקט. זיי האָבן זיך בײַ אים אַלע צונויפֿגעגאָסן אין איין פּנים מיט אַ סך אויגן און אַ סך גרויע בערד, לאַנגע און ברייטע און צעשויבערטע. ער האָט זיך זייער געקרימט, ווען ער האָט זיך איצט יענע אַלע פּנימער פֿאַרגעשטעלט ווי אין איין פּנים צונויפֿגעגאָסן, און ס׳איז שוין בײַ אים געווען אָפּגעמאַכט, אַז בײַ דער ערשטער געלעגנהייט, וואָס ער וועט נאָר האָבן, וועט ער זיי אַלע אומברענגען... צום טויט וועט ער זיי פֿאַרמשפּטן פֿאַר דער חוצפּה, וואָס זיי האָבן געהאַט צו ווען אים משפּטן!.. אָבער דאָס פּנים פֿון דעם אַלטן ריכטער שמעיה האָט ער בשום אופֿן ניט געקענט פֿאַרגעסן, און ער האָט געפֿילט, אַז ער האָט גרויס דרך־ארץ פֿאַר יענעם זקן און אַז ער איז אים נאָענט צום האַרצן...

ח

אָנגעקומען קיין דמשׂק איז הורדוס נאָך פֿריִער ווי ער האָט געהאַט אויסגערעכנט. און ער איז געווען זייער שטאָלץ דערמיט, וואָס דער רוימישער פּראָקוראַטאָר סעקסטוס־צעזאַר האָט אים אַזוי וואַרעם אויפֿגענומען.

אַלע איינצלהייטן פֿון דעם משפּט פֿאַרן סנהדרין האָט סעקסטוס־צעזאַר גע־וואָלט וויסן. און ווען הורדוס האָט אים דערציילט, וואָס ס׳איז דאָרט פֿאָרגעקומען און ווי אַזוי ער האָט זיך דאָרט געהאַלטן, האָט ער אַ צופֿרידענער געלאַכט אויפֿן קול, און אַלע מאָל איז ער געווען זייער שטאַרק נײַגעריק, אַז הורדוס זאָל אים ענטפֿערן אויף אַן אַנדער פֿראַגע, וואָס ער האָט געהאַט צו שטעלן:

— און זיי האָבן זיך אַוודאי שטאַרק דערשראָקן, ווען די באַוואָפֿנטע זעלנער האָבן די שווערדן פֿון די שיידן אַרויסגעצויגן?

— און דער אַלטער הורקנוס האָט אַוודאי געמוזט זײַן אין גאַנצן אַ פֿאַר־לוירענער?

— און די אַלטע לײַט זענען אַוודאי געוואָרן צעטומלט, ווען מ׳האָט דעם משפּט אָפּגעלייגט?

הורדוס האָט אויף די אַלע פֿראַגעס געענטפֿערט, און רעדנדיק וועגן דעם, ווי אַזוי ער האָט זיך געהאַלטן, האָט ער זיך ניט באַרימט דערמיט, נאָר גערעדט וועגן דעם ווי פֿון אַ גאַנץ געוויינטלעכער זאַך, פּונקט ווי אַנדערש וואָלט עס גאָר־ניט געקענט זײַן. און דערמיט האָט ער בײַ סעקסטוס־צעזאַרן נאָך מער אויסגע־נומען; דער רוימישער הערשער אין סיריע האָט אין אים איצט נאָך מער געזען דעם גיבור, דעם העלד, וואָס שרעקט זיך ניט פֿאַר קיינעם, און אויך דעם געטרײַען דינער, וואָס ווייסט צו וועמען ער איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר זײַנע מעשׂים...

— דער צעזאַר אין רוים — האָט ער געזאָגט — וועט וויסן ווי דאָס אָפּצו־שאַצן.

— און איך וועל אויך וויסן ווי אָפּצושאַצן אַלץ, וואָס רוים טוט — האָט הורדוס זיך אָנגערופֿן.

און זאָגנדיק דאָס, האָט ער אויפֿן טיש אַוועקגעשטעלט אַ געשניצט קעסטעלע און געעפֿנט דאָס דעקל. אינעם קעסטעלע איז געלעגן דאָס גאָלד און זילבער, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט...

— דאָס — האָט ער געזאָגט — איז אַ מתּנה פֿון מיר און פֿון מײַן פֿאָטער פֿאַר די גוטע זאַכן, וואָס רוים טוט פֿאַר אונדז און פֿאַרן לאַנד. אונדזער פֿאַמיליע ווייסט ווי אָפּצושאַצן דעם גנאָד פֿון רוים...

סעקסטוס־צעזאַר איז געווען זייער שטאַרק צופֿרידן פֿון דער מתּנה.

— דאָס איז אַ ווירדיקער אויסדרוק פֿון פֿרײַנדשאַפֿט — האָט ער געזאָגט.

און טאַקע באַלד האָט ער די פֿרײַנדשאַפֿט געשטעמפּלט דערמיט, וואָס ער האָט הורדוסן געמאַכט פֿאַרן הויפּט פֿון די רוימישע חיילות אין לבֿנון, און ער האָט די גאַנצע געגנט איבערגעגעבן אין זײַן רשות מיט די רעכט אַרויפֿצולייגן אויף דער באַפֿעלקערונג װעלכע שטײַערן ער וועט נאָר וועלן...

— פֿון הײַנט אָן און ווײַטער — האָט סעקסטוס־צעזאַר הורדוסן געזאָגט — ווערסטו אין ראַנג זײַן דער „עסטראַטעגוס" איבער די רוימישע לעגיאָנען אין לבֿנון.

און ווען הורדוס האָט זיך שוין געפֿילט זיכער מיטן שוץ פֿון רוים, האָט ער דורך אַ שליח געלאָזט וויסן דעם סנהדרין אין ירושלים, אַז אויב מע וועט ניט בטל מאַכן די אָנקלאַגע קעגן אים, וועט ער דאָס ניט פֿאַרשווײַגן. און ער האָט אויך געוואָרנט, אַז רוים וועט זיך אײַנשטעלן פֿאַר אים, ווײַל פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר זײַנע מעשׂים איז ער ניט צו קיינעם, נאָר צו דער מאַכט פֿון רוים...

דאָס האָט בײַ די ריכטער פֿון סנהדרין אַרויסגערופֿן נאָך אַ גרעסערן צאָרן, און זיי זענען צוגעשטאַנען צום קיניג הורקונוס, אַז ער זאָל זיך אָננעמען פֿאַרן כּבֿוד פֿונעם העכסטן געריכט און צווינגען הורדוסן, ער זאָל ווידער קומען צום משפּט און זיך אונטערוואַרפֿן דעם אורטייל. אָבער הורקונוס האָט אַלע מאָל אַן אַנדער תּירוץ אָנגעגעבן און זיך אַליץ אַרויסגעדרייט דערפֿון.

— הורדוס האָט אונדז בײַגעקומען — האָט דער אַלטער ריכטער שמעיה געשאָקלט מיטן קאָפּ. — רשעות האָט דעם קאָפּ הויך אויפֿגעהויבן און די גע־רעכטיקייט ווערט געטראָטן מיט די פֿיס...

— און פֿאַרשוועכט האָט ער דעם כּבֿוד פֿון דער תּורה — האָט אַן אַנדער פֿון די זקנים זיך געקלאָגט.

— ער רוקט זיך אויף אונדז ווי אַ שווערער וואָלקן, וואָס זאָגט אָן דאָס אָנ־קומען פֿון אַ גרויסן שטורעם — האָט אַ דריטער זײַן טיפֿן וויטיק אויסגעדריקט.

ניט נאָר אין ירושלים, נאָר אויך אין אַלע אַנדערע שטעט פֿון לאַנד האָט מען גערעדט וועגן דעם, ווי אַזוי הורדוס האָט זיך געהאַלטן פֿאַרן סנהדרין. פֿון מויל צו מויל איז דאָס געגאַנגען און יעדער איינער האָט פֿון זיך עפּעס צוגעלייגט, און די גאַנצע געשיכטע האָט זיך צעוואַקסן אַזוי, אַז מ'האָט שוין דערציילט מיט אייַנצלהייטן, אַז אין לשכּת־הגזית האָט זיך געגאָסן בלוט...

מ'האָט אויך גערעדט וועגן דעם, ווי אַזוי הורדוס איז פֿון ירושלים בײַ נאַכט אַנטלאָפֿן. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז ער איז אַנטלאָפֿן דערפֿאַר, וואָס ער האָט

מורא געהאַט, אַז דער קיניג וועט אים צווינגען זיך ווידער צו שטעלן צום משפט פאַרן סנהדרין. און אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז פון מענטשן, וואָס שטייען באַענט צום קיניגלעכן הויף האָט מען געהערט, אַז ניט קיין אַנדערער ווי דער קיניג אַליין האָט אים גאָר געהאָלפן אַנטלויפן און אַז אַנטיפּאַטרוס האָט אַ האַנט אין דעם...

מ׳האָט אויך גערעדט וועגן דעם, וואָס ס׳איז שוין אַ באַשטימטע זאַך, אַז הורדוס וועט נעמען מרימען פאַר אַ ווײַב, און אַז זי איז שוין פאַרקנסט פאַר אים. און אומעטום, וואו מ׳האָט דאָס נאָר דערמאָנט, האָבן מענטשן שטאַרק באַדויערט די יונגע טאָכטער פון די חשמונאים. דאָס פאָלק איז געווען קעגן דעם שידוך...

מ׳האָט אויך גערעדט דערפון, וואָס סעקסטוס־צעזאַר האָט הורדוסן דערהויבן צום ראַנג פון „עסטראַטעגוס" איבער די רוימישע לעגיאָנען אין לבנון. דאָס האָט אַלעמען מער ווי אַלץ געמאַכט אומרואיק, און מ׳איז געווען זיכער, אַז ס׳וועט ניט געדויערן לאַנג און הורדוס וועט פון זיך לאָזן הערן, און טאַקע אויף אַזאַ שטייגער, אַז דאָס גאַנצע לאַנד וועט אויפגערודערט ווערן...

אַלע האָבן פאַר הורדוסן מורא געהאַט.

אַלע האָבן פאַר אים געציטערט.

ער האָט אויף אַלעמען אַ פּחד אַרויפגעוואָרפן.

מ׳האָט אין אים געפילט דעם שטאַרקן, מעכטיקן מאַן, וואָס גייט מיט פעסטע און זיכערע טריט צו אַ באַשטימטן ציל.

אַפילו די מענטשן, וואָס האָבן געטראַכט, אַז אין אַזאַ צײַט דאַרף דאָס פאָלק האָבן אַזאַ פירער, וואָס זאָל זײַן אַזאַ שטאַרקער מאַן ווי הורדוס איז, האָבן טיף אין האַרצן זיך געשראָקן פאַר אים...

אַלע האָבן אין אים געזען דעם שווערן וואָלקן, וואָס זאָגט אָן דאָס אָנקומען פון אַזאַ שטורעם, אַז קיינער וועט מיטן לעבן ניט קענען זײַן זיכער...

און אין גאַנצן איז הורדוס דעמאָלט אַלט געווען ניט מער ווי זעקס און צוואַנציק יאָר...

פינפטער קאפיטל

צווישן רוים און ירושלים

א

קיינער האָט ניט באַמערקט, ווען און ווי אַזוי דער קיניגלעכער הויף אין ירושלים האָט זיך צעטיילט אויף צוויי צדדים, וואָס זענען איינער דעם אַנדערן פאַרביסענע שונאים געוואָרן.

מ׳האָט דאָס די ערשטע צײַט ניט געקענט באַמערקן, ווײַל יעדער צד האָט געגראָבן שטילערהייט, און אַלע האָבן געהיים געזוכט מיטלען, ווי אַזוי צו צעשטערן דאָס וואָס די אַנדערע האָבן פאַרטראַכט צו טאָן.

און אַלץ האָט זיך געדרייט אַרום דעם, וואָס עס איז שוין געווען אָפּגעמאַכט, אַז הורדוס וועט נעמען מרימען פאַר אַ ווײַב...

דער קאָפּ פון דעם צד, וואָס האָט געהאַלטן, אַז אַזוי מוז דאָס זײַן און אַזוי וועט דאָס זײַן, איז געווען הורדוסעס פאָטער, אַנטיפּאַטרוס. און אַ סך אַרויסגעהאָלפן אין דעם, אַז עס זאָל זײַן אַזוי, האָט מרימס מוטער, אַלכּסנדרה. זי האָט געטאָן אַלץ, וואָס זי האָט נאָר געקענט צוצוציִען צו דעם די אַלע מענטשן, וואָס האָבן אין הויף דעם גרויסן אײַנפלוס געהאַט. אָבער איינעם פון די שטאַרקסטע מענטשן אין הויף האָט זי אויף איר זײַט ניט געקענט געווינען, און דאָס איז געווען מאַליכוס.

אים, דעם מוטיקן קריגספירער, וואָס האָט זיך ניט איין מאָל אויפן שלאַכטפעלד אויסגעצייכנט, האָט אַלכּסנדרה קיין מאָל ניט געקענט באַווײַזן, אַז ס׳איז פאַרן וואוילזײַן פון דער מלוכה און פונעם פאָלק, אַז הורדוס, דער זון פון אַנטיפּאַטרוס, זאָל נעמען מרימען פאַר אַ ווײַב. ווען נאָר זי האָט צו אים אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם, האָט ער לאַנג און פאַרביסן געשוויגן. און ווען ער האָט שוין אַ מאָל יאָ עפּעס געזאָגט וועגן דעם, האָט ער געוויינטלעך אָנגעהויבן אַלץ אויף דעם זעלבן שטייגער:

— איך שעם זיך צו הערן אַזעלכע רייד פון איינער, וואָס איז אַ טאָכטער פון די חשמונאים...

מער האָט ער איר וועגן דעם געוויינטלעך קיין מאָל גאָרניט געזאָגט, אָבער שטילערהייט האָט ער געטאָן אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געקענט צו צעשטערן אַלץ, וואָס זי האָט פאַרטראַכט. און ס׳האָט זיך אים אײַנגעגעבן צו געווינען עטלעכע אָנגעזעענע פון די הויפלײַט, צו וועלכע ער האָט גרויס צוטרוי געהאַט.

— איך האָב אַלע מאָל פײַנט געהאַט די, וואָס מאַכן פאַרשווערונגען אין דער שטיל — האָט ער איין מאָל געזאָגט צו איינעם פון די, וואָס זענען אים געווען

נאָענט אין הויף — אַזעלכע זאַכן זענען מיר שטענדיק געווען דערווידער. צום וויטיק פֿון מײַן האַרץ מוז איך איצטער אַליין מאַכן פֿאַרשווערונגען אין דער שטיל...

ער האָט זיך אָבער געטרייסט דערמיט, וואָס די פֿאַרשווערונג, וואָס ער מאַכט שטילערהייט, דריקט אויס דעם ווילן פֿונעם פֿאָלק.

ער האָט מיטן גאַנצן האַרצן געגלויבט אין דעם. און איין מאָל, אין אַ שפּעטער שעה פֿון אַ שטילער נאַכט, ווען ס'זענען זיך בײַ אים אין דער היים צונויפֿגעקומען די אַלע מענטשן, וואָס ער האָט געוואונען אויף זײַן זײַט, האָט ער מער ווי אַלע מאָל גערעדט אָפֿן וועגן דעם, וואָס ער האָט פֿאַרטראַכט און ווי אַזוי מע וועט דאָס דורכפֿירן.

— אַנטיפּאַטרוסן — האָט ער געזאָגט — מוז מען אָפּראַמען פֿונעם וועג, ווײַל ער איז פֿאַר אונדז די גרעסטע סכּנה... און מיר טאָרן ניט דערלאָזן, אַז מרים זאָל ווערן דאָס ווײַב פֿון הורדוס דעם אדומי און דערמיט מאַכן פֿרײַ פֿאַר אים דעם וועג צום טראָן פֿון יהודה!.. ניט דאָס ווײַב פֿון הורדוס דעם אדומי דאַרף זי ווערן, מרים די חשמונאית, נאָר דאָס ווײַב פֿון אַנטיגאָנוס, דעם חשמונאי, דעם ברודער פֿון איר פֿאָטער!.. דאַן וועט ווידער פֿעסטגעשטעלט ווערן דער טראָן פֿון דער חשמונאים־משפּחה, וואָס האָט אונדזער לאַנד געמאַכט גרויס און אונדזער נאָמען בארימט. און דער גאָט פֿון ישׂראל וועט אונדז פֿירן אויפֿן ריכטיקן וועג. און אַנטיגאָנוס וועט געוויס ניט פֿאַרשעמען דעם נאָמען פֿון זײַן פֿאָטער אַריסטובולוס און דעם נאָמען פֿון זײַן ברודער אַלכּסנדר, די צווי גיבורים, וועלכע זענען געפֿאַלן אין דער מלחמה פֿאַר אונדזער פֿאָלק. ער וועט ניט פֿאַרשעמען דעם נאָמען פֿון דער גאַנצער חשמונאים־משפּחה, וואָס איז אונדז אַלעמען געבליבן טײַער. אַנטיגאָנוס וועט זײַן דער קיניג פֿון יהודה און מרים וועט זײַן זײַן ווײַב און אונדזער קיניגין. ביידע — פֿון די חשמונאים! אייגן בלוט און פֿלייש. און דעמאָלט וועלן מיר, מיט דער הילף פֿון גאָט און מיט דער שווערד אין האַנט, קענען אַרונטערוואַרפֿן פֿון זיך דעם יאָך פֿון די רוימער און מיר וועלן ווידער זײַן אַ פֿרײַ פֿאָלק אין אַ לאַנד, וואָס טריפֿט מילך און האָניק!

ער האָט וועגן דעם גערעדט מיט פֿײַער, מיט ברען, און ער האָט דערמיט אויך די אַנדערע אָנגעצונדן. און ווען מע האָט אים געפֿרעגט, וואָס ס'וועט דעמאָלט זײַן מיט דעם אַלטן הורקונוס, האָט ער געענטפֿערט, אַז וועגן דעם איז ניטאָ וואָס זיך צו זאָרגן, ווײַל ער, דער אַלטער הורקונוס, וועט דאַן אַוודאי גאָר זײַן צופֿרידן דערפֿון, וואָס ער ווערט פּטור פֿון אַן עול, וואָס ליגט זיך אויף אים שווער...

אויך אַנטיפּאַטרוס האָט ניט גערוט. ער האָט דאַן מאַליכוסן אין הויף די גאַנצע צײַט געהאַלטן אויפֿן אויג און ער איז געווען גרייט צו צעשטערן אַלצדינג, וואָס ער האָט נאָר פֿאַרטראַכט.

און מרים אַליין האָט גאָרניט געוואוסט וועגן דעם, וואָס ס'טוט זיך אין הויף אַרום איר. עס האָט איר גאָרניט געקענט אײַנפֿאַלן, אַז די גרעסטע לײַט אין יהודה זענען איצט פֿאַרטאָן אין דעם, וואָס ס'וועט מיט איר שפּעטער זײַן. זי איז נאָך געווען צו יונג דאָס צו פֿאַרשטיין, און זי האָט ניט געהאַט דעם מינדסטן באַגריף וועגן דעם, וואָס אַרום איר קומט איצטער פֿאַר אַ מלחמה צווישן צוויי

וועלטן, וואָס זענען אַזוי ווײַט אין גײַסט איינע פֿון דער אַנדערער — אַ מלחמה צווישן רוים און ירושלים...

עס איז ניט אַוועק קיין איין טאָג, אַז זי זאָל זיך בײַ דער מוטער, אָדער בײַם זיידן, ניט נאָכפֿרעגן אויף הורדוסן. זי האָט געוואָלט וויסן, ווען ער וועט ווידער קומען קיין ירושלים...

און ווען זי האָט געזען ווי עס גייען אַוועק טעג און וואָכן און ער קומט אַלץ ניט, האָט זי אָנגעהויבן אַרומגיין אַ פֿאַרטראַכטע, אַ פֿאַרטרוימטע. זייער אָפֿט האָט מען געזען ווי זי שפּאַנט לאַנגזאַם, מיט שטילע טריט, איבער די לאַנגע, האַלבֿ־טונקעלע קאָרידאָרן פֿונעם הויף; מ׳האָט זי אויך אין די אָוונטן אָפֿט געזען זיצן אין גאָרטן איינע אַליין. און זיצנדיק דאָרט האָט זי פֿאַר זיך אין דער שטיל אומע־טיקע לידער געזונגען, און אַ מאָל האָט זי, עפּעס ווי גאָר פּלוצלינג, אָנגעהויבן זינגען אין דער הויך, אויפֿן קול...

איין מאָל, ווען זי איז אין הויף געזעסן אַ פֿאַרטראַכטע, האָט זי מיט אַ מאָל דערהערט ווי פֿון גאַס טראָגט זיך אַ גרויסער טומל, און באַלד האָבן שוין מענטשן אין הויף איבערגעגעבן איינער דעם אַנדערן, אַז הורדוס קומט מיט אַ סך פֿון זײַנע חוילות קיין ירושלים און אַז ער איז שוין מיט זיי בײַ די טויערן פֿון שטאָט...

קיינער האָט ניט געקענט וויסן, פֿאַר וואָס הורדוס גייט אויף ירושלים מיט באַוואָפֿנטע חיילות. אויך מרים האָט דאָס ניט געוואוסט. אָבער דאָס אַליין, וואָס ער קומט, האָט בײַ איר אַרויסגערופֿן אַזאַ פֿרייד, אַז זי האָט געמוזט געפֿינען אַ וועג ווי דאָס אויסצודריקן. און פּונקט ווי זי וואָלט מיט אַ מאָל פֿאַרגעסן אָן אַלץ און אָן אַלעמען אין הויף, האָט זי בײדע הענט אין דער הויך אויפֿגעהויבן, פֿאַר־וואָרפֿן דעם קאָפּ אָן אַ זײַט און האָט אָנגעהויבן טאַנצן. אין אָנהויב האָט זי גע־טאַנצט שטיל, ווי זי וואָלט זיך מיט גוף און נשמה אין אַ פֿרום געבעט פֿאַרדבֿקהט. אין די זילבערנע סאַנדאַלן, וואָס זי האָט אויף די שיין געטאָקטע פֿיס געטראָגן, האָט זי זיך געדרייט אויף די שפּיץ פֿינגער, און פֿון הינטער די פֿאַלדן פֿון איר ווײַסן לײַכטן קלייד האָט זיך אַלע מאָל מיט רייץ און גראַציע אַ קוי געגעבן אַ וואָרף. זי האָט די שוואַרצע ווײַעס פֿון אירע גרויע אויגן געהאַלטן אַרונטערגעלאָזט צו דער ערד, און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז זי זעט דאָ ניט קיינעם און גאָרניט און זי שוועבט אין דער לופֿטן. און מיט אַ מאָל האָט זי געגעבן אַ שפּרונג אין דער הויך, ווי זי וואָלט זיך אין גאַנצן פֿונעם באָדן אָפּגעריסן און זי האָט אָנגעהויבן טאַנצן שנעל און נאָך שנעלער. און איר שלאַנקע פֿיגור האָט זיך געדרייט מיט אַזאַ אימפּעט, אַז די פֿאַלדן פֿון איר קלייד האָבן זיך בײַם זוים אין אַ קײַלעכדיקער ראָד צונויפֿגעדרייט און האָבן זיך אין דער הויך אויפֿגעהויבן און מ׳האָט דערזען אירע שיין געטאָקטע פֿיס, וואָס האָבן זיך אויף די שפּיץ פֿינגער אין דער הויך געהויבן...

און טאַנצנדיק האָט זי געזונגען:

פֿון דעם שטאַרקסטן ווײַן...
זײַן ליבע איז שטאַרקער
מיט די קושן פֿון זײַן מויל.
מײַנע ליפּן וועט ער קושן

זי האָט אַפילו ניט באַמערקט, ווי איר מוטער און דער אַלטער קיניג הורקונוס, אין איינעם מיט אַנטיפּאַטרוסן, קוקן פאַרגאַפט און קענען פון איר די אויגן ניט אָפּרײַסן. עס איז איר גאָרניט אָנגעגאַנגען צי עמעצער זעט זי אין איר גרויסער פרייד. און ווען זי האָט אויפגעהערט צו טאַנצן און זיך אַ מידע געגעבן אַ וואָרף אַרײַן אין דעם ערשטן ווייכן שטול, וואָס איז איר אונטער דער האַנט געקומען, האָט זי נאָך אַלץ שטיל געזונגען פאַר זיך:

פון דעם שטאַרקסטן ווײַן...
זײַן ליבע איז שטאַרקער
מיט די קושן פון זײַן מויל.
מײַנע ליפּן וועט ער קושן

אַלכּסנדרה און אַנטיפּאַטרוס האָבן זיך איבערגעקוקט, און בײדע האָבן צו־פרידן געשמייכלט...

ב

א י נ ע ם ט ו מ ל אַ ר ו ם דעם, וואָס הורדוס איז צוגעקומען צו די טויערן פון ירושלים מיט באַוואָפנטע חיילות, האָט מען ניט געקענט אויסגעפינען, וואָס ס׳שטעקט אין דעם. אין שטאָט און אויך אין הויף האָט איינער בײַם אַנדערן גע־פרעגט, וואָס דאָס זאָל באַטײַטן. מע האָט דאָס ניט געקענט פאַרשטיין, ווײַל קיי־נער האָט זיך גאָר דערויף ניט געריכט. און טאַקע דערפאַר, וואָס ס׳איז געשען אַזוי פּלוצלינג, איז מאַליכוסן אײַנגעפאַלן, אַז ס׳איז ניט אַנדערש נאָר אַנטיפּאַטרוס האָט דורך זײַנע אויסשפּירער זיך דערוואוסט וועגן דער פאַרשווערונג, וואָס ער גרייט צו, און ער האָט דעריבער אַרויסגערופן הורדוסן צו קומען אַהער מיט זײַנע חיילות...

אַנדערש האָט מאַליכוס דאָס ניט געקענט פאַרשטיין, און ער איז שוין בײַ צײַטנס געוועזן אויף דער וואַך...

אָבער די סיבה דערפון וואָס הורדוס איז צו די טויערן פון ירושלים צוגע־קומען מיט באַוואָפנטע חיילות איז גאָר באַשטאַנען אין דעם, וואָס אין ליבשאַפט צו מרימען האָט ער זיך גאָר אין גאַנצן פאַרלוירן...

ער האָט אין גליל שטאַרק געבענקט נאָך איר, נאָך דער שיינער טאָכטער פון דער משפחה פון די חשמונאים. איר געשטאַלט האָט אים שטענדיק פאַר די אויגן געשוועבט און עס האָט אים אַלץ געצויגן צו איר און ער האָט זי שטאַרק געוואָלט זען און זײַן נאָענט לעבן איר. אָבער אַלע מאָל ווען ער איז שוין געווען גרייט זיך צו לאָזן אין וועג אַרײַן צו קומען צו איר קיין ירושלים, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז קומען אַהין אַזוי ווי אַנדערע קומען געוויינטלעך איז פאַר אים דאָך אַ סכּנה, ווײַל ער קען ניט זײַן זיכער, צי מע וועט אים דאָרט ווידער ניט שטעלן צום משפּט.

און אפֿשר וועט מען אים גאָר פֿאַרמשפּטן אויך, וואָרעם דער צאָרן קעגן אים איז דאָך גרויס. דערפֿאַר איז בײַ אים געבליבן, אַז ער דאַרף אַזוי אָנשרעקן די ריכטער פֿון סנהדרין, אַז זיי זאָלן זיך ניט דערוועגן אים צו טאָן שלעכטס. און אַזוי האָט ער זיך דערטראַכט דערצו, אַז ער זאָל מיט באַוואָפֿנטע חיילות גיין אויף ירושלים.

און קיינער האָט בײַ אים ניט געקענט פּועלן, אַז ער זאָל ניט טאָן אַזוינס, וואָס קען דעם צאָרן פֿון פֿאָלק נאָך מער צערייצן קעגן אים און ער זאָל בעסער אין איינעם מיט זײַנע חיילות גיין צוריק. אַפֿילו זײַן פֿאָטער, וועמען ער האָט שטענדיק געפֿאָלגט, האָט דאָס בײַ אים ניט געקענט פּועלן. די איינציקע, וואָס האָט דאָס בײַ אים יאָ געקענט פּועלן, איז געווען מרים; ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט ניט אַוועק ביז זי וועט ניט אַרויסקומען און אים זאָגן, וואָס ער זאָל טאָן. און דאַן האָט מען זי שוין פֿון הויף געשיקט צו די טויערן פֿון שטאָט דורכצופֿירן די שליחות.

און נאָך דעם ווי זי האָט די וויכטיקע שליחות דורכגעפֿירט, האָט מען שוין אין ירושלים וועגן דעם גאַנצע וואונדער דערציילט. און מענטשן, וואָס האָבן דאָס גאָרניט געזען, האָבן גערעדט דערפֿון, פּונקט ווי זיי וואָלטן אַליין געווען דערבײַ.

— ווי הורדוס האָט זי נאָר דערזען — האָט מען דערציילט — איז ער ווי אַ קנעכט צו אירע פֿיס געפֿאַלן. און זי איז געשטאַנען לעבן אים אַ שטאָלצע, מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ... ווען זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו אים, האָט ער זיך אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד, און ווען זי האָט אויף אים די בליקן פֿון אירע אויגן אָנגעשטעלט, האָט ער פֿאַר איר דעם קאָפּ אָנגעבויגן און געזאָגט: „דו, שענסטע פֿון אַלע טעכטער אין ירושלים, וואָס דײַנע ליפּן וועלן נאָר אַרויסרעדן, וועל איך טאָן". אַזוי האָט ער צו איר אונטערטעניק געזאָגט...

און ווײַטער האָט מען דערציילט:

— זי האָט אים מיט אַ פֿינגער פֿון דער האַנט אָנגעוויזן אויף די חיילות, וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט ניט ווײַט, און זי האָט אים געזאָגט:

— הורדוס, דער זון פֿון אַנטיפּאַטרוס דעם אדומי, נעם די אַלע חיילות דײַנע און טרעט אָפּ מיט זיי פֿון די טויערן פֿון ירושלים, און זאָל מער ניט פֿאַרגאָסן ווערן קיין בלוט!..

זי האָט אים נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, אָבער אין דעם אויגנבליק איז ער איר ווידער צו די פֿיס געפֿאַלן און האָט געקושט דעם זוים פֿון איר קלייד, און נאָך דעם האָט ער זיך געגעבן אַ הייב אויף, זיך אַרויפֿגעזעצט רײַטנדיק אויפֿן פֿערד און אַרויסגעגעבן דעם באַפֿעל צו אַלע חיילות זיי זאָלן אָפּטרעטן צוריק... און אַלע, די רײַטער, ווי אויך די פֿוסגייער, האָבן דעם באַפֿעל פֿון הורדוסן געפֿאָלגט און זיי זענען אין איינעם מיט אים אַוועק פֿון די טויערן פֿון ירושלים...

— אַזאַ מורא אויף אים האָט געקענט אַרויפֿוואַרפֿן נאָר אַ טאָכטער פֿון די חשמונאים! — האָבן אַלע מרימען געלויבט.

עס איז געווען גענוג, זי זאָל זיך באַווײַזן אין גאַס, און אַלע האָבן זי מיט באַגײַסטערטע אויסרופֿן באַגעגנט.

און מ'האָט איר אין ירושלים אָפּגעגעבן אַזוי פֿיל כּבֿוד, ווי זי וואָלט שוין געווען די קיניגין פֿון יהודה.

עס איז געווען געַנוג, אַז זי זאָל אַרויסרעדן אַ וואָרט, און באַלד האָט דאָס שוין איינער דעם אַנדערן איבערגעגעבן.

מ׳האָט וועגן איר גערעדט ווי וועגן אַ נייעם שטערן, וואָס איז אויפֿגעגאַנגען אין יהודה, און די אַלע האָפֿענונגען, וואָס די בעסטע זין און טעכטער פֿון לאַנד האָבן געהאַט אויף די חשמונאים, האָט מען אָן איר אָנגעהאַנגען. מ׳האָט געהאָפֿט, אַז זי וועט אומקערן צוריק די גרויסקייט פֿון אַמאָל און זי וועט באַנייען יענע צייטן, ווען די ערשטע פֿון די חשמונאים האָבן באַפֿרייט דאָס לאַנד און דאָס פֿאָלק פֿונעם פֿרעמדן יאָך...

אַלץ האָט דעמאָלט געקענט אָנצינדן די האָפֿענונג, אַז ירושלים וועט פֿון זיך אַרונטערוואַרפֿן די הערשאַפֿט פֿון רוים.

זעקסטער קאַפּיטל

פֿאַרוואָרפֿן אין דער פֿרעמד

א

ווען די נײַס וועגן דעם, אַז מרים איז אין יהודה אויפֿגעגאַנגען ווי אַ נײַער שטערן און אַז אין הויף גרייט מען זיך שוין זי אַוועק־צוגעבן הורדוסן פֿאַר אַ ווײַב, האָט דערגרייכט די אויערן פֿון אַנטי־גאָנוס דעם חשמונאי, איז אים גלײַך אויפֿן אָרט אײַנגעפֿאַלן, אַז מער ווי אַלע אַנדערע אין דער משפּחה טאָר ער דערצו ניט דערלאָזן. און ווי זײַן שטייגער איז געווען אַלע מאָל, ווען ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן אַ געדאַנק, וואָס איז אים אײַנ־געפֿאַלן מיט אַ מאָל, איז ער דאָס מאָל שוין אויך אַוועק גאַנץ ווײַט דערמיט און עס איז בײַ אים שוין אויסגעקומען, אַז כּדי ניט צו דערלאָזן דערצו, אַז הורדוס דער אדומי זאָל זיך דורך דעם צושלאָגן צום טראָן פֿון יהודה, דאַרף ער אַליין נעמען מרימען פֿאַר אַ ווײַב. ער און ניט קיין אַנדערער!..

אָבער ווי קומט מען צו צו איר?

ער איז דאַן געווען אַ פֿאַרוואָרפֿענער אין דער פֿרעמד, אַנטיגאָנוס דער חשמונאי; איבער די קריגערײַען אין דער משפּחה און איבער דער אומרואיקייט אין לאַנד, איז ער פֿאַרוואָרפֿן געוואָרן אין דער זײַטיקער קליינער מדינה כאַלקיס, צווישן די בערג פֿון לבנון. דאָרט האָט ער געלעבט אונטערן שוץ פֿון דעם קיניג תּלמי, דעם זון פֿון מינאַי. און יעדער טאָג בײַם קיניג תּלמי אין הויף איז פֿאַר אים געווען אַן אָפּקומעניש.

עס איז אים געווען שווער צו זײַן דאָרט, ניט נאָר דערפֿאַר, וואָס עס האָט אים געצויגן קיין ירושלים, נאָר דער עיקר דערפֿאַר, וואָס אַלץ אַרום און אַרום האָט אים דערמאָנט אָן דער גאַנצער געפֿאַלנקייט פֿון דער חשמונאים־משפּחה...

און די געפֿאַלנקייט איז דאָרט ווירקלעך געווען גרויס, און אַנטיגאָנוס האָט זיך געשעמט דערמיט. ער האָט זיך דערמיט געמוזט שעמען, ווײַל אַ קורצע צײַט נאָך דעם ווי מע האָט זײַן פֿאָטער, דעם קיניג אַריסטובולוס, געסמט און דערנאָך זײַן ברודער אַלכּסנדר, מרימס פֿאָטער, אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ, איז ער, דער ייִנגסטער זון אַנטיגאָנוס, אַנטלאָפֿן קיין כאַלקיס. אויך זײַן מוטער און זײַן יונגע שוועסטער אַלכּסנדרה זענען מיט אים אַהין אַוועק, און תּלמי, דער קיניג פֿון כאַלקיס, האָט זיי געהאַלטן אונטער זײַן שוץ. ניט אַזוי דערפֿאַר, וואָס ער האָט זיי געוואָלט אַרויסווײַזן זײַן פֿרײַנדשאַפֿט, נאָר דערפֿאַר, וואָס, פּונקט ווי זיי, האָט ער אויך פֿײַנט געהאַט די מאַכט פֿון רוים.

דאַן האָט דעם קיניג תּלמיס זון געוואָרפֿן אַן אויג אויף אַנטיגאָנוסעס שיינער שוועסטער אַלכּסנדרה און ער האָט זי געמאַכט פֿאַר זײַן ווײַב. אָבער נאָך דעם האָט דער קיניג תּלמי אַליין אויך געוואָרפֿן אַן אויג אויף איר; זי איז אים זייער שטאַרק געפֿעלן, האָט ער דערהרגעט דעם זון און זיך גענומען די שנור פֿאַר אַ ווײַב...

דאָס איז געווען ס'ערשטע מאָל, וואָס אַ בת־מלכּה פֿון דעם הויז פֿון די חשמונאים איז געוואָרן אַ ווײַב פֿון אַ קיניג, וואָס איז ניט קיין ייִד, און נאָך פֿון אַזאַ קיניג, וואָס האָט צוליב איר דערהרגעט זײַן אייגענעם זון...

פֿריִער האָט אַזוינס מיט אַ טאָכטער פֿון די חשמונאים אין קיין פֿאַל ניט געקענט געשעןן!..

***

אָפּגעריסן פֿון דעם אייגענעם לאַנד, וואו זײַנע זיידעס און עלטער־זיידעס האָבן אַ מאָל געטראָגן די קרוין פֿון דער כּהונה און אויך די קרוין פֿון דער מלוכה און אַרויסגעוויזן אַזוי פֿיל העלדישקייט אין דעם קאַמף פֿאַר פֿרײַהייט אין לאַנד, האָט אַנטיגאָנוס אַלץ געוואַרט אויף דער גוטער שעה, ווען ס'וועט זיך אים אײַנגעבן צונויפֿצונעמען אַ סך חיילות און גיין אויף ירושלים. ער האָט אַרויסגעקוקט דערויף, אַז די רוימער זאָלן ערגעץ אין די לענדער פֿון מזרח כאַפּן אַ מפּלה, און די פֿעלקער, אויף וועמען זיי האָבן זייער שטאַרק האַנט פֿאַרשפּרייט, זאָלן אויפֿשטיין קעגן זיי. ער איז געווען זיכער, אַז אַזוינס וועט דאָך געשען. אויב ניט מיט אַ מאָל, איז ביסלעכווײַז; און דאַן וועט יהודה אויך אויפֿגעריכט ווערן און ס'וועט קומען אַ סוף צו דער הערשאַפֿט פֿון די פֿרעמדע, וועלכע האָבן זיך מיט גוואַלד אַרײַנגעריסן אין לאַנד. ער האָט שטאַרק געגלויבט אין דעם. און ווען נאָר ער האָט מיט עמעצן גערעדט דערפֿון און ער האָט געזען, אַז יענער גלויבט ניט אין דעם אַזוי שטאַרק ווי ער, איז ער געוואָרן זייער בייז און דער כּעס האָט אין אים געברענט ווי אַ פֿײַער.

ער איז געווען זייער אַ היציקער אין דער נאַטור, אַנטיגאָנוס דער חשמונאי. ער האָט קיין מאָל קיין זאַך רואיק ניט געקענט באַטראַכטן. ער האָט ניט געהאַט קיין געדולד און ער האָט זיך שטענדיק געקאָכט. אים האָט מען קיין מאָל ניט געקענט איבערשפּאַרן, און ווען ער האָט זיך עפּעס אַרײַנגענומען אין קאָפּ אַרײַן, האָט ער שוין ניט געקענט רוען. ער האָט אַלעמען געמוזט אָנצינדן מיט דער זעלבער באַגײַסטערונג, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן, און אויב דאָס האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן, איז דער פֿאַרדרוס דערפֿון בײַ אים געווען אַזוי גרויס, אַז עס איז גאָר אוממעגלעך געווען אים אײַנצונעמען. און ער האָט קיין מאָל ניט געקענט צוגעבן, אַז ער איז שולדיק; שטענדיק, ווען עפּעס האָט זיך אויסגעלאָזט ניט אַזוי ווי ער האָט געוואָלט, האָט ער שוין געפֿונען עמעצן, אויף וועמען די שולד אַרויפֿצוּוואַרפֿן. אויב ניט אויף די אייגענע אַרום אים, איז אויף די שליחים, וואָס מאַליכוס האָט פֿון צײַט צו צײַט שטילערהייט צוגעשיקט צו אים פֿון ירושלים...

דערצו האָט ער נאָך געהאַט די אייגנשאַפֿט זיך אַליין אַרײַנצואַרבעטן אין אַ געפֿיל אַזוי שטאַרק, אַז ער זאָל אין גאַנצן באַהערשט ווערן דערפֿון. ער האָט אין

אַלץ זיך אַליין געמוזט אַרײַנטרײַבן ווײַט. און אַזוי איז געווען מיט דעם געפֿיל צו מרימען. עס איז געווען געגוג, אַז ער זאָל זיך דערטראַכטן דערצו, אַז נאָר ער און ניט קיין אַנדערער דאַרף נעמען מרימען פֿאַר אַ ווײַב, כּדי דערמיט ניט צוצו־לאָזן הורדוסן צום טראָן פֿון יהודה — און ער האָט שוין גלײַך זײַן גורל מיט איר פֿאַרבונדן און ער האָט שוין ניט געקענט רוען. דער געפֿיל צו איר האָט זיך בײַ אים אַזוי צעפֿלאַמט, אַז ער האָט שוין מער אין דעם פֿרעמדן לאַנד ניט געקענט זײַן און ער האָט זיך נאָך מער ווי פֿריִער אָנגעהויבן רײַסן צוריק קיין ירושלים. ער האָט וועגן מרימען געדעדט צו דער מוטער, צו דער שוועסטער. גערעדט וועגן איר ווי אַ פֿאַרליבטער, און שוין אַפֿילו אָנגעהויבן בענקען נאָך איר אויך. און צו זײַן שוואָגער, דעם קיניג פֿון כאַלקיס, איז ער צוגעשטאַנען, אַז איצט איז די בעסטע צײַט צונויפֿצונעמען די חיילות און גיין אויף ירושלים...

— דער קיניג וועט זען — האָט ער אים מיט זיכערקייט געזאָגט — ווי מע וועט אונדז אַרויסקומען אַקעגן מיט פֿרייד, ווי מ׳וועט אונדז באַגעגענען מיט פּויקן און טרומפּייטן!..

און ער האָט שוין אַפֿילו געוואוסט, וואָס ס׳וועט זײַן ווען ער וועט אַרײַן קיין ירושלים:

— דעם אַלטן הורקונוס, וואָס האָט באַדעקט מיט שאַנד דעם נאָמען פֿון די חשמונאים, וועט מען פֿאַרשפּאַרן אין געפֿענקעניש און נאָך דעם וועט מען אים אָנקלאָגן פֿאַרן סנהדרין, ווי אַ פֿאַררעטער פֿונעם לאַנד!

— אויך אַנטיפּאַטרוסן און זײַן זון פֿאַזאַעל וועט מען פֿאַרשפּאַרן אין גע־פֿענקעניש!

— און הורדוסן וועט מען פֿאַרמשפּטן צום טויט! גלײַך פֿאַרמשפּטן צום טויט!

ער האָט דאַן ממש געברענט, אַנטיגאָנוס דער חשמונאי. אַלעמען אין קיניג תּלמיס הויף האָט ער געוואָלט אָנצינדן מיט זײַן געדאַנק צו גיין אויף ירושלים און דאָרט אַרויסרופֿן אַן אויפֿשטאַנד קעגן די רוימער. ער האָט פֿאַרזיכערט דעם קיניג פֿון כאַלקיס, אַז גלײַך נאָך דעם וועט זיך דאָס פֿײַער צעפֿלאַקערן און אַלע פֿעלקער פֿון די מזרח־לענדער וועלן אַרויס אין אַ מלחמה קעגן דער הערשאַפֿט פֿון רוים און מ׳וועט פֿון אומעטום אַרויסטרײַבן די רוימישע לעגיאָנען.

— איצט איז די בעסטע צײַט פֿאַר דעם! — האָט ער אַלץ געטענהט צו זײַן שוואָגער, דעם קיניג פֿון כאַלקיס. — מע טאָר דאָס ניט אָפּלייגן!

אָבער תּלמי, דער קיניג פֿון כאַלקיס, איז שוין דאַן געווען צו פֿעט און צו שווער, און ער האָט קיין חשק ניט געהאַט זיך צו שלאָגן. ער האָט בעסער געוואָלט זײַן לעבן זײַן יונגער ייִדישער ווײַב, וועלכע האָט אים גערייצט מיט איר צניעות און מיט איר שיינקייט. צוליב איר, דער שיינער טאָכטער פֿון די חשמונאים, האָט ער זיך מיט אַ מאָל אָנגעהויבן פּוצן אין זײַד און אין סאַמעט פֿון ראַשיקע קאָלירן, און ער איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען ווי איינער וואָס גרייט זיך אויף אַ גרויסער סעודה. ער האָט שטענדיק געטראַכט וואָס ער זאָל טאָן, אַז זי, זײַן יונגע ווײַב, זאָל ניט אַרומגיין איבערן הויף אַזאַ אומעטיקע. האָט ער זי צוליב דעם מיט טײַערע דימענטן און איידלשטיינער באַהאַנגען און זייער אָפֿט צוליב איר סעודות אין

הויף געפּראַוועט און געבראַכט גרויסע מײַסטער, וואָס האָבן פֿאַר איר אויף האַרפֿן און פֿידלען די שענסטע ניגונים אויסגעשפּילט. אָבער דאָס האָט אַלץ ניט געהאָלפֿן און זי איז אַלץ אַרומגעגאַנגען אַן אומעטיקע, אַ פֿאַרזאָרגטע און אַלע מאָל, ווען ער האָט זי אין די ליפּן געקושט, האָט זי געהאַלטן די אויגן פֿאַרמאַכט...

זי האָט זיך געפֿילט שטאַרק געפֿאַלן בײַ זיך, די טאָכטער פֿון דעם אומגעקומענעם ייִדישן קיניג אַריסטובולוס פֿון דער חשמונאים־משפּחה. עס איז איר געוועזן אַ פֿאַרדרוס, וואָס דער גורל האָט זי אַזוי פֿאַרשעמט און זי איז געוואָרן אַ ווײַב פֿון אַ קיניג, וואָס איז ניט קיין ייִד. דעם מוט, וואָס זי האָט אַ מאָל געהאַט, ווען איר פֿאָטער האָט נאָך געלעבט, האָט זי אין גאַנצן פֿאַרלוירן און ס'איז איר אין דער אמתן שוין געוועזן אַלץ איינס, וואָס ס'וועט מיט איר זײַן. זי האָט גאָרניט געזאָגט, ווען תּלמיס זון האָט זי זיך פֿאַר אַ ווײַב גענומען, און זי האָט אויך גאָרניט געזאָגט, ווען דער קיניג תּלמי האָט זי צוגענומען פֿאַר זיך און דעם אייגענעם זון דערהרגעט. דאָס גאַנצע לעבן האָט שוין בײַ איר מער קיין ווערט ניט געהאַט; זי האָט זיך אין גאַנצן פֿאַרשלאָסן אין זיך; די ליבע, וואָס דער קיניג תּלמי האָט איר אַרויסגעוויזן, האָט בײַ איר אַרויסגערופֿן אַ געפֿיל פֿון איבל; זי האָט אים קיין מאָל גלײַך אין די אויגן ניט געקענט קוקן, און זי האָט זיך געשעמט דערמיט, וואָס מיט אַזאַ מענטשן דאַרף זי טיילן איר בעט...

און זי האָט מיט אים קיין מאָל ניט גערעדט...

ניט בײַ טאָג און ניט בײַ נאַכט...

ב

פּונקט ווי אַנטיגאָנוס אין דער פֿרעמד, אַזוי האָט מאַליכוס אין ירושלים אויך אַרויסגעקוקט אויף דער צײַט, ווען ער וועט קענען אַרויסקומען אָפֿן קעגן אַנטיפּאַטרוסן און דער גאַנצער משפּחה זײַנער. אין דעם האָט ער געזען דעם ערשטן שריט צו באַפֿרײַען דאָס לאַנד פֿון דער הערשאַפֿט פֿון רוים.

און אין דער צײַט, ווען מ'האָט אין יהודה און אין די אַנדערע לענדער פֿון מזרח אַרויסגעקוקט אויף דער צײַט, ווען מע וועט זיך קענען באַפֿרײַען פֿון דער רוימישער הערשאַפֿט, וואָס דריקט אַזוי שווער און האָט שוין אַ האַלבע וועלט פֿאַרכאַפּט, איז דער רוימישער הערשער, יוליוס צעזאַר, געוועזן אין מצרים, און דאָרט איז אים געוועזן אַזוי גוט ווי נאָך קיין מאָל ניט אין זײַן לעבן, ווײַל זײַן געליבטע איז דאַן געוועזן די יונגע קיניגין פֿון לאַנד, די שיינע קלעאָפּאַטרע...

אין דעם פֿײַער, וואָס זי האָט אָנגעצונדן אַרום דער ליבע, וואָס זי האָט מיט אים פֿאַרפֿירט, האָט ער פֿאַרגעסן אָן די אַלע לענדער און פֿעלקער, איבער וועלכע ער האָט געהערשט. ער האָט אויך פֿאַרגעסן אָן דעם, אַז אין רוים זענען פֿאַראַן נאָך אַנדערע שטאַרקע מענטשן, וואָס רײַסן זיך צו שטײַגן הויך און אַז איבער דעם, וואָס ער איז אַזוי ווײַט פֿון דער הויפּטשטאָט און מ'האָט אים שוין אַזוי לאַנג ניט געזען אין סענאַט, ווערט זײַן מאַכט דאָרטן שוין ניט אַזוי זיכער ווי זי איז געוועזן פֿריִער...

פון צײַט צו צײַט האָט דער מעכטיקער צעזאַר אַפילו יאָ אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם. אָבער די נעכט פון ליבע, די נעכט פון תאווה מיט דער שיינער קלעאָפּאַטרע האָבן אים אַזוי פאַרשיכּורט, אַז ער האָט צײַטנווײַז זײַן אייגענעם ווילן פאַרלוירן. עס איז געווען גענוג, אַז זי זאָל די גלאַטע ווייכע אָרעמס אירע אַרום זײַן האַלדז פאַרוואַרפן, ווען ער האָט איר געזאָגט, אַז ער האָט באַשלאָסן צוריק קיין רוים צו פאָרן, און ער האָט גלײַך געענדערט זײַן באַשלוס און איז ווײַטער אין מצרים געבליבן...

ער איז שוין מער ניט געווען יונג, דער רוימישער צעזאַר. ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ מאַן פון איבער פופציק, און קלעאָפּאַטרע איז געווען מיט אַ דרײַסיק יאָר יינגער פון אים. זי איז געווען די שענסטע פרוי אין מצרים. די שענסטע און צעלאַזנסטע. און וואָס פאַר אַ מאַן עס האָט זי נאָר דערזען, האָט געהאַט אַ באַגער צו איר. קיין מאַן אין דער וועלט האָט ניט געקענט בײַשטיין דעם נסיון, ווען זי האָט אויף אים אַן אויג געוואָרפן און מיט אַ וואונק אָנגעזאָגט, אַז זי איז גרייט אים צו לאָזן פילן דעם טעם פון איר ליבע. עס איז געלעגן אַ באַזונדערער כּישוף אין אירע פעך־שוואַרצע האָר. עס האָט אַרויסגעקוקט אַ באַזונדער רייץ פון אירע ליכטיקע צווויי אויגן. די הויט פון איר לײַב איז געווען לויטער ווי קרישטאָל. איר פיגור איז געווען שלאַנק און בויגיק און יעדער קער און יעדער ווענד האָט ווי מיט אַ וואונק געגעבן אָנצוהערעניש אויף עפּעס. עס האָט פון איר געאָטעמט מיט יוגנט און תּאווה. און ווען זי האָט דאָס חנעוודיקע מויל מיט די דין־רונדיק רויטע ליפּן געעפנט און אָנגעהויבן רעדן, איז די שטים בײַ איר געווען אַזוי אָנגענעם זיס, אַז דער באַגער צו פילן איר נאָענטקייט האָט געמוזט ווערן נאָך שטאַרקער...

און וואָס פאַר אַ קלייד זי האָט אָנגעטאָן, האָט עס איר צוגעגעבן חן און האָט איר גוט געפּאַסט. פּונקט ווי ס'האָט איר געפּאַסט אַלץ, וואָס זי האָט געטאָן, סײַ אין ערנסט און סײַ אין שפּאַס. אַפילו די געוואוינהייט צו רעדן גראָבע רייד, וואָס זי האָט אינעם עגיפּטישן קיניגלעכן הויף איבערגענומען, האָט איר אויך גוט געפּאַסט...

פון איר מויל זענען די גראָבע רייד ניט אַרויסגעקומען אַזוי פּשוט, ווי זיי וואָלטן אַרויסגעקומען בײַ אַן אַנדערן. רעדנדיק וועגן ליבע און וועגן באַציאונגען צווישן אַ מאַן און אַ פרוי, האָט זי אַלץ מיטן ריכטיקן נאָמען אָנגערופן און זיך פאַר קיינעם ניט געשעמט...

אַזוי האָט זי גערעדט מיט די מענטשן אין הויף, מיט די פרויען און מיט די מאַנסבילן. און אַזוי האָט זי אויך גערעדט מיט אירע געליבטע...

יוליוס צעזאַר איז בײַ איר שוין ניט געווען דער ערשטער. זי האָט פאַר אים געהאַט אַנדערע געליבטע, און דערצו איז זי נאָך געווען אַ ווײַב פון איר אייגענעם ברודער, וועלכער איז געווען יינגער פון איר. אַזוי איז געווען אײַנגעפירט אין מצרים נאָך פון יענע צײַטן, ווען די פּרעהס זענען דאָרט געזעסן אויפן טראָן — אַ קיניגין האָט געדאַרפט ווערן אַ ווײַב פון איר אייגענעם ברודער און ביידע אין איינעם האָבן געפירט די מלוכה...

ליב געהאַט דעם צעזאַר האָט זי ניט, פּונקט ווי זי האָט ניט ליב געהאַט די אַנדערע, מיט וועלכע זי האָט פריער געלעבט. אָבער דאָס האָט איר ניט געשטערט אַנצוצינדן אין אים אַלץ מער און מער די תאווה. און דער מעכטיקער צעזאַר האָט געברענט; ער איז מיט אַ מאָל גאָר יינגער געוואָרן, און די גאַנצע צײַט, וואָס ער איז מיט קלעאָפּאַטרען געווען אין אַלעקסאַנדריע, איז אַוועק אין אַ לאַנגער קייט פון ווילדע נעכט — נעכט פון ליבע, נעכט פון תאווה, נעכט וואָס פאַרשיכּורן און וואָס נעמען צו דעם פאַרשטאַנד...

פון רוים האָט מען דעם צעזאַר אָפט געלאָזט וויסן דורך שליחים, אַז אין סענאַט האָבן גענומען אויפהייבן די קעפּ מענטשן, וואָס זענען קעגן אים. אויך פון די שלאַכטפעלדער, וואו די רוימישע לעגיאָנען האָבן זיך געשלאָגן, האָט ער אָנגע־הויבן קריגן ניט קיין פריילעכע ידיעות; מ׳האָט גערעדט וועגן אַ מעגלעכקייט עס זאָלן אויסברעכן אויפשטאַנדן אין די לענדער, וואָס רוים האָט געמאַכט אונטער־טעניק; מ׳האָט אויך גערעדט וועגן דעם, אַז די שונאים פונעם צעזאַר אין דער רוימישער אימפּעריע מאַכן שטילערהייט אַ פאַרשווערונג קעגן אים. פון דער ווײַטנס האָבן אים פרײַנד געוואָרנט, אַז ער זאָל וואָס שנעלער קומען צוריק קיין רוים. אָבער ער, דער רוימישער צעזאַר, וואָס האָט איבער אַ האַלבער וועלט גע־הערשט, איז ווי אַן אונטערטעניקער שקלאַף געלעגן בײַ קלעאָפּאַטרעס פיס, און ס׳זענען געווען מאָמענטן, ווען ער איז געווען גרייט מקריבֿ צו זײַן די גאַנצע רוימישע אימפּעריע פאַר איין נאַכט פון ליבע מיט איר...

ערשט ווען די סכּנה איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז ווײַטער אָפּלייגן אַלץ האָט מען שוין ניט געטאָרט, איז יוליוס צעזאַר אַוועק צוריק קיין רוים.

עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. די פאַרשווערער האָבן שוין געהאַט צו־געגרייט אַלצדינג און זיי האָבן נאָר אַרויסגעקוקט אויף דער גוטער שעה, ווען זיי וועלן קענען דורכפירן דאָס, וואָס זיי האָבן פאַרטראַכט. אַזוי איז דאָס אָנגעגאַנגען אַ לענגערע צײַט, ביז עס איז דאָך געקומען אַ טאָג, ווען עטלעכע און זעכציק סע־נאַטאָרן זענען אין סענאַט באַפאַלן דעם צעזאַר מיט מסערס אין די הענט...

דער צעזאַר האָט דאַן געפּרוווט זיך שטעלן אַקעגן, אָבער ווען ער האָט דערזען, אַז אויך זײַן פרײַנד ברוטוס, צו וועמען ער האָט שטענדיק דעם גרעסטן צוטרוי געהאַט, איז צווישן די פאַרשווערער, איז ער געוואָרן שטאַרק צעטומלט...

דערויף האָט ער זיך גאָר אין גאַנצן ניט גריכט...

— דו אויך, ברוטוס?! — האָט ער אויסגעשריגן ניט מיט זײַן קול — דו אויך?!

און אײַנוויקלענדיק זיך אין דער טאָגע, וואָס ער האָט אויף די אַקסלען גע־טראָגן און פאַרשטעלנדיק זיך אין גאַנצן דאָס פּנים, האָט ער מער קיין ווידער־שטאַנד ניט אַרויסגעוויזן, און דאַן האָבן זיך אַלע אַרויפגעוואָרפן אויף אים מיט די מעסערס און האָבן אים דערשטאָכן אויף טויט...

ג

אין די אַלע מזרח־לענדער, וואָס זענען געשטאַנען אונטער דער הערשאַפט פון רוים, האָט זיך שטאַרק אָנגעהויבן רודערן, ווען מע האָט דערהערט וועגן דער גרויסער איבערקערעניש דאָרט. זיי האָבן אַלע אין דעם געזען אַן אָנזאָג אויף אַ נײַער צײַט, ווען מע וועט קענען אַרונטערוואַרפן פון זיך דעם פרעמדן יאָך. מע האָט גערעדט וועגן דעם, וואָס קאַסיוס און ברוטוס, די צוויי מענטשן וואָס זענען אין רוים איצטער שוין בײַ דער מאַכט, זענען זיך איינער דעם אַנדערן גרויס אין די אויגן און זיי וועלן זיך אַוודאי לאַנג ניט האַלטן און אַן אַנדערער וועט פאַר־נעמען צעזאַרס פלאַץ. און ווען די נײַס וועגן דעם, וואָס ס'קומט איצטער פאַר אין רוים, איז אָנגעקומען צו דעם פאַרטריבענעם אַנטיגאָנוס, דעם חשמונאַי, האָט ער זיך גלײַך אָנגעכאַפּט אַן דעם. איצט איז די צײַט צו גיין אויף ירושלים! איצט איז די צײַט בײַצוקומען אַנטיפּאַטרוסן און זײַן זון הורדוס, וואָס מאַכט שוין פאַר זיך אַ וועג אַרײַנצוקומען אין דער משפּחה פון די חשמונאים! ער איז געווען זיכער, אַנטיגאָנוס דער חשמונאַי, אַז קאַסיוס און ברוטוס, די צוויי נײַע הערשער אין רוים, וועלן אַוודאי זײַן קעגן אַנטיפּאַטרוסן און הורדוסן דערפאַר, וואָס זיי האָבן פריִער געהאַלטן מיטן צעזאַר. אָן דער הילף פון רוים וועלן זיי זיך אין יהודה לאַנג ניט קענען האַלטן, די אדומים; און דאַן וועט ער, אַנטיגאָנוס דער חשמונאַי, ווערן דער קיניג פון יהודה און מרים, די שענסטע פון אַלע טעכטער אין ירושלים, וועט ווערן זײַן ווײַב...

מיט די אַלע קלאַנגען, וואָס האָבן זיך דאַן שוין געטראָגן אין דער לופט וועגן אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון רוים, איז אַנטיגאָנוסן דאָס מאָל שוין ניט אָנגעקומען שווער צו געווינען דעם קיניג פון כאַלקיס אויף זײַן זײַט און פועלן בײַ אים צו זאַמלען חיילות און גיין אויף ירושלים.

— עס וועט אונדז ניט אָנקומען שווער אַרײַנצוקומען קיין ירושלים — האָט אַנטיגאָנוס פאַרזיכערט זײַן שוואָגער — אויפן וועג וועלן טויזנטער און טויזנטער ייִדן זיך אָנשליסן אין אונדזערע חיילות... דער אַלטער הורקונוס איז איצטער געוויס אין גאַנצן צעטומלט. דאָס זעלבע איז אַצינדער אַוודאי אויך מיט אַנטי־פּאַטרוסן און מיט זײַן זון הורדוס... אָן דער שוץ פונעם צעזאַר קענען זיי גאָרניט טאָן, זיי וועלן פאַלן ווי די צעפּוילטע צווײַגן פון די ביימער... און מיך וועט מען באַגעגענען מיט געזאַנג און טענץ, מיט פויקן און טרומפּייטן...

ער האָט שוין ווידער געברענט, דער פאַרטריבענער אַנטיגאָנוס, און ער האָט שוין ווידער געציילט די טעג און אַרויסגעקוקט אויף דער שעה, ווען ער וועט דערזען מרימען. ער האָט זייער שטאַרק געוואָלט זען ווי זי קוקט איצט אויס.

***

און אין ירושלים האָט מאַליכוס שוין געהאַט געוואונען אויף זײַן זײַט אַ גרויסע צאָל פון די מענטשן, וואָס האָבן געהאַט אײַנפלוס אין הויף. אויך אַ סך

עלטסטע פון די חיילות, וואָס זענען געשטאַנען אין שטאָט, האָט ער צו דעם צוגעצויגן. און מיט די געקליבענע פון זיי, מיט די אויף וועמען ער האָט זיך גוט געקענט פאַרלאָזן, האָט ער שטילערהייט אָפּגעהאַלטן באַראַטונגען און זיי צוגעגרייט צו דער איבערקערעניש, וואָס ער האָט זיך שוין געקליבן דורכצופירן...

— און זײַן וועט דאָס אַזוי — האָט מאַליכוס געזאָגט — פון דער גאַנצער אַנטיפּאַטרוס־משפחה זאָל אין יהודה קיין געדעכעניש ניט בלײַבן!.. אַנטיפּאַטרוס און פאַזאַעל זאָלן דאָ, אין ירושלים, געפינען דעם טויט... הורדוס זאָל געפינען דעם טויט אין גליל... דעם אַלטן הורקנוס וועלן מיר איבערלאָזן בײַ דער קרוין פון דער כהונה, און דאָס וועט פאַר אים זײַן גענוג... און דער קיניג פון יהודה וועט זײַן אַנטיגאָנוס, דער זון פון אונדזער געפאַלענעם קיניג אַריסטובולוס. אים, אַנטיגאָנוסן דעם חשמונאַי, און ניט הורדוסן דעם אדומי, וועלן מיר געבן מרימען פאַר אַ ווײַב...

נאָענטע און ווײַטע לענדער און פעלקער זענען אַרײַנגעשלעפּט געוואָרן אינעם קאַמף, וואָס איז אָנגעגאַנגען אַרום דעם וועמעס ווײַב מרים זאָל ווערן: הורדוסעס אָדער אַנטיגאָנוסעס. די וויכטיקסטע געשעענישן פון דער וועלט אין יענער צײַט זענען דערמיט געוואָרן פאַרבונדן. און דאָ און דאָרט האָט מען שוין צוליב דעם אַרמייען צוגעגרייט, און אויף די שטויביקע וועגן, וואָס פירן צו די גרענעצן פון גרויסע און קליינע לענדער, האָבן שוין איבער דעם רוימישע לעגיאָנען מאַרשירט...

און מרים אַליין האָט גאָרניט געוואוסט, אַז זי איז מיט די אַלע וויכטיקע געשעענישן פאַרבונדן...

און פונקט דאַן, ווען מאַליכוס האָט זיך געגרייט אַרויסצוקומען אָפן קעגן אַנטיפּאַטרוסן און זײַנע זין, איז קאַסיוס, איינער פון די נײַע רוימישע הערשער, אָנגעקומען קיין יהודה מיט זײַנע לעגיאָנען. און דער ערשטער, וואָס איז געקומען אים באַגעגענען, איז געווען אַנטיפּאַטרוס. און גלײַך בײַ דער ערשטער באַגעגעניש האָט ער צו אים גערעדט אַזוי, אַז ער האָט שוין געפונען חן אין זײַנע אויגן און יענער האָט אין אים שוין דערזען אַ מענטשן, וואָס קען ברענגען נוצן דער רוימישער מאַכט...

— איך און מײַנע זין — האָט אַנטיפּאַטרוס געזאָגט צו קאַסיוסן — געדענקען שטענדיק איין זאַך, און דאָס איז, דינען רוים און איר שטענדיק בלײַבן געטרײַ. אָן דער שוץ פון רוים וואָלט יהודה געבליבן הפקר און אייגענע און פרעמדע וואָלטן עס אויף שטיקער צעריסן... איך און מײַנע זין ווייסן ווי צו זײַן דאַנקבאַר...

קאַסיוס האָט פאַרשטאַנען דעם וואונק, און אַנטיפּאַטרוס איז דערמיט אַליין שוין אויסגעוואַקסן אין זײַנע אויגן. ער האָט פאַר זיך געזען אַ מענטשן, וואָס איז אים צום האַרצן. און נאָך גרעסער איז ער אין זײַנע אויגן אויסגעוואַקסן, ווען ער איז אָן איבעריקע רייד צוגעקומען גלײַך צום עיקר:

— איך ווייס — האָט דער קלוגער אַנטיפּאַטרוס צו אים געזאָגט — אַז מיטן קומען אַהער קיין יהודה, איז רוים אויסן גרעסער צו מאַכן די אוצרות פון דער

מלוכה...רוים איז שטאַרק, רוים איז מעכטיק; און צו זײַן נאָך שטאַרקער, נאָך מעכטיקער, דאַרף רוים האָבן נאָך גאָלד, נאָך זילבער...

— ריכטיק — האָט קאַסיוס צוגעגעבן, און ס׳איז אים שטאַרק געפֿעלן, וואָס אַנטיפּאַטרוס רעדט צו אים אַזוי, פּונקט ווי ער, קאַסיוס אַליין, וואָלט געוועזן רוים — ריכטיק. רוים דאַרף האָבן אַ סך גאָלד, אַ סך זילבער...

— וועט דאָך רוים אַוודאי דאַרפֿן אַרויפֿלייגן אַ שטײַער אויף יהודה — האָט אַנטיפּאַטרוס ווײַטער גערעדט, — אויף יהודה, פּונקט ווי אויף די אַנדערע לענדער, וואָס שטייען אונטערן שוץ פֿון רוים. און אין דעם קען איך מיט מײַנע זין גוט צו ניץ קומען דער רוימישער מאַכט. קיינער קען אין יהודה ניט אײַנמאָנען קיין שטײַערן אַזוי גוט ווי מיר... רוים וועט האָבן די מעגלעכקייט זיך אין דעם צו איבערצײַגן...

און אַזוי איז טאַקע געווען. אַ קורצע צײַט נאָך דעם ווי קאַסיוס האָט באַשטימט ווי גרויס עס זאָל זײַן דער שטײַער, וואָס וועט אַרויפֿגעלייגט ווערן אויף יהודה, איז שוין אין לאַנד ניט געווען קיין איין שטעטל און קיין איין דערפֿל, וואו עס זאָל זיך ניט הערן קיין יאָמער און קיין געוויין.

די באַוואָפֿנטע לײַט, וואָס אַנטיפּאַטרוס און זײַנע זין האָבן אַרויסגעשיקט אײַנצומאָנען די שטײַערן, האָבן בײַ אָרעמע מענטשן דאָס לעצטע צוגענומען. ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ שעפּעלע, אַ פֿערד, אַ קו, אַ ציג אָדער אַ מויל־אייזל און ניט געוואָלט מ׳זאָל דאָס צונעמען בײַ אים, האָט ער דערפֿאַר געמוזט באַצאָלן מער וויפֿל ס׳האָט די ווערט געהאַט. אויף אַלע וועגן און שטעגן האָט מען געפֿירט גאַנצע קאַראַוואַנען מיט קעמלען און גאַנצע טשערעדעס מיט שאָף און רינדער. אויך גאָלד און זילבער האָט מען פֿון הײַזער אַרויסגעטראָגן, און ווען עמעצער האָט אין דער ערד זילבערנע אָדער גילדענע כּלים באַהאַלטן, האָט מען עס געפֿונען, פֿון דער ערד אויסגעגראָבן און עס אַוועקגעפֿירט.

עס איז אין ערגעץ ניט געווען קיין באַהעלטעניש פֿון די באַוואָפֿנטע לײַט, וואָס אַנטיפּאַטרוס און זײַנע זין האָבן איבערן לאַנד צעשיקט. זיי האָבן זיך איבער די שטעט און דערפֿער צעשפּרייט ווי די היישעריקן איבער די פֿעלדער. און דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט געוויינט. און ס׳איז שווער געווען דעם יאָך אַריבערצוטראָגן...

און שווערער ווי אומעטום איז דער יאָך געווען אין גליל, וואו הורדוס האָט געהערשט מיט אַן אײַזערנער האַנט. דאָרט האָט מען קיין רחמנות ניט אַרויסגעוויזן אַפֿילו צו די אָרעמסטע און מ׳האָט ממש די הויט געשונדן פֿון אַלעמען. אַזוי איז געווען הורדוסעס באַפֿעל. מ׳האָט בײַ נאַכט מענטשן פֿון די בעטן אַרויסגעשלעפּט און זיי געצוואונגען, זיי זאָלן ווײַזן וואו זיי האָבן גילדענע אָדער זילבערנע כּלים באַהאַלטן; מ׳האָט אָנגעוואָרפֿן אַ מורא אויף קליין און גרויס; מ׳האָט ניט געשאַנעוועט קיין אַלטע לײַט און ניט אַרויסגעוויזן קיין רחמנות צו אַלמנות און יתומים. אַלץ, וואָס מ׳האָט נאָר געקענט, האָט מען צוגענומען; אַפֿילו בײַ די, וואָס האָבן מיטן אייגענעם ווילן אַוועקגעגעבן אַ טייל פֿון זייער פֿאַרמעגן, האָט מען געמאָנט נאָך. אַ סך מענטשן האָט מען אין די תּפֿיסות פֿאַרשפּאַרט און זיי דאָרט געפּײַניקט אַזוי לאַנג ביז זיי האָבן אַוועקגעגעבן אַלץ, וואָס זיי האָבן געהאַט. און די אַלע אָנגערויבטע זאַכן האָט מען געבראַכט צו הורדוסן, און ער

האָט געציילט און געוואויגן, געוואויגן און געציילט, און נאָך איידער די באַשטימטע צײַט איז געקומען, האָט ער צו קאַסיוסן געבראַכט אין גאָלד, וויפֿל עס איז אויס־געקומען אויף זײַן חלק אײַנצומאָנען...

אויך אַנטיפּאַטרוס און זײַן עלטערער זון פֿאַזאַעל האָבן צו קאַסיוסן געבראַכט די אײַנגעמאָנטע שטײַערן אין גאָלד נאָך איידער די באַשטימטע צײַט איז גע־קומען. דערמיט האָבן זיי בײַ אים, בײַ דעם נײַעם רוימישן הערשער, שטאַרק אויסגענומען און ער האָט לכּבֿוד דעם געמאַכט אַ גרויסע סעודה און מע האָט געטרונקען אַ סך ווײַן און מע איז געווען פֿריילעך און לוסטיק. און אויף יענער סעודה האָט קאַסיוס צוגעזאָגט, אַז ווען די מלחמות אין די מזרח־לענדער וועלן זיך אײַנשטילן, וועט הורדוס מיטן גנאָד פֿון רוים ווערן דער קיניג פֿון יהודה...

ער איז שוין געווען ניט אין גאַנצן ניכטער, דער רוימישער הערשער, וואָס האָט וועגן הורדוסן געהערט זייער אַ סך נאָך פֿריִער. און לויבנדיק אים פֿאַר די געקליבענע געסט, וואָס ער האָט צו דער סעודה פֿאַרבעטן, האָט ער מיט זיכערקייט געזאָגט:

— אַליין אַ ייִד, האָט ער אין זיך דאָך דאָס בלוט פֿון אַ רוימער... און ער וועט אײַנשטילן אַלע מרידות דאָ אין לאַנד... און ער וועט אויף אַלעמען דאָ אַרויפֿוואַרפֿן אַ מורא...

און ווען הורדוס האָט דאָס געהערט, האָט ער זיך פֿאַרנייגט זייער איידל, אָבער געזאָגט האָט ער גאָרניט. און דער אויסדרוק אויף זײַן צעפֿלאַמטן פּנים איז געווען אַזאַ, אַז מע האָט ניט געקענט וויסן, צי ער האָט הנאה דערפֿון, וואָס מע רעדט וועגן אים אַזוי אָדער, פֿאַרקערט, ער איז גאָר דערפֿון ניט צופֿרידן...

זיבעטער קאַפּיטל

אין דער מהומה

א

ירושלים איז געווען פֿול מיט די מענטשן, וואָס זענען פֿון אַלע עקן לאַנד געקומען אַהין צו דער פֿײַערונג פֿון דעם יום־טובֿ שבֿועות.

אויף קעמלען, אויף מויל־אייזלען און אויך צו פֿוס זענען אַהין די מענטשן געקומען, ווײַל נאָר אין דער שטאָט, וואו דאָס בית־המקדש איז געשטאַנען, האָט מען אַזוי געקענט פֿײַערן דעם יום־טובֿ, ווען מ׳פּרייט זיך דערמיט, וואָס מ׳האָט שוין פֿון די פֿעלדער אַרונטערגענומען דעם ווייץ און דעם גערשטן.

און די אַלע, וואָס זענען אין דער הייליקער שטאָט צו דעם גרויסן יום־טובֿ געקומען, האָבן מיט זיך, אין קליינע זעקלעך, געבראַכט אַ ביסל פֿון דער ערשטער צײַטיקער תּבֿואה, וואָס זיי האָבן אויף די פֿעלדער אָפּגעשניטן. פֿון דעם האָט מען מיט פֿרומער כּוונה אָפּגעבאַקן די ערשטע חלות, וואָס מ׳האָט געווידמעט צו גאָט און דערבײַ האָט מען אויפֿן מזבח געשאָכטן קרבנות. און די פֿרייד איז געווען גרויס.

דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט דעמאָלט געהאַט מיט וואָס זיך צו פֿרייען. נאָך די שווערע צײַטן, וואָס זיי האָבן געצאָלט די נײַע הערשער פֿון רוים, איז געקומען אַ גרויסע גערעטעניש אויף די פֿעלדער, און אין דעם האָט מען געזען אַ צייכן, אַז ווען גאָט שטראָפֿט מיט איין האַנט, טרייסט ער מיט דער אַנדערער.

לאַנג איידער די צײַט פֿון שניט איז געקומען, האָט מען שוין געקענט זען, אַז די גערעטעניש וועט זײַן גרויס. די פֿולע זאַנגען אויף די פֿעלדער האָבן זיך געבויגן פֿון שווערקייט און ס׳זענען ניט געווען קיין ווינטן און קיין שטאַרקע רעגנס, וואָס זאָלן פֿון זיי מאַכן אַ תּל. די זון האָט געשײַנט און ניט געבראָטן. גאָטס ברכה איז אויף דער ערד געקומען און זי האָט אַרויסגעגעבן אַ סך ברויט און דערמיט דערפֿרייט די הערצער פֿון מענטשן.

אַרום בית־המקדש זענען געשטאַנען טויזנטער ייִדן — אַלע אַזעלכע, וואָס האָבן אַ לאַנגע צײַט אויפֿן פֿעלד געאַרבעט. און די פּנימער זענען בײַ זיי געווען אָפּגעברענט פֿון דער זון, און אָנגעטאָן זענען זיי געווען אין די שענסטע יום־טובֿדיקע קליידער, וואָס זיי האָבן געהאַט. און כאָטש עס איז געווען ענג, האָט זיך קיינער ניט געשטופּט, און בײַ אַלעמען האָט פֿון די אויגן די פֿרומע כּוונה אַרויסגעקוקט און פֿון אַלץ אַרום און אַרום האָט זיך אַ הייליקייט געטראָגן.

און די כּהנים בײַם מזבח האָבן געשאָכטן די קרבנות ווי דער דין איז געווען.

און פֿון הייליקן טעמפּל האָט זיך געטראָגן דאָס געזאַנג פֿון די לוִיִים. און איינער פֿון זיי, אַ יונגער לוי מיט אַ שיין קול, וואָס האָט ווײַט און הילכיק געקלונגען, האָט אָנגעהויבן דאָס געזאַנג, וואָס דער מלך דוד האָט אַ מאָל געזונגען, און די אַנדערע האָבן אונטערגעכאַפּט אין אַ כאָר, און זייערע שטימען האָבן זיך איבער די קעפּ פֿון גאַנצן עולם געטראָגן און אָפּגעהילכט ווײַט־ווײַט.

„פֿון דער ענגשאַפֿט האָב איך גערופֿן צו גאָט" — אַזוי האָט אָנגעהויבן דאָס געזאַנג דער יונגער לוי מיט דעם שיינעם קול.

און די אַנדערע לוִיִים האָבן אַלע אין איינעם געגעבן אַ זינג אין כאָר:

— און ער האָט מיר געענטפֿערט און מיך אַוועקגעשטעלט אויף אַן אָרט, וואָס איז ברייט.

— ווען גאָט איז מיט מיר, האָב איך ניט קיין מורא.

— צי קען אַ מענטש דען מיר עפּעס טאָן?!

— אַלע פֿעלקער האָבן מיך אַרומגערינגלט.

— אָבער מיט גאָטס נאָמען וועל איך זיי פֿאַרשנײַדן.

— ווי בינען זענען זיי מיך באַפֿאַלן.

— און אויסגעלאָשן האָבן זיי זיך ווי דאָס פֿײַער פֿון דערנער.

און דאָ האָט דאָס גאַנצע פֿאָלק, וואָס איז געשטאַנען אַרום טעמפּל, געגעבן אַ כאַפּ אונטער:

— מיט גאָטס נאָמען וועלן מיר זיי פֿאַרשנײַדן!

דאָס האָט ווי אַ שטאַרקער דונער אָפּגעהילכט, און דער גאַנצער ים יידן מיט די ברוינע, אָפּגעברענטע פּנימער האָט זיך געגעבן אַ וויג און איז באַלד ווידער געבליבן שטיין ווי פֿאַרגליווערט. און די אויגן בײַ זיי האָבן ווידער געקוקט פֿאַרגאַפֿט און מיט פֿרומער כוונה.

און ווען דער כהן־גדול איז פֿונעם הייליקן טעמפּל אַרויסגעקומען, האָבן אַלע דעם אָטעם אײַנגעהאַלטן און זענען אים שטיל נאָכגעגאַנגען.

אַ גײַסט פֿון הייליקייט און יום־טובֿדיקייט האָט אויף אַלץ און אויף אַלעמען געשוועבט.

אַפֿילו די רוימישע זעלנער, וואָס האָבן זיך פֿון דער ווײַטנס צוגעקוקט, זענען געשטאַנען פֿאַרגאַפֿטע און קיינער פֿון זיי האָט קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט, פּונקט ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, אַז זיי זאָלן דערמיט די הייליקייט פֿון אַרום נאָך ניט פֿאַרשוועכן.

אין מיטן דערינען איז געוואָרן אַ טומל, און מענטשן האָבן זיך גענומען שטופּן, און איינער דעם אַנדערן האָט געפֿרעגט:

— וואָס איז געשען?

אין דער מהומה האָט מען ניט געקענט אויסגעפֿינען, וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען. אָבער עס האָט דאָך לאַנג ניט געדויערט און מע האָט זיך דערוואוסט, אַז אויפֿן באַפֿעל פֿון קאַסיוסן האָט מען געכאַפּט מאַליכוסן און מע רעדט שוין וועגן דעם, אַז מע וועט אים באַשטראָפֿן מיטן טויט.

— פֿאַר וואָס? — האָבן יידן געפֿרעגט.

— פֿאַר וואָס קומט מאַליכוסן דער טויט?

— און מיט וואָס האָט ער אַזוי דערצאָרנט דעם הערשער פֿון רוים?

קיינער האָט דעמאָלט נאָך ניט געקענט זאָגן אויף זיכער, אַז אין דעם שטעקט די האַנט פֿון אַנטיפּאַטרוסן, אָבער מע האָט אים דאָך חושד געווען אין דעם. און אין דער מהומה, וואָס איז אַרום דעם געוואָרן, זענען אין ירושלים ווי־דער ווי פֿון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן די אַלטע לײַט מיט די גרויע בערד און מיט די ברייטע מאַנטלען, וואָס זענען געהאַנגען אויף זיי ווי די זעק און זיי האָבן פֿון די דעכער און אויף אַלע גאַסן און געמאַרקן געשריגן אויפֿן קול:

— הערט אויס, איר קינדער פֿון ישׂראל! דאָס איז די אַרבעט פֿון אַנטי־פּאַטרוסן, דער קנעכט פֿון אדום! ער באַרויבט דאָס פֿאָלק פֿון די בעסטע זין, און ער און זײַנע זין זענען מיט אונדזערע שׂונאים אין אַ בונד.

קיינער האָט קיין מאָל ניט געוואוסט פֿון וואַנען זיי נעמען זיך, אָט די אַלטע לײַט מיט די צעשויבערטע קליידער און מיט די לאַנגע בערד. אין געוויינטלעכע צײַטן האָט מען זיי גאָר אין ערגעץ ניט געזען. בלויז דאַן, ווען ס'איז אין שטאָט געוואָרן אַ מהומה, האָבן זיי זיך גענומען וואָרפֿן אין די אויגן, און זיי האָבן אַלץ געמוסרט, אַלץ געשטראָפֿט, און גערעדט האָבן זיי שטענדיק אין נאָמען פֿון גאָט, און אַלע מאָל, ווען זיי האָבן דערמאָנט דעם נאָמען פֿון הורדוסן, אָדער פֿון אַנטי־פּאַטרוסן, האָבן זיי געשיקט קללות אויף זייערע קעפּ און געוואָרנט ניט צו גיין אין זייערע וועגן...

און געוויינטלעך האָבן זיי אין אַזעלכע פֿאַלן אויך מרימען דערמאָנט.

— צו אַ רויז וואָס וואַקסט צווישן דערנער איז זי געגליכן, די שיינע טאָכ־טער פֿון די חשמונאים — האָט איינער פֿון די אַלטע לײַט אַרונטערגעשריגן פֿון אַ דאַך צו די מענטשן אין גאַס — און אויך אויף איר לויערט שוין דער שפּאַרבער און מע גרייט זיך שוין זי אַוועקצוגעבן פֿאַר אַ ווײַב צו הורדוסן דעם אדומי.

וואָס אַ מאָל איז דער טומל אַרום דעם געוואָרן גרעסער און די גאַנצע שטאָט האָט דערמיט געקאָכט.

— מיר וועלן ניט דערלאָזן אַזאַ געמיינהייט אין יהודה! — האָבן מענטשן געשריגן אין די גאַסן.

— מיר וועלן ניט איבערענטפֿערן אין די הענט פֿון שׂונא איינעם פֿון אונדזע־רע בעסטע זין!

— מאַליכוסעס לעבן איז ניט הפֿקר!

— ער איז אונדזער באַשיצער!

עס האָט שוין דעמאָלט קאַסיוסן אַליין באַנג געטאָן, וואָס גראָד אין אַזאַ צײַט, ווען ייִדן פֿון אַלע עקן לאַנד און אויך פֿון אַנדערע לענדער קומען קיין ירושלים פֿײַערן איינעם פֿון די דרײַ גרויסע יום־טובֿים אין יאָר, האָט ער אַרויס־געגעבן אַ באַפֿעל צו פֿאַרשפּאַרן מאַליכוסן אין תּפֿיסה. ווען ער האָט דערהערט, ווי דאָס פֿאָלק שטעלט זיך אַזוי אײַן פֿאַר אים, פֿאַר מאַליכוסן, האָט ער גלײַך אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם, אַז ער קען אַ מאָל אין יהודה דאָך גאָר זײַן דער מענטש, וועמען רוים וועט דאַרפֿן אַריבערגעווינען אויף איר זײַט, ווײַל אַזוי וועט זיך בעסער לוינען. און ער האָט דעריבער גלײַך אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל, אַז מע זאָל מאַליכוסן אַרויסלאָזן פֿרײַ.

און ווען מאַליכוס איז גלײַך נאָך דעם געקומען אין הויף אַרײַן, האָט דער אַלטער הורקונוס זיך שטאַרק דערפֿרייט איבער אים. ער האָט זיך געפֿרייט דער־מיט, וואָס ס׳איז מיט מאַליכוסן גאָרניט געשען, ווײַל ער האָט פֿריִער די גאַנצע צײַט געטראַכט, אַז אויב עס וועט מיט מאַליכוסן יאָ עפּעס געשען, וועט ער, דער אַלטער הורקונוס, מער ווי אַלע אַנדערע דערפֿון לײַדן. אין דער גרויסער פֿרייד, וואָס האָט זיך אין זײַן פֿאַרלוירנקייט נאָך מער אָנגעזען, האָט ער גערעדט וועגן אַלץ, וואָס ס׳איז אים נאָר געקומען אויף דער צונג, און אַריבערשפּרינגענדיק פֿון איין זאַך צו דער אַנדערער אין אַזאַ אײַלעניש, ווי ער וואָלט מורא געהאַט זיך לענגער אויף עפּעס אָפּצושטעלן, האָט ער מאַליכוסן געפֿרעגט, צי האָט ער שוין געהערט וועגן דעם, וואָס קאַסיוס האָט געזאָגט, אַז נאָך דעם ווי די מלחמות אין די לענדער פֿון מזרח וועלן זיך אײַנשטילן, וועט רוים מאַכן הורדוסן פֿאַרן קיניג פֿון יהודה...

אויף קיין ענטפֿער דערויף פֿון מאַליכוסן האָט ער ניט געוואַרט און ער האָט גערעדט ווײַטער:

— איך האָב געוווּסט, אַז אַזוי וועט עס זײַן — האָט ער געזאָגט — איך האָב געוווּסט און עס האָט מיך שוין ניט געאַרט... עס איז אפֿשר גאָר בעסער אַזוי... האַ?.. עס וועט מיר דאַן אַראָפּ אַ שווערער יאָך פֿונעם קאָפּ... איז דען די קרוין פֿון כהונה ניט גענוג?.. צו וואָס נאָך די קרוין פֿון מלוכה?.. און נאָך אין אַזאַ מהומה!.. איך בין שוין אַן אַלטער מאַן. אַן אַלטער און אַ שוואַכער. און עס טרעפֿן צײַטן, ווען עס פֿאַלט אויף מיר אַן אַ מורא און איך שרעק זיך פֿאַר דעם וואָס קומט, פֿאַר דעם וואָס ס׳וועט געשען...

און מיט אַ מאָל האָט ער זיך אָנגעהויבן בעטן בײַ אים:

— פֿאַרלאָז מיך ניט, מײַן פֿרײַנד מאַליכוס!.. אין אַזאַ צײַט טאָרסטו מיך ניט פֿאַרלאָזן!..

מאַליכוסן האָט דאָס שטאַרק גערירט. ער האָט דאַן אין דעם אַלטן הורקונוס געזען דעם אונטערגאַנג פֿון דער חשמונאים־משפּחה, וואָס איז אַזוי לאַנג געווען באַליבט בײַם פֿאָלק. און ווי שווער עס איז אים ניט געווען צו זאָגן דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט, האָט ער עס דאָך געזאָגט:

— אויב די קרוין פֿון דער מלוכה איז אַזאַ שווערער יאָך אויפֿן קאָפּ פֿונעם קיניג, איז אפֿשר... אפֿשר איבערגעבן דעם טראָן פֿון יהודה אַן אַנדערן פֿון די חשמונאים?..

— וועמען? — איז דער אַלטער הורקונוס מיט אַ מאָל געוואָרן זייער אומ־רואיק.

— אַנטיגאָנוסן — האָט מאַליכוס דעם נאָמען אַרויסגערעדט שטיל.

בײַם אַלטן קיניג איז דאָס פּנים מיט אַ מאָל געוואָרן נאָך בלאַסער ווי ס׳איז געווען, און אַרײַנזעצנדיק זיך טיף אינעם גרויסן טראָן, וואו ער איז אין גאַנצן ווי אײַנגעשרומפּן געוואָרן מיט זײַן לאַנגער, מאָגערער פֿיגור, האָט ער אָנגעהויבן שרײַען:

— ניין, ניין! נאָר ניט אים, דעם זון פֿון מײַן ברודער אַריסטובולוס! ער וועט מיר גלײַך געבן דעם טויט...

וואָס אַ מאָל איז זײַן קול געוואָרן אַלץ קוויטשעדיקער, גרילצנדיקער. שרײַענ־דיק האָט ער די ציטערדיקע ביינערדיקע הענט זײַנע אין דער לופֿטן געוואָרפֿן. מ'האָט שוין מער ניט געקענט הערן די ווערטער, וואָס זענען בײַ אים פֿונעם מויל אַרויסגעקומען. און מיט אַ מאָל האָט ער פֿאַרוואָרפֿן דעם קאָפּ אויפֿן אַנלען פֿונעם טראָן און האָט זיך שטאַרק צעוויינט...

דער גאַנצער ווייטיק פֿון דער חשמונאים־דינאַסטיע, וואָס האָט שוין גע־האַלטן אין אונטערגיין, האָט פֿון אים אַרויסגעוויינט. די טרערן פֿון די אויגן האָבן זיך בײַ אים ווי פֿון אַ קוואַל געגאָסן. און ווען מאַליכוס האָט דאָס דערזען, האָט ער זיך שטיל אַרויסגעשאַרט און איז אַוועק. ער האָט ניט געהאַט קיין ווערטער אים צו טרייסטן, און ער האָט ניט געוואָלט, אַז דער קיניג זאָל זיך דאַרפֿן שעמען פֿאַר אים...

ב

נאָך דעם האָט געדויערט ניט מער ווי עטלעכע טעג און מאַליכוס האָט געזען ווי הורקונוס שטייט שוין ווידער אין גאַנצן אונטערן אײַנפֿלוס פֿון אַנטי־פּאַטרוסן און הערט זיך צו בלויז צו זײַנע עצות און טוט אַלץ, וואָס ער זאָגט אים.

אין לאַנד האָט מען דאַן אומעטום שוין גערעדט וועגן דעם, וואָס דער פֿאַר־טריבענער אַנטיגאָנוס דער חשמונאי גייט מיט אַ סך חיילות אויף ירושלים און אַז די צאָל פֿון די, וואָס קוקן דאָרט אַרויס אויף אים, איז זייער גרויס. און אין הויף האָט מען שוין געוואוסט, אַז ער, אַנטיגאָנוס דער חשמונאי, האָט פֿאַרטראַכט צו נעמען מרימען פֿאַר אַ ווײַב און דערמיט באַפֿעסטיקן דעם טראָן, וואָס ער וועט איבערנעמען, ווען ער וועט געווינען די מלחמה. אויך צו מרימס אויערן האָט דאָס דערגרייכט, און זי איז שוין בײַ צײַטנס געלאָפֿן פֿון דער מוטער צום זיידן און פֿונעם זיידן צו דער מוטער און זי האָט געוואָלט זיי זאָלן וויסן איין זאַך:

— אַנטיגאָנוסן פֿאַר אַ מאַן וויל איך ניט!..

זי האָט אים קוים געדענקט, דעם פֿאָטערס ברודער אַנטיגאָנוס. זײַן פּנים האָט זי זיך ניט געקענט פֿאָרשטעלן קלאָר; זי האָט בלויז געדענקט, אַז ער איז אַ הויכער, אַ לאַנגער און אַז ער האָט זיך אַלע מאָל געהיצט, ווען ער האָט וועגן עפּעס גערעדט. מער האָט זיך וועגן אים בײַ איר אין זכרון גאָרניט אָפּגעקריצט. אָבער זי האָט אים גלאַט ניט געוואָלט דערפֿאַר, וואָס זי האָט שטענדיק געטראַכט וועגן הורדוסן...

און ווען זי האָט געהערט, ווי מ'רעדט אין הויף, אַז הורדוס וועט קומען מיט זײַנע חיילות העלפֿן דעם קיניג הורקונוס זיך שטעלן אַקעגן אַנטיגאָנוסן, האָט זי זיך שטאַרק געפֿרייט דערמיט און זי איז מיט אַ גדולה אַרײַנגעלאָפֿן צו איר ייִנגערן ברודער אַריסטובולוס, און טאַנצנדיק, האָט זי מיט אַ ניגון, וואָס איז איר גראָד דאַן אין קאָפּ געקומען, געזונגען:

— עס קומט צו מיר מײַן ליבסטער!.. ער קומט, ער קומט, ער קומט...

— ווער? — האָט אַריסטובולוס געפֿרעגט — ווער קומט?

— הורדוס — האָט מרים געענטפערט און געגעבן אַ לויף צו צום ברודער און אים אַרומגענומען מיטביידע הענט...

דער יונגער אַריסטובולוס האָט די רויטלעכע באַקן אָנגעבלאָזן.

— שעם זיך, שוועסטער! — האָט ער מרימען געזאָגט.

— ווייל איך זיך ניט שעמען! — האָט זי זיך געעקשנט און זיך געגעבן אַ שטעל אַוועק אין אַ טראַציקער פּאָזע — ווייל איך זיך ניט שעמען...

— אויב דו שעמסט זיך ניט, שעם איך זיך מיט דיר — האָט ער צו איר געזאָגט — דו ביסט אויך פון די, וואָס קוקן אַרויס אויף דעם מענטשן, וואָס איז אַ שונא פון אונדזער משפחה...

ער האָט איר אָנגעהויבן אויסרעכענען די אַלע שלעכטע זאַכן, וואָס הורדוס האָט געטאָן, אָבער זי האָט אים אָפּגעשטעלט אין מיטן:

— איך וויל דאָס ניט הערן! — האָט זי אויסגעשריגן אויפן קול.

און ווען ס'האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז אַריסטובולוס וויל ווײַטער רעדן, האָט זי אים מיט איין האַנט דאָס מויל פאַרשטעלט און מיט אַ מאָל האָט זי זיך שטאַרק צעוויינט. און ווען ער האָט געזען, ווי זי וויינט, איז ער שטיל צוגעגאַנגען, איר געגעבן אַ קוש אין קאָפּ און האָט זיך אויך צעוויינט...

ג

דער גאַנצער הויף איז דאַן געווען פול מיט סודות. אין אַלע ווינקלען האָט מען זיך געשושקעט, הינטער יעדער פאַרמאַכטער טיר האָט מען געהיימע באַראַטונגען אָפּגעהאַלטן, און די מענטשן, וואָס זענען אין הויף אין צוויי לאַגערן געווען צעטיילט, האָבן זיך איינע פאַר די אַנדערע געהיט. מאַליכוס האָט זיך געהיט פאַר אַנטיפּאַטרוסן, און אַנטיפּאַטרוס האָט זיך געהיט פאַר מאַליכוסן, און צווישן זיי ביידע איז דער אַלטער הורקנוס געווען אַ פאַרלוירענער און ער האָט אַלץ ניט געקענט אָנכאַפּן, ווי אַזוי מע גרייט זיך צו באַשיצן די שטאָט ירושלים, ווען אַנטיגאָנוס און דער קיניג פון כאַלקיס וועלן אָנקומען אַהין מיט זייערע חיילות...

און כאָטש ס'האָט זיך אין הויף געפילט אַזאַ אומרואיקייט און מענטשן זענען דאָרט אין צוויי לאַגערן געווען צעטיילט, האָט זיך אויסערלעך קיין זאַך ניט געביטן און ס'זענען אָפּגעהיט געוואָרן אַלע פײַערלעכע צערעמאָניעס, פּונקט ווי אַלע מאָל. און מ'האָט ניט פאַרפעלט קיין איין סעודה, און צו יעדער סעודה זענען אײַנגעלאַדן געוואָרן די הויפלײַט פון ביידע לאַגערן און די געסט בײַם טיש האָבן אין איינעם גוט פאַרבראַכט און דערבײַ געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי זענען זיך די בעסטע גוטע פרײַנד.

אויף איינער אַזאַ סעודה איז אַנטיפּאַטרוס געווען זייער פריילעך און ער האָט מיט זיכערקייט גערעדט וועגן דעם, ווי מע וועט אויסראָטן און פאַרטיליקן אַנטיגאָנוסן און זײַנע חיילות. גערעדט האָט ער אַזוי צו מאַליכוסן, און נאָך דעם

האָט ער צו אים שוין אויך גערעדט וועגן דעם, וואָס מרים איז זײַן זון הורדוסעס אויסדערוויילטע און זי וועט שוין אין גיכן ווערן זײַן ווײַב...

אַלע עלטסטע פֿונעם קיניגס חיילות זענען אויף יענער סעודה געווען. עס איז צווישן די געסט כמעט ניט געווען קיין איינער, וואָס זאָל ניט טראָגן קיין שווערד, און אַלע האָבן ווײַן פֿון גרויסע בעכערס געטרונקען, און ווען מ'איז שוין געווען גוט פֿריילעך, האָט מען געהערט ווי דאָ און דאָרטן רעדט מען שוין אַ ביסעלע צו הויך אויפֿן קול:

— מיר וועלן אַנטיגאָנוסן און זײַנע חיילות פֿון אַלע זײַטן אַרומרינגלען! — האָט איינער אויסגערופֿן, נאָך דעם ווי ער האָט אַ גרויסן בעכער ווײַן אויסגעליידיקט.

— מיר וועלן אים פֿאַרטרײַבן פֿון די גרענעצן פֿון יהודה און ער וועט שוין מער קיין מאָל ניט קומען אַהער!

— ווי דער ווינט צעבלאָזט דעם שטויב, אַזוי וועלן מיר זײַנע חיילות צעבלאָזן!

מ'האָט אויך גערעדט וועגן דעם, וואָס הורדוס אַליין קומט פֿון גליל מיט אַ סך מחנות פֿוסגייער און רײַטער. און אַנטיפּאַטרוס איז געווען זייער שטאָלץ דערמיט, וואָס אַלע אין הויף רעדן וועגן זײַן זון מיט אַזוי פֿיל אַכטונג, ווי מע רעדט געוויינטלעך וועגן אַ גרויסן העלד. ער האָט זיך גוט צוגעהערט צו דעם, וואָס מע האָט געזאָגט און ער אַליין האָט פֿון זײַן זײַט צוגעגעבן:

— פּונקט ווי ס'פֿאַלן די זאַנגען אונטערן שניט מעסער, אַזוי וועלן פֿאַלן אַנטיגאָנוסעס חיילות, ווען הורדוס מײַן זון וועט אָנפֿאַלן אויף זיי...

***

אין יענעם אָוונט האָט מאַליכוס קיין סך ניט גערעדט. ער האָט זיך מער צוגעהערט צו דעם, וואָס אַנדערע רעדן, און ס'האָט אים גראָד ניט געאַרט וואָס די קריגסלײַט רעדן וועגן הורדוסן ווי וועגן דעם גרויסן העלד. ער האָט געוואוסט, אַז פּונקט ווי ער, זענען די מערסטע פֿון זיי אויך קעגן דער אַנטיפּאַטרוס־משפּחה, און דאָס וואָס זיי רעדן דאָ אין הויף אַזוי וועגן הורדוסן, איז ניט מער ווי אַן אָנשטעל אַזאַ...

צוהערנדיק זיך צו דעם, וואָס מ'רעדט, האָט מאַליכוס אַלע מאָל געכאַפּט אַ קוק אויף איינעם פֿון די באַדינער, וואָס האָט דערלאַנגט צום טיש דעם ווײַן און אין די בעכערס צעגאָסן; ער האָט פֿון אים כמעט די גאַנצע צײַט די אויגן ניט אַראָפּגענומען, אָבער ער האָט דאָס געטאָן אַזוי, אַז קיינער זאָל דאָס ניט באַמערקן...

קיינער האָט אויך ניט באַמערקט, ווען מאַליכוס האָט צום באַדינער מיטן קאָפּ אַ שאָקל געטאָן און דערבײַ מיט דער רעכטער האַנט אָנגערירט דאָס הענטל פֿון זײַן שווערד. צו גרויס איז שוין דעמאָלט דער טומל געווען בײַם טיש, אַז מ'זאָל אַזאַ זאַך באַמערקן. אַלע האָבן גערעדט אויפֿן קול, אַלע האָבן ווײַן געטרונקען, און

דער אַלטער הורקונוס, וועלכער איז באַלד נאָך בײַם אָנהייב פֿון דער סעודה מיד געוואָרן, איז שוין לאַנג בײַ זיך אין חדר געשלאָפֿן און ס'האָבן זיך אים חלומות געחלומט...

מיט אַ מאָל האָט מען דערהערט ווי עמעצער האָט בײַם טיש אָנגעהויבן כאָרכלען און באַלד נאָך דעם איז געקומען אַ פֿאַרשטיקטער אויסגעשריי.

אַלע זענען געבליבן שטיל.

אַלע זענען געבליבן שטיין מיט ברייט־צעעפֿנטע אויגן און אָפֿענע מײַלער.

און ווען מ'האָט דערזען, אַז דאָס כאָרכלט אַנטיפּאַטרוס און אַז דאָס פּנים איז בײַ אים געוואָרן שרעקלעך בלאָס, האָבן זיך אַלע געגעבן אַ לאָז צו אים. אָבער ווען מ'איז צוגעלאָפֿן, האָט ער פֿאַרוואָרפֿן דעם קאָפּ אויפֿן טיש, און איינער פֿון די געסט — קיינער האָט ניט געזען ווער — האָט מיט אַ קול, וואָס איז ווי גע־קומען פֿון ווײַט, געגעבן אַ זאָג:

— ער איז טויט!..

אויף אַ ווײַל איז געוואָרן שטיל, פּונקט ווי אַלע וואָלטן לויט אַ באַפֿעל דעם אָטעם אײַנגעהאַלטן. און באַלד האָבן זיך דערהערט קולות:

— אַזוינס איז נאָך ניט געהערט געוואָרן בײַ ייִדן!..

— ווי האָט גאָר אַזוינס געקענט געשען?

— בײַם קיניג אין הויף אַ מאָרד באַגאַנגען!..

פֿון דעם ווי אַלע האָבן זיך געהאַלטן רעדנדיק דערפֿון, האָט מען געקענט מיינען, אַז זיי זענען שטאַרק גערירט פֿון דעם, וואָס ס'איז דאָ נאָר וואָס געשען. אָבער דאָס איז געווען ניט מער ווי אַן אָנשטעל אַזאַ, און דער איינציקער, וואָס האָט דאַן דערויף אמתע טרערן פֿאַרגאָסן, איז געווען אַנטיפּאַטרוסעס עלטערער זון, פֿאַזאַעל. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך געכאַפּט, אַז דאָ איז באַגאַנגען געוואָרן אַ מאָרד. און ווען ער האָט דאַן געוואָרפֿן אַ בליק אויף די אַלע מענטשן אַרום אים, האָט ער זיך מיט אַ מאָל דערפֿילט ווי צווישן פֿרעמדע און עס איז אויף אים אָנגעפֿאַלן אַ שרעק.

אויף מאָרגן האָט מען שוין אין גאַנץ ירושלים געוואוסט, וואָס ס'איז נעכטן פֿאָרגעקומען בײַם קיניג אין הויף, און מע האָט שוין וועגן דעם גערעדט אין אַלע גאַסן, אויף אַלע געמאַרקן. מענטשן האָבן איינער דעם אַנדערן די גרויסע בשׂורה אָנגעזאָגט, און אַלע האָבן זיך געפֿרייט דערמיט, וואָס אַנטיפּאַטרוס איז שוין טויט. מע האָט אָבער דאָך מורא געהאַט צו פֿיל אַרויסצואווײַזן די פֿרייד. אַפֿילו די אייגענע אין הויף, די וואָס האָבן די גאַנצע צײַט שטילערהייט געהאַלטן מיט מאַ־ליכוסן, זענען נאָך ניט געווען אין גאַנצן זיכער, צי מע מעג אַזוי פֿרײַ אַרויסווײַזן די פֿרייד. און ווען עס איז געקומען די לוויה, האָט מען געבראַכט די געדונגענע קלאָג־ווײַבער, וואָס האָבן מיט זייער געמאַכטן יאָמער אַלע גאַסן אָנגעפֿילט; זיי האָבן אַזוי געוויינט, אַזוי געקלאָגט און געמאַכט אַזעלכע קולות, אַז אַפֿילו זײַטיקע מענטשן האָבן שוין מער די טרערן ניט געקענט אײַנהאַלטן און זיי האָבן זיך אויך צעוויינט. און קיין איינע פֿון די קלאָג־ווײַבער האָט ניט געוואוסט, ווער אַנטי־פּאַטרוס איז געווען און מיט וואָס ער האָט זיך פֿאַרדינט צו האָבן אַזאַ לוויה אין ירושלים. אָבער ס'האָט זיי ניט געאַרט, וואָס זיי ווייסן דאָס ניט; זיי האָבן דאָס

ניט געדאַרפֿט וויסן. דער עיקר איז געווען אַריבערצושטײַגן איינע די אַנדערע אין געוויין, אין יאָמער, ווײַל דאָס איז געווען זייער פֿאַך. פֿאַר דעם האָט מען זיי געצאָלט, און זיי האָבן די מהומה געדאַרפֿט מאַכן אַלץ גרעסער...

***

נאָך דעם האָט מאַליכוס שוין לאַנג ניט געוואַרט און נאָך אין דעם זעלבן טאָג איז ער צום קיניג אין הויף אַרײַנגעקומען, און פֿאַרנייגנדיק זיך העפֿלעך, האָט ער געזאָגט:

— איך בין גרייט דעם קיניג צו דינען.

דער אַלטער הורקונוס האָט זיך שטאַרק דערפֿרייט, ווען ער האָט אים דער־זען. ער, דער שוואַכער זקן, וואָס האָט זיך שטענדיק געשראָקן און קיין מאָל קיין מוט ניט געהאַט עפּעס אַליין צו באַשליסן, איז געווען צופֿרידן פֿון דעם, וואָס איצטער, ווען אַנטיפּאַטרוס איז שוין ניטאָ, האָט ער שוין ווידער אַ מענטשן, וואָס זאָל פֿאַר אים פֿירן די מלוכה און דערמיט אַראָפּנעמען פֿון אים דעם שווערן יאָך. די קליוציק־וואַסערדיקע אויגן זענען בײַ אים פֿאַר פֿרייד געוואָרן פֿול מיט טרערן, און ער האָט מאַליכוסן געדאַנקט דערפֿאַר, וואָס ער איז איצט צו אים געקומען.

— דער גאָט פֿון ישׂראל פֿאַרלאָזט מיך ניט — האָט ער געזאָגט — אין אַ צײַט ווען די שׂונאים האָבן מיך אַרומגערינגלט פֿון אַלע זײַטן, האָט ער דיך, מײַן געטרײַען קנעכט, צו מיר געבראַכט...

און באַלד האָט ער אים גענומען פֿאַרוואַרפֿן מיט פֿראַגעס:

— און וואָס וועט זײַן, אויב אַנטיגאָנוס וועט קומען אַהער?..

— און וואָס וועט זײַן, אויב ער וועט אונדז צעשלאָגן און וועט אויסכאַפּן מרימען און וועט זי מאַכן פֿאַר זײַן ווײַב?..

— הורדוס וועט דאָן דאָך אַוודאי נעמען נקמה אין מיר דערפֿאַר... אַיאַ, ער וועט אין מיר נעמען נקמה דערפֿאַר? האַ?..

— און וואָס וועט זײַן, אויב די רוימער וועלן ווידער אַרויפֿלייגן שווערע צינדזן אויף אונדז?..

אַן אַ שיִער פֿראַגעס האָט ער געשטעלט, דער אַלטער הורקונוס. און גערעדט האָט ער שנעל, מיט אימפּעט, פּונקט ווי עמעצער וואָלט אים געיאָגט. און ווען ער האָט שוין מער ניט געהאַט קיין פֿראַגעס צו שטעלן, האָט זיך בײַ אים אַ טיפֿער זיפֿץ פֿון האַרצן אַרויסגעריסן:

— גאָט, האַר פֿון אַלע וועלטן, פֿאַר וואָס האָסטו מיך געשטראָפֿט צו זײַן אַ קיניג בײַ ייִדן אין אַזאַ שווערער צײַט?

עס איז געווען אַ גרויסער רחמנות אויף אים, אויף דעם שוואַכן מענטשן מיט די קליוציק־וואַסערדיקע אויגן און מיט דער קרוין אויפֿן קאָפּ. ער האָט אויסגעזען ווי אַ פֿאַרלוירענער. ער איז געווען עפּעס ווי אַ טעות, אַ גרויסער טעות, וואָס גייט אַרום אויף צוויי פֿיס און פּלאָנטערט זיך אַהין און אַהער און קען זיך אין ערגעץ ניט אַרײַנפּאַסן. און ווען מאַליכוס האָט אים געזאָגט, אַז ער קען זיך איצטער אין גאַנצן פֿאַרלאָזן אויף אים, האָט ער אים ווידער געדאַנקט.

— גוט, גוט! — האָט ער געזאָגט שאָקלענדיק דעם גרויען קאָפּ שוין אַ ביסל צו פֿיל — גוט! גוט! אין גאַנצן אויף דיר!..

און ער האָט אַפֿילו ניט געהאַלטן פֿאַר נייטיק אים איבערצופֿרעגן, וואָס ער וועט טאָן און ווי אַזוי ער וועט פֿון דער איצטיקער שווערער לאַגע אַרויס. ער האָט גאָר מורא געהאַט דאָס צו פֿרעגן. און ער איז געווען צופֿרידן דערפֿון, וואָס ער אַליין האָט עס פֿון זײַנע אייגענע פּלייצעס אַרונטערגעוואָרפֿן...

און דאַן האָט מאַליכוס גלײַך אָנגעהויבן רעדן צום אַלטן קיניג וועגן דעם, וואָס פֿאַר אַן אומגליק די זין פֿון אַנטיפּאַטרוס דעם אדומי זענען פֿאַר יהודה.

— ריכטיק... האָט דער אַלטער הורקונוס מיט אים אײַנגעשטימט — אַ גרויסער אומגליק. און איך האָב דאָס שוין לאַנג געוואוסט...

— און הורדוס טאָר ניט אַרײַנקומען אין דער משפחה פֿון די חשמונאים — האָט מאַליכוס ווײַטער גערעדט.

— אַוודאי ניט... — האָט דער קיניג אים צוגעגעבן — איך האָב דאָס שוין לאַנג געטראַכט...

מיט אַלץ, וואָס מאַליכוס האָט נאָר געזאָגט, האָט דער אַלטער הורקונוס אײַנגעשטימט. און מאַליכוס איז פֿון אים אַוועק אַ צופֿרידענער און ער האָט שוין געטראַכט וועגן דעם, וואָס ס'גייט דערצו, אַז מע זאָל אַנטיפּאַטרוסעסביידע זין, פֿאַזאַעל און הורדוס, אויך קענען אָפּראַמען פֿונעם וועג...

עס איז בײַ מאַליכוסן דאַן שוין גאָר קיין ספֿק ניט געווען, אַז אַזוי וועט עס זײַן. און פּונקט דאַן, ווען ער האָט זיך מיט אַזעלכע געדאַנקען אַרומגעטראָגן און געלייגט אַ סך האָפֿענונגען דערויף, וואָס אין רוים רודערט זיך שוין ווידער און מע איז נאָך אַלץ ניט זיכער ווער עס וועט דאָרט ווערן דער הערשער און איבערנעמען די גאַנצע מאַכט, איז פֿון גליל קיין ירושלים אָנגעקומען הורדוס מיט אַ גרויסער צאָל מחנות פֿוסגייער און רײַטער, און אין שטאָט האָט מען געזאָגט, אַז די צאָל פֿון הורדוסעס חיילות איז אַזוי פֿיל, ווי די זאַמד בײַם ברעג פֿונעם ים...

ער האָט די גאַנצע שטאָט אויפֿגערודערט, ווען ער איז אַרײַנגעפֿאָרן אַהין רײַטנדיק אויף זײַן פֿערד און באַוואָפֿנט פֿונעם קאָפּ ביז די פֿיס. אויך דעם הויף האָט ער אויפֿגערודערט, ווען ער איז אַהין אַרײַנגעקומען מיט די פֿעסטע טריט, וואָס האָבן זיך מיט אַ הילך צעטראָגן. און ווען ער האָט דאָרט דערזען מרימען, האָט ער זיך מיט זײַן גאַנצער גבֿורה געגעבן אַ לאָז צו איר און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט וועט ער זי אַ כאַפּ טאָן אין זײַנע אָרעמס און וועט זי פֿעסט צו־דריקן צו זיך. אָבער ער איז איר צו די פֿיס צוגעפֿאַלן און האָט מער גאָרניט געקענט אַרויסרעדן נאָר איר נאָמען:

— מרים... מרים...

אויך מיט מאַליכוסן האָט הורדוס דעמאָלט זיך אין הויף געטראָפֿן, און ווען ער האָט מיט אים גערעדט וועגן דעם, ווי אַזוי מע וועט די שטאָט באַשיצן, האָט ער זיך געהאַלטן אַזוי, ווי עס וואָלט אים גאָרניט אײַנגעפֿאַלן חושד צו זײַן, אַז ער איז שולדיק אינעם טויט פֿון זײַן פֿאָטער. אָבער ער האָט שוין בײַ זיך פֿעסט געהאַט אָפּגעמאַכט צו נעמען נקמה אין אים דערפֿאַר. און נאָך דעם האָט ער שוין

ניט גערוט ביז עס האָבן זיך געפֿונען אַזעלכע, וואָס האָבן אויף זיך גענומען דורכצופֿירן דאָס, וואָס ער האָט פֿאַרטראַכט...

עס האָט טאַקע לאַנג געדויערט. אָבער עס איז סוף כּל סוף דאָך געקומען אַן אויסגעשטערנטע נאַכט, ווען הורדוס האָט אויפֿן פֿעלד געגעבן אַ סעודה פֿאַר די עלטסטע פֿון זײַנע חיילות. צו יענער סעודה האָט אויך מאַליכוס געדאַרפֿט קומען. הורדוס אַליין האָט אים אַהין פֿאַרבעטן. אָבער מע האָט לאַנג געוואַרט אויף אים און ער איז ניט געקומען. און דאַן האָט אַ שליח געבראַכט די נײַס, אַז מע האָט אים אויפֿן וועג אַהער געפֿונען אַ טויטן, און די לײַבוועכטער זײַנע זענען פֿאַרשוואונדן געוואָרן און מע ווייסט ניט וואו זיי זענען אַהינגעקומען.

פֿון די אויגן און אויך פֿון אַרום די ווינקלען פֿון מויל האָט זיך בײַ הורדוסן אַ באַהאַלטענער שמייכל געריסן. אָבער געזאָגט האָט ער גאָרניט. ערשט נאָך דעם ווי ער האָט אַ גרויסן בעכער ווײַן אויסגעטרונקען, האָט ער זיך אין זײַן פֿולער הויך אויסגעצויגן, אַ טרייסל געטאָן דעם קאָפּ מיט די קופּער־רויטע האָר און געזאָגט:

— זיס איז די נקמה...

עס איז אים געווען אָנגענעם, וואָס ער האָט אין אַזאַ שונא ווי מאַליכוס גענומען נקמה. און ער האָט זייער געוואָלט, אַז אַלע זאָלן איצט זײַן גוט אויפֿגעלייגט און מע זאָל אין דער שיין אויסגעשטערנטער נאַכט ווײַטער אָנגיין מיט דער סעודה. אָבער קיינער האָט שוין מער קיין ווײַן ניט געקענט טרינקען, קיינער האָט שוין מער קיין ביסן אין מויל אַרײַן ניט געקענט נעמען...

אַ שווער געמיט האָט אַלעמען געדריקט. און נאָך דעם ווי אַלע זענען אַוועק אין זייערע געצעלטן און הורדוס איז געבליבן אַליין, האָט דער צופֿרידענער שמייכל פֿון זײַן פּנים זיך נאָך אַלץ ניט אָפּגעטאָן. עס איז אים געווען גוט, דעם יונגן מענטשן, וואָס האָט זיך אַזוי הויך פֿאַרמאָסטן. זייער גוט. ער איז געווען זיכער, אַז מיטן טויט פֿון מאַליכוסן איז אַוועק פֿון דער וועלט איינער, וואָס איז אים די גאַנצע צײַט געשטאַנען אין וועג, און אַז אויך די אַנדערע, וואָס זענען אים אין וועג, וועלן האָבן אַזאַ סוף. ער וועט זיי אַלעמען בײַקומען. אַלעמען. קיינער קען זיך קעגן אים ניט שטעלן. קיינער ניט! און אויסצי׳ענדיק זיך אין דער פֿולער גבֿורה אויפֿן בעטל, וואָס איז געשטאַנען אין זײַן געצעלט, האָט ער זיך מיט אַ באַזונדערער הנאה צוגעהערט צו די טריט פֿון די באַוואָפֿנטע וועכטער, וואָס האָבן אין דער שטילקייט פֿון דער נאַכט געשפּאַנט הין און צוריק, און ער האָט געטראַכט וועגן מרימען...

די ליבע צו איר האָט אין אים דאַן שוין געברענט נאָך שטאַרקער ווי אַלע מאָל. איר געשטאַלט האָט אים פֿאַר די אויגן געשוועבט און ס׳האָט אים מיט אַלע גלידער צו איר געצויגן. ער האָט געפֿילט, אַז ווען זי וואָלט איצטער געווען לעבן אים, וואָלט ער פֿאַר איר אויף די קני געפֿאַלן און וואָלט צאַרט געקושט די פֿינגער פֿון אירע הענט, וואָלט שטיל אין אירע אויגן אַרײַנגעקוקט און וואָלט מער ניט געוואָלט, נאָר זי זאָל די האַנט אויף די האָר פֿון זײַן קאָפּ אַוועקלייגן און אים זאָגן, אַז זי האָט אים ליב...

אים און נאָר אים.

מער וואָלט ער פֿון איר גאָרניט פֿאַרלאַנגט...
און טרוימענדיק אַזוי פֿון איר, האָט ער פֿאַר זיך שטיל געזונגען דאָס געזאַנג פֿון געזאַנגען:

דו ביזסט אין גאַנצן שיין, באַשערטע מײַנע,
און קיין פֿעלער איז אין דיר ניטאָ.

זיסקייט טריפֿן דײַנע ליפּן, ליבסטע מײַנע,
האָניק און מילך זענען אונטער דײַן צונג.

אַ פֿאַרשלאָסענער גאָרטן ביסטו, מײַן שיינע;
אַ קוואַל אַ פֿאַרזיגלטער ביסטו פֿאַר מיר.

דײַנע צוויי בריסטן זענען ווי צוויי הירשן יונגע,
צווילינגען פֿון אַ גאַזעל, וואָס פּיטערט זיך צווישן ליליעס.

ווי אַ בלום צווישן דערנער
ביסטו, מײַן ליבסטע, צווישן די טעכטער...

אַזוי האָט הורדוס, אַ פֿאַרליבטער, פֿאַר זיך געזונגען אין דער שטיל, טרוימענדיק וועגן דער שיינער מרים, די טאָכטער פֿון די חשמונאים, און פֿון דרויסן האָט זיך געטראָגן דער טעמפּער הילך פֿון די טריט פֿון די באַוואָפֿנטע וועכטער, וואָס האָבן די גאַנצע צײַט געשפּאַנט הין און צוריק, הין און צוריק...
די שיין־אויסגעשטערנטע נאַכט איז אין פֿעלד געווען פֿול מיט סודות און ס'איז געווען שטיל אַרום און אַרום...

ד

אויך אַנטיגאָנוס האָט דאַן וועגן מרימען געטרוימט. און פּונקט ווי הורדוס, איז ער אויך געווען אַרומגערינגלט מיט באַוואָפֿנטע לײַט און ער האָט זיך געגרייט צו מלחמה. ער איז דאַן געגאַנגען אויף ירושלים אין איינעם מיט זײַן שוואָגער, דעם קיניג פֿון כאַלקיס. ער האָט מיט זיך אַ סך חיילות געפֿירט, און אין אַ נאַכט, ווען די שפּיצן פֿון די בערג האָבן זיך אין דער פֿינצטערניש פֿאַרלוירן, האָט ער זיך מיט זײַנע מחנות אָפּגעשטעלט און אין דעם געצעלט, וואָס מ'האָט פֿאַר אים אויפֿגעשלאָגן, איז ער לאַנג מיט אָפֿענע אויגן געלעגן און האָט געטראַכט וועגן איר — וועגן מרים דער חשמונאית...
ער איז געווען זיכער, אַז אין ירושלים קוקט מען איצטער שוין אַרויס אויף אים און אַז ווי מ'וועט נאָר דערהערן דאָס בלאָזן פֿון די שופֿרות און דאָס שאַלן

פֿון די טרומפּייטן, וועט מען פֿאַר אים די טויערן פֿון דער שטאָט עפֿענען, און עס וועלן זיך מיט דעם שטאַרק פֿרייען ניט נאָר די צדוקים, נאָר אויך די פּרושים, ווײַל זיי האָבן דאָך שוין אַלע געזען דעם אַלטן הורקנוס אין זײַן שוואַכקייט און די זין פֿון אַנטיפּאַטרוס אין זייער אונטערטעניקייט פֿאַר דער מאַכט פֿון רוים.

ווי אַלע מאָל, האָט אַנטיגאָנוס דאַן שוין אויך געפֿלאַמט און געברענט פֿון אומגעדולד. ער האָט זײַנע מחנות אויפֿן וועג קיין מאָל ניט געלאָזט זיך אויסרוען די גאַנצע נאַכט; נאָך איידער דער מאָרגנשטערן האָט זיך געוויזן אין מזרח, האָט ער זיי שוין געטריבן ווײַטער, און ער אַליין איז פֿאָרויס רײַטנדיק אויף אַ פֿערד געפֿאָרן, און זיך אַלץ געיאָגט, אַלץ געלאָפֿן, און ער האָט אַלע מחנות געהאַלטן אויפֿן אויג, און טאָמער איז אַ מחנה אַ ביסל אָפּגעשטאַנען, האָט ער געשריגן און זיך געבייזערט; עס איז אויסגעקומען ווי ער וואָלט די גאַנצע ווײַטקייט פֿונעם וועג געוואָלט אָפּמעקן און אײַנשלינגען; ער האָט ניט געוואָלט הערן, ווען מע האָט אים געזאָגט, אַז ס׳איז ניט גוט, וואָס ער מאַטערט צו פֿיל אויס די מחנות, ווײַל אַלע וועלן זײַן שרעקלעך מיד, ווען מ׳וועט דאַרפֿן מאַכן דעם אָנפֿאַל אויף דער שטאָט; ער האָט גאָרניט געגלויבט, צי ס׳וועט איצט זײַן נייטיק צו מאַכן אַן אָנפֿאַל; ער איז געלאָפֿן קיין ירושלים, פּונקט ווי מ׳וואָלט אים אַהין אויף אַ סעודה פֿאַרבעטן. און ס׳איז שוין בײַ אים געווען אָפּגעמאַכט, אַז אַזוי שנעל ווי ער וועט נאָר אַרײַן אַהין מיט נצחון, וועט ער באַלד, טאַקע אין דעם זעלבן טאָג, נעמען מרימען פֿאַר אַ ווײַב, און עס איז בײַ אים גאָר אַפֿילו קיין ספֿק ניט געווען, אַז דאָס גאַנצע פֿאָלק וועט דאָס אויפֿנעמען מיט גרויס פֿרייד, און ווען ער וועט זיך דאָס ערשטע מאָל באַווײַזן בײַם הויף מיט מרימען בײַ זײַן זײַט, ער — דער קיניג, און זי — די קיניגין, וועט מען אין ירושלים טאַנצן אין אַלע גאַסן און מ׳וועט שרײַען:

— לעבן זאָל אַנטיגאָנוס, דער קיניג פֿון יהודה!..

אַזוי האָט ער זיך פֿאָרגעשטעלט. ער איז אין געדאַנק שוין געווען דער קיניג פֿון יהודה און ער האָט פֿאַר הורדוסן שוין געהאַט פֿאַרטיק די שווערע שטראָף.

אָבער הורדוס האָט ניט געוואַרט ביז אַנטיגאָנוס וועט מיט זײַנע מחנות צוקומען צו די טויערן פֿון דער שטאָט. ער איז אים געגאַנגען אַקעגן מיט זײַנע שטאַרקע חיילות, און בײַ דער גרענעץ צווישן יהודה און גליל איז ער אויף אים אָנגעפֿאַלן בײַ נאַכט און אים אַרומגערינגלט פֿון אַלע זײַטן.

צווישן אַנטיגאָנוסעס מחנות איז גלײַך געוואָרן אַ מהומה, ווײַל קיינער האָט זיך דאָרט אויף קיין אָנפֿאַל ניט גערעכנט. אַ סך זענען געפֿאַלן אין שלאַכט און אַנדערע זענען זיך צעלאָפֿן וואוהין די אויגן האָבן זיי נאָר געטראָגן. עטלעכע טעג האָט דאַן די שלאַכט געדויערט און די גאַנצע צײַט איז הורדוסעס שטאַרקע האַנט געווען פֿון אויבן און ער האָט אַנטיגאָנוסן און זײַנע מחנות געטריבן צוריק אַלץ ווײַטער און ווײַטער פֿון די גרענעצן פֿון יהודה.

אַנטיגאָנוס אַליין איז דעמאָלט שיִער ניט אַרײַנגעפֿאַלן אין געפֿאַנגענשאַפֿט. ער איז קוים מיטן לעבן אַנטלאָפֿן. פֿון די חיילות, וואָס ער האָט געפֿירט אויף ירושלים, זענען עטלעכע טויזנט געפֿאַלן אין שלאַכט. אויך די צאָל פֿון די פֿאַרוואונדעטע איז געווען גרויס, און הורדוס האָט זיך אומגעקערט צוריק קיין ירושלים

מיט אַ קרוין פֿון גרויסן נצחון אויף זײַן קאָפּ. ער איז אַרײַנגעפֿאָרן אין שטאָט אַרײַן ווי אַ זיגער, רײַטנדיק אויף זײַן פֿערד, און אין הויף האָט מען פֿאַר אים געמאַכט אַ וואַרע, ווען ער איז אַרײַנגעקומען אַהין, און ווען אַלכּסנדרה איז צו אים צוגעגאַנגען, האַלטנדיק מרימען אַרומגענומען מיט איין האַנט, האָט זי אים שוין ווי אַן אייגענעם אַרומגענומען מיט דער אַנדערער האַנט, און ווען ער האָט זיך טיף פֿאַרנייגט, האָט זי אים שוין אַ קוש געטאָן אין שטערן און געזאָגט צו אים אַזוי, אַז אַלע זאָלן הערן:

— זון מײַנער, אונטער דײַן שוץ דאַרף קיינער פֿאַר קיין שׂונא זיך ניט שרעקן...

הורדוסן איז געווען זייער אָנגענעם דאָס צו הערן און ער האָט פֿאַר פֿרייד אַ כאַפּ געטאָן מרימען אין זײַנע אָרעמס און ער האָט זי געהאַלדזט און געקושט...

און מרים האָט זיך ניט געווערט...

זי איז זיך ווי פֿאַרגאַנגען אין נחת פֿון דעם, וואָס ער קושט זי מיט אַזאַ פֿײַער. זײַן נאָענטקייט האָט איר אַ סך פֿאַרגעניגן פֿאַרשאַפֿט. אָבער אין דער זעלבער צײַט האָט דאָך אַ שווער געפֿיל געדריקט איר געמיט, און פּונקט ווי זי וואָלט זיך איצטער געדאַרפֿט שעמען פֿאַר אַלעמען און אויך פֿאַר זיך אַליין, האָט זי די אויגן געהאַלטן פֿאַרמאַכט...

עס איז געווען אַ רחמנות אויף איר, אויף דער שיינער טאָכטער פֿון די חשמונאים. זי האָט די גאַנצע צײַט מיט זיך אַליין אַ שווערע מלחמה געפֿירט; זי האָט הורדוסן ניט געוואָלט ליב האָבן, אָבער זי האָט אים דאָך ליב געהאַט... קעגן איר אייגענעם ווילן האָט זי פֿאַר אים אָפֿט גאָר מורא געהאַט אויך... אַלע מאָל ווען ער איז געווען ווײַט פֿון איר, האָט זי נאָך אים שטאַרק געבענקט, אָבער ווען ער איז געקומען, האָט זי זיך פֿאַר אים געשראָקן... אַפֿילו ווען ער איז צו איר געווען זייער צערטלעך און איידל, איז געווען געננג, אַז זי זאָל געבן אַ קוק אין די צוויי גרויסע בלויע אויגן זײַנע, און עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז ער, אָט דער הויכער, פֿעסטגעבויטער מאַן מיט דעם קופּער־רויטן קאָפּ האָר, האָט אין זיך דעם כּוח פֿון אַ שטורעמווינט, וואָס רײַסט אַרויס ביימער מיט די וואָרצלען און מאַכט וויסט אַלץ אַרום זיך...

זײַן שטאַרקייט האָט זי געררייצט און אויך געשראָקן. זי האָט געפֿילט, אַז אַפֿילו ווען זי וואָלט אים פֿײַנט געהאַט, וואָלט זי זיך שוין אויך ניט געקענט שטעלן קעגן זײַן ווילן, אַז זי זאָל ווערן זײַן ווײַב...

ח

קיין איבעריק גרויסע ליבע צו דער משפּחה פֿון די חשמונאים האָט הורדוס גראָד ניט געפֿילט. ער האָט די משפּחה גאָר פֿײַנט געהאַט; ער האָט גע־קוקט מיט פֿאַראַכטונג אויף דעם אַלטן הורקנוס, וועלכער האָט ניט קיין אייגענעם ווילן, און אויך צו דעם פֿאַרטריבענעם אַנטיגאָנוסן האָט ער געהאַט די זעלבע

באַציאונג און ער איז געווען זיכער, אַז פּונקט ווי הורקונוס איז ער, דער אַנטי־גאָנוס, אויך ניט ראָוי צו זײַן אַ קיניג בײַ ייִדן און פירן אַ מלוכה...

און אַ טיפער פאַרדרוס האָט געדריקט זײַן געמיט, וואָס איבער אַזעלכע צוויי מענטשן, וואָס זענען אין זײַנע אויגן אַזעלכע נישטיקע, רײַסט זיך אַרום אַ גאַנץ פאָלק און מענטשן זענען גרייט די לעבנס זייערע אַוועקצוגעבן; און אַלץ דערפאַר וואָס זיי, די דאָזיקע צוויי נישטיקע מענטשן, זענען פון דער חשמונאים־משפחה...

און מע טראַכט גאָרניט וועגן דעם, וואָס קיינער פון די צוויי איז אין דער אמתן ניט ראָוי צו רעגירן אין אַ לאַנד און הערשן איבער אַ פאָלק...

דאָס האָט ער בשום אופן ניט געקענט פאַרשטיין. ער האָט געהאַלטן, אַז רעגירן דאַרף נאָר דער וואָס קען. און ער איז געווען זיכער, אַז ער קען דאָס, און דערפאַר האָט אין אים אַזוי געברענט דער כּעס, ווען ער האָט געטראַכט וועגן דעם, וואָס דאָס פאָלק איז אַזוי שטאַרק קעגן אים...

רעדן אָפן וועגן דעם האָט ער ניט געקענט. אויף קיינעם פון די מענטשן בײַם אַלטן הורקונוס אין הויף האָט ער ניט געקענט קוקן ווי אויף אַ גלײַכן, און דערפאַר האָט ער מיט זיי גאָרניט געוואָלט רעדן אָפנהאַרציק. מיט זײַן שאַרפן בליק האָט ער באַלד געכאַפּט, אַז די מערסטע מענטשן אין הויף זענען קליינינקע, נישטיקע; אַז זיי האָבן מורא פאַרן אייגענעם שאָטן און זענען גרייט זיך צו בייגן פאַר איטלעכן, וואָס האָט נאָר מאַכט. ער האָט אין קיין איינעם פון זיי ניט געזען קיין שטאָלצן מענטשן מיט אַ פעסטער מיינונג וועגן עפּעס, און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַלע אין הויף וואַרטן שטענדיק אויף אַ מהומה, וואָס קען אָנקומען פון ערגעץ און איבערקערן אַלץ אַזוי, אַז עס זאָל שוין ניט זײַן דאָס, וואָס ס'איז געווען ביז איצט...

בלויז אין מרימס מוטער האָט ער געזען אַ מענטשן מיט אַ פעסטן ווילן און אַ סך מוט, און דערפאַר האָט ער זיך צו איר באַצויגן מיט אַכטונג. און איין מאָל, ווען ער האָט מיט איר גערעדט וועגן דעם ווי שטאַרק ער האָט ליב מרימען, האָט ער זי געפרעגט:

— גלויבט די מוטער, אַז ווען מרים וועט שוין זײַן מײַן ווײַב וועט דאָס פאָלק מיך שוין מער ניט האַסן און שוין מער אויף מיר ניט קוקן ווי אויף אַ פרעמדן?..

— געוויס — האָט אַלכּסנדרה אים דערויף געענטפערט — עס וועט זיכער זײַן אַזוי. דו וועסט טיילן די ליבע, וואָס דאָס גאַנצע פאָלק פילט צו מײַן שיינער טאָכטער מרים...

פאַר אים איז די ליבע פון פאָלק געווען וויכטיק נאָר אויף אַזוי פיל אויף וויפל ער וועט זיך דערמיט קענען באַנוצן צוצוקומען צום טראָן. און ער האָט ווירקלעך געגלויבט, אַז ווען ער וועט מיט דער הילף פון רוים באַפעסטיקן זײַן מאַכט אין ירושלים און ער וועט ווערן דער קיניג פון יהודה, וועט דאָס זײַן גוט פאַרן פאָלק און פאַרן לאַנד. ער האָט געטראַכט, אַז דאַן וועט ער אין יהודה אָפּשאַפן אַ סך פון די אײַנפירונגען, אויף וועלכע עס ליגט דער שימל פון אַלטקייט און אָפּגעשטאַנענקייט און ער וועט אַרײַנברענגען דאָס שענערע פון דעם, וואָס מע קען געפינען בײַ די רוימער און בײַ די גריכן. און דאַן וועלן ייִדן זײַן אַ

פֿאָלק צווישן פֿעלקער און זיי וועלן זיך פֿירן אַזוי ווי עס פּאַסט פֿאַר מענטשן פֿון דער היַינטיקער צײַט...

ער האָט אין דער הערשאַפֿט פֿון רוים געזען ניט בלויז די ברוטאַליטעט און דעם פֿאַרלאַנג אויסצושפּרייטן די גרענעצן אַלץ ווײַטער און ווײַטער, נאָר אויך דעם ברייטן פֿאַרנעם, הערלעכקייט און דעם גײַסט פֿון דער נײַער צײַט. די יאָרן, וואָס ער האָט געלעבט אין רוים, האָבן אויף אים אַ טיפֿן אײַנדרוק איבערגעלאָזט; ער האָט דאָרט אײַנגעזאַפּט אין זיך דעם גײַסט פֿון דער נײַער צײַט; ער האָט זיך דאָרט געחבֿרט מיט אייניקע פֿון די גאָר אַנגעזעענע דענקער און רעדנער; ער איז געווען באַקאַנט מיט זייערע שריפֿטן; ער איז געשטאַנען אונטער זייער אײַנפֿלוס און ער האָט מיטן גאַנצן האַרצן געגלויבט, אַז ייִדן קענען בלײַבן אַ פֿאָלק אין זייער אייגן לאַנד נאָר דאַן, ווען זיי וועלן זיך צופּאַסן צו דעם נײַעם גײַסט פֿון די רוימער און די גריכן, און אויב זיי וועלן ווײַטער לעבן אָפּגעזונדערט פֿון אַלעמען, וועט מען זיי סוף כּל סוף דערשטיקן און זיי וועלן פֿאַרלירן זייער לאַנד.

ער איז געווען איבערצײַגט אין דעם, אַז קיין אַנדער וועג ווי זיך צופּאַסן צום גאַנג פֿון דער נײַער צײַט, וואָס האַלט אין קומען, איז ניטאָ פֿאַר קיין פֿאָלק אין דער וועלט, און אַוודאי ניט פֿאַר ייִדן. און ווען נאָר ער האָט זיך פֿאַרטראַכט וועגן דעם, וואָס ער וועט דאַרפֿן טאָן, ווען ער וועט שוין באַפֿעסטיקן זײַן מאַכט אין יהודה, איז אים גלײַך געקומען אויפֿן זינען דער געדאַנק, אַז ער וועט דאַן פֿריִער פֿון אַלץ דאַרפֿן געפֿינען אַ וועג ווי צו שאַפֿן אַ נאָענטקייט צווישן רוים און ירושלים.

עס איז פֿאַר אים אַליין נאָך ניט געווען אין גאַנצן קלאָר, ווי אַזוי ער וועט דאָס טאָן, אָבער אין געדאַנק האָט ער זיך שוין געהאַט פֿאַרלייגט דערויף, אַז ער זאָל דאָס דורכפֿירן. ער האָט אויף רוים געקוקט ווי אויף אַ גרויסן כּוח, פֿאַר וועלכן אַלע דאַרפֿן זיך איצט בייגן. ער האָט אין דער מאַכט פֿון רוים געזען דעם אָנהייב פֿון אַ נײַער וועלט, וואָס האָט אים שטאַרק גערייצט...

אַכטער קאַפּיטל

אויג אויף אויג מיט אַ פֿרעמדער וועלט

א

עס זענען נאָך קיין גאַנצע צוויי יאָר ניט געהאַט אַוועק זינט מע האָט אין רוים, אויף די טרעפּ פֿונעם סענאַט, דערשטאָכן אויף טויט דעם צעזאַר; און פֿון די סענאַטאָרן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער פֿאַרשווערונג, איז שוין אַפֿילו קיין איינער ניט געבליבן; זיי זענען אַלע איינציקווײַז געפֿאַלן טויט אין די רײַסערײַען, וואָס זענען פֿאָרגעקומען צווישן זיי. אויך קאַסיוס און ברוטוס, די צוויי וואָס האָבן דאַן געהאַט דעם גרעסטן חלק אין דער פֿאַרשווערונג קעגן צעזאַר, זענען שוין געווען טויט. זיי האָבן זיך ביידע אַליין גענומען דאָס לעבן, און מע האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ שטראָף פֿון די געטער פֿאַרן צעזאַרס בלוט. רוים האָט זיך נאָכן טויט פֿון יוליוס צעזאַר לאַנג ניט געקענט אײַנשטילן. רוים האָט רוען ניט געקענט. געשעענישן, וואָס האָבן אַלע מאָל די גאַנצע מלוכה שטאַרק צערודערט, האָבן זיך מיט אימפּעט איינע נאָך דער אַנדערער געיאָגט. און דאַן האָט מיט אַ מאָל ווידער אויסגעבראָכן אַ שטורעם און ווידער האָבן שוין רוימישע לעגיאָנען איינע מיט די אַנדערע זיך אויף די שלאַכטפֿעלדער געשלאָגן, ווידער האָט דאָס בלוט פֿון אייגענע און פֿרעמדע זיך טײַכנווײַז געגאָסן. און ווען עס איז דערפֿון אַרויסגעקומען אַ נײַע הערשאַפֿט פֿון דרײַ יונגע קריגספֿירער, וואָס האָבן צווישן זיך די מלוכה אײַנגעטיילט, האָט איינער פֿון די דרײַ, מאַרק אַנטאָני, איבערגענומען די הערשאַפֿט אויף די מזרח־לענדער, וואָס זענען געשטאַנען אונטערן שוץ פֿון רוים.

ניט אויף איינעם פֿון די, וואָס האָבן זיך אין יענע לענדער צוגעשלאָגן צו מאַכט מיטן גנאָד פֿון רוים און דורך דעם געקענט הערשן איבערן אייגענעם פֿאָלק, איז אַ פּחד אַרויפֿגעפֿאַלן, ווען זיי האָבן דערהערט וועגן דער נײַער איבערקערעניש דאָרט. און מער ווי אַלע אַנדערע האָבן זיך פֿאַר דעם דערשראָקן אַנטי־פּאַטרוסעס צוויי זין אין יהודה, הורדוס און פֿאַזאָעל.

און זיי האָבן געהאַט אַ גרונד זיך דערפֿאַר צו שרעקן, ווײַל פֿריִער זענען זיי מיט זייערע חיילות געשטאַנען אויף דער זײַט פֿון קאַסיוס און ברוטוס. און זיי האָבן זיך געקענט ריכטן דערויף, אַז מאַרק אַנטאָני וועט זיי דערפֿאַר אַוודאי באַשטראָפֿן. אָבער מיט דער זיכערקייט, אַז ער וועט קענען געפֿינען חן אין די אויגן פֿון דעם נײַעם רוימישן הערשער, האָט הורדוס גענומען אויף זיך צו קומען צו אים ווי צו אַ גוטן פֿרײַנד נאָך פֿון די פֿריִערדיקע צײַטן, און ווען ער האָט דער־

הערט, אַז ער איז איצט שוין אין עפֿעסוס און ער נעמט דאָרט אויף שליחים פֿון די אַלע מזרח־פֿעלקער, וואָס שטייען אונטער זײַן שוץ, איז ער גלײַך אַהין אַוועק.

ער האָט שוין אַפֿילו געהאַט צוגעגרייט וואָס צו זאָגן, ווען ער וועט זיך פֿאַר מאַרק אַנטאָני דאַרפֿן פֿאַרענטפֿערן, פֿאַר וואָס ער האָט געהאָלפֿן זײַנע שונאים קאַסיוס און ברוטוס. אָבער מאַרק אַנטאָני האָט דאָס גאָר אין גאַנצן ניט דערמאָנט, ווען הורדוס איז צו אים קיין עפֿעסוס געקומען, ווי זײַנער אַן אַלטער פֿרײַנד. ער האָט דאָס ניט געדאַרפֿט דערמאָנען, ווײַל ער אַליין האָט גוט געוואוסט, אַז דינען דינט מען אַלע מאָל דעם וואָס האָט די מאַכט...

ער האָט אויך געוואוסט, אַז ס'איז בעסער פֿאַר רוים אויפֿצוהאַלטן אַ שטענדיקע צערודערטקייט אין יהודה; די צדוקים און די פּרושים זאָלן זיך שטענדיק אַרומרײַסן צווישן זיך; עס זאָל זיך דאָרט אַלע מאָל טומלען, און די רוימישע מאַכט זאָל זיך דאַרפֿן אַרײַנמישן און עס זאָל הייסן, אַז זי טוט דאָס צוליב דעם שלום אין לאַנד און אין די אַנדערע לענדער אַרום; ער האָט גוט פֿאַרשטאַנען, אַז אַזוינס קען זײַן מעגלעך ניט דאַן, ווען אויפֿן טראָן פֿון יהודה וועט זיצן אַנטיגאָנוס דער חשמונאי, אַ שונא פֿון רוים, נאָר הורדוס דער אדומי, אַ פֿרײַנד פֿון רוים. דערפֿאַר טאַקע האָט ער זיך אַזוי דערפֿרייט מיט הורדוסן, ווען ער האָט אים אין עפֿעסוס דערזען. און נאָך מער דערפֿרייט האָט ער זיך, ווען הורדוס האָט פֿאַר אים געעפֿנט אַ קליין קעסטעלע, וואָס איז געווען באַשלאָגן מיט סאַמעט פֿון אינעווייניק און פֿון דרויסן און עס האָט זיך פֿון דאָרט אַ בלענד געטאָן אין די אויגן אַ שײַן פֿון טײַערע אײדלשטיינער...

— דאָס איז אַ מתנה — האָט הורדוס זיך טיף פֿאַרנייגט און זיך באַלד צוריק געגעבן אַ גלײַך אויס אין זײַן פֿולער הויך — אַ מתנה פֿון מיר צו מײַן אַלטן פֿרײַנד מאַרקוס אַנטאָניוס.

— איך שעץ דאָס הויך — האָט דער רוימער צופֿרידן געשמייכלט.

נאָך דעם האָבן זיי זיך שוין צערעדט וועגן די צײַטן, ווען יוליוס צעזאַר האָט נאָך געלעבט. הורדוס האָט דערמאָנט ווי נאָך דאַן האָט זײַן פֿאָטער אַנטיפּאַטרוס אַ מאָל געזאָגט, אַז ער, מאַרק אַנטאָני, איז פֿאַר גרויסע זאַכן באַשאַפֿן געוואָרן און אַז עס שטייט אים אַוודאי פֿאַר צו זײַן דער צעזאַר אין רוים. און רעדנדיק אַזוי, איז ער איבערגעגאַנגען צו דער לאַגע אין יהודה און דאַן האָט ער שוין דעם פֿאַרטריבענעם אַנטיגאָנוס אויך דערמאָנט און ער האָט וועגן אים מיט גרויס פֿאַרביטערונג גערעדט:

— פֿון דעם לאַנד, וואו ער איז פֿאַרטריבן — האָט ער געזאָגט — וואַרפֿט ער פֿונקען, וואָס צינדן אַ פֿײַער אין יהודה, ווײַל עס הייסט אַלץ, אַז ער פֿירט אַ מלחמה, אַז דאָס פֿאָלק זאָל פֿון זיך אַרונטערוואַרפֿן דעם פֿרעמדן יאָך, און אין יהודה געפֿינען זיך גענוג אַזעלכע, וואָס קוקן אַרויס דערויף, אַז ער זאָל אַרײַן קיין ירושלים און ווערן דער קיניג. און איך זאָג, אַז ווען דאָס וואָלט געשען, וואָלט דאָס פֿאָלק אויפֿגעשטאַנען קעגן רוים, און דאָס, גלויב איך, וואָלט געווען אַן אומגליק פֿאַר אונדז... פֿאַר אונדזער לאַנד, פֿאַר אונדזער פֿאָלק...

ער האָט אַנטאָנין אויך געזאָגט, אַז ס'איז זײַן טיפֿסטע איבערצײַגונג, אַז רוים דריקט אויס דעם גײַסט פֿון דער נײַער צײַט און אַז ער קוקט אויף דעם

אַרײַנדרינגען פֿון דער רוימישער מאַכט אין די אָפּגעשטאַנענע מזרח־לענדער ווי אויף אַ ליכט, וואָס פֿאַרטרײַבט די פֿינצטערניש...

— פֿאַר מיר איז דאָס קלאָר — האָט ער געזאָגט — איך באַנעם דאָס און נאָר די, וואָס האָבן ניט קיין אויגן צו זען, קיין אויערן צו הערן און קיין שׂכל צו פֿאַר־שטיין, קענען דאָס ניט באַנעמען...

און מאַרק אַנטאָני האָט זיך צו הורדוסן גוט צוגעהערט. ער האָט אין אים גלײַך דערזען דעם מענטשן, וואָס ער דאַרף איצט נייטיק האָבן — אַ מענטש, וואָס איז גרייט צו דינען, אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן ווילן, מיט אַ פֿעסטן גלויבן אין זיך. און ער האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט שטענדיק זײַן אויף זײַן זײַט און וועט אים שטיצן אין אַלץ, וואָס ער וועט נאָר פֿאַרלאַנגען. און הורדוס איז אַוועק פֿון אים אַ צופֿרידענער.

און ווען מע האָט אין דער שטאָט ירושלים דערהערט, אַז הורדוס האָט שוין געפֿונען חן אין די אויגן פֿון דעם נײַעם רוימישן הערשער אויך און אַז ער האָט אים שוין געוואונען אויף זײַן זײַט, איז דאָרט גלײַך געוואָרן אַ רעש און אַ טומל. די גאַנצע שטאָט האָט געקאָכט דערמיט און אַלע האָבן געזאָגט, אַז מע מוז שוין עפּעס טאָן וועגן דעם.

— איצט איז די צײַט!

— מ׳דאַרף דעם הערשער פֿון רוים עפֿענען די אויגן!

— זאָל רוים וויסן, אַז מיר ווילן ניט טראָגן דעם יאָך פֿון הורדוס דעם אדומי!

— פֿאַרטרײַבן אים וואָס ווײַטער פֿון דאַנען, דעם זון פֿון אַנטיפּאַטרוס!

אַזוי האָבן מענטשן אויף די גאַסן פֿון דער שטאָט ירושלים געשריגן און געטומלט, און דאַן זענען הונדערט פֿון די חשובֿסטע לײַט אין יהודה אַוועק אין שליחות צו דעם נײַעם הערשער פֿון רוים, און אין שטאָט האָט מען זיי מיט ברכות באַגלייט און מ׳האָט געזאָגט, אַז זיי זענען די אמתע שליחים פֿונעם פֿאָלק.

דער אַלטער הורקנוס האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, ווען ער האָט דאָס דער־הערט. די נעמען פֿון די הונדערט חשובֿע לײַט אין יהודה זענען אים געווען גוט באַקאַנט, און ער האָט געוואוסט, אַז קיין גוטס אויף אים וועלן זיי ניט זאָגן. איז ער אין גרויס אײַלעניש אַוועק קיין עפֿעסוס זיך צו טרעפֿן דאָרט מיט מאַרק אַנטאָנין און געפֿינען לײַטזעליקייט אין זײַנע אויגן, אָבער אויפֿן וועג האָט ער זיך דערוואוסט, אַז דער רוימישער הערשער איז שוין אין אַנטיאָכיע און ער איז אַוועק אַהין.

אויך די הונדערט חשובֿע לײַט פֿון יהודה זענען אַהין אַוועק. און אַלע האָבן זיך געיאָגט, אַלע האָבן זיך געאײַלט. אַלע האָבן געפֿילט, אַז זיי האָבן אַצינדער אַ גרויס אחריות אויף זיך. דער גורל פֿון יהודה איז פֿאַר זיי געהאַנגען אויף אַ וואָגשאָל...

ב

און ווען די הונדערט חשובֿע לײַט פֿון יהודה זענען צו אַנטאָנין קיין אַנטיאָכיע אָנגעקומען, האָבן זיי שוין דאָרט געפֿונען דעם קיניג הורקונוס און הורדוסן. ביידע זענען לעבן דעם נײַעם הערשער פֿון רוים געזעסן. אויף הורדוסעס פּנים האָט זיך אין די ווינקלען פֿונעם מויל אַ לײַכטער שמייכל באַהאַלטן, און בײַם אַלטן הורקונוס האָבן די צעשראָקענע אויגן געבלאָנדזשעט אַהער און אַהין, ווי ער וואָלט מורא געהאַט אויף איין אָרט די בליקן אָפּצושטעלן...

עס איז געווען שטיל, ווען די הונדערט שליחים פֿון יהודה האָבן אָנגעהויבן אַרײַנקומען. צו צוויי אין אַ ריי זענען זיי געגאַנגען, און מיט לאַנגזאַמע שטילע טריט, און פֿון זייערע פּנימער האָט די ליכט פֿון הייליקייט אַרונטערגעשײַנט, און פֿון זייערע אויגן האָט אַ טיפֿער ערנצט אַרויסגעקוקט. פֿאָרויס זענען געגאַנגען די עלטערע, די זקנים מיט די לאַנגע, גרויע בערד און גרויסע געקנייטשטע שטערנס. און יעדער טראָט זייערער איז געווען בנעימותדיק און מיט אַ סך חשיבֿות. נאָך זיי זענען געקומען די יינגערע, מיט שוואַרצע בערד און גלאַטע שטערנס. בײַ זיי האָט זיך, גייענדיק, אַ מאָל אַרויסגעכאַפּט אַ פֿעסטערער טראָט, אָבער פּונקט ווי די אַלטע, האָבן זיי אָנגעהאַלטן די חשיבֿות פֿון דעם גאַנג. און ווען אַלע זענען שוין אַרײַנגעקומען, האָבן זיי זיך אין עטלעכע גלײַכע רייען אויסגעשטעלט און זענען געבליבן שטיין שטיל.

אַפֿילו אויף מאַרק אַנטאָנין האָט דאָס אַרײַנקומען פֿון די הונדערט חשובֿע לײַט פֿון יהודה געמאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק. ער האָט אויף זיי די בליקן פֿון זײַנע שאַרפֿע אויגן אָנגעשטעלט און זיי לאַנג באַטראַכט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט זיך צו צו זייער שווײַגן, און אַז דאָס מאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק אויף אים. ער האָט לאַנג געקוקט אויף זיי און געשוויגן. און נאָך דעם האָט ער געגעבן אַ זאָג:

— איך בין גרייט צו הערן, וואָס איר האָט צו זאָגן!

דאָן האָט איינער פֿון די חשובֿע לײַט, אַ זקן מיט אַ לאַנגער גרויער באָרד און אַ הויכן געקנייטשטן שטערן, געמאַכט איין שריט פֿאָרויס. און אויפֿהייבנדיק איין האַנט אין דער הויך, האָט ער געזאָגט:

— עס איז באַקאַנט אין רוים און אומעטום, אַז בײַ יידן איז אַ שבֿועה הייליק און אַז מיר האַלטן וואָרט, ווען מיר שליסן אַ בונד מיט אַן אַנדער פֿאָלק. עס איז אויך באַקאַנט אין רוים און אומעטום, אַז מיר יידן ווייסן ווי צו באַצאָלן פֿאַר גוטס. באַצאָלן מיט שלעכטס פֿאַר גוטס — דאָס איז ניט אין אונדזער טבֿע. דאָס גוטע, וואָס רוים האָט אונדז געטאָן, האָבן מיר הויך געשעצט. און ווען דער גנעדיקער צעזאַר איז געפֿאַלן טויט, האָבן מיר אים באַקלאָגט און באַוויינט אין אַלע גרענעצן פֿון יהודה. דו, מאַרקוס אַנטאָניוס, ביסט געווען אַ פֿרײַנד פֿונעם גנעדיקן צעזאַר, און דו ווייסט דאָס.

— יאָ, איך ווייס דאָס — האָט מאַרק אַנטאָני צוגעגעבן.

און דער אַלטער האָט ווײַטער גערעדט:

— מיט אַלץ, וואָס מיר האָבן געטאָן, האָבן מיר פֿאַרדינט, אַז אין די אויגן פֿון רוים זאָלן מיר זײַן ווי אַ פֿאָלק צווישן פֿעלקער און ניט ווי אונטערדריקטע קנעכט. מיר ווייסן, אַז ס'איז גאָטס ווילן, אַז רוים זאָל פֿאַרשפּרייטן איר הערשאַפֿט ווײַט און ברייט. אָבער ס'איז אונדז אַ שאַנד, אַ בזיון אַ גרויסער און אַ ווייטיק נאָך אַ גרעסערער, וואָס רוים האָט אויף אונדזערע פּלייצעס אַרויפֿגעזעצט די זין פֿון אַ משפּחה, וואָס איז ניט באַליבט בײַם פֿאָלק. זייער ניט באַליבט...

זאָגנדיק דאָס, האָט דער אַלטער אָנגעוויזן מיטן פֿינגער אויף הורדוסן, און ער האָט ווײַטער גערעדט:

— ער — האָט ער געזאָגט — הורדוס, דער זון פֿון אַנטיפּאַטרוס, און אויך זײַן ברודער פֿאַזאַעל, באַנעמען ניט דעם גײַסט פֿון אונדזער תּורה און זיי פֿאַר־שטייען ניט די נשמה פֿון אונדזער פֿאָלק. זיי זענען צו אונדז פֿון דער פֿרעמד געקומען, און פֿרעמדע זענען זיי אונדז געבליבן ביזן הײַנטיקן טאָג, און זיי לייגן זיך שווער אויף אונדזער גײַסט און אויף אונדזערע פּלייצעס. אַלץ וואָס זיי טוען איז אונדז דערווידער. און ניט אומזיסט טראָגט זיך אומעטום בײַ אונדז אין לאַנד אַ יאָמער און אַ קלאָג און ס'זענען פֿאַרשטערט אונדזערע שבתים און יום־טובֿים; דאָס וויינען די זין און טעכטער פֿון יהודה אויף דעם גרויסן בראָך, וואָס האָט אונדז געטראָפֿן. פֿרעמדע געוועלטיקן איבער אונדז; פֿרעמדע, וואָס זענען ניט באַקאַנט מיט דעם, וואָס מיר האָבן געירשנט פֿון אונדזערע אָבֿות, און זיי טרעטן מיט די פֿיס אונדזערע דינים און מנהגים און מאַכן אונדז צו שאַנד און צו שפּאָט...

די גאַנצע צײַט, וואָס דער אַלטער האָט גערעדט, האָט ער זײַן שטים ניט אויפֿגעהויבן צו הויך. אָבער אין זײַן האַלטונג, וואָס האָט אין זיך געהאַט אַ סך חשיבֿות און אויך אינעם טאָן פֿון זײַן רעדן, האָט זיך געפֿילט אַ טיפֿער ווייטיק. מע האָט געקענט זען, אַז דער מענטש לעבט איצטער איבער זייער אַ סך און אַז ניט אַלץ, וואָס ער פֿילט, קען ער אין ווערטער איבערגעבן. מ'האָט אויך געקענט זען, אַז דאָס, וואָס ער ברענגט אַרויס פֿון די ליפּן, שטימט מיט דעם, וואָס די אַנדערע חשובֿע לײַט פֿילן און טראַכטן. זיי האָבן אַלע געוואַרט דערויף, וואָס דער מעכטיקער רוימער וועט דערויף ענטפֿערן. און ווען מאַרק אַנטאָני האָט דערמאָנט די שליחים, אַז דער מלך און כּהן־גדול פֿון יהודה איז דאָך איינער, וואָס איז אַ זון פֿון דער חשמונאים־משפּחה, האָט דער אַלטער מיט דער גרויער באָרד אָנגעבויגן דעם קאָפּ און האָט שטיל געזאָגט:

— און מיר שעמען זיך מיט אים...

בײַ דעם אַלטן הורקונוס האָבן זיך די פֿאַרבן אין פּנים גענומען בײַטן, און ער האָט זיך נאָך מער אײַנגעשרומפּן אין דעם גרויסן שטול אויף וועלכן ער איז געזעסן. ער האָט דעם גרויען קאָפּ אָנגעבויגן און די לאַנגע, ברייטע באָרד האָט זיך בײַ אים אויף דער ברוסט צעשפּרייט. און ווען ער האָט דערהערט ווי די אַנדערע שליחים, וואָס שטייען לעבן דעם זקן, רופֿן אויס אויפֿן קול אַלע אין איינעם, אַז דאָס גאַנצע פֿאָלק שעמט זיך מיט אים, האָט ער זיך מיטן גאַנצן קערפּער געגעבן אַ וואָרף, אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ אַהער און אַהין, עפּעס אָדער

עמעצן געזוכט מיט די אויגן און נאָך דעם האָט ער זיך פֿאַרשטעלט דאָס פּנים מיט ביידע הענט.

מאַרק אַנטאָני איז געווען איבערראַשט פֿון דער דרייסטקייט, וואָס דער זקן און די אַנדערע חשובֿע לײַט פֿון יהודה האָבן אַרויסגעוויזן, און ער האָט געוואָלט וויסן:

— פֿאַר וואָס?.. פֿאַר וואָס שעמט איר זיך מיט אים?..

— מיר שעמען זיך מיט אים — האָט דער זקן געענטפֿערט — ווײַל ער איז ניט קיין כּבֿוד פֿאַר זײַן שטאַם. איבער אים האָט יענער דאָרט, הורדוס דער אדומי, זיך הויך איבער אונדז דערהויבן, און ער געוועלטיקט נאָר מיט רישעות. ער האָט זײַן שווערע האַנט אויף אונדז פֿאַרשפּרייט. און מיר בעטן דיך דעריבער, ווײַז אַרויס דײַן גרויס גנאָד און באַפֿרײַ אונדז פֿון דעם יאָך, דעם שווערן, און זאָל מען דאָ אין לאַנד בײַ אונדז שוין דעם נאָמען הורדוס מער ניט הערן!..

בײַ הורדוסן איז דאָס פּנים מיט אַ מאָל ווי פֿאַרגליווערט געוואָרן, ווען דער זקן האָט די לעצטע ווערטער אַרויסגערעדט. דער כּעס האָט זיך אין אים אַזוי אָנגעצונדן, אַז ער האָט זיך געדאַרפֿט אָנטאָן אַ כּוח דאָס ניט אַרויסצואווײַזן. די ליפּן זענען בײַ אים געווען שטײַף צונויפֿגעפּרעסט, און ער האָט קיין איין וואָרט ניט אַרויסגערעדט.

דאַן האָט זיך אויפֿגעשטעלט דער רוימישער טריבון מעסאַלאַ, אַן אַלטער פֿרײַנד פֿון הורדוסן און אויך פֿון מאַרק אַנטאָניך, און פֿאַרוואָרפֿנדיק איין עק פֿון זײַן לאַנגער טאָגע אויפֿן אַקסל, האָט ער אָנגעהויבן אָפּשלאָגן די טענות פֿון די חשובֿע לײַט פֿון יהודה.

ער האָט אָנגעהויבן רואיק און געלאַסן, דער געניטער רוימישער טריבון, און יעדעס וואָרט איז בײַ אים געווען ווי צוגעקליבן.

— די אויגן פֿון די חשובֿע לײַט פֿון יהודה — האָט ער געזאָגט — זענען פֿאַרבלענדט, און דאָס איז דערפֿאַר, וואָס זיי זענען צוגעבונדן צום נעכטן מער ווי צום הײַנט. זיי באַנעמען ניט דעם גײַסט פֿון דער נײַער צײַט און דערפֿאַר רעדן זיי אַלץ וועגן דעם, וואָס ס׳איז געווען אַ מאָל, וועגן די מעשׂים פֿון די אָבֿות אין די צײַטן, וואָס זענען שוין לאַנג אַוועק... קיין וואונדער איז דאָס ניט — אַלטע לײַט רעדן שטענדיק וועגן דעם, וואָס ס׳איז געווען אַ מאָל און ס׳איז שוין הײַנט ניטאָ... אַליין האָבן זיי שוין מיט דעם לעבן אויף דער ערד אַלע חשבונות פֿאַרענדיקט, און דאָס איינציקע, וואָס ס׳איז פֿאַר זיי געבליבן איז דער אַמאָל... יונגע מענטשן אָבער קוקן מיט אַנדערע אויגן און זיי באַנעמען אַנדערש אַלץ, וואָס ס׳קומט פֿאַר אין דער איצטיקער צײַט. אויך די יונגע מענטשן אין יהודה זענען אין דעם אַוודאי ניט קיין אויסנאַם; זיי רוען ניט אויף די לאָרבער־קראַנצן פֿון דעם אַמאָל, זיי ווענדן זייערע בליקן אויפֿן הײַנט און אויפֿן מאָרגן. אַזוי איז געווען אין אַלע צײַטן און אין אַלע דורות. אַלע מאָל האָבן זיך אין אַ פֿאָלק געפֿונען די געציילטע, די אויסדערוויילטע, פֿון וועמעס ליפּן ס׳האָט אַרויסגערעדט דער ווילן פֿון דעם יונגן דור. זיי זענען אַלע מאָל געווען די ערשטע, וואָס האָבן דער־פֿילט דעם גײַסט פֿון דער נײַער צײַט. דערפֿילט און פֿאַרשטאַנען!.. און צווישן יענע אויסדערוויילטע איז הורדוס אין יהודה דער גרעסטער...

און דאָ האָט דער רוימישער טריבון גענומען צעגלידערן די צוויי פּאַרטייען, וואָס רײַסן זיך אַרום צווישן זיך אין יהודה — די צדוקים און די פּרושים.

— ביידע פּאַרטייען — האָט ער געזאָגט — זענען קעגן דעם, אַז אַ זײַטיקע מלוכה זאָל זיך אַרײַנמישן אין זייער סיכסוך. אָבער אין דער צייט ווען מ'קען די צדוקים נאָך פאַרשטיין, איז אוממעגלעך צו פאַרשטיין די פּרושים.

און ער האָט דאָס געפּרוּווט מאַכן קלאָרער.

— די צדוקים — האָט ער געזאָגט — שטאַמען פון גרויסן יחוס; זיי קענען ניט פאַרגעסן די צײַטן, ווען די חשמונאים האָבן מיטן כּוח פון דער שווערד גרויס געמאַכט דעם נאָמען פון יהודה און ישראל; זיי ווילן אויף זיך ניט נעמען קיין פרעמדן יאָך; זיי ווילן, אַז דאָס פאָלק זאָל זײַן זעלבשטענדיק; אָבער אין דער זעלבער צײַט פּאַסן זיי זיך דאָך צו צום גײַסט פון דער נײַער צײַט, וואָס רוים און אַטענס פאַרשפּרייטן אַצינד איבער דער וועלט. בײַ זיי, בײַ די צדוקים, איז דער גלויבן פון די אָבות ניט דער עיקר, נאָר די גאַנצקייט פון פאָלק און לאַנד. בײַ די פּרושים אָבער איז דער אַלטער גלויבן פון די אָבות דער עיקר; זיי האָבן ניט קיין חוש פאַר די נײַע ווינטן, וואָס בלאָזן איצט, און זיי ווילן מאַכן פון יהודה אַ הימליש קיניגרײַך אויף דער ערד. זיי ווילן, אַז דאָס גאַנצע פאָלק זאָל באַשטיין פון לויטער הייליקע, פון לויטער פרומע און זאָל זײַן אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט. אַ פאָלק, וואָס בלײַבט אַליין און קער זיך מיט די אַנדערע גאָרניט אָן. דאָס, חשובע לײַט פון יהודה, איז קעגן דעם גײַסט פון דער נײַער צײַט. דאָס מיינט פּרוּוון מיט לײדיקע הענט אָפּשטעלן אַ שטורעמווינט, וואָס רײַסט אַרויס די שטאַרקסטעביימער מיט די וואָרצלען און טרײַבט אַרויס דעם ים פון זײַנע ברעגן.

ער האָט זיך געפּילט פרײַ, דער רוימישער טריבון מעסאַלאַ. ער האָט זיך ניט געדאַרפט היטן מיט אַ וואָרט, ווי ס'האָבן דאָס געמוזט די שליחים פון ירושלים. ער האָט געזען, ווי מאַרק אַנטאָני קוקט אויף אים און האָט הנאה. האָט ער דערײַבער מיט אַזאַ פעסטקייט און זיכערקייט גערעדט, און רעדנדיק האָט ער געשטעלט פראַגעס און גלײַך אַליין געגעבן אויף זיי אַן ענטפער:

— פאַר וואָס — האָט ער געפרעגט — רעדן ניט די חשובע לײַט פון יהודה קיין קלאָרע ווערטער? פאַר וואָס הילן זיי אַלץ אײַן אין אַזעלכע רייד, וואָס ניט אַלע קענען פאַרשטיין? פאַר וואָס פאַרהוילן זיי דעם אמת?

אַזוי האָט ער געשטעלט איין פראַגע נאָך דער אַנדערער, און דערבײַ האָט ער צופרידן געקוקט אויף מאַרק אַנטאָנין, און טאַקע באַלד אַליין אויף אַלע פראַגעס געענטפערט.

— דאָס איז דערפאַר — האָט ער געזאָגט — וואָס זיי מוזן פאַר אונדז פאַר־הוילן דעם אמת. ווען זיי וואָלטן געהאַט גענוג מוט, וואָלטן זיי אונדז דאָ געזאָגט פרײַ און אָפן: „מיר ווילן ניט טראָגן אויף זיך דעם יאָך פון רוים, ווי אַנדערע פעלקער! איר, רוימער, זענט געצן־דינער און מיר דינען אונדזער גאָט, דעם איינציקן גאָט אויף דער גאַנצער וועלט! אין אײַערע וועגן וועלן מיר ניט גיין! און אויב איר וועט ניט נאָכגעבן אונדזער פאַרלאַנג, וועלן מיר זיך שלאָגן מיט אײַך און מיט דער הילף פון אונדזער גאָט, וואָס איז דער האַר פון אַלע וועלטן,

וועלן מיר אײַך בײַקומען!״... אַזוי וואָלטן זיי אונדז געזאָגט, די חשובֿע לײַט פֿון יהודה, ווען זיי וואָלטן נאָר געהאַט מוט. זיי וואָלטן אונדז אויך געזאָגט: „מיר ווילן ניט דעם קיניג הורקונוס, כאָטש ער איז פֿון דער חשמונאים־משפּחה; מיר זענען קעגן אים דערפֿאַר, וואָס ער האַלט פֿון שלום מיט רוים; מיר ווילן בעסער פֿאַר אַ קיניג דעם פֿאַרטריבענעם אַנטיגאָנוס, ווײַל ער איז אַ שונא פֿון רוים!״

און ווי ער האָט נאָר אַנטיגאָנוסעס נאָמען דערמאָנט, האָט ער זיך מיט ווילדן צאָרן אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף אים.

— ווער איז ער דען, דער אַנטיגאָנוס פֿון די חשמונאים? — האָט ער אויס־געשריגן אויפֿן קול און דאָס גלאַטע פּנים זײַנס האָט זיך בײַ אים פֿאַרקרימט — ווער איז ער דען? ער איז אַ ווידערשפּעניקער! ער האָט אויפֿגעהויבן אַ שווערד קעגן רוים; ער העצט דאָס פֿאָלק פֿון אַ לאַנד, וואָס האָט שלום געמאַכט מיט רוים; ער צינדט פֿײַער אומעטום, וואו זײַן פֿוס גיט נאָר אַ טראָט; אַזוי איז געווען זײַן פֿאָטער אַריסטובולוס און אַזוי איז אויך געווען זײַן ברודער אַלכּסנדר; פּונקט ווי ער, האָבן זיי אויך געהעצט קעגן רוים און געפֿאַלן זענען זיי, ניט ווי העלדן, נאָר ווי פֿאַרברעכער! עס איז אַ משפּחה פֿון פֿאַרברעכער און זיי רײַסן זיך צו דער קרוין פֿון יהודה, אָבער זיי קענען ניט רעגירן און ווייסן ניט ווי אַזוי אַ מלוכה צו פֿירן. און דעריבער זאָג איך, אַז די אַלע מענטשן, וואָס האַלטן מיט אַנטיגאָנוסן און טרעטן אַרויס קעגן הורקונוסן און קעגן הורדוסן, דעם זון פֿון אַנטיפּאַטרוס, זענען באַהאַלטענע שונאים פֿון רוים!.. שונאים און פֿאַרברעכער!..

צווישן די הונדערט חשובֿע לײַט פֿון יהודה איז געוואָרן אַ געמורמל. פֿון די רייען האָבן זיך אַרויסגערוקט אַ פּוּפֿצן מענטשן, אַלטע און יונגע, און אויפֿ־הייבנדיק די הענט אין דער הויך, האָבן זיי אָנגעהויבן שרײַען אויפֿן קול:

— אַזאַ באַשולדיקונג איז פֿאַלש!

אויך דער זקן מיט דער גרויער באָרד, דער וואָס האָט גערעדט דער ערשטער, האָט זײַן פֿרײַערדיקע געלאַסנקייט פֿאַרלוירן, און ער האָט מיט כּעס אויסגערופֿן:

— מיר זענען ניט קיין פֿאַרברעכער! מיר זענען אַהער מיט אַן אָפּן האַרץ געקומען, אַ האַרץ, וואָס איז פֿול מיט ווייטיק און וואָס קרענקט דערפֿון, וואָס מ׳האָט אונדז געמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט!

און מיט אַ מאָל האָט זיך בײַ דעם זקן מיט דער גרויער באָרד די שטים געבראָכן, און צוגייענדיק נענטער צו מאַרק אַנטאָנין, האָט ער ביידע הענט אויסגעשטרעקט:

— פֿאַרנעם אונדזער געבעט — האָט ער געזאָגט און אין זײַן קול האָט זיך געפֿילט אַ פֿאַרשטיקט געוויין — נעם צו פֿון אונדז הורדוסן און פֿאַזאָעלן, די זין פֿון אַנטיפּאַטרוס דעם אדומי, און זאָל דער כּבֿוד פֿון יהודה זיך ניט וואַלגערן אין שטויב...

עס איז געוואָרן שטיל. אַלע האָבן געוואַרט. און דאַן האָט מאַרק אַנטאָני אויפֿגעהויבן די רעכטע האַנט, און אָנווענדנדיק די בליקן פֿון זײַנע אויגן אויפֿן אַלטן הורקונוס, האָט ער אים געפֿרעגט:

— און וועמען האַלט דער עלטסטער פֿון דער חשמונאים־משפּחה פֿאַר דעם בעסטן און שטאַרקסטן מאַן, וואָס קען איצט איבער יהודה רעגירן?..

עס איז ווידער געוואָרן שטיל און אַלע האָבן מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם גע־וואַרט אויף דעם ענטפֿער, וואָס הורקונוס וועט געבן.

און דער אַלטער קיניג האָט מיטן קאָפּ געטרייסלט. ער האָט, אַ פֿאַרלוירענער, געקוקט אין אַלע זײַטן און קוקנדיק אַזוי, האָט ער זיך מיט איין האַנט בײַ דער לאַנגער באָרד געצופּט און די דאַרע, לאַנגע פֿינגער האָבן זיך אַלע מאָל אין די האָר פֿון דער באָרד פֿאַרפּלאָנטערט; ער האָט אין געדאַנק געזוכט וואָס צו זאָגן, אָבער דער מוח איז בײַ אים געווען צעטומלט און ער האָט קיין ווערטער ניט געקענט געפֿינען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט מיט אַ מאָל דאָס לשון פֿאַר־לוירן. און ווען ס'איז אַרום און ווידער געוואָרן אַ געמורמל, האָט מאַרק אַנטאָני ווידער אויפֿגעהויבן די האַנט און ווענדנדיק זיך צו הורקונסן, האָט ער אים ווידער די זעלבע פֿראַגע געשטעלט:

— און וועמען האַלט דער עלטסטער פֿון די חשמונאים פֿאַר דעם בעסטן און שטאַרקסטן מאַן, וואָס קען איצטער איבער יהודה רעגירן?

און ערשט דאַן האָט זיך דער אַלטער הורקונוס מיט אַ מאָל געגעבן אַ גלײַך אויס און מיט אַן אָנשטעל פֿון איינעם, וואָס גיט אַרויס אַ באַפֿעל, האָט ער מיטן פֿינגער אָנגעוויזן אויף הורדוסן:

— ער!.. — האָט ער געזאָגט — ער איז דער מאַן, וואָס קען רעגירן... ער איז שטאַרק, ער איז מוטיק. ער קען אויף אַלעמען אַרויפֿוואַרפֿן אַ שרעק...

דאָס האָט אויף די חשובֿע לײַט פֿון יהודה געמאַכט אַזאַ שווערן אײַנדרוק, אַז זיי האָבן פֿאַרשעמטע אָנגעבויגן די קעפּ. זיי האָבן אין דעם געזען דעם אַלטן הורקונוס אין זײַן גאַנצער געפֿאַלנקייט. אויך די געפֿאַלנקייט פֿון פֿאָלק האָבן זיי אין דעם געזען. עס איז זיי געווען אַ גרויסער בזיון און אַ טיפֿער ווייטיק. און באַלד האָבן זיך פֿון צווישן זיי גענומען טראָגן קולות:

— מיר ווילן ניט, אַז הורדוס זאָל איבער אונדז רעגירן!

— דאָס בלוט פֿון אונדזערע ברידער טריפֿט פֿון זײַנע הענט!

— אַ פֿרעמדער איז ער אונדז; אַ פֿרעמדער, ניט פֿון אונדז גאָר!

און מיט אַ מאָל האָט הורדוס אָנגעהויבן שרײַען העכער פֿון זיי אַלע:

— עס איז אַ ליגן! — האָט ער מיט כּעס אַרויסגעברומט און דאָס פּנים האָט זיך בײַ אים שטאַרק צעפֿלאַמט — עס איז אַ ליגן, איך בין ניט קיין פֿרעמ־דער; איך בין אַזאַ ייִד ווי איר אַלע דאָ!.. אַ ייִדה, אַ ייִד!..

עס איז אין זײַן שרײַען געווען ניט נאָר אויפֿגעבראַזטער צאָרן, נאָר אויך ווייטיק. דאָס גאַנצע פּנים האָט זיך בײַ אים דעמאָלט ווי אין מוראדיקע יסורים פֿאַרקרימט און די פֿינגער פֿון די הענט האָבן זיך אין צונויפֿגעבײַלטע פֿויסטן פֿאַרקלאַמערט. אויך אין די קולות, וואָס זענען געקומען ווי אַן ענטפֿער אויף זײַן שרײַען, האָט זיך געפֿילט ווייטיק. עס איז אין דעם געווען דער ווייטיק פֿון אַ געשלאָגן פֿאָלק, וואָס צאַפּלט זיך אין אַנגסטן און ציטערט פֿאַר מורא, אַז אַט קומט אַ צײַט, וואָס וועט אַוודאי ברענגען אַזעלכע אומגליקן, וואָס וועלן געוויס זײַן נאָך גרעסער ווי די, וואָס זענען געשען ביז איצט. און דאַן האָט מאַרק אַנטאָני מיט אַ מאָל זיך געגעבן אַ שטעל אויף און אויפֿהייבנדיק איין האַנט אין דער הייך, האָט ער אויסגעשריגן מיט כּעס:

— שטיל זאָל זײַן! איך הייס שווײַגן!

און באַלד האָבן זיך די קולות אָפּגעהאַקט, פּונקט ווי מע וואָלט זיי מיט אַ שאַרפֿער שווערד איבערגעשניטן. דער נײַער הערשער פֿון רוים האָט שוין געהאַט פֿאַרטיק זײַן באַשלוס:

— אין הויף פֿון הורקונוס, דעם מלך און כהן־גדול, זאָל ווײַטער אַלץ בלײַבן אַזוי ווי עס איז געווען ביז איצט. און הורדוס, דער זון פֿון אַנטיפּאַטרוס, וועט מיטן גנאָד פֿון רוים זײַן דער טעטראַרך איבער יהודה. דאָס איז מײַן באַפֿעל!

מער האָט ער גאָרניט געזאָגט און ער איז אַרונטער פֿון דער הויכער טרי־בונע, און באַלד האָבן באַוואָפֿנטע זעלנער אַרומגערינגלט די הונדערט חשובֿע לײַט פֿון יהודה. עס איז לעבן זיי ווי פֿון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן אַ פֿאַרשוין, וואָס קיינער האָט פֿריִער גאָרניט באַמערקט. דאָס פּנים איז בײַ אים געווען צעקרימט. דאָס מויל איז בײַ אים געווען צעדרייט. און אַרויסברומענדיק קורצע, אָפּגעהאַקטע ווערטער, האָט ער מיט די פֿינגער אָנגעוויזן אויף עטלעכע פֿון די הונדערט שליחים, און מ׳האָט זיי באַלד ערגעץ אַוועקגעפֿירט און קיינער האָט ניט געוואוסט וואוהין. די איבעריקע האָט מען געהייסן גיין.

פּופּצן אין צאָל זענען זיי געווען, די וואָס מ׳האָט אַוועקגעפֿירט געפֿאַנגענע. די פּופּצן, וואָס האָבן מער ווי אַלע אַנדערע אַרויסגעוויזן מוט. מע האָט זיי אַלע אין אַ פֿינצטערער תּפֿיסה פֿאַרשפּאַרט און קיינעם פֿון די אייגענע ניט צוגעלאָזט צו זיי. און מאַרק אַנטאָני אַליין איז געווען אַזוי פֿאַרנומען, אַז ער האָט גאָר אין גאַנצן פֿאַרגעסן אָן זיי. און ווען מ׳האָט אים אָן דעם דערמאָנט, האָט ער קיין סך ניט געטראַכט און גלײַך געהאַט פֿאַר זיי אַ שטראָף:

— אָפּהאַקן די קעפּ!

און באַלד נאָך דעם ווי ער האָט דאָס אָפּגעזאָגט, איז ער אַוועק ווײַטער און האָט שוין מער וועגן דעם ניט געטראַכט. ער האָט בלויז געפֿילט, אַז ער האָט פֿון זיך עפּעס אַראָפּגעוואָרפֿן און עס איז אים איצטער שוין ווידער גרינגער אויפֿן האַרצן...

ער האָט זיך דאָן זייער שטאַרק געאײַלט, מאַרק אַנטאָני. ער האָט זיך דעמאָלט שוין געהאַט געקליבן צו פֿאָרן קיין צור, וואו עס האָבן אויף אים געוואַרט די לעגיאָנען, וואָס ער האָט אַהין אַוועקגעשיקט. און פֿון צור האָט ער געדאַרפֿט פֿאָרן קיין אַלעקסאַנדריע, וואו קלעאָפּאַטרע האָט שוין געוואַרט אויף אים...

צו איר, צו דער שיינער קיניגין פֿון מצרים, האָט ער זיך שטאַרק געיאָגט...

עס האָט אים געצויגן צו איר און ער איז געווען זיכער, אַז פּונקט אַזוי ווי זי איז געווען די געליבטע פֿון יוליוס צעזאַר, אַזוי וועט זי איצט ווערן זײַן געליבטע אויך...

ג

און ווען מאַרק אַנטאָני איז קיין צור אָנגעקומען, האָבן נײַע שליחים פֿון יהודה דאָרט שוין געוואַרט אויף אים. ניט ווייניקער ווי טויזנט ייִדן זענען

אַהין אויף שיפֿן אָנגעקומען; פֿון אַלע עקן פֿון לאַנד האָבן זיי זיך אַהין, אין דער אַלטער שטאָט מיט די שמאָלע גאַסן, צונויפֿגעקליבן, און זיי האָבן געשריגן אויפֿן קול, אַז זיי מוזן זען מאַרק אַנטאָנין. זיי מוזן, ווײַל זיי דאַרפֿן פֿאַר אים פֿאַרקלאָגן הורדוסן, דעם זון פֿון אַנטיפּאַטרוס דעם אדומי, און אויך זײַן ברודער פֿאַזאַעל.

— אונדזער קול מוז דערהערט ווערן! — האָבן יונג און אַלט געשריגן אין די גאַסן פֿון צור.

— רוים דאַרף וויסן, וואָס אונדז דריקט!

צו די שליחים, וואָס זענען פֿון אַנדערע שטעט אָנגעקומען, זענען אויך צו־געשטאַנען די אַלטע יידישע אײַנוואוינער פֿון דער שטאָט צור און אַלע האָבן געשריגן, אַלע האָבן געליאַרעמט:

— מיר ווילן ניט הורדוסן!

— אַ פֿרעמדער איז ער אונדז!

— און ער איז אַ מערדער!

כאָטש קיינער פֿון די, וואָס האָבן די גאַסן פֿון צור אָנגעפֿילט מיט קולות און געשרייען, האָט קיין געוועהר מיט זיך ניט געטראָגן, האָט מען דאָך געקענט מיינען, אַז דאָס איז אַן אויפֿשטאַנד קעגן רוים און קעגן די, וואָס האַלטן מיט רוים. עס האָט בלויז געפֿעלט אַ פֿירער, וואָס זאָל די אַלע כוחות צונויפֿנעמען און זיי רופֿן צו אַ מלחמה, און זיי וואָלטן געוויס געגאַנגען, גרייט די לעבנס אָוועקצוגעבן. די רואיקערע און געלאַסענערע מענטשן פֿון שטאָט האָבן טאַקע מורא געהאַט, מ'זאָל נאָך ניט דערצאָרענען צו פֿיל דעם נײַעם מעכטיקן הערשער פֿון רוים, און זיי האָבן געפּרוּווט אײַנשטילן די היציקע מענטשן, וואָס האָבן זיך אַזוי שטאַרק געקאָכט, אָבער קיינער האָט זיך צו זייערע רייד ניט צוגעהערט; אַלע האָבן געברענט מיט ווילדן צאָרן, און נאָך גרעסער איז דער צאָרן געוואָרן, ווען מ'האָט דערהערט, אַז מאַרק אַנטאָני וויל גאָר די טויזנט יידישע שליחים אַפֿילו ניט צולאָזן צו זיך און ער וויל גאָר זייערע טענות ניט הערן.

— ער מוז הערן אַלץ, וואָס ס'האָט זיך בײַ אונדז אין האַרצן אָנגעקליבן! — האָבן מענטשן אין די גאַסן געשריגן.

— ביז צום הימל וועלן אונדזערע קולות דערגרייכן!

הורדוס אַליין האָט זיך דערשראָקן, ווען ער האָט דערזען וואָס ס'טוט זיך אין שטאָט. ער האָט מורא געהאַט, אַז דאָס זאָל נאָך ניט פֿירן דערצו, אַז מאַרק אַנטאָני זאָל בײַטן זײַן באַשלוס, ווײַל ער וועט מיינען, אַז דאָס גאַנצע פֿאָלק איז ווירקלעך קעגן אים. האָט ער גענומען דעם אַלטן הורקונוס און איז מיט אים אַרויס צום פֿאָלק אין גאַס, און ער, דער עלטסטער אין דער משפּחה פֿון די חשמונאים, האָט געפּרוּווט אײַנשטילן דעם עולם.

— הערט זיך צו צו מײַן קול, איר קינדער פֿון ישׂראל, און פֿאַרנעמט מײַן געבעט, איר חשובֿע לײַט פֿון יהודה — האָט ער געפּרוּווט שרײַען אַזוי הויך, אַז אַלע זאָלן אים הערן — שטילט אײַן אײַער צאָרן, ווײַל דאָס איז אַ זינד קעגן גאָט. גייט צוריק אין אײַערע שטיבער און געצעלטן און זאָלן די רוימער ניט דאַרפֿן זאָגן, אַז מיר זענען אַ פֿאָלק פֿון ווידערשפּעניקער, וואָס רײַסט זיך נאָר צו מלחמה.

און ווען די קולות אַרום אים זענען געוואָרן נאָך טומלדיקער, האָט ער זיך אָנגעהויבן בעטן:

— פֿאַרשעמט מיך ניט — האָט ער זיך געבעטן בײַם עולם — היט אָפּ מײַן כּבֿוד אין די אויגן פֿון אונדזער פֿאָלק און אין די אויגן פֿון אַנדערע פֿעלקער. און זײַט ניט בייז אויף אים — האָט ער אָנגעוויזן אויף הורדוסן, וואָס איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען לעבן אים — איר דאַרפֿט ניט זײַן בייז אויף אים; ער איז דאָך איצטער שוין איינער פֿון מײַן משפּחה, פֿון דער משפּחה פֿון די חשמונאים...

בײַ די לעצטע ווערטער האָט דער אַלטער הורקנוס זיך אָנגעהויבן פּלאָנטערן; ער האָט מיט אַ מאָל אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם ווי שיין און געראָטן מרים איז און ווי זי איז באַליבט בײַם גאַנצן פֿאָלק. די רייד, וואָס ער האָט פֿון די ליפּן אַרויסגעבראַכט, זענען בײַ אים אַרויסגעקומען ניט זייער קלאָר, ווי ער וואָלט אַליין געפֿילט, אַז ער רעדט ניט דאָס וואָס מ׳דאַרף. און אויסגעדרייט האָט ער זיך אַזוי:

— און זי, מרים, אַן אמת געטרײַע טאָכטער פֿון די חשמונאים, האָט געפֿונען חן און לײַטזעליקייט אין די אויגן פֿון דעם מענטשן, פֿון הורדוסן, וואָס שטייט דאָ פֿאַר אײַך, לעבן מיר; ער נעמט זי פֿאַר אַ ווײַב; ער גייט אַרײַן אין דער חשמונאים־משפּחה, איז לויבט אים און בענטשט אים!..

ווען ער האָט געענדיקט, איז גאָר אויסגעקומען, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן, און דער עולם האָט ניט געקענט וויסן, צי דאָס איז שוין אַ סוף, אָדער ער קלײַבט זיך צו רעדן נאָך. און דאַן האָט הורדוס אַליין געמאַכט אַ פּאָר שפּאַן פֿאָרויס און אויפֿהייבנדיק איין האַנט אין דער הויך, האָט ער אָנגעהויבן רעדן:

— הערט מיך אויס, מײַנע ברידער! — האָט ער אויסגעשריגן הויך און זײַן שטים האָט ווײַט אָפּגעקלונגען — פֿאַרנעמט וואָס איך וועל אײַך זאָגן, קינדער פֿון מײַן פֿאָלק! לאָזט זיך ניט פֿאַרפֿירן פֿון די מענטשן, וואָס מאַכן דעם אָנשטעל פֿון פֿרײַנד און זענען אין דער אמתן גאָר שונאים. פֿון זייערע ליפּן טריפֿט כּלומרשט האָניק. אָבער דאָס איז ניט קיין האָניק, נאָר גיפֿט. פֿון זייער מויל קומען אַרויס די ווערטער „שלום! שלום!“, אָבער הינטערן מאַנטל באַהאַלטן זיי אַ שווערד. זיי צינדן אָן אַ פֿײַער, וואָס וועט אײַך אַלעמען פֿאַרלענדן, און אײַערע הײַזער וועלן אַוועק מיטן רויך, און אײַערע פֿעלדער און ווײַנגערטנער וועלן אין פֿלאַמען ווערן אײַנגעהילט און אַלע אײַערע שטעט וועלן ווערן חרובֿ און ס׳וועט פֿון זיי בלײַבן אַ באַרג אַש! איך וואָרן אײַך, וואָרעם מײַנע אויגן זענען אָפֿן און איך זע ווי ס׳ווערט אַלץ גרעסער די סכּנה און ווי די שונאים פֿון אינעווייניק לויערן אויף אײַך. איז זאָלן אײַערע אויגן אויך ניט זײַן פֿאַרבלענדט און זאָלן אײַערע אויערן ניט זײַן פֿאַרשטאָפּט! קערט זיך אום צוריק אין אײַערע הײַזער און געצעלטן. שוין זאָלט איר זיך אומקערן צוריק און זאָל הערשן רו און פֿרידן אין יהודה!..

עס איז הורדוסן געווען שווער אַזוי צו רעדן צו מענטשן, וואָס קומען אַרויס קעגן אים; ער האָט אויף זיי געקוקט ווי אויף ווידערשפּעניקער, ווי אויף

פֿאַרברעכער, וואָס רופֿן דאָס פֿאָלק צו מאַכן אַ מרידה, און ער האָט געהאַלטן, אַז מיט אַזעלכע דאַרף מען זײַן שטרענג און זיי שווער באַשטראָפֿן גלײַך אויפֿן אָרט. ער האָט זיך אָבער דאָך אָנגעטאָן אַ כּוח צו זײַן מילד צו זיי און רעדן ווייך מיט זיי, ווײַל ער האָט געוואוסט, אַז ווען מרים וועט דערהערן ווי גוט און איידל ער איז געווען און ווי ער האָט ניט דערלאָזט, אַז עס זאָל פֿאַרגאָסן ווערן בלוט פֿון אייגענע ברידער, וועט ער דערמיט שטאַרק אויסנעמען בײַ איר.

ער האָט מיטן גאַנצן האַרצן געוואָלט, אַז איצט, ווען ס'איז שוין אַזוי נאָענט די צײַט, אַז זי זאָל ווערן זײַן ווײַב, זאָל ער אין זײַן גרויסער ליבע צו איר זײַן אַזוי גוט אין זײַנע באַציִאונגען צו מענטשן, אַז מע זאָל מוזן צוגעבן, אַז ער איז ווירקלעך ראָוי צו זײַן דער מאַן פֿון אַזאַ ווי מרים, וואָס איז די שענסטע צווישן אַלע טעכטער אין יהודה און די באַליבטסטע אין דער משפּחה פֿון די חשמונאים. ער האָט די גאַנצע צײַט געטראַכט פֿון איר. און ער האָט געפֿילט, אַז אַלע מאָל, ווען ער טראַכט נאָר פֿון איר און שטעלט זיך פֿאָר איר ליכטיק געשטאַלט פֿאַר די אויגן, ווערט זײַן נשמה עפּעס ווי געלײַטערט און די בעסטע אייגנשאַפֿטן זײַנע, וואָס האָבן זיך פֿריִער ערגעץ באַהאַלטן אין אים, שפּאַרן זיך אַרויס און ער באַקומט אַ שטאַרקן פֿאַרלאַנג צו זײַן גוט ניט נאָר צו נאָענטע, נאָר אויך צו ווײַטע מענטשן.

אין איינעם מיט דער גוטער כּוונה, וואָס ער האָט דאַן געהאַט, איז אויך געקומען דער גלויבן, אַז ס'וועט זיך אים ווירקלעך אײַנגעבן אײַנצושטילן די צעהיצטע און אויפֿגערעגטע, וואָס זענען פֿון ווײַט געקומען קיין צור אים אָנצוקלאָגן פֿאַר מאַרק אַנטאָני. ער האָט עס געגלויבט, וואָרעם ווען ער האָט גערעדט, איז געווען שטיל און דער גאַנצער עולם האָט זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס ער האָט געזאָגט. אַלע האָבן גלײַך דערפֿילט, אַז דאָס רעדט אַ שטאַרקער מענטש און זיי האָבן אויפֿגעהערט שרײַען און טומלען. אָבער ווען ער האָט געענדיקט, איז דער טומל ווידער געוואָרן גרויס. עס איז געווען גענוג, אַז איינער זאָל ערגעץ געבן אַ געשריי און באַלד האָבן שוין אַלע געשריגן און דאַן האָבן זיך צווישן די טויזנט ייִדן שוין אויך געפֿונען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געגעבן אַ לאָז צו הורדוסן און זיך אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף אים:

— אַ קללה אויף דעם זון פֿון אַנטיפּאַטרוס דעם אדומי!

— אויסראָטן דאַרף מען זײַן געביין!

— דאָס בלוט פֿון חזקיה הגלילי וועט אים קיין מאָל ניט זײַן געשענקט!

— אַ קללה אויף אים, אויף דעם זון פֿון אַנטיפּאַטרוס!

— אויסראָטן דאַרף מען זײַן געביין!

הורדוסן איז דאָס גאַנצע בלוט געקומען אין פּנים אַרײַן, און אויפֿהייבנדיק דעם קאָפּ מיט די קופּערנע רויטע האָר זײַנע אין דער הויך, האָט ער אין איין אויגנבליק געגעבן אַ שלעפּ אַרויס די שווערד פֿונעם שייד און האָט זיך צעברומט מיט אַזאַ רציחה, אַז די מענטשן, וואָס האָבן זיך צו אים אַ לאָז געטאָן, זענען זיך צעלאָפֿן.

און באַלד איז שוין אויפֿן אָרט געווען אַ רוימישער לעגיאָן, און די באַוואָפֿנטע רוימער האָבן זיך אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף די ייִדן און געהאַקט מיט די

שווערדן אויף רעכטס און לינקס. אַ סך פֿון די טויזנט שליחים זענען געפֿאַלן טויט. אַ סך זענען פֿאַרוואונדעט געוואָרן. מענטשן האָבן גענומען לויפֿן וואוהין די אויגן האָבן זיי נאָר געטראָגן. און די, וואָס האָבן ניט געקענט לויפֿן, האָט מען גענומען אין געפֿאַנגענשאַפֿט און זיי פֿאַרשפּאַרט אין תּפֿיסה.

און שפּעטער, ווען מ'האָט מאַרק אַנטאָנין איבערגעגעבן אַלץ, וואָס ס'איז פֿאָרגעקומען אין די גאַסן פֿון צור, האָט ער בלויז איין זאַך געוואָלט וויסן:

— און וויפֿל פֿון זיי האָט מען אין די תּפֿיסות פֿאַרשפּאַרט?

און ווען מע האָט אים געזאָגט וויפֿל, האָט ער שוין מער גאָרניט איבער־געפֿרעגט. זופֿנדיק וויַין פֿון אַ גרויסן בעכער, האָט ער זיך גאַנץ רואיק ניט מער ווי עטלעכע געציילטע ווערטער אַרויסגערעדט:

— זיי אַלע — באַשטראָפֿן מיטן טויט!..

ער איז געווען בייז אויף זיי, אויף די ייִדן, פֿאַר וואָס זיי פֿאַרהאַלטן אים אַלץ אויפֿן וועג, פֿאַר וואָס זיי נעמען צו בײַ אים אַזוי פֿיל צײַט. ער האָט זיך קיין סך ניט געקענט אָפּגעבן מיט זיי, ווײַל ער האָט זיך זייער שטאַרק געאײַלט, דער נײַער רוימישער הערשער מאַרק אַנטאָני. ער האָט שוין וואָס שנעלער געוואָלט זײַן אין דער הויפּטשטאָט פֿון מצרים, ווײַל ער האָט געוואוסט, אַז דאָרטן וואַרט שוין אויף אים די יונגע שיינע קיניגין קלעאָפּאַטרע...

נײַנטער קאַפּיטל

צו גאַסט בײַ קלעאָפּאַטרען

א

קלעאָפּאַטרע האָט ניט ביז מאַרק אַנטאָני וועט קומען צו איר קיין אַלעקסאַנדריע. ווען זי האָט דערהערט, אַז ער איז שוין אין דער שטאָט טאַרסוס, וואָס אין קיליקיאַ, איז זי געקומען אַהין אים באַגעגענען. און געקומען איז זי ניט ווי אַ קיניגין פֿון אַ לאַנד, וואָס האָט זיך אונטערגעוואָרפֿן דער הערשאַפֿט פֿון רוים, נאָר ווי איינע וואָס איז זיכער, אַז זי האָט די מאַכט איבער די גרעסטע הערשער וואָס רעגירן די וועלט...

זי האָט זייער געוואָלט, אַז דער נײַער הערשער פֿון רוים זאָל וואָס שנעלער זען ווי שיין זי איז און ווי רייצנדיק. און זי האָט אויך געוואָלט, ער זאָל זען די רײַכקייט און דעם גלאַנץ פֿון איר מלוכה. און צוליב דעם האָט זי צונויפֿגענומען אַ גרויסע צאָל פֿון אירע באַדינער און אויך אַ סך פֿון אירע עלטסטע און ראַטגעבער אין הויף און איז מיט זיי אויף די שענסטע שיפֿן אַוועק קיין טאַרסוס. און די שיף, אין וועלכער זי אַליין איז געפֿאָרן מיט די וואָס זענען געווען נאָענט צו איר, האָט זי אויסגעפּוצט אַזוי ראַשיק, אַז אַפֿילו פֿון דער ווײַטנס האָט זי פֿאַרכאַפּט דאָס אויג. און אויפֿן ים האָבן זיך אַנדערע שיפֿן אָפּגעשטעלט און מענטשן האָבן מיט פֿאַרגאַפֿטע בליקן געקוקט אויף דער שיף, וואָס די שיינע קיניגין פֿון מצרים האָט אויסגעקליבן פֿאַר דער באַגעגעניש מיט מאַרק אַנטאָני.

ווען מ׳האָט מאַרק אַנטאָנין אָנגעזאָגט, אַז קלעאָפּאַטרעס שיפֿן זענען שוין ניט ווײַט פֿונעם ברעג, האָט ער געהייסן, אַז מ׳זאָל אין מיטן שטאָט אַוועקשטעלן די גרויסע קיניגלעכע טריבונע, און באַלד איז ער אַליין שוין אויך געווען דאָרט. און געקומען איז ער אַהין אין אַ פּורפּור־רויטער טאָגע, וואָס איז געווען באַפּוצט מיט דימענטן און בריליאַנטן. און אויפֿן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ רוימישן העלם, געמאַכט פֿון גאָלד, און בײַ זײַן לינקער זײַט איז פֿון אַ זילבערנעם גאַרטל אַרונטערגעהאַנגען אַ שווערד אין אַ שייד פֿון גאָלד. און ווען ער איז אויף דער קיניגלעכער טריבונע אַרויף, און דאָס פֿאָלק אַרום און אַרום האָט דערזען דעם ריז אין זײַן פֿולער הויך און גבֿורה, האָבן אַלע טרומפּייטן אָנגעהויבן שאַלן, און באַלד האָט מען פֿון דער ווײַטנס דערהערט דאָס קלאַפּן פֿון פּויקן און די פֿעסטע טריט פֿון גוט אויסגעמושטירטע לעגיאָנען, און הענט פֿון טויזנטער מענטשן האָבן זיך אין אַרויפֿגעבויגענע ליניעס געהויבן אין דער הויך און דער גאַנצער פּלאַץ אַרום און אַרום איז פֿול געוואָרן פֿון געשרייען, וואָס האָבן זיך אין איין גרויסן שטאַרקן הילך צונויפֿגעגאָסן און אָפּגעקלונגען ווײַט־ווײַט איבער דער גאַנצער שטאָט.

דער זומערדיקער טאָג האָט שוין דאַן געהאַלטן ווײַט, און די מענטשן, וואָס זענען אַרום דער קיניגלעכער טריבונע געשטאַנען, האָבן אָנגעהויבן פֿאַרלירן די געדולד. עס האָט זיך פֿון זיי געגאָסן דער שווייס און אין דער ענגשאַפֿט איז די היץ געווען אַזוי גרויס, אַז ס'איז אוממעגלעך געווען אויף איין אָרט אײַנצושטיין. אַלע האָבן געקוקט צום ברעג, און אַלע מאָל איז פֿון אַן אַנדער ווינקל געקומען אַ קלאַנג, אַז אָט גייט מען שוין, אָט קומט מען שוין. אָבער ס'איז אַלץ קיינער ניט געקומען. און מ'האָט די קיניגין קלעאָפּאַטרע אין ערגעץ ניט געזען. און דאָ זענען מיט אַ מאָל געקומען צו לויפֿן פֿונעם ברעג מענטשן און האָבן דערציילט די חידושים פֿון קלעאָפּאַטרעס שיפֿן, וואָס האָבן זיך בײַם ברעג אָפּגעשטעלט.

— אַזעלכע שיינע שיפֿן האָט מען נאָך קיין מאָל אין ערגעץ ניט געזען!

— זיי פֿאַרכאַפּן דאָס אויג מיט זייער פּראַכט!

— זיי זענען באַפּוצט מיט גאָלד און זילבער!

— און ס'טראָגט זיך פֿון דאָרט אַ געזאַנג!

— און אין איינעם מיטן געזאַנג הערט מען פֿון דאָרט אויך ווי מע שפּילט!

יעדער איינער פֿון די, וואָס זענען פֿונעם ברעג געקומען צו לויפֿן, האָט עפּעס אַנדערש דערציילט, און דערציילנדיק האָט ער געגאַפֿט און איז געווען באַגײַסטערט, און אַזוי זענען די דערציילטע חידושים געגאַנגען פֿון מויל צו מויל, און די נײַגעריקייט איז געשטיגן אַזוי הויך, אַז די אַלע מענטשן, וואָס זענען אַרום דער גרויסער קיניגלעכער טריבונע געשטאַנען, זענען אַוועק צום ברעג אָנקוקן מיט די אייגענע אויגן די שיינע שיפֿן קלעאָפּאַטרעס. און מאַרק אַנטאָני און זײַנע נאָענטע מענטשן זענען אויף דער קיניגלעכער טריבונע געבליבן אַליין.

דאָס האָט אים שטאַרק פֿאַרדראָסן און ער איז געווען בייז. אָבער ער האָט דעם כּעס דאָך ניט אַרויסגעוויזן. ער האָט ווײַטער געוואַרט, און ווען ער האָט געזען, אַז ער קען זיך אַלץ ניט דערוואַרטן, האָט ער צו קלעאָפּאַטרען אַוועקגעשיקט אַ שליח, אַז זי זאָל קומען צו אים אויף אַ סעודה. ער וואַרט אויף איר...

עס האָט לאַנג ניט געדויערט און דער שליח איז געקומען צוריק מיט אַן ענטפֿער, אַז די קיניגין קלעאָפּאַטרע איז זייער צופֿרידן דערפֿון, וואָס מאַרק אַנטאָני האָט פֿאַר איר צוגעגרייט אַ סעודה; אָבער הײַנט קען זי צו דער סעודה ניט קומען, און זי פֿאַרלאַנגט, אַז ער און זײַנע נאָענטע מענטשן, צוזאַמען מיט די חשובֿסטע לײַט פֿון דער שטאָט טאַרסוס, זאָלן קומען צו איר אויף דער שיף. זי האָט פֿאַר זיי אַלעמען צוגעגרייט אַ גרויסע סעודה; און זײַן וועט די סעודה אַזאַ, אַז זי וועט לאַנג בײַ איטלעכן באַזונדער בלײַבן אין געדעכעניש.

דאַן האָט מאַרק אַנטאָני גענומען זײַנע נאָענטע מענטשן און אויך די עלטסטע פֿון זײַנע חיילות און די חשובֿסטע לײַט פֿון דער שטאָט טאַרסוס און ער איז מיט זיי אַוועק צום ברעג פֿונעם גרויסן טײַך, וואו קלעאָפּאַטרעס שיפֿן האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

די זון האָט שוין דאַן געהאַלטן בײַם פֿאַרגיין און די לעצטע שטראַלן אירע האָבן זיך אין די קלאָרע וואַסערן פֿון טײַך אָפּגעשפּיגלט. קיין איינע פֿון די שיפֿן איז אויף אַן אָרט ניט געשטאַנען; זיי זענען אויפֿן וואַסער איז אַ האַלבן קרײַז

געשוואומען און די געפּאַרבטע רודערס פֿוןביידע זײַטן האָבן פֿון זיך כוואַליעס געשלאָגן. און אין מיטן פֿון דעם האַלבן קרײַז, וואָס איז ווי מיט אַ צירקל געווען אָנגעצייכנט, איז שטיל געשוואומען די אויסגעפּוצטע שיף פֿון דער קיניגין קלעאָפּאַטרע. די מענטשן, וואָס האָבן פֿון ביידע זײַטן מיט די אָפּגעגילדטע רו־דערס דאָס וואַסער געגראָבן, האָבן אויף די קעפּ קופּערנע העלמס געטראָגן און לעבן זיי זענען אין צוויי גלײַכע רייען געשטאַנען שיינע שקלאַפֿינס, אָנגעטאָן ווי וואַסער־מיידלעך. לעבן די וואַסער־מיידלעך זענען אויף אַ געשטריקטן טעפּעך געווען אויסגעזעצט אין אַ ראָד יונגע מאַנספּאַרשוינען אין ראַשיקע קליידער און זיי האָבן שטיל און פֿאַרחלומט געשפּילט אויף פֿלייטן און האַרפֿעס און אויך אויף פֿײַפֿעלעך אַלערליי, וואָס מע האָט געבלאָזן אין זיי. געשפּילט האָבן זיי אַזוי, אַז דאָס שטילע רוישן פֿון די כוואַליעס און דער געמאָסטענער קליפּ־קלאַפּ פֿון די אָפּגעגילדטע רודערס איבער דעם וואַסער האָט זיך אין טאַקט צונויפֿגעגאָסן מיט דער שיינער און שטילער מזרח־מעלאָדיע, וואָס מ׳האָט אויף די פֿאַרשיידענע אינסטרומענטן אויסגעשפּילט. אונטער אַ חופּה־דעכל פֿון זײַד, וואָס איז געווען באַפּוצט מיט גינגאָלד, איז אויף אַ ווייכער סאָפֿע געלעגן קלעאָפּאַטרע אַליין, און דער גאַנצער רייץ פֿון איר לײַב האָט אַרויסגעקוקט פֿון הינטער דעם דורכזיכטיקן שלייער, וואָס זי האָט געטראָגן. און לעבן דער ווייכער סאָפֿע, וואו זי איז געלעגן, זענען געשטאַנען האַלב־נאַקעטע יינגלעך, אָנגעטאָן ווי מלאַכימלעך און זיי האָבן אויף איר אַרויף און אַראָפּ געשאָקלט מיט פֿעכערס און שטרויס־פֿעדערן. און אויף קליינע בענקעלעך, וואָס זענען מיט גאָלד און זילבער געווען באַשלאָגן, זענען געשטאַנען בראָנדזענע טעצלעך מיט ווייראויך און דער געשמאַקער ריח פֿון די בשׂמים האָט זיך געטראָגן ווײַט־ווײַט און האָט דערגרייכט צום ברעג נאָך איידער די שיף איז צוגעקומען אַהין.

ב

אַנטאָני איז געבליבן שטיין ווי אַ פֿאַרכישופֿטער, ווען קלעאָפּאַטרעס שיף האָט זיך בײַם ברעג אָפּגעשטעלט, און נאָך מער פֿאַרכישופֿט איז ער געווען, ווען ער איז אויף דער שיף אַרויף און איז צוגעקומען צו דער ווייכער סאָפֿע, וואו קלעאָפּאַטרע איז געלעגן, אָנגעטאָן ווי ווענוס, די געטין פֿון שיינקייט. ער איז געווען צעטומלט, צעמישט. און ווען ער האָט פֿאַר איר געגעבן אַ פֿאַל אויף איין קני, האָט ער ניט געקענט געפֿינען קיין ווערטער איר צו זאָגן וואָס ער האָט געוואָלט. און אַזוי איז ער פֿאַר איר אויף איין קני געשטאַנען, ביז זי האָט דעם קאָפּ עטוואָס פֿונעם זײַדענעם קישעלע אויפֿגעהויבן און געגעבן אַ זאָג צו אים מיט אַ שמייכל:

— ווענוס, די געטין פֿון שיינקייט, איז צופֿרידן אויפֿצונעמען בײַ זיך דיאָניסוסן, דעם גאָט פֿון ווײַן...

ערשט דאַן איז ער פֿון דער פֿאַרכישופֿטקייט אַרויס און ער האָט זיך צעלאַכט הויך אויפֿן קול:

— כאַ־כאַ־כאַ! די געטין פֿון שיינקייט און דער גאָט פֿון ווײַן!..

און באַלד איז ער געוואָרן היימיש און האָט איר געהאָלפֿן פֿון דער וויכער סאָפֿע זיך אויפֿהייבן און איז מיט איר איבער די קאַבינעצן פֿון דער גרויסער שיף געגאַנגען און האָט אַלץ באַוואונדערט און פֿון אַלעם געגאַפֿט. און ווען זי האָט אים אַרײַנגעפֿירט צו דער סעודה, וואָס זי האָט צוגעגרייט פֿאַר אים און פֿאַר זײַנע געסט, האָט ער זיך ניט געקענט אָפּלויבן פֿון דעם, וואָס זײַנע אויגן האָבן געזען.

אינעם גרויסן זאַל פֿון דער שיף זענען בײַ די ווענט אין אַ קײַלעכדיקער ראָד געשטאַנען צוועלף ווייכע דיוואַנען, באַשלאָגן מיט טײַערע געשטריקטע שטאָפֿן און באַלייגט מיט זײַדענע קישעלעך פֿון פֿאַרשיידענע קאָלירן, און בײַ יעדן דיוואַן איז געשטאַנען אַ גרויסער טיש, און אויף יעדן טיש זענען געווען אויסגעשטעלט גילדענע און זילבערנע כּלים, און די גרויסע ווײַן־בעכערס זענען געווען באַזעצט מיט דימענטן און בריליאַנטן. די ווענט זענען געווען באַפּוצט מיט די טײַערסטע געשטריקטע טעפּעכער פֿון פּורפּור־רויטן קאָליר און דער גאַנצער דיל איז געווען באַשאָטן מיט פֿרישע בלומען, און עס האָט געשמעקט און געפֿינקלט אַרום און אַרום.

— דאָס איז געטלעך! — האָט מאַרק אַנטאָני אויסגעדריקט זײַן באַגײַסטערונג — איך האָב אין ערגעץ נאָך אַזאַ שיינקייט און אַזאַ רײַכקייט ניט געזען!

— און דאָס איז פֿון דײַן כּבֿוד וועגן, מאַרק אַנטאָני — האָט קלעאָפּאַטרע מיט אַ ליבלעכן שמייכל געזאָגט צו אים.

— איך שעץ דאָס הויך — האָט ער זיך פֿאַר איר גענייגט — אויך רוים וועט וויסן ווי דאָס צו שעצן...

ווען אַלע האָבן זיך בײַ די טישן אויסגעזעצט און מ׳האָט אָנגעהויבן עסן און טרינקען, האָט קלעאָפּאַטרע געפֿונען אַ געלעגנהייט זיך צו ווײַזן פֿאַר דעם נײַעם הערשער פֿון רוים אין איר פֿולן גלאַנץ; זי האָט מיט די קליגסטע לײַט, וואָס זי האָט פֿון אַלעקסאַנדריע געבראַכט, גערעדט וועגן הויכע זאַכן און זי האָט אין דעם אַרויסגעוויזן איר גרויסע באַהאַוונטקייט, און יעדע באַמערקונג וואָס זי האָט געמאַכט האָט אַרויסגערופֿן די באַוואונדערונג פֿון די קליגסטע לײַט פֿון רוים און אַלעקסאַנדריע. זי האָט אויך אַרויסגעוויזן אירע גרויסע קענטעניש אין שפּראַכן; צו די רוימער האָט זי גערעדט אויף לאַטײַן, צו די גריכן אין דער געזעלשאַפֿט האָט זי גערעדט גריכיש. און זי האָט אוממיסטן, נאָך פֿון פֿריִער, צוגעגרייט מענטשן פֿון אַנדערע פֿעלקער — ייִדן, אַראַבער, פּערסיער, עטיאָפּיער און אַנדערע, און צו יעדן איינעם פֿון זיי האָט זי אויף זײַן שפּראַך גערעדט. און געטאָן האָט זי דאָס אַזוי, אַז מ׳זאָל זען ווי לײַכט ס׳איז איר איבערצוגיין פֿון איין שפּראַך צו דער אַנדערער.

און יעדן איינעם האָט זי געהאַט וואָס צו זאָגן. און מיט יעדן איינעם האָט זי געוואוסט פֿון וואָס צו רעדן און ווי אַזוי אים אין אַ געשפּרעך אַרײַנצוציִען. און זי האָט געשײַנט מיט אירע קענטעניש, פּונקט ווי זי האָט געשײַנט מיט איר שיינקייט. און אויך אין טרינקען ווײַן איז זי ניט אָפּגעשטאַנען אין גאַנצן, אָבער געטרונקען האָט זי אַזוי, אַז מ׳זאָל מיינען, אַז זי טרינקט אַ סך, כאָטש אין דער

אמתן האָט זי געטרונקען ווייניק. און טרינקענדיק און אונטערהאַלטנדיק אַנדערע און אויך זיך אַליין, האָט זי די גאַנצע צײַט געהאַלטן אַן אויג אויף מאַרק אַנטאָנין. און אַלע מאָל, ווען ער האָט אין דער האַנט אַרײַנגענומען אַ גילדענעם בעכער אָדער אַן אַנדער טײַערע כּלי, וואָס איז מיט דימענטן און ברילִיאַנטן געווען באַשלאָגן, און ער האָט געזאָגט, אַז ער באַוואונדערט דאָס, האָט זי אים מיט אַ שמייכל שטיל געזאָגט:

— און דאָס איז אַ מתנה פֿאַר דיר, מאַרק אַנטאָני... נעם עס...

און ער האָט גענומען, און דערבײַ האָט ער אַלע מאָל אַלץ דאָס זעלבע געזאָגט:

— איך שעץ דאָס הויך און אויך רוים וועט וויסן ווי דאָס צו שעצן...

ווען מ׳איז פֿאַרטיק געוואָרן מיט דער סעודה בײַם טיש, זענען אַלע אַרויס אויפֿן דעק פֿון דער שיף און דאָרט האָבן זיי ווידער געהאַט וואָס צו באַוואונדערן.

איבערן גאַנצן דעק פֿון דער אויסגעפּוצטער שיף זענען אין דער הויך גע־האַנגען אַנגעצונדענע לאַמטערנעס פֿון פֿאַרשיידענע קאָלירן און געהאַנגען זענען זיי אַזוי, אַז מיט די פֿײַערלעך, וואָס האָבן אין זיי געברענט, האָבן זיי אין דער הויך אָנגעצייכנט קײַלעכדיקע רעדער, פֿיר־עקעדיקע קעסטעלעך און אויך האַלבע לבֿנות. און ווײַל עס איז אַרום און אַרום, אין דער ווײַטקייט פֿונעם גרויסן טײַך, געווען פֿינצטער, און די שיף האָט זיך אויפֿן וואַסער לײַכט געוויגט, האָט אַלץ אויסגעזען זייער פֿאַנטאַסטיש, פֿול מיט סודות פֿון דער נאַכט. און דאָס האָט געווירקט אויף די געסט, וואָס זענען שוין געווען ניט אין גאַנצן ניכטער פֿון דעם שטאַרקן ווײַן וואָס זיי האָבן געטרונקען; אַלע האָבן זיך צעלייגט אויף די גע־שטריקטע טעפּעכער, וואָס מ׳האָט פֿאַר זיי צוגעגרייט, און דאַן האָט קלעאָפּאַטרע געהייסן אַרײַנפֿירן די שקלאַפֿן־טענצערינס, וואָס זי האָט מיט זיך געבראַכט, און די האַלב־נאַקעטע מיידלעך מיט די שלאַנקע פֿיגורן און שיין געטאָקטע פֿיס האָבן זיך געגעבן אַ לאָז אין אַ ווילדן טאַנץ, און דאַן האָבן זיך בײַ אַלע געסט די בלוטן אָנגעצונדן, און ווער עס האָט נאָר געוואָלט, האָט צו זיך אויפֿן געשטריקטן טעפּעך אַ האַלב־נאַקעטע טענצערין צוגעצויגן און האָט זי אין זײַן אויפֿגערייצטער תאווה געהאַלדזט און געקושט...

און באַדינער, וואָס האָבן זיך אין שײַן פֿון די אָנגעצונדענע לאַמטערנעס ווי די שאָטנס באַוועגט, האָבן אַלע מאָל צו אַן אַנדערן פֿון די געסט ווײַן צוגע־טראָגן. און שפּעטער, ווען די פֿײַערלעך אין די לאַמטערנעס האָבן זיך אויסגעלאָשן און ס׳איז אַרום און אַרום געוואָרן שטאַק פֿינצטער, האָבן זיך קולות פֿון ווילדקייט געמישט מיט דעם שטילן שעפּטשען פֿון תאווה. און די שיף האָט זיך שטיל אויפֿן וואַסער געוויגט...

ג

און אין אַן אַנדער ווינקל, אויפֿן דעק פֿון שיף, ווײַט פֿון די אַנדערע געסט, איז קלעאָפּאַטרע געזעסן אויף אַ נידעריקן דיוואַן, אַ ווייכן. זי איז געזעסן האַלב־ליגנדיק, אָנגעלענט אויף עטלעכע זײַדענע קישעלעך, און בײַ אירע פֿיס איז אויף אַ געשטריקטן טעפּעך געזעסן מאַרק אַנטאָני...

ער איז אויך ניט געווען אין גאַנצן ניכטער, דער מעכטיקער הערשער פֿון רוים. דערצו איז ער נאָך געווען פֿאַרשיכּורט פֿון אַלץ, וואָס ער האָט הײַנט אויף דער שיף געזען און געהערט. און כאָטש דער קאָפּ האָט זיך אים אַ ביסל געדרייט, האָט ער דאָך געטראַכט וועגן דעם, וואָס דאָס לאַנד מצרים איז פֿול מיט רײַכקייט און מיט גאָלד און זילבער. און טראַכטנדיק וועגן דעם, איז ער געקומען אַלץ צו דעם זעלבן שלוס, אַז קלעאָפּאַטרע, די קיניגין פֿון מצרים, וועט אים גוט צו נוץ קומען אין דעם, וואָס ער האָט שוין פֿאַרטראַכט ווי אַזוי צו באַפֿעסטיקן זײַן מאַכט אַזוי, אַז ער זאָל זײַן פֿרײַנד אָקטאַוויאַנוס אין גאַנצן קענען באַזײַטיקן און אַליין ווערן דער הערשער פֿון דער רוימישער אימפּעריע. ער האָט אים שוין מער ניט געדאַרפֿט, דעם פֿרײַנד, וואָס האָט אים געהאָלפֿן אין דער פֿאַרשווערונג קעגן קאַסיוסן און ברוטוסן. ער האָט אים שוין אויך געוואָלט אָפּראַמען פֿונעם וועג...

דער אײַנדרוק, וואָס קלעאָפּאַטרע האָט אויף אים געמאַכט בײַ דער ערשטער באַגעגעניש אויף דער שיף האָט אים שוין געהאַט אַרײַנגעבראַכט אין אַזאַ שטימונג, וואָס האָט זיך שווער געלייגט אויף זײַן געמיט; עפּעס איז זי דעם גאַנצן אָוונט געווען צו ערנצט, צו קלוג, אַרויסגעוויזן אַ סך וויסן און קענטעניש אין די געשפּרעכן, וואָס זי האָט געפֿירט מיט די קלוגע לײַט פֿון מצרים און פֿון רוים; און דער עיקר — אין איר באַנעמונג האָט זי זיך די גאַנצע צײַט געהאַלטן אַזוי, פּונקט ווי זי וואָלט טאַקע געווען ניט אַזאַ, ווי עס איז דער שטייגער פֿון אַ שיינער פֿרוי צו זײַן, נאָר ווי אַ געטין, די געטין פֿון שיינקייט; זי האָט אַלץ אין אַ שלייער פֿון געהיימענישן אײַנגעהילט; די גאַנצע סעודה האָט זי אײַנגעאָרדנט אַזוי, אַז אַלצדינג זאָל זײַן פֿאַנטאַסטיש און זאָל מאַכן דעם אײַנדרוק פֿון עפּעס, וואָס איז ניט מענטשלעך, נאָר געטלעך. און דאָס איז מאַרק אַנטאָנין געווען ניט אין גאַנצן צום האַרצן, און ס'האָט זיך שווער געלייגט אויף זײַן געמיט...

ער, דער געזונטער, קרעפֿטיקער רוימער, וועלכער איז אין וואוקס פֿונעם אָקסל אַרויף געווען העכער פֿון אַלע אַנדערע, האָט אין אַלגעמיין ניט ליב געהאַט קיין געטלעכקייט. ער האָט אין האַרצן געלאַכט פֿון דעם, וואָס קלעאָפּאַטרע מאַכט אָן אָנשטעל, אַז זי איז ווענוס, די געטין פֿון שיינקייט, פּונקט ווי ער האָט געלאַכט פֿון דעם, וואָס זי רופֿט אים דיאָניסיוס, דער גאָט פֿון ווײַן. ער האָט ניט געהאַלטן פֿון די אַלע געטער, אין וועלכע דאָס פֿאָלק האָט געגלויבט; ער איז געווען דורך און דורך אַ זעלנער, אַ פּשוטער מענטש פֿון פֿלייש און בלוט. און זיצנדיק אַזוי לעבן קלעאָפּאַטרען, האָט ער געפֿילט ווי איר יונג לײַב רייצט אים אַזוי, אַז אַלע בלוטן צינדן זיך אין אים אָן, און ער האָט זיך מיט אַ מאָל שטאַרק פֿונאַנדערגעלאַכט.

— פֿון וואָס לאַכסטו דאָס אַזוי, מאַרק אַנטאָני? — האָט קלעאָפּאַטרע אים געפֿרעגט.

— איך לאַך פֿון דעם — האָט ער געענטפֿערט — וואָס דער גאָט פֿון ווײַן האָט איצט אַ שטאַרקן פֿאַרלאַנג צו גיין שלאָפֿן מיט דער געטין פֿון שיינקייט...

און קלעאָפּאַטרע האָט זיך ניט פֿאַרשעמט, ווען זי האָט דאָס פֿון זײַנע ליפּן דערהערט. זי האָט געוואַרט, אַז ער זאָל דאָס זאָגן, און זי האָט זיך אויך שטאַרק

צעלאַכט. זי איז באַלד פֿון דער גאַנצער געטלעכקייט אירער אַרויס, און צובייגנ־דיק זיך מיט די ברוסטן צו אַנטאָניק, האָט זי געזאָגט:

— און די געטין פֿון שיינקייט איז גרייט נאָכצוגעבן דעם פֿאַרלאַנג פֿון דעם גאָט פֿון ווײַן...

און צולייגנדיק די ליפּן צו זײַן אויער, האָט זי מיט אַ הייסן אָטעם שטיל אַרײַנגעשושקעט:

— און די געטין פֿון שיינקייט איז זיכער, אַז דער גאָט פֿון ווײַן וועט דאָס הויך שעצן, און אַז אויך רוים וועט וויסן ווי דאָס אָפּצושעצן...

ער איז שוין געווען גרייט צו גיין מיט איר אין דער קאַבינע, וואו איר בעט איז געשטאַנען, אָבער זי האָט אים אָפּגעשטעלט מיט אַ מאַך פֿון דער האַנט.

— זאָל מאַרק אַנטאָני זיך ניט אײַלן — האָט זי אים מיט אַ שמייכל געזאָגט — די נאַכט איז נאָך גרויס, און מיר דאַרפֿן פֿריִער וועגן זייער וויכטיקע זאַכן זיך צונויפֿרעדן...

— נאָך דעם... נאָך דעם... — האָט דער גאָט פֿון ווײַן ניט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטן.

— ניין, פֿאַר דעם... — האָט די געטין פֿון שיינקייט זיך ניט געאײַלט.

און זי האָט זיך גלײַך גענומען שאָפֿן מיט אים:

— זעץ זיך אַוועק לעבן מיר, מאַרק אַנטאָני — האָט זי צו אים געזאָגט — פּרוּוו זײַן רויִק, טראַכט ניט וועגן דעם שטאַרקן פֿאַרלאַנג, וואָס דו האָסט איצט צו מיר, און הער זיך גוט צו צו דעם, וואָס איך וועל זאָגן...

ער האָט געפֿאָלגט און זי האָט אָנגעהויבן:

— מײַן שוועסטער — האָט זי געזאָגט — די פּרינצעסין אַרסינאָע, געפֿינט זיך איצט אין אַ הייליקן טעמפּל ווײַט פֿון אַלעקסאַנדריע. איך האָב זי אַהין פֿאַר־שיקט, ווײַל זי איז מיר געשטאַנען אין וועג. זי האָט נאָך אָבער אַלץ ניט אויפֿגע־געבן די האָפֿענונג מיך פֿון טראָן אַרונטערצוזעצן און אַליין ווערן די קיניגין פֿון מצרים... קלאַנגען האָבן דערגרייכט צו מײַנע אויערן, אַז דער גײַסטלעכער דאָרט — אַרטעמוס איז זײַן נאָמען — רופֿט זי ניט אַנדערש ווי נאָר „קיניגין״. זי איז פֿאַר מיר אַ שטערונג און מ׳דאַרף זי פֿון וועג אַפּראַמען... און איך וויל וויסן: וואָס קען רוים טאָן, אַז מײַן שוועסטער זאָל מיר ניט זײַן אין וועג?..

זי האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן וועגן איר שוועסטער אַרסינאָע, אָבער מאַרק אַנטאָני האָט קיין געדולד ניט געהאַט אויסצוהערן איינצלהייטן וועגן דעם. ער האָט געוואָלט, אַז קלעאָפּאַטרע זאָל שוין וואָס גיכער ענדיקן און גיין מיט אים אין דער באַזונדערער קאַבינע, וואו ער וועט מיט איר די גאַנצע נאַכט פֿאַרברענגען. האָט ער קיין סך ניט געקלערט, און איבעררהאַקנדיק קלעאָפּאַטרען אין מיטן די רייד, האָט ער מיט אַ פֿעסטער שטים געגעבן אַ זאָג שנעל:

— אויף מײַן באַפֿעל וועלן מאָרגן פֿאַר טאָג, נאָך איידער די זון וועט אַרויס, געשיקט ווערן מענטשן אין יענעם הייליקן טעמפּל, וואו דײַן שוועסטער געפֿינט זיך, און זיי וועלן איר אָפּהאַקן דעם קאָפּ... איך שווער, אַז דאָס וועט געטאָן ווערן!

— גוט! — איז קלעאָפּאַטרע פון זײַן באַשלוס געווען צופרידן, און ווען ער האָט זיך געגעבן אַ הייב אויף אין זײַן פולער הויך און איז שוין געווען גרייט צו גיין און זי אויך נעמען מיט זיך, האָט זי אים צוריק אָוועקגעזעצט.

— זאָל זיך דער גאָט פון ווײַן ניט אײַלן — האָט זי אים געזאָגט און פון איר ליַיב האָט געאָטעמט מיט תאווה — זאָל ער זיך ניט אײַלן צו דערגרייכן דאָס, אין וואָס ער איז שוין זיכער... די נאַכט איז נאָך גרויס און אין דער געטין פון שיינקייט איז דער קוואַל פון ליבע ניט אויסגעשעפּט... זיץ לעבן מיר רואיק און הער ווײַטער.

ער האָט געפאָלגט און זי האָט ווײַטער גערעדט:

— פונקט ווי מײַן שוועסטער, איז פאַר מײַן קרוין און אויך פאַר דער מאַכט פון רוים געפערלעך נאָך אַ מענטש. און דאָס איז סעראַפּיאָן, דער שני למלך פון מײַן קיניגרײַך אויפן אינדזל ציפערן... אין איינעם מיט מײַן שוועסטער האָט ער שוין געהאַט אָנגעבאָטן הילף דײַנע צוויי פײַנד, קאַסיוסן און ברוטוסן, די מערדער פונעם צעזאַר, וועלכער איז, ווי דו ווייסט געוויס, דער פאָטער פון מײַן קינד. ביידע, סעראַפּיאָן און מײַן שוועסטער, האָבן קאַסיוסן און ברוטוסן געוואָלט געבן די שיפן פון מצרים אין דער מלחמה קעגן דיר. סעראַפּיאָן האָט מיט זיי אויסגענומען, אַז נאָך דעם ווי זיי וועלן בײַקומען דיך און דײַנע לעגיאָנען, זאָל מען בײַ מיר צונעמען די קרוין און מאַכן מײַן שוועסטער אַרסינאָע פאַר דער קיניגין פון מצרים. פון דעם קען זײַן קלאָר פאַר דיר, מײַן פרײַנד מאַרק אַנטאָני, אַז די מענטשן וואָס זענען מײַנע שונאים זענען אויך דײַנע שונאים. איינער פון זיי איז סעראַפּיאָן. און איך וויל וויסן, וואָס וועט רוים טאָן מיר צו העלפן אים אָפּראַמען פונעם וועג?

— אים אָפּהאַקן דעם קאָפּ! — האָט מאַרק אַנטאָני מיט אומגעדולד אַרויסגעברומט פון צווישן די ציין.

— ווען? — האָט קלעאָפּאַטרע אים געשטעלט אַ פראַגע.

און ער האָט געענטפערט:

— אויף מײַן באַפעל וועלן מאָרגן אין דער פרי, ווען דער טוי וועט נאָך ליגן אויף די פעלדער, אַרויסגעשיקט ווערן מענטשן אויפן אינדזל ציפערן, און דאָרט וועלן זיי סעראַפּיאָנען אָפּהאַקן דעם קאָפּ...

— גוט! — איז זי פון זײַן ענטפער געווען צופרידן.

ער האָט געמיינט, אַז זי איז שוין פאַרטיק צו גיין מיט אים, און ער האָט זי געגעבן אַ כאַפּ אויף די הענט און איז שוין געווען גרייט זי אַרײַנצוטראָגן אַהין, וואו דאָס בעט שטייט שוין גרייט. אָבער איין וואָרט אירס איז געווען גענוג, ער זאָל איר ווערן אונטערטעניק און טאָן, וואָס זי הייסט. און באַלד איז ער שוין ווידער געזעסן לעבן איר אויף דעם זעלבן פלאַץ ווי פריִער און האָט זיך צוגעהערט צו דעם וואָס זי רעדט:

— נאָך אַ קלייניקייט — האָט זי געזאָגט — און איך בין פאַרטיק...

זי איז געווען זייער צופרידן דערפון,די קיניגין פון מצרים, וואָס ער גלוסט אַזוי צו איר און וואָס די תאווה ברענט אַזוי אין אים. און פונקט ווי זי וואָלט גאָר

אין גאַנצן ניט געטראַכט וועגן דעם, וואָס ער וויל אַצינדער, האָט זי אים רואיק און געלאַסן אָנגעהויבן דערציילן אַ גאַנצע געשיכטע:

— דאָס איז געשען — האָט זי געזאָגט — נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען יוליוס צעזאַר האָט אין גאַנצן פּאַרטיליקט די חיילות פון מצרים. מײַן ברודער, טאַלמי דער פערצנטער, דער קיניג פון מצרים, איז דאַן אומגעקומען. ער איז דערטרונקען געוואָרן. ווען מ'האָט אים פון וואַסער אַרויסגעצויגן, האָט מען זײַן טויטן קערפּער דערקענט. און ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז זײַן טויט איז פאַר מיר געווען אַ פרייד, ווײַל ווען ער האָט געלעבט, איז ער פאַר מיר געווען אַ שטערונג צו דער קרוין... אין מצרים איז מען די גאַנצע צײַט געווען זיכער, אַז ער איז טויט. אָבער די לעצטע צײַט האָט זיך מיט אַ מאָל באַוויזן אַ יונגערמאַן, וואָס מאַכט גרויס טומל און דערציילט אומעטום, אַז איך האָב אוממיסטן אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז דער קיניג טאַלמי, מײַן ברודער, איז דערטרונקען געוואָרן; אויף אַלע געמאַרקן און אין אַלע שטעט שרײַט ער, אַז דער קיניג טאַלמי לעבט און אַז ער איז דאָס דער קיניג טאַלמי... און עס געפינען זיך מענטשן, וואָס גלויבן אים, און זיי זאָגן, אַז ניט איך דאַרף קיניגן איבערן לאַנד מצרים, נאָר ער... איך ווייס וואו ער געפינט זיך אַצינדער און איך וויל וויסן: וואָס דענקט רוים צו טאָן מיט אים?

— אים אָפּהאַקן דעם קאָפּ! — האָט מאַרק אַנטאָני פון צווישן די ציין אַרויסגעברומט — אים אָפּהאַקן דעם קאָפּ!..

ער איז געווען גרייט אַרויסצוגעבן אַ באַפעל, אַז מ'זאָל אַ וועלט מיט מענטשן אָפּהאַקן די קעפּ, אַבי קלעאָפּאַטרע זאָל שוין ענדיקן און גיין מיט אים אַהין, וואו עס שטייט איר בעט. און ווען זי האָט געזאָגט, אַז דערווײַל האָט זי געענדיקט און אַז זי דאַנקט אים זייער דערפאַר, וואָס ער האָט זי פאַרשטאַנען און אַזוי פיל פרײַנדשאַפט אַרויסגעוויזן, האָט ער זי געגעבן אַ כאַפּ אויף די הענט און האָט זי אַוועקגעטראָגן אַהין...

דאָרט האָט די געטין פון שיינקייט נאָכגעגעבן דעם פאַרלאַנג פון דעם גאָט פון ווײַן...

און פאַר טאָג, ווען די זון איז אויפגעגאַנגען אין מזרח, האָבן אויף דער שיף אַלע שוין געוואוסט, וואָס ס'איז אין יענער קאַבינע געשען בײַ נאַכט און איינער דעם אַנדערן האָט שטילערהייט און מיט אַ ברייטן שמייכל די גרויסע בשורה אָנגעזאָגט:

— איצט איז דאָס קיניגרײַך פון מצרים שוין פאַרזיכערט...

— רוים וועט דאָס קיניגרײַך פון מצרים שוין ניט אײַנשלינגען...

און אַלט געווען איז קלעאָפּאַטרע דעמאָלט ניט מער ווי זיבן און צוואַנציק יאָר...

ד

פאַרשיכורט פון די נעכט פון ליבע, וואָס האָבן אַלץ מער צערייצט די גרויסע תאווה אין אים, האָט מאַרק אַנטאָני בלויז די ערשטע עטלעכע טעג

אויף דער שיף זיך געהאַלטן אַזוי, אַז קלעאָפּאַטרע זאָל זען ווי אײדל און ווי צאַרט ער קען זײַן אין זײַן ליבע צו אַ פֿרוי. נאָך דעם אָבער האָט ער שוין פֿאַר איר מער זײַן זעלנערישע גראָבקייט ניט געדאַרפֿט פֿאַרשטעלן. עס איז שוין ניט געווען נייטיק ער זאָל דאָס פֿאַרשטעלן. ער האָט זיך שוין געקענט ווײַזן פֿאַר איר אַזוי ווי ער איז. און אַלע מאָל, ווען ער האָט געפֿילט ווי די ליפּן צינדן זיך בײַ אים אָן פֿון דעם שטאַרקן באַגער צו פֿילן איר לײַב און איר ברענענדיקע תּאווה, האָט ער דאָס איר געקענט זאָגן אָפֿן. און אַ מאָל האָט זי גאַרניט געוואַרט ביז ער וועט דאָס איר זאָגן; עס איז געווען גענוג, אַז זי זאָל דערזען דאָס באַקאַנטע פֿײַערל אין זײַנע אויגן, און זי אַליין האָט אים מיט אַ הייסן אָטעם שטילערהייט אין אויער אַרײַנגעשושקעט:

— איך ווייס, אַז דו ווילסט איצט זאָגן, אַז דער גאָט פֿון ווײַן וויל גיין שלאָפֿן מיט דער געטין פֿון שיינקייט...

און צו דעם האָט זי בלויז איין וואָרט צוגעגעבן:

— קום!..

עס איז ניט אַוועק קיין איין אָוונט, אַז קלעאָפּאַטרע זאָל אויף דער שיף ניט פּראַווען קיין גרויסע סעודה פֿאַר דעם מעכטיקן הערשער פֿון רוים. זי האָט אים די גאַנצע צײַט ניט אָפּגעלאָזן פֿון זיך און זי האָט שוין געזען, אַז יעדע סעודה זאָל אַריבערשטײַגן די פֿריערדיקע מיט רײַכקייט און גלאַנץ. אויף איר באַפֿעל האָט מען אַלע מאָל אַנדערע גילדענע און זילבערנע כּלים אויף די טישן אַוועק־געשטעלט, און אַנדערע מאכלים און געטראַנקען דערלאַנגט, און אַנדערע טײַערע מתּנות צווישן די געסט צעטיילט. זי האָט אַלץ געוואָלט, אַז מאַרק אַנטאָני זאָל גאַפֿן, ער זאָל זײַן איבערראַשט פֿון דער גרויסער רײַכקייט, פֿון דעם ברייטן פֿאַרנעם. און דערבײַ האָט זי אין זינען געהאַט אַזוינס, וואָס זי האָט נאָך מורא געהאַט צו טראַכטן וועגן דעם צו אָפֿט און זי האָט דאָס אַלץ אָפּגעלייגט אויף שפּעטער...זי האָט געטראַכט, אַז מיט דער הילף פֿון מאַרק אַנטאָני וועט זי איר קינד, דאָס ייִנגל וואָס זי האָט געבוירן פֿון יוליוס צעזאַר, אפֿשר קענען ברענגען צו דער מאַכט איבער דער גאַנצער רוימישער אימפּעריע, און ביז ער וועט אויסוואַקסן, וועט זי דערווײַל רעגירן...

אַלץ מיט דער הילף פֿון מאַרק אַנטאָני...

אויף דער לעצטער סעודה, וואָס זי האָט אויף דער שיף געפּראַוועט לכּבֿוד אים, האָט זי געזען, אַז דער גלאַנץ זאָל איבערשטײַגן די אַלע פֿריערדיקע סעודות. און דאַן האָט מען, אויף איר באַפֿעל, אויפֿן דיל פֿונעם גרויסן זאַל אויסגעשפּרייט אַזוי פֿיל בלומען, אַז זיי זענען געווען ניט ווייניקער ווי צוויי איילן די טיף. און איבער זיי האָט מען אַ געשטריקטע נעץ אויסגעצויגן און צו די עקן פֿון די ווענט צוגעשלאָגן, און עס איז אויסגעקומען, אַז די געסט שפּאַנען אויף אַ טעפּעך פֿון לעבעדיקע בלומען.

און אויף די נידעריקע סאָפֿעס, די ווייכע, האָט מען אַוועקגעלייגט אַזעלכע זײַדענע קישעלעך, וואָס מ׳האָט נאָך פֿריִער ניט געזען.

און אויף די טישן האָט מען צעשטעלט אַזעלכע גילדענע און זילבערנע כּלים, וואָס מ׳האָט נאָך פֿריִער קיין מאָל ניט באַמערקט.

און דער וויַן, וואָס מ׳האָט געטרונקען, איז געווען אַזאַ, וואָס מ׳האָט נאָך פריִער ניט פאַרזוכט.

און ווען די סעודה האָט זיך געענדיקט, האָט קלעאָפּאַטרע אַליין צווישן די רוימישע געסט מתנות צעטיילט. איטלעכער באַזונדער האָט פון איר געקראָגן אַ מתנה לויט זײַן ראַנג. און באַגלייטנדיק זיי פונעם ברעג צוריק אין שטאָט אַרײַן, האָט זי פאַר זיי אַלע, ווי עס פּאַסט פאַר אַזעלכע חשובע לײַט, באַזונדערע טראָג־שטולן צוגעגרייט, און אירע שקלאַפן פון מצרים האָבן די רוימישע געסט איבער די פינצטערע גאַסן פון טאַרסוס געטראָגן. אין פאַרויס זענען געגאַנגען האַלב־נאַקעטע מענטשן מיט לײַבער פון בראָנדז, און אין די הענט האָבן זיי געטראָגן אָנגעצונדענע פאַקלען צו באַלײַכטן דעם וועג, און לעבן זיי האָט אַ קאַפּעליע געשפּילט אויף פלייטן, פײַפלעך און אויך אויף האַרפעס. און אַלע רוימישע געסט אויף די טראָגשטולן זענען געווען שיכור פאַר פרייד און פון וויַן. און מער ווי אַלע אַנדערע, איז געווען באַזופן מאַרק אַנטאָני אַליין. עס איז צו זײַן גרויסער פרייד דאָן גאָר קיין ברעג ניט געווען. און אַלע מאָל האָט ער מיט זײַן קול געוואָלט אונטערכאַפּן די אייגנטאָניקע מזרח־מעלאָדיע, וואָס די קאַפּעליע האָט געשפּילט, אָבער דאָס האָט זיך אים אַלץ ניט אײַנגעגעבן און ער האָט דערפאַר געלאַכט און געלאַכט אַזוי הילכיק, אַז זײַן געלעכטער האָט ווײַט־ווײַט אָפּגעקלונגען:

— כאַ־כאַ־כאַ!

און:

— כאַ־כאַ־כאַ!

עס איז אים געווען גוט, דעם מעכטיקן הערשער פון רוים. קיינער איז צו אים ניט געווען גלײַך. דער גורל פון לענדער און פעלקער איז געלעגן בײַ אים אין די הענט. ער האָט געקענט אַרונטערוואַרפן קיניגן און אַרויפזעצן אַנדערע אויף זייער אָרט. זײַן מאַכט האָט זיך איבער אַ האַלבער וועלט געשפּרייט. און די נעכט פון תאווה מיט קלעאָפּאַטרען אויף דער שיף זענען אים נאָך אין טעם געלעגן און ער האָט געוואוסט, אַז עס וועלן זײַן נאָך און נאָך אַזעלכע נעכט...

צענטער קאַפּיטל

אויף קלעאָפּאַטרעס וועגן

א

אין אַלע הויפּטשטעט פון די מזרח־לענדער, וואָס זענען אונטער דער רוימישער הערשאַפט געשטאַנען, האָט מען אויף אַלע געמאַרקן גערעדט וועגן דעם, ווי אַזוי מאַרק אַנטאָני פירט זיך אויף אין אַלעקסאַנדריע, די הויפּטשטאָט פון מצרים.

מ׳האָט דערציילט:

— ער איז אין גאַנצן בײַ דער קיניגין קלעאָפּאַטרע אין די הענט און זי טוט מיט אים אַלץ, וואָס זי וויל נאָר...

— ער איז בײַ איר פונקט ווי אַ שקלאַף...

— אין אירע אָרעמס האָט ער אין גאַנצן פאַרגעסן צוליב וואָס ער איז פון רוים געקומען.

— און ער טוט אַזעלכע זאַכן, וואָס פּאַסן זיך גאָרניט פאַר מענטשן אין זײַן שטאַנד.

— אָפט מאָל, ווען ער איז שיכור פון ווײַן און פון ליבע, פאַרשטעלט ער זיך פאַר אַ שקלאַף און צוזאַמען מיט קלעאָפּאַטרען לאָזט ער זיך אַרויס בײַ נאַכט איבער די גאַסן פון אַלעקסאַנדריע און קלאַפּט אָן אין די טירן און פענצטער פון פרעמדע הײַזער און אַנטלויפט...

— ער איז שטענדיק שיכור פון ווײַן און פון ליבע...

— פונקט ווי אַ יונגל, אַ פאַרשײַטער...

— און ס׳טרעפט, אַז מ׳לויפט אים נאָך און מ׳כאַפּט אים און מ׳שלאָגט אים אָן דערפאַר...

— דער מענטש, וואָס האָט די מאַכט פונעם צעזאַר איבערגענומען, האָט אין גאַנצן די בושה פאַרלוירן...

— און מע דאַרף זיך שעמען דערמיט, וואָס מע דאַרף גאָר אַזאַ הערשער זײַן אונטערטעניק!..

אויך אין די קיניגלעכע הויפן האָט מען וועגן דעם גערעדט. און דאָרטן האָט מען דערבײַ שוין איינער דעם אַנדערן איבערגעגעבן, אַז אין רוים אַליין איז איצטער אויך זייער אומרואיק און אַז מע קען זיך דאָרט ריכטן אויף אַ נײַער איבערקערעניש...

אומעטום האָט זיך אין דער לופט שוין געפילט דאָס אָנקומען פון נײַע געשעענישן. און אויף אַלע וועגן און שטעגן, וואָס האָבן געפירט צו די גרענעצן

פֿון לענדער און מלוכות, האָבן זיך ווידער באַוויזן באַוואָפֿנטע מחנות פֿון פּוס־גייער און רײַטער, און ס'איז ניט אַוועק קיין איין טאָג, אַז מ'זאָל ניט הערן וועגן נײַע חיילות, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן די, וואָס זענען שוין אַרויס אין אַן אָפֿענער מלחמה קעגן דער הערשאַפֿט פֿון רוים איבער די לענדער פֿונעם מזרח.

אויך אין ירושלים איז די אומרואיקייט געווען גרויס. און בײַם קיניג הורקונוס אין הויף האָט מען שוין שטילערהייט גערעדט דערפֿון, אַז מ'קען זיך ריכטן, אַז אויך אין יהודה זאָל דאָס פֿאָלק אויפֿשטיין קעגן רוים. בײַם אַלטן הורקונוס האָבן זיך די פּלייצעס דאָן נאָך מער אײַנגעבויגן, און אַלע מאָל, ווען ער האָט געהערט ווי מ'רעדט דערפֿון, האָט דאָס פּנים בײַ אים זיך ווי פֿון אַ שאַרפֿן ווייטיק פֿאַר־קרימט און ער איז אַוועק ווײַטער, כּדי ער זאָל דאָס ניט הערן. הורדוס איז דאָן גאַנצע טעג געווען פֿאַרנומען און אין איינעם מיט זײַן עלטערן ברודער פֿאַזאָעל האָט ער די גאַנצע שטאָט פֿאַרפּלייצט מיט אויסשפּירער און זיי אָנגעזאָגט צו פֿאַרשרײַבן די נעמען און האַלטן אויפֿן אויג די אַלע מענטשן, וואָס וועלן זיך ערגעץ אַרויסכאַפּן מיט אַ גוט וואָרט אויף אַנטיגאָנוסן דעם חשמונאי, וואָס איז איצט פֿאַרטריבן אין דער פֿרעמד און רײַסט זיך אַזוי מיט אַלע כּוחות צו דער קרוין פֿון דער מלוכה אין יהודה. אַלכּסנדרה, מרימס מוטער, איז געווען אַזוי צעטומלט, אַז זי האָט אַליין ניט געוואוסט מיט וועמען זי זאָל האַלטן, ווײַל אַלע מאָל, ווען זי האָט אָפּגעמאַכט בײַ זיך, אַז זי זאָל זײַן קעגן פֿאָלק, איז איר באַלד אײַנגעפֿאַלן, אַז אפֿשר לוינט זיך דאָס גאַרניט, ווײַל ס'קען דאָך זײַן, אַז אויב דאָס פֿאָלק וועט איצטער טאַקע אַרונטערוואַרפֿן פֿון זיך דעם יאָך פֿון די רוימער, וועט מען איר פֿאָטער הורקונוס אַרונטערזעצן פֿונעם טראָן און איר ייִנגסטער זון אַריסטובולוס וועט ווערן דער קיניג פֿון יהודה...

און מרים האָט זיך ווי אַ שאָטן אַרומגעדרייט אין הויף. זי האָט זייער ווייניק גערעדט און זיך מער צוגעהערט צו דעם וואָס אַנדערע רעדן. און אַלע מאָל, ווען זי האָט געזען ווי הורדוס זיצט אַ פֿאַרטיפֿטער איבער אַ שטיק פּאַרמעט און מאַכט דאָרט סימנים און צייכנס, האָט זי שוין געוואוסט, וואָס דאָס מיינט. און דאָן האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט לעבן אים און אַרונטערלאָזנדיק די אויגן צו דער ערד, האָט זי שטיל און אויך מיט אַ טאָן פֿון ווייטיק, וואָס האָט אין זיך געהאַט אַ סך חן, געזאָגט:

— איך וויל ניט, אַז דו זאָלסט ווידער גיין האַלטן מלחמה!..

און ער האָט צו איר גערעדט, ווי ער וואָלט אין יעדן וואָרט געוואָלט אַרײַנ־געבן דעם תּוך פֿון דער גאַנצער ליבע, וואָס ער האָט געפֿילט צו איר:

— מײַן שיינע מרים, מײַן ליבע מרים, שלעכטע מענטשן האָבן זיך אויף אונדז פֿאַרלייגט. שלעכטע און נאַרישע מענטשן. זיי מיינען, אַז מיט פֿײַער קען מען בלויז די פֿינצטערניש באַלײַכטן און זיי ווייסן ניט, אַז פֿײַער פֿאַרברענט און מאַכט אַש פֿון אַלץ...

אַליין אַ מענטש בײַ וועמען מאַכט איז געווען די וויכטיקסטע זאַך אין דער וועלט, האָט ער בשום אופֿן ניט געקענט פֿאַרשטיין, ווי אַזוי זײַן פֿרײַנד מאַרק אַנטאָני האָט זיך געקענט אַרונטערלאָזן אַזוי נידעריק און ווערן אַ שקלאַף בײַ קלעאָפּאַטרען און דערמיט שטעלן אין סכּנה די גאַנצע מאַכט, וואָס ער האָט אין

די הענט. ער איז געווען אין כעס אויף קלעאָפּאַטרען. ער האָט זי אין געדאַנק מיט די ערגסטע נעמען אָנגערופֿן. און די וועגן אויף וועלכע עס האָבן איצט גע־מאַרשירט די חיילות פֿון די פֿעלקער, וואָס זענען קעגן רוים אויפֿגעשטאַנען, האָט ער געגעבן אַ נאָמען „קלעאָפּאַטרעס וועגן"...

וואָס אַ מאָל איז די לאַגע געוואָרן אַלץ ערנצטער און ערנצטער. איבער אַלע לענדער פֿונעם נאָענטן מזרח האָט זיך אַ פֿײַער צעפֿלאַקערט. און אין יענער צײַט האָט פּאַקאָרוס, דער זון פֿונעם קיניג פֿון פּרת, צונויפֿגענומען אַ סך חיילות פֿון פֿוסגייער און רײַטער; זייער צאָל, האָט מען געזאָגט, איז געווען אַזוי גרויס ווי די זאַמד בײַם ברעג ים, און זיי האָבן געטריבן די רוימישע לעגיאָנען און זיי פֿאַריאָגט פֿון די אַלע ערטער, וואו זיי זענען געשטאַנען. און אין אַ קורצער צײַט האָבן זיי פֿאַרנומען גאַנץ סיריע און האָבן זיך געשפּאַרט נאָך ווײַטער.

עס איז די פּרתים דעמאָלט שוין ניט אָנגעקומען שווער די רוימישע לעגיאָנען צו טרײַבן; אין אַ סך שטעט האָבן די אײַנוואוינער אַליין פֿאַר זיי די טויערן געעפֿנט און זיי אויפֿגענומען מיט פֿרייד. ס'האָט געהייסן, אַז זיי קומען באַפֿרײַען די באַפֿעלקערונג פֿון דעם רוימישן יאָך. און דאָס האָט פֿאַראייניקט אַפֿילו די, וואָס האָבן זיך פֿריִער אַרומגעריסן צווישן זיך. און די רוימישע לעגיאָנען האָבן זיך מער שוין גאָרניט אײַנגעשטעלט פֿאַר דער רוימישער מאַכט; זיי האָבן שוין מער ניט געהאַט דעם מוט וואָס פֿריִער; נאָך איידער די אָנגרײַפֿער זענען צו זיי נאָענט צוגעקומען, האָבן זיי זיך צוריקגעצויגן, און די עלטסטע האָבן זיי ניט געקענט אײַנרעדן, אַז זיי זאָלן זיך שלאָגן. זיי האָבן זיך שוין מער ניט גע־וואָלט שלאָגן פֿאַר רוים אין דער צײַט, ווען מאַרק אַנטאָני אַליין איז אַזוי פֿאַרטאָן אין זײַן ליבע מיט קלעאָפּאַטרען, אַז ער האָט אין גאַנצן פֿאַרגעסן אָן זיי און אויך אָן רוים...

און דאַן האָט אַנטיגאָנוס דער חשמונאי געשלאָסן אַ בונד מיט די פּרתים, אַז זיי זאָלן צוזאַמען מיט זײַנע חיילות גיין אויף יהודה און אים דאָרט אַרויפֿזעצן אויפֿן טראָן...

ער האָט דאַן די פּרתים אַ סך צוגעזאָגט, אַנטיגאָנוס דער חשמונאי. און דער עיקר פֿון דעם, וואָס ער האָט זיי צוגעזאָגט, איז באַשטאַנען אין דעם, אַז נאָך דעם ווי די מלחמה וועט זײַן געענדיקט, וועט ער זיי באַלוינען מיט טויזנט גילדענע רענדלעך און יהודה וועט שטענדיק זײַן מיט זיי אין אַ בונד קעגן דער הערשאַפֿט פֿון רוים.

— מיר ווילן אויף זיך ניט האָבן קיין יאָך פֿון פֿרעמדע! — האָט ער, רעדנ־דיק וועגן דעם, געשריגן אויפֿן קול און זיך אַזוי געוואָרפֿן, אַז די שווערד, וואָס ער האָט געטראָגן, האָט זיך געהאַלטן אין איין שאָקלען אַהער און אַהין — מיר ווילן ניט! און דאָס וועלן מיר קענען דערגרייכן נאָר דאַן, ווען מיר וועלן אַלע זײַן פֿאַראייניקט אין אַ בונד. מיר וועלן לעבן אין שלום מיט אונדזערע שכנים. אָבער זיי, די רוימער, דאַרפֿן מיר דאָ ניט!

ער האָט זיך אַזוי געהיצט, זיך אַזוי געקאָכט, אַז ס'איז גאָר אוממעגלעך געווען אים אײַנצוהאַלטן. און כאָטש קיינער האָט בײַ אים ניט געפֿרעגט ווי אַזוי מ'זאָל די מחנות פֿירן אויף ירושלים, האָט ער שוין אַלצדינג געהאַט פֿאַרטיק:

— איין טייל פֿון די חיילות — האָט ער געזאָגט — וועט זיך די גאַנצע צײַט האַלטן בײַם ברעג ים, און דער צווייטער טייל וועט אָנפֿאַלן אויף יהודה אויפֿן וועג פֿון דער יבשה. אויב דער ערשטער אָנגריף וועט זיך ניט אײַנגעבן, וועט דאַן קומען צו הילף יענער טייל, וואָס וועט זיך די גאַנצע צײַט האַלטן בײַם ברעג ים.

פֿון די גאָר גרויסע קריגספֿירער איז אַנטיגאָנוס גראָד ניט געווען. אָבער דערמיט אַליין, וואָס ער האָט זיך אַזוי געהיצט און גערעדט מיט אַזאַ טאָן פּונקט ווי ער וואָלט טאַקע געווען אַ גרויסער העלד, האָט ער אויף דעם עלטסטן פֿון די פּרתּים אַזוי געווירקט, אַז ער האָט זיך טאַקע צוגעהערט צו דעם, וואָס ער האָט געזאָגט, און צו די עצות וואָס ער האָט געגעבן. און ווען איין טייל פֿון די מחנות איז צוגעקומען ביז צום באַרג כּרמל, און אַ סך ייִדן זענען דאָרט אַרויסגעגאַנגען אַקעגן און זיך אָנגעשלאָסן אָן די חיילות, וואָס זענען אויף ירושלים געגאַנגען, זענען די פּרתּים שוין געווען זיכער, אַז אַנטיגאָנוס איז אַ גרויסער קריגספֿירער און אַז ער איז בײַם פֿאָלק טאַקע זייער שטאַרק באַליבט.

אַפֿילו אַנטיגאָנוס אַליין האָט אָנגעהויבן צו גלויבן אין דעם. און ער האָט געהאָפֿט, אַז דער גאָט פֿון ישׂראל וועט אים איצטער שוין מער ניט פֿאַרלאָזן, און ער האָט זיך שוין פֿאַרגעשטעלט ווי די שיינע מרים, די טאָכטער פֿון זײַן ברודער אַלכּסנדר, וועט אים אין ירושלים באַגעגענען מיט אָפֿענע אָרעמס און וועט זיך שעצן גליקלעך, ווען ער וועט זי נעמען פֿאַר אַ ווײַב...

רײַטנדיק אויף אַ פֿערד דער ערשטער אין די רייען, האָט ער אונטערגעגעבן מוט די ייִדן, וואָס האָבן זיך אָן די מחנות פֿון די פּרתּים אָנגעשלאָסן.

— קינדער פֿון ישׂראל — האָט ער אויפֿן קול געשריגן, ווען מ'איז צו די טויערן פֿון אַ שטאָט צוגעקומען — זאָל גאָט שטאַרקן אײַערע הענט! געדענקט, אַז דאָס איז אַ מלחמה פֿאַר דער פֿרײַהייט פֿון אונדזער פֿאָלק און פֿאַר דער פֿרײַהייט פֿון אונדזער גלויבן!

די גאַנצע ענערגיע, וואָס האָט זיך אין אים אָנגעקליבן פֿאַר דער צײַט, וואָס ער איז געווען אַ פֿאַרטריבענער אין דער פֿרעמד, האָט איצט פֿון אים ווי פֿון אַ קוואַל געשלאָגן. ער האָט ניט גערוט; ער האָט געיאָגט אַנדערע און אויך זיך אַליין; קיין סכּנה האָט אים ניט געשראָקן; ער איז אומעטום געווען דער ערשטער אין פֿײַער, און אַלע האָבן זײַן העלדישקייט באַוואונדערט.

דאַן האָט דאָס פֿאָלק ווידער דערקענט אין אים דעם חשמונאי, וואָס קען אײַנשטעלן זײַן לעבן פֿאַר דער פֿרײַהייט פֿונעם פֿאָלק און פֿונעם לאַנד. און פֿון אַלע זײַטן האָט מען געשטראָמט אין די רייען פֿון זײַנע מחנות; דער אָנדענק פֿון זײַנע עלטערן און אור־עלטערן, וואָס האָבן גרויס געמאַכט דעם נאָמען פֿון יהודה צווישן די פֿעלקער, האָט ווידער אָנגעצונדן די הערצער און די מוחות פֿונעם פֿאָלק, און אַפֿילו די פּרושים, וואָס זענען פֿריִער געווען קעגן אים, האָבן אומעטום צווישן פֿאָלק געפּריידיקט, אַז מ'זאָל אים העלפֿן אין דער מלחמה. און ווען ער איז מיט זײַנע חיילות צו ירושלים צוגעקומען, האָט מען פֿאַר אים די טויערן פֿון דער שטאָט געעפֿנט, און ווען ער איז אַהין אַרײַנגעפֿאָרן מיט גרויס

נצחון, איז די פרייד אין שטאָט געווען גרויס און אַלע גאַסן זענען פאַרהילכט געוואָרן פון נעם בלאָזן פון שופרות און פונעם שאַלן פון טרומפייטן...

ב

אָבער דאָס אַרײַנקומען קיין ירושלים האָט נאָך אַלץ ניט געמיינט, אַז די גאַנצע שטאָט איז שוין אין די הענט פון אַנטיגאָנוס דעם חשמונאי, און אַז ער איז שוין דער הערשער פון יהודה.

דעם הויף האָט ער ניט געקענט נעמען.

דאָרט האָט הורדוס זיך גוט באַפעסטיקט מיט זײַנע חיילות. ער האָט אינעווייניק און אין דרויסן אַוועקגעשטעלט אַ שטאַרקע וואַך און ניט צוגעלאָזט אַהין די מחנות פון אַנטיגאָנוסן. ער האָט זיי געטריבן אַלץ ווײַטער און ווײַטער, און ווען זיי האָבן זיך באַפעסטיקט אויפן טעמפּל־באַרג, האָט ער דאָרט אין די נאָענטע הײַזער אַרײַנגעזעצט זעלנער, וואָס זאָלן האַלטן אַן אויג אויף די, וואָס האָבן זיך אויפן באַרג באַפעסטיקט. און דאַן האָט זיך דאָס געשלעג אין די גאַסן פון שטאָט נאָך מער צעפלאַקערט; די אײַנוואוינער פון ירושלים האָבן אונטערגעצונדן די הײַזער, וואו הורדוסעס זעלנער זענען געשטאַנען, און אַ סך פון זיי זענען לעבעדיקערהייט פאַרברענט געוואָרן און אַנדערע זענען קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן.

נאָך מער האָט זיך די מלחמה צעפלאַקערט, ווען יידן פון גאַנצן לאַנד האָבן אויף שבועות עולה־רגל געווען קיין ירושלים. די אַלע, וואָס זענען געקומען אַהין אויף יום־טוב, זענען געווען באַוואָפנט און זיי האָבן זיך גלײַך אָנגעשלאָסן אָן די חיילות, וואָס האָבן זיך געשלאָגן פאַר אַנטיגאָנוסן דעם חשמונאי און קעגן הורדוסן דעם אדומי. וואָס אַ מאָל האָט די מלחמה זיך פאַרשפּרייט אַלץ ווײַטער און ווײַטער. מע האָט זיך געשלאָגן איבערן גאַנצן לאַנד. אַלע מאָל האָט זיך אַ פײַער ערגעץ אַנדערש באַנײַס צעפלאַקערט.

און בלוט האָט זיך ווי וואַסער געגאָסן. און אומעטום האָבן זיך אויף די גאַסן פון דער שטאָט ירושלים געוואַלגערט הרוגים. און בײַ נאַכט, ווען ס'איז געווען שטיל און מ'האָט פון דער נאָענט געהערט די טריט פון באַוואָפנטע וועכטער, וואָס האָבן געשפּאַנט הין און צוריק, האָט מען פון דער ווײַטנס, פון די בערג אַרום און אַרום, געהערט דאָס יאָמערן פון שאַקאַלן, וואָס זענען אין גרויסע טשערעדעס אַרומגעלאָפן הונגעריקע און געזוכט עמעצן אויף וועמען זיי זאָלן קענען אָנפאַלן און אים אויף שטיקער צערײַסן. זיי, די אויסגעהונגערטע שאַקאַלן, האָבן פון דער ווײַטנס געשמעקט בלוט — בלוט פון מענטשן, און זיי האָבן מיט זייער יאָמער שטיקער געריסן פון דער נאַכט...

אין אַזעלכע נעכט האָבן זיך אין אַ סך שטיבלעך קינדער פון שלאָף אויפגעכאַפּט און זענען זיך אין אַ געוויין פאַרגאַנגען רופנדיק די מאַמעס.

די טאַטעס האָבן די צעשראָקענע קינדער ניט געקענט רופן; זיי זענען אַלע געווען אויף די שלאַכטפעלדער און זיי זענען ערגעץ אין לײַוונטענע געצעלטן אויף דער ערד געשלאָפן, אָנגעטאָן אין די קליידער און מיט די שווערדן אויף

דער זײַט. ווער ס'האָט נאָר געקענט האַלטן אַ שווערד אין האַנט, איז דאַן אויפֿן שלאַכטפֿעלד געווען. ווער — אין די מחנות פֿון אַנטיגאָנוס דעם חשמונאי און ווער — צווישן די חיילות פֿון הורדוס און פֿאַזאַעל, די זין פֿון אַנטיפּאַטרוסן. ברידער האָבן זיך מיט ברידער געשלאָגן, און גאַנץ ירושלים איז געווען פֿאַר־פּלייצט פֿון בלוט...

ג

דער עלטסטער פֿון די פּרתים האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן פֿאַרלירן דאָס געדולד.

— די ייִדן אין ירושלים — האָט ער געזאָגט — ווילן קיין מאָל ניט אויפֿ־הערן זיך אַרומרײַסן צווישן זיך. דאָס איז אַ פֿאַרעקשנט פֿאָלק, וואָס וויל זיך פֿאַר קיינעם ניט בייגן. ניט פֿאַר אייגענע און ניט פֿאַר פֿרעמדע...

עס האָט שוין געהאַלטן דערבײַ, אַז ער זאָל נעמען זײַנע חיילות און זיך אין גאַנצן צוריקציִען פֿון יהודה. אָבער אַנטיגאָנוס האָט אים שטאַרק געבעטן, ער זאָל דאָס ניט טאָן; ער האָט אים אויך צוגעזאָגט צו פֿאַרגרעסערן די באַ־לוינונג פֿון גאָלד און זילבער. און דאַן איז געבליבן, אַז ער, דער עלטסטער פֿון די פּרתים, זאָל פֿאַרבאַרן הורדוסן צו זיך אויפֿן פֿעלד; עס זאָל הייסן, אַז מע וויל מיט אים רעדן וועגן שלום, אָבער ווען מע וועט אים ברענגען, זאָל מען אים גלײַך נעמען אין געפֿאַנגענשאַפֿט...

— אַז אים וועט דער גאַנצער ווידערשטאַנד זיך צעפֿאַלן — האָט אַנטי־גאָנוס פֿאַרזיכערט — קיינער וועט זיך מער ניט שלאָגן, און די מלחמה וועט זײַן געענדיקט.

און דאַן האָט מען פֿון צווישן די קריגסלײַט אויסגעקליבן איינעם, וואָס איז אין דער קונסט פֿון רעדן שיין און איידל געווען אַזאַ מײַסטער, אַז קיינער האָט זיך צו אים אין דעם ניט געקענט פֿאַרגלײַכן, און מע האָט אים מיט פֿינף הונדערט רײַטער אַוועקגעשיקט קיין ירושלים, און ווען ער איז דאָרט אָרײַנגעקומען אין הויף פֿון דעם אַלטן קיניג הורקונוס און ער האָט דאָרט זיס און איידל דערציילט, ווי אַזוי ער איז אויפֿן באַפֿעל פֿונעם קיניג פֿון פּרת געשיקט געוואָרן אַהער צו פֿאַרבעטן ניט קיין אַנדערן ווי הורדוסן אַליין אַרויסצוקומען אין פֿעלד פֿאַרהאַנדלען וועגן אַ שלום, האָט אַפֿילו הורדוס אַליין געקראַגן צוטרוי, און ווען מע האָט אים געפֿרעגט, צי ער איז גרייט צו גיין, האָט ער דערויף גלײַך דעם ענטפֿער געגעבן:

— יאָ, איך בין גרייט!

און ווי ער האָט דאָס נאָר אַרויסגעזאָגט, האָט מרים געגעבן אַ לויף צו צו אים און פֿאַרוואָרפֿנדיק בײדע הענט אַרום זײַן האַלדז, האָט זי מיט זיכערקייט אין זיך אויסגערופֿן אויפֿן קול:

— איך וועל דיך ניט לאָזן!..

עס איז אין דעם געווען אַזוי פֿיל איבערגעגעבנקייט צו הורדוסן און אויך אַזאַ כּוח, אַז קיינער האָט זיך איר שוין ניט געקענט שטעלן אַקעגן. אין דעם ווי זי

האָט זיך אָנגעקלאַמערט אין אים איז געווען אַלץ, וואָס האָט שוין אָן ווערטער געזאָגט, אַז זי איז גרייט מיט איר אייגן לעבן אים צו באַשיצן. און דאָס האָט הורדוסן אַזוי גערירט, אַז ער איז געבליבן שטיין מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און אין די אויגן האָבן זיך בײַ אים אַפילו געוויזן טרערן...

עס האָט שוין געהאַלטן דערבײַ, אַז דער שליח פון די פּרתים זאָל אַוועק מיט גאָרניט. אָבער פּלוצלינג איז געשען אַזוינס, אויף וואָס קיינער האָט זיך פריִער גאָר אין גאַנצן ניט געריכט: דער אַלטער הורקונוס האָט מיט אַ מאָל באַקומען אַ חשק צו ווײַזן דעם גאַסט, אַז נאָך אַלעמען איז ער נאָך דער קיניג פון יהודה און אַז ער פירט נאָך אַלץ די מלוכה און ער האָט געגעבן אַ זאָג:

— אויב עס איז דער פאַרלאַנג פון דעם קיניג פון פּרת זיך דורכצורעדן וועגן אַ שלום מיט יהודה, דאַן בין איך גרייט צו גיין און זיך באַגעגענען מיט אים... יאָ, איך בין גרייט!..

עס האָט אים גלײַך אויפן אָרט שוין באַנג געטאָן, פאַר וואָס ער האָט עס געזאָגט. אָבער עס איז שוין געווען פאַרפאַלן. כאַפּן צוריק האָט מען ניט געקענט. און עס איז געבליבן, אַז גיין מיטן שליח פון די פּרתים זאָל טאַקע דער אַלטער קיניג הורקונוס אַליין און אין איינעם מיט אים זאָל אויך גיין הורדוסעס עלטערער ברודער פאַזאַעל...

און נאָך דעם איז אַוועק אַ לאַנגע צײַט און מע האָט פון זיי גאָרניט געהערט. ערשט שפּעטער האָט מען זיך דערוואוסט, אַז מע האָט זיי דאָרט ביידע געשמידט אין קייטן און זיי גענומען אין געפאַנגענשאַפט. מע האָט דאָס געטאָן, האָט מען געזאָגט, אויפן פאַרלאַנג פון אַנטיגאָנוס דעם חשמונאַי, און דער קיניג פון פּרת האָט געגעבן זײַן צושטימונג דערויף...

פון אַלץ, וואָס ס'איז געשען נאָך דעם און אויך פון דער מורא, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אויפן הויף, האָט הורדוס שוין געקענט זען קלאָר, אַז איצט איז די מלחמה מיט אַנטיגאָנוס דעם חשמונאַי פאַרלוירן און אַז ער דאַרף דעריבער וואָס גיכער אַנטלויפן פון ירושלים.

אין זײַן געוואוינהייט ניט אָפּצולייגן קיין זאַך אויף שפּעטער און קיין מאָל ניט פאַרלירן קיין צײַט, האָט ער זיך גלײַך גענומען גרייטן אין וועג אַרײַן. אויך די חיילות זײַנע, וואָס זענען אים די גאַנצע צײַט געווען געטרײַ און איבערגעגעבן, האָט ער צוגעגרייט, אַז זיי זאָלן זיך מיט אים אין דער באַשטימטער צײַט צוריקציִען פון דער שטאָט אַזוי, אַז דער שונא זאָל פאַר זיי ניט אָפּשנײַדן דעם וועג. ער האָט אויך גוט אַכטונג געגעבן דערויף, אַז די פרויען פון דעם הויזגעזינד, וואָס ער דאַרף מיטנעמען — זײַן אַלטע מוטער, זײַן שוועסטער, מרימס מוטער אַלכּסנדרה און דער עיקר מרים אַליין — זאָלן זיך אויפן וועג פילן זיכער אונטער זײַן שוץ. און אַלע מאָל ווען ער האָט געזען, ווי מרים קוקט אויף אים מיט זאָרג אין די צוויי גרויסע גרויע אויגן אירע און עס דאַכט זיך, אַז זי וויל עפּעס זאָגן און זי זאָגט דאָך ניט, האָט ער צו איר בלויז געשמייכלט זייער ליבלעך און האָט אויך גאָרניט געזאָגט. בלויז איין מאָל, ווען עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אין אירע אויגן קען מען נאָך זען די שפּורן פון אַ שטילן געוויין, מיט וועלכן זי האָט זיך אַוודאי ערשט ניט לאַנג צוריק דאָ אין הויף ערגעץ באַהאַלטן אין אַווינקל,

האָט ער צערטלעך אַרײַנגענומען בײדע הענט אירע אין זײַנע און האָט מיט אײַנ־געהאַלטענעם צאָרן געגעבן אַ זאָג:

— און אַלץ איבער איר, איבער דער קיניגין פֿון מצרים, וואָס האָט ניט די ווערט דעם נאָגל פֿון דײַנעם אַ פֿינגער און זי פֿאַרדינט ניט, אַז איבער איר זאָל געמינערט ווערן אַפֿילו אַ האָר פֿון דײַן קאָפּ...

דעמאָלט האָט נאָך קיינער פֿון די באַוואָפֿנטע לײַט אין זײַנע מחנות ניט געוואוסט, אַז דאָס פֿירט ער זיי צו דער פֿעסטונג פֿון מאַסאַדאַ און אַז נאָך דעם ווי ער וועט אַוועק צו מאַרק אַנטאָני און זיך גוט באַוואָרענען מיט דער הילף פֿון די רוימישע לעגיאָנען, וועט ער זיך צוריק אומקערן אַהין און וועט פֿון דאָרט באַנײַס פֿירן די מלחמה קעגן אַנטיגאָנוס דעם חשמונאי און קעגן די פּרתים, וואָס ווילן אים מאַכן פֿאַרן קיניג פֿון יהודה. אויסגעפֿונען האָבן זיי דאָס ערשט שפּעטער, שוין אויפֿן וועג, ווען זיי האָבן אָנגעהויבן צוקומען נעענטער צום ים־המלח, און ווען מע איז אָנגעקומען אַהין, האָט אויף הורדוסן דאָרט שוין געוואַרט זײַן יינגערער ברודער יוסף, און אים האָט הורדוס אַליין גלײַך באַשטימט פֿאַרן עלטסטן איבער די מחנות און ער האָט אַלעמען אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן פּינקטלעך אויספֿאָלגן אַלע זײַנע באַפֿעלן.

ער האָט דאָן אַלץ געטאָן אין אײַלעניש, אָבער ער האָט דאָך קיין זאַך ניט פֿאַרגעסן, און וואָס ס'איז נאָר געווען נייטיק צו טאָן איידער ער לאָזט זיך אַוועק אויף דעם ווײַטן וועג, וואָס ס'שטייט אים פֿאָר, האָט ער געטאָן. אַפֿילו די קלײַ־ניקייטן אַרום דעם האָט ער דערבײַ גוט אין זינען געהאַט. ער אַליין האָט אַכטונג געגעבן דערויף, אַז מע זאָל פֿריִער פֿון אַלץ אויפֿשלאָגן געצעלטן פֿאַר די באַ־וואָפֿנטע לײַט, און ער האָט אויך גוט אַכטונג געגעבן דערויף, אַז מרימען און די אַנדערע פֿון דער משפּחה, דער עיקר די פֿרויען, זאָל מען באַזעצן אויף אַזאַ פּלאַץ, וואו זיי זאָלן זיך קענען פֿילן זיכער און וואו זיי זאָלן אַלע זײַן גוט באַשיצט, ווען אַנטיגאָנוס וועט מיט זײַנע חיילות באַפֿאַלן די פֿעסטונג. און ווען ער איז פֿאַרטיק געוואָרן מיט די אַלע זאַכן, וואָס ער האָט געדאַרפֿט פֿאַרזאָרגן איידער ער לאָזט זיך אַוועק אויף דעם ווײַטן וועג, האָט ער צו זײַן יינגערן ברודער יוסף, עפּעס ווי גאָר פּלוצלינג, גענומען רעדן אַזוי, אַז יענער האָט אַ פֿאַרוואונדערטער אויף אים די אויגן אָנגעשטעלט, ווײַל ער האָט אים פֿריִער נאָך קיין מאָל אַזוי ניט געהערט רעדן:

— יוסף — האָט ער געזאָגט, אַרויפֿלייגנדיק בײדע הענט אים אויפֿן אַקסל, און דערבײַ האָט ער אים טיף אין די אויגן אַרײַנגעקוקט — יוסף, איך לאָז איבער אונטער דײַן שוץ מרימען, און דאָס איז ס'טײַערסטע אין מײַן לעבן... מײַן ליבע צו איר איז שטאַרק ווי דער טויט און טיף ווי דער ים... בעט איך דיך, היט זי דאָ, באַשיץ זי...

ער האָט מיט קיינעם ניט געוואָלט זײַן אַזוי אָפֿנהאַרציק, אַפֿילו ניט מיט זײַן אייגענעם ברודער. אָבער ער האָט דאָך ווײַטער גערעדט:

— די גאַנצע צײַט, וואָס איך וועל זײַן ווײַט פֿון דאַנען, וועל איך טראַכטן פֿון איר, פֿון דער אויסדערוויילטער פֿון מײַן האַרץ. איר ליכטיק געשטאַלט וועט מיר שטענדיק שוועבן פֿאַר די אויגן... מיר איז איצטער שווער, זייער שווער,

זיך מיט איר צו שיידן, אָבער איך מוז אַוועק זיך זען מיט מאַרק אַנטאָניִן...מײַן גורל, דער גורל פֿון אונדזער משפחה און דער גורל פֿון גאַנצן פֿאָלק איז אין זײַנע הענט...מעגלעך, אַז ווען ניט מײַן גרויסע ליבע צו איר, וואָלט איך איצטער, אין אַ שעה פֿון אַזאַ בראָך, אַלצדינג אויפֿגעגעבן, און ווי אַ קריגסמאַן, וואָס פֿאַר־לירט אַ מלחמה און שעמט זיך דערמיט, וואָלט איך געפֿאַלן אויף מײַן שווערד און איך וואָלט געמאַכט אַ סוף צו מײַן לעבן...ווי שאול המלך האָט געטאָן און ווי אַנדערע יידישע גיבורים האָבן געטאָן...אָבער די ליבע צו איר, צו מרים דער חשמונאית, טרײַבט מיך ווײַטער...איך וויל שטײַגן הויך און נאָך העכער — אַלץ צוליב איר!..און איך בעט דיך, ליבער ברודער, היט זי דאָ אָפּ ווי דאָס שוואַרצאַפּל פֿונעם אויג. באַשיץ זי דאָ, פּונקט ווי איך אַליין וואָלט זי דאָ באַ־שיצט...שטעל אײַן פֿאַר איר דײַן לעבן, ווען איך וועל דאָ ניט זײַן...זע, אַז זי זאָל דאָ ניט אַרײַנפֿאַלן אין די הענט פֿון אַנטיגאָנוס דעם חשמונאי — אין די הענט פֿון מײַן ביטערן שונא, וואָס איז אויך אַן אומגליק פֿאַרן לאַנד און פֿאַרן פֿאָלק...

ער איז ווירקלעך גאַרניט געווען דער זעלבער, וואָס אַלע מאָל, ווען ער האָט אַזוי צו זײַן יינגערן ברודער יוסף גערעדט וועגן מרים דער חשמונאית, וואָס ער האָט ליב געהאַט אַזוי שטאַרק. צו מרימען אַליין אָבער האָט ער גראָד קיין סך ניט גערעדט, ווען ער האָט זיך מיט איר געזעגנט. קושנדיק זי הייס אין די ליפּן און אויך אין שטערן און אין די אויגן, האָט ער איר בלויז עטלעכע געציילטע ווערטער געזאָגט:

— איך וועל קומען צוריק צו דיר, מײַן ליבסטע...איך וועל ווידער זײַן מיט דיר, מײַן שיינע...

זי האָט געוואָלט וויסן צו וועמען ער וועט זיך איצטער ווענדן און צו די ברעגן פֿון וואָס פֿאַר אַ לאַנד ער לאָזט זיך איצטער גיין. זי האָט אין אַלגעמיין געגאַרט ער זאָל מיט איר רעדן וועגן דעם לאַנגן וועג, וואָס שטייט אים פֿאַר. אָבער ער האָט מיט איר קיין סך וועגן דעם ניט געוואָלט רעדן.

— ליבסטע מײַנע — האָט ער זיך בײַ איר געבעטן — פּײַניק ניט דײַן מוח מיט אַזעלכע זאַכן. פֿאַרלאָז זיך אין דעם אין גאַנצן אויף מיר. עס וועט לאַנג ניט געדויערן און איך וועל קומען צוריק...

און ווען די נאַכט איז צוגעפֿאַלן און די גאַנצע ווײַטקייט פֿון מדבר יהודה איז אַרײַן אין דער פֿינצטערניש און ס'איז פֿון איר גאַרניט געבליבן, איז ער אַוועק, און אין איינעם מיט די עטלעכע באַוואָפֿנטע לײַט, וואָס האָבן אים באַגלייט, האָט ער אין דער שטילקייט פֿון אַרום און אַרום געשפּאַנט מיט אַזעלכע זיכערע טריט, פּונקט ווי דאָ ניט ווײַט ליגט שוין אַלץ גרייט פֿאַר אים. אָבער אויפֿן האַרצן איז אים דאָך געווען שווער. זייער שווער...

ד

און אין דער שטאָט ירושלים איז די בהלה דעמאָלט שוין געווען זייער גרויס. וואָרעם ווען די פּרתישע חיילות, וואָס זענען בײַם טויער געשטאַנען, האָבן

זיך דערוואוסט, אַז הורדוס איז שוין אַנטלאָפֿן און אַז דער אַלטער קיניג פֿון יהודה איז געפֿאַנגען און איז שוין אין קייטן געשמידט, האָבן זיי שוין מער ניט געוואָלט בלײַבן שטיין בײַם טויער פֿון דער אַנדערער זײַט, ווי אַנטיגאָנוס האָט זיי פֿריִער אָנגעזאָגט. זיי זענען ווי די צערייצטע חיות גלײַך אַרײַן אין שטאָט, זיך אַרײַנגעריסן אין די הײַזער און אין די געצעלטן און צוגענומען אַלץ, וואָס זיי האָבן נאָר געקענט. דאָס פֿאַרמעגן פֿון די ייִדן אין ירושלים איז געוואָרן הפקר; די פֿרעמדע האָבן געראַבעוועט און געגזלט און אויך קיין לעבנס האָבן זיי ניט געשאָנעוועט. און אַנטיגאָנוס האָט גאָרניט געטאָן דאָס אָפּצושטעלן. ער האָט ניט געהאַט דעם מוט צו צוימען די פרתים, וואָס האָבן אים נאָך פֿריִער געהאָלפֿן אײַננעמען ירושלים. איז אַלץ געוואָרן הפקר און די גאַנצע שטאָט איז געווען פֿול מיט קולות; דאָ האָט מען געשריגן און דאָרט האָט מען געוויינט, און די מהומה איז געווען אַזוי גרויס, אַז מע האָט ניט געקענט וויסן, ווער עס איז אַן אייגענער און ווער עס איז אַ פֿרעמדער, ווער עס איז אַ פֿרײַנד און ווער אַ פֿײַנד, ווער עס איז געקומען ראַבעווען און ווער עס איז געקומען ראַטעווען; און אין דער זעלבער צײַט, ווען עס האָבן זיך שוין געפֿונען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אויסגעשטעלט בײַם קיניגלעכן הויף און געשריגן אויפֿן קול: „לעבן זאָל דער קיניג אַנטיגאָנוס!", איז אַנטיגאָנוס אַליין געווען צעטומלט און ניט געוואוסט, צי ער מעג שוין אַרויס־געבן אַ באַפֿעל ווי דער קיניג פֿון יהודה אָדער עס איז בעסער ער זאָל נאָך וואַרטן ביז דער טומל וועט זיך אײַנשטילן. ער איז געווען שרעקלעך בייז דערויף, וואָס עס האָט זיך הורדוסן אײַנגעגעבן צו אַנטלויפֿן פֿון ירושלים און מיטנעמען מרימען מיט זיך. דאָס האָט אים ניט געלאָזט רוען און ער איז איבערן הויף אַרומגעלאָפֿן ווי אַ ווילדער. ער האָט געפֿלאַמט און געברענט, ווי זײַן שטייגער איז געווען אַלע מאָל; ער האָט געשריגן אויף מענטשן, ווען ער האָט ניט געדאַרפֿט שרײַען; ער איז געווען שלעכט צו די, צו וועמען ער האָט גאָר געדאַרפֿט זײַן גוט; ער האָט געשאָלטן מרימען און איז דאָך געווען בייז אויף זיך אַליין, פֿאַר וואָס ער שילט זי. עס איז גאָר אוממעגלעך געווען אים אײַנצושטילן, און אַ ביסל באַרואיקט האָט ער זיך ערשט דאַן, ווען מע האָט אים אָנגעזאָגט די בשורה, אַז מע האָט שוין פֿון גליל געבראַכט קיין ירושלים די צוויי געפֿאַנגענע — דעם אַלטן קיניג הורקונוס און הורדוסעס עלטערן ברודער פֿאַזאַעל...

אַלץ אין אים האָט געגאַרט נאָך נקמה, און ער איז גלײַך אַוועק צו זען די געפֿאַנגענע. און ער האָט שוין גאָר וועגן קיין אַנדער זאַך ניט געקענט קלערן ווי נאָר וועגן דעם ווי אַזוי ער זאָל זיי פּײַניקן...

עס איז אים ניט געווען גענוג וואָס ער איז אין דער מלחמה אַרויסגעקומען מיט אַ נצחון און זײַן טרוים צו ווערן דער קיניג פֿון יהודה איז שוין פֿאַרווירק־לעכט. ער האָט נאָך געוואָלט נעמען נקמה אויך אין די אַלע מענטשן, וואָס זענען אים געשטאַנען אין וועג — נקמה אין די, וואָס זענען ניט געווען פֿון זײַן משפחה, און אויך אין די, וואָס זענען יאָ געווען פֿון זײַן משפחה. דער כּעס האָט אין אים געברענט אויף דעם אַלטן הורקונוס, דעם ברודער פֿון זײַן פֿאָטער אַריסטובולוס, און טראַכטנדיק וועגן דעם, וואָס יענער, דער אַלטער הורקונוס, איז שוין אַ גע־פֿאַלענער און אין קייטן געשמידט, האָט ער נאָך אַלץ מורא געהאַט פֿאַר אים;

ער האָט געטראַכט, אַז איצט וועלן זיך אין יהודה נאָך אַוודאי געפֿינען אַזעלכע, וואָס וועלן זיך אײַנשטעלן פֿאַר אים און זיי וועלן פֿאַרלאַנגען, אַז נאָך דעם ווי ער האָט שוין פֿאַרלוירן די קרוין פֿון דער מלוכה, זאָל מען פֿאַר אים איבערלאָזן די קרוין פֿון כהונה און ער זאָל בלײַבן דער כהן־גדול אין הייליקן טעמפּל. און דאָס האָט אַנטיגאָנוס ניט געוואָלט. ער האָט דעם אַלטן אָנקל זײַנעם, דעם געפֿאַלענעם קיניג, געוואָלט זען אין גאַנצן אַ צעטראָטענעם ,אַ צעדריקטן, פּונקט ווי אַ וואָרעם אין שטויב; עס איז בײַ אים אויסגעקומען, אַז דער טויט איז פֿאַר יענעם ניט גענוג, אַז מע דאַרף אים געבן אַזאַ שטראָף, וואָס איז נאָך ערגער ווי דער טויט. און ווען ער האָט דעם אַלטן הורקונוס דערזען אַ געשמידטן אין קייטן, איז אים פֿאַר כּעס דאָס גאַנצע בלוט געקומען אין פּנים אַרײַן און ער האָט זיך מיט אַ ברייט צעעפֿנט מויל געגעבן אַ לאָז צו אים מיט אַזאַ אימפּעט, פּונקט ווי ער וואָלט געווען גרייט אים מיט די ציין צו צעבײַסן. אָבער ער האָט זיך דאָך אַ כאַפּ געטאָן צוריק און אַרויסציִענדיק די שווערד פֿון שייד, האָט ער אים מיט איר טיף אײַנגעשניטןביידע אויערן...

דער אַלטער הורקונוס האָט פֿון ווייטיק און אויך פֿאַר שרעק געגעבן אַזאַ קוויטש — אַ לאַנגן, שאַרפֿן קוויטש — אַז די אַלע מענטשן, וואָס זענען דערבײַ געשטאַנען, האָבן געפֿילט ווי אַ סקרוך איז זיי אַריבער איבערן לײַב. אַ סך פֿון זיי האָבן די אויגן פֿאַרמאַכט און אַזוי זענען זיי געבליבן שטיין ווי פֿאַרגליווערטע און עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז דער הילך פֿון דעם שאַרפֿן קוויטש וועט גאָר קיין מאָל בײַ זיי פֿון די אויערן ניט אַרויס און וועט שוין דאָרטן אייביק קלינגען. און נאָך דעם ווי זיי האָבן די אויגן געעפֿנט, האָבן זיי געזען ווי דער אַלטער הורקונוס ליגט אויף דער ערד אַ פֿאַרחלשטער און דאָס בלוט גיסט זיך פֿון אים; דאָס גאַנצע פּנים איז בײַ אים אין בלוט, די קליידער זענען נאַס פֿון בלוט, און בלויז איין זײַט פֿון דער גרויער באָרד, וואָס האָט זיך אויף דער ברוסט צעשפּרייט, איז געבליבן ריין. און דאָס האָט זיך שטאַרק אין די אויגן געוואָרפֿן און האָט אַרויסגערופֿן נאָך מער רחמנות צו דעם אומגליקלעכן געפֿאַלענעם קיניג פֿון יהודה...

עס איז אוממעגלעך געווען ניט צו באַמערקן דאָס שטיקל פֿון דער גרויער באָרד, וואָס איז גראָד געבליבן ריין און איז ניט נאַס געוואָרן פֿון בלוט. מע האָט עס געקענט זען און מע האָט עס אויך געמוזט געדענקען אַפֿילו דאַן, ווען מע האָט שוין דערויף מער ניט געקוקט. עס איז אין דעם געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט די אַלטקייט און די אָפּגעלעבטקייט פֿון אַ גאַנצער משפּחה, וואָס איז אַ מאָל געווען פֿול מיט יוגנטלעכער קראַפֿט און וואָס האָט גרויס געמאַכט דעם נאָמען פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק צווישן אַלע אַנדערע פֿעלקער; אין דעם אַלטן הורקונוס, וואָס איז, אַ געשמידטער אין קייטן געלעגן אויף דער ערד אין בלוט, איז געווען די גאַנצע געפֿאַלנקייט פֿון דער חשמונאים־דינאַסטיע, וואָס האָט שוין געהאַלטן בײַם אונטערגיין, און ניט נאָר דער חשמונאי, וואָס איז אויף דער ערד געלעגן אַ געפֿאַלענער, האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט דעם אונטערגאַנג פֿון יענער דינאַסטיע, וואָס האָט אַ מאָל אַרויסגעגעבן פֿון זיך אַזוי פֿיל גרויסע העלדן און קעמפֿער פֿאַר פֿרײַהייט, נאָר אויך דער חשמונאי, וואָס איז געשטאַנען

מיט אַ פֿאַרבלוטיקטער שווערד אין דער האַנט און מיט פֿאַרקריצטע ציין, האָט דאָס מיט זיך פֿאַרגעשטעלט...

אָבער אַנטיגאָנוס דער חשמונאַי האָט ניט געטראַכט דערפֿון. ער האָט דאָס ניט פֿאַרשטאַנען. ער האָט ניט געטראַכט וועגן דעם וואָס איצטער, ווען זײַן טרוים איז שוין פֿאַרווירקלעכט און ער איז שוין דער קיניג פֿון יהודה, איז זײַן חובֿ צו זוכן און געפֿינען אַ וועג ווי אַזוי צוריק אויפֿצובויען דאָס לאַנד און פֿירן די מלוכה אַזוי, אַז דאָס פֿאָלק זאָל זײַן צופֿרידן און זאָל אײַנזען, אַז ער איז ראָוי צו זײַן אַ זון פֿון דער חשמונאים־משפּחה, וואָס איז אַלע מאָל געווען אַזוי באַליבט בײַם פֿאָלק. אַנשטאָט דעם האָט ער גאָר געטראַכט וועגן נעמען נקמה אין די אַלע מענטשן, וואָס זענען אים פֿריִער געשטאַנען אין וועג. קיין זאַך האָט אים ניט פֿאַרשאַפֿט אַזוי פֿיל פֿאַרגעניגן ווי נקמה. אַפֿילו אויף די מענטשן פֿון זײַן אייגענער משפּחה האָט ער קיין רחמנות ניט געהאַט. און אין דער צײַט, ווען זײַניקע מענטשן האָבן מיט די קעפּ געשאָקלט און באַדויערט דעם אַלטן, גע־פֿאַלענעם קיניג הורקונוס דעם חשמונאַי, וואָס איז אויף דער ערד געלעגן אין בלוט, מיט אײַנגעשניטענע אויערן, איז אַנטיגאָנוס דער חשמונאַי געשטאַנען אַ צופֿרידענער, און ווען ער איז אַוועק שוין נאָך דעם ווי מע האָט דעם אַלטן אָפּגע־מינטערט, האָט ער מיט אַ שמייכל געזאָגט צו איינעם פֿון זײַנע נאָענטע הויפֿלײַט:

— איצט וועט ער שוין ניט קענען זײַן קיין כּהן־גדול; איינער וואָס האָט אַ מום אין זײַן לײַב טאָר לויטן דין קיין כּהן־גדול ניט זײַן...

ער איז געווען זייער צופֿרידן דערפֿון, וואָס ער האָט דאָס ניט פֿאַרזען. עס האָט אים שטאַרק הנאה געטאָן, וואָס איצט איז ער שוין באַוואָרנט ניט נאָר מיט דער קרוין פֿון דער מלוכה, נאָר אויך מיט דער קרוין פֿון דער כּהונה...

עס האָט אים נאָר פֿאַרדראָסן, פֿאַר וואָס מרים איז דאָ איצט ניטאָ. ווען זי וואָלט איצט געווען דאָ, אין ירושלים, וואָלט ער זי שוין פֿאַר זײַן ווײַב געמאַכט און דאָס גאַנצע פֿאָלק וואָלט דערפֿון אַוודאי געווען צופֿרידן און וואָלט אים גע־בענטשט, וואָרעם וואָס קען דען פֿאַרן פֿאָלק זײַן נאָך בעסער ווי דאָס וואָס ביידע, דער קיניג און די קיניגין, זענען פֿון דער חשמונאים־משפּחה!..

דער געדאַנק, אַז הורדוס איז פֿרײַ האָט אים דאָך ניט געלאָזט רוען. עס האָט אים שטאַרק פֿאַרדראָסן, פֿאַר וואָס, אַנשטאָט פֿאַזאַעלן האָט מען בעסער הורדוסן ניט געפֿאַנגען. מיט אים, מיט הורדוסן, וואָלט ער קיין סך שהיות ניט געמאַכט; ער וואָלט אים פֿאַרמשפּט צום טויט און וואָלט אים גלײַך אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ. און דאָס גאַנצע פֿאָלק וואָלט אַוודאי געלויבט זײַן נאָמען דערפֿאַר, ווײַל ווער איז בײַם פֿאָלק נאָך אַזוי פֿאַרהאַסט ווי הורדוס, דער זון פֿון אַנטיפּאַטרוס דעם אדומי!..

אין אַלץ איז אַנטיגאָנוס געווען זיכער.

און טאַקע דערפֿאַר, וואָס ער האָט ניט געקענט נעמען קיין נקמה אין הורדוסן, האָט ער געוואָלט אויסלאָזן דעם גאַנצן צאָרן זײַנעם צו הורדוסעס ברודער פֿאַזאַעל.

נקמה נעמען האָט ער געמוזט.

פּונקט ווי נאָר מיט דעם וואָלט ער איצט אַלעמען געקענט ווײַזן, ווי גרויס עס איז דער נצחון, וואָס ער האָט געהאַט אין דער מלחמה...

און ווען פֿאַזאַעל האָט געהערט, וואָס אַנטיגאָנוס האָט געטאָן צום אַלטן קיניג הורקונוס, האָט ער שוין געוואוסט אויף וואָס ער אַליין דאַרף זיך ריכטן...

ער איז געווען זיכער, אַז אַנטיגאָנוס וועט אים פּײַניקן, אַז ער וועט זיך אין אים נוקם זײַן אויפֿן שרעקלעכסטן שטייגער און דערצו וועט ער אים נאָך מאַכן צו שאַנד און צו שפּאָט...

אים, דעם מענטשן, וואָס האָט אויפֿן שלאַכטפֿעלד ניט איין מאָל געקוקט דעם טויט גלײַך אין די אויגן, איז ניט אָנגעשטאַנען צו זײַן אַ שפּיל בײַ יענעם אין די הענט און זיך לאָזן באַלײדיקן. עס איז אים אויך ניט אָנגעשטאַנען צו שטאַרבן פֿון יענעמס האַנט, ווען ער אַליין איז אַ געפֿאַנגענער און אין קייטן געשמידט. און ער האָט דעריבער באַשלאָסן אַליין צו מאַכן אַ סוף צו זײַן לעבן...

ער האָט געטראַכט, אַז ווען ער וואָלט איצט אַליין געקענט אויסקלײַבן פֿאַר זיך אַ טויט, וואָלט ער אויסגעקליבן אַזאַ, וואָס פּאַסט זיך פֿאַר אײנעם, וואָס האָט אויפֿן שלאַכטפֿעלד שוין ניט איין מאָל געזען דעם טויט פֿאַר די אויגן און זיך דאָך ניט געשראָקן פֿאַר אים. אַזאַ טויט, וואָס שאול, דער ערשטער קיניג בײַ ייִדן, האָט פֿאַר זיך אויך אויסגעקליבן, האָט אויך ער, פֿאַזאַעל, דער זון פֿון אַנטי־פּאַטרוס, איצט פֿאַר זיך געוואָלט. איידער אַנטיגאָנוס קומט אים פּײַניקן. אָבער ער האָט זיך אַזאַ טויט ניט געקענט נעמען, ווײַל ער האָט מער קיין שווערד ניט געהאַט און די הענט און די פֿיס זענען בײַ אים געווען אין קייטן געשמידט...

אָבער ער האָט זיך שוין אַליין קיין טויט ניט געקענט אויסקלײַבן. מע האָט אים דאָן ווי אַ געפֿאַנגענע חיה געהאַלטן אין אַ הייל, וואָס איז צווישן פֿעלדזן געווען אויסגעהאַקט. עס איז דאָרט געווען פֿינצטער ניט נאָר בײַ נאַכט, נאָר אויך בײַ טאָג. זעלטן ווען האָט זיך אַהין פֿון ערגעץ אַ פּאַס ליכט אַרײַנגעריסן און איז באַלד פֿאַרשוואונדן געוואָרן. און בײַם אַרײַנגאַנג זענען צוויי באַוואָפֿנטע לײַט געשטאַנען און האָבן דעם געפֿאַנגענעם געהיט.

בײַ טאָג און בײַ נאַכט האָבן זיי אים געהיט, און די גאַנצע צײַט האָט ער אַלץ געזוכט אַ וועג ווי אַזוי אַליין צו מאַכן אַ סוף צו זײַן לעבן. ער האָט זיך ניט געקענט דערוואַרגן — די הענט זענען בײַ אים געווען אין קייטן. ער האָט זיך ניט געקענט סמען — מע האָט אים קיין גיפֿט ניט געגעבן. און איין מאָל, ווען די וועכטער האָבן אים אָנגעזאָגט, אַז דער קיניג אַנטיגאָנוס קומט, זענען אים אַלע בלוטן געקומען אין פּנים אַרײַן, אָבער ער האָט גאָרניט געזאָגט און האָט זײַן כּעס ניט אַרויסגעוויזן, פּונקט אַזוי ווי ער האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין מורא. און צושאַרנדיק זיך מיט לאַנגזאַמע טריט צו אַ ווינקל פֿון דער הייל, האָט ער מיט אַלע כּוחות געגעבן אַ קלאַפּ דעם קאָפּ אין דער שטיינערנער וואַנט און ער איז געבליבן ליגן אויף דער ערד טויט...

און די ליפּן זענען בײַ אים געווען פֿעסט געשלאָסן...

און די ציין זענען בײַ אים געווען שטאַרק פֿאַרקריצט...

עלפטער קאפיטל

אין דער פעסטונג פון מאסאדא

א

דערשטע נאכט אין דער פעסטונג פון מאסאדא האט מרים ניט געקענט שלאפן.

זי איז אין געצעלט די גאנצע צײַט געלעגן מיט אפענע אויגן און אלץ געטראכט און געטראכט וועגן דעם, וואס ס'איז פארגעקומען אין ירושלים זינט אנטיגאנוס איז אהין אריַין מיט זײַנע חיילות. זי האט ניט געקענט פארגעסן די הויפנס מיט די הרוגים, וואס זי האט בײַם הויף געזען אין דער צײַט פון דער באלאגערונג. דער גאנצער שוידער פון דער מלחמה, וואס האט זיך בײַ איר אין זכרון אפגעקריצט, האט זיך איצטער נאך מער צעוואקסן; זי האט זיך דערמאנט אן זאכן, וואס זי האט שוין געהאט אנגעהויבן צו פארגעסן, און מער ווי אלץ האט זי איצטער געדענקט דאס פײַער, וואס מ'האט אנגעצונדן אין די הײַזער, וואס זענען געשטאנען ניט ווײַט פונעם טעמפל. פונקט ווי ס'וואלט אצינד געשען, האט זי פאר זיך געזען דאס שרעקלעכע בילד ווי מענטשן שפרינגען דורך די פענצטער און אויך פון די דעכער, און יעדער מענטש איז א לעבעדיקער פאקל אן אנגעצונדענער, וואס שרײַט מיט באנומענע קולות און רײַסט פון זיך די קליי־דער, וואס זענען אין גאנצן אין פלאמען.

ביז שפעט אין דער נאכט האט דאן דאס פײַער געברענט. און די גאנצע שטאט איז געווען פול מיט קולות און מיט דעם שארפן געפײַף פון פײַלן, וואס מ'האט פון אנגעצויגענע בויגנס געשאסן. און ווען דאס פײַער איז שוין געווען אויסגעלאשן, האט זיך אויף דער גאנצער שטאט א מוראדיקע פינצטערניש ארונ־טערגעלאזט און אלע קולות זענען ווי מיט א מאל דערשטיקט געווארן.

קוקנדיק איצטער מיט די אפענע אויגן אין דער געדיכטער פינצטערניש, וואס ארום איר, האט מרים אזוי קלאר פאר זיך יענע שרעקלעכע בילדער געזען. און ווײַל זי האט שוין געוואוסט, אז אנטיגאנוס האט זיך מיט אזא עקשנות גע־ריסן צום הויף ניט נאר דערפאר, וואס ער האט געוואלט ווערן דער קיניג פון יהודה, נאר אויך דערפאר, וואס ער האט געוואלט, אז זי זאל ווערן זײַן ווײַב, איז איר מיט א מאל געווארן שרעקלעך שווער אויפן הארצן און די אויגן זענען בײַ איר געווארן פול מיט טרערן.

וואס מער זי האט געטראכט דערפון, אלץ מער איז בײַ איר אויסגעקומען, אז זי אליין איז אויך שולדיק אין דעם, וואס ס'ווערט פארגאסן אזוי פיל בלוט...

געוויס איז זי אויך שולדיק אין דעם!.. עס שלאָגן זיך איבער איר ניט נאָר די צווײ מענטשן, וועלכע האָבן בײַ זיך אין האַרצן אַ ליבע פֿאַר איר, נאָר אַ גאַנץ פֿאָלק איז שטאַרק פֿאַרטאָן אין דעם, ווער עס וועט זי נעמען פֿאַר זײַן ווײַב — הורדוס דער אדומי, אָדער אַנטיגאָנוס דער חשמונאי... און מ׳מאַכט פֿאַרשווערונגען אַרום דעם, און מ׳קוילעט זיך אײנער דעם אַנדערן דערפֿאַר, און בלוט גיסט זיך אַזוי ווי וואַסער. און אויף אַלע וועגן און שטעגן גייען חיילות, און עס שאַלן טרומפּייטן און עס בלאָזן שופֿרות, און מ׳צינדט אונטער הײַזער און פֿעלדער, און מענטשן ווערן פֿאַרברענט לעבעדיקערהייט, און דאָס ברויט אויף די פֿעלדער גייט אַוועק מיטן רויך, און אויף די גאַסן וואַלגערן זיך הונגעריקע און פֿאַרשמאַכטע... און אין סאַמע מיטן פֿון דער גאַנצער מהומה שטייט זי אַ פֿאַרלוירענע. און קײנער פֿרעגט גאָרניט בײַ איר צו וועמען פֿון די צווײ מאַנספֿאַרשוינען עס ציט זיך איר האַרץ...

פֿאַר איר אַלײן אָבער איז שוין דעמאָלט געווען קלאָר, אַז ליב האָט זי ניט קיין אַנדערן ווי נאָר הורדוסן. צו אים האָט זי זיך מיט לײַב און נשמה געצויגן. און טראַכטנדיק איצט אין דער פֿינצטער וועגן אים, האָט זי אַזוי געוואָלט וויסן, וואו ער איז און אויף וועלכע וועגן און שטעגן עס טרעטן זײַנע פֿיס; אין געדאַנק האָט זי אים מיט ברכות באַגלייט און דערבײַ האָט זי געפֿילט ווי זי ברענט אין גאַנצן פֿון דעם שטאַרקן באַגער נאָך אים...

— ליבער מײַנער... גיבור מײַנער!..

אַזוי האָט זי אים צו זיך גערופֿן אין דער שטיל. און זי האָט נאָך אים געבענקט מיט אַלע חושים, זיך געצויגן צו אים מיט אַלע אבֿרים. זי האָט אָן אים קיין אײן רגע ניט געקענט פֿאַרגעסן...

די צערטלעכקייט, וואָס ער האָט איר אַרויסגעוויזן בײַם אַנטלויפֿן פֿון ירושלים און אויך בײַם געזעגענען זיך מיט איר דאָ, אין דער פֿעסטונג פֿון מאַסאַדאַ, איז נאָך געווען פֿריש בײַ איר אין זכרון. זי איז פֿון דעם געווען טיף גערירט, און קלערנדיק דערפֿון, ווי פֿאַרזאָרגט ער איז געווען, ווען ער האָט זיך אין דעם ווײַטן וועג אַוועקגעלאָזט, האָט זי מיט גרויס כּוונה שטילערהייט געבעטן גאָט, ער זאָל אים היטן און באַשיצן פֿון אַלע סכּנות אין דער פֿרעמד און ער זאָל אים וואָס גיכער ברענגען צוריק בשלום אַהיים...

זי איז שוין דאַן געווען מיד פֿון די געדאַנקען, וואָס האָבן איר מוח געפּײַניקט אין דער שרעקלעכער נאַכט, וואָס האָט גאָר קיין סוף ניט געהאַט. און ווען זי האָט פֿאַרמאַכט די אויגן און געפּרוּווט פֿאַרטרײַבן די שווערע געדאַנקען, האָט זי אַלײן ניט באַמערקט, ווען און ווי אַזוי זי האָט אויפֿגעכאַפּט יעדן שאָרך און יעדן קלאַנג, וואָס האָט זיך פֿון נאָענט און פֿון ווײַט צו איר דערטראָגן. זי האָט אויך ניט באַמערקט, ווען און ווי אַזוי זי האָט דאָס ערשטע מאָל אויסגערעכנט ווי לאַנג עס געדויערט פֿון אײן קלאַנג צום אַנדערן. און ווען זי האָט זיך געכאַפּט, אַז זי האָט דאָס זייער פּינקטלעך אויסגערעכנט, איז שוין אויסגעקומען אַזוי, אַז ווען אַ קלאַנג איז ניט געקומען אין דער פּינקטלעכער צײַט, האָט ער איר אויסגעפֿעלט. און עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז איבער דעם איז די שטילקייט דאָ אין געצעלט געוואָרן שרעקלעך פּוסט און ליידיק, פּונקט ווי מ׳וואָלט פֿון איר,

פון דער דאָזיקער שטילקייט אַרום און אַרום, מיט אַ מאָל גאָר אַ שטיק אַרויס־געריסן.

און פּאָר טאָג, ווען ס'האָבן זיך אין מזרח באַוויזן די ערשטע שטראַלן פון דער זון, האָט זיך מרים שטילערהייט פונעם געצעלט אַרויסגעשאַרט און זיך געלאָזט גיין אויף דעם שמאָלן וועג, וואָס האָט זיך צווישן די שפּיציקע פעלדזן אַלע מאָל אין אַן אַנדער זייט פאַרדרייט. זי איז געגאַנגען פּאַמעלעך, פאַרטראַכט, און ווען זי האָט דאָ דאָס ערשטע מאָל דערזען ווי אַ סך פון די באַוואָפנטע לײַט ליגן נאָך אין די שפּאַלטן פון די פעלדזן אין טיפן שלאָף פאַרזונקען, האָט זי שווער אָפּגעזיפצט.

עס האָט איר געריסן דאָס האַרץ אויף די אַלע מידע מענטשן, וואָס האָבן זיך אַזאַ לאַנגן און שווערן וועג געשלעפּט אַהער און איצט שלאָפן זיי אויף שטיינער און וואַלגערן זיך אויף דער ערד. זי האָט אויף זיי איצט, גייענדיק אויף דעם שמאָלן וועג אין דער פעסטונג, די גאַנצע צײַט געקוקט און געשאָקלט מיטן קאָפּ. אַזוי פיל מענטשן!..ווען מ'שטעלט זיי אויס אַלע צוזאַמען אין איין גרויסער מחנה, אָטעמט פון זיי מיט כוח און גבורה און זיי וואַרפן אַרויף אַ פּחד אויף אַנדערע. אָבער איצט, ווען זיי ליגן צעוואָרפן אין די אָפענע שפּאַלטן פון די פעלדזן און אויף דער הוילער ערד, רופן זיי אַרויס רחמנות און זיי זעען אויס נעבעכדיק.

עס איז פּשוט געווען אַ שרעק צו קוקן אויף זיי!

דאָ זענען געלעגן אויף דער ערד עטלעכע מענטשן אײַנגענורעט איינער אין אַנדערן, און דאָרטן זענען אויף שטיינער געלעגן איינצלנע מענטשן, און די הענט זענען בײַ זיי אַרונטערגעהאַנגען אַראָפּ, און ס'איז געווען שווער זיך פאַר־צושטעלן, אַז דאָס זענען לעבעדיקע מענטשן. מע האָט גיכער געקענט מיינען, אַז זיי זענען אַלע טויט. און ווען מ'האָט מיט אַ מאָל דערזען ווי איינער גיט זיך אַ דריי אויס אויף דער אַנדערער זײַט, אָדער ווי דאָ און דאָרט גיט זיך בײַ איינעם אַ הייב אַ האַנט אָדער אַ קני, האָט מען זיך דערשראָקן דערפאַר.

עס איז מרימען דאַן געווען שווער אויפן האַרצן. און אין דער זעלבער צײַט איז איר דאָך געווען אָנגענעם, וואָס אַלע שלאָפן נאָך און זי קען דאָ איצט זײַן איינע אַליין מיט זיך, מיט אירע אייגענע געדאַנקען, מיט אירע אייגענע געפילן, און גוט באַטראַכטן און באַקוקן אַלץ, וואָס מע קען נאָר זען אַרום און אַרום...

אַזוי איז זי געגאַנגען און געגאַנגען ביז זי איז אַרויף אויף אַ הויכן באַרג. און ווען זי איז צום סאַמע שפּיץ באַרג צוגעקומען, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט.

דאָס בילד, וואָס האָט זיך פאַר אירע אויגן אַנטפּלעקט, האָט זי אַזוי פאַר־כאַפּט, אַז זי איז געבליבן שטיין אַ פאַרגאַפטע.

פון נאָענט און פון ווײַט האָט מען אַרום און אַרום געזען שפּיצן פון בערג און זיי זענען אַלע געווען ווי אָנגעצונדן פון דער פרימאָרגנדיקער זון, וואָס האָט איבער זיי געשײַנט. אַ וועלט אַ גאַנצע האָט זיך אין ליכט און אין דער מילדער פרימאָרגנדיקער וואַרעמקייט געבאָדן. און די לופט איז געווען פריש און לויטער און עס איז גאָר קיין סוף ניט געווען צו דער ווײַטקייט, וואָס די בליקן פון אַ מענטשנס אויג האָבן געקענט גרייכן אין דער לויטערקייט. און געאָטעמט האָט זיך אַזוי

געזונט, אַזוי פֿרײַ. און כאָטש מ׳האָט זיך געקענט פֿילן קליין בײַ זיך אין אַזאַ ווײַטקייט, אין אַזאַ פֿאַרנעם, איז אויפֿן האַרצן דאָך געווען אַזוי גוט, אַזוי גרינג און אַזוי אָנגענעם, אַז מ׳האָט דאָס מיט קיין ווערטער ניט געקענט אויסדריקן און מ׳האָט געמוזט — אָדער שווײַגן אָדער זינגען שירה...

און מרים האָט אָנגעהויבן זינגען פֿאַר זיך מיט אַ סך געפֿיל דאָס געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען פֿון שלמה המלך:

ער וועט מיך אָנטרינקען מיט די קושן פֿון זײַן מויל,
דען זײַן ליבע איז שטאַרקער פֿון ווײַן...

עס איז גוט צו שמעקן דײַנע זאַלבן,
דער בעסטער זאַלב דײַן נאָמען איז,
דערפֿאַר ליבן דיך אַלע יונגע פֿרויען...

צי מיך צו זיך און איך וועל נאָך דיר לויפֿן...

די לעצטע ווערטער האָבן אַזוי אויסגעדריקט דאָס, וואָס זי האָט געפֿילט, אַז זי האָט שוין די איבעריקע ניט געקענט געדענקען, און זי האָט די זעלבע ווערטער איבערגעזונגען נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל. און זינגענדיק האָט זי פֿאַר זיך געזען הורדוסעס געשטאַלט, און דאָס האָט בײַ איר אַרויסגערופֿן אַזוי פֿיל באַגײַסטערונג און אַזאַ שטאַרקן געפֿיל, אַז זי האָט אין אַ פֿרומער כּוונה די אויגן צוגעמאַכט...

„צי מיך צו זיך און איך וועל נאָך דיר לויפֿן!״... „צי מיך צו זיך און איך וועל נאָך דיר לויפֿן!״... — אַ סך, אַ סך מאָל האָט זי די אייגענע ווערטער פֿונעם מויל אַרויסגעבראַכט. זיי האָבן געזונגען אין איר, און זי האָט פֿאַר זיי אַלע מאָל אַן אַנדער ניגון געפֿונען:

— „צי מיך, צי מיך צו זיך און איך וועל נאָך דיר לויפֿן...״

אין אָנפֿאַנג האָט זי געזונגען שטייענדיק און אַלץ געהויבן די הויכע אָרעמס העכער און העכער צום הימל. נאָך דעם האָט זי זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד, מיטן פּנים אַרויף, און ליגנדיק אַזוי האָט זי אויך געזונגען דאָס געזאַנג פֿון ליבע, און אין געדאַנק האָט זי זיך אַריבערגעטראָגן ווײַט־ווײַט פֿון דאַנען — אויף די פֿרעמדע וועגן, וואו ס׳טרעטן די פֿיס פֿון יענעם, וואָס איז דער געליבטער פֿון איר האַרץ...

ווען זי האָט זיך אויפֿגעהויבן, האָט פֿון אונטן זיך שוין געטראָגן דאָס גערויש פֿון מענטשלעכע קולות, אויסגעמישט מיטן הירזשען פֿון אייזלען און פֿון פֿערד. דאָרט זענען די באַוואָפֿנטע לײַט שוין פֿון שלאָף אויפֿגעשטאַנען און אַ סך פֿון זיי זענען געשטאַנען בײַם ברונעם און האָבן זיך געוואַשן און וואַסער געטרונקען. אָבער מרים האָט ניט געוואָלט קוקן אַראָפּ. פּונקט ווי זי וואָלט אַ שיינעם חלום ניט געוואָלט צעשטערן, האָט זי געקוקט ווײַטער אין דער ווײַטקייט אַרײַן, און אויסדרייענדיק זיך מיטן פּנים צו מערבֿ־זײַט, כּדי זיך צו באַשיצן פֿון דער זון,

וואָס האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן ווערן צו שטאַרק, האָט זי אין דער קלאָרער לופֿט, פֿון דער ווײַטנס געקענט זען די בלויע וואַסערן פֿונעם ים־המלח; זי האָט דעם ים געזען פֿון איין ברעג ביז צום אַנדערן, און פֿון הינטער אים האָבן מיט זייערע שפּיצן אַרויסגעקוקט די רויטלעך־בלויע בערג פֿון מואָב, און אַרום און אַרום האָט זיך געשפּרייט אַ וויסטעניש, וואו דאָס אויג האָט זיך אין גאַנצן פֿאַר־לוירן, און ווען מ׳האָט געקוקט אַרונטער, נאָענט אַרום זיך, האָט מען קיין אַנדער זאַך ניט געזען, ווי נאָר פֿעלדער ניט קיין צעאַקערטע און לאָנקעס ניט קיין פֿאַר־זייטע.

דער שטעמפּל פֿון דער מלחמה צווישן אייגענע ברידער איז געלעגן אויף אַלץ אַרום און אַרום...

ב

מרים האָט זיך געלאָזט גיין צוריק צום געצעלט, און אויפֿן וועג האָט זי זיך אַלע מאָל אָפּגעשטעלט לעבן אַן אַנדער רעדל פֿון די באַוואָפֿנטע לײַט. זיי האָבן פֿאַר איר געמאַכט אַ וואַרע און איר גרויס כּבֿוד אָפּגעגעבן; וואו מ׳האָט זי נאָר דערזען, האָט מען זיך פֿאַר איר געבייגט, און דאָס האָט בײַ איר גראָד אַ שווערן געפֿיל אַרויסגערופֿן. און זי האָט געבעטן מ׳זאָל זיך פֿאַר איר ניט בייגן און בייגן. און זי האָט צו אַלעמען גערעדט אַזוי, אַז זיי האָבן זיך גלײַך אָנגעהויבן פֿילן היימיש אין איר געזעלשאַפֿט.

— אַזוי פֿרי שוין אויפֿגעשטאַנען? — האָט איינער, אַן עלטסטער פֿון אַ מחנה, זיך געוואונדערט, ווען ער האָט זי דערזען.

— יאָ — האָט זי געענטפֿערט — איך האָב געוואָלט זען ווי מיר באַפֿעסטיקן זיך...

די באַוואָפֿנטע, וואָס זענען געשטאַנען אַרום, האָבן צופֿרידן צוגעשמייכלט, און דער עלטסטער פֿון דער מחנה האָט זיך געגעבן אַ גלײַך אויס און האָט מיט אַ סך זיכערקייט געזאָגט:

— מיר וועלן זיך דאָ אין מאַסאַדאַ באַפֿעסטיקן אַזוי, אַז סײַדן בלויז אויף די פֿליגלען פֿון אַן אָדלער וועט אַנטיגאָנוס קענען אַרײַנקומען אַהער...

— און אויב ער וועט אַרײַנקומען אַהער אויף די פֿליגלען פֿון אַן אָדלער — האָט זיך אָנגערופֿן אַן אַנדערער פֿון די עלטסטע — וועט אַ פֿײַל פֿון מײַן בויגן גלײַך געפֿינען צו אים דעם וועג...

זיי האָבן אַלע געוואָלט אויסנעמען בײַ איר, זאָגן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל איר שטאַרק געפֿעלן. האָבן זיי אָנגעהויבן רעדן מיט גרויס באַגײַסטערונג וועגן הורדוסן.

— הורדוס — האָט איינער געזאָגט — איז דער גרעסטער גיבור אין יהודה!

— דער בעסטער קריגספֿירער! — האָט אַן אַנדערער אַרײַנגעוואָרפֿן אַ וואָרט.

— נאָך אַזאַ ווי ער איז ניט צו געפֿינען! — האָט אַ דריטער זיך אָנגערופֿן.

— און ער וועט אַוודאַי אין גיכן קומען צוריק!

— און די צאָל פֿון די מחנות, וואָס וועלן זיך צונויפֿקלײַבן אַרום אים, וועט זײַן ווי די זאַמד, וואָס בײַם ברעג ים!

— און ער וועט אויסראָטן און פֿאַרטיליקן די אַלע שונאים, וואָס זענען אויפֿגעשטאַנען אַקעגן אונדז.

— עס וועט פֿון זיי קיין איינער ניט בלײַבן.

— און די, וואָס וועלן יאָ בלײַבן, וועלן קנִיען פֿאַר אים ווי די קנעכט און וועלן זיך בעטן, ער זאָל זיי ווײַזן זײַן גנאָד...

עס איז מרימען געווען אָנגענעם צו הערן ווי זיי רעדן אַלע וועגן הורדוסן מיט אַזאַ באַגײַסטערונג און ווי זיי זענען אַלע פֿאַרגלויבט אין אים. און זי איז, אַ צופֿרידענע, אַוועק צוריק אין געצעלט. און ווען זי איז געקומען אַהין, איז דער טומל דאָרט שוין געווען גרויס, און אַלע אייגענע האָבן צו איר געהאַט טענות, פֿאַר וואָס זי איז פֿאַר טאָג אַוועק איינע אַליין און ניט געזאָגט קיינעם וואוהין זי גייט...

— טאָכטער מײַנע — האָט איר מוטער אַלכּסנדרה איר געזאָגט מוסר — ווי האָסטו גאָר געקענט פֿאַר טאָג איינע אַליין אַוועקגיין פֿון געצעלט? אויף אונדז אַלע דאָ איז דאָך אַ שרעק אַרויפֿגעפֿאַלן, ווען מיר זענען פֿון שלאָף אויפֿגעשטאַנען און האָבן דערזען, אַז דו ביסט ניטאָ...

אויך הורדוסעס מוטער, די אַלטע ציפּורה, וועלכע איז געווען שטאַרק פֿאַרגלייבט אין איר זון, איז געווען ניט צופֿרידן דערפֿון.

— דו טאָרסט מער אַזאַ זאַך ניט טאָן! — האָט זי צו מרימען געזאָגט — די האַנט פֿונעם שונא קען דיך נאָך גרייכן ווען דו ביסט אַליין, אָדער אַ ווילדע חיה קען דיך נאָך פֿאַרצוקן.

— און ווילדע חיות האָבן ליב אַ זיסן און געשמאַקן ביסן — האָט זיך אַרײַנגעמישט הורדוסעס שוועסטער שלומית, וועלכע האָט אַלע מאָל דווקא געוואָלט מע זאָל זי רופֿן סאַלאָמעאַ. און געזאָגט האָט זי דאָס מיט גאַל. און אין אירע גרינע אויגן האָט זיך אָנגעצונדן אַ פֿײַערל פֿון קנאה...

איר, הורדוסעס שוועסטער, וועלכע האָט קיינעם קיין זאַך ניט פֿאַרגונען, איז מרים די חשמונאית געווען גרויס אין די אויגן. זי האָט איר ניט פֿאַרגונען, פֿאַר וואָס זי איז אַזוי שיין און פֿאַר וואָס אַלע ציטערן אַזוי איבער איר. דערפֿאַר האָט זי בײַ יעדער געלעגנהייט געזאָגט עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל איר וויי טאָן. אָבער מרים האָט דערויף קיין מאָל ניט געענטפֿערט. זי איז געווען צו שטאָלץ דערויף, און דאָס האָט בײַ דער פֿאַרביסענער סאַלאָמעאַ אַרויסגערופֿן נאָך אַ גרעסערן פֿאַרדרוס.

אויך איצט האָט מרים סאַלאָמעאַן גאָרניט געענטפֿערט און זיך אַפֿילו ניט אומגעקוקט אויף איר...

מער ווי אַלע אַנדערע האָט צו מרימען געהאַט טענות הורדוסעס ברודער יוסף:

— אין מײַנע הענט — האָט ער געזאָגט — האָט דער ברודער איבערגעגעבן די באַשיצונג פֿון דער פֿעסטונג. איך האָב אים אַ שבועה געגעבן, אַז איך וועל

מײַן לעבן אײַנשטעלן פֿאַר דיר, אַז קיין האָר פֿון דײַן קאָפּ וועט ניט געמינערט ווערן די גאַנצע צײַט וואָס דו ביסט אין מאַסאַדאַ אונטער מײַן שוץ. און ס'איז מײַן וואונטש און מײַן באַפֿעל, אַז דו זאָלסט אין ערגעץ ניט גיין אָן מײַן וויסן!

מרים האָט זיך ניט באַליידיקט פֿון דעם, וואָס ער איז געווען בייז אויף איר. זי האָט פֿריילעך געלאַכט, ווען ער האָט אויף איר געשריגן. אָבער זי האָט אים דאָך צוגעזאָגט, אַז פֿון הײַנט אָן און ווײַטער וועט זי זיך אין די פֿרימאָרגנס קיין מאָל מער ניט אַרויסגנבֿענען שטילערהייט פֿון געצעלט.

— דאָרטן אויפֿן באַרג איז אָבער זייער שיין — האָט זי מיט אַ ליבלעכן שמייכל צוגעגעבן — און ווען איך וועל ווידער אַהין וועלן גיין, וועל איך דיך אויך מיטנעמען, און דו וועסט מיר פֿון שלעכטע מענטשן און ווילדע חיות באַשיצן.

פֿון דאַן אָן האָט מרים אָנגעהויבן באַמערקן ווי אַלע מאָל, ווען זי גייט ערגעץ, גייען איר פֿון דער ווײַטנס נאָך צוויי באַוואָפֿנטע לײַט און נעמען פֿון איר די גאַנצע צײַט די אויגן ניט אַראָפּ. און דאָס האָט בײַ איר ניט איין מאָל אַרויסגערופֿן אַ פֿאַרלאַנג זיך צו באַהאַלטן ערגעץ און זיי זאָלן זי ניט קענען געפֿינען. אָבער זי האָט דאָס דאָך קיין מאָל ניט געטאָן.

עס איז ניט געווען אין איר טבֿע זיך צו רייצן מיט מענטשן...

ג

אין אַלגעמיין האָט מרים אין דער פֿעסטונג פֿון מאַסאַדאַ זיך דערפֿילט עלטער ווי זי איז געווען. אַלץ וואָס זי האָט איבערגעלעבט פֿאַר דער קורצער צײַט זינט מ'איז בײַ נאַכט אין אַזאַ אײַלעניש פֿון ירושלים אַנטלאָפֿן, האָט אויף איר אַזוי געווירקט, אַז זי האָט מיט גאָר אַנדערע אויגן אָנגעהויבן קוקן אויף אַלץ און אויף אַלעמען. און זי האָט מער ניט געקענט בלײַבן שטיין פֿון דער ווײַטנס, ווען זי האָט געזען ווי אַנדערע זענען מיט וויכטיקע זאַכן פֿאַרנומען.

מיט וואָס זי האָט נאָר געקענט, האָט זי אַרויסגעהאָלפֿן די מענטשן, וואָס האָבן זיך געגרייט צו באַגעגענען דעם שונא, ווען ער וועט מאַכן אַן אָנפֿאַל; זי האָט זיך נײַגעריק צוגעקוקט צו דעם ווי מ'גראָבט טיפֿע גריבער אַרום דער פֿעסטונג און זי האָט געהאַט פֿאַרגעניגן פֿון דעם, וואָס מ'לאָזט זי אַרומגיין מיט אַ קרוג און טיילן וואַסער צווישן די, וואָס זענען דורשטיק. אויך טייטלען און באָקסער האָט זי געטיילט צווישן די באַוואָפֿנטע לײַט. און געהאַלטן דערבײַ האָט זי זיך אַזוי ליב און אײנפֿאַך, אַז זי איז אַלעמען געוואָרן נאָענט און טײַער און וואו מ'האָט זי נאָר דערזען, האָט מען זי אויפֿגענומען מיט גרויס פֿרייד און אַלע האָבן זי געלויבט און געריימט:

— זי איז די בעסטע און די שענסטע אין דער משפּחה פֿון די חשמונאים!

— צו דער גוטסקייט פֿון איר האַרץ איז גאָר ניטאָ קיין ברעג!

— די שכינה אַליין רוט אויף איר!

אַזוי האָבן די באַוואָפֿנטע לײַט אין דער פֿעסטונג פֿון מאַסאַדאַ גערעדט וועגן מרימען, און זי האָט זיך צווישן זיי געפֿילט אַזוי היימיש און זיכער, אַז ס'איז איר

גאָר קיין מאָל ניט אײַנגעפֿאַלן אַ טראַכט צו טאָן וועגן דעם, אַז דאָ איז איר לעבן אין אַ סכּנה.

אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דעם האָט זי ערשט דאַן, ווען זי האָט דאָס ערשטע מאָל דערזען ווי די באַוואָפֿנטע לײַט האָבן זיך אויסגעשטעלט אויף די ווענט פֿון דער פֿעסטונג און אויף אַלע באַרגשפּיצן אַרום און אַרום.

געשלאָגן האָט מען זיך דאַן נאָך ניט מיט קיינעם. קיין חיילות, וואָס זאָלן אָנפֿאַלן, האָט מען נאָך אין ערגעץ ניט געזען; עס האָבן ניט געשאַלט קיין טרומ־פּייטן, עס האָבן ניט געבלאָזן קיין שופֿרות און מע האָט ניט געהערט קיין קולות פֿון מענטשן, קיין הירזשען פֿון פֿערד און קיין גערויש פֿון רײַטוועגענער. אָבער דאָס אַליין, וואָס די זעלבע מענטשן, וועלכע האָבן פֿריִער געגראָבן גריבער און אַרומגעלאָפֿן אויף דער ערד אַהער און אַהין, האָבן זיך מיט אַ מאָל אויפֿגעהויבן אין דער הויך און זיך אויסגעשטעלט מיט שווערד און בויגן אויף באַרגשפּיצן און אויף מויערן, איז שוין געווען גענוג אַרויפֿצוּוואַרפֿן אַ מורא און מ׳זאָל דער־פֿילן דאָס אָנקומען פֿון אַ גרויסער סכּנה.

בײַ טאָג און בײַ נאַכט האָבן זיך די מענטשן דאָרט אין דער הויך אַרומגע־דרייט און בײַ איטלעכן פֿון זיי איז דאָס פּנים מיט אַ מאָל געוואָרן אַזוי ערנצט און אָנגעכמורעט, אַז ס׳איז גאָר אוממעגלעך געווען זיך פֿאָרצושטעלן, ווי אַזוי אויף אַזאַ פּנים קען זיך גאָר אַ מאָל אַ שמייכל באַווײַזן; און די בליקן פֿון זייערע אויגן זענען די גאַנצע צײַט געווען געווענדט אין דער ווײַטקייט אַרײַן; און די ליפּן זענען בײַ זיי געווען שטײַף צונויפֿגעפּרעסט און מ׳האָט ניט געזען און ניט געהערט, אַז עמעצער פֿון זיי זאָל אַ וואָרט אַרויסרעדן.

אַלע האָבן געשוויגן.

און זייער שווײַגן האָט אויפֿן גאַנצן לעבן פֿון די מענטשן אין דער פֿעסטונג אַ שרעקלעך שווערן שטעמפּל אַרויפֿגעלייגט און אַלע האָבן געוואַרט.

מ׳האָט געוואַרט בײַ טאָג און מע האָט געוואַרט בײַ נאַכט. און דווקא דערפֿאַר, וואָס ס׳זענען אַוועק טעג און טעג און ס׳איז קיין זאַך ניט געשען, זענען מענטשן געוואָרן בייז, אַליין ניט־וויסנדיק אויף וועמען און אויף וואָס...

די אומרואיקייט איז געשטיגן מיט יעדן טאָג, מיט יעדער שעה. מענטשן האָבן אָנגעהויבן פֿאַרלירן דאָס געדולד, און אַלע מאָל, ווען אַן אויסשפּירער, וואָס מ׳האָט אויף די ווײַטע וועגן אַרויסגעשיקט, האָט זיך אומגעקערט צוריק, האָט מען אים פֿון אַלע זײַטן אַרומגערינגלט און מיט אויפֿגעשפּיצטע אויערן זיך צו־געהערט צו דעם וואָס ער האָט דערציילט.

אויך צו די עטלעכע געציילטע מענטשן, וואָס זענען שפּעטער פֿון ירושלים אָנגעקומען, האָט מען זיך מיט אויפֿגעשפּיצטע אויערן צוגעהערט און געשלונגען יעדעס וואָרט, וואָס זיי האָבן פֿון מויל אַרויסגעבראַכט. און זיי האָבן טאַקע געהאַט אַ סך צו דערציילן וועגן דעם, וואָס ס׳קומט איצטער פֿאָר אין דער הויפּטשטאָט, און אויך וועגן דעם, וואָס זיי האָבן געהערט און געזען אויפֿן וועג.

פֿון זיי, פֿון די מענטשן וואָס זענען פֿון ירושלים אָנגעקומען, האָט מרים זיך דערוואוסט, אַז אַנטיגאָנוס האָט דעם אַלטן קיניג הורקנוס ביידע אויערן טיף אײַנגעשניטן, כּדי אים צו מאַכן אַ מום און ער זאָל מער ניט קענען זײַן קיין

כהן־גדול. דאָס פּנים איז בײַ איר געוואָרן שרעקלעך בלאַס, ווען זי האָט דאָס דערהערט. זי האָט זיך מיטן גאַנצן קערפּער אַזאַ וואַקל געטאָן, אַז זי איז שיִער ניט אומגעפאַלן. כּדי אײַנצוהאַלטן דעם כּעס, וואָס האָט זיך אין איר מיט אַ מאָל צעברענט, האָט זי פאַרקריצט די ציין, אָבער געזאָגט האָט זי דאָך גאָרניט. זי האָט פאַר פרעמדע מענטשן ניט געוואָלט אויסדריקן דעם טיפן צאָרן, וואָס האָט זיך אין איר צעברענט. ערשט ווען זי איז אין געצעלט אַרײַנגעקומען און האָט דערהערט ווי די פּרויען דאָרט רעדן שוין אויך וועגן דעם, איז זי אַרויס מיט דעם כּעס, וואָס זי האָט ביז איצט אײַנגעהאַלטן.

— ער איז אַ מערדער! — האָט זי אָנגעהויבן שרײַען — ער איז אַ מערדער, דער אַנטיגאָנוס, און ער איז ניט ווערט צו זײַן איינער פון אונדזער משפּחה!..

— די משפּחה פון די חשמונאים האָט זיך קיין מאָל ניט אויסגעצייכנט מיט קיין גוטהאַרציקייט... — האָט הורדוסעס שוועסטער סאַלאָמעאַ אַרײַנגעוואָרפן אַ גאַליקע באַמערקונג. — זיי האָבן גענוג בלוט פאַרגאָסן, בלוט פון אייגענע און בלוט פון פרעמדע...

— זיי קענען אַליין ניט פירן די מלוכה און זיי לאָזן קיין אַנדערן דאָס ניט טאָן — האָט זיך אָנגערופן הורדוסעס מוטער ציפּורה — און איז דען מײַן מאַן אַנטיפּאַטרוס ניט געפאַלן אַ קרבן פון זיי? עס איז שווער אין יהודה צו געפינען נאָך איינעם, וואָס האָט פאַרן לאַנד געטאָן אַזוי פיל וויפל מײַן מאַן, און ווער איז שולדיק אין זײַן טויט אויב ניט די חשמונאים! נאָר זיי רײַסן זיך אַרום צווישן זיך. זיי קענען זיך נאָך אַלץ מיט דער גדולה פון אַ מאָל ניט צעטיילן...אַלץ — אַ מאָל, אַ מאָל! אָבער וואָס זענען זיי איצט? גאָרניט!..

דאָס האָט מרימס מוטער אַלכּסנדרה שוין ניט געקענט פאַרטראָגן. עס האָט איר פאַרדראָסן, וואָס זי, די אַלטע ציפּורה, וואָס וויל דווקא, אַז מע זאָל זי רופן נאָר קיפּאָרוס, מאַכט צו גאָרניט דעם יחוס פון די חשמונאים. האָט זי זיך געגעבן אַ שטעל אַוועק מיט שטאָלץ און געזאָגט:

— עס איז די קנאה, וואָס רעדט אַרויס פון דײַן האַלדז, קיפּאָרוס. ס'איז די טבֿע פון די, וואָס שטייען נידעריק צו רעדן מיט פאַראַכטונג פון די, וואָס שטייען הויך...

דאָס האָט שוין די אַלטע קיפּאָרוס ניט געקענט פאַרטראָגן, און זי האָט אָפּגעענטפערט מיט כּעס:

— אונדזער משפּחה איז ניט פון די, וואָס שטייען נידעריק. אין שטאַנד זענען מיר פּונקט אַזעלכע יחסנים ווי די משפּחה פון די חשמונאים. און אויב עס זענען בײַ אונדז נאָך ניט געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געטראָגן אַ קרוין, וועלן נאָך זײַן אַזעלכע אויך...אַ קרוין אויפן קאָפּ דאַרף טראָגן דער, וואָס קען פירן אַ מלוכה, און אונדזער משפּחה האָט אַרויסגעגעבן אַזעלכע...

— יאָ, אונדזער משפּחה און ניט די משפּחה פון די חשמונאים — האָט סאַלאָמעאַ דאָס געמאַכט נאָך שטאַרקער. און זאָגנדיק דאָס, האָט זי דאָס וואָרט „חשמונאים" אַרויסגערעדט מיט אַזוי פיל גאַל און גיפט, אַז דאָס פּנים האָט זיך בײַ איר אַזש פאַרקרימט און פון די גרינע אויגן אירע האָט ווי מיט פײַער געשפּריצט.

עס האָט שוין געהאַלטן דערבײַ, אַז די ווײַבער זאָלן זיך צעקריגן. ניט נאָר אַלכּסנדרה, נאָר אויך מרים האָט ניט געקענט בלײַבן רואיק, הערנדיק ווי סאַלאָמעאַ רעדט מיט אַזוי פֿיל גאַל וועגן דער חשמונאים־משפּחה, וואָס איז אַזוי פֿיל דורות געווען דער שטאָלץ פֿונעם ייִדישן פֿאָלק; זי האָט דער סאַלאָמעאַ מיט די גרינע אויגן געוואָלט ענטפֿערן שאַרף, אַזוי שאַרף, אַז זי זאָל דאָס לאַנג געדענקען. אָבער פּונקט דאַן איז אין איין אָטעם אַרײַנגעפֿאַלן הורדוסעס ברודער יוסף און ער האָט געבראַכט די נײַס וועגן פֿאַזאַעלס טויט.

— אַזוי קען פֿאַלן בלויז אַ גרויסער העלד! — האָט יוסף געזאָגט, נאָך דעם ווי ער האָט איבערגעגעבן אַלץ, וואָס ער האָט געהערט וועגן דעם ווי אַזוי פֿאַזאַעל האָט, אַ געשמידטער אין קייטן, מיט אַלע כּוחות געגעבן אַ זעץ דעם קאָפּ אין דער וואַנט פֿון שטיין און איז געבליבן ליגן אַ טויטער — דאָס איז אין גײַסט פֿון די, וואָס קומען פֿון אונדזער משפּחה: איידער אַרײַנפֿאַלן אין די הענט פֿונעם שׂונא, איז בעסער זיך אַליין מאַכן דעם טויט!..

אַלע האָבן געשוויגן. די אַלטע קיפּאַרוס האָט שטיל באַוויינט איר עלטסטן זון. אָבער באַלד האָט זי אויסגעווישט די טרערן פֿון די אויגן, זיך געגעבן אַ שטעל אַוועק אין איר פֿולער הויך און געגעבן אַ זאָג מיט גאַל און צאָרן:

— חש־מו־נאים!.. מערדער!..

מער האָט זי גאָרניט געזאָגט און זי איז אַרויס פֿונעם געצעלט מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ און נאָך איר איז אויך אַרויס איר טאָכטער סאַלאָמעאַ.

געבליבן אין געצעלט מיט מרימען און מיט אַלכּסנדרהן איז בלויז יוסף. אַ באַוואָפֿנטער און מיט זייער אַן ערנצטער מינע אויפֿן פּנים איז ער געשטאַנען לעבן די צוויי פֿרויען. און ס׳איז אים שווער געווען צו רעדן, ווײַל די שטימונג איז געווען זייער אַן אָנגעצויגענע. ער האָט ניט געקענט בלײַבן לאַנג אין געצעלט, ווײַל ער האָט געוואָלט זען וואוהין די מוטער איז אַוועק און ער איז געווען זיכער, אַז זי וויינט איצטער שטילערהייט און אַז אַ טרייסטוואָרט פֿון אים וועט איר גוטס טאָן. האָט ער זיך טיף פֿאַרנייגט פֿאַר מרימען און אַלכּסנדרהן און זיך געלאָזט גיין. אָבער בײַם אַרויסגאַנג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט.

— אָפּהיטן וואָס מער אײַער יינגסטן זון אַריסטובולוס! — האָט ער געזאָגט אַלכּסנדרהן אַזוי, אַז ס׳איז שווער געווען צו וויסן, צי דאָס איז אַן עצה אָדער אַ באַפֿעל. — פֿון אויג אים ניט אָפּלאָזן די גאַנצע צײַט!

אַלכּסנדרה האָט זיך דערשראָקן.

— וואָס איז דען געשען?

— דערווײַל איז נאָך גאָרניט געשען — האָט יוסף איר געענטפֿערט — אָבער צו מײַנע אויערן האָבן הײַנט דערגרייכט קלאַנגען, אַז אַנטיגאָנוס האָט פֿאַרטראַכט שלעכטס; ער וויל אַוודאי דעם יונגן חשמונאי, דעם זון פֿון זײַן אייגענעם ברודער, טאָן דאָס אייגענע, וואָס ער האָט געטאָן דעם אַלטן חשמונאי, דעם ברודער פֿון זײַן פֿאָטער... עס איז דאָך איין משפּחה, אייגן בלוט. און דער־פֿאַר יאָגט ער זיך אַזוי אַהער...

אין יעדן וואָרט, וואָס ער האָט אַרויסגערעדט איידער ער איז אַוועק, איז געווען גאַל און גיפט און דאָס איז פאַר מרימען געווען אַ גרויסע איבערראַשונג, ווייל פריִער האָט זי אים קיין מאָל ניט געהערט אַזוי רעדן וועגן איר משפּחה.

— זיי זענען אַלע קעגן אונדז — האָט זיך אַלכסנדרה אָנגערופן, ווען זי איז געבליבן מיט דער טאָכטער אַליין אין געצעלט — זיי האָבן אונדז אַלע פיינט און איך האָב זיי אויך פיינט!..

— זינט ווען? — האָט מרים געפרעגט, אָפּמעסטנדיק די מוטער מיט די בליקן.

— זינט מיר זענען דאָ מיט זיי אין איינעם אין מאַסאַדאַ — האָט אַלכסנדרה געענטפערט — דאָ האָב איך זיי בעסער דערקענט און איך האָב זיי אָנגעהויבן האָסן, און מער ווי אַלעמען האָס איך זי, די סאַלאָמעאַ. דאָס איז אַ שלאַנג. אַ גיפטיקע שלאַנג.

און פונקט ווי זי וואָלט איצטער ניט געהאַט קיין וויכטיקערע זאַכן, וואָס זאָלן איר ליגן אין זינען, האָט זי אָנגעהויבן אויסרעכענען אַ גאַנץ צעטל פון ווייבערישע קריוודעס, וואָס זענען גאָרניט ווערט; זי האָט געהאַט טענות, פאַר וואָס הורדוסעס מוטער און שוועסטער גיבן איר ניט אָפּ גענוג כּבֿוד און פאַר וואָס זיי הערן זיך ניט צו גענוג אויפמערקזאַם צו אירע רייד, ווען זי דערציילט וועגן דער גרויסקייט פון איר יחוס און וועגן די העלדישקייטן פון אירע זיידעס און עלטער־זיידעס פון דער חשמונאים־משפּחה...

זיי דאַרפן פאַרשטיין — האָט זי געזאָגט — אַז מיר זענען מיר און זיי זענען זיי...

מרים האָט ניט געקענט הערן ווי די מוטער רעדט איצטער וועגן אַזעלכע זאַכן און דערמאָנט גאָרניט אַ וואָרט וועגן דעם, וואָס אַנטיגאָנוס האָט געטאָן צום אַלטן קיניג הורקונוס אין ירושלים.

— מוטער — האָט זי כּמעט ווי אויסגעשריגן מיט טיפן ווייטיק — טראַכסט איצטער גאָרניט וועגן דעם, וואָס אַנטיגאָנוס האָט געטאָן דעם זיידן? עס איז דאָך נאָך קיין מאָל ניט געהערט געוואָרן אין די גרענעצן פון יהודה, אַז אַ זון פון די חשמונאים זאָל טאָן אַזוינס צו אַ קיניג און אַ כּהן־גדול, וואָס איז אַליין אויך אַ זון פון די חשמונאים!

אין יעדן וואָרט, וואָס מרים האָט אַרויסגעזאָגט, האָט זיך געפילט אַ טיפער ווייטיק און פאַרדרוס. די אויגן זענען ביי איר געווען פול מיט טרערן. די ווערטער האָבן זי געשטיקט אין האַלדז און זי האָט זיך אַלע מאָל אַליין איבערגעהאַקט אין מיטן רעדן, אָבער זי האָט דאָך גערעדט.

— ווען איך האָב פריִער געהערט ווי יוסף רעדט וועגן אונדזער משפּחה — האָט זי געזאָגט, און דערביי האָט זי זיך אָנגעשטרענגט ניט צו וויינען — ווען איך האָב דאָס געהערט, האָט דאָס מיר שטאַרק וויי געטאָן. איך האָב אים געוואָלט ענטפערן דערויף, אָבער איך האָב ניט געהאַט וואָס. ווי דען אַנדערש קען אַ זייטיקער מענטש רעדן וועגן אונדזער משפּחה, ווען אַן אייגענער, אַ זון פון די חשמונאים, באַגייט זיך אַזוי שענדלעך מיט אַן אַלטן מאַן, וואָס איז אַ קיניג און אַ כּהן־גדול און דערצו נאָך איינער פון דער זעלבער משפּחה?! מוטער, ענטפער

מיר! האָט זיך שוין גאָטס גײַסט טאַקע אין גאַנצן אָפּגעטאָן פֿון אונדז? ווי האָט איינער פֿון אונדז געקענט אַרויסווײַזן אַזוי פֿיל רישעות, אַזוי פֿיל רציחה?..

נאָך קיין מאָל האָט אַלכּסנדרה ניט געהערט מרימען אַזוי רעדן. זי האָט אָבער ניט אַרויסגעוויזן אַפֿילו קיין סימן פֿון איבעררײַשונג. רואיק און געלאַסן האָט זי איר אין די אויגן אַרײַנגעקוקט, אויסגעהערט ביז צום סוף, און נאָך דעם האָט זיך אויף איר פּנים אַ לײַכטער שמייכל באַוויזן, אַ שמייכל, וואָס באַווײַזט זיך געוויינטלעך ווען מע קוקט אויף יענעם פֿון אויבן אַראָפּ.

— דו ביסט נאָך אַלץ אַ קינד, טאָכטער מײַנע — האָט אַלכּסנדרה געזאָגט, צוציִענדיק מרימען נעענטער צו זיך — דו ווערסט נאָך צערודערט פֿון גע־שעענישן, וואָס זענען אין דער אמתן גאַנץ געוויינטלעכע זאַכן. וואָס מ׳קען ניט אויסמײַדן מוז געשען. אַזוי איז אַלע מאָל געווען און אַזוי וועט שטענדיק זײַן. אין אַ מלחמה קען מען פֿונעם שונא ניט פֿאַרלאַנגען, ער זאָל אַרויסווײַזן זײַן גוט האַרץ. דאָס גאַנצע לעבן מײַנס אין קיניגלעכן הויף איז אַוועק אין מלחמות צווישן אייגענע ברידער, און דעריבער קען מיך שוין קיין זאַך ניט איבעררײַשן. און ווען דו, מרים, וועסט ווערן עלטער, וועסטו אויך אַזוי זײַן. בלוט וועט בײַ דיר מער קיין טרערן ניט אַרויסרופֿן. רציחה וועט דיך מער ניט מאַכן בייז...

מיט אַ געבויגענעם קאָפּ איז מרים געזעסן און האָט זיך צוגעהערט ווי די מוטער רעדט. און ווען זי האָט די לעצטע ווערטער אירע דערהערט, האָט זי גע־געבן אַ הייב אויף דעם קאָפּ און אויסגעשריגן אויפֿן קול:

— ניין, איך וועל קיין מאָל ניט זײַן אַזוי!..

אַלכּסנדרה האָט אין זיך געלאַכט:

— יאָ, דו ביסט נאָך אַלץ אַ קינד, טאָכטער מײַנע. נאָך אַלץ אַ קינד...דו פֿאַרשטייסט ניט, דו קענסט נאָך ניט פֿאַרשטיין אַזעלכע זאַכן...

מיט אַ מאָל האָט זי איר אָנגעהויבן אַרויסווײַזן שוין צו פֿיל איבערגעטרי־בענע צערטלעכקייט. זי האָט זי געגלעט און געקושט, און אַזוי גלעטנדיק און קושנדיק זי, האָט זי איר שטיל אויפֿן אויער געזאָגט:

— און אַצינד, מײַן שיינע טאָכטער, וועל איך דיר אַ סוד פֿאַרטרויען, זייער אַ גרויסן סוד.

מרים איז געוואָרן זייער נײַגעריק.

— דערצייל מיר, מוטער, דערצייל.

— מיר אַלע דרײַ — האָט אַלכּסנדרה אָנגעהויבן רעדן נאָך שטילער — איך, דו און דײַן ברודער אַריסטובולוס, וועלן פֿון דאַנען אַנטלויפֿן...

מרים האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ אַ דערשראָקענע.

— אַנטלויפֿן! וואוהין?..

— שטילער! — האָט אַלכּסנדרה מרימען מיט דער האַנט דאָס מויל פֿאַר־שטעלט — עמעצער קען נאָך דערהערן און דאַן זענען מיר פֿאַרלוירן...

זי איז געווען זייער פֿאַרזיכטיק, אַלכּסנדרה. זי האָט זיך צוגעהערט, צי עס טראָגן זיך ניט פֿון ערגעץ קיין קולות פֿון מענטשן און קיין הילך פֿון טריט. און ערשט נאָך דעם ווי זי איז שוין געווען זיכער, אַז אַרום און אַרום איז קיינער ניטאָ, האָט זי מרימען שטיל אין אויער אַרײַנגעשושקעט:

— מיר וועלן פֿון דאַנען אַנטלויפֿן קיין ירושלים...
מרים איז געבליבן שטיין ווי געפּלעפֿט.
— קיין ירושלים? צו וועמען?
— צו אַנטיגאָנוסן... ער איז איצט דער קיניג פֿון יהודה און ס'איז זײַן וואונטש, אַז דו זאָלסט ווערן זײַן ווײַב... דו וועסט זײַן קיניגין, טאָכטער מײַנע. יאָ, דו!.. און ס'וועט ווידער זײַן אַזוי ווי ס'איז אַלע מאָל געווען: דער קיניג — אַ זון פֿון דער חשמונאים־משפּחה און די קיניגין — אַ טאָכטער פֿון דער חשמונאים־משפּחה...

— אָבער מוטער?! — האָט מרים צווישן די ציין דערשטיקט אַ געשריי, וואָס האָט זיך בײַ איר פֿון האַרצן געריסן — ווי קענסטו גאָר רעדן אַזוי?

ד

עס איז דער שיינער, יונגער מרים שווער געווען צו פֿאַרשטיין, וואָס דאָ קומט פֿאָר און ווי אַזוי ס'איז גאָר מעגלעך, אַז די מוטער זאָל צו איר אַזוי רעדן. עס האָבן זיך בײַ איר געמישט די געדאַנקען אין קאָפּ און זי האָט קיין איינעם פֿון זיי ניט געקענט אַרומטראַכטן אַזוי, אַז ער זאָל זיך איר לייגן אויפֿן שׂכל. און כאָטש זי האָט געהאַט אַזוי פֿיל צו זאָגן, האָט זי קיין ווערטער ניט געקענט געפֿינען און זי איז געשטאַנען ווי אַ צעמישטע און מיט די ברייט־צעעפֿנטע גרויע אויגן געקוקט אויף דער מוטער אַזוי, פּונקט ווי זי וואָלט זי איצט ניט דערקענט.

און אַלכּסנדרה האָט גערעדט אַזוי, פּונקט ווי אַלץ, וואָס מרים טראַכט און פֿילט אַצינדער, איז ניט מער ווי אַ נאַרישקייט, וואָס אַ קינד ווײַזט אַרויס.

— עס איז אַלע מאָל געווען מײַן טרוים — האָט זי געזאָגט — אַז דו, מײַן טאָכטער, זאָלסט זײַן אַ קיניגין. צוליב דעם האָב איך זיך מיט אָפֿענע אויגן צו־געקוקט צו אַלץ, וואָס קומט פֿאָר אין הויף און אין לאַנד. פֿון דעם וואָס איך האָב געזען און געהערט האָט זיך בײַ מיר געשאַפֿן אַ גלויבן, אַז גאָט האָט זיך אָפּ־געקערט פֿון אונדזער משפּחה און אַנגעהויבן אַרויסווײַזן זײַן גנאָד צו דער אַנטי־פּאַטרוס־משפּחה. איך האָב געגלויבט, טאָכטער מײַנע, אַז הורדוס וועט זײַן דער קיניג פֿון יהודה, און דערפֿאַר האָב איך געוואָלט, אַז דו זאָלסט ווערן זײַן ווײַב. איצטער אָבער גלויב איך מער ניט, אַז ער וועט ווען ס'איז זײַן דער קיניג פֿון יהודה. ער איז איצט אַ פֿאַרטריבענער, אַ פֿאַריאָגטער. דער קיניג פֿון יהודה איז שוין אַנטיגאָנוס, און ער וויל, אַז דו זאָלסט ווערן זײַן ווײַב. און איך וויל דאָס אויך...

אַלכּסנדרה האָט אויך גערעדט וועגן דעם, וואָס ס'איז שוין בײַ איר מער קיין ספֿק ניט, אַז גאָט האָט זיך אָפּגעקערט פֿון דער אַנטיפּטרוס־משפּחה און ער ווײַזט איר מער ניט אַרויס זײַן גנאָד.

— עס איז קלאָר — האָט זי געזאָגט — אַז די גאַנצע משפּחה האַלט בײַם אונטערגיין. אַנטיפּאַטרוס אַליין איז געפֿאַלן אַ קרבן פֿון גיפֿט, וואָס מ'האָט אַרײַנ־

געטאָן אין זײַן בעכער ווײַן; זײַן עלטסטער זון פֿאַזאַעל האָט איצטער אַליין געמוזט מאַכן אַ סוף צו זײַן לעבן, און הורדוס? ער יאָגט זיך איצטער אַרום איבער מדבריות און איבער פֿרעמדע לענדער, און ווער ווייסט צי ער וועט אַ מאָל קומען צוריק אַ לעבעדיקער...

זי האָט לאַנג גערעדט צו דער טאָכטער און זי אַלץ געבעטן, אַז זי זאָל אין גאַנצן פֿאַרגעסן אָן הורדוסן און וואָס גיכער אַנטלויפֿן מיט איר און מיטן ברודער אַריסטובולוס צוריק קיין ירושלים; זי האָט זי פֿאַרזיכערט, אַז אַנטיגאָנוס וואַרט דאָרט שוין אויף איר און אַזוי ווי זי וועט נאָר קומען, וועט ער זי באַהענגען מיט צירונג און טײַערע איידלשטיינער און וועט זי מאַכן פֿאַר דער קיניגין און די פֿרייד אין ירושלים וועט זײַן גרויס. און ווען מרים האָט זי געפֿרעגט פֿון וואַנען זי ווייסט דאָס, האָט זי ווידער שטיל אַרײַנגעשושקעט אין איר אויער אַ סוד:

— צווישן די מענטשן וואָס זענען אַהער פֿון ירושלים געקומען — האָט זי געזאָגט, האַלטנדיק איין פֿינגער בײַם מויל — זענען פֿאַראַן עטלעכע, וואָס אַנטיגאָנוס אַליין האָט אַהער ווי זײַנע שליחים געשיקט... אָבער דאָס איז אַ סוד, אַ גרויסער סוד. קיינער טאָר דערפֿון ניט וויסן. אַנטיגאָנוסעס שליחים האָבן מיר פֿאַרזיכערט, אַז זיי וועלן אונדז שטילערהייט בײַ נאַכט פֿון דאַנען אַרויספֿירן. אויפֿן וועג איז שוין אַלץ צוגעגרייט. די געטרײַסטע באַוואָפֿנסטע לײַט פֿונעם קיניג וועלן אונדז היטן און באַשיצן דעם גאַנצן וועג און וועלן אונדז אין שלום ברענגען קיין ירושלים...

און זי האָט מרימען שוין געהייסן זיך גרייטן אין וועג אַרײַן.

מרים האָט זיך פֿון אָרט ניט גערירט. זי האָט לאַנג געשוויגן. די גאַנצע צײַט האָט זי געהאַלטן די אויגן אין דער ערד אײַנגעגראָבן, ווי זי וואָלט זיך געשעמט מיט דער מוטערס בליקן זיך צו באַגעגענען. עס איז איר געווען שווער צו רעדן און נאָך שווערער צו שווײַגן, און זי האָט געפֿילט ווי די מוטער איז איר מיט אַ מאָל געוואָרן פֿרעמד...

— נו, וואָס שווײַגסטו, טאָכטער? — האָט אַלכּסנדרה זי געפֿרעגט — וואָס האָסטו זיך אַזוי פֿאַרטראַכט און פֿאַר וואָס זאָגסטו גאָרניט?

מיט יעדער רגע וואָס איז אַוועק, האָט מרים אַלץ שטאַרקער דערפֿילט ווי זי גייט אַלץ מער און מער אַרײַן אין זיך און ווערט אַנדערש, ווי זי איז געווען ביז איצט. עס האָט זיך איר געדאַכט ווי זי וואָלט זיך מיט אַ מאָל אָפּגעריסן פֿון די נאָענטסטע, פֿון די אייגענע און זי איז געבליבן איינע אַליין, אַ מענטש פֿאַר זיך; זי קער זיך מער ניט אָן מיט די מענטשן, וואָס זענען איר פֿריִער געווען טײַער; אַפֿילו מיט דער אייגענער מוטער קער זי זיך מער ניט אָן. אָבער זי האָט זיך דאָך ניט געפֿילט עלנט, ווען זי האָט וועגן דעם געטראַכט; זאַכן, וואָס זי האָט פֿריִער ניט אין גאַנצן פֿאַרשטאַנען און זיי האָבן זי געשראָקן, זענען מיט אַ מאָל געוואָרן קלאָר פֿאַר איר און זי האָט זיך שוין מער פֿאַר זיי ניט געשראָקן. זי האָט אָנגעהויבן פֿאַרשטיין מער ווי זי האָט פֿריִער פֿאַרשטאַנען. און כאָטש עס איז איר אויפֿן האַרצן געווען שווער, האָט זי דאָך געפֿילט, אַז וויינען קען זי שוין מער ניט...

זי איז ווי דורך אַ וואונדער מיט אַ מאָל אויסגעוואַקסן. זי האָט זיך אַליין געפֿונען און איז געוואָרן מער זיכער אין זיך.

— מוטער — האָט זי געזאָגט אַלכּסנדרהן, קוקנדיק איר גלײַך אין די אויגן — דו קענסט טאָן וואָס דו ווילסט. דו קענסט גיין צו וועמען דו ווילסט. איך בלײַב דאָ!..

מער האָט זי גאָרניט געזאָגט און איז אַרויס פֿונעם געצעלט.

ח

נאָך דעם זענען אָנגעקומען טעג, וואָס האָבן דאָס גאַנצע לעבן אין דער פֿעסטונג פֿון מאַסאַדאַ אַזוי צעוויגט, אַז קיינער האָט דאָרט ניט געקענט האָבן קיין איין רואיקע שעה. אַנטיגאָנוס איז מיט זײַנע חיילות אָנגעקומען פֿון ירושלים און זיי האָבן באַלאַגערט די פֿעסטונג. און ס'איז ניט אַוועק קיין איין טאָג, אַז ס'זאָל בײַ די טויערן ניט פֿאָרקומען קיין שלאַכט. פֿון ביידע זײַטן זענען געפֿאַלן אַ סך קרבנות און אומעטום האָבן זיך געוואַלגערט גאַנצע הויפֿנס מיט הרוגים און אויך די צאָל פֿון די פֿאַרוואונדעטע איז געווען זייער גרויס, אָבער די פֿעסטונג פֿון מאַסאַדאַ האָט זיך געהאַלטן שטאַרק און די גיבורים, וואָס האָבן זי באַשיצט, האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן.

אַנטיגאָנוס איז געווען בייז. ווי שטענדיק האָט ער געפֿלאַמט און געברענט; גאַנצע טעג איז ער אַרומגעלאָפֿן רײַטנדיק אויף זײַן פֿערד און עס האָט זיך אים אַלץ אויסגעוויזן, אַז זײַנע חיילות ווײַזן ניט אַרויס גענוג מוט, און דאָס האָט אין אים אַרויסגערופֿן אַזאַ כּעס, אַז ער האָט געהאַלטן אין איין שרײַען און ליאַרמען. און אַפֿילו דאַן, ווען מ'האָט פֿון דער פֿעסטונג געהאַגלט מיט פֿײַלן און שטיינער, האָט ער געטריבן די מענטשן פֿון זײַנע מחנות אין פֿײַער אַרײַן. און ס'האָט אים ניט געאַרט, וואָס אַזוי פֿיל פֿון זיי פֿאַלן אין שלאַכט. ער איז געווען גרייט מקריבֿ צו זײַן טויזנטער און טויזנטער מענטשן, אַבי זיך שוין אַרײַנצורײַסן אין דער פֿעסטונג פֿון מאַסאַדאַ און כאַפּן מרימען און אַנטלויפֿן מיט איר. עס האָט אין אים ווי אין אַ קעסל געזאָטן דער כּעס אויף די חיילות, פֿאַר וואָס זיי ווערן דערהרגעט, און ער איז געווען שרעקלעך בייז אויף די מויערן, פֿאַר וואָס זיי פֿאַלן ניט אײַן...

אַפֿילו אין די צײַטן, ווען עס זענען קיין שלאַכטן ניט פֿאָרגעקומען, האָט ער זײַנע מענטשן ניט געגעבן קיין רו. ער האָט זיי אַלץ געיאָגט און געטריבן, אַליין ניט־וויסנדיק וואוהין און צוליב וואָס. און מיט אַ מאָל איז אים גאָר אײַנ־געפֿאַלן, אַז מ'זאָל אויסהאַקן די ביימער פֿון אַרום און אַרום און זיי אַנוואַרפֿן אין גרויסע הויפֿנס און זיי אָנצינדן. זאָלן זיי ברענען!..

קיינער האָט ניט געוואוסט צוליב וואָס מע דאַרף דאָס און וואָס פֿאַר אַ נוצן דאָס קען ברענגען. ער אַליין האָט דאָס אויך ניט געוואוסט. ער האָט גלאַט גע־וואָלט עס זאָל ברענען און פֿלאַקערן, פּונקט אַזוי ווי ער ברענט און פֿלאַקערט. און עטלעכע נעכט נאָך אַנאַנד איז דער הימל אַרום און אַרום געווען רויט. און אינעם געדיכטן רויך, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער די באַרגשפּיצן און אויך

איבער די פֿעלדער, וואָס זענען שוין לאַנג ניט געווען צעאַקערט, זענען פֿונקען געפֿלויגן אין אַלע זײַטן, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ אַרום און אַרום וועט באַלד אָוועק מיטן רויך.

עס זענען אַוועק וואָכן און וואָכן און ס'איז אוממעגלעך געווען צו נעמען די פֿעסטונג. די מענטשן, וואָס האָבן זי באַשיצט פֿון אינעווייניק, האָבן ניט פֿאַר־לוירן דעם מוט; זיי האָבן קיין מאָל ניט געוואַרט ביז מ'וועט אָנפֿאַלן אויף זיי; אַלע מאָל, ווען זיי האָבן געזען ווי אַנטיגאָנוסעס מענטשן הייבן אָן פֿאַרשיטן מיט ערד די גריבער, וואָס מ'האָט אויסגעגראָבן אַרום דער פֿעסטונג, זענען זיי אַרויס פֿונעם טויער און האָבן זיי פֿאַרטריבן און באַלד האָבן זיי זיך אַרײַנגעכאַפּט צוריק אינעווייניק און אויסשטעלנדיק זיך אויף די ווענט, האָבן זיי געוואָרפֿן פֿײַלן אויף די אַנטלאָפֿענע און זיי פֿאַריאָגט וואָס ווײַטער.

אָבער ווען הורדוסעס ברודער יוסף האָט געזען, אַז ער הייבט אָן פֿאַרלירן צו פֿיל מענטשן אין דער מלחמה, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל, אַז מע זאָל מער פֿונעם טויער ניט אַרויס און מער אויף אַנטיגאָנוסעס חיילות ניט אָנפֿאַלן.

— מיר וועלן זיך בלויז באַשיצן — האָט ער געזאָגט — אָנפֿאַלן וועלן מיר מער ניט.

ער האָט דאָס געמוזט טאָן, ווײַל אַרום און אַרום האָט ער געהאַט ניט מער ווי אַ נײַן הונדערט באַוואָפֿנטע לײַט, און ער האָט ניט געקענט וויסן, ווען הורדוס וועט קומען צוריק און אים העלפֿן פֿאַרטרײַבן אַנטיגאָנוסן און זײַנע מחנות.

מ'האָט געדאַרפֿט ציטערן איבער יעדן מענטשן. ווען איינער איז געפֿאַלן, האָט ער אויסגעפֿעלט.

און דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן די שרעקלעך הייסע זומערדיקע טעג. די זון האָט געברענט און געבראָטן און אַלץ איז פֿאַרדאַרט און פֿאַרטריקנט געוואָרן אונטער אירע ברענענדיקע שטראַלן. צווישן אויף ביימער האָבן זיך געבראָכן און זענען צו דער ערד אַרונטערגעפֿאַלן; וואו ס'איז נאָר געווען ערגעץ אַ ביסל גראָז, האָט עס אין דער היץ די גרינקייט פֿאַרלוירן און איז געוואָרן געל; די ערד האָט זיך אין איר פֿאַרטריקנטקייט געשפּאָלטן און יעדער שטיין איז געווען אָנגעגליט, ווי מ'וואָלט אים פֿון אַ קאַלכאויוון אַרויסגענומען. און דאָס וואַסער אין די גריבער און טײַכלעך איז אויסגעטריקנט געוואָרן.

די באַלאַגערטע אין מאַסאַדאַ האָבן אָנגעהויבן לײַדן פֿון דורשט. מענטשן זענען אַרומגעגאַנגען פֿאַרשמאַכטע און אומעטום, אויף די שטיינער, אויף די זאַמדן און בײַ די געצעלטן, האָט מען געזען ווי מענטשן ליגן מיט די פּנימער אַרויף און שלינגען די שפּײַעכץ פֿונעם מויל און גייען אויס נאָך אַ טרונק וואַסער.

בײַ טאָג און בײַ נאַכט האָט די דורשט געפּײַניקט. אַלע האָבן געהאַלטן די אויגן פֿאַרריסן אַרויף צום הימל און אַרויסגעקוקט אויף אַ רעגן. אָבער אויפֿן הימל האָט זיך קיין וואָלקנדל ניט געוויזן. ניט בײַ טאָג און ניט בײַ נאַכט. און אַרויסגיין פֿון דער פֿעסטונג נאָך וואַסער האָט מען ניט געקענט, ווײַל אַנטיגאָנוס און זײַנע חיילות האָבן די פֿעסטונג באַלאַגערט אַרום און אַרום.

דאָ און דאָרט האָט מען געזען ווי מענטשן האָבן טיף אין דער ערד געגראָבן, מיט דער האָפֿענונג צו געפֿינען וואַסער, און ווען זיי האָבן דערזען פֿײַכטע ערד,

האָבן זיי די שטיקער ערד מיט די הענט געקוועטשט און אַלץ געפּרואווט אַרויס־קריגן פון דאָרט כאָטש אַ ביסל פליסיקייט דעם דורשט צו שטילן. אויך ביי די זומפּיקע ברעגן פון די אויסגעטריקנטע טייכלעך האָט מען שטיקער בלאָטע מיט די הענט געקוועטשט אַרויסצוקריגן פון זיי אַ ביסל וואַסער.

בלויז ביי אַ קליינער צאָל מענטשן איז נאָך געווען וואַסער אין די קרוגן און זיי האָבן זיך דערמיט געטיילט ווי מיט דעם טייערסטן געטראַנק. אויך אין דעם געצעלט, וואו מרים איז געווען, האָט יוסף אַ פּאָר פעסער מיט וואַסער אין דער ערד איינגעגראָבן, און די פרויען פון הורדוסעס הויז־געזינד האָבן געציטערט איבער דעם און זיך אין די ווינקלען באַהאַלטן אַלע מאָל, ווען זיי האָבן גענומען אַ טרונק.

און ווען מרים האָט געזען ווי מענטשן ווערן פאַרשמאַכט, האָט זי יוספן געזאָגט:

— עס איז אַ זינד צו באַהאַלטן וואַסער פאַר זיך און פאַר די נאָענטע, ווען דאָס פאָלק ווערט פאַרשמאַכט פון דורשט. מיר דאַרפן זיך מיט זיי טיילן מיט דעם טייערן געטראַנק און זיי ניט לאָזן אויסגיין פאַר דורשט.

זי האָט מיט עקשנות געפאָדערט, ער זאָל זי לאָזן טיילן וואַסער צווישן די, וואָס ווערן פאַרשמאַכט. און נאָך דעם האָט מען שוין אָפט געזען, ווי זי אַליין שטייט אויף אַ וואָגן און שטעלט זיך אַלע מאָל אָפּ ערגעץ אַנדערש און טיילט וואַסער פון אַ גרויסן קרוג.

איבער יעדן ביסל וואַסער, וואָס זי האָט פונעם גרויסן קרוג אָפּגעגאָסן פאַר אַ דורשטיקן מענטשן, האָט זי ווי איבער אַ טייערן געטראַנק געציטערט, אָבער זי האָט דאָס געטאָן מיט ליבע און איבערגעגעבנקייט. און אַלע האָבן זי גע־בענטשט דערפאַר. אויך ווייַן האָט זי צווישן די פאַרשמאַכטע מענטשן געטיילט. צו קליינע ביסעלעך האָט זי זיי דעם געטראַנק געגעבן. און ווען זי האָט געזען, ווי זיי ווערן דערפרישט פון דעם און ווי דער אויסדרוק פון זייערע אויגן ווערט לעבעדיקער און מונטערער, איז איר פרייד געווען זייער גרויס. און ווען מ׳האָט איר געדאַנקט דערפאַר, האָט זי אַ צופרידענע געשמייכלט און געזאָגט:

— עס קומט מיר ניט קיין דאַנק דערפאַר. איך בין דאָך איינע פון אייַך, און מיר זענען דאָ אַלע גלייַך...

די אַלטע ציפּורה און איר טאָכטער סאַלאָמעאַ האָבן געלאַכט פון איר, וואָס זי לאָזט זיך אַזוי אַרונטער און מישט זיך אויס מיט דעם פּשוטן פאָלק. אויך איר אייגענע מוטער איז ניט געווען צופרידן דערפון.

— דאָס פּאַסט ניט פאַר דיר, טאָכטער — האָט אַלכסנדרה איר געזאָגט.

אָבער מרים האָט זיך ניט צוגעהערט צו זייערע רייד. זי האָט זיך מיטן גאַנצן האַרצן איבערגעגעבן דער אַרבעט אַרויסצוהעלפן די באַלאַגערטע אין דער פעסטונג פון מאַסאַדאַ מיט וואָס זי האָט נאָר געקענט. און זי האָט געפּועלט ביי יוספן, ער זאָל זי צולאָזן צו די באַהעלטענישן פון עסנוואַרג, און זי האָט פון דאָרט אַרויסגענומען טייטלען, באַקסער און פייגן און זי האָט דאָס צעטיילט.

אַלע אין דער פֿעסטונג האָבן שוין געוואוסט, אַז ווען מרים קומט, ברענגט זי גוטע זאַכן און צעטיילט זיי. און ווען מ'האָט זי נאָר ערגעץ דערזען, האָט מען זי באַגעגנט מיט אויסרופֿן פֿון פֿרייד און מ'האָט איר נאָמען געלויבט.

— איר גוטסקייט האָט צו זיך קיין גלײַכן ניט.

— איר האַרץ איז ריין, פּונקט ווי איר פּנים איז שיין.

— זי איז די שענסטע און די בעסטע צווישן די טעכטער אין יהודה.

מיט אַלץ, וואָס זי האָט געטאָן און אויך מיט אירע גוטע רייד האָט זי געשטאַרקט די הענט פֿון די, וואָס האָבן שוין געהאַט אָנגעהויבן אַרויסווײַזן שלאַבעריקייט; זי האָט אויפֿגעהויבן דעם געפֿאַלענעם געמיט פֿון די, וואָס האָבן שוין געהאַט אָנגעהויבן פֿאַרלירן די האָפֿענונג, און דערמיט האָט זי אַ סך אַרויסגעהאָלפֿן יוסף צו באַשיצן די פֿעסטונג פֿון מאַסאַדאַ, און ער האָט דאָס זייער הויך געשעצט.

— ווען דער ברודער וועט קומען צוריק — האָט ער איר געזאָגט — וועל איך אים אַלץ דערציילן און ער וועט דיך נאָך מער שעצן, און ווען מיר וועלן פֿון דאַנען דעם שונא פֿאַרטרײַבן, וועט מען פֿון מויל צו מויל איבערגעבן, אַז מרים האָט געהאַט אַ גרויסן חלק אין דעם. מיט אַלץ וואָס דו האָסט געטאָן, האָסטו געשטאַרקט די הענט פֿון די, וואָס האָבן זיך געשלאָגן קעגן שונא.

מרימען איז דאָס געווען אָנגענעם צו הערן. אָבער נאָך אָנגענעמער איז איר געווען דורכצופֿירן די פֿליכטן, וואָס זי אַליין האָט מיטן גוטן ווילן גענומען אויף זיך. און ס'האָט זי ניט געקימערט, וואָס די אַלטע ציפּורה און איר טאָכטער סאַלאָמעאַ לאַכן און שפּעטן פֿון איר.

אָבער וואָס לענגער ס'האָט זיך געצויגן די באַלאַגערונג, אַלץ גרעסער זענען געוואָרן די ליידן פֿון די מענטשן, וואָס זענען אויסגעגאַנגען נאָך אַ טרונק. די דורשט האָט אַלעמען אַזוי געפּײַניקט, אַז ס'איז געווען גענוג, מ'זאָל ערגעץ דערזען איינעם מיט אַ קריגל אין דער האַנט און מ'האָט זיך אויף אים ווי די ווילדע אַרויפֿגעוואָרפֿן און דאָס קריגל בײַ אים פֿון די הענט אַרויסגעריסן. און ווען ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס קריגל איז גאָר ליידיק, איז צווישן די דורשטיקע געוואָרן אַ מורדיק געשלעג און זיי האָבן איינער דעם אַנדערן געביסן און געריסן ווי די הינט, וואָס רײַסן זיך איבער אַ ביין.

אַ סך מענטשן זענען פֿון דורשט געווירט געוואָרן פֿון זינען. מיט פֿאַרגלעזערטע אויגן און פֿאַרשמאַכטע ליפּן האָבן זיי זיך אַרומגעשלעפּט אויף די שמאָלע וועגן צווישן די שפּיציקע פֿעלדזן; האַלב נאַקעטע און באָרוועסע זענען זיי געקראָכן אין די שפּאַלטן פֿון די שטיינער, וואו ס'האָבן זיך אויפֿגעהאַלטן שלענג און עקדישן, געקלעטערט אויף די וויסטע בערג, וואָס זענען געווען אָנגעגליט פֿון דער הייסער זון, און זיי אַלע האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט איין וואָרט, וואָס איז זיי געבליבן אין מוח פֿון די אַלע ווערטער, וואָס זיי האָבן פֿאַרמאָגט:

— וואַסער!..

— וואַסער!..

אין די פֿינצטערע נעכט, ווען מע האָט די ווײַסע געצעלטן ניט געקענט זען און אַ שטילקייט האָט זיך איבער אַלץ פֿאַרשפּרייט, האָבן מענטשן, ווי די מוילוואָרפֿן געגראָבן די ערד הינטער די געמויערטע ווענט פֿון דער פֿעסטונג און זיך שטילערהייט אַרויסגעכאַפּט אויף דער אַנדערער זײַט און זיך איבערגעגעבן אין די הענט פֿון אַנטיגאָנוסעס חיילות, און דאָס ערשטע, וואָס זיי האָבן געבעטן איז געווען:

— וואַסער!

מיט יעדן טאָג וואָס איז אַוועק, איז די צאָל פֿון דער מחנה אין מאַסאַדאַ געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער. אַ סך זענען אויסגעשטאָרבען און זייערע טויטע קערפּערס האָבן זיך געוואַלגערט אויף די בערג און אין די טאָלן. אַ סך האָבן זיך שטילערהייט אַריבערגעכאַפּט אויף דער אַנדערער זײַט און זיך איבערגעגעבן אין די הענט פֿונעם שונא, און די וואָס זענען געבליבן אינעווייניק, האָבן אויסגעזען ווי פֿאַרריקטע און זיי האָבן בײַ טאָג און בײַ נאַכט געקוקט צום הימל און מיט פֿאַרשמאַכטע ליפּן געשעפּטשעט אַ תּפֿילה צו גאָט, ער זאָל געבן אַ רעגן...

— וואַסער!..

אָבער אויפֿן הימל האָבן זיך אַלץ קיין וואָלקנס ניט געוויזן. בײַ טאָג האָט די זון געברענט און געבראָטן, און בײַ נאַכט האָט די לבֿנה געשײַנט און געלויכטן.

— גאָטס צאָרן האָט זיך אויף אונדז אויסגעגאָסן! — האָבן מענטשן געוויינט און געקלאָגט.

— מיר וועלן דאָ אַלע אומקומען!

— די פֿעסטונג פֿון מאַסאַדאַ וועט פֿאַר אונדז זײַן איין גרויסער קבֿר!

דאַן האָט יוסף שוין גאַנץ ערנצט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דעם, אַז מע וועט זיך מוזן אונטערגעבן. קיין אַנדער אויסוועג האָט ער פֿאַר זיך ניט געזען.

ער איז שוין געווען גרייט צו שיקן שלוחים צו אַנטיגאָנוסן, אָבער ער האָט דאָס אַלץ אָפּגעלייגט פֿון איין טאָג אויפֿן אַנדערן. ער האָט דערפֿון מיט די נאָענטע מענטשן פֿונעם הויזגעזינד גערעדט, און דאַן האָט אַלכּסנדרה זיך שוין מער ניט געדאַרפֿט באַהאַלטן און זי איז אַרויסגעקומען אָפֿן.

— אויב מ׳וועט זיך ניט אונטערגעבן — האָט זי געזאָגט — וועלן מיר דאָ אַלע געפֿינען דעם טויט. חיות פֿונעם פֿעלד וועלן אונדזערע טויטע לײַבער אַרומשלעפּן. אַ שרעק פֿאַלט אויף מיר, ווען איך טראַכט פֿון דעם סוף, וואָס מיר וועלן דאָ אַלע האָבן, אויב מ׳וועט זיך ניט אונטערגעבן.

און כאָטש קיינער האָט זי ניט געבעטן, האָט זי אַליין שוין אויף זיך אַ וויכטיקע שליחות גענומען.

— איך וועל שוין זען — האָט זי געזאָגט — אַז אַנטיגאָנוס זאָל זײַן גנעדיק צו אונדז. צו מײַן קול וועט ער זיך צוהערן; ער איז דאָך דער ברודער פֿון מײַן מאַן, און אַז איך וועל אים בעטן, ער זאָל זײַן גוט צו אונדז אַלעמען, וועט ער מיך פֿאָלגן.

דערויף האָט איר יוסף געוואָלט ענטפערן מיט גאַל, אַז אַנטיגאָנוסעס גנעדיקייט איז אים גוט באַקאַנט; ער האָט איר געוואָלט דערמאָנען, וואָס ער, דער נײַער קיניג פֿון יהודה, האָט געטאָן צו איר פֿאָטער הורקונוס און צו זײַן ברודער פֿאַזאַעל, אָבער ער האָט איר דאָך גאַרניט געזאָגט וועגן דעם; ער האָט אויף איר בלויז אַ בייזן בליק געוואָרפֿן און באַלד ווידער אַנגעבויגן דעם קאָפּ און איז געבליבן זיצן אַ פֿאַרזאָרגטער. און געטראַכט האָט ער, אַז אויב ס'וועט פֿון ערגעץ קיין הילף ניט קומען און קיין רעגן וועט ניט גיין און מ'וועט זיך מוזן אונטערגעבן, וועט ער פֿאַלן אויף זײַן שווערד און זיך אַליין נעמען דעם טויט. אין די הענט פֿון אַנטיגאָנוסן וועט ער זיך קיין לעבעדיקער ניט איבערגעבן.

דאָס איז בײַ אים שוין געווען אָפּגעמאַכט. אָבער גערעדט וועגן דעם האָט ער ניט, ווײַל ער האָט ניט געוואָלט פֿאַרשאַפֿן קיין יסורים זײַן אַלטער מוטער, וועלכע איז אויך דערבײַ געזעסן.

— מיר וועלן וואַרטן נאָך אַ טאָג — האָט ער געגעבן אַ זאָג און זיך אויפֿגעהויבן פֿונעם אָרט — מאָרגן וועלן מיר זען.

און ווען מרים האָט דאָס דערהערט, איז זי צוגעלאָפֿן און אים אָנגעכאַפּט בײַ בײדע הענט.

— יוסף, איך בעט דיך, טו דאָס ניט! גיב זיך ניט אונטער!

דאָס קול האָט בײַ איר געציטערט. אין די ברייט־צעעפֿנטע גרויע אויגן זענען בײַ איר געשטאַנען טרערן. דאָך האָט זיך אין אירע רייד געפֿילט אַ סך פֿעסטקייט און מוט.

— דער גאָט פֿון ישׂראל וועט אונדז ניט פֿאַרלאָזן — האָט זי געזאָגט — מיר וועלן רופֿן צו אים און ער וועט אונדז ענטפֿערן.

און יוסף האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— דער גאָט פֿון ישׂראל... — האָט ער די ווערטער אַרויסגעזאָגט אַזוי שטיל, אַז מ'האָט זיי קוים געקענט הערן — אויך יענער דאָרט, פֿון דער אַנדערער זײַט, אַנטיגאָנוס, רופֿט צו אים, צום גאָט פֿון ישׂראל... און ווער ווייסט וועמען ער וועט ענטפֿערן!..

— אַלע רופֿן צו איין גאָט און דאָך גיסט זיך אַזוי פֿיל בלוט פֿון אייגענע ברידער — האָט מרימס ברודער, דער יונגער אַריסטובולוס, גאָר פֿלוצלינג אויסגעשאָסן אַזאַ געוויין, אַז ס'איז אוממעגלעך געווען אים אײַנצונעמען.

— און ווער איז אין דעם שולדיק? די חשמונאים! — האָט סאַלאָמעאַ זיך צעשריגן און צעקוויטשעט אויפֿן קול. זיי זענען שולדיק אין דעם, וואָס ס'גיסט זיך אַזוי פֿיל בלוט! זיי קענען זיך ניט אײַנטיילן מיט דער ירושה, וואָס איז געבליבן פֿון זייערע אָבות; זיי ווילן ניט פֿאַרשטיין, אַז בלויז אונטערן שוץ פֿון רוים וועט דאָס לאַנד קענען בלײַבן גאַנץ; ווי די ווילדע חיות רײַסן זיי זיך אַרום צווישן זיך און דאָס גאַנצע פֿאָלק גייט אָפּ מיט בלוט און מיר אַלע דאַ קומען אָפּ. אַלץ איבער זיי, איבער זיי, איבער די חשמונאים!..

עס האָט ממש געשפּריצט מיט גיפֿט פֿון איר מויל, און אין די גרינע אויגן אירע האָט געברענט אַ פֿײַער און איר לאַנגע און מאָגערע פֿיגור האָט

זיך נאָך מער אויסגעצויגן, און זי האָט אויסגעזען ווי אַ מכשפה, וואָס איז בייז אויף אַלעמען און אויף זיך אַליין אויך.

אין גאַנצן פֿאַרשוויַגן דער מרשעת, וואָס איז שטענדיק גרייט אָנצו־פֿאַלן אויף אַלץ און אויף אַלעמען און פֿאַרשפּרייטן גיפֿט אַרום און אַרום, האָט אַלכּסנדרה ניט געקענט, און זי האָט איר אָפּגעענטפֿערט מיט איַינגעהאַלטענעם כּעס:

— און ווער האָט דאָס דיך געמאַכט פֿאַר דער ריכטערין איבער די מעשׂים פֿון אונדזער משפּחה? ניט דו, סאַלאָמעאַ, ביסט פֿון גאָט אָדער פֿון מענטשן באַשטימט צו אורטיילן די מעשׂים פֿון אונדזער משפּחה, וואָס האָט געמאַכט גרויס דעם נאָמען פֿון אַ פֿאָלק און וויַט פֿאַרשפּרייט די גרענעצן פֿון לאַנד.

אויך מרים האָט איר, הורדוסעס בייזער שוועסטער, אָפּגעענטפֿערט, אַז ס'איז ניט שיין פֿון איר, וואָס באַלד ווי נאָר עפּעס, פֿאַלט זי אָן מיט צאָרן אויף דער חשמונאים־משפּחה און רעדט וועגן איר מיט אַזוי פֿיל גאַל און גיפֿט.

— מיר זענען דאָך איצט שוין אייגענע — האָט זי צו איר געזאָגט — איז פֿאַר וואָס, סאַלאָמעאַ, פֿאַלסטו אַזוי אָן אויף אונדז?

— מיט מיר ביסטו ניט קיין אייגענע — האָט הורדוסעס שוועסטער געגעבן אַ זאָג מיט איר קוויטשיק קול און איז אַ בייזע אַרויס פֿונעם געצעלט.

עס איז אויסגעקומען אַזוי, אַז פֿון דעם וואָס ס'האָט געזאָלט זיַין אַ באַראַטונג צווישן נאָענטע מענטשן, וואָס מע זאָל טאָן אין אַזאַ שלעכטער צײַט ווען אַלע גייען אויס פֿון דורשט, איז גאָר געוואָרן אַ קריגעריַי צווישן וויַבער...

עס איז גאָר אוממעגלעך געווען די צעקאָכטע וויַבער איַינצוצונעמען. סאַלאָ־מעאַ האָט זיך אַלע מאָל דערמאָנט, אַז זי האָט נאָך ניט גענוג געזאָגט און זי איז ווידער אַ מאָל און נאָך אַ מאָל אַריַינגעלאָפֿן אין געצעלט און אַלץ צוגעגאָסן נאָך אַ ביסל און נאָך אַ ביסל בוימל אויפֿן פֿיַיער און איז באַלד צוריק אַרויס־געלאָפֿן, וויַל איר איז ניט געווען וויכטיק צו הערן, וואָס מ'וועט איר דערויף ענטפֿערן. דער עיקר איז ביַי איר געווען אַרויסצושפּריצן וואָס מער פֿון דעם גיפֿט, וואָס זי האָט געהאַט אין זיך. די איינציקע, וואָס האָט זיך ניט געקאָכט איז געווען מרים; אַפֿילו דאַן, ווען זי האָט סאַלאָמעאַן אָפּגעענטפֿערט אַזוי ווי יענע האָט פֿאַרדינט, איז זי געווען רואיק, געלאַסן און האָט זיך געהאַלטן אַזוי, אַז זי האָט אַפֿילו אויף אַ רגע איר ווירדיקייט ניט פֿאַרלוירן, און דאָס האָט יענע נאָך מער אָנגעצונדן און זי האָט געברענט ווי אַ פֿיַיער.

און ווען יוסף האָט געזען, אַז ער קען דעם קריג צווישן די וויַבער ניט איַינשטילן, איז ער אַוועק.

עס איז אים געווען שווער, זייער שווער אויפֿן האַרצן, דעם עלטסטן פֿון די פֿאַרשמאַכטע חיילות אין דער פֿעסטונג פֿון מאַסאַדאַ. וואו זיַין ברודער הור־דוס געפֿינט זיך איצט, האָט ער ניט געוואוסט. ער האָט אויך ניט געוואוסט, ווען הורדוס וועט זיך אומקערן אַהער צוריק און צי ער וועט זיך אין אַלגעמיין אַ מאָל אומקערן אַהער. קיין האָפֿענונג ביַיצוקומען אַנטיגאָנוסן האָט יוסף שוין מער ניט געהאַט. און טראַכטנדיק וועגן דעם, וואָס ער האָט צוגעזאָגט דעם ברודער

צו היטן און באַשיצן מרימען, האָט ער אין געדאַנק לאַנג געזוכט מיטלען, ווי אַזוי צו אַנטלויפֿן מיט איר און מיט די אַנדערע פֿונעם הויזגעזינד. ער האָט אָבער שטאַרק געצווייפֿלט, צי דאָס וועט זיך אים איַינגעבן און ער האָט שוין פֿאַר זיך קיין אַנדער אויסוועג ניט געזען, נאָר דעם טויט.

אין יענעם טאָג האָט מרים ווי אַ שאָטן זיך לאַנג אַרומגעדרייט איינע אַליין אויף די שמאָלע שטעגן צווישן די שפּיציקע פֿעלדזן, און ביַי נאַכט, ווען זי האָט זיך געלייגט שלאָפֿן אין געצעלט, איז זי די גאַנצע ציַיט געלעגן מיט אָפֿענע אויגן און אַלץ געטראַכט און געטראַכט וועגן זיך, וועגן די מענטשן, וואָס גייען דאָ אויס נאָך אַ טרונק וואַסער, און וועגן איר געליבטן, וואָס שלעפּט זיך איצטער אַוודאי אַרום איבער פֿרעמדע לענדער און מ׳ווייסט ניט, וואו ער איז און צי ער וועט אַ מאָל קומען צוריק.

זי האָט געבענקט נאָך אים. זי האָט געטרוימט פֿון אים. ער איז איר די גאַנצע ציַיט פֿאַר די אויגן געשטאַנען. אָבער זי האָט אים שוין מער ניט געקענט זען אין אַזאַ געשטאַלט, ווי ער איז אַוועק פֿון איר, נאָר אין גאַנצן אַנדערש; זי האָט זיך פֿאַרגעשטעלט, ווי דער פּאַנצער אויף אים איז צעבראָכן, די קליידער צעריסן און די קופּער־רויטע האָר פֿונעם קאָפּ צעשויבערט און מיט שטויב באַדעקט.

און ווי זי האָט אַזוי געטראַכט, ליגנדיק מיט אָפֿענע אויגן אין דער פֿינצ־טערער נאַכט, האָט זי מיט אַ מאָל דערהערט ווי שיטערע רעגן־טראָפּנס פֿאַלן אויף די ליַילעכער פֿונעם געצעלט...

זיי זענען געפֿאַלן אַזוי, ווי עמעצער וואָלט זיי פֿאַמעלעך געציילט איינציק־וויַיז, אָבער מיט אַ מאָל האָבן זיי אָנגעהויבן קומען שנעל און נאָך שנעלער, איינס נאָכן אַנדערן, איינס נאָכן אַנדערן. און באַלד האָט אָנגעהויבן דונערן און בליצן און ס׳האָט אָנגעהויבן גיסן אַ שטאַרקער רעגן...

אַ פֿריילעכע איז מרים אַרונטערגעשפּרונגען פֿונעם בעט און האָט אויפֿגע־וועקט די אַלע אַנדערע, וואָס זענען אין געצעלט געשלאָפֿן אַזוי געשמאַק, אַז זיי האָבן גאָרניט געהערט. מיט די באָרוועסע פֿיס איז זי אַ האַלב־נאַקעטע אַרויס־געלאָפֿן אין דרויסן מיט אַ גדולה און זי האָט אויפֿן קול געשריגן, שפּרינגענדיק אין דער הויך:

— אַ רעגן! אַ רעגן! עס גייט אַ רעגן!..

פֿון אַלע געצעלטן און נאָרעס זענען מענטשן אַרויס האַלב־נאַקעטע און אַלע האָבן געשריגן מיט פֿרייד:

— אַ רעגן!..אַ רעגן!..

די גאַנצע פֿעסטונג אינעווייניק איז פֿאַרהילכט געוואָרן פֿון די קולות. מענטשן זענען געווען ווילד פֿון פֿרייד. זיי האָבן געשריגן, געקוויטשעט, געשפּרונ־גען, געטאַנצט. און אַלע מאָל, ווען אַ בליץ האָט שאַרף איבערגעשניטן די פֿינצ־טערניש פֿון דער נאַכט, האָט מען געזען ווי אומעטום, ביַי אַלע געצעלטן, שטייען מענטשן מיט די פּנימער פֿאַרריסן אַרויף מיט אָפֿענע מיַילער און זיי שלינגען די רעגן־טראָפּנס און פֿרייען זיך. און אַנדערע האַלטן קריגלעך אין די הענט און

פֿילן זיי אָן מיט וואַסער און לאָזן זיך אַליין אויך וואַשן פֿון דעם רעגן, וואָס גיסט מיט אַזאַ קראַפֿט, פּונקט ווי די הימלען אין דער הויך וואָלטן זיך געעפֿנט.

אַ גאַנצע נאַכט האָט דער רעגן געגאָסן און געגאָסן. ערשט אין דער פֿרי איז ער געוואָרן אַ ביסל שוואַכער, אָבער אין גאַנצן אויפֿגעהערט האָט ער דאָך ניט. קיין דונערן און בליצן זענען שוין מער ניט געווען, אָבער דער רעגן איז אַלץ געגאַנגען און געגאַנגען; זײַנע טראָפּנס זענען עפּעס ווי מיט אַן אויסגע־מאָסטענער עקשנות געפֿאַלן אויף דער ערד, אויף די שטיינער און אויף די דורכגעווייקטע לײַלעכער פֿון די געצעלטן. און אַלע גריבער און אַלע טײַכלעך זענען ווידער געוואָרן פֿול מיט וואַסער, און בײַ אַלע מענטשן אין די געצעלטן זענען די קרוגן געווען פֿול מיט וואַסער. און שפּעטער, ווען די זון האָט זיך באַ־וויזן, און אויפֿן הימל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אויסלײַטערן, האָט מען בלויז דאָ און דאָרט קליינע, אָפּגעריסענע וואָלקנס געזען, האָט אַלץ אין דער פֿעסטונג פֿון מאַסאַדאַ אויסגעזען פֿריש, גוט אויסגעוואַשן. און די מענטשן, וואָס זענען ערשט נעכטן געווען פֿאַרשמאַכט, זענען שוין געווען מונטער און פֿריילעך. זיי האָבן בײַ די געצעלטן לוסטיקע לידער געזונגען און געטאַנצט אין אַ ראָד.

און דאַן האָט מרים גענומען יוספֿן און זי איז מיט אים איבער דער גאַנצער פֿעסטונג פֿון מאַסאַדאַ געגאַנגען אויף די אַלע ערטער, וואו די באַוואָפֿנטע לײַט זענען בײַ די געצעלטן געשטאַנען אין רעדלעך און האָבן זיך געפֿרייט דערמיט, וואָס ס׳איז שוין דאָ וואַסער, און אומעטום, וואו מע האָט זי נאָר דערזען, האָט מען זי אויפֿגענומען מיט פֿרייד און פֿון אַלע זײַטן האָבן זיך געטראָגן קולות:

— לעבן זאָל מרים!

— געבענטשט זאָל זי זײַן פֿאַר איר גוט האַרץ!

און בײַ מרימען האָט דאָס פּנים געשײַנט און די אויגן האָבן געלויכטן. און זי האָט מיט גוטע רייד געשטאַרקט דעם געמיט פֿון אַלע באַוואָפֿנטע, וואָס האָבן די פֿעסטונג באַשיצט.

— גאָט האָט דערהערט אונדזער רוף — האָט זי צו זיי געזאָגט — דער נס איז געשען און מיר זענען געראַטעוועט. שטאַרקט זיך, גיבורים פֿון יהודה! האַלט זיך פֿעסט! גאָט איז מיט אונדז!

און די גיבורים האָבן געגעבן אַ שבֿועה, אַז זיי וועלן באַשיצן די פֿעסטונג ביזן לעצטן טראָפּן בלוט.

און יוסף האָט זיך שטאַרק געפֿרייט דערמיט, וואָס מרים האָט זיך בײַ אַלעמען געמאַכט אַזוי באַליבט.

— ווען דער ברודער וועט זיך אומקערן צוריק — האָט ער צו איר געזאָגט — וועל איך אים דאָס דערציילן און דאַן וועסטו געפֿינען נאָך מער חן אין זײַנע אויגן. ער וועט דאָס געוויס זייער הויך שעצן.

מרים האָט אַ צופֿרידענע געשמייכלט, ווען ער האָט דאָס איר געזאָגט. אין דעם גרויסן באַגער, וואָס האָט זי דאַן אַרומגענומען נאָך דעם געליבטן פֿון איר האַרץ, האָט זי ווי מיט אַ פֿרומער כּוונה פֿאַרמאַכט די אויגן און זי האָט שטיל, ווי נאָר פֿאַר זיך אַליין, געזאָגט:

— זאָל ער שוין קומען צוריק ... איך בענק אַזוי נאָך אים!..

צוועלפֿטער קאַפּיטל

אַ קיניג אָן אַ לאַנד

א

דער ים האָט זיך שטאַרק צעבייזערט.

די כוואַליעס האָבן אויף זייערע רוקנס די ווינטן פֿון דער גאַנצער וועלט אַרויפֿגעכאַפּט און זיך מיט זיי צו די הימלען אין דער הויך געהויבן און אין די ווײַטקייטן זיך געיאָגט.

עס האָט זיך געדאַכט, אַז די ווינטן, וואָס האָבן זיך פֿון ערגעץ אָפּגעריסן, האָבן אַהער פֿאַרבלאָנדזשעט און זיך אַזוי פֿאַרלוירן אין דער אומענדלעכער ווײַטקייט פֿון דעם ים, אַז עס איז צווישן זיי אַליין אַ שרעקלעכע בהלה געוואָרן און זיי רײַסן זיך פֿון דאַנען און קענען ניט אַרויס, און דערפֿאַר וויינען זיי מיט אַזאַ יאָמער, דערפֿאַר דרייען זיי זיך מיט אַזאַ האַסט.

אויף דער שיף, וואו הורדוס איז פֿון אַלעקסאַנדריע געפֿאָרן, האָט זיך קיינער אויף אַזאַ שטורעם ניט גערעכט. ווען מע איז אָפּגעשוואומען פֿון די ברעגן פֿון מצרים איז דער הימל געווען קלאָר און די לופֿט איז געווען ריין און קיין ווינטן האָבן פֿון ערגעץ ניט געבלאָזן. אַזוי איז אַוועק דער גאַנצער טאָג. אָבער בײַ נאַכט האָבן זיך די הימלען פֿאַרוואָלקנט, און ווען אַלע זענען שוין געשלאָפֿן, האָבן זיי מיט אַ מאָל דערפֿילט ווי די שיף הייבט זיך אַרויף און אַראָפּ און וואַרפֿט זיך אין אַלע זײַטן.

דערשראָקענע זענען אַלע אַראָפּ פֿון די געלעגערס, און באַלד איז אויף דער שיף געוואָרן אַ גערודער און מענטשן זענען צעטומלטע געלאָפֿן פֿון איין אָרט אויפֿן אַנדערן און האָבן זיך איינע די אַנדערע פֿאַר די פֿיס געפּלאָנטערט. ווען נאָר די שיף האָט זיך געגעבן אַ הייב אין דער הייך אָדער אַ בייג אין אַ זײַט, האָבן זיך פֿון אַלע זײַטן דערהערט קולות און געשרייען. און זיי זענען געווען פֿול מיט פֿאַרצווייפֿלונג און אימה, די אַלע קולות און געשרייען, וואָס האָבן די אויערן פֿאַרטויבט.

— מיר זענען אַלע פֿאַרלוירן!

— דער טיפֿער תהום וועט אונדז אײַנשלינגען!

— די בייזע כוואַליעס וועלן אָפּוואַשן אונדזער געדעכעניש!

— דאָס פֿלייש פֿון אונדזערע לײַבער וועט זײַן שפּײַז פֿאַר די פֿיש פֿונעם ים!

און דאָ און דאָרט זענען מענטשן ווי פֿאַרריקטע געשטאַנען אויף די קני און אין פֿרומער כוונה געבעטן בײַ זייערע געטער, זיי זאָלן קומען צו הילף און ראַטעווען.

— שטילט אײַן די ווינטן!

— שטילט אײַן דעם צאָרן פֿון דעם בייזן ים!

— דערבאַרעמט זיך אויף אונדז און קערט אָפּ פֿון אונדז דעם צאָרן!

און די שיף האָט זיך מיט אַלע כּוחות געראַנגלט מיט די בייזע כוואַליעס און זיי האָבן זי ווי אַ שפּענדל אויף די רוקנס געטראָגן און זי אַלע מאָל געגעבן אַ שלײַדער אַרונטער מיט אַזאַ קראַפֿט, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז באַלד וועט זי אַראָפּזינקען אין טיפֿן אָפּגרונט. און עס איז געווען אַ מורא אַרויסצוגיין אויפֿן דעק און זען, וואו מע געפֿינט זיך און צי עס ווײַזט זיך ערגעץ אַ שטערן אין הימל. און אַלע מאָל ווען אַ כוואַליע איז צו דער שיף צוגעלאָפֿן מיט אַ מוראדיקן שטויס, האָבן אַלע די אָטעמס אײַנגעהאַלטן, פֿאַר שרעק די אויגן צוגעמאַכט, און זיך צוגעהערט צו דעם ווי די כוואַליע ווערט צעקראַכט אויף אַ סך שטיקלעך, וואָס גליטשן זיך אַראָפּ צוריק און צעשפּריצן זיך אין אַלע זײַטן מיט אַ נאַסן הילך, און ווי נאָך דעם קומט אַ שטילקייט, וואָס געדויערט בלויז אַ קורצע ווײַלע, און דער שטורעם ווערט באַלד נאָך שטאַרקער ווי פֿריִער.

און יענע שטילקייט, וואָס איז אָפּט געקומען און באַלד אַוועק, האָט מיט זיך געבראַכט נאָך מער מורא ווי דער שטאַרקער גערויש פֿון די בייזע כוואַליעס. מענטשן זענען אין דער שטילקייט ווי פֿאַרגליווערט געוואָרן, און פֿאַרגליווערטע אין אימה האָבן זיי געוואַרט, און עס האָט זיך אַלץ אויסגעוויזן, אַז דאָס קומט שוין דער סוף און מע וועט מער גאָרניט הערן, גאָרניט זען. און די פֿינצטערניש פֿון דער נאַכט וועט אַלץ צודעקן און די טיפֿקייט פֿון דעם ים וועט אַלץ אײַנשלינגען.

אַ גאַנצע נאַכט האָט דער שטורעם געדויערט. און ווען הורדוס האָט געזען ווי די מענטשן אויף דער שיף האָבן זיך אין גאַנצן פֿאַרלוירן, האָט ער מיט גוטע רייד געפּרוּווט זיי אײַננעמען. ער האָט זיי געטרייסט, זיי געגעבן האָפֿענונגען, אַז דער שטורעם וועט איבערגיין און מע וועט אין שלום צוקומען צו אַ ברעג.

— מיר זענען שוין ניט ווײַט פֿון אַ ברעג — האָט ער אַלע מאָל אַן אַנדערן געזאָגט. — מיר דאַרפֿן זיך שטאַרקן, מיר טאָרן ניט פֿאַרלירן דעם מוט. דער גאָט וואָס אין הימל וועט אונדז קומען צו הילף און ער וועט פֿאַריאָגן די ווינטן און אײַנשטילן דעם צאָרן פֿון דעם ים.

אין אָנהייב האָבן זײַנע גוטע רייד געווירקט אויף די צעשראָקענע מענטשן. אָבער וואָס לענגער דער שטורעם האָט אָנגעהאַלטן, אַלץ מער האָבן די מענטשן אויף דער שיף דעם מוט פֿאַרלוירן און זיי האָבן זיך מער צו הורדוסעס גוטע רייד ניט צוגעהערט. און ווען ער האָט געזען, ווי זיי זענען שוין אין גאַנצן באַהערשט פֿון מורא און פֿאַרצווייפֿלונג און זיי הערן זיך מער ניט צו צו זײַנע רייד, האָט ער אָנגעהויבן ווערן אַלץ שטרענגער און גענומען שרײַען אויף זיי.

צווישן די אַלע שוואַכע, צעשראָקענע מענטשן איז ער איינער געווען דער שטאַרקער, דער מוטיקער, וואָס האָט אָן מורא געקענט קוקן דעם טויט גלײַך אין די אויגן. כאָטש ער האָט אין דעם שטורעם געזען אַ שלעכטן צייכן פֿון הימל און ער האָט שוין ווידער אָנגעהויבן צו צווייפֿלען אין דעם, צי די רײַזע קיין רוים

וועט אים ברענגען גליק, האָט ער דאָך דעם מוט ניט פֿאַרלוירן און ער האָט זיך געשטאַרקט.

די פֿאַרלוירנקייט פֿון די אַלע, וואָס זענען אויף דער שיף געווען, זייערע ווילדע קולות און געשרייען, האָבן אים געבראַכט צו אַ געדאַנק, וואָס האָט אויף אים אַן אימה אַרויפֿגעוואָרפֿן. ער האָט געטראַכט, אַז אויב ער וועט דאָס לאָזן ווײַטער אַזוי גיין, וועט ער בלײַבן דער איינציקער קלאָרער מענטש צווישן אַ געזינדל, וואו אַלע זענען פֿאַר שרעק משוגע געוואָרן...

דאָס האָט בײַ אים אַ שוידער אַרויסגערופֿן. און ניט־צונויפֿרעדנדיק זיך מיט קיינעם, האָט ער זיך אַליין געמאַכט פֿאַרן עלטסטן אויף דער שיף. ער האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן באַפֿעלן, און מע האָט אים געפֿאָלגט. און ווען עס האָט זיך געפֿונען איינער, וואָס האָט זיך זײַנע באַפֿעלן ניט געוואָלט אונטערוואַרפֿן, האָט ער זיך צעשרי:ען, מע זאָל יענעם גלײַך אין קייטן שמידן. און מע האָט יענעם טאַקע באַלד אין קייטן געשמידט.

אַלע אויף דער שיף האָבן בחוש דערפֿילט דעם שטאַרקן מענטשן אין אים און זיי זענען אים געוואָרן אונטערטעניק. וואָס ער האָט געהייסן, האָט מען געטאָן. און ווען ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל, אַז מע זאָל אַרײַנוואַרפֿן אין ים די איבעריקע שווערע משׂא פֿון דער שיף, האָט זיך אים קיינער ניט געשטעלט אַנטקעגן און מע האָט די איבעריקע משׂא אין ים אַרײַנגעוואָרפֿן.

גראָד דאַן האָט זיך דער שטורעם אײַנגעשטילט און די שיף האָט זיך שוין מער ניט געוואָרפֿן. איז בײַ אַלעמען אויף דער שיף אויסגעקומען, אַז עס איז ניט אַנדערש, נאָר ער איז אַ געטלעכער מענטש. און זיי זענען פֿאַר אים אויף די קני געפֿאַלן און אים גרויס כּבֿוד אָפּגעגעבן. דאַן האָט ער ווידער אָנגעהויבן גלויבן, אַז זײַן רײַזע קיין רוים וועט אים ברענגען גליק און ער וועט געפֿינען אַ באַלוינונג פֿאַר די אַלע צרות, וואָס ער האָט די לעצטע צײַט אַריבערגעטראָגן און ער וועט זיך גיך אומקערן צוריק צו מרימען און די פֿרייד וועט זײַן גרויס.

ב

וו ע ן מ ע א י ז צ ו ם ב ר ע ג פֿון דעם אינדזל ראָדעס צוגעקומען, האָט מען שוין מיט דער שיף ווײַטער אויפֿן ים ניט געקענט פֿאָרן. עס איז ניט געווען זיכער אין איר אויף אַ ווײַטער רײַזע זיך צו לאָזן, ווײַל דער שטורעם אויפֿן ים האָט פֿון איר גאַנצע שטיקער אָפּגעבראָכן און זי האָט אויסגעזען ווי אַ חורבֿה, וואָס וועט זיך באַלד אין גאַנצן צעפֿאַלן. און דאַן האָט הורדוס געדונגען מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט בײַ טאָג און בײַ נאַכט ביז זיי האָבן פֿאַר אים אויסגעבויט אַ נײַע שיף.

מיט דרײַ רייען זעגל־ביימער איז די נײַ־אויסגעבויטע שיף געווען, און הורדוס אַליין האָט אַכטונג געגעבן, אַז אַלץ זאָל דאָרט זײַן שטאַרק און פֿעסט. ער איז ניט אָפּגעטראָטן פֿון די געדונגענע מײַסטער, וואָס האָבן פֿאַר אים די שיף געבויט. און צו אַלץ האָט ער זיך צוגעקוקט, אַלץ האָט ער געהאַלטן אויפֿן

אויג. און ער האָט ניט גערוט די גאַנצע צײַט, ביז די שיף איז געוואָרן פּאַרטיק און געניטע שיפֿלײַט האָבן אים פֿאַרזיכערט, אַז איצט דאַרף ער שוין פֿאַר קיין שטורעם אויפֿן ים קיין מורא ניט האָבן.

אַ וועלט מיט כּוחות זענען אין דעם מענטשן געלעגן. ער איז גאָר קיין מאָל ניט מיד געוואָרן. אַלץ וואָס ער האָט אַריבערגעטראָגן, זינט ער האָט פֿון ירושלים געמוזט אַנטלויפֿן בײַ נאַכט פֿאַר אַנטיגאָנוסן, האָט אויף אים קיין שפּורן ניט געלאָזט און פֿון זײַנע כּוחות גאָרניט געמינערט; ער האָט די אַלע שטערונגען אויף זײַן וועג לײַכט מיט דער האַנט אַוועקגעשאַרט און זיך געשפּאַרט ווײַטער מיט דער זעלבער עקשנות וואָס פֿריִער. און ער האָט דאַן פֿאַר זיך געהאַט איין צוועק, וואָס האָט אים אין גאַנצן פֿאַרכאַפּט — אָנקומען קיין רוים וואָס גיכער!

ער האָט זייער שטאַרק געוואָלט וויסן, וואָס ס'הערט זיך איצטער אין רוים, ווײַל פֿון די קלאַנגען, וואָס ער האָט אויפֿגעכאַפּט אויפֿן וועג, האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז עס איז שוין דאָרט ווידער ניט אין גאַנצן רואיק און אַז מע קען שוין ניט וויסן, צי מאַרק אַנטאָני איז נאָך דער שטאַרקער מאַן אָדער אָקטאַוויאַנוס פֿאַרנעמט שוין זײַן פּלאַץ און מע וועט שוין דאַרפֿן זוכן אַ וועג ווי אַזוי צו געפֿינען חן אין זײַנע אויגן. ער האָט טיף געפֿילט די באַליידיקונג אין דעם, וואָס בעת ער איז אין געדאַנק שוין גרייט צו דינען, ווייסט ער נאָך ניט וועמען ער וועט דאַרפֿן דינען און וועמען ער וועט דאַרפֿן וואויל געפֿעלן, ווען ער וועט קומען קיין רוים. דאָס האָט בײַ אים אַרויסגערופֿן אַ פֿאַרדרוס און אויך אַ געפֿיל פֿון כּעס אויף זיך אַליין. אָבער ער האָט דאָך קיין סך ניט געוואָלט טראַכטן וועגן דעם. ער האָט שוין לאַנג געוואוסט, אַז אַ כּוח, איבער וועלכן ער אַליין האָט ניט צו זאָגן, שטויסט אים אַ מאָל צו טאָן זאַכן, וואָס ער וואָלט ניט געוואָלט טאָן. ער האָט ווירקלעך געגלויבט, אַז ער איז געקומען אויף דער וועלט דורכצופֿירן אַ וויכטיקע שליחות און אַז דערפֿאַר איז ער ניט אַלע מאָל בײַ זיך אין די הענט. עס האָט אים געיאָגט. עס האָט אים ניט געלאָזט רוען. און ווען ער האָט זיך אויפֿן אינדזל ראָדעס צופֿעליק געטראָפֿן מיט צוויי גריכן, וואָס ער האָט געקענט נאָך פֿון די צײַטן, ווען ער האָט אין גליל געפֿירט דעם קאַמף קעגן חזקיה הגלילי, און ער האָט דער־הערט, אַז זיי קומען איצטער פֿון רוים, איז ער גלײַך צוגעשטאַנען, זיי זאָלן אים דערציילן, וואָס ס'הערט זיך דאָרט; און זיי האָבן אים דערציילט:

— אין דעם געיעג אָנצושרעקן די הערשער פֿון די אַנדערע לענדער — האָט איינער פֿון די צוויי גריכן הורדוסן געזאָגט — זענען די הערשער פֿון רוים אַוועק אַזוי ווײַט, אַז זיי הרגענען זיך אויס איינע די אַנדערע...

הורדוס האָט זיך גלײַך געגעבן אַ כאַפּ:

— און ווער וועמען האָט איצט דערהרגעט? — האָט ער געפֿרעגט.

און נאָך איידער מע האָט אים געענטפֿערט, האָט ער ווײַטער געפֿרעגט:

— אַנטאָני אָקטאַוויאַנוסן?.. אָקטאַוויאַנוס אַנטאָנין?..

— דערווײַל לעבן זיי נאָך ביידע — האָט דער גריך מיט אַ שמייכל געזאָגט — אָבער עס איז שווער צו וויסן, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. ביידע, מאַרק אַנטאָני און אָקטאַוויאַנוס, האָבן די לעצטע צײַט בלויז אַ ביסל זיך אַרומגעריסן צווישן זיך. עס זענען געפֿאַלן פֿון ביידע זײַטן ניט קיין סך מענטשן, בלויז עטלעכע הונ־

דערט. ניט מער. איצט זענען די צוויי שוין ווידער שלום. אָבער ווער ווייסט ווי לאַנג דער שלום זייערער וועט געדויערן...

אין זײַן רעדן האָט דער גריך אַלע מאָל געמאַכט אַזאַ באַמערקונג, וואָס אַז מע האָט געוואָלט האָט מען עס געקענט אויסטײַטשן, אַז ער גלייבט שוין ניט מער, צי די רוימישע הערשאַפֿט איבער אַנדערע לענדער וועט זיך איצט קענען האַלטן לאַנג. נאָך דעם האָט ער וועגן דעם אָנגעהויבן רעדן קלאָרער, אָפֿענער, און דאָס האָט הורדוסן געמאַכט נאָך נײַגעריקער ווי פֿריִער. ער האָט זיך וועגן דעם ערנצט פֿאַרטראַכט. און ווען ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דער גריך האָט אויף אים מיט אַ מאָל אָנגעהויבן קוקן מיט צו פֿיל אָנגעשטרענגטע בליקן, האָט ער אים דערמאָנט, וואָס ער פֿאַרלאַנגט פֿון אים:

— דערציילן, דערצייל.

און דער גריך האָט דערציילט, אַז ווען מאַרק אַנטאָני און אָקטאַוויאַנוס האָבן זיך איבערגעבעטן און עס איז אין לאַנד געוואָרן רואיקער, האָבן זיי ביידע געמאַכט שלום מיט סעקסטוס פּאָמפּעוס, דעם זון פֿון פּאָמפּעוס דעם גרויסן.

— און עס האָט זיי ניט געאַרט, וואָס ער, דער סעקסטוס פּאָמפּעוס, איז אויך צווישן די, וואָס זענען שולדיק אינעם טויט פֿון יוליוס צעזאַר — האָט טאַלמי, דער צווייטער גריך, וואָס האָט די גאַנצע צײַט געשוויגן, זיך אויך אַרײַנגעמישט אינעם געשפּרעך — זיי האָבן מיט אים שלום געמאַכט, ווײַל זײַנע שיפֿן אויפֿן ים האָבן פֿריִער ניט צוגעלאָזט, מע זאָל אַרײַנפֿירן קאָרן קיין רוים און עס איז איבער דעם געוועזן אַ הונגער אין לאַנד. איצט וועלן זײַנע שיפֿן שוין מער דעם וועג ניט פֿאַרשטעלן, און דורך דעם וועלן מאַרק אַנטאָני און אָקטאַוויאַנוס דערווײַל קענען באַפֿעסטיקן זייער מאַכט.

— גוט געטאָן! — האָט הורדוס געגעבן זײַן צושטימונג דערויף — מיט אַ שונא, וואָס מע קען ניט פֿאַרטיליקן, דאַרף מען מאַכן שלום...

— עס איז בײַ מיר אָבער אַ גרויסער ספֿק, צי דער שלום זייערער וועט לאַנג אָנהאַלטן — האָט דער ערשטער גריך ווידער אַרויסגעזאָגט זײַן מיינונג. און ווי ער וואָלט זייער שטאַרק געוואָלט באַווײַזן ווי ווייניק צוטרוי מע קען האָבן צו די מענטשן, וועגן וועלכע עס האַנדלט זיך דאָ, האָט ער צו הורדוסן געזאָגט:

— מע האָט מיר איבערגעגעבן, אַז ווען די דרײַ רוימער האָבן אונטערגעשריבן דעם שלום־אָפּמאַך, האָבן זיי געוואָרפֿן גורל, ווער פֿון זיי עס זאָל מאַכן די ערשטע סעודה. דער גורל איז געפֿאַלן אויף סעקסטוס פּאָמפּעוס. און געפּראַוועט די סעודה האָט מען אויף אַ שיף. בײַ דער סעודה האָט סעקסטוס פּאָמפּעוס אָפּגעלאַכט פֿון מאַרק אַנטאָנין און פֿון זײַן ליבע מיט קלעאָפּאַטרען. און שפּעטער, ווען מאַרק אַנטאָני און אָקטאַוויאַנוס זענען שוין ביידע געווען גוט שיכור, האָט דער הויפּט פֿון דער שיף שטילערהייט געפֿרעגט בײַ סעקסטוס פּאָמפּעוסן: „זאָל איך איבערשנײַדן די אַנקערשטריק און אַרײַנוואַרפֿן די צ ו ו י י אין ים אַרײַן און דיך מאַכן פֿאַרן הערשער פֿון דער גאַנצער רוימישער אימפּעריע?"... סעקסטוס פּאָמפּעוס האָט ניט באַלד געענטפֿערט דערויף. ער האָט זיך אַ ווײַלע פֿאַרטראַכט און נאָך דעם האָט ער דעם הויפּט פֿון דער שיף

געענטפֿערט: „דו האָסט דאָס געדאַרפֿט טאָן ניט־אָנפֿרעגנדיק בײַ מיר... איצט אָבער איז שוין צו שפּעט, ווײַל איך קען מײַן וואָרט ניט ברעכן"...

הורדוס האָט זיך שטאַרק צעלאַכט, ווען ער האָט דאָס געהערט. דער געדאַנק, אַז אַן איבערגעשניטענער שטריק האָט געקענט ענדערן דעם גאַנג פֿון די געשעענישן אין דער רוימישער אימפּעריע, וואָס באַהערשט אַ וועלט, האָט בײַ אים אַרויסגערופֿן אַ גרויס געלעכטער. און נאָך דעם האָט דאָס אים אַרויפֿגעפֿירט אויפֿן געדאַנק, וואָס איז אים שוין ניט איין מאָל גוט געלעגן אין זינען, אַז נאָך אַלעמען זענען די הערשער פֿון דער גרויסער רוימישער אימפּעריע גאָר קליינע מענטשעלעך. עס איז געווען ניט מער ווי אַ צופֿאַל, וואָס זיי האָבן זיך צו אַזאַ מאַכט צוגעשלאָגן. ניט זיי האָבן גרויס געמאַכט רוים, נאָר רוים האָט זיי גרויס געמאַכט. ווען ער וואָלט געווען אויפֿן אָרט פֿון אַ מאַרק אַנטאָני, אָדער אויפֿן אָרט פֿון אָקטאַוויאַנוס, וואָלט ער זיכער אויפֿגעטאָן גרעסערע זאַכן און דאַן וואָלט די גאַנצע וועלט מיט אים געקלונגען... און באַפֿעסטיקט אין דער מאַכט וואָלט ער זיך דאַן אַזוי, אַז עס וואָלט גאָר קיין מאָל ניט געקענט זײַן קיין סכּנה פֿון אַ פֿאַרשווערונג אים אַרונטערצוזעצן; ער וואָלט אַלעמען שטענדיק געהאַלטן אונטער אַזאַ מורא, אַז עס וואָלט זיך גאָר קיין מאָל ניט געפֿונען קיין איינער, וואָס זאָל זיך דערוועגן צו טראַכטן וועגן אַ פֿאַרשווערונג קעגן אים... געוויס! אין אַ גרויס לאַנד וואָלט ער ערשט געקענט ווײַזן ווי מעכטיק ער וואָלט געקענט ווערן...

אַליין אַ פֿאַרטריבענער, אַ פֿאַריאָגטער, האָט ער אין געדאַנק זיך געזען ווי דעם הערשער פֿון דער גרעסטער מלוכה אין דער וועלט. און טראַכטנדיק וועגן דעם, וואָס ער אַליין וועט זיך באַלד אין רוים דאַרפֿן בייגן און בייגן פֿאַר מענטשן, וואָס שטייען אין דער אמתן נידעריקער פֿון אים, איז ער געווען בייז אויף זיך און אויף אַלעמען. אָבער ער האָט דאָס דאָך ניט אַרויסגעוויזן.

ער איז געווען צופֿרידן פֿון דעם, וואָס אין רוים איז שוין איצטער רויִק און די צוויי „טריאומווירן", מאַרק אַנטאָני און אָקטאַוויאַנוס, רײַסן זיך שוין מער ניט אַרום צווישן זיך. דאָס איז פֿאַר אים געווען גוט. ער האָט אין דעם געזען אַ צייכן, אַז די רײַזע וועט אים יאָ ברענגען גליק. און ער האָט זיך מיט אַ רויִק געמיט געלאָזט ווײַטער אין וועג אַרײַן.

דאָס מאָל זענען אויפֿן ים שוין מער קיין שטאַרקע ווינטן ניט געווען. די נײַ־אויסגעבויטע שיף מיט די דרײַ רייען זעגל־ביימער האָט מיט זיכערקייט און מיט גרויס פֿאַרנעם די כוואַליעס געשניטן און איז זיך רויִק געגאַנגען שנעל אַלץ ווײַטער און ווײַטער. און הורדוס איז די גאַנצע צײַט בײַ די זעגל־ביימער געשטאַנען און מיט ברייט־צעעפֿנטע אויגן געקוקט אויפֿן ים און אַלץ געטראַכט וועגן מרימען. ער האָט נאָך איר געבענקט. שטאַרק געבענקט. וואָס ווײַטער ער איז געפֿאָרן אַלץ גרעסער איז די בענקשאַפֿט נאָך איר בײַ אים געוואָרן. און געטראַכט האָט ער, אַז ווען ער וואָלט איצטער געקענט אײַנשפּאַנען די כּוחות פֿון דער גאַנצער וועלט, זיי זאָלן אים ברענגען וואָס שנעלער צוריק צו איר, וואָלט ער דאָס געטאָן. קיין שנעלקייט איז פֿאַר אים ניט געווען גענוג. און ווען די שיף האָט זיך בײַם האַפֿן פֿון ברינדיזי אָפּגעשטעלט, האָט ער זיך שטאַרק פֿאַר־

קוקט אויף דעם באַרג, וואָס האָט זיך אויפֿגעהויבן אַקעגן אויפֿן וועג פֿון האַפֿן צו דער שטאָט. דער באַרג האָט אים דערמאָנט אָן דער פֿעסטונג פֿון מאַסאַדאַ, וואו ער האָט איבערגעלאָזט מרימען. אויך דאָרט איז אַקעגן געשטאַנען אַ באַרג און מע האָט געזען דעם ים. און ווען הורדוס האָט זיך וועגן דעם פֿאַרקלערט, האָט ער שוין מער אויף איין אָרט לאַנג ניט געקענט אײַנשטיין און ער האָט אַרויס־געגעבן אַ באַפֿעל, אַז מע זאָל זיך בײַם האַפֿן אין ברינדיזי לאַנג ניט פֿאַרזאַמען און מע זאָל פֿאָרן ווײַטער...

ער האָט אַלעמען געיאָגט. ער האָט אַלעמען געטריבן. ער האָט אין ערגעץ קיין צײַט ניט געוואָלט פֿאַרלירן. און ס'האָט אין אים געברויזט אַ כּוח, וואָס קיין זאַך אין דער וועלט האָט ניט געקענט אָפּשטעלן.

ג

אָנגעקומען קיין רוים איז הורדוס פּונקט אין אַזאַ צײַט, ווען בײַ אַלעמען אין זכּרון איז נאָך געווען פֿריש דער אײַנדרוק פֿון דעם גרויסן פּאַראַד, וואָס מע האָט אין שטאָט געמאַכט צו פֿײַערן דעם שלום צווישן מאַרק אַנטאָני און אָקטאַוויאַנוס־צעזאַר. מענטשן האָבן נאָך גערעדט וועגן דעם, ווי מע האָט דאָן די צוויי „טריאומווירן" געפֿירט איבער די גאַסן פֿון דער שטאָט נאָך דעם ווי זיי זענען ביידע פֿון ברינדיזי אָנגעקומען מיט זייערע באַוואָפֿנטע לעגיאָנען; מע האָט דאָן אויך גערעדט וועגן דעם, וואָס דער שלום צווישן די צוויי איז באַ־פֿעסטיקט געוואָרן דורך דעם, וואָס מאַרק אַנטאָני האָט גענומען פֿאַר אַ ווײַב אָקטאַוויאַנוסעס שטיפֿשוועסטער, די שיינע אָקטאַוויאַ, וועלכע איז גראַד דאָן געבליבן אַן אַלמנה און איז שוין געווען אַ מוטער פֿון דרײַ קליינע קינדער...

און ווײַל די בענקשאַפֿט נאָך מרימען האָט בײַ הורדוסן אַזעלכע שיינע געפֿילן אַרויסגערופֿן, האָט ער, צוהערנדיק זיך צו דעם, וואָס מע האָט אים דער־ציילט, געטראַכט, אַז אויך אין דעם שטייט ער העכער פֿון זיי, פֿון די צוויי מעכ־טיקע רוימישע הערשער און ער איז אין גרונד אַ בעסערער מענטש פֿון זיי... בײַ זיי זענען דאָך גאָר אין גאַנצן קיין הייליקייטן ניטאָ און זיי וויסן גאָרניט פֿון אַזאַ זאַך ווי טיפֿע געפֿילן; מאַרק אַנטאָני האָט שוין אין זײַן לעבן געהאַט אָן אַ שיעור געליבטע, און אייניקע פֿון זיי האָבן פֿון אים קינדער געבוירן, און ניט נאָר שעמט ער זיך ניט דערמיט, נאָר ער נעמט זיך נאָך איבער מיט דעם און באַ־רימט זיך פֿאַר אַלעמען מיט זײַנע מאַנסבילשע כּוחות... איבער זײַן ליבע מיט קלעאָפּאַטרען האָט ער זײַן ווײַב פֿולוויאַ געטריבן צום טויט, און איצט האָט ער גע־נומען פֿאַר אַ ווײַב די אַלמנה אָקטאַוויאַ, אַ מוטער פֿון דרײַ קליינע קינדער... ער האָט זי זיכער ניט ליב, אָבער דאָס איז בײַ אים ניט וויכטיק. עס האָט זיך אים געלוינט זי צו נעמען פֿאַר אַ ווײַב, האָט ער זי גענומען...

ער אָבער, הורדוס, דער זון פֿון אַנטיפּאַטרוס, איז אַנדערש. בלויז אין אָנהייב האָט ער וועגן דעם שידוך מיט מרימען דער חשמונאית געטראַכט ווי וועגן אַ זאַך, וואָס לוינט זיך אים... איצטער אָבער האָט ער זי ליב. מיטן גאַנצן האַרצן

ליב, און עס איז אויף דער וועלט גאָר ניטאָ קיין איין זאַך, וואָס ער זאָל פֿאַר איר ניט זײַן גרייט צו טאָן. ער איז אַפֿילו גרייט אויפֿצוגעבן זײַן טרוים צו ווערן דער קיניג פֿון יהודה, און בעסער אַרבעטן דערפֿאַר, אַז איר קליין ברודערל, אַריס־טובולוס דער חשמונאי, זאָל ווערן דער קיניג פֿון יהודה. דער עיקר איז בײַ אים איר צו פֿאַרשאַפֿן פֿרייד, און דאָס איז דערפֿאַר וואָס זײַן ליבע צו איר איז טיף ווי דער ים און שטאַרקער ווי דער טויט...

אַזאַ ליבע איז זיי פֿרעמד, די מעכטיקע הערשער פֿון רוים. אין גאַנצן פֿרעמד...

זיי שעצן הויך די פֿאַרפֿירערישקייט פֿון אַ קלעאָפּאַטרע, אָבער זיי קענען ניט פֿאַרשטיין די צניעות פֿון אַ מרים...

עס איז הורדוסן געווען זייער אַנגענעם, וואָס די ליבע צו מרימען האָט אים פֿאַר אַ בעסערן מענטשן געמאַכט. ער האָט זיך איבערגענומען דערמיט, וואָס ער האָט צו איר אַזעלכע שיינע און אידעלע געפֿילן. און ווען ער איז שוין פֿאַר מאַרק אַנטאָני געשטאַנען און האָט אים דערציילט אַלץ, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט זינט יענער נאַכט, ווען ער איז פֿון ירושלים אַנטלאָפֿן, האָט ער דערבײַ אין זינען געהאַט מרימען מער ווי זיך.

— אין דײַנע הענט, מאַרקוס אַנטאָניוס — האָט ער געזאָגט, פֿאַרבייגנדיק זיך טיף — אין דײַנע הענט ליגט איצטער דער גורל פֿון אַ פֿאָלק, וואָס איז אויף שטיקער צעריסן. אַנטיגאָנוס דער חשמונאי האָט אויפֿגעהויבן אַ שווערד קעגן רוים און געשלאָסן אַ בונד מיט דעם קיניג פֿון די פּרתים, די שטענדיקע שׂונאים פֿון רוים. מײַן ברודער פֿאַזאָעל האָט ער צום טויט געטריבן; דעם אַלטן הורקונוס האָט דער קיניג פֿון די פּרתים אין געפֿאַנגענשאַפֿט גענומען; אויפֿן טראָן פֿון יהודה זיצט דער פֿאַרטריבענער אַנטיגאָנוס, און ער — ווי דו, מאַרקוס אַנטאָניוס, ווייסט דאָס שוין פֿון לאַנג — איז אַ שׂונא פֿון רוים. אַז אַנטיגאָנוס דער חשמונאי זאָל ווײַטער בלײַבן דער קיניג פֿון יהודה — צו דעם טאָר רוים ניט דערלאָזן! און צוליב דעם בין איך געקומען צו דיר.

אַנטאָני איז גראָד געווען זייער גוט אויפֿגעלייגט, ווען הורדוס האָט צו אים גערעדט. ער האָט אים אויפֿגענומען ווי אַ גוטן פֿרײַנד, אים אויסגעהערט זייער גערן, באַוואונדערט דעם מוט, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן אויף דער רײַזע אַהער, אים געלויבט פֿאַר זײַן העלדישקייט אין אַלגעמיין. און נאָך דעם האָט ער אויף אים מיט אַ שמייכל די אויגן אַנגעשטעלט, און אַוועקזעצנדיק אים לעבן זיך, האָט ער געהאַט אַ פֿראַגע צו שטעלן:

— און וואָס איז די עצה פֿון מײַן פֿרײַנד הורדוס? — האָט ער בײַ אים געפֿרעגט — וואָס דענקט ער דאַרף רוים איצטער טאָן?

— מײַן עצה איז — האָט הורדוס געענטפֿערט — אַז רוים זאָל איצטער מאַכן אַריסטובולוסן פֿאַר דעם קיניג פֿון יהודה.

— אַריסטובולוסן? דאָס ייִנגל? — האָט מאַרק אַנטאָני איבערגעפֿרעגט.

— יאָ, אים — האָט הורדוס געענטפֿערט.

און ער האָט געגומען באַוויזן, פֿאַר וואָס דאָס ייִנגל האָט אַ רעכט צום טראָן פֿון יהודה און פֿאַר וואָס ער איז דער פּאַסיקסטער אין דער איצטיקער צײַט:

— דער קליינער אַריסטובולוס — האָט ער געזאָגט — איז אַ זון פֿון דער חשמונאים־משפּחה, וואָס איז שטאַרק באַליבט בײַם פֿאָלק; ער איז אַן אייניקל פֿון דעם קיניג הורקונוס; ער איז אַ זון פֿון אַלכּסנדר, דעם חשמונאַי, און...

— און אַ ברודער פֿון מרימען, דער חשמונאית... — האָט אים מאַרק אַנטאָני אַרויסגעהאָלפֿן, און דערבײַ האָט זיך אויף זײַן פּנים אַ שמייכל באַוויזן.

— יאָ, דער ברודער פֿון דער, וואָס איז די געליבטע פֿון מײַן האַרץ — האָט הורדוס געענטפֿערט.

— און ער, דענקסטו, וועט קענען זײַן אַ קיניג? — האָט מאַרק אַנטאָני געפֿרעגט — ער איז דאָך נאָך אַזוי יונג.

— אמת, ער איז נאָך זייער יונג — האָט הורדוס צוגעגעבן — וועל איך דערווײַל זײַן וועגווײַזער זײַן. איך וועל פֿאַר אים די מלוכה פֿירן און אין מיר וועט רוים שטענדיק האָבן אַ גוטן פֿרײַנד און אַ געטרײַען דינער...

פֿון מאַרק אַנטאָניס פּנים איז דער שמייכל ניט אַרונטער די גאַנצע צײַט, וואָס הורדוס האָט צו אים וועגן מרימס ייִנגערן ברודער גערעדט.

— דו ביסט צו באַשיידן, מײַן פֿרײַנד — האָט ער איין האַנט אויף הור־דוסעס אַקסל אַרויפֿגעלייגט — איך פֿאַרשטיי דײַן גוטן וואונטש צו פֿאַרשאַפֿן פֿרייד דער געליבטער פֿון דײַן האַרץ. אָבער זאָלן בעסער דײַנע אויערן הערן, וואָס איך וועל דיר זאָגן: ניט אַריסטובולוס וועט זײַן דער קיניג פֿון יהודה, נאָר דו!.. יאָ, דו, הורדוס, דער זון פֿון אַנטיפּאַטרוסן! אַזוי איז דער וואונטש פֿון רוים!..

אין גאַנצן קיין איבערראַשונג איז דאָס פֿאַר הורדוסן ניט געווען; ער האָט זיך געריכט דערויף, אַז מאַרק אַנטאָני וועט בעסער אויסקלײַבן אים און ניט מרימס ייִנגערן ברודער אַריסטובולוס, וועלכער האָט זיך דערווײַל נאָך מיט גאָרניט אויסגעצייכנט. ער האָט אָבער דאָך געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז שטאַרק איבערראַשט. ער האָט זיך מיט אַ מאָל געגעבן אַ הייב אויף און זיך טיף פֿאַרנייגט.

— בין איך דען ווערט אַזאַ גרויסן כּבֿוד, מאַרקוס אַנטאָניוס?

— אַזוי איז דער וואונטש פֿון רוים!

און מאַרק אַנטאָני האָט זיך אויך אויפֿגעשטעלט.

ניט מער ווי אַ קורצע ווײַלע זענען זיי אַזוי ביידע געשטאַנען איינער אַקעגן אַנדערן. מאַרק אַנטאָני — מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ און הורדוס — מיט אַן אַנגעבויגענעם קאָפּ. ביידע — הויכע, קרעפֿטיקע, שטאַרקע — האָבן שטייענ־דיק אַזוי קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט, אָבער עס איז אין זייער שווײַגן דאָך געווען אַזויפֿל, וואָס האָט אַ סך געזאָגט. און ווען זיי האָבן זיך ביידע צוריק אַוועקגעזעצט, האָט מאַרק אַנטאָני דער ערשטער אָנגעהויבן רעדן:

— איך האָב אַלע מאָל געוואוסט ווי דיך צו שעצן — האָט ער הורדוסן גע־זאָגט — און איך האָב שוין לאַנג אַרויסגעקוקט אויף דער שעה, ווען איך וועל

דיר, מײַן פֿרײַנד הורדוס, קענען באַווײַזן ווי הויך איך האָב דיך אַלע מאָל געשעצט. און איצט איז די שעה געקומען. און זאָל דיר גאָרניט אַרויפֿקומען אַזאַ געדאַנק, אַז דאָס, וואָס איך האָב דיר אַצינדער געזאָגט, איז בלויז אַ וואונטש און ניט מער. עס וועט מיר ניט זײַן שווער צו באַווײַזן מײַן פֿרײַנד אָקטאַוויאַנוס־צעזאַר, אַז ער דאַרף אויך האָבן דעם זעלבן וואונטש. פֿאַרלאָז זיך אויף מיר, מײַן פֿרײַנד. מיט דער צושטימונג פֿון דעם רוימישן סענאַט וועסטו ווערן דער קיניג פֿון יהודה! דאָס איז דער וואונטש פֿון רוים!

וועגן דעם, וואָס אויפֿן טראָן פֿון יהודה זיצט איצטער אין ירושלים גאָר אַן אַנדער קיניג, האָט מאַרק אַנטאָני גאָרניט גערעדט. פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען אין גאַנצן ניט וויכטיק, האָט ער עס גאָרניט דערמאָנט. ערשט ווען הורדוס האָט אים דערמאָנט אין דעם, האָט ער, מיט אַ שמייכל, דערויף געענטפֿערט:

— דאָס וועלן מיר איבערלאָזן צו די רוימישע לעגיאָנען...

און מער האָט ער וועגן דעם ניט גערעדט.

ד

אויך אָקטאַוויאַנוס האָט וועגן דעם גאָרניט גערעדט, ווען מע האָט פֿאַר אים הורדוסן פֿאָרגעשטעלט.

— רוים דאַרף האָבן אַזאַ מענטשן ווי דו — האָט אָקטאַוויאַנוס צו הורדוסן געזאָגט — רוים ווייסט ווי אַזוי אַזאַ מענטשן צו שעצן, און רוים וועט דיר דעריבער אָנטאָן אַ קרוין אויפֿן קאָפּ און וועט דיך אַוועקזעצן אויפֿן טראָן אין ירושלים און דו וועסט זײַן דער קיניג פֿון יהודה...

ביידע, סײַ מאַרק אַנטאָני און סײַ אָקטאַוויאַנוס־צעזאַר, זענען דערמיט דער עיקר אויסן געווען צו שאַפֿן אַזאַ לאַגע, אַז ס'זאָל קומען צו אַ ברודער־קריג אין יהודה, כּדי רוים זאָל האָבן אַן אויסרייד זיך אַרײַנצומישן און דאַן ביסלעכווײַז אין גאַנצן צונעמען דאָס לאַנד. אָבער געהאַלטן האָבן זיי זיך ביידע אַזוי ווי קיין אַנדער זאַך ווי אָפּשעצן הורדוסעס גרויסע פֿאַרדינסטן און דערמיט העלפֿן אײַנשטעלן אָרדענונג אין יהודה וואָלט זיי איצט גאָר אַפֿילו אין זינען ניט געלעגן. אָבער הורדוס האָט זיי ביידן גוט פֿאַרשטאַנען. פּונקט ווי זיי, האָט ער אויך אייגענע כּוונות געהאַט דערבײַ, און טאַקע אַזעלכע, וואָס ער האָט טיף אין האַרצן באַהאַלטן און מיט קיינעם ניט גערעדט וועגן זיי. אַפֿילו ניט מיט מרימען. טאַקע וועגן זיי, וועגן יענע כּוונות, וואָס האָבן אים אַליין ניט איין מאָל אַפֿילו געשראָקן, האָט ער איצט מער ווי פֿון אַלץ געטראַכט. און בעת זײַן פֿרייד איז געווען גרויס דערמיט, וואָס ער ווערט שוין דער קיניג פֿון יהודה, האָט ער דאָס דאָך ניט אַרויסגעוויזן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, ער זאָל זיך דערמיט אַליין ניט אַרויסגעבן. רואיק און ווירדיק, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ מענטשן, וואָס האָט שוין דערגרייכט אַזאַ הויכן שטאַנד, האָט ער זיך צוגעהערט צו דעם, ווי די צוויי „טריאומווירן", מאַרק אַנטאָני און אָקטאַוויאַנוס־צעזאַר, האָבן אים געלויבט. און פּונקט אַזוי רואיק און ווערדיק האָט ער זיך

געהאַלטן, ווען מע האָט אים מיט עטלעכע טעג שפּעטער פֿאַרגעשטעלט פֿאַרן רוימישן סענאַט. אַנגעטאָן ווי אַן עלטסטער פֿון חיילות אויף אַ שלאַכטפֿעלד, מיט דער שווערד אויפֿן זילבערנעם גאַרטל, איז ער אויף דער טריבונע פֿון סענאַט אַרויף, און ווען די סענאַטאָרן האָבן אים דערזען אין זײַן פֿולער הייך, זענען זייערע בליקן ווי צוגעשמידט געוואָרן צו אים. און אייניקע פֿון זיי האָבן זיך איבערגעקוקט און אין זייערע אויגן האָט מען געקענט זען ווי זיי באַוואונדערן דעם ייִדישן גיבור, וואָס שטייט דאָ פֿאַר זיי. ער איז געווען העכער אַפֿילו פֿון דעם ריז מאַרק אַנטאָני, וואָס איז לעבן אים געשטאַנען מיט זייער אַן ערנצטער מינע אויפֿן פּנים. ער איז געווען העכער פֿון אַלעמען אין סענאַט, און ווען ער האָט זיך פֿאַר די פֿאַרזאַמלטע פֿאַרנייגט, איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז מע האָט דעם מינדסטן שאָרך געקענט הערן. און אַלע האָבן געוואַרט, אַז ער זאָל די געשלאָסענע ליפּן עפֿענען און עפּעס זאָגן. אַלע האָבן געוואָלט הערן זײַן קול. אָבער זײַנע געשלאָסענע ליפּן האָבן זיך ניט געעפֿנט און ער האָט קיין איין וואָרט ניט אַרויסגעזאָגט. און געשטאַנען אויף דער טריבונע איז ער מיט אַזאַ פֿעסטקייט, ווי ער וואָלט אין גאַנצן געווען פֿון בראָנדז אויסגעגאָסן.

די סענאַטאָרן זענען אַלע געווען באַצויבערט פֿון אים. און ווען דער גרויסער אָראַטאָר מעסאַלאַ האָט זיך אויפֿגעהויבן און פֿון דער טריבונע אָנגעהויבן רעדן וועגן אים, וועגן זײַן אַמאָליקער פֿרײַנדשאַפֿט מיט יוליוס־צעזאַר און וועגן זײַן איבערגעגעבנקייט צו רוים אין דער איצטיקער צײַט, האָבן די סענאַטאָרן זיך גוט צוגעהערט צו יעדן וואָרט, וואָס איז פֿון זײַן מויל אַרויסגעקומען, און דאַן איז הורדוס אין זייערע אויגן נאָך העכער אויסגעוואַקסן.

— דאָס שווײַגן פֿון דעם מאַן, וואָס שטייט דאָ פֿאַר אײַך — האָט דער גרויסער אָראַטאָר זײַן רעדע אָנגעהויבן — רעדט מער ווי איך וואָלט געקענט זאָגן מיט די שענסטע און שטאַרקסטע ווערטער פֿון אונדזער שפּראַך. זײַן פֿרײַנדשאַפֿט צו רוים פֿליסט אין די בלוטן פֿון זײַנע אָדערן. ער ווייסט ניט פֿון קיין גרעסערער פֿרייד ווי די, וואָס פֿילט אַן די הערצער פֿון אַלע אמתע רוימער, און דאָס איז די פֿרייד מיט אַ נצחון פֿאַר אונדזערע לעגיאָנען איבער די מחנות פֿון דעם שונא אויף די שלאַכטפֿעלדער. ער האָט די ליבע צו רוים פֿון זײַן פֿאָטער אַנטיפּאַטרוס ווי אַ טײַערע ירושה איבערגענומען. און ער האַלט דאָס טײַער און הייליק ווי אַ טייל פֿון זײַן לעבן; מיט דער שנעלקייט פֿון אַ יונגן הירש האָט ער זיך אַלע מאָל געיאָגט צו העלפֿן אונדזערע לעגיאָנען אין די מלחמות, ווען זײַן הילף איז געווען נייטיק. און אויך אַצינדער, ווען די חיילות פֿון דעם קיניג פֿון פּרת האָבן זיך געשטאַרקט און אונדזערע לעגיאָנען האָבן פֿאַר זיי געמוזט אַנטלויפֿן, איז ער, הורדוס, דער זון פֿון אַנטיפּאַטרוס, דער ערשטער געקומען אַהער, גרייט אונדז צו העלפֿן אין דער גרויסער מלחמה, וואָס שטייט אונדז פֿאַר.

דאָס איז געווען בלויז אַן אָנהייב. און נאָך דעם האָט זיך דער גרויסער אָראַטאָר אָפּגעשטעלט באַזונדער און מיט די שענסטע און שטאַרקסטע ווערטער אויף יעדער קלייניקייט, וואָס הורדוס האָט אַ מאָל געטאָן פֿאַר רוים; ער

האָט זיך אין זײַן רעדן אַרײַנגעלאָזט אין אַזעלכע גוזמאות, וואָס האָבן געקענט שאַפֿן דעם אײַנדרוק, אַז ווען ניט הורדוס און זײַן פֿאָטער אַנטיפּאַטרוס, וואָלט די רוימישע מלוכה אַצינדער ניט געווען דאָס, וואָס זי איז; ער האָט אים פֿאַרגעשטעלט ווי איינעם, וואָס איז קליגער און פֿאַרשטענדיקער פֿון די אַלע, וואָס האַלטן ניט מיט אים אין יהודה; ווי איינעם, וואָס באַנעמט מיט זײַן שׂכל דעם גײַסט פֿון דער נײַער צײַט און ווייסט ווי אַזוי זיך אײַנצושטעלן דערפֿאַר; ער האָט אים אויך פֿאַרגעשטעלט ווי איינעם פֿון די גרעסטע און מוטיקסטע העלדן אויפֿן שלאַכטפֿעלד; ער האָט דערציילט געשיכטעס, אַז דאָס לײַב איז בײַ אים פֿול מיט וואונדן און אַז געקראָגן די וואונדן האָט ער אין די מלחמות, וואָס ער האָט געפֿירט פֿאַר רוים. און אַזוי האָט ער לאַנג גערעדט וועגן הורדוסן און וועגן דער גאַנצער אַנטיפּאַטרוס־משפּחה. און ווען ער האָט דערזען, ווי די סענאַטאָרן שלינגען מיט דאָרשט יעדעס וואָרט, וואָס קומט אַרויס פֿון זײַנע ליפּן, האָט ער דערמאָנט דעם נאָמען פֿון אַנטיגאָנוס דעם חשמונאי און זיך גלײַך אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף אים מיט אַזאַ צאָרן, ווי ער וואָלט געוואָלט גרייט אים אויף שטיקער צערײַסן.

— ער, אַנטיגאָנוס דער חשמונאי — האָט מעסאַלאַ אויסגעשריגן אויפֿן קול — ער איז אַלע מאָל געווען אונדזערער אַ ביטערער שׂונא. ווען ער האָט נאָר געקענט, האָט ער אויפֿגעהויבן אַ שווערד קעגן אונדז און גערופֿן דאָס פֿאָלק פֿון יהודה צו אַ מלחמה קעגן דער מאַכט פֿון רוים. לויט די געזעצן פֿון אונדזער לאַנד איז ער אַ פֿאַרברעכער, וואָס האָט דעם טויט פֿאַרדינט! און ער, דער פֿאַרברעכער, זיצט אַצינדער אויפֿן טראָן אין ירושלים און איז דער קיניג פֿון יהודה מיטן גנאָד פֿון אונדזער ביטערסטן שׂונא — דעם קיניג פֿון פּרת!

די לעצטע ווערטער האָט ער אַרויסגעזאָגט אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבן לאַנג געהילכט איבער דער גאַנצער געבײַדע פֿון דעם סענאַט. און ער אַליין איז, אַ גלײַכער, מיט אַ שטרענגן אויסדרוק אויפֿן גלאַטן פּנים און מיט איין פֿאַלע פֿון דער טאָגע פֿאַרוואָרפֿן אויף אַן אַקסל, געשטאַנען און געוואַרט ביז דער הילך איז זיך צעגאַנגען. און ווען עס איז ווידער געוואָרן אַזוי שטיל, אַז מע האָט דעם מינדסטן שאָרך געקענט הערן, האָט ער מיט פֿאַרנעם ווײַט ביידע הענט אויס־געשטרעקט, און קוקנדיק שאַרף אויף די פֿאַרזאַמלטע, האָט ער געענדיקט מיט אַ ציטער אין זײַן קול:

— רוימער! וועט איר דערלאָזן, אַז שׂונאים זאָלן טרעטן מיט די פֿיס דעם כּבֿוד פֿון אונדזער לאַנד?

זײַן רעדע האָט אַלע פֿאַרזאַמלטע ממש אַנגעצונדן. די סענאַטאָרן האָבן שוין מער רואיק אויף די ערטער ניט געקענט אײַנזיצן. פֿון אַלע זײַטן האָבן זיך געהערט קולות און הענט האָבן זיך אין דער הויך געהויבן. און שטיל געוואָרן איז ערשט דאַן, ווען מאַרק אַנטאָני אַליין האָט אויף דער טריבונע אויפֿגעהויבן די האַנט אין דער הויך. דאָס איז געווען דער באַפֿעל אָן ווערטער, אַז אַלע זאָלן שווײַגן.

— רוימער! — האָט מאַרק אַנטאָני אויסגערופֿן און זײַן קול האָט זיך גע־טראָגן מיט אַזאַ קראַפֿט, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער גרויסער זאַל פֿון דעם סענאַט איז מיט אַ מאָל קלענער געוואָרן. — רוימער! אונדז שטייט איצטער

פֿאַר אַ גרויסע מלחמה אין די לענדער, וואָס געפֿינען זיך איבערן ים. אַ מלחמה אויף טויט און לעבן וועט דאָס זײַן! און פֿאַרן נצחון פֿון אונדזערע לעגיאָנען אין יענע לענדער איבערן ים איז נייטיק, אַז דער מענטש, וואָס שטייט דאָ פֿאַר אײַך, הורדוס, דער זון פֿון אַנטיפּאַטרוס, זאָל זײַן דער קיניג פֿון יהודה!

מער האָט ער ניט גערעדט, אָבער יעדער וואָרט איז בײַ אים אַרויסגעקומען ווי מיט אַ האַמער אויסגעהאַקט. און ווען ער האָט געענדיקט, האָט מען שוין מער גאָרניט געדאַרפֿט צוגעבן און דער סענאַט האָט אָנגענומען דעם באַשלוס, אַז הורדוס זאָל ווערן דער קיניג פֿון יהודה.

הורדוסן האָבן זיך דאַן פֿאַר פֿרייד געשטעלט די טרערן אין די אויגן. ענדלעך איז זײַן טרוים פֿאַרווירקלעכט! ענדלעך האָט ער דערגרייכט, וואָס ער האָט געוואָלט. אָבער מיט אַ מאָל איז אים געוואָרן זייער שווער אויפֿן האַרצן. און דאָס ערשטע, וואָס איז אים געקומען אויפֿן זינען, איז געווען:

— אַ קיניג אָן אַ לאַנד...

דרײַצנטער קאַפּיטל

דאָס קול איז דאָס קול פֿון יעקבֿן

א

אנגעקומען צוריק קיין יהודה איז הורדוס אין אַ צײַט, ווען אין ירושלים און אין אַ סך פֿון די אַנדערע שטעט אין לאַנד האָבן מענטשן שוין גאַנץ אָפֿן גערעדט, אַז אַנטיגאָנוס דער חשמונאי איז ניט דער פּאַסיקער מענטש צו זײַן אַ קיניג בײַ ייִדן.

די פֿאַרביטערונג קעגן אים האָט זיך אָנגעהויבן באַלד נאָך דעם, ווי מע האָט דערהערט, וואָס ער האָט געטאָן צום אַלטן קיניג הורקונוס. דאָס פֿאָלק, וואָס האָט אַלע מאָל געהאַט אַ געזונטן חוש פֿאַר גערעכטיקייט, האָט אַזאַ פֿאַרברעכן אים ניט געקענט פֿאַרגעבן. אומעטום האָבן ייִדן אַ סך גערעדט דערפֿון און אַלע האָבן וועגן דעם די זעלבע מיינונג געהאַט:

— אונטער דער הערשאַפֿט פֿון אַזאַ קיניג קען דאָס פֿאָלק אויף קיין גוטס זיך ניט ריכטן! אויב ער האָט ניט קיין רחמנות אויף קיין אייגענע, וועט ער אויף פֿרעמדע אַוודאי קיין רחמנות ניט האָבן...

און זיי זענען געווען גערעכט, די פּשוטע מענטשן, וואָס האָבן זיך אין אַלץ אויף זייער געזונטן חוש פֿאַרלאָזט.

ווי נאָר אַנטיגאָנוס איז אַרויף אויפֿן טראָן, האָט ער זיך אין הויף אַרומגערינגלט מיט אַזעלכע לײַט, וואָס האָבן אויף די אָרעמע געקוקט פֿון אויבן אַראָפּ און זיך אין גאַנצן ניט גערעכנט מיט זייער בויט און אויך ניט מיט זייערע וואונטשן און פֿאַרלאַנגען. די אַלע מענטשן, וואָס האָבן בײַ אים אין הויף געהאַט די גרעסטע דעה, זענען געווען פֿון געהויבענעם יחוס, רײַכע לײַט, וואָס פֿאַרמאָגן אַ סך פֿעלדער און ווײַנגערטנער און אויך דינער און דינסטן אָן אַ צאָל. און צווישן זיי איז ניט געווען קיין איינער, וואָס זאָל זיך האָבן מיט עפּעס אויסגעצייכנט פֿון פֿריִער. זיי האָבן ניט געקענט קיין תורה און זיי זענען אויך געווען ווײַט פֿון חכמה. ווי די מערסטע רײַכע לײַט פֿון לאַנד, זענען זיי אַלע געווען צדוקים און זיי האָבן זיך שטענדיק געהאַלטן אין איין אַרומרײַסן מיט די פּרושים, וואָס טײַטשן אויס די תורה, און דער עיקר איז בײַ זיי געווען ניט דער גײַסט פֿון פֿאָלק, נאָר די מאַכט פֿון דער מלוכה.

פֿון אַלץ, וואָס אַנטיגאָנוס האָט געטאָן נאָך דעם ווי ער איז אַרויף אויפֿן טראָן און איז געוואָרן ניט נאָר דער קיניג, נאָר אויך דער כהן־גדול, איז אויסגעקומען ווי ער וואָלט פֿון גרויס אײַלעניש פֿאַרגעסן דעם עיקר; ער האָט ניט געטראַכט פֿון דעם, וואָס ער דאַרף אַצינד פֿירן דאָס פֿאָלק אין דעם גרויסן קאַמף

פאַר פרײַהייט קעגן דער הערשאַפט פון רוים, נאָר פון דעם ווי אַזוי ער זאָל נעמען נקמה אין די אַלע מענטשן, וואָס האָבן פריִער אַרויסגעהאָלפן דעם אַלטן קיניג הורקונוס און אויך הורדוסן. אויף זיי האָט ער זיך פאַרלייגט; זיי האָט ער פריִער פון אַלץ געוואָלט אין גאַנצן אויסראָטן. און ער איז דערמיט געווען אַזוי שטאַרק פאַרנומען, אַז פאַר קיין אַנדערע זאַכן איז אים גאָר קיין צײַט ניט געבליבן. ער האָט געברענט, געפלאַקערט און ער איז געווען בייז, פאַר וואָס מע נעמט ניט די פעסטונג פון מאַסאַדאַ. מע מוז נעמען די פעסטונג און אים שוין ברענגען מרימען אַהער!..

די בעסטע מענטשן האָט ער פון זיך אָפּגעשטויסן, און די צוויי בכבודיקסטע ריכטער פון סנהדרין, שמעיה און אַבטליון, וועלכע זענען געווען באַליבט בײַם פאָלק, האָט ער אויף דער שוועל פון זײַן הויף ניט אַרויפגעלאָזט, און ווען ער האָט נאָר געהאַט אַ געלעגנהייט האָט ער צו זיי אַרויסגעוויזן פאַראַכטונג און ער האָט חוזק געמאַכט פון זיי.

מיט דעם האָט ער זיך פאַרמיאוסט אין די אויגן פון די פרושים, וועלכע האָבן געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַר די צוויי אַלטע געלערנטע ריכטער פון סנהדרין. אָבער אַנטיגאָנוסן האָט דאָס ניט געאַרט; ער האָט געמיינט, אַז ווי באַלד ער האָט אויף זײַן זײַט די צדוקים, די רײַכע לײַט פון יהודה, איז שוין אַלצדינג גוט. ער האָט זיך שוין אויך געהאַט אײַנגערעדט, אַז פון הורדוסן איז ער שוין אין גאַנצן פטור און מער דאַרף ער פאַר אים שוין קיין מורא ניט האָבן.

דערפאַר טאַקע איז זײַן איבעררעשונג געווען אַזוי גרויס, ווען ער האָט דערהערט, אַז הורדוס איז שוין דאָ צוריק פון רוים און אַז מע האָט אים דאָרט געמאַכט פאַר דעם קיניג פון יהודה.

דערויף האָט אַנטיגאָנוס זיך אין גאַנצן ניט געריכט. און דאָס האָט אים אַזוי צעטומלט, אַז ער האָט ניט געוואוסט, וואָס ער זאָל דאָ פריִער טאָן. דאָס ערשטע, וואָס אים איז אײַנגעפאַלן איז געווען — אַרויפלייגן נײַע שטײַערן אויפן פאָלק...

צו קיין אַנדער מיטל ווי נײַע שטײַערן האָט ער זיך קיין מאָל ניט געקענט דערטראַכטן. און גלײַך נאָך דעם האָט ער זיך אָנגעהויבן טומלען.

ב

און אין דער צײַט ווען אַנטיגאָנוס האָט זיך אַ פאַרלוירענער געטומלט און געטריבן די עלטסטע פון זײַנע חיילות פון איין אָרט אויפן אַנדערן, האָט הורדוס פּינקטלעך אויסגערעכנט יעדן שריט, וואָס ער האָט געמאַכט. און ער האָט אַלץ צוגעגרייט אַזוי, אַז ער זאָל קענען זײַן זיכער מיט אַ נצחון.

ווי ער איז נאָר אַראָפּ פון דער שיף און איז אַרויף אויף דער יבשה, האָט ער גלײַך געוואָלט לויפן קיין מאַסאַדאַ צו מרימען. ער האָט זי שוין געוואָלט זען, ווײַל זײַן בענקשאַפט נאָך איר האָט אין אים אַלע בלוטן געצונדן. עס זענען געווען נעכט, ווען עס האָט זיך צו אים קיין שלאָף ניט גענומען און ער האָט די ליפּן

ביז בלוט געביסן. אָבער ער האָט דאָך קיין צייט ניט געוואָלט פאַרלירן און ער האָט באַלד אָנגעהויבן צונויפזאַמלען די חילות, וואָס ער האָט פריִער שוין גע־האָט אָוועקגעשיקט צוריק צו זייערע געצעלטן. און זיי זענען אַלע גערן געקומען צו אים צוריק.

פון אַלע עקן לאַנד האָבן יונגע מענטשן דאַן געשטראָמט אין די רייען פון זיינע חילות. און צווישן זיי זענען געווען אַ סך אַזעלכע, וואָס זענען געווען זיכער, אַז אין דער מלחמה צווישן די צוויי וועט הורדוס געוויס זיין דער, וואָס וועט אַרויסקומען מיט אַ נצחון און דעמאָלט וועט ער זיי אַוודאי גוט באַלוינען דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך אין דער מלחמה געשלאָגן פאַר אים. און עס זענען אויך געווען אַ סך אַזעלכע, וואָס זענען אין דער מהומה פון די שטענדיקע מלחמות אין יהודה גלאַט איבערגעגאַנגען פון איין צד צום אַנדערן און מע האָט קיין מאָל ניט געקענט וויסן, וואו מע האַלט מיט זיי.

דאָס גאַנצע לאַנד איז דעמאָלט געווען פול מיט אַזעלכע מענטשן, וואָס האָבן שוין גאָרניט געהאַט צו פאַרלירן, ווייל דער ברידער־קריג האָט זיי פון זייערע קליינע נחלות פאַרטריבן און זיי האָבן מער שוין גאָרניט פאַרמאָגט. ניט נאָר צווישן יידן זענען אַזעלכע געווען, נאָר אויך צווישן די אדומים און גריכן און אַנדערע פעלקער אין לאַנד. איוף אַלע וועגן און שטעגן פון יהודה האָבן זיי זיך אַרומגעשלעפט, אָפּגעריסן פון ווייב און קינד און פון אַלץ אין דער וועלט, און וואו זיי האָבן נאָר ערגעץ דערהערט דאָס שאַלן פון טרומפייטן און דאָס בלאָזן פון שופרות און דערזען ווי עס ציִען זיך מחנות פון פוסגייער און רייטער, זענען זיי אויך צוגעשטאַנען צו זיי און זענען געווען גרייט זיך צו שלאָגן; און עס האָט ביי זיי ניט אויסגעמאַכט מיט וועמען און פאַר וועמען. און הורדוס האָט גע־וואוסט, ווי אַזוי זיך צו באַנוצן דערמיט און ער האָט זיי אין די הונדערטער און אין די טויזנטער אין זיינע חילות אַריינגעצויגן.

דאָס גאַנצע פאָלק איז דעמאָלט צווישן זיך געווען צעריסן אויף שטיקלעך, און הורדוס האָט דאָס אויסגענוצט פאַר זיך. און נאָך דעם ווי די צאָל פון זיינע נייע חילות איז שוין געווען גרויס און ער האָט דערצו נאָך געהאַט עטלעכע רוימישע לעגיאָנען, וואָס זענען געשטאַנען גרייט אים צו העלפן, האָט ער אין אַ קורצער צייט איינגענומען דעם גרעסטן טייל פון גליל. אויך די שטאָט יפו, וואָס ביים ברעג ים, האָט ער איינגענומען. און פון דאָרט האָט ער זיך גענומען שפאַרן צו דער פעסטונג פון מאָסאַדאַ. און ווען ער איז אַהין מיט זיינע שטאַרקע מחנות אָנגעקומען, זענען אַנטיגאָנוסעס חילות פון דאָרט זיך צע־לאָפן. און הורדוס איז דער ערשטער אַריינגעפאָרן אַהין רייטנדיק אויף זיין פערד, און מרים איז אים אַרויסגעקומען אַנטקעגן, און ביידע האָבן זיך גע־האַלדזט און געקושט פאַר אַלעמען אין די אויגן. און אַרום און אַרום האָבן געשאַלט די טרומפייטן. ווען הורדוס האָט אויפגעהויבן די האַנט אין דער הייך, האָבן אַלע אין איין קול אויסגעשריגן:

— לעבן זאָל דער קיניג!

מרים האָט אָנגעהויבן ציטערן מיטן גאַנצן קערפער, ווען זי האָט די קולות דערהערט. די ווערטער, וואָס זענען פון אַזוי פיל טויזנטער מיילער

אַרויסגעקומען זייער קלאָר, האָבן אויף איר אַ שרעק אָנגעיאָגט, און זי האָט געדענקט, אַז דאָס מיינט מען אפשר נאָך אַנטיגאָנוסן. אָבער ווען זי האָט געזען ווי הורדוס שטייט לעבן איר מיט אַ צופרידענעם שמייכל אויפן פּנים, האָט זי בכלל ניט געקענט פאַרשטיין, וואָס די געשרייען באַדייטן. אַ צעטומלטע האָט זי געקוקט דאָ אויף אים און דאָ אויף די מחנות, וואָס זענען געווען אויסגע־שטעלט אין גלייכע רייען. ערשט ווען הורדוס האָט איר געזאָגט, אַז מ׳האָט אים אין רוים געמאַכט פאַרן קיניג פון יהודה, האָט זי אָנגעהויבן פאַרשטיין וואָס דאָ איז, און זי האָט אים ווידער אַ מאָל פאַר אַלעמען אין די אויגן גע־האַלדזט און געקושט. אָבער געזאָגט האָט זי אים דאָך גאָרניט...

זי האָט אים דאָן גאָרניט געקענט זאָגן, די טאָכטער פון די חשמונאים, וואָרעם אין דער זעלבער צייט, וואָס זי האָט זיך אַזוי שטאַרק געפרייט דער־מיט, וואָס איר באַשערטער איז שוין דער קיניג פון יהודה, האָט זי אָבער באַלד אָנגעהויבן טראַכטן דערפון, וואָס געמאַכט פאַר אַ קיניג האָט אים ניט דאָס פאָלק, נאָר די הערשער פון רוים; זי האָט אויך געטראַכט דערפון, וואָס דאָס פאָלק אין יהודה וועט אַוודאי ניט וועלן נעמען אויף זיך דעם יאָך פון אַ קיניג, וואָס פרעמדע האָבן פאַר זיי אויסגעקליבן און איבער דעם וועט זיך יידיש בלוט ווידער גיסן טייכנווייז...

אַ שווער געפיל האָט געדריקט איר האַרץ. טרערן האָבן זי געשטיקט, זי האָט געטראַכט, אַז די פרייד, וואָס האָט זי פריער אַרומגעכאַפּט, זאָגט ניט אָן קיין גוטס, ניט פאַר איר און ניט פאַרן פאָלק. און ווען דער טומל איז אַריבער און עס זענען שוין מער קיין זייטיקע מענטשן ניט געווען, האָט זי זיך אַלע מאָל ערגעץ אין אַן אַנדער ווינקל באַהאַלטן און זי האָט שטילערהייט געוויינט...

— זאָג מיר, וואָס דריקט דיך אַזוי דיין אידל האַרץ? — האָט הורדוס זי געפרעגט.

און זי האָט די אויגן צו דער ערד אַרונטערגעלאָזט און געענטפערט שטיל:

— עס דריקט מיין האַרץ אַ שווער געפיל, און איך האָב אַזוי מורא...

— מורא? פאַר וואָס, מיין ליבסטע, האָסטו מורא?

— ווייל עס וועט זיך ווידער גיסן בלוט...

און זי האָט געהאַט אַ טענה צו גאָט אַליין:

— ביז ווי לאַנג נאָך, גאָט, וועט עס אַזוי זיין? ווען וועט צו דעם שוין קומען אַ סוף?

ער האָט געפּרוווט זיך פאַרענטפערן פאַר איר:

— עס איז ניט געווען מיין וואונטש אַצינד צו ווערן דער קיניג פון יהודה — האָט ער צו איר געזאָגט — איך האָב געבעטן ביי מאַרק אַנטאָנין, ער זאָל דיין ברודער אַריסטובולוס מאַכן פאַרן קיניג. אָבער ער האָט דאָס ניט געוואָלט. אויך אָקטאַוויאַנוס־צעזאַר האָט דאָס ניט געוואָלט. איך האָב זיך געמוזט אונטערוואַרפן דעם ווילן פון רוים, ווייל אַזוי איז געווען דער ווילן פון גאָט.

דערמיט אַליין, וואָס ער האָט אין רוים געבעטן מ׳זאָל איר יינגערן ברודער אַריסטובולוס מאַכן פאַר דעם קיניג פון יהודה, כדי איר צו פאַרשאַפן פאַרגעניגן,

האָט ער זי אַ ביסל אײַנגעשטילט; זי האָט צו אים ליבלעך געשמייכלט, ווען ער האָט איר דאָס געזאָגט. אָבער אין גאַנצן רואיק האָט זי דאָך ניט געקענט זײַן. דער געדאַנק, אַז עס וועט זיך איצטער אוודאי גיסן נאָך מער בלוט ווי פֿריִער, האָט איר פֿון זינען ניט געקענט אַרויס, און ווען זי האָט געזען ווי אַלע אַרום איר פֿרייען זיך, האָט זי געפּרוּווט מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זי פֿרייט זיך אויך. אָבער זי האָט דעם טיפֿן אומעט דאָך ניט געקענט באַהאַלטן, און דערמיט האָט זי אַרויס־גערופֿן דעם צאָרן פֿון הורדוסעס שוועסטער סאַלאָמעאַ.

— מײַנע רייד וועלן געוויס זײַן ניט ווײַט פֿון אמת — האָט סאַלאָמעאַ גע־געבן אַ זאָג מיט גאַל, און די שמאָלע בלויע ליפּן אירע האָבן זיך ברייט צעצויגן און די גרינע אויגן אירע האָבן זיך אָנגעצונדן ווי בײַ אַ קאַץ אין דער פֿינצטער. — יאָ, מײַנע רייד וועלן געוויס זײַן ניט ווײַט פֿון אמת, ווען איך וועל זאָגן, אַז מרים וואָלט זיכער געווען מער צופֿרידן, ווען אַנטיגאָנוס וואָלט אַרײַן אַהער קיין מאַ־סאַדאַ און וואָלט מיט איר פֿון דאַנען קיין ירושלים אַוועק...זע, ברודער, זי פֿרייט זיך דאָך גאָרניט דערמיט, וואָס רוים האָט דיך פֿאַרן קיניג פֿון יהודה געמאַכט...

הורדוס איז געוואָרן זייער בייז, ווען ער האָט דאָס דערהערט.

— שווײַג, שוועסטער! — האָט ער זיך אויף איר צעשריגן — דאָס וואָס דו זאָגסט וועגן מרימען איז ניט אמת.

סאַלאָמעאַ האָט זיך אָבער ניט דערשראָקן פֿאַרן ברודערס געשריי און זי האָט ווײַטער גערעדט מיט גאַל.

— און איך זאָג — האָט זי זיך געגעבן אַ שטעל אַוועק מרימען אַקעגן און געטײַטלט אויף איר מיטן פֿינגער — אַז איר, דער טאָכטער פֿון דער חשמונאים־משפּחה, וואָלט געווען מער צום האַרצן, ווען רוים וואָלט איינעם פֿון אירע גע־מאַכט פֿאַרן קיניג פֿון יהודה...

אויך די אַלטע ציפּורה, הורדוסעס מוטער, האָט זיך אין דעם אַרײַנגעמישט. זי האָט געהאַט טענות ניט נאָר צו מרימען, נאָר אויך צו מרימס מוטער אַלכּסנדרה, פֿאַר וואָס זי פֿרייט זיך ניט גענוג מיט דעם, וואָס רוים האָט איר זון אַזוי הויך דערהויבן. און ווײַל אַלכּסנדרה האָט זיך טאַקע געפֿילט אַ ביסל שולדיק און זי האָט מורא געהאַט, אַז מ׳זאָל זיך נאָך טאַקע ניט דערוויסן, אַז זי האָט פֿריִער שוין געהאַט געפּרוּווט אײַנרעדן מרימען צו אַנטלויפֿן שטילערהייט צו אַנטיגאָנוסן קיין ירושלים, האָט זי איצט, שוין אַ ביסל צו פֿיל און צו שטאַרק, זיך אָנגעהויבן קאַכן, און קאַכנדיק זיך האָט זי געזאָגט, אַז איידעלע מענטשן דריקן אויס פֿרייד ניט אַזוי ווי פּשוטע מענטשן טוען דאָס...

סאַלאָמעאַ און די אַלטע ציפּורה האָבן פֿאַרשטאַנען, וואָס זי מיינט דערמיט, און זיי האָבן דאָס אויף זייער אייגענעם חשבון גענומען. איז איבער דעם דער קריג צווישן די ווײַבער נאָך שטאַרקער געוואָרן. אַלע האָבן געשריגן און איינע האָט די אַנדערע געוואָלט איבערשרײַען. די איינציקע, וואָס האָט ניט געשריגן איז געווען מרים. זי האָט קיינעם ניט באַליידיקט און קיינעם אויף קיין באַליי־דיקונג ניט געענטפֿערט. זי האָט אויך ניט געלאָזט הורדוסן זיך אַרײַנמישן אין

דער ווײַבערשער קריגערײַ. אַוועקפֿירנדיק אים אַן אַ זײַט, האָט זי שטיל און איידל געזאָגט:

— איך בעט דיך, נעם מיך אַוועק פֿון דאַנען...

זי איז געווען גרייט צו גיין מיט אים אין אַלע מלחמות, אַבי ניט צו בלײַבן צווישן די ווײַבער, וואָס האַלטן זיך אין איין אַרומרײַסן צווישן זיך. אַפֿילו לעבן איר אייגענער מוטער איז איר ניט געווען ליב צו זײַן. אַלץ, וואָס ס'איז פֿאָר־געקומען אין דער אייגענער משפּחה, און אַלץ, וואָס ס'איז פֿאָרגעקומען אין יהודה, האָט זיך מוראַדיק שווער געלייגט אויף איר געמיט. און עס זענען געווען צײַטן, ווען עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי איז דאָ בכלל אין גאַנצן אַן איבעריקע און אַז ס'וואָלט געווען בעסער, ווען זי וואָלט גאָר אויפֿגעהערט צו זײַן דאָ אויף דער וועלט; אין די געשעענישן, וואָס האָבן זיך מיט אַזאַ האַסט איינס איבערן אַנדערן געיאָגט אַרום איר, פֿון נאָענט און פֿון ווײַט, האָט זי זיך געפֿילט ווי אין אַ מוראַדיקן שטורעם אויפֿן ים; זי האָט געוואָלט אַרויס פֿונעם שטורעם און האָט ניט געקענט; זי האָט זיך געוואָלט ראַטעווען און ניט געוואוסט ווי אַזוי; זי האָט זיך די גאַנצע צײַט געראַנגלט מיט זיך אַליין און מיט אַלץ, וואָס ס'איז געשען אַרום איר, און שווער, שרעקלעך שווער, איז פֿאַר איר געווען דער גע־ראַנגל מיט זיך אַליין. אין איינעם מיט דער שיינקייט פֿון די טרוימען, וואָס דאָס פֿאָלק האָט געוועבט אַרום דער חשמונאים־משפּחה פֿון אַ מאָל, האָט די ווירק־לעכקייט זי אַרײַנגעשטויסן אין אַ ווינקל, וואו מ'האָט מער ווי אומעטום געקענט זען די גאַנצע געפֿאַלנקייט פֿון דער משפּחה, וואָס איז אַ מאָל געווען באַליבט...

און זי האָט פֿון יענעם ווינקל ניט געקענט אַרויס.

קעגן איר אייגענעם ווילן האָט זי זיך אונטערגעוואָרפֿן דעם שווערן גורל, וואָס האָט זיך אויף אירע שוואַכע אַקסלען אַרויפֿגעלייגט. און זי האָט זיך אויס־געלערנט שווײַגן אַפֿילו דאַן, ווען זי האָט געפֿילט, אַז זי מוז אַ זייער טיפֿן וויטיק פֿון האַרצן אַרויסשרײַען...

זי האָט געשוויגן ווען הורדוס האָט זי, אין איינעם מיט די אַנדערע פֿון דער משפּחה, אַרויסגענומען פֿון מאַסאַדאַ און זי אַוועקגעפֿירט קיין שומרון, וואו די סכּנה איז ניט געווען אַזוי גרויס. זי האָט אויך געשוויגן, ווען ער איז מיט זײַנע חיילות אַוועק פֿון שומרון צו גיין אויף ירושלים. באַגלייטנדיק אים מיט די פֿאַר־בענקטע בליקן פֿון די צוויי שיינע גרויע אויגן אירע, וואָס הורדוס האָט קיין מאָל ניט געקענט פֿאַרגעסן, אַפֿילו ווען ער איז געווען זייער ווײַט פֿון איר, האָט זי שטיל געוויינט...

ג

נאָך דעם זענען ווידער געקומען טעג און נעכט, ווען מרים האָט זיך צווישן אייגענע געפֿילט ווי אַ פֿרעמדע. אין גאַנצן פֿאַרשלאָסן אין זיך, האָט זי מיט קיינעם פֿון די נאָענטע מענטשן קיין סך ניט גערעדט, פֿאַר קיינעם ניט אַרויסגעגעבן דאָס, וואָס זי פֿילט טיף אין האַרצן, אַפֿילו ניט פֿאַר דער אייגענער

מוטער. איר האָט זי נאָך ווייניקער ווי די אַנדערע געטרויט, און דאָס האָט נאָך גרעסער געמאַכט איר איינזאַמקייט. און אין דער צײַט, ווען זי איז אין שומרון געזעסן אַ פֿאַרבענקטע און האָט זיך געפֿילט עלנט אין די טעג, וואָס זענען גע־קומען ווי די ניט־געבעטענע געסט, און אין די נעכט, וואָס זענען אַוועק אָדער אָן שלאָף אָדער אין בייזע חלומות, האָט הורדוס געפֿירט זײַנע חילות פֿון איין גרויסן נצחון צום אַנדערן; ער האָט אײַנגענומען שטעט און דערפֿער; ער האָט אויסגעהרגעט טויזנטער און טויזנטער פֿון די קריגסלײַט, וואָס האָבן זיך פֿאַר אַנטיגאָנוסן געשלאָגן, און אויף אַלע וועגן האָבן זיך געוואַלגערט גאַנצע הויפֿנס מיט הרוגים. און פֿון אומעטום, וואו עס זענען געווען נאָר שטיבער און געצעלטן, האָבן זיך וואָלקנס רויך געהויבן אין דער לופֿט; אויך פֿעלדער און ווײַנגערטנער זענען אין די פֿלאַמען אַוועק און אַלץ אַרום איז געוואָרן וויסט ווי אין אַ מדבר, און בלוט האָט זיך ווי וואַסער געגאָסן. און דאָס געוויין פֿון ווײַבער און קינדער האָט די הימלען געשפּאָלטן. צעשראָקענע שאָף און לעמער האָבן זיך בלודנע איבער בערג און איבער טאָלן אַרומגעשלעפּט און ס'איז אין ערגעץ קיין פּאַסטעך ניט געווען. דאָס גאַנצע לאַנד איז פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון אַ מהומה פֿון בלוט און פֿײַער און וואָלקנס רויך. און אין דער מהומה איז הורדוס מיט זײַנע חילות געגאַנגען אַלץ ווײַטער און ווײַטער, ביז ער איז צוגעקומען צו די טויערן פֿון דער שטאָט ירושלים.

און ווען ער איז צו די טויערן פֿון דער שטאָט ירושלים צוגעקומען און די רוימישע לעגיאָנען פֿון זײַנע חילות זענען שוין געווען גרייט צו שטורעמען די פֿעסטונג, האָט ער דאָס גלײַך אָפּגעשטעלט.

ער האָט ניט געוואָלט, אַז מ'זאָל די מויערן פֿון ירושלים שטורעמען, ווײַל ער האָט צוגעזאָגט מרימען, אַז ער וועט די שטאָט ניט חרובֿ מאַכן...

און ווי ער איז אַזוי געזעסן רײַטנדיק אויפֿן פֿערד, האָט ער זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו די זעלנער און אויפֿהייבנדיק איין האַנט אין דער הייך, האָט ער אויסגעשריגן אויפֿן קול:

— קיינער זאָל זיך ניט דערוועגן צו שיסן אַ פֿײַל פֿון אַ בויגן און קיינער זאָל זיך ניט דערוועגן אַפֿילו אַ שטיין צו וואַרפֿן אַהין, ביז איך וועל ניט אַרויס־געבן קיין באַפֿעל!

און באַלד האָט ער אַליין אויסגעקליבן עטלעכע הונדערט פֿון די באַוואָפֿנטע לײַט. אַלע שטאַרקע אין געבוי און הויכע אין וואוקס, און זיי געהייסן, אַז זיי זאָלן זיך אַוועקשטעלן בײַם מויער פֿון דער שטאָט און שרײַען אַזוי הויך, אַז זייער קול זאָל גרייכן ווײַט.

— שרײַט — האָט ער זיי געזאָגט — אַז מיר זענען ניט געקומען אַהער ווי שונאים, נאָר ווי פֿרײַנד... שרײַט, אַז איך זוך ניט קיין נקמה, אַז בײַ מיר איז הייליק די גאַנצע שטאָט און אַז ווען איך וועל אַהין אַרײַן, וועל איך קיינעם קיין שלעכטס ניט טאָן!.. שרײַט, אַז איך, הורדוס, דער זון פֿון אַנטיפּאַטרוס, בין איצט דער קיניג פֿון יהודה, אַזוי איז געווען דער ווילן פֿון רוים און אַזוי איז אויך דער ווילן פֿון גאָט!..

די זון האָט שוין דאַן געהאַלטן בײַם פֿאַרגיין, ווען די עטלעכע הונדערט יונגע גיבורים פֿון הורדוסעס חיילות האָבן זיך אויסגעשטעלט בײַם מויער און אָנגעהויבן שרײַען. זייערע קולות האָבן זיך געטראָגן ווײַט, געקלונגען הויך און האָבן די גאַנצע שטאָט אַרומגעכאַפּט. און באַלד האָט מען שוין אין אַלע גאַסן געזען ווי עס לויפֿן מענטשן, באַוואָפֿנטע און אויך ניט קיין באַוואָפֿנטע, און איינער בײַם אַנדערן פֿרעגט, וואָס פֿאַר אַ קולות דאָס זענען און פֿון וואַנען זיי קומען.

אומעטום האָבן זיך אויסגעשטעלט רעדלעך פֿון יונגע און אַלטע, מאַנס־פּאַרשוינען און ווײַבער, און אַלע האָבן זיך צוגעהערט צו די קולות, וואָס זענען געקומען פֿון דער אַנדערער זײַט מויער. און ס׳האָבן זיך שוין געפֿונען אַ סך אַזעלכע וואָס האָבן געזאָגט, אַז מ׳דאַרף פֿאַר הורדוסן טאַקע עפֿענען די טויערן פֿון דער שטאָט און אים אַרײַנלאָזן.

— דאָס וועט זײַן בעסער פֿאַר אונדז אַלע! — האָט איינער אין מיטן גאַס געשריגן אויפֿן קול.

— שוין גענוג בלוט האָט זיך געגאָסן אין ירושלים!

— אַ סוף זאָל דאָס נעמען!

— ביז ווי לאַנג נאָך וועט גאָטס צאָרן זײַן אויסגעגאָסן אויף אונדז?

— עפֿנט די טויערן פֿון שטאָט און זאָל ער אַרײַנקומען אַהער מיט גוטן!

אַזוי האָבן אין די גאַסן געשריגן מענטשן, וואָס קיינער האָט פֿריִער גאָר אין ערגעץ ניט געזען.

די בהלה אין שטאָט איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז מענטשן האָבןווירקלעך ניט געוואוסט וואוהין זיי לויפֿן און פֿאַר וועמען זיי אַנטלויפֿן. די קולות פֿון די, וואָס האָבן פֿון יענער זײַט מויער געשריגן, האָבן זיך פֿון אַלע זײַטן געטראָגן. און אַלע מאָל זענען די געשרייען אין אַן אַנדערער זײַט געוואָרן שטאַרקער און הילכיקער. און ווען די נאַכט איז אָנגעקומען און אַ פֿינצטערניש האָט זיך פֿאַרשפּרייט אויף אַלץ אַרום, האָבן די קולות פֿון דער אַנדערער זײַט נאָך קלאָ־רער זיך אָנגעהויבן הערן; יעדער וואָרט האָט שאַרף אָפּגעקלונגען אין דער לופֿט. און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס שרײַען גאָרניט קיין מענטשן, נאָר הימל און ערד האָבן זיך געעפֿנט און גײַסטער שרײַען פֿון זיי אַרויס.

דאַן האָט אַנטיגאָנוס אויך גענומען עטלעכע הונדערט יונגע מענטשן און האָט זיי אַוועקגעשטעלט אויף די ווענט פֿון די מויערן אַרום דער שטאָט און האָט זיי אויך געהייסן שרײַען:

— שרײַט וואָס העכער! — האָט ער זיי אָנגעזאָגט — שרײַט אַזוי, אַז מ׳זאָל דאָ אין שטאָט ניט קענען הערן די קולות פֿון יענע!

די מענטשן האָבן אים געפֿאָלגט און זיי האָבן געשריגן אַזוי הויך, אַז זיי האָבן מיט זייערע קולות פֿאַרטויבט די געשרייען פֿון הורדוסעס לײַט. ווי נאָר יענע האָבן געעפֿנט די מײַלער און אָנגעהויבן ווידער אַ מאָל און נאָך אַ מאָל דאָס זעלבע: „מיר זענען ניט געקומען אַהער ווי שונאים, נאָר ווי פֿרײַנד!“, האָבן די, וואָס אויף די ווענט פֿון די מויערן, זיי פֿאַרשריגן מיט קולות, וואָס האָבן זיך אַלץ העכער און העכער געריסן. און אין די קולות האָט זיך אַלע מאָל

פֿון ערגעץ אַרײַנגעריסן אַ שאַרפֿער קוויטש, וואָס האָט שטאַרק אין די אויערן געגרילצט. און ווען עס איז די מענטשן אויף די ווענט נמאס געוואָרן צו שרײַען, האָבן אייניקע אָנגעהויבן מיאַוקען ווי קעץ און אַנדערע האָבן גערעוועט ווי אָקסן און געברומט ווי די חיות און נאָכגעמאַכט דאָס בילן פֿון שאַקאַלן אין דער מדבר...

עטלעכע טעג און נעכט זענען אַזוי אַוועק און די ייִדן פֿון ביידע זײַטן האָבן אַלץ אַריבערגעשריגן איינע די אַנדערע, אָבער געשלאָגן האָבן זיי זיך ניט.

הורדוס האָט ניט געלאָזט מע זאָל זיך שלאָגן...

ער האָט זייער שטאַרק געוואָלט אויסנעמען בײַ מרימען דערמיט, וואָס ער וועט בײַ די טויערן פֿון ירושלים קיין בלוט ניט פֿאַרגיסן...

אָבער דאָס גאַנצע לאַנד איז שוין דאַן געווען אײַנגעהילט אין די פֿלאַמען פֿון קריג און מרידה און אַלע מאָל האָט זיך דאָס פֿײַער ערגעץ אַנדערש שטאַרקער צעברענט. דאָס האָט הורדוסן אַזוי צערייצט, אַז ער האָט אָנגעהויבן פֿאַרלירן דאָס געדולד און ער האָט מיט אַ מאָל אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל, אַז מע זאָל אויפֿגעבן דאָס שרײַען. און פּונקט דאַן, ווען ער האָט שוין אַלץ געהאַט צוגעגרייט צו שטורעמען די פֿעסטונג פֿון ירושלים, האָבן שלוחים געבראַכט אַ ידיעה, וואָס האָט אים נאָך מער צערייצט. מע האָט אים אָנגעזאָגט די נײַעס, אַז אין גליל האָט זיך ווידער צעפֿלאַקערט אַ מרידה און אַז אומעטום טראָגן זיך דאָרט געשרייען, אַז דאָס פֿאָלק זאָל ניט נעמען אויף זיך דעם יאָך פֿון אַ קיניג, וואָס רוים האָט אַרויפֿגעצוואונגען. דאַן האָט הורדוס די באַלאַגערונג פֿון ירושלים אָפּגעלייגט אויף שפּעטער און אַליין איז ער גלײַך אַוועק קיין גליל מיט אַ סך מחנות פֿון רײַטער און פֿוסגייער; ער איז אַוועק אַהין מיטן פֿעסטן באַשלוס די מרידה באַלד צו דערשטיקן, ווײַל בכלל האָט ער אויפֿן גליל שטענדיק געטראָגן אַ צאָרן און ער האָט חושד געווען, אַז פֿון דאָרט קען קיין מאָל קיין גוטס ניט קומען. דאָס איז בײַ אים געבליבן נאָך פֿון יענע צײַטן, ווען חזקיה הגלילי האָט קעגן אים דאָרט געפֿירט אַ מלחמה צווישן די בערג; אין זײַן כּעס אויפֿן גליל, האָט ער נאָך אויפֿן וועג אַהין געברענט שטעט און געצונדן דערפֿער; ער האָט מיט זיך געבראַכט חורבן און פֿאַרוויסטונג אומעטום וואוהין ער איז נאָר אַרײַנגעקומען. אָבער אין גליל האָט נאָך אַלץ געלעבט דער גײַסט פֿון דעם אַלטן חזקיה הגלילי, וואָס האָט זײַן לעבן אַוועקגעגעבן אײַנשטעלנדיק זיך פֿאַר דער פֿרײַהייט פֿון פֿאָלק. פּונקט ווי דאַן, האָבן ייִדן דאָרט זיך ווידער באַפֿעסטיקט אין די בערג און געטריבן פֿון דאָרט הורדוסעס חיילות. און דאַן האָבן זיך אויף אַלע וועגן און שטעגן ווידער באַוויזן גאַנצע הויפֿנס מיט הרוגים, און בלוט האָט זיך געגאָסן און פֿעלדער האָבן געברענט און פֿאַרצווייפֿלטע קולות האָבן זיך ביז צו די הימלען געטראָגן.

די נײַע מרידה אין גליל איז געווען אַזוי גרויס, אַז אין אַ סך ערטער זענען הורדוסעס באַוואָפֿנטע לײַט זיך צעלאָפֿן אין אַלע זײַטן און אויפֿן וועג האָבן זיי פֿון זיך אַרונטערגעוואָרפֿן אַלץ, וואָס זיי האָבן נאָר אויף זיך געטראָגן, כּדי עס זאָל זיי זײַן לײַכטער צו לויפֿן. קיינער האָט שוין מער די צעשראָקענע מענטשן ניט געקענט צונויפֿנעמען און מיט זיי אָפּשטעלן די מרידה, וואָס האָט זיך ווי אַ שטראָם פֿון ברעג אַרויסגעריסן. זיי זענען געלאָפֿן וואוהין נאָר די אויגן האָבן

זיי געטראָגן. און ווען זיי זענען צום ברעג ים כּנרת צוגעקומען, זענען זיי געבליבן שטיין פֿאַרצווייפֿלטע און אַ סך פֿון זיי האָבן מיט באַנומענע קולות געשריגן, אַליין ניט־ווויסנדיק וואָס און צו וועמען זיי שרײַען, און אַנדערע האָבן אין די געשרייען געבעטן, מע זאָל זיך דערבאַרעמען אויף זיי. אָבער דער צאָרן פֿון די, וואָס האָבן זיך נאָך זיי געיאָגט, איז געווען אַזוי גרויס, אַז קיינער האָט פֿון רחמנות אַפֿילו טראַכטן ניט געקענט.

— וואַרפֿט זיי אין ים אַרײַן, די שׂונאים פֿון אונדזער פֿאָלק!

— זאָלן זיי אויפֿן אָפּגרונט פֿון ים געפֿינען דעם טויט!

אַזעלכע קולות האָבן זיך פֿון אַלע זײַטן געטראָגן. און מענטשן זענען געווען ווילד פֿון רציחה. בײַ אַלעמען האָבן די אויגן געברענט פֿון כּעס, און ברידער האָבן ברידער אין דער טיפֿעניש פֿון די וואַסערן געוואָרפֿן און אויף זיי מיט פֿײַלן פֿון בויגנס געהאָגלט. און די כוואַליעס זענען געוואָרן רויט פֿון בלוט און די געשרייען פֿון די, וואָס האָבן געהרגעט און געשאָכטן האָבן פֿאַרטויבט די פֿאַרצווייפֿלטע קולות פֿון יענע, וואָס האָבן זיך אויפֿן ים און אויף דער יבשה מיטן טויט גע־ראַנגלט.

און דער רעש אַרום און אַרום איז געווען אַזוי גרויס, אַז קיינער האָט גאָרניט באַמערקט, ווי אַן אַלטער מאַן מיט אַ גרויער באָרד און אָנגעטאָן אין צעריסענע קליידער איז אַרויף אויף אַ הויכן פֿעלדז, וואָס איז בײַם ברעג ים געשטאַנען, און ער האָט מיט אויסגעשטרעקטע הענט געבעטן, מ'זאָל אויפֿהערן שעכטן איינע די אַנדערע. בלויז די, וואָס האָבן זיך געפֿונען ניט ווײַט פֿון אים, האָבן זײַן געבעט געקענט הערן, און זיי האָבן אויף אים שטיינער געוואָרפֿן און געשיקט קללות אויף זײַן קאָפּ; אָבער דאָס האָט אים ניט אָפּגעשראָקן, דעם אַלטן מאַן, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ נביא; ער האָט זיך די האָר פֿונעם קאָפּ געריסן און ניט אויפֿגעהערט שרײַען מיט אַ וויינענדיק קול:

— ביז ווי לאַנג נאָך וועט איר איינע די אַנדערע שעכטן ווי די שאָף, קינדער פֿון ישׂראל? פֿאַרנעמט מײַן געבעט און מײַן געוויין און הערט אויף צו פֿאַרגיסן דאָס בלוט פֿון אייגענע און פֿרעמדע! דער האַר פֿון אַלע וועלטן קען שוין מער דעם צער פֿון זײַן אָרעם פֿאָלק ניט צוזען און די מלאָכים אין די הימלען גיסן מיט טרערן אויף דעם גרויסן בראָך! באַדענקט זיך, קינדער פֿון ישׂראל! באַ־דענקט זיך!

אַזוי האָט דער אַלטער מאַן אין די צעריסענע קליידער געוויינט, געבעטן, געשטראָפֿט און געמוסרט, אָבער קיינער האָט זיך צו זײַנע רייד ניט צוגעהערט. און זײַן קול איז אין דעם גרויסן טומל דערשטיקט געוואָרן, און מע האָט זיך גאָרניט אומגעקוקט אויף אים.

פערצנטער קאַפּיטל

בלוט און פֿײַער און וואָלקנס רויך

א

דאָס מאָל איז מאַרק אַנטאָני גראָד ניט געווען שיכּור... און דווקא אויף אַ גרויסער שׂמחה, וואָס מ'האָט פֿאַר אים געמאַכט! געמאַכט די סעודה האָט מען צו פֿײַערן דעם גרויסן נצחון אין דער שטאָט סאַמאָסאַטאַ, וואָס בײַם טײַך פּרת. אין אַן אַלטן שלאָס, וואָס איז בײַם צו־פֿוסנס פֿון אַ הויכן באַרג געשטאַנען, זענען זיך אין אָוונט צונויפֿגעקומען אַלע עלטסטע פֿון די רוימישע לעגיאָנען, וואָס זענען קיין סאַמאָסאַטאַ אַרײַנגעקומען און פֿון דאָרט דעם שׂונא פֿאַרטריבן. אַלע זאַלן פֿון דעם גרויסן שלאָס מיט די דיקע גרויע ווענט זענען געווען העל באַלויכטן און אַלע געסט זענען געווען גוט אויפֿגעלייגט און זיי האָבן געזונגען אַ לויב צו דעם גרויסן קריגספֿירער זייערן מאַרק אַנטאָני. און מאַרק אַנטאָני אַליין האָט דאָס מאָל געשפּילט דעם באַשיידענעם, און רעדנדיק מיט די עלטסטע פֿון די באַזונדערע לעגיאָנען וועגן דער גרויסער באַדײַטונג פֿון דעם, וואָס די שטאָט סאַמאָסאַטאַ איז שוין אין די הענט פֿון די רוימער, האָט ער איין האַנט אויף הורדוסעס אַקסל אַרויפֿגעלייגט און, קוקנדיק אויף אים מיט ליבע, האָט ער געזאָגט:

— אים, דעם גרויסן גיבור פֿון יהודה, דאַרפֿט איר זינגען אַ לויב. ער איז פֿון ווײַט געקומען אַהער אונדז העלפֿן אין דער מלחמה קעגן שׂונא. מיט זײַן העלדישקייט אויפֿן שלאַכטפֿעלד איז ער פֿאַר אונדז אַלעמען געווען אַ מוסטער. ווען ניט ער, וואָלטן מיר די שטאָט סאַמאָסאַטאַ ניט גענומען.

ער איז געווען אויפֿריכטיק דאָס מאָל, מאַרק אַנטאָני. זײַן האַרץ איז ווירקלעך געווען פֿול מיט וואַרעמע געפֿילן צו הורדוסן; ער האָט ניט געקענט פֿאַרגעסן, אַז ער, הורדוס, האָט אים געגעבן די בעסטע עצה, ווי אַזוי די שטאָט סאַמאָסאַטאַ צו שטורעמען. און ער האָט אויך ניט געקענט פֿאַרגעסן, וואָס ער האָט מיט זײַנע אייגענע אויגן געזען, ווי ער צינדט ממש אָן די זעלנער אויפֿן שלאַכטפֿעלד, ווען ער באַווײַזט זיך רײַטנדיק אויפֿן פֿערד מיט דער שווערד אין דער האַנט.

טראַכטנדיק וועגן דעם, וואָס ער האָט מיט זײַנע אייגענע אויגן געזען אויפֿן שלאַכטפֿעלד, האָט מאַרק אַנטאָני ווירקלעך אָנגעהויבן גלויבן, אַז ס'איז ניט אַנדערש נאָר הורדוס איז אַ געטלעכער מענטש און אַז אַ האָר פֿון הימל היט אָפּ זײַנע טריט אין דער מלחמה... וואָרעם ווי קען עס דען אַנדערש זײַן? פֿײַלן פֿליִען איבער זײַן קאָפּ און טרעפֿן אים ניט; פֿערד פֿאַלן אונטער אים און ער אַליין בלײַבט לעבן און עס ווערט ניט געמינערט אַפֿילו אַ האָר פֿון זײַן קאָפּ... אַזאַ

מענטש מוז זײַן אַ געטלעכער; מיט אים איז דער גאָט פֿון מלחמה און ער גיט שוין אַכטונג, אַז ס'זאָל אים קיין שלעכטס ניט געשען...

און פֿאַר אַזאַ מענטשן, וואָס האָט אויף זײַן זײַט דעם גאָט פֿון מלחמה, האָט דער מעכטיקער הערשער פֿון רוים געהאַט גרויס אַכטונג און ער האָט אים דעריי־בער אויף דער סעודה גרויס כּבֿוד אָפּגעגעבן און געהייסן אַלע עלטסטע פֿון די לעגיאָנערן זיי זאָלן אים זינגען אַ לויב. און הורדוס האָט אים געדאַנקט דערפֿאַר, וואָס ער גיט אים אָפּ אַזוי פֿיל כּבֿוד. ער האָט אים אויך ווידער געדאַנקט דערפֿאַר, וואָס ער האָט אים אַזוי הויך דערהויבן און אים געמאַכט פֿאַרן קיניג פֿון יהודה.

— אָבער — האָט ער געזאָגט, און פֿון זײַנע בלויע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ טיפֿער טרויער — איך בין אַ קיניג אָן אַ לאַנד, און דאָרט, אין דער שטאָט ירושלים, זיצט גאָר אַנטיגאָנוס דער חשמונאי אויפֿן טראָן... איך נעם שטעט, איך צעשלאָג די מחנות פֿונעם שונא דאָ און דאָרט, אָבער אַלע מאָל ברעכט ערגעץ אַנדערש אויס אַ מרידה קעגן מיר. שוין דאָס דריטע יאָר אַזוי...

— און ווער איז שולדיק אין דעם? — האָט מאַרק אַנטאָני געפֿרעגט און זיך באַלד אַליין געענטפֿערט — ווער איז שולדיק אין דעם? די ייִדן! זיי זענען שולדיק! זיי פֿאַרשטייען ניט, זיי ווילן ניט אײַנזען, אַז קעגן דעם ווילן פֿון רוים קען זיך קיינער ניט שטעלן...

— ניין, ניט נאָר די ייִדן זענען שולדיק — האָט הורדוס דרייסט זײַן מיי־נונג אַרויסגעזאָגט — אויך די רוימער זענען אין דעם שולדיק...

— די רוימער?

— יאָ, די רוימער.

— מיט וואָס?

און דאָן האָט הורדוס אים דערציילט, אַז אַ סך עלטסטע פֿון די רוימישע לעגיאָנען אין יהודה לאָזן זיך שטילערהייט אונטערקויפֿן פֿון אַנטיגאָנוסן.

— זיי נעמען געלט און מתנות בײַ מיר — האָט ער געזאָגט — און אויך בײַ אים. מע קען קיין מאָל ניט וויסן אויף וועמען פֿון זיי מע קען זיך יאָ פֿאַרלאָזן און אויף וועמען ניט. איך בין קיין מאָל מיט זיי ניט זיכער. ווען ניט דאָס, וואָלט איך שוין אפֿשר לאַנג ירושלים גענומען און דער ווילן פֿון רוים וואָלט געווען דורכגעפֿירט...

רעדנדיק וועגן דעם, האָט הורדוס דערמאָנט נעמען פֿון רוימישע עלטסטע, וואָס האָבן בײַ אַנטיגאָנוסן אין יהודה געלט און מתנות גענומען, און ער האָט זיך אויף זיי שטאַרק געקלאָגט.

— זיי זענען מיר אין וועג — האָט ער וועגן זיי גערעדט מיט פֿאַרדרוס — זיי שטערן מיר אומעטום, און איך ווייס ווירקלעך ניט ווי אַזוי פֿון זיי זיך אויס־צוהיטן. און דעריבער בעט איך דיך, מײַן פֿרײַנד מאַרקוס אַנטאָניוס, צו טאָן אַלץ וואָס ס'איז נאָר נייטיק, אַז מער אַזוינס זאָל ניט געשען. די שווערסטע שטראָף דאַרפֿן קריגן רוימער, וואָס שטערן דורכצופֿירן דעם וואונטש פֿון רוים...

מאַרק אַנטאָני האָט געשמייכלט. אויף אַזאַ זאַך ווי נעמען געלט און מתנות האָט ער ניט געקוקט ווי אויף אַ פֿאַרברעכן. ער אַליין איז אויך ניט געווען אין

גאַנצן ריין פֿון דעם. אָבער עס האָט אים דאָך פֿאַרדראָסן, פֿאַר וואָס די עלטסטע פֿון זײַנע לעגיאָנען אין יהודה לאָזן זיך אונטערקויפֿן פֿון ביידן, סײַ פֿון הורדוסן דעם אדומי און סײַ פֿון אַנטיגאָנוסן דעם חשמונאי. און כאָטש ער האָט ניט גע־טראַכט וועגן באַשטראָפֿן יענע עלטסטע, וואָס הורדוס האָט פֿאַר אים צוגעקלאָגט, האָט ער דאָך פֿעסט באַשלאָסן, אַז ווײַטער זאָל דאָס אַזוי ניט גיין. אין קיין פֿאַל ניט.

— דו ביסט גערעכט — האָט ער צו הורדוסן געזאָגט מיט זייער אַן ערנצטער מינע אויפֿן פּנים — דו ביסט גערעכט און איך פֿאַרזיכער דיך, אַז מער וועט אַזוינס ניט געשען.

און באַלד האָט זיך אויף זײַן פּנים אַ צופֿרידענער שמייכל באַוויזן.

— סאָסיוס! — האָט ער פּלוצלינג אַנגעהויבן שרײַען אַזוי הויך, אַז זײַן קול האָט אין אַלע ווינקלען אָפּגעקלונגען מיט אַ הילך — סאָסיוס!

אַ הויך געוויקסיקער, פֿעסט געבויטער רוימער, מיט זייער אַ שטרענג פּנים, איז צוגעקומען צו דעם אָרט, וואו מאַרק אַנטאָני איז געזעסן מיט צעשפּרייטע פֿיס און מיטן גלאַנץ פֿון פֿרייד אין די אויגן. ער האָט זיך טיף פֿאַרנייגט, דער מאַן מיטן שטרענגן פּנים. און אַזוי איז ער געשטאַנען און האָט געוואָרט ביז מאַרק אַנטאָני וועט אים זאָגן וואָס ער פֿאַרלאַנגט.

אָבער אַנשטאָט צו רעדן צו אים, האָט מאַרק אַנטאָני אויף אים מיטן פֿינגער אַנגעוויזן און, ווענדנדיק זיך צו הורדוסן, האָט ער געזאָגט:

— פֿון הײַנט אָן און ווײַטער וועט ער, מײַן פֿרײַנד גאַיוס סאָסיוס, זײַן דער עלטסטער פֿון אַלע רוימישע לעגיאָנען אין יהודה. און ער וועט מיט דיר אין אַלע מלחמות גיין און וועט דיר העלפֿן נעמען די שטאָט ירושלים.

און סאָסיוסן האָט ער געזאָגט:

— אויף דיר, מײַן געטרײַער פֿרײַנד, פֿאַרלאָז איך זיך. גיי מיטן קיניג פֿון יהודה און העלף אים פֿאַרטיליקן די מחנות פֿון דעם ווידערשפּעניקער אַנטיגאָנוס. אַזוי איז דער וואונטש פֿון רוים.

סאָסיוס און הורדוס האָבן זיך ביידע די הענט געדריקט. און נאָך אין דעם זעלבן טאָג האָבן זיי פֿאַרלאָזט די שטאָט סאַמאָסאַטאַ, וואָס בײַם ברעג טײַך פּרת, און זיי האָבן זיך מיט זייערע מחנות געלאָזט גיין אויף יהודה. אָבער געגאַנגען אַהין זענען זיי אויף צוויי באַזונדערע וועגן. עס איז געווען אָפּגעמאַכט, אַז אַנפֿאַלן זאָלן זיי פֿון צוויי זײַטן און צונויפֿקומען אין איינעם זאָל מען זיך בײַ די טויערן פֿון ירושלים.

ב

דעמאָלט האָט הורדוס נאָך ניט געוואוסט, אַז זײַן יינגערער ברודער יוסף, דער וועמען ער האָט פֿריער איבערגעלאָזט אויף זײַן פּלאַץ צו באַשיצן מרימען אין שומרון, איז שוין געפֿאַלן אין שלאַכט. ערשט שפּעטער, ווען ער איז מיט זײַנע מחנות שוין געווען ווײַט אויפֿן וועג צוריק קיין יהודה, האָט ער זיך דערוואוסט וועגן דעם און דאָס האָט אים שטאַרק צערודערט; ער האָט מיט טיפֿן

פֿאַרדרוס געטראַכט פֿון דעם, וואָס יוסף איז אין דער משפּחה שוין דער דריטער קרבן אין דעם קריג מיט אַנטיגאָנוסן דעם חשמונאי; און ווען ער האָט דערהערט, אַז נאָך דעם ווי יוסף איז שוין געווען טויט, האָט מען אויפֿן באַפֿעל פֿון אַנטיגאָנוסן אים נאָך אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ אויך, האָט דאָס אים אַרײַנגעטריבן אין אַזאַ צאָרן, אַז ווען מע האָט אויף זיך דעם בליק פֿון זײַנע אויגן דערפֿילט, איז אַ פּחד אַרויפֿגעפֿאַלן, און אַזוי שנעל ווי ער איז נאָר אַרײַן אין די גרענעצן פֿון גליל, האָט ער אָנגעהויבן טרײַבן, אַז מע זאָל ניט פֿאַרלירן קיין צײַט און וואָס שנעלער מאַכן דעם ערשטן אָנפֿאַל אויף די חיילות פֿון אַנטיגאָנוס דעם חשמונאי, וואו עס וועט זיך נאָר מאַכן.

דער דראַנג זיך צו שלאָגן, צו נעמען נקמה איז בײַ אים דאָן שוין געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט ניט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטן. אין אַ פֿינצטערער נאַכט, ווען דער הימל איז געווען פֿאַרוואָלקנט און מ׳האָט אין ערגעץ קיין איין שטערן ניט געזען, איז ער מיט זײַנע מחנות אָנגעפֿאַלן אויף דער ערשטער פֿעסטונג, און יאָגנדיק זיך אויפֿן פֿערד, אַ צעהיצטער, אַ צעפֿלאַמטער, האָט ער מיט דער שווערד געהאַקט רעכטס און לינקס. ער האָט דערבײַ ווי אַ ווילדער געמאַכט אַזעלכע קולות, ווי ער וואָלט דעם גאַנצן טומל פֿון דער שלאַכט געוואָלט איבערשרײַען. ער האָט אַלעמען מיטגעשלעפּט, אַלעמען אָנגעצונדן. ער איז געווען אַזוי פֿאַרטאָן אין דער שלאַכט, אַז ער האָט גאָרניט געזען און גאָרניט געהערט, ווען ס׳האָט אָנגעהויבן גיסן אַ רעגן. ערשט ווען דער רעגן האָט אָנגעהויבן גיסן אַזוי שטאַרק, פּונקט ווי די הימלען וואָלטן זיך איבן געעפֿנט און ס׳וואָלט פֿון זיי וואַסער געשטראָמט, האָט הורדוס די שלאַכט אָפּגעשטעלט און זיך צוריקגעצויגן מיט זײַנע מחנות אין די נאָענטע דערפֿער. דאָרטן האָט מען זיך אין די שטיבלעך באַשיצט פֿונעם רעגן. און פֿאַר טאָג, ווען דער הימל האָט זיך אויסגעלײַטערט, האָט הורדוס ווידער באַנײַט דעם אָנפֿאַל נאָך מיט מער שטאַרקייט און ער האָט די פֿעסטונג גענומען.

און נאָך דעם איז דאָס שוין געגאַנגען אַזוי, אַז צו וואָס פֿאַר אַ שטאָט הורדוס איז נאָר צוגעקומען, זענען זיך אַנטיגאָנוסעס מחנות צעלאָפֿן. בלויז אין עטלעכע ערטער האָבן זיי אַ ווידערשטאַנד אַרויסגעוויזן. אָבער געענדיקט האָט זיך עס דערמיט, וואָס זיי האָבן פֿאַרלוירן און הורדוס האָט געוואונען.

פֿון נצחון צו נצחון איז ער איבערן לאַנד מיט זײַנע מחנות געגאַנגען, און די זיכערקייט, אַז איצט וועט ער אַנטיגאָנוסן שוין געוויס בײַקומען און ער וועט אַרײַן קיין ירושלים איז אין אים געוואַקסן, און ווען ער איז צו דער פֿעסטונג פֿון דער שטאָט יריחו צוגעקומען, איז שוין די זיכערקייט זײַנע געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט שוין בײַ צײַטנס דעם נצחון געפֿײַערט און געמאַכט אַ גרויסע סעודה פֿאַר אַלע עלטסטע פֿון די מחנות.

— דאָס איז בלויז אַן אָנהייב — האָט ער געזאָגט — נאָך אַ גרעסערע סעודה וועלן מיר מאַכן שפּעטער, ווען מיר וועלן נעמען ירושלים.

ער אַליין איז אויף דער סעודה געווען זייער אויפֿגעלייגט און מיט יעדן איינעם פֿון די געסט האָט ער ווי מיט זײַנעם אַ גלײַכן גערעדט און פֿאַרבראַכט. ער האָט מיט זיי ווײַן געטרונקען, ער האָט זיי פֿאַרשיידנערליי געשיכטעס פֿון די

שלאַכטן דערציילט, און יעדע געשיכטע האָט ער געענדיקט אַזוי, אַז אַלע האָבן געמוזט לאַכן. ער האָט קיינעם פֿון די עלטסטע ניט געלאָזט זײַן אומעטיק. ער האָט אַלעמען אונטערגעגעבן מוט צו זײַן פֿריילעך און לוסטיק. און אַזוי האָט מען פֿאַרבראַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט און קיינער איז ניט געווען מיד. אָבער ווען הורדוס האָט באַמערקט ווי אייניקע הייבן שוין אָן ווערן שיכּור, האָט ער געזאָגט די באַדינער, מ׳זאָל מער קיין ווײַן ניט ברענגען, און צו די געסט האָט ער געזאָגט:

— די סעודה איז געענדיקט. שוין זאָלן אַלע גיין צוריק צו זייערע געצעלטן און זיך לייגן שלאָפֿן!

ניט אַלע האָבן געהאַט חשק צו ענדיקן די סעודה. זיי האָבן געוואָלט זי זאָל זיך אַזוי ציִען אַ גאַנצע נאַכט. אָבער הורדוסעס באַפֿעל האָט מען געמוזט פֿאָלגן. אַלע זענען אַרויס פֿון דער גרויסער שטוב, וואו מ׳האָט די סעודה געפּראַוועט און האָבן זיך געלאָזט גיין צוריק צו זייערע געצעלטן. אויך הורדוס אַליין איז אַרויס פֿון שטוב, און פֿאַרקוקנדיק זיך אויף דעם אויסגעשטערנטן הימל, האָט ער געטראַכט וועגן מרימען און אויך וועגן די שלאַכטן, וואָס שטייען אים פֿאָר מאָרגן. און פּלוצעם האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער קראַך און באַלד נאָך דעם האָט זיך פֿון דער ערד געגעבן אַ הייב אַ געדיכטער וואָלקן פֿון שטויב.

אַלע זענען געבליבן שטיין צעטומלטע. איבער דעם געדיכטן וואָלקן שטויב האָט מען ניט געקענט זען פֿון וואַנען דער קראַך האָט זיך גענומען. ערשט ווען דער וואָלקן איז זיך צעגאַנגען, האָט מען דערזען, אַז דער דאַך פֿון דער שטוב, פֿון וואַנען הורדוס און די עלטסטע פֿון זײַנע חיילות זענען נאָר וואָס אַרויס, איז אײַנגעפֿאַלן...

אויך די איבערשטע טיילן פֿון די ווענט זענען אײַנגעפֿאַלן. שווערע שטיינער און הרודעס פֿאַרטריקנטע ליים זענען אויף דער ערד געלעגן אין הויפֿנס. פֿון דער גאַנצער שטוב, וואו ס׳האָט זיך פֿריִער געהערט געזאַנג און אַ פֿריילעך געלעכטער, איז געוואָרן אַ חורבֿה.

געווען איז דאָס ניט מער ווי אַ צופֿאַל. אָבער די מענטשן, וואָס זענען פֿון טויט ניצול געוואָרן, האָבן ניט געקענט פֿאַרגעסן, אַז ווען הורדוס וואָלט ניט אַרויסגעגעבן דעם באַפֿעל שוין אַרויסצוגיין פֿון דער שטוב, וואָלטן זייערע טויטע קערפּערס איצט געלעגן אונטער די חורבֿות. און טראַכטנדיק וועגן דעם, איז בײַ זיי ווידער אויסגעקומען, אַז ס׳איז ניט אַנדערש, נאָר ער איז אַ געטלעכער מענטש.

— עס איז אַ נס — האָבן זיי געזאָגט — אַ גרויסער נס...

— אין דעם שטעקט דער פֿינגער פֿון גאָט...

— דער האַר פֿון אַלע וועלטן האָט אים דורך אַ מלאך פֿון הימל געלאָזט וויסן אין צײַט, אַז דער דאַך פֿונעם בנין וועט באַלד אײַנפֿאַלן...

— יאָ, ס׳איז ריכטיק אַזוי, ער איז אַ געטלעכער מענטש!..

רעדנדיק וועגן דעם זענען אייניקע אַרײַן אין אַזאַ באַגײַסטערונג, אַז זיי האָבן זיך הורדוסן געוואָרפֿן אויפֿן האַלדז און אים געקושט. און אַנדערע זענען אים צו די פֿיס געפֿאַלן און האָבן פֿרום זײַן נאָמען אַרויסגערעדט. און ער אַליין האָט פֿריילעך געלאַכט. עס האָט אים הנאה געטאָן, וואָס סײַ צווישן ייִדן און סײַ צווישן די רוימער געפֿינען זיך אַזעלכע, וואָס האַלטן אים פֿאַר אַ געטלעכן מענטש.

ער אַליין האָט אויך ניט איין מאָל געטראַכט וועגן דעם, אַז ס׳איז ניט אַנדערש נאָר גאָט אַליין האָט אים אַראָפּגעשיקט אויף דער וועלט דורכצופֿירן אַ גרויסע שליחות. און אין איינעם מיטן גלויבן אין דעם איז אין אים אויך געוואַקסן דער צאָרן אויף די, וואָס זענען אים געשטאַנען אין וועג און האָבן אים ניט געלאָזט די דאָזיקע גרויסע שליחות זײַנע דורכפֿירן, און אין ערגעץ האָט ער זײַן גרויסן צאָרן צו זיי ניט געקענט אַרויסווײַזן אַזוי שטאַרק ווי אויפֿן שלאַכטפֿעלד...

קיין סכּנה איז פֿאַר אים אויפֿן שלאַכטפֿעלד ניט געווען צו גרויס. קיין ווי־דערשטאַנד האָט אים ניט געקענט אָפּהאַלטן. ער האָט זיך געשלאָגן מיט אַזאַ ברען, ווי ער וואָלט פֿאַר עמעצן זיך געשוואוירן בײַם לעבן, אַז אויב ער וועט דאָ אַלץ און אַלעמען ניט פֿאַרטיליקן און פֿאַרלענדן, זאָל מען נאָך דעם זײַן גדעכעניש אָפּמעקן פֿונעם פּנים פֿון דער ערד. ער האָט אויפֿן שלאַכטפֿעלד אָפֿט אַרויס־געוויזן אַזוי פֿיל ווילדקייט און רציחה, אַז ער האָט אַליין ניט געזען ווי די שווערד איז בײַ אים רויט פֿון בלוט, ווי ער אַליין איז אין גאַנצן פֿאַרשפּריצט מיט בלוט, און אין אימפּעט פֿון דער שלאַכט איז ער מיטן פֿערד געשפּרונגען איבער טויטע און פֿאַרוואונדעטע, און מיט זײַן קול, וואָס האָט געברומט ווי דאָס ברומען פֿון אַ חיה, האָט ער אַלעמען מיט זיך מיטגעשלעפּט. אין יעדער שלאַכט איז געווען גענוג ער זאָל באַמערקן ווי דאָ אָדער דאָרט שטאַרקן זיך די מחנות פֿון אַנטי־גאָנוסן, איז ער באַלד געווען דער ערשטער צו קומען צו הילף. און געקומען איז ער אין אַזאַ פֿאַל אַלע מאָל מיט די בעסטע באַוואָפֿנטע קריגסלײַט, וואָס ער האָט שטענדיק געהאַט אַרום זיך. ווי שטאַרק עס האָט ניט געפֿלאַקערט אַ שלאַכט, האָט ער דאָך געקענט כאַפּן מיטן אויג, וועלכער פֿליגל אין דער מחנה פֿונעם שונא עס איז שוואַכער און דאָרט האָט ער אים דאָרט געשטורעמט און דערמיט האָט ער אַרײַנגעטראָגן אַ מהומה און צעריסן די רייען אַזוי, אַז זיי זענען אין ערגעץ ניט געבליבן גאַנץ. ער האָט די חיילות פֿון אַנטיגאָנוס דעם חשמונאי אומעטום געשטורעמט אַזוי, אַז עס איז זיי שווער געווען בײַצושטיין דעם דרוק, וואָס איז אויף זיי ווי אַ פֿאַרפֿלייצונג געקומען פֿון אַלע זײַטן און זיי זענען אַנטלאָפֿן איבערלאָזנדיק אויפֿן פֿעלד גאַנצע הויפֿנס טויטע און פֿאַרוואונדעטע.

ג

אין לאַנד איז מען דאָן שוין געווען מיד פֿון די מלחמות מיט אייגענע און פֿרעמדע און מע האָט געוואָלט, אַז זיי זאָלן זיך וואָס גיכער ענדיקן; אָבער עס איז אַלץ אויסגעקומען אַזוי, אַז מ׳האָט זיך נאָך מער אַרײַנגעפּלאָנטערט אין זיי; מ׳האָט געפֿירט מלחמה צו ענדיקן מלחמות; מ׳האָט פֿאַרגאָסן בלוט צו מאַכן אַ סוף צו שחיטות אויף די שלאַכטפֿעלדער. און דערווײַל איז בײַ אַלעמען דאָס געפֿיל פֿון ליבע פֿון איינעם צום אַנדערן אין גאַנצן אָפּגעשטאָרבן; דאָס לעבן פֿון אַ מענטשן האָט אין גאַנצן פֿאַרלוירן זײַן ווערט; בײַ אַלעמען זענען די הערצער געווען פֿול מיט האָס און פֿאַרביטערונג. און דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען

אין פֿלאַמען. אומעטום האָבן געברענט שטעט און דערפֿער, און וואָלקנס רויך האָבן זיך ביז צום הימל געהויבן.

און די, וועמען דאָס האַרץ האָט שטאַרק ווי געטאָן דערויף, וואָס ס'נעמט גאָר קיין סוף ניט צו דער מלחמה צווישן אייגענע ברידער, קינדער פֿון איין פֿאָלק, האָבן געשטראָפֿט און געמוסרט און געשאָקלט מיט די קעפּ. זיי האָבן געשטראָפֿט מיט אייגענע ווערטער און אויך מיט ווערטער פֿון דער הייליקער תּורה. אָבער קיינער האָט זיך צו זייערע רייד ניט צוגעהערט, און זיי האָבן זיך ווי איבעריקע אויף אַלע וועגן אַרומגעשלעפּט, מיט לאַנגע שטעקנס אין די הענט און מיט צע־שויבערטע האָר אויף די קעפּ. און אומעטום, וואו מע האָט זיי נאָר דערזען, האָבן באַוואָפֿנטע לײַט געלאַכט פֿון זיי און מיט די פֿינגער געטײַטלט אויף זיי:

— דאָ זענען זיי, די משוגעים!

אויף יעדן איינעם, וואָס האָט געהאַט דעם מוט צו זאָגן אַ וואָרט קעגן דעם, וואָס מע פֿאַרגיסט בלוט, האָט מען געקוקט ווי אויף אַ משוגענעם אָדער ווי אויף אַ פֿאַררעטער. אַ סך פֿון זיי האָט מען אין די תּפֿיסות פֿאַרשפּאַרט. און אַנדערע האָט מען אַפֿילו מיטן טויט באַשטראָפֿט. אַזוי איז געווען אין יענע ערטער, וואו די האַנט פֿון הורדוסן האָט זיך געשטאַרקט, און אַזוי איז אויך געווען דאָרט, וואו די האַנט פֿון אַנטיגאָנוסן האָט זיך געשטאַרקט. אַ גאַנץ פֿאָלק איז אַרײַנגעוואָרפֿן געוואָרן אין אַ שטורעם, וואָס האָט אַלץ מיטן וואָרצל אַרויסגעריסן און געשפּרייט חורבן און פֿאַרוויסטונג אַרום און אַרום.

און ווען אַנטיגאָנוס האָט דערהערט, אַז הורדוס איז שוין מיט זײַנע חיילות אויפֿן וועג פֿון יריחו קיין ירושלים, האָט ער אָקעגן אים אַרויסגעשיקט פּאַפּוסן, דעם בעסטן פֿון זײַנע קריגספֿירער.

— גיי, פּאַפּוס — האָט ער צו אים געזאָגט, פּונקט ווי אַלץ וואָלט זיך גע־ווענדט נאָר אין זײַן באַפֿעל — גיי און טו צו הורדוסן דאָס זעלבע, וואָס ס'איז געטאָן געוואָרן צו זײַן ברודער יוסף...

ער איז שוין דאַן מער ניט געווען זיכער אין דעם, אַז דער נצחון וועט זײַן אויף זײַן זײַט, אָבער ער האָט נאָך אַלץ געמאַכט אַן אָנשטעל, זיך נאָך אַלץ גע־האַלטן פֿאַרריסן. און פּאַפּוס, אַ מאַן מיט אַ רויט פּנים, אַן אָנגעבלאָזנס, וואָס האָט אויסגעזעזן זייער טעמפּ, און מיט אַ קערפּער, וואָס איז געווען אויסגעקנײַלעכדיקט ווי אַ פֿעסל, האָט זיך שטאַרק איבערגענומען דערמיט, וואָס דער קיניג פֿון יהודה האָט אים פֿאַר אַזאַ וויכטיקער שליחות אויסגעקליבן, און איידער ער האָט זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן מיט די מחנות, וואָס זענען שוין געשטאַנען גרייט, האָט ער אַלעמען אין הויף פֿאַרזיכערט, אַז ס'וועט שוין לאַנג ניט געדויערן און ער וועט ברענגען קיין ירושלים הורדוסעס קאָפּ.

אָבער בײַ דעם ערשטן צוזאַמענשטויס מיט הורדוסעס מחנות, וואָס זענען אָנגעפֿאַלן פּלוצלינג, האָט ער געכאַפּט אַזאַ קלאַפּ, אַז ער האָט זיך אין גאַנצן פֿאַרלוירן. זײַנע באַוואָפֿנטע לײַט זענען געוואָרן אַזוי צעמישט, אַז זיי האָבן גע־נומען לויפֿן אין אַלע זײַטן, איבערלאָזנדיק אויפֿן פֿעלד גאַנצע הויפֿנס מיט טויטע און פֿאַרוואונדעטע. עס איז אויסגעקומען ווי אַ ווילדע שרעק וואָלט זיי אַלעמען באַפֿאַלן און זיי וואָלטן אין דער מהומה געלאָפֿן זוכן אַ פּלאַץ, וואו זיך צו באַהאַלטן

ביז דער שטורעם וועט אַריבער. עס האָט זיך דאָן פּאַפּוסן קוים אײַנגעגעבן צו־נויפצונעמען עטלעכע טויזנט פון זײַנע באַוואָפנטע לײַט און ער איז מיט זיי אַרײַן אין דעם דאָרף קנה, וואָס ער האָט גוט געקענט. ער האָט געדענקט, אַז נאָך דעם ווי די מענטשן וועלן זיך אָפּרוען אַ טאָג אָדער צוויי, וועט ער מיט זיי ווידער אַרויס אויפן שלאַכטפעלד קעגן הורדוסן, און ער האָט אין קנה דעריבער געטאָן אַלץ זיי אונטערצוגעבן מוט און שטאַרקן זייערע הענט. מיט דעם טעמפּן פּנים זײַנעם, וואָס האָט שוין מער ניט אויסגעדריקט די זיכערקייט פון פריִער, איז ער איבערן דאָרף קנה אַרומגעלאָפן אַ צעפּלאָמטער, רײַטנדיק אויף זײַן פערד, און ער האָט אויף אַ הייזעריק קול געשריגן אויף די באַוואָפנטע קריגסלייט, אַז זיי זאָלן זיך דאָ אין דאָרף פאַררוקן אין אַלע שטיבער און אויף אַלע דעכער און זאָלן דאָרט רוען.

— און קיינער זאָל זיך ניט דערוועגן פון דאַנען צו אַנטלויפן! — האָט ער מיט זײַן הייזעריק קול געשריגן — די מלחמה איז נאָך ניט געענדיקט. הורדוס וועט נאָך פילן די שטאַרקייט פון מײַן האַנט!

ניט אַלע באַוואָפנטע לײַט האָבן זיך אין די שטיבער און אויף די דעכער געקענט פאַררוקן. אַ סך פון זיי זענען געבליבן אין דרויסן, ווײַל ס'איז שוין פאַר זיי אין ערגעץ קיין פּלאַץ ניט געווען. מידע און צעבראָכענע האָבן זיי זיך אויס־געלייגט אויף דער ערד, און ליגנדיק אַזוי האָט מען צווישן זיך שטיל גערעדט:

— פאַר וואָס האָט זיך אַזוי אויף אונדז גאָטס צאָרן אויסגעגאָסן? — האָט געפרעגט איינער.

— דאָס האָרץ איז פול מיט ווייטיק — האָט זיך אַנגערופן אַן אַנדערער.

— מיט ווייטיק און מיט שאַנד — האָט זיך אַרײַנגעמישט אַ דריטער — מיר גיבן אַוועק אונדזערע לעבנס פאַרן פאָלק און פאַרן לאַנד, אָבער מיר האָבן ניט ווער עס זאָל אונדז אין דער מלחמה פירן. ווי שאָף אָן אַ פּאַסטעך זענען מיר אַלע דאָ...

— עס פעלן אונדז די חשמונאים פון אַ מאָל.

— אָבער די פון אַ מאָל וועלן זיך שוין מער ניט אומקערן.

— די ערשטע פון זיי זענען געווען גיבורים און זיי האָבן גרויס געמאַכט דעם נאָמען פונעם לאַנד און פונעם פאָלק.

— די פאָטערס און זיידעס זענען געווען גרויס. ניטאָ מער אַזעלכע ווי זיי...

— דער שטאַם איז געווען אַ פעסטער, טיף אין דער ערד אײַנגעוואָרצלט. די צווײַגן אָבער זענען פאַרפוילט געוואָרן. זיי האָבן זיך פונעם בוים אָפּגעבראָכן און זיי קערן זיך שוין מער גאָרניט אָן מיט אים...

עס איז בײַ די מענטשן שוין מער ניט געווען די באַגײַסטערונג פון אַ מאָל, ווי אין די צײַטן פון חזקיה הגלילי. מ'איז געווען אַנטוישט און פאַרביטערט. מ'האָט זיך געשלאָגן פאַר דער פרײַהייט פונעם פאָלק און פונעם לאַנד, ווײַל מ'האָט זי זייער שטאַרק ליב געהאַט, די פרײַהייט; אָבער קיין גרויסע האָפענונג אויף אַ נצחון האָט מען ניט געהאַט, און די, וואָס האָבן זיך אין אַנטיגאָנוסעס מחנות פאַר דער פרײַהייט געשלאָגן, האָבן אין דער אמתן פײַנט געהאַט ביידן — אי אַנטיגאָנוסן, אי הורדוסן. אויך דעם אַלטן קיניג הורקונוס האָט מען פײַנט געהאַט,

און מ׳האָט כּמעט ווי פֿאַרגעסן אָן דעם, אַז ער געפֿינט זיך איצטער אין געפֿאַנגענ־שאַפֿט אין אַן אַנדער מדינה.

פֿון אַזעלכע מענטשן זענען באַשטאַנען די רעשטלעך פֿון אַנטיגאָנוסעס מחנות, וואָס מע האָט אין דעם פֿאַרלאָזטן דאָרף קנה געגרייט צו דער לעצטער שלאַכט מיט הורדוסן. זיי זענען שוין אַלע געווען שרעקלעך אַנטוישט און בײַ אַ סך פֿון זיי איז שוין לעבן און טויט געווען אַלץ איינס.

אין די שטיבער און אויף די פֿלאַכע דעכער, וואו זיי האָבן זיך פֿאַררוקט און וואו די ענגשאַפֿט איז געווען זייער גרויס, האָבן זיי זיך געהאַלטן אין איין אַרומרײַסן צווישן זיך; מ׳האָט זיך געקריגט איבער אַן אָרט, וואָס איינער האָט בײַם אַנדערן פֿאַרכאַפּט, איבער אַ טרונק וואַסער פֿון אַ קריגל, איבער אַ שטיקל ברויט, איבער אַ טייטל און איבער אַלץ, וואָס ס׳האָט זיך נאָר געמאַכט. מ׳איז געווען בייז איינער אויפֿן אַנדערן, און מ׳האָט אַליין ניט געוואוסט פֿאַר וואָס. פֿאַר יעדער קלייניקייט האָט מען זיך געשלאָגן און געהרגעט. און ווען די נאַכט איז אָנגעקומען און מ׳האָט זיך אין די שטיבער און אויף די פֿלאַכע דעכער צעלייגט שלאָפֿן, איז די ענגשאַפֿט געוואָרן נאָך גרעסער, און דאַן האָבן איינע די אַנדערע מיט די פֿיס געשטויסן, און אַלע האָבן בייז געמורמלט, אַלע האָבן מיט די ציין געקריצט, אַלע זענען געווען פֿול מיט גאַל און גיפֿט...

און פֿאַר טאָג, ווען דער מאָרגנשטערן איז אויפֿגעגאַנגען איבערן דאָרף און האָט אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף די פֿרעמדע מענטשן, וואָס האָבן זיך דאָרט צעלייגט מיט זייער שווערן געמיט און מיט שווערד און בויגן, האָט זיך פֿון אַלע פֿיר זײַטן דערהערט אַ טומל און באַלד נאָך דעם איז געקומען אַ געלויף פֿון פֿערד און מענטשן, און אײדער מ׳האָט זיך גערירט זענען שוין הורדוסעס חיילות געווען פֿול אומעטום און מ׳האָט זיך אין ערגעץ פֿון זיי ניט געקענט אויסבאַהאַלטן.

אַזוי פּלוצלינג און אומגעריכט איז דער אָנפֿאַל געמאַכט געוואָרן, אַז ס׳איז גאָר אוממעגלעך געווען זיך צו שטעלן אַקעגן. מענטשן האָבן גאָרניט געקענט טראַכטן וועגן אַן אַנדער זאַך ווי נאָר — אַנטלויפֿן פֿון דאַנען וואָס שנעלער און זיך ראַטעווען. אָבער אַלע וועגן זענען געווען פֿאַרשטעלט און מ׳האָט אין ערגעץ ניט געקענט לויפֿן.

יעדע שטוב, וואו אַנטיגאָנוסעס באַוואָפֿנטע לײַט האָבן זיך באַהאַלטן, איז אַרומגערינגלט געוואָרן פֿון אַלע זײַטן; אויף לייטערס, וואָס מ׳האָט אויסגע־שטעלט בײַ די ווענט, זענען די זעלנער פֿון הורדוסעס מחנות געקראָכן אַרויף איינער נאָכן אַנדערן, און אַלע — מיט בלויזע שווערדן אין די הענט. ס׳איז אויף אַלע דעכער געוואָרן אַ שרעקלעכע מהומה; צעשראָקענע אויף טויט, האָבן מענטשן געריסן שטיינער און ציגל פֿון די דעכער און זיי געוואָרפֿן אויף די קעפּ פֿון אַנדערע, כּדי זיך צו באַשיצן. ווער ס׳האָט נאָר געקענט, איז פֿון אַ דאַך גע־שפּרונגען און זיך געלאָזט לויפֿן וואוהין די אויגן האָבן אים נאָר געטראָגן. אָבער אויך אויפֿן וועג האָט אים די שווערד געפֿונען און ער איז געפֿאַלן טויט.

פֿאַרצווייפֿלטע קולות האָבן זיך אומעטום אין דער לופֿט געטראָגן. אַלע מאָל האָט ערגעץ אַנדערש אַ פֿײַער אויסגעבראָכן און וואָלקנס רויך האָבן זיך איבערן גאַנצן דאָרף קנה געשפּרייט. און פּלוצלינג האָט מען דערהערט אַ קראַכן פֿון

שטיינער און ציגל, וואָס זענען זיך אויף שטיקער צעפֿאַלן. דאָס האָבן די דעכער שוין מער די שווערקייט ניט געקענט איבערטראָגן און זיי זענען אײַנגעפֿאַלן און מיט זיי צוזאַמען זענען די מענטשן אַראָפּ אונטן און האָבן דערשטיקט די, וואָס האָבן זיך אינעווייניק אין די שטיבער באַהאַלטן.

עס איז קיין שטוב ניט געבליבן גאַנץ. און אויף די מענטשן, וואָס זענען אין די חורבות געלעגן אין די הויפֿנס פֿון שטיינער און ציגל און צעבראָכענע שטיקער האָלץ, האָבן הורדוסעס קריגסלײַט געהאָגלט מיט פֿײַלן. אַזוי האָט הורדוס גע־הייסן. און אַליין איז ער, רײַטנדיק אויפֿן פֿערד, אַ צעהיצטער, אַרומגעלאָפֿן פֿון איין מחנה צו דער אַנדערער, און וואו מ׳האָט אים נאָר דערזען, וואו מ׳האָט נאָר זײַן קול דערהערט, האָט מען זיך נאָך מיט מער ברען און צאָרן אויפֿן שונא גע־וואָרפֿן און געשלאָגן מיט די שווערדן ניט נאָר די, וואָס האָבן געפּרוּווט זיך שטעלן אַקעגן, נאָר אויך די, וואָס האָבן זיך אונטערגעגעבן און געבעטן מ׳זאָל זיך דערבאַרעמען אויף זיי און זיי שענקען דאָס לעבן.

דאָס איז ניט געווען קיין מלחמה, נאָר אַ שחיטה, אַ שרעקלעכע שחיטה, וואָס מ׳האָט נאָך אַזאַ ניט געזען די גאַנצע צײַט פֿון דעם קריג אין יהודה. עס איז שווער געווען צו מאַכן אַ טראָט, אַז מ׳זאָל זיך ניט אָנשטויסן אָן אַ טויטן מענטשן. גאַנצע הויפֿנס מיט הרוגים זענען געלעגן אומעטום. פֿון די אַלע מחנות, וואָס אַנטיגאָנוס האָט מיט פּאַפּוסן אַרויסגעשיקט אַקעגן הורדוסן, איז גאָרניט איבערגעבליבן .די, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פֿון טויט, זענען זיך אין אַלע זײַטן צעלאָפֿן, פּונקט ווי דער ווינט וואָלט זיי צעבלאָזן. און פּאַפּוס אַליין איז אויך געפֿאַלן אין שלאַכט.

ד

נ י ט מ ע ר ו ו י א י י ן ט אָ ג האָט די לעצטע שלאַכט אינעם דאָרף קנה געדויערט. אָבער דער קלאַפּ איז געווען אַזוי גרויס, אַז ווען אַנטיגאָנוס האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרן אַזוי צעטומלט און עס איז אויף אים מיט אַ מאָל אָנ־געפֿאַלן אַזאַ פּחד, אַז ער איז שוין געווען גרייט צו אַנטלויפֿן פֿון ירושלים.

קיין אַנדער אויסוועג האָט ער פֿאַר זיך ניט געזען. ער איז געווען זיכער, אַז איצט זענען אַלע זײַנע האָפֿענונגען פֿאַרלוירן און ס׳וועט שוין אוודאי לאַנג ניט געדויערן און הורדוס וועט אַרײַן קיין ירושלים. אויך הורדוס איז דעמאָלט שוין געווען זיכער אין דעם. אַזוי זיכער, אַז ווען ער איז מיט זײַנע מחנות צוגעקומען צו די טויערן פֿון שטאָט, האָט ער אָנגעזאָגט, אַז מע זאָל זיך ניט אײַלן צו שטורע־מען די פֿעסטונג. ער האָט געהאַט צײַט. ער האָט זיך ניט געאײַלט. דאָס גאַנצע לאַנד איז שוין דאַן געווען בײַ אים אין די הענט. די איינציקע שטאָט, וואָס האָט זיך דערווײַל נאָך ניט געהאַט אונטערגעגעבן, איז געווען ירושלים. און פֿון די ידיעות, וואָס די אויסשפּירער האָבן אים געבראַכט, האָט ער שוין געקענט האָבן אַ באַגריף וועגן דעם, וואָס ס׳קומט פֿאָר דאָרט, אין דער הייליקער שטאָט; ער האָט געוואוסט, אַז צווישן די ריכטער אין סנהדרין איז איצט ניטאָ קיין איינער,

וואָס זאָל האַלטן מיט אַנטיגאָנוסן דעם חשמונאי; אַז די צדוקים און די פּרושים רײַסן זיך איצטער נאָך מער אַרום צווישן זיך; אַז אַנטיגאָנוס אַליין וואָלט שוין גאָר אפשר לאַנג אויפגעגעבן די מלחמה און ער וואָלט אַנטלאָפן וואוהין עס וואָלט זיך נאָר געמאַכט, אַבי זײַן לעבן צו ראַטעווען, אָבער ער קען שוין אין ערגעץ ניט לויפן און ער איז ווי אַ געפאַנגענער אין זײַן אייגענעם הויף. אַלץ וואָס ס׳איז פאַר אים נאָר געווען בייטיק צו וויסן וועגן דעם, וואָס ס׳קומט איצטער פאָר אין ירושלים, האָט ער געוואוסט, און דאָס האָט אין אים געשטאַרקט דעם גלויבן, אַז ער וועט בעמען די שטאָט אָן אַ שלאַכט. ער האָט זייער ניט געוואָלט פאַרגיסן קיין בלוט בײַ די טויערן פון ירושלים, ווײַל ער האָט געדענקט, אַז מיט דעם וואָלט ער אַוודאי שטאַרק אויסגענומען בײַ מרימען, און פאַר איר איז ער געווען גרייט צו טאָן אַלץ...

שוין דאָס צווייטע מאָל האָט ער אַזאַ וואונטש געהאַט. אַ טיפן וואונטש, אַן אויפריכטיקן. דער געדאַנק, אַז דאָס איז די שטאָט, וואו מרים איז געבוירן געוואָרן, האָט בײַ אים אַרויסגערופן אַ וואַרעמען געפיל צו אַלץ און צו אַלעמען דאָרט — צו די אײַנוואוינער, צו דער פעסטונג, צום טעמפּל, צו די גאַסן, צו דער פאַרהוילנקייט, וואָס האָט זיך פון איר געטראָגן אין דער לופט און אַרויסגערופן אַ טיפע בענקשאַפט אין האַרצן. ער האָט בײַ די טויערן פון ירושלים ווירקלעך קיין בלוט ניט געוואָלט פאַרגיסן. און ווען ער האָט די פאָדערשטע מחנות אויסגעשטעלט אויף דעם פּלאַץ, וואו מע האָט פון ווײַטן געקענט אָנזען דעם הייליקן טעמפּל, וואָס איז אויף אַ באַרג געשטאַנען, האָט ער מיט פאַרבענקטע בליקן לאַנג געקוקט אַהין, און אַ שווערער זיפץ האָט זיך בײַ אים פון האַרצן אַרויסגעריסן...

לאַנג איז הורדוס דאָן אַזוי געשטאַנען אַ פאַרטראַכטער און האָט ניט געקענט אָפּרײַסן די בליקן פון דעם הייליקן טעמפּל, וואָס ער האָט פון דער ווײַטנס געזען. מ׳האָט צו אים גערעדט, און ער האָט ניט געענטפערט. מ׳איז געשטאַנען אַרום אים און ער האָט קיינעם ניט געזען. אַפילו אויף זײַן נאָענטן פרײַנד קאָסטאָבאַר, וואָס איז, אַ באַפעלצערטער, אין זײַן הויכן וואוקס, די גאַנצע צײַט געשטאַנען לעבן אים, האָט ער זיך ניט אומגעקוקט. און קאָסטאָבאַר האָט שוין געוואוסט ,אַז אין אַזאַ צײַט דאַרף ער ניט שטערן און בעסער וואַרטן ביז הורדוס וועט אָנהייבן רעדן צו אים.

עס האָט לאַנג געדויערט ביז הורדוס האָט דאָך אָנגעהויבן דער ערשטער.

— קאָסטאָבאַר — האָט ער געזאָגט, ווי ער וואָלט אים ערשט איצט דערזען לעבן זיך — דו ווייסט, אַז הײַנט... יאָ, פּונקט הײַנט, ווערט דרײַ יאָר זינט מ׳האָט מיך אין רוים געקרוינט פאַר דעם קיניג פון יהודה...

— הײַנט? — האָט קאָסטאָבאַר איבערגעפרעגט, און דאָס רויטע פּנים זײַנס האָט גלײַך אָנגעהויבן שײַנען — אַזאַ טאָג וועלן מיר ניט לאָזן פאַרבײַגיין אַזוי. מיר וועלן דאָס פײַערן מיט אַ גרויסער סעודה. און מע וועט טרינקען ווײַן פון גרויסע בעכערס.

— ניין, מ׳דאַרף ניט קיין סעודות — האָט הורדוס געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט — איך קען איצטער גאָרניט טראַכטן וועגן אַזאַ זאַך ווי זוכן פרייד אין ווײַן און אין געזאַנג. איך טראַכט איצט נאָר וועגן עפּעס אַנדערש...

— און וועגן וואָס טראַכט איצטער דער קיניג פון יהודה?

— איך טראַכט — האָט הורדוס געזאָגט — וועגן דעם, וואָס איך בין אַ קיניג אָן אַ לאַנד...

— דאָס קענסטו ניט זאָגן, מײַן האַר — האָט קאָסטאָבאַר פּלוצלינג אַרויפּגעצויגן אויף זיך דעם אַנשטעל פון אונטערטעניקייט און זיך טיף פאַרנייגט דערבײַ — דאָס קענסטו ניט זאָגן, מײַן האַר; דאָס גאַנצע לאַנד איז דאָך שוין אין דײַנע הענט.

— אמת — האָט הורדוס צוגעגעבן — אָבער דער קיניג פון יהודה קען זײַן בלויז דער, וואָס האָט די שטאָט ירושלים אין זײַנע הענט. און דו זעסט דעם הייליקן טעמפּל, וואָס שטייט דאָרט אויפן שפּיץ באַרג? דאָרט, אין יענעם טעמפּל, ליגט די נשמה פונעם פאָלק; אַהין זענען געווענדט די בליקן פון אַלע ייִדן אויף דער גאַנצער וועלט; אַהין ציִען זיך די הערצער פון אַלע ייִדן איבערן גאַנצן לאַנד און אויך פון אַנדערע לענדער. ווער ס'האָט נאָר געפּרואווט אָנרירן די הייליקייט פון דעם טעמפּל, איז פון גאַנצן פאָלק פאַרהאַסט געוואָרן. און ווען איך טראַכט, אַז דער הייליקער טעמפּל דאָרט איז אַזוי ענג פאַרבונדן מיטן נאָמען פון די חשמונאים, פיל איך ווי ס'צינדט זיך אין מיר אָן אַ כעס און ס'פּײַניקט מיך אַ וויטיק...

זיי האָבן אים קיין מאָל ניט געלאָזט רוען, די חשמונאים; ווי זיי זענען אים נאָר אויפן געדאַנק אַרויף, זענען אים גלײַך אַלע בלוטן געקומען אין פּנים אַרײַן און די פינגער פון די הענט האָבן זיך בײַ אים אין פויסטן צונויפגעבײַלט.

— און איך קען ניט פאַרשטיין, פאַר וואָס די דאָזיקע משפּחה איז אַזוי באַליבט בײַם פאָלק! — האָט ער מיט פאַרדרוס אויסגעשריגן — בלויז די ערשטע פון די חשמונאים זענען ווירקלעך געווען גיבורים, גרויסע מענטשן און זיי האָבן אַ סך אויפגעטאָן פאַרן פאָלק. אָבער וואָס זענען די חשמונאים פון איצט? האָט זיך דעם אַלטן הורקנוס געפּאַסט צו זײַן אַ קיניג בײַ ייִדן? האָט ער דען געוואוסט ווי אַזוי צו פירן אַ מלוכה? ווען ניט מײַן פאָטער אַנטיפּאַטרוס, וואָלט רוים שוין לאַנג געווען אײַנגעשלונגען גאַנץ יהודה... און וואָס איז מיט דעם יונגן אַנטיגאָנוס, דעם חשמונאי? — האָט ער ווײַטער גערעדט — איז ער דער פּאַסיקער מענטש צו זײַן אַ קיניג בײַ ייִדן? ניין, ער איז דאָס ניט! מער ווי זײַן גרויסן יחוס פאַרמאָגט ער ניט. ער איז ניט קיין גיבור און ניט קיין מלך. ער קען ניט פירן קיין מלחמה און ער קען אויך ניט פירן קיין מלוכה. מרידות אַרויסרופן צווישן פאָלק — דאָס איז דאָס איינציקע וואָס ער קען. מער קען ער גאָרניט. אָבער אים פאַרגינט מען אַלץ, ווײַל ער איז אַ זון פון דער חשמונאים־משפּחה...

מיט פאַראַכטונג, מיט גאַל און גיפט, האָט ער וועגן דער חשמונאים־משפּחה גערעדט. און ווען ס'האָט אים אויסגעוויזן, אַז קאָסטאָבאַר טראַכט איצט דערפון, וואָס מרים איז דאָך אויך פון דער זעלבער משפּחה, האָט ער אָנגעהויבן רעדן אַזוי ווי ער וואָלט אים די געדאַנקען געוואָלט איבערשלאָגן.

— איך ווייס, וואָס דו טראַכסט — האָט ער אים געזאָגט — דו קענסט ניט פאַרשטיין, ווי אַזוי איך קען אַזוי ליב האָבן מרימען און דאָך אַזוי האָסן איר משפּחה. דאָס דאַרף מען פאַרשטיין. דאָס איז ניט אַזוי פּשוט ווי דיר דאַכט זיך.

מרים האָט איבערגענומען דאָס שענסטע און דאָס איידעלסטע, וואָס די משפּחה פון די חשמונאים האָט אין זיך געהאַט אַ מאָל...

און נאָך דעם ווי ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, האָט ער צוגעגעבן נאָך אַ פּאָר ווערטער:

— אויך איר ברודער אַריסטובולוס — האָט ער געזאָגט — איז אַזוי, און אים האָב איך אויך ליב.

עס איז אים שווער געווען אָפּצורײַסן די בליקן פון דער הייליקער שטאָט, וואָס ער האָט פון דער ווײַטנס געזען, און כאָטש ער איז געווען זיכער, אַז ווען די קאַלטע ווינטערדיקע טעג וועלן אַוועק און ער וועט מיט זײַנע חיילות אָנהייבן שטורעמען די פעסטונג, וועט ער בײַקומען אַנטיגאָנוסן און וועט זיך אַוועקזעצן אויפן טראָן פון יהודה, האָט ער דאָך געפילט, אַז ער וואָלט אַוועקגעגעבן זייער אַ סך, ווען די אײַנוואוינער פון דער שטאָט וואָלטן זיך אונטערגעגעבן מיטן גוטן ווילן און ער זאָל פאַרשפּאָרן צו פאַרגיסן בלוט...

— זיי דאָרט — האָט ער ווײַטער גערעדט צו קאָסטאַבאַרן, אָנווײַזנדיק מיט דער האַנט אויף ירושלים — זיי דאָרט פאַרשטייען מיך ניט. זיי האַלטן מיך פאַר אַ גרויזאַמען מענטשן און מער ווי גרויזאַמקייט זעען זיי ניט אין מיר. זיי ווייסן ניט, אַז זייער אָפּט טוט מיר וויי דאָס האַרץ אַפילו דאַן, ווען איך הרגע מײַנעם אַ שונא... גרויזאַם ווער איך ערשט נאָך דעם, ווי מ'הייבט מיך אָן שילטן דער־פאַר, וואָס איך האָב דעם שונא געהרגעט... איך קען ניט אַריבערטראָגן, ווען מענטשן פאַרשטייען ניט דאָס, וואָס איך פאַרשטיי... מײַן צאָרן שטײַגט, ווען איך זע, ווי מ'נעמט אָן פאַר שלעכט דאָס וואָס איך טו... ווען זיי וואָלטן זיך צו מיר אַנדערש באַצויגן, וואָלט איך ניט געווען אַזוי גרויזאַם ווי איך בין... איך קען ניט זײַן גוט, ווען זיי זענען צו מיר שלעכט... ווײַל זיי זענען שלעכט, בין איך נאָך ערגער... און דו זעסט, קאָסטאַבאַר, דאָ וואו איך שטיי איצט איז מיט זעקס און צוואַנציק יאָר צוריק געשטאַנען דער רוימער פּאָמפּעוס. דאָ האָט ער זײַנע לעגיאָנען אויסגעשטעלט, ווײַל ער איז געווען אַ גרויסער קריגספירער און ער האָט געוואוסט, אַז פון דאַנען וועט זײַן לײַכטער צו נעמען די שטאָט ירושלים. און איך ווייס דאָס אויך. און דערפאַר האָב איך דאָ מײַנע חיילות אויס־געשטעלט. דעם נאָמען פון דעם רוימער פּאָמפּעוס באַגלייטן ייִדן אומעטום מיט אַ קללה אויף די ליפּן, ווײַל ער האָט פאַרשוועכט די הייליקייט פונעם טעמפּל און פון דעם קדשי־קדשים... און מײַן נאָמען?..

ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן וועגן דעם ווי אַזוי ייִדן ברענגען אַרויס זײַן נאָמען אויף די ליפּן, אָבער ער האָט עס ניט געזאָגט. עס איז אים געווען פײַנלעך שווער דאָס צו זאָגן. שטאַרק אויפגערעגט און צערודערט, האָט ער די ליפּן מיט די ציין געביסן. און ווען ער האָט געזען ווי קאָסטאַבאַר וויל עפּעס זאָגן, האָט ער אים אָפּגעשטעלט, ווײַל בכלל איז אים ניט אָנגעגאַנגען וואָס עמעצער אַנדערש האָט צו זאָגן; ער האָט אַליין געוואָלט רעדן און אַרויסזאָגן אַלץ, וואָס אים דריקט.

— זיי דאָרט — האָט ער געזאָגט — פאַרשטייען ניט, אַז די אַלע מחלוקתן און קריגערײַען, וואָס זיי האָבן צווישן זיך, גייען מיר ניט אָן... איבער וואָס רײַסן זיך דען דאָרט די צדוקים און די פּרושים? איבער ווערטער!.. די צדוקים

גלויבן, אַז זיי זענען די, וואָס היטן אָפּ גאָטס תורה לויט אַלע פּרטים און דקדוקים. און די פּרושים זענען זיכער, אַז זיי, און ניט די צדוקים, זענען די, וואָס טײַטשן אויס גאָטס תורה אַזוי ווי מ'דאַרף זי אויסטײַטשן. די גאַנצע רײַסערײַ איז איבער דעם, ווי אַזוי מ'זאָל דינען גאָט, ווי אַזוי מ'זאָל זײַן פֿרום. דאָס איז דער עיקר בײַ ביידן — אי בײַ די צדוקים, אי בײַ די פּרושים. בײַ מיר אָבער איז דאָס ניט דער עיקר. פֿרום קען זיך יעדער איינער זײַן ווי ער וויל און ווי זײַן האַרץ גלוסט, אָבער זאָל ער ניט אײַנלייגן קיין וועלטן, אַז אַנדערע זאָלן זײַן פּונקט אַזוי פֿרום ווי ער, און זאָל ער די פֿרומקייט ניט אַרויפֿצווינגען אויף דער מלוכה. איך בין ניט פֿון די פּרושים און ניט פֿון די צדוקים. איך היט אָפּ גאָטס תורה, ווײַל איך בין אַ ייִד, אָבער מיט מײַנע אייגענע ברידער וויל איך זיך ניט שלאָגן דערפֿאַר. איך האָב בכלל פֿײַנט אַ מלחמה איבער ווערטער!.. אָבער איך האַלט מײַנע אויגן אָפֿן אויף אַלץ, וואָס איך זע אַרום זיך, און ס'איז דער טיפֿער גלויבן פֿון מײַן האַרצן, אַז ניט אויף פֿרומקייט קען אויסגעבויט ווערן אַ מלוכה, ניט בלויז אויף דינען גאָט קען גרויס ווערן אַ פֿאָלק. „קוק אויף רוים און לערן זיך!" — דאָס זאָג איך אָפּט צו זיך אַליין... אַ פֿרעמדער, זאָגן זיי, בין איך, „קנעכט פֿון אדום" רופֿן זיי מיך... „האַלבער ייִד" האָבן זיי מיר אַ נאָמען געגעבן... אָבער ס'איז ניט אמת! איך בין ניט קיין פֿרעמדער! איך בין געבוירן געוואָרן אַ ייִד און איך בין אַ ייִד און איך וויל זען ווי אונדזער לאַנד ווערט גרעסער און גרעסער און ווי מײַן פֿאָלק ווערט שטאַרקער פֿון אַלע פֿעלקער אַרום. און איך האָב דעם כּוח דאָס צו טאָן!.. איך קען דאָס טאָן!..

און מיט אַ מאָל איז ער אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ ווילדן כּעס און ער האָט אָנגעהויבן שרײַען אויפֿן קול:

— און ווי וועט זײַן צו די, וואָס וועלן מיר שטערן אין דעם!.. ווי וועט זײַן צו די, וואָס וועלן זיך מיר שטעלן אין וועג!.. איך וועל זיי אַלע פֿאַרטיליקן! אויסראָטן וועל איך זיי!..

און נאָך דעם האָט ער שוין מער וועגן דעם ניט גערעדט.

פֿאַרקוקנדיק זיך פֿון דער ווײַטנס אויף דער שטאָט פֿון זײַן באַגער, האָט ער לאַנג געטראַכט וועגן דעם, ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען ער וואָלט געקענט אַרײַנקומען אַהין ניט ווי אַ זיגער, וואָס האָט זיך אַרײַנגעריסן מיט געוואַלד, נאָר ווי אַן אויסלייזער, אויף וועמען דאָס פֿאָלק קוקט שוין לאַנג אַרויס. און אין זײַן זיכערקייט, אַז ער דאַרף שוין מער פֿאַר אַנטיגאָנוס דעם חשמונאי מער קיין מורא ניט האָבן, איז אים אײַנגעפֿאַלן, אַז איצט איז די צײַט, ער זאָל אָוועק קיין שומרון און דאָרטן פֿײַערלעך פּראַווען די חתונה מיט מרימען.

דאָס פּנים האָט בײַ אים געשטראַלט פֿאַר פֿרייד, ווען ער האָט געטראַכט דערפֿון, און ער האָט זיך שוין פֿאַרגעשטעלט, ווי מע וועט ברייט עפֿענען פֿאַר אים די טויערן פֿון ירושלים, ווען מע וועט דערהערן, אַז ער קומט אַהין מיט איר, מיט מרימען און אַז זי, די שענסטע טאָכטער פֿון די חשמונאים, איז שוין זײַן ווײַב... דאַן וועט מען שוין אויף אים אפֿשר מער ניט קוקן ווי אויף אַ פֿרעמדן, נאָר ווי אויף אַן אייגענעם... מע וועט רעדן פֿון דעם, וואָס ער, דער נײַער מלך פֿון יהודה, וועט אויפֿשטעלן אַ דור, וואָס וועט אין זיך האָבן דאָס בלוט פֿון די

חשמונאים אין די אָדערן און עס וועט ניט איבערגעריסן ווערן דער פֿאָדעם פֿון דעם שטאַם, וואָס איז אַזוי באַליבט בײַם פֿאָלק ישׂראל... די אײַנוואוינער פֿון ירושלים וועלן דאַן אַוודאי מיט פּויקן און טרומפּייטן אויפֿנעמען דעם קיניג און זײַן שיינע קיניגין; און קיין בלוט וועט ניט פֿאַרגאָסן ווערן און פֿרידן וועט הערשן אין די גרענעצן פֿון יהודה און די אַלע מלחמות פֿון ביז איצט וועלן אַוועק אין דער פֿאַרגאַנגענהייט...

ער אַליין איז שוין געווען מיד פֿון די מלחמות און שטענדיקע רײַסערײַען, וואָס גיבן אים קיין מאָל ניט קיין רו. ער האָט ניט געקענט פֿאַרגעסן, אַז ער האָט איבער דעם שוין פֿאַרלוירן זײַן פֿאָטער און אויך צוויי ברידער. און ער האָט גע־וואָלט, אַז ס'זאָל שוין נעמען אַ סוף און ס'זאָל זיך אָנהייבן אַ נײַע צײַט אין זײַן אייגן לעבן און אויך אינעם לעבן פֿונעם פֿאָלק.

מיטן גאַנצן האַרצן האָט ער דאָס געוואָלט.

און ווען ער האָט געטראַכט דערפֿון, האָט ער זיך אין געדאַנק פֿאַרטראָגן ווײַט־ווײַט און ער האָט זיך פֿאַרגעשטעלט ווי אונטער זײַן הערשאַפֿט וועט די ייִדישע מלוכה זיך צעוואַקסן גרויס און די גרענעצן פֿונעם לאַנד וועלן זיך פֿאַר־שפּרייטן ווײַט; מ'וועט פֿירן אַ ברייטן האַנדל מיט נאָענטע און ווײַטע לענדער; אויף אַלע ימען וועלן גיין שיפֿן פֿון דער ייִדישער מלוכה, און בײַ די האַפֿנס וועט מען אויסלאָדן און אָנלאָדן די שיפֿן, וואָס וועלן אַוועקפֿירן אַלץ, וואָס מ'קען פֿאַר־קויפֿן, און ברענגען אַלץ, וואָס מע דאַרף נאָר קויפֿן; מ'וועט אויסבויען נײַע שטעט; מ'וועט פֿאַרפֿלאַנצן נײַע ווײַנגערטנער, און אַלץ וועט וואַקסן און בליִען, אַלץ וועט זײַן שיין פֿאַרן אויג און אין יהודה וועלן זיך צוריק אומקערן די צײַטן, ווען יעדער מענטש וועט קענען רוען אינעם שאָטן פֿון זײַן ווײַנשטאָק און אין דעם שאָטן פֿון זײַן פֿײַגנבוים...

טרוימענדיק אַזוי, האָט ער זיך אַליין שוין געזען ווי דעם מעכטיקסטן גע־קרוינטן הערשער אין די אַלע לענדער פֿון אַרום און אַרום; אין געדאַנק האָט ער זיך אַפֿילו שוין פֿאַרגליכן מיט די הערשער פֿון רוים, וואָס ער האָט אַזוי גוט געקענט. און מיט דער גאַנצער זיכערקייט, אַז ער שטייט העכער פֿון זיי און אַז ער האָט מער פֿעסטקייט און אויסגעהאַלטנקייט פֿון זיי, האָט ער געטראַכט, אַז מיט דער צײַט וועט ער נאָך אפֿשר גאָר מאַכן אַ רוים פֿון ירושלים...

דאָס איז געווען זײַן חלום. צו דעם האָט ער געשטרעבט. און כאָטש עס איז נאָך פֿאַר אים אַליין ניט געווען קלאָר, ווי אַזוי ער וואָלט דאָס געקענט דערגרייכן און ער האָט אַפֿילו ניט געוואָגט צו רעדן מיט עמעצן וועגן דעם, האָט ער דאָך געהאָפֿט, אַז אים וועט זיך דאָס סוף כּל סוף אײַנגעבן.

ער האָט געגלויבט אין זיך. שטאַרק געגלויבט. און ער איז געווען זיכער, אַז מיט די כּוחות, וואָס ער האָט, מיט דעם שטאַרקן ווילן זײַנעם, וואָס בויגט זיך ניט פֿאַר קיינעם, וועט ער בײַקומען אַלע שטערונגען און קיינער וועט זיך אים ניט קענען שטעלן אַנטקעגן...

פֿופֿצנטער קאַפּיטל

אין דער הייך און אין דער טיפֿעניש

א

אנגעקומען קיין שומרון איז הורדוס אַ פֿריילעכער, אַן אויפֿגעלייגטער. די שטימונג איז ביי אים געווען זייער אַ געהויבענע, אויפֿן האַרצן איז אים געווען גוט, און ווי נאָר ער האָט מרימען דערזען, האָט ער זי, אין זיין גרויסער פֿרייד, געהאַלדזט און געקושט און דערנאָך האָט ער צו איר געזאָגט:

— היינט איז דער טאָג, אויף וועלכן איך האָב שוין לאַנג אַרויסגעקוקט! —

און נאָך איידער זי האָט צייט געהאַט אים צו פֿרעגן, פֿאַר וואָס היינט איז אַזאַ טאָג, האָט ער איר אין גרויס איילעניש, פּונקט ווי עמעצער וואָלט אים שטאַרק געיאָגט, דערציילט ווי ער איז שוין מיט זיינע חיילות צוגעקומען ביז צו די טויערן פֿון ירושלים און וואָס ער האָט געטראַכט און וואָס ער האָט געפֿילט, ווען ער האָט פֿון דער ווייטנס געקוקט אויף דעם הייליקן טעמפּל. ער האָט זי פֿאַרזיכערט, אַז איצט וועט שוין קיין סך צייט ניט געדויערן און ער וועט נעמען ירושלים און די מלחמה וועט זיין געענדיקט.

— אָבער איידער איך נעם ירושלים — האָט ער געזאָגט — דאַרפֿסטו, ליבסטע מיינע, ווערן מיין ווייב, און דאָ, אין שומרון, וועלן מיר פּייערן די חתונה. און טאַקע נאָך היינט!.. און נאָך דעם וועלן מיר וואַרטן ביז די קאַלטע ווינטערדיקע טעג וועלן אַוועק, און דאַן וועל איך דיך איבערלאָזן דאָ, אָבער ניט אויף לאַנג, און ווען אַלץ וועט שוין זיין צוגעגרייט, וועל איך שיקן נאָך דיר, און דאַן וועסטו אין איינעם מיט מיר אַריינקומען קיין ירושלים...

מרים האָט ניט אין גאַנצן פֿאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט און פֿאַר וואָס ער האָט זיך גאָר פּלוצלינג אָנגעהויבן איילן אַזוי שטאַרק. די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט גערעדט, האָט זי אויף אים מיט די ברייט־צעעפֿנטע אויגן אירע געקוקט; דאָס האַרץ האָט זיך אין איר געפֿרייט, אָבער זי איז דאָך געווען צעטומלט. זי האָט אַלץ געוואַרט, אַז ער זאָל זאָגן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל פֿאַר איר מאַכן קלאָר, פֿאַר וואָס ס׳איז מיט אַ מאָל געוואָרן אַזאַ איילעניש. אָבער ער האָט אַלץ גערעדט און גערעדט וועגן די גוטע צייטן, וואָס וועלן קומען נאָך דער מלחמה און וועגן דער ליכטיקער צוקונפֿט, וואָס שטייט פֿאַר זיי ביידן און אויך פֿאַר דעם פֿאָלק און דעם לאַנד; ער האָט פֿאַר איר געשילדערט בילדער פֿון אַ לעבן, וואָס וועט זיין פֿול מיט גליק און ליכטיקע האָפֿענונגען. אין איין אָטעם האָט ער גערעדט וועגן רוים און ירושלים, וועגן די צעזאַרס און די חשמונאים, וועגן לענדער און

פּעלקער, און רעדנדיק אַזוי האָט ער מיט אַ מאָל געגעבן אַ שטעל אַוועק אַ פֿראַגע:

— און ווייסטו, ליבסטע מײַנע, פֿאַר וואָס איך האָב באַשלאָסן צו פּײַערן אונדזער חתונה איצט, איידער איך נעם ירושלים?

— פֿאַר וואָס? — האָט מרים אים געפֿרעגט.

— דערפֿאַר וואָס איך וויל ניט פֿאַרגיסן קיין בלוט בײַ די טויערן פֿון דער הייליקער שטאָט...

זײַן ענטפֿער און אויך דער אופֿן ווי ער האָט דאָס געזאָגט האָט מרימען שטאַרק גערירט. פֿאַר פֿרייד האָבן זיך איר אין די אויגן געשטעלט טרערן. זי האָט אָבער דאָך ניט פֿאַרשטאַנען קלאָר, וואָס ער מיינט. און ווען ער האָט געזען ווי זי קוקט אויף אים אַ פֿאַרוואונדערטע און ווי אירע בליקן פֿרעגן בײַ אים עפּעס אָן ווערטער, האָט ער איר דאָס געגעבן צו פֿאַרשטיין:

— דײַן נאָמען, געליבטע פֿון מײַן האַרצן — האָט ער איר געזאָגט — איז בײַם פֿאָלק באַליבט. אַלע ווייסן, אַז דו ביסט די שענסטע און אויך די בעסטע טאָכטער פֿון דער חשמונאָים־משפּחה. און ווען דאָס פֿאָלק אין ירושלים וועט דער־הערן, אַז דו ביסט שוין מײַן ווײַב און מײַן קיניגין, וועלן זיי איבערלאָזן אַנטי־גאָנוסן; בײַ קיינעם פֿון זיי וועט זיך ניט אויסשטרעקן די האַנט אויפֿצוהייבן אַ שווערד קעגן מיר; זיי וועלן דאַן ברייט עפֿענען פֿאַר אונדז די טויערן פֿון ירושלים און וועלן אונדז אויפֿנעמען מיט פֿרייד. און איבער אַלע גאַסן וועלן בלאָזן שופֿרות און אומעטום וועלן שאַלן טרומפּייטן און פֿון אַלע זײַטן וועלן זיך טראָגן קולות: „לעבן זאָל דער קיניג הורדוס און לעבן זאָל אונדזער קיניגין מרים פֿון די חשמונאָים!"

מיט זײַן רעדן האָט ער זי אַזוי באַגײַסטערט, אַז זי איז געווען גרייט צו טאַנצן פֿאַר פֿרייד.

— און שלאָגן וועט מען זיך שוין ניט? — האָט זי אים געפֿרעגט.

— איך בין זיכער, אַז ניט — האָט ער געענטפֿערט.

— און דאָס טוסטו צוליב מיר? — האָט זי געוואָלט וויסן.

— יאָ, צוליב דיר — האָט ער זי פֿאַרזיכערט — איך שווער דיר, אַז איך האָב די שטאָט געקענט נעמען איצט. אָבער עס איז געווען דער וואונטש דיר צו פֿאַרשאַפֿן פֿאַרגעניגן, וואָס האָט מיך אַרויפֿגעפֿירט אויפֿן גלײַכן וועג. עס איז געווען פּונקט ווי אַ מלאך פֿון הימל וואָלט מײַן אויסגעשטרעקטע האַנט אָפּ־געשטעלט; מיר האָט זיך אויסגעדאַכט ווי איך הער אַ שטים, וואָס קומט פֿון ערגעץ און זאָגט צו מיר: „הורדוס, זון פֿון אַנטיפּאַטרוס, לייג אַרײַן דײַן שווערד צוריק אין איר שייד! רײַס זיך ניט צו מלחמה! נעם מרימען פֿאַר אַ ווײַב איידער דו קומסט אַרײַן אין די טויערן פֿון דער הייליקער שטאָט, וואָרעם מיט דעם וועסטו פֿאַרמײַדן צו פֿאַרגיסן דאָס בלוט פֿון אייגענע ברידער!" אפֿשר איז דאָס געווען אַ קול פֿון מײַן אייגן האַרץ. אָבער איך האָב עס געהערט קלאָר. עס האָט געקלונגען אין מײַנע אויערן שאַרף, און דערפֿאַר, מײַן אויסדערוויילטע, האָב איך זיך געאײַלט צו קומען אַהער צו דיר קיין שומרון און פּײַערן אונדזער חתונה.

אין רעדן האָט דער טאָן זיך ביי אים אַלע מאָל געביטן; אַט האָט ער גע־רעדט ווי אַ פאַרליבטער, וואָס קען ניט געפינען גענוג ווערטער אויסצודריקן, וואָס ער פילט צו זיין אויסדערוויילטער, און אַט האָט ער גערעדט ווי אַ פרומער, וואָס טוט תּפילה צו גאָט מיט גרויס כּוונה. און יעדער וואָרט, וואָס ער האָט פון די ליפן אַרויסגעבראַכט, איז פון דער טיפעניש פון האַרצן געקומען און עס איז אין דעם געווען דאָס פייער פון גרויס התפּעלות.

מ׳האָט געקענט זען, אַז זיין באַשלוס צו נעמען מרימען פאַר אַ ווייב דווקא איצט, איידער ער קומט אַריין מיט זיינע חיילות קיין ירושלים, איז אַזוי שטאַרק, אַז קיינער אין דער וועלט וועט אים ניט קענען איבערשפּאַרן און אַז קיין שטע־רונג וועט אים ניט צוריקהאַלטן. און געענדיקט האָט ער מיט די זעלבע ווערטער, וואָס ער האָט אָנגעהויבן:

— היינט איז דער טאָג, אויף וועלכן איך האָב שוין לאַנג אַרויסגעקוקט!

מרים איז געווען צופרידן דערפון. עס איז איר געווען אָנגענעם, וואָס דער־מיט אַליין, וואָס זי וועט איצטער חתונה האָבן מיט דעם מאַן, וואָס זי האָט אַזוי שטאַרק ליב, וועט מען פאַרמיידן אַ שחיטה ביי די טויערן פון דער הייליקער שטאָט, און הורדוס אַליין איז איר נאָך ליבער געוואָרן דערפאַר, וואָס אים איז אַזאַ געדאַנק איינגעפאַלן. ער איז דערמיט אויסגעוואַקסן נאָך העכער אין אירע אויגן. זי איז אים געווען זייער דאַנקבאַר דערפאַר, און זי האָט אים געהאַלדזט און געקושט. זי האָט זיך געפילט שטאָלץ דערמיט, וואָס זי איז אַזוי באַליבט ביים פאָלק און וואָס זי קען האָבן אַזאַ גרויסן חלק אין דעם, וואָס עס וועלן געראַטעוועט ווערן די לעבנס פון אַזוי פיל טויזנטער און טויזנטער יידן.

אויך מרימס מוטער, אַלכּסנדרה, איז געווען צופרידן, וואָס הורדוס האָט באַשלאָסן איצט צו פייערן די חתונה און שוין מאַכן מרימען פאַר זיין ווייב. זי האָט שוין מער ניט געצווייפלט אין דעם, אַז ער וועט ביינקומען אַנטיגאָנוסן דעם חשמונאי, דעם ברודער פון איר אומגעקומענעם מאַן, און ער וועט ווערן דער קיניג פון יהודה. זי האָט שוין געהאַט אירע אויסרעכענונגען, ווי אַזוי זי וועט דאָס שפּע־טער אויסנוצן פאַר זיך .און דאָס האָט זי אַריינגעבראַכט אין אַזאַ פרייד, אַז זי האָט שוין אַ ביסעלע צו פיל און צו שטאַרק איבערגעטריבן איר „מוטערלעכע געטריישאַפט" צו ביידן — אי צו דער טאָכטער, אי צו הורדוסן...

— איך קען אויך זאָגן דאָס זעלבע וואָס דו, זון מיינער — האָט זי הורדוסן געזאָגט און אים גלייך אין די אויגן אַריינגעקוקט — איך קען זאָגן, אַז היינט איז דער טאָג, אויף וועלכן איך האָב שוין לאַנג אַרויסגעקוקט!

אַלע אין דער משפּחה האָבן זיך געהאַלטן אַזוי, ווי עס פּאַסט אין אַזאַ פייער־לעכער שעה, וואָס איז ענדלעך געקומען נאָך דעם, ווי מע האָט אַזוי לאַנג געוואַרט דערויף. הורדוסעס מוטער, די אַלטע ציפּורה, איז געווען שטאַרק צערודערט; זי האָט זיך געפרייט מיטן גרויסן נצחון פון איר זון, וואָס איז שוין אַ געקרוינטער קיניג. אָבער אַלע מאָל האָט זי זיך דערמאָנט אָן דעם, וואָס איר מאַן און די אַנדערע צוויי זין אירע זענען אומגעקומען אויף אַזאַ שוידערלעכן אופן, און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ האָט זי באַדויערט, פאַר וואָס עס איז דעם אַלטן אַנטי־פּאַטרוס ניט באַשערט געווען איצט צו זיין דאָ. און עס איז איר שווער געווען

אײַנצוהאַלטן די טרערן, וואָס האָבן זיך בײַ איר פֿון די אויגן געריסן. און עס איז איר אויך שווער געווען צו באַהאַלטן די פֿרייד, וואָס האָט איר האַרץ אָנגעפֿילט.

די איינציקע, וואָס איז ניט געווען צופֿרידן, איז געווען הורדוסעס שוועס־טער סאַלאָמעאַ. אַ לאַנגע, אַ דאַרע און אַ בייזע, האָט זי ווי שטענדיק געשפּריט גאַל און גיפֿט אַרום זיך. זי האָט זיך געהאַלטן אין איין בלאָזן. די שמאָלע, בלויע ליפּן אירע האָבן זיך אין נאָך שמעלערע פּאַסיקלעך פֿאַרצויגן, און ברענענדיק אַלעמען מיט די שפּיציק־שטעכיקע בליקן פֿון די צוויי גרינע אויגן אירע, האָט זי געוואָרפֿן ווערטער אַזוי, אַז זיי זאָלן אַלעמען אַרײַנפֿאַלן אין די אויערן:

— אַן אײַלעניש גאָר אין מיטן דערינען!..

אַפֿילו ווען זי האָט געשוויגן, ווען זי האָט גאָרניט געזאָגט, האָט זי געפֿונען מיטלען ווי אַזוי אויסצודריקן איר אומצופֿרידנקייט דערמיט, וואָס דער ברודער האָט דווקא איצט באַשלאָסן צו פֿײַערן די חתונה מיט מרימען; זי האָט געצויגן מיט די אַקסלען, געדרייט מיטן קאָפּ, געמרוקעט בייז פֿאַר זיך, אַרויסגעלאָפֿן מיט אַ כּעס גאָר פּלוצלינג און אַרײַנגעקומען צוריק, ווען קיינער האָט זי ניט גערופֿן.

וואָס זי האָט נאָר געקענט, האָט זי געטאָן צו ווײַזן ווי ניט־צופֿרידן זי איז פֿון דעם גאַנצן עסק. און ווען זי האָט געזען, אַז אַלץ וואָס זי טוט האָט ניט קיין ווירקונג אויף קיינעם, האָט זי זיך אין גאַנצן אָנגעצונדן פֿון כּעס.

— אין רוים וועט מען לאַכן פֿון דיר! — האָט זי מיט אַ מאָל אויסגעשאָסן, אָנשטעלנדיק דעם פֿינגער פֿון דער האַנט אויף הורדוסן — יאָ, מע וועט דאָרט לאַכן פֿון דעם, וואָס אַ קריגספֿירער שטעלט אָפּ אַ מלחמה, ווײַל עס האָט זיך אים אין מיטן דערינען גאָר פֿאַרגלוסט חתונה צו האָבן...

זי איז געווען זיכער, אַז דערמיט האָט זי געטראָפֿן אַ שאַרפֿע פֿײַל פּונקט אַהין וואו מע דאַרף. אָבער אויף הורדוסן האָט דאָס דווקא ניט געווירקט. ער האָט זיך שטאַרק צעלאַכט, ווען ער האָט דאָס דערהערט.

— שוועסטער — האָט ער איר געזאָגט גאַנץ געלאַסן — איך קען די רוי־מער בעסער ווי דו... ניט איין רוימישער הערשער האָט איבער אַ פֿרוי אָפּ־געשטעלט אַ מלחמה אין מיטן. און ניט איינער פֿון זיי האָט צוליב אַ פֿרוי שטעט און לענדער חרובֿ געמאַכט... און מיך קימערט ניט, וואָס מע וועט זאָגן אין רוים וועגן דעם וואָס איך טו איצטער. איך בין ניט פֿאַלש צו קיינעם מיט דעם, וואָס איך קלייב אַליין אויס דעם טאָג פֿון מײַן חתונה. איך בין ערלעך צו זיך אַליין, ווײַל אַזוי איז דער וואונטש פֿון מײַן האַרץ.

סאַלאָמעאַ האָט אים געוואָלט עפּעס ענטפֿערן דערויף. אָבער ער האָט זי ניט געלאָזט רעדן.

— גענוג! — האָט ער געגעבן אַ זאָג שטרענג — מיש זיך ניט אין אַזעלכע זאַכן, וואָס דו פֿאַרשטייסט ניט. דאָס איז ניט קיין זאַך פֿאַר ווײַבער...

ב

געבליבן איז דאָס אַזוי ווי הורדוס האָט געוואָלט.

און נאָך דעם ווי מע האָט די חתונה געפּײַערט אין דער שטאָט שומרון, האָט מען צעשיקט שלוחים, וואָס זאָלן אין אַלע שטעט איבערן גאַנצן לאַנד אויסרופֿן, אַז מרים, די טאָכטער פֿון די חשמונאים, איז שוין דאָס ווײַב פֿון הורדוסן, וועלכער איז מיטן גנאָד פֿון רוים געוואָרן דער קיניג פֿון יהודה. און אומעטום, וואוהין די שלוחים זענען געקומען מיט דער גרויסער בשׂורה און זיי האָבן אויסגערופֿן די נײַס בײַ די טויערן פֿון די שטעט און אין מיטן פֿון די געמאַרקן, האָט מען זיי אויסגעהערט שטיל, און קיינער האָט ניט אויסגעדריקט קיין פֿרייד, קיינער האָט דאָס מיט קיין אויסרוף פֿון באַגײַסטערונג ניט באַגריסט, און די, וואָס האָבן געפֿילט אַ טיפֿן צאָרן און אַ פֿאַרדרוס איבער דעם, וואָס מרים די חשמונאית איז שוין געוואָרן הורדוסעס ווײַב, האָבן אויך געשוויגן, ווײַל זיי האָבן מורא געהאַט דעם צאָרן אַרויסצואווײַזן...

דאָס שווײַגן פֿון דעם פֿאָלק האָט דאָס מאָל דווקא ניט געמיינט, אַז אַלע פֿילן זיך אַזוי שטאַרק געטראָפֿן דערפֿון, וואָס אַ טאָכטער פֿון דער באַליבטער חשמונאים־משפּחה האָט חתונה געהאַט מיט איינעם, וואָס איז בײַ זיי פֿאַרהאַסט און וואָס שטאַמט פֿון אַ נידעריקן שטאַנד. מענטשן זענען שוין דעמאָלט געווען אַזוי דערשלאָגן, אַז דער גאַנצער עסק מיטן שידוך איז זיי שוין מער ניט אָנגעגאַנגען; זיי זענען שוין אַלע געווען מיד פֿון די מלחמות. קיינער האָט זיך שוין מער מיט קיין זאַך ניט געקענט פֿרייען. עס האָט געהערשט אַ טרויער אומעטום.

אַפֿילו אין ירושלים האָט די נײַס וועגן דער חתונה אין שומרון ניט אַרויסגערופֿן קיין גערודער. אין די הײַזער און אויף די גאַסן האָט מען וועגן דעם הויך ניט גערעדט. דער איינציקער, וואָס האָט זיך שטאַרק צעקאָכט, ווען ער האָט דאָס דערהערט איז געווען אַנטיגאָנוס. די אײַפֿערזוכט האָט זיך אין אים דאַן ווי אַ פֿײַער אָנגעצונדן, און ער איז איבערן הויף אַרומגעלאָפֿן אַ צעפּלאָנטער, און וואו עס איז נאָר ערגעץ געשטאַנען אַ טיש, האָט ער אָן אים געקלאַפּט, און וואָס עס איז אים נאָר אונטער דער האַנט געקומען, האָט ער געוואָרפֿן און געשלײַדערט; מרימען האָט ער מיט די גרעסטע קללות געשאָלטן און מיט די ערגסטע נעמען אָנגערופֿן; אויף די אַלע נאָענטע מענטשן, וואָס האָבן זיך אַרום אים געפֿונען, האָט ער געשריגן. און ווען ער האָט שוין ניט געהאַט אויף וועמען צו שרײַען און ער איז שוין געווען אַזוי מיד, אַז ער האָט מער ניט געקענט לויפֿן פֿון איין חדר אין אַנדערן איבערן גרויסן קיניגלעכן הויף, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט בײַם טראָן און אויפֿהייבנדיק איין האַנט אין דער הייך, האָט ער זיך אַליין געגעבן אַ שבֿועה, אַז ער וועט אין ירושלים ניט לאָזן ליגן אַ שטיין אויף אַ שטיין.

— אַלץ זאָל מען דאָ צעוואַרפֿן! — האָט ער געשריגן און זיך געריסן די האָר פֿון קאָפּ — אַלץ, אַלץ!.. קיין זאַך זאָל מען דאָ ניט לאָזן גאַנץ!..

ער האָט גאָרניט געזען, אַז ער איז אַליין, אַז קיינער הערט גאָרניט זײַנע געשרייען, און ווען ער האָט זיך געכאַפּט, אַז עס איז קיינער ניטאָ לעבן אים, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף די טרעפּלעך לעבן טראָן, אָנגעשפּאַרט ביידע הענט

אָן די קני, און אַזוי איז ער, מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, אַ דערשלאָגענער, אַ געפֿאַלענער, לאַנג געזעסן אײנער אַליין, און פֿון די אויגן האָבן זיך בײַ אים געגאָסן טרערן...

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבן, וואָס ער האָט געוויינט. אַלע אומגליקן, וואָס ער האָט אין זײַן לעבן אַריבערגעטראָגן, האָבן בײַ אים פֿריִער קיין טרערן ניט אַרויסגערופֿן; ער האָט ניט געוויינט, ווען מע האָט זײַן פֿאָטער, דעם קיניג אַריסטובולוס, גענומען אין געפֿאַנגענשאַפֿט און אים קיין רוים אַוועקגעפֿירט. ער האָט אויך ניט געוויינט שפּעטער, ווען מע האָט זײַן פֿאָטער געסמט אויפֿן וועג פֿון רוים קיין ירושלים. אויך ווען מע האָט זײַן ברודער אַלכּסנדר אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ ווי אַן אײנפֿאַכן פֿאַרברעכער, האָט ער קיין טרער ניט געלאָזט. די רציחות פֿון די רוימער האָבן בײַ אים קיין מאָל ניט אַרויסגערופֿן קיין טרערן, נאָר צאָרן. איצט אָבער, ווען ער האָט דערהערט, אַז מרים איז שוין הורדוסעס ווײַב, האָט ער די טרערן שוין מער ניט געקענט אײַנהאַלטן. ער האָט דאַן מיט אַלע חושים דערפֿילט, אַז דאָס איז דער סוף, אַז ער איז בײַ ייִדן דער לעצטער קיניג פֿון דער חשמונאים־משפּחה...

עטלעכע טעג איז ער נאָך דעם אַרומגעגאַנגען אַ צעדריקטער און אַ שווערער אומעט האָט גענאָגט זײַן האַרץ.

און דאַן איז ער מיט אַ מאָל גאָר אין גאַנצן אַן אַנדערער געוואָרן...

ער האָט זיך מער ניט געקאָכט, ער האָט זיך מער אויף קײנעם ניט געבייזערט. ער איז מער ניט אַרומגעלאָפֿן צעפֿלאַמט. די מורא, וואָס האָט זיך איבערן לאַנד פֿון אַלע ווינקלען געשפּאַרט, האָט זיך מיט אַ מאָל אויף זײַנע פּלייצעס מיט איר גאַנצער שווערקייט אַרויפֿגעלייגט; ער האָט מער אין ערגעץ קיין האָפֿענונג ניט געזען, ער האָט שוין מער אויף קיין נס ניט געוואַרט. און ווען קײנער האָט ניט געזען, האָט ער שטילערהייט געבעטן בײַ גאָט:

— האַר פֿון אַלע וועלטן, אויב דו האָסט מיך אויסגעקליבן צו זײַן דער לעצטער אויפֿן טראָן פֿון דער משפּחה, וואָס האָט גרויס געמאַכט דעם נאָמען פֿון דײַן פֿאָלק, און אויב עס איז דײַן ווילן, אַז די האַנט פֿון דעם שונא זאָל זיך שטאַרקן און איך זאָל פֿאַלן, בעט איך דיך, פֿאַרשעם מיך ניט... איך וויל פֿאַלן ווי אַ העלד, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ זון פֿון די חשמונאים... גאָט, העלף מיר! פֿאַרשעם מיך ניט!..

און ער האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן אַרויסצואווײַזן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד.

גאַנצע טעג איז ער געווען פֿאַרנומען מיט זאַכן, וואָס זענען אים פֿריִער גאָר אַפֿילו אין זינען ניט געלעגן; ער האָט געזען מע זאָל צוגרייטן וואָס מער שפּײַז און זיך טיילן מיט די, וואָס האָבן ניט וואָס צו עסן. דאָס איז פֿאַר אים און פֿאַר די אַלע אַנדערע, וואָס זענען געשטאַנען נאָענט צו אים אין הויף, געווען אײנע פֿון די שווערסטע זאַכן, ווײַל גאַנץ ירושלים איז דעמאָלט שוין געווען פֿול מיט מענטשן, וואָס זענען זיך אָנגעלאָפֿן אַהין פֿון די אַלע שטעט, וואָס הורדוס האָט אײַנגענומען. זיי, די פֿרעמדע, האָבן אין דער היים איבערגעלאָזט אַלצדינג אויף הפֿקר, און געיאָגט פֿון דער שווערד, זענען זיי געקומען אַהער מיט ווײַב און קינד, אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע, באָרוועסע און נאַקעטע, און זיי האָבן אין

ערגעץ ניט געהאַט קיין דאַך איבערן קאָפּ, און זיי האָבן זיך געוואָלגערט אויף אַלע גאַסן און געסלעך און געבעטלט ברויט בײַ די פֿאַרבײַגייער.

עס איז געווען אַ שרעק צו קוקן אויף זיי, אויף די אַלע מענטשן, וואָס די שווערד און די נויט האָבן פֿון אַלע עקן לאַנד צונויפֿגעטריבן. מע האָט זיי גע־דאַרפֿט פֿאַרזאָרגן מיט עסנוואַרג און מיט נאַכטלעגער. אָבער אין שטאָט איז ניט געווען גענוג עסנוואַרג, ווײַל דער שׂונא, וואָס האָט באַלאַגערט די פֿעסטונג, האָט פֿון ערגעץ קיין שפּײַז ניט געלאָזט אַרײַנפֿירן; אויך שטיבער און געצעלטן האָבן אויסגעפֿעלט, און אַלטע און יונגע, ווײַבער און קינדער, האָבן זיך ווי די ווערעם געוואָלגערט אין דרויסן אויף דער ערד, אין גריבער, אין נאָרעס, און אַ סך פֿון זיי האָט די פֿאַרצווייפֿלונג געטריבן צו לויערן אויף אַנדערע אין דער פֿינצטערניש פֿון די נעכט.

זייער אָפֿט האָט מען שפּעט אין דער נאַכט אין די הינטערגעסלעך געהערט פֿאַרצווייפֿלטע געשרייען פֿון מענטשן, וואָס זענען באַפֿאַלן געוואָרן פֿון רויבער. אָבער די מורא איז געווען אַזוי גרויס, אַז קיינער האָט זיך ניט גערירט צו לויפֿן העלפֿן. צעשראָקענע האָט מען זיך אין די פֿינצטערע שטיבער און געצעלטן און אין די ווינקלען פֿאַררוקט. און ווען מע האָט אין דער פֿרי געפֿונען אַ טויטן, איז קיינער שוין ניט געווען איבערראַשט דערפֿון, און מענטשן זענען זיך ווײַטער געגאַנגען זייער וועג. און אויב עס איז אַ מאָל אַרום דעם טויטן געוואָרן אַ רעדל און עס האָט זיך געפֿונען איינער, וואָס איז אַנגעלאָפֿן פֿון ערגעץ און האָט דווקא געוואָלט וויסן, וואָס דאָ איז געשען, האָט מען אים געוויינטלעך געענטפֿערט:

— ס'איז גאָרניט; מע האָט דאָ אַ מענטשן דערהרגעט...

ג

און אין דער צײַט ווען אין ירושלים האָט געהערשט פֿאַרצווייפֿלונג, איז אין שומרון די פֿרייד געווען גרויס. דאָרט האָט מען הורדוסן שוין אָפּגעגעבן דעם כּבֿוד פֿון אַ קיניג, און אין די פֿרימאָרגנס, ווען ער האָט זיך באַוויזן אויפֿן גאַניק פֿון דער שטוב, וואו ער און זײַן הויזגעזינד האָבן גערוט, האָבן די באַ־וואָפֿנטע לײַט פֿון זײַנע מחנות אים באַגעגענט מיט הילכיקע אויסרופֿן:

— לאַנג לעבן זאָל דער קיניג!

אויך מרימען האָט מען אָפּגעגעבן גרויס כּבֿוד און מע האָט זי אומעטום אויפֿגענומען ווי די קיניגין און מע האָט איר נאָמען געבענטשט און געלויבט. און זי האָט זיך אַזוי חנעוודיק געשעמט פֿאַר די מאַנספּאַרשוינען און ווײַבער, וואָס האָבן זי יעדן פֿרימאָרגן מיט אַ זיסן שמייכל באַגריסט. קוקנדיק אַרונטער, האָט זי אויף זיך די שאַרפֿע בליקן פֿון זייערע אויגן געפֿילט און עס האָט זיך איר אַלץ געדאַכט, אַז זיי אַלע טראַכטן אַוודאי פֿון דעם, וואָס עס איז צווישן איר און הורדוסן פֿאָרגעקומען בײַ נאַכט...

דאָס שעמען זיך, וואָס איז אַרויסגעקומען אַזוי נאַטירלעך און מיט אויסער־געוויינטלעך מיידלשן חן, האָט איר זייער געפּאַסט. און דאָס האָט הורדוסן נאָך

מער געררייצט און זײַן באַגער צו איר איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ גרעסער און שטאַרקער. ער איז געווען גליקלעך פֿון דעם, וואָס זינט ער איז געוואָרן איר מאַן, איז איר ליבע צו אים געוואָרן נאָך גרעסער ווי פֿריִער, און עס איז אים שטאַרק געפֿעלן, וואָס זי איז אין איר ליבע אַזוי ווײַבעריש־נאָכגיביק און אַזוי צאַרט...

בײַ אים איז די צײַט אין שומרון געווען די גליקלעכסטע אין זײַן לעבן, און אַלע האָבן דאָס אויף אים געקענט זען. פֿאַר מענטשן, וואָס זענען מיט אים פֿון פֿריִער געווען נאָענט, איז שווער געווען אים צו דערקענען; ער איז מיט אַ מאָל געוואָרן שפּילעוודיק, שטיפֿעריש. און מיט די שפּאַסן, וואָס ער האָט גע־מאַכט, האָט ער בײַ אַלעמען אַרויסגערופֿן געלעכטער; עס איז שווער געווען זיך פֿאָרצושטעלן, אַז דאָס איז דער זעלבער הורדוס, וואָס קען זײַן גרויזאַם, דער זעלבער מענטש, וואָס איז אַזוי ווילד אויפֿן שלאַכטפֿעלד; עס האָט פֿון אים גע־שטראַמט מיט פֿרייד, ער האָט פֿאַרהילכט די אויערן מיט זײַן קלינגענדיקן געלעכ־טער. און ווען ער האָט גערעדט מיט מרימען און עס האָבן אים אויסגעפֿעלט ווערטער אויסצודריקן זײַן פֿרייד, האָט ער געזאָגט, אַז דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבן, וואָס ער טרינקט מיט אַזאַ פֿולער מאָס פֿון דעם בעכער פֿון ליבע...

קיין אַנדערע ווערטער האָט ער ניט געקענט געפֿינען און בײַם אַרויסברענגען זיי פֿון דעם מויל, האָט ער זיך אַליין מיט ביידע הענט אַרויסגעהאָלפֿן, כּדי מרים זאָל קענען זען, אַז דאָס איז מער וויפֿל ער האָט מיט ווערטער געקענט אויסדריקן.

ער איז אין גאַנצן געווען פֿאַרטאָן אין דער ליבע, וואָס האָט זיך פֿאַר אים ווי אַ לעבעדיקער קוואַל געעפֿנט. ער האָט מיט אַ פֿולער מאָס פֿון דעם קוואַל געטרונקען, און זײַן דורשט האָט זיך אַלץ ניט געשטילט. ער האָט געוואָלט נאָך און נאָך, און זײַן גליק האָט גאָר קיין גרענעץ ניט געהאַט...

וואָכן און וואָכן זענען אַוועק און ער האָט זייער זעלטן גערעדט וועגן נעמען ירושלים. און ווען ער האָט דאָס אַ מאָל שוין יאָ דערמאָנט, האָט ער דערפֿון גערעדט ווי וועגן עפּעס, וואָס ער האָט שוין לאַנג אָפּגעטאָן און עס איז אים געבליבן נאָך אַ קלייניקייט צו פֿאַרענדיקן. ער האָט נאָך אַלץ געמיינט, אַז איבער דעם, וואָס ער איז איצט שוין אַן אייגענער אין דער משפּחה פֿון די חשמונאים, וועט ער בײַ די טויערן פֿון ירושלים פֿאַרשפּאַרן צו פֿאַרגיסן בלוט; מ׳וועט אים פֿרײַ אַהין אַרײַנלאָזן ווי דעם געקרוינטן קיניג פֿון יהודה, און מרים וועט זיצן אין דעם רײַטוואָגן בײַ זײַן זײַט און דאָס פּנים וועט בײַ איר שײַנען פֿאַר פֿרייד, ווען זי וועט זען, ווי דאָס פֿאָלק שאַלט און יובלט און ווי מע טאַנצט אין די גאַסן.

און ער האָט געוואַרט ביז עס וועלן זיך אָנהייבן די שיינע טעג פֿון פֿרילינג.

ד

אָבער מיט אַ מאָל האָט זיך אָנגערוקט אַ צײַט, ווען עס איז כּמעט קיין איין טאָג ניט אַוועק, אַז עס זאָל קיין שומרון ניט אָנקומען אַ שליח פֿון ערגעץ. און אַלע מאָל, ווען אַזאַ שליח איז אָנגעקומען, האָט ער מיט זיך געבראַכט דעם

שטויב פֿון ווײַטע וועגן אויף די קליידער און די זאָרג פֿון ווײַטע מענטשן אויפֿן פּנים. מיט יעדן איינעם פֿון די שלוחים האָט הורדוס זיך אין אַ באַזונדער חדר פֿאַרשפּאַרט און לאַנג גערעדט און ווען ער איז נאָך דעם פֿון דעם באַזונדערן חדר אַרויסגעגאַנגען, איז ער געווען אַנגעכמורעט און פֿאַרזאָרגט. אָבער ער האָט קיינעם ניט געזאָגט, פֿאַר וואָס ער איז אַזוי צערודערט. עס איז אים געווען שווער אַרויסצוזאָגן, וואָס ער טראַכט און פֿילט. בלויז איין מאָל, ווען מרים האָט אים אָנגעהויבן בעטן, ער זאָל איר זאָגן, פֿאַר וואָס ער קען מער ניט זײַן אַזוי אויפֿגעלייגט ווי פֿריִער, האָט ער איר געענטפֿערט מיט פֿאַרדרוס:

— איך פֿאַרשטיי זיי ניט... איך קען זיי ניט פֿאַרשטיין!..

— וועמען? — האָט זי געפֿרעגט.

— די ייִדן דאָרט, אין ירושלים — האָט ער געדרייט מיטן קאָפּ און געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט — אַפֿילו איצטער, ווען דו ביסט שוין מײַן ווײַב, זענען זיי נאָך אַלץ קעגן מיר... זיי באַפֿעסטיקן זיך. זיי גרייטן זיך אַרויסצואווײַזן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד, ווען איך וועל צוקומען צו דער שטאָט... זיי ווילן זיך דווקא שלאָגן. זיי ווילן דווקא, עס זאָל זיך גיסן בלוט... און ער דאָרט, אַנטיגאָנוס דער חשמונאי, אַ גיבור איז ער מיט אַ מאָל געוואָרן!.. און עס ברענט אין אים דער כּעס, פֿאַר וואָס דו ביסט געוואָרן מײַן ווײַב... זײַן ווײַב, זאָגט ער, האָסטו געדאַרפֿט ווערן... און ער ברענט דאָרט און ער פֿלאַקערט דאָרט... גאַנץ ירושלים באַוואָפֿנט ער קעגן מיר... קעגן מיר און קעגן דיר...

דאָס פּנים האָט זיך בײַ אים אָנגעצונדן, ווען ער האָט גערעדט. און די רויטע האָר אויפֿן קאָפּ האָבן זיך בײַ אים צעשויבערט. אײַנשטיין אויף אַן אָרט האָט ער שוין מער ניט געקענט; און מיט אַ מאָל האָט ער זיך געגעבן אַ שטעל אַפּ און אויסשטרעקנדיק די האַנט, האָט ער מיט כּעס אויסגעשריִען:

— אויב זיי ווילן מלחמה, וועלן זיי האָבן מלחמה!

בײַ מרימען איז דאָס פּנים געוואָרן בלאַס און זי האָט מיטן גאַנצן קערפּער אָנגעהויבן ציטערן. דאָס ערשטע מאָל האָט זי אים געזען אַזאַ בייזן און זי האָט זיך אַזוי דערשראָקן, אַז עס איז איר אַריבער אַ קאַלטער סקרוך איבערן לײַב. און ווען ער האָט דערזען, ווי זי שטייט פֿאַר אים אַ דערשראָקענע, אַ בלאַסע, איז ער באַלד געוואָרן ווייכער.

— פֿאַרגיב מיר, ליבסטע מײַנע — האָט ער זיך בײַ איר געבעטן — גלויב מיר, אַז איך האָב אַנדערש געוואָלט. דער וואונטש פֿון מײַן האַרצן איז געווען אַ גוטער. אָבער וואָס קען איך טאָן, אַז זיי דאָרט פֿאַרשטייען מיך ניט? איך וויל זײַן אַ גוטער און זיי מאַכן מיך פֿאַר אַ שלעכטן. זיי קענען ניט אײַנזען, אַז דערמיט, וואָס זיי וועלן זיך מיר איצט שטעלן אַקעגן, וועלן זיי גאָרניט געווינען און אַלץ פֿאַרלירן...

ער האָט מיט איר דעמאָלט נאָך ניט געקענט רעדן וועגן דעם, וואָס ער טראַכט גאַנץ אָפֿט, אַז די אינערלעכע רײַסערײַען אין רוים קענען אים אַ מאָל גראָד צושפּילן אַזוי, אַז ער וועט אפֿשר גאָר האָבן די מעגלעכקייט צו באַפֿרײַען יהודה פֿון דער רוימישער הערשאַפֿט און מאַכן פֿון איר אַ גרויסע מלוכה. ער האָט וועגן דעם געטרוימט ניט איין מאָל אין די שעהען, ווען ער האָט געטראַכט וועגן

מאַרק אַנטאָני, וועגן אָקטאַוויאַנוסן און וועגן די אַנדערע, וואָס זענען אין רוים געשטאַנען בײַם רודער פֿון דער מלוכה. ער האָט אויך געטרוימט וועגן אויפֿשטעלן אַ דור, וואָס זאָל אין זײַן משפּחה זײַן דער אָנהייב אין אַ קייט פֿון מלכים, וואָס וועלן מיט זייער גבֿורה אין גאַנצן פֿאַרטונקלען די משפּחה פֿון די חשמונאים. עס איז געווען אַט דער טרוים, וואָס האָט אין אים געשטאַרקט דעם גלויבן. און עס איז אויך געווען אַט דער טרוים, וואָס האָט אין אים געצונדן דאָס פֿײַער פֿון צאָרן אַלע מאָל, ווען ער האָט דערהערט ווי מע ווערט אים שטערן אין דעם.

דערפֿאַר האָט ער שוין מער ניט געקענט אײַנרוען און עס איז אים שוין געווען שווער צו בלײַבן אין שומרון, ווען ער האָט זיך פֿון די שלוחים דערוואוסט, אַז דאָס חתונה האָבן מיט מרימען האָט דאָך ניט געמאַכט וויכער די הערצער בײַ די אײַנוואוינער פֿון ירושלים צו אים. דאָס האָט אים שטאַרק צערודערט. ער איז דאַן זייער אָפּט אַוועק פֿון שומרון און מע האָט אים גאַנצע טעג ניט געזען. און ווען מרים האָט אים דערנאָך געפֿרעגט, וואו ער איז געווען און וואָס ער האָט געטאָן, האָט ער איר דערויף געענטפֿערט, אַז זי דאַרף ניט פֿרעגן און אַז עס איז אים שווער איר אויף דעם צו געבן אַן ענטפֿער.

— עס איז אַלץ מלחמה־זאַכן, ליבסטע מײַנע — האָט ער געפּרוּווט רעדן צערטלעך — צו וואָס מאַכן שווער די געדאַנקען, וואָס לויכטן אויף אין דײַן שיינעם קאָפּ און דעם געמיט, וואָס פֿילט אַן דײַן אײדל האַרץ?..

גאַנצע טעג און אַ מאָל אויך גאַנצע נעכט איז ער געווען פֿאַרנומען מיט דעם רוימישן קריגספֿירער סאָסיוס, וואָס מאַרק אַנטאָני האָט באַשטימט פֿאַר דעם עלטסטן פֿון די רוימישע לעגיאָנען אין יהודה. אויך מיט די אַנדערע עלטסטע פֿון די מחנות האָט ער זיך אָפּט אויף גאַנצע שעהען אין אַ באַזונדער חדר פֿאַרמאַכט. און אַלע מאָל, ווען ער איז פֿון יענעם חדר אַרויסגעקומען, איז דאָס פּנים בײַ אים געווען זייער ערנצט; ער האָט אויסגעזען מיד און האָט מיט קיינעם פֿון הויזגעזינד ניט גערעדט.

די פֿרייד, וואָס עס האָט פֿריִער געהערשט אין הויף איז אין גאַנצן פֿאַר־שוואונדן געוואָרן. מע האָט דאָרט שוין מער ניט געהערט הורדוסעס קלינגענדיקן געלעכטער. פֿון דער שפּילעוודיקייט, וואָס ער האָט פֿריִער אַרויסגעוויזן, איז אַפֿילו קיין סימן ניט געבליבן. ער איז שטענדיק געווען אָנגעכמורעט, פֿאַרזאָרגט, בייז. מע האָט געקענט זען, אַז ער וואַרט אויף עפּעס און האָט קיין געדולד ניט צו וואַרטן. און ווי די קאַלטע ווינטערטעג האָבן זיך נאָר געענדיקט און עס האָט זיך נאָר אָנגעהויבן דער פֿרילינג, אויף וועלכן ער האָט אַזוי לאַנג אַרויס־געקוקט, האָט ער שוין געהאַט פֿאַרטיק צוועלף רוימישע לעגיאָנען, פֿוסגייער און רײַטער. אויך די צאָל פֿון די ייִדישע מחנות, וואָס ער האָט צונויפֿגעשטעלט, איז געווען זייער גרויס. און אַרום און אַרום זענען זײַנע חיילות באַשטאַנען פֿון הונדערט טויזנט מאַן, אַלע גוט באַוואָפֿנטע, אַלע געלערנט פֿאַר מלחמה. און מיט זיי איז ער אַוועק אויף ירושלים.

ה

אויף די אײַנוואוינער פֿון דער שטאָט איז אַן אימה אָנגעפֿאַלן, ווען הורדוס האָט מיט זײַנע חיילות אָנגעהויבן שטורעמען די פֿעסטונג. ער אַליין האָט די שטורעם־אָפּטיילונגען אין די שלאַכטן געפֿירט, און ווען מע האָט צעוויגט די שווערע שטיקער אײַזן, וואָס האָבן פֿון די געמויערטע ווענט גאַנצע שטיקער געריסן מיט אַ קראַך, האָט ער מיט זײַנע געשרייען אונטערגעגעבן מוט די זעלנער. און ווען מע האָט פֿון אויבן אָנגעהויבן וואַרפֿן שטיינער און ציגל, איז ער מיט אַ גרויסער מחנה אַרויף אויף אַ באַרג און באַלד האָט פֿון דאָרט גענומען האָגלען מיט פֿײַלן אויף די, וואָס האָבן די פֿעסטונג באַשיצט אין דער הויך, און מע האָט זיי פֿון דאָרט פֿאַרטריבן.

טעג און וואָכן זענען אַוועק און מע האָט די פֿעסטונג אַלץ אין איין זײַט געשטורעמט מיט די שטיקער אײַזן, וואָס מע האָט מיט גרויס אימפּעט צעוויגט און זיי אָפּגעלאָזט מיט אַ קראַך. אָבער די געמויערטע ווענט זענען געווען שטאַרק און האָבן זיך געהאַלטן פֿעסט. אויך די מענטשן, וואָס האָבן פֿון דער אַנדערער זײַט די פֿעסטונג באַשיצט, האָבן זיך געהאַלטן פֿעסט און אַרויסגעוויזן גרויס העלדישקייט. בײַ נאַכט, ווען מע האָט זיך ניט געשלאָגן, האָבן זיי פֿון אינעווייניק גאַנץ געמאַכט די לעכער, וואָס מע האָט מיט די שטיקער אײַזן געמאַכט בײַ טאָג. צענדיגער און הונדערטער פֿון די, וואָס האָבן פֿון אויבן שטיינער און ציגל געוואָרפֿן, זענען געפֿאַלן טויט, אָבער באַלד האָבן אַנדערע פֿאַרנומען זייער אָרט, און עס האָט ווידער געהאָגלט מיט פֿײַלן און שטיינער פֿון דער הויך.

אין שטאָט און אויך אַרום דער שטאָט האָבן זיך וואָלקנס שטויב און רויך בײַ טאָג און מײַ נאַכט ביז צום הימל געטראָגן. און אומעטום האָבן זיך געוואַלגערט גאַנצע בערג מיט הרוגים, און פֿערד און מענטשן האָבן אויף זיי געטראָטן, און בלוט האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער, און בײַם הויף פֿון דעם הייליקן טעמפּל האָט מען שטענדיק געזען הונדערטער און טויזנטער מענטשן, מאַנספּאַרשוינען און אויך ווײַבער מיט קליינע קינדער, און אַלע האָבן געוויינט און געקלאָגט, אַלע האָבן געשריגן מיט באַנומענע קולות און עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געבעטן בײַ גאָט, ער זאָל זיי געבן דעם טויט. און אין אַ סך גאַסן האָט מען געזען ווי מענטשן וואַרפֿן זיך פֿון די דעכער, און אומעטום איז די פֿאַרצווייפֿלונג געווען אַזוי גרויס, אַז די לעבעדיקע האָבן מקנא געווען די טויטע.

— וואויל איז צו די, וואָס ליגן אין די קבֿרים!..

— גוט איז די, בײַ וועמען דער טויט האָט אויף אייביק די אויגן צוגעמאַכט!...

אַזוי האָבן מענטשן אין ירושלים געקלאָגט און געוויינט אין אַלע גאַסן, און עס איז פֿאַר קיינעם קיין טרייסט ניט געווען. וואָרעם אין דרויסן, פֿון דער אַנדערער זײַט טויער, האָט געשניטן די שווערד, און אינעווייניק, אין שטאָט, האָט געפּײַניקט דער הונגער.

און גרויס איז געווען דער ווייטיק און טיף איז געווען דער צער.

קליינע קינדער האָבן ווי שעפּעלעך אָן אַ פּאַסטעך אַרומגעבלאָנדזשעט אי־בער די גאַסן און געזוכט זייערע טויטע טאַטעס און פֿאַרשמאַכטע מאַמעס, און קיינער האָט זיך שוין גאָר אַפֿילו ניט אומגעקוקט אויף זיי.

אַלטע לײַט האָבן זיך ווי די ווערעם געוואַלגערט אין מיסט, און מיט די ביינערדיק־אײַנגעדאַרטע הענט און אויסגעלאָשענע אויגן געזוכט אַ שטיקל ברויט און ניט געקענט געפֿינען.

בײַ טאָג האָט מען אַרויסגעקוקט אויף דער נאַכט און בײַ נאַכט האָט מען אַרויסגעקוקט אויפֿן טאָג. און סײַ דער טאָג און סײַ די נאַכט האָבן זיך אַלעמען שווער געלייגט אויפֿן געמיט און מע האָט פֿאַר זיך שטענדיק די גאַנצע וועלט געזען אַ פֿינצטערע, אַ שוואַרצע.

און עס איז שווער געווען צו געפֿינען אַ הויז, וואו מע זאָל ניט באַוויינען קיין טויטן. און אין אַ סך הײַזער האָט מען די טויטע שוין מער ניט באַוויינט, ווײַל דער קוואַל פֿון טרערן איז שוין געווען אויסגעטריקנט, און יעדער איינער פֿון דער משפּחה האָט זיך אין אַ באַזונדער ווינקל פֿאַררוקט און פֿאַרצווייפֿלט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געבראָכן מיט די הענט, אָבער וויינען האָט מען שוין מער ניט געקענט.

און די גאַנצע שטאָט ירושלים איז געווען פֿול מיט קלאַנגען, וואָס האָבן אויף די אײַנוואוינער אַ שרעק אַרויפֿגעוואָרפֿן. און קיינער האָט ניט געוואוסט פֿון וואַנען די קלאַנגען נעמען זיך און ווי אַזוי זיי פֿאַרשפּרייטן זיך אַזוי שנעל.

און מענטשן, וואָס האָבן שוין מער ניט געקענט צוזען דעם צער פֿון יונג און אַלט האָבן שטילערהייט געאַרבעט דערפֿאַר, אַז מע זאָל זיך ניט צוהערן צו די רייד פֿון אַנטיגאָנוסן און מע זאָל עפֿענען די טויערן פֿון דער שטאָט און אַרײַנלאָזן הורדוסן. און צווישן די, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז דאָס איז דער אייב־ציקער און בעסטער וועג, איז אויך געווען שמעיה, דער אַלטער ריכטער פֿון סנהדרין, דער זעלבער, וואָס האָט מיט אַ צײַט צוריק געפֿאָדערט, אַז מע זאָל הורדוסן באַשטראָפֿן מיטן טויט דערפֿאַר, וואָס ער האָט דערהרגעט חזקיה הגלילי אָן אַ משפּט.

ער, דער אַלטער ריכטער, וועלכער האָט קיין מאָל קיין מורא ניט געהאַט אַרויסצוזאָגן זײַן מיינונג פֿרײַ און אָפֿן, האָט אין אַנטיגאָנוסן דעם חשמונאי שוין ניט געקענט זען קיין האָפֿענונג פֿאַר די ליכטיקע טרוימען פֿון דעם פֿאָלק. פֿאַר די דרײַ יאָר, וואָס אַנטיגאָנוס איז געזעסן אויפֿן טראָן, האָט דער אַלטער ריכטער פֿון סנהדרין מיט אים קיין שלום ניט געהאַלטן און ער האָט אָפֿן געזאָגט, אַז דער קיניג, און אויך די אַנדערע פֿון די צדוקים, וואָס האַלטן מיט אים, ברענגען אומגליק אויפֿן פֿאָלק און פֿאַרשוועכן די הייליקייט פֿון דעם טעמפּל. דערצו האָט ער נאָך אָנגעהויבן אײַנזען, אַז עס האָט איצט קיין זינען ניט צו פֿירן אַ מלחמה, ווײַל מע ווייסט ווי סײַ ווי סײַ פֿאַרשפּילן, און עס האָט אים געריסן דאָס האַרץ דערויף, וואָס אַזוי פֿיל ייִדן ווערן אויסגעהרגעט און וואָס עס נעמט גאָר קיין סוף ניט צו די טײַכן בלוט, וואָס ווערן פֿאַרגאָסן. ער האָט דאָס שוין מער ניט געקענט צוזען. דער גרויסער חורבן אין ירושלים האָט אים קיין רו ניט געגעבן, ניט בײַ טאָג און ניט בײַ נאַכט; ער האָט אויך אָנגעהויבן גלויבן, אַז עס איז

אַוודאי גאָטס ווילן, אַז הורדוס זאָל זײַן דער קיניג פֿון יהודה, און דערפֿאַר האָט ער פֿרײַ און אָפֿן געלאָזט הערן זײַן קול, אַז מע זאָל עפֿענען די טויערן און אַרײַנלאָזן הורדוסן קיין ירושלים.

אָבער ניט דער הונגער און ניט די נויט, ניט די צעריסנקייט צווישן די פּרושים און צדוקים און ניט די מורא פֿאַרן טויט האָבן געקענט אָפּשוואַכן דעם מוט פֿון די, וואָס האָבן די פֿעסטונג פֿון דער שטאָט ירושלים באַשיצט. בײַ טאָג און בײַ נאַכט זענען זיי געווען אויף דער וואַך, און ווי נאָר דער שונא איז צוגעקומען נעענטער, האָבן זיי אויף אים מיט שטיינער און פֿײַלן געהאָגלט, און ווי נאָר זיי האָבן מיט די אויגן אויפֿגעכאַפּט, ווי מע פֿירט צו די שווערע אײַזנס צו שטורעמען די ווענט פֿון דער פֿעסטונג, האָבן זיי פֿון דער הויך די שווערסטע זאַכן געוואָרפֿן און אַ סך פֿון זיי זענען דערבײַ אַרײַן אין אַזאַ היציקייט, אַז זיי האָבן זיך אַליין פֿון דער הויך געוואָרפֿן איינער נאָכן אַנדערן צו דערשטיקן מיט דער שווערקייט פֿון זייער אייגן לײַב די, וואָס זענען אונטן געשטאַנען.

אַנטיגאָנוסן אַליין האָט מען אויך אָפֿט געזען אויף די ווענט פֿון דער פֿעסטונג. ער האָט זײַן לעבן אין די גרעסטע סכּנות אײַנגעשטעלט און האָט אַלעמען אונטערגעגעבן מוט.

— געדענקט, אַז דאָס איז אַ מלחמה פֿאַר דער פֿרײַהייט פֿונעם לאַנד און פֿאַר דער פֿרײַהייט פֿונעם פֿאָלק! — האָט ער אַלע מאָל די קריגסלײַט דערמאָנט — דאָס איז אַ מלחמה קעגן די פֿרעמדע און אויך קעגן די אייגענע, די קנעכט פֿון רוים!

ער איז שוין מער ניט געווען שטרענג. אין זײַן קול איז געווען ווייכקייט און געבעט. פֿון זײַן אַמאָליקער גדלות איז אַפֿילו קיין סימן ניט געבליבן. אין איינעם מיט אַלעמען האָט ער אויף זיך אַלע צרות פֿון דער שווערער מלחמה געטראָגן, און דאָס האָט זיך אָפּגעשטעמפּלט אויף זײַן פּנים און עס איז אויף אים געווען פּונקט אַזאַ רחמנות ווי אויף די אַלע אַנדערע אײַנוואוינער פֿון דער הייליקער שטאָט.

ד

וואָס אַ מאָל האָט די מלחמה בײַ די טויערן פֿון ירושלים זיך צעפֿלאַקערט אַלץ מער און מער. און אַזוי האָט זיך עס געצויגן מער ווי פֿינף חדשים. די רוימער, וואָס האָבן געהאָלפֿן הורדוסן באַלאַגערן די שטאָט, האָבן אָנגעהויבן פֿאַרלירן דאָס געדולד.

— דאָס איז אַ פֿאַרעקשנט פֿאָלק — האָט דער רוימישער קריגספֿירער סאָסיוס זיך געקלאָגט — דאָס איז אַ פֿאָלק, וואָס שלאָגט זיך אַפֿילו דאַן, ווען עס איז קלאָר, אַז די מלחמה איז פֿאַרלוירן.

הורדוס האָט אָנגעהויבן מורא האָבן, אַז סאָסיוס זאָל אים נאָך ניט פֿאַרלאָזן, און דערפֿאַר האָט ער געביטן דעם גאַנג פֿון דער מלחמה און זיך אָנגעהויבן באַנוצן מיט אַזעלכע מיטלען, וואָס ער האָט פֿריִער בײַ דער באַלאַגערונג פֿון

ירושלים ניט באַנוצט אַזוי אָפֿט; אַנשטאָט דעם וואָס פֿריִער האָט ער די רוימישע לעגיאָנען געהאַלטן הינטן און געפֿירט די ערשטע אין שלאַכט זײַנע ייִדישע מחנות, האָט ער איצט די רוימישע לעגיאָנען אָנגעהויבן אַרויספֿירן אין די ערשטע רייען אין יעדער שלאַכט; ער האָט זיי געטריבן אויף די בערג, וואָס מע האָט אָנגעשאָטן בײַ דער וואַנט פֿון דער פֿעסטונג; אין ברייטע, צעוואָרפֿענע רייען האָט ער איין מחנה נאָך דער אַנדערער אויף די אָנגעשאָטענע בערג צעשפּרייט, און אַלע זענען געגאַנגען מיט פֿײַל און בויגן אין די הענט און מיט די שווערדן אויף די דיכן, און הינטער זיי זענען געקומען נאָך און נאָך באַוואָפֿנטע קריגסלײַט. און וואָס העכער זיי זענען געקומען צו די, וואָס האָבן אין דער הויך די פֿעסטונג באַשיצט, אַלץ שנעלער זענען בײַ זיי די טריט געוואָרן. און פֿוןביידע זײַטן האָט געהאָגלט מיט פֿײַלן, און פֿון איין זײַט זענען טויטע און פֿאַרוואונדעטע געפֿאַלן פֿון די ווענט, און פֿון דער אַנדערער זײַט האָבן זיך טויטע און פֿאַרוואונדעטע געקײַקלט פֿון די אָנגעשאָטענע בערג. און דאָס געקלאַנג פֿון שווערדן און מעסערס האָט ניט אויפֿגעהערט, און יעדע שווערד און יעדער מעסער איז געווען רויט פֿון בלוט. און אַזוי האָט זיך די שלאַכט לאַנג געצויגן, ביז די רוימער האָבן די ייִדן פֿון דער פֿעסטונג פֿאַרטריבן און זיך מיט שטורעם אַרײַנגעריסן קיין ירושלים.

אַרײַנגעריסן האָבן זיי זיך אין דעם אויבערשטן טייל פֿון דער שטאָט, און באַלד נאָך דעם זענען שוין דורכן טויער אַרײַן נאָך און נאָך רוימישע מחנות, און זיי האָבן זיך ווי אַ פֿאַרפֿלייצונג צעשפּרייט איבער אַלע גאַסן און מיט רציחה געשאָכטן אַלטע און יונגע, ווײַבער און קליינע קינדער. זיי האָבן קיין איין שטוב ניט דורכגעלאָזט, זיי האָבן זיך אומעטום מיט רציחה אַרײַנגעריסן ווי די ווילדע און האָבן געראַבעוועט און געגזלט וויפֿל זיי האָבן נאָר געקענט און וואָס עס איז נאָר מעגלעך געווען צו נעמען מיט זיך. אַ סך הײַזער און הויפֿן, וואו מענטשן האָבן זיך באַהאַלטן, האָבן די רוימישע זעלנער אונטערגעצונדן, און דאָס האָט נאָך גרעסער געמאַכט די מהומה אין שטאָט; פֿון אַלע זײַטן זענען מענטשן געלאָפֿן זוכן אַן אָרט, וואו זיך צו באַהאַלטן. אָבער עס איז אין ערגעץ קיין באַהעלטעניש ניט געווען פֿאַר דעם פֿרעמדן שונא, וואָס האָט זיך מיט אַזאַ מוראדיקער רציחה אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף די אײַנוואוינער פֿון דער הייליקער שטאָט; זיי האָבן זיך מיט קיינעם און מיט קיין זאַך ניט גערעכנט, די רוימישע זעלנער, וואָס זענען מיט אַ מאָל געוואָרן אַזוי ווילד; זיי האָבן אַלץ ניט געקענט שטילן דעם געפֿיל פֿון נקמה, וואָס האָט אין זיי געברענט דערפֿאַר, וואָס זיי האָבן אַזוי לאַנג געוואַרט ביז זיי וועלן קענען אַרײַן אין שטאָט; זיי האָבן צעשטערט אַלץ, וואָס איז זיי נאָר אונטער די הענט געקומען, און אָן רחמנות געשאָכטן יעדן איינעם, וואָס זיי האָבן נאָר דערזען. אַפֿילו אין הויף פֿון דעם הייליקן טעמפּל האָבן זיי זיך אַרײַנגעריסן, און דאָרט האָבן זיי זיך מיט אַ ווילדער רציחה אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף די מענטשן, וואָס זענען זיך אַהין פֿון אַלע עקן שטאָט צונויפֿגעלאָפֿן זיך דאָרט צו באַהאַלטן. זיי האָבן געקוילעט ווי די שאָף אַלטע און יונגע, פֿרויען און קליינע קינדער. אויך די כּהנים, וואָס זענען געשטאַנען בײַם מזבח, האָבן זיי אויסגעקוילעט. און מיט זייערע ווילדע געשרייען און מיטן געקלאַנג פֿון מעסערס און

שווערדן, וואָס זענען געווען רויט פֿון בלוט, האָבן זיי זיך אַלץ געריסן אַרײַנ־צוקומען אין דעם קדשי־קדשים פֿונעם טעמפּל.

זיי זענען געווען זיכער, די צוויילדעוועטע רוימישע זעלנער, אַז אינעווייניק, אין דעם קדשי־קדשים, וועלן זיי געפֿינען אַ סך גאָלד און זילבער און טײַערע כּלים און זיי וועלן דאָס אַלץ צונעמען פֿאַר זיך. דערפֿאַר האָבן זיי זיך אַהין אַזוי גע־ריסן און מיט אַזאַ כּעס די פֿאַרהאַקטע טירן געשטורעמט. אָבער ווען הורדוס איז אַרײַנגעקומען קיין ירושלים מיט זײַנע ייִדישע מחנות און ער האָט דערזען דעם חורבן און די שחיטה, וואָס די רוימער האָבן געמאַכט אין שטאָט, און ער האָט דערהערט, אַז זיי ווילן זיך אַרײַנרײַסן אין דעם קדשי־קדשים פֿון טעמפּל, איז ער גלײַך אין אײַלעניש אַוועק אַהין, און ווען ער האָט מיט זײַנע אויגן דערזען, וואָס דאָרט קומט פֿאָר, האָט ער אָנגעהויבן שרײַען אויפֿן קול:

— קיינער זאָל זיך ניט דערוועגן אַהין אַרײַנצוקומען! שוין זאָלן אַלע אַרויס פֿון דאַנען!

מיט אַלע כּוחות האָט ער געשריגן, עס האָט זיך געדאַכט, אַז פֿון זײַן געשריי האָבן די ווענט אָנגעהויבן צו ציטערן. אָבער די רוימער האָבן זיך צו זײַן קול ניט צוגעהערט און זיך אַלץ געריסן אַרײַנצוקומען אין דעם קדשי־קדשים. און ווען ער האָט דערזען, אַז זיי הערן אים ניט, האָט ער זיך געגעבן אַ לאָז פֿאָרויס, מיט די שטאַרקע עלנבויגנס האָט ער פֿאַר זיך אַ וועג געמאַכט, און אַוועק־שטעלנדיק זיך מיט זײַן פֿולער הויך בײַ די פֿעסט־פֿאַרמאַכטע טירן פֿון דעם קדשי־קדשים, האָט ער אַרויסגעצויגן זײַן שווערד פֿון שייד און אַרויסגעברומט פֿון צווישן די ציין:

— אויב עמעצער וועט זיך דערוועגן צוצוקומען אַהער און אויפֿהייבן אַ האַנט, וועל איך אים מיט דער שווערד גלײַך אויפֿן אָרט אָפּהאַקן דעם קאָפּ!

דאָס גאַנצע פּנים איז בײַ אים געווען אַזוי רויט ווי מיט בלוט אָנגעגאָסן, ווען ער האָט די ווערטער פֿון צווישן די ציין אַרויסגעברומט. און געשטאַנען איז ער אַ גלײַכער, אַ פֿעסטער, און די האַנט מיט דער שווערד האָט בײַ אים קיין איין ציטער ניט געטאָן.

דער טומל אַרום אים האָט זיך באַלד אײַנגעשטילט, פּונקט ווי מע וואָלט אַלע קולות מיט אַ שאַרף מעסער איבערגעשניטן. קיינער פֿון די רוימער האָט ניט געוואָגט דאָס מויל צו עפֿענען. קיינער האָט ניט געוואָגט זיך צו שטעלן אַקעגן.

נאָך דעם איז ער מיט אַ צוגעקליבענער מחנה פֿון ייִדישע קריגסלײַט אַוועק אָפּשטעלן די שחיטות אין שטאָט, אָבער דאָס איז אים שוין אָנגעקומען אַ סך שווערער, וואָרעם ווען ער האָט אָפּגעשטעלט די שחיטות אויף איין אָרט, האָבן זיי באַלד אויסגעבראָכן אויף אַן אַנדער אָרט נאָך מיט מער אַכזריות און ווילד־קייט. עס איז גאָר אוממעגלעך געווען אײַנצוצוימען די רוימער, וואָס האָבן זיך קיין ירושלים אַרײַנגעריסן; זיי האָבן געצונדן, געברענט, געראַבעוועט, געגזלט, געשאָכטן, געקוילעט, און עס איז זיי אַלץ ניט געווען גענוג. און ווען הורדוס האָט דערזען, אַז דער חורבן אין שטאָט ווערט וואָס אַ מאָל אַלץ גרעסער און גרעסער און עס נעמט גאָר קיין סוף ניט, איז ער אין דער מהומה אַזוי לאַנג אַרומגעלאָפֿן

רײַטנדיק אויפֿן פֿערד ביז ער האָט געפֿונען סאַסיוסן. און ווי ער האָט אים באַר דערזען, האָט ער אָנגעהויבן שרײַען אויפֿן קול:

— איז דאָס דער ווילן פֿון רוים מיך אָוועקצוזעצן אויפֿן טראָן אין אַ שטאָט, וואָס וועט זײַן וויסט ווי אַ מדבר? פֿאַר וואָס טוט סאַסיוס גאָרניט אײַנצוצוימען די ווילדקייט פֿון די רוימישע זעלנער? זיי וועלן דאָך דאָ אַלעמען אויסקוילען. און דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן פֿון דער שטאָט וועלן זיי מיט זיך אָוועקפֿירן!

סאַסיוס האָט שוין דאַן בײַ צײַטנס געהאַט געפֿײַערט דעם גרויסן נצחון איבער דער שטאָט ירושלים. צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע עלטסטע פֿון די רוימישע לע־גיאָנען האָט ער שוין פֿון גרויסע בעכערס ווײַן געטרונקען און אין גאַנצן ניכטער איז ער שוין ניט געווען...

— צו וואָס דאָס שרײַען? — האָט ער זיך געקרימט, און דערבײַ האָט ער זיך שוין אַ ביסל געוואַקלט און די צונג האָט זיך בײַ אים שוין אַ ביסל צו אָפּט פֿאַרפּלאָנטערט — דער קיניג פֿון יהודה דאַרף ניט זײַן בייז... פֿריילעך דאַרף ער זײַן, דער קיניג פֿון יהודה, און דאָ מיט אונדז אין איינעם דאַרף ער ווײַן פֿון גרויסע בעכערס טרינקען... בייז דאַרף ער ניט זײַן... וואָרעם... וואָרעם אין אַ מלחמה איז בײַ אונדז אַלע מאָל אײַנגעפֿירט אַזוי: ווען מע קומט אַרײַן אין אַ שטאָט פֿון אַ שונא, וואָס האָט די שלאַכט פֿאַרלוירן, לאָזט מען די זעלנער טאָן, וואָס זיי ווילן און וואָס זייער האַרץ גלוסט... זיי האָבן דאָס פֿאַרדינט. ערלעך פֿאַרדינט... און דעריבער זאָג איך: דער קיניג פֿון יהודה דאַרף ניט שרײַען... אָט דאָ לעבן מיר זאָל ער זיך אַוועקזעצן און טרינקען ווײַן פֿון אַ גרויסן בעכער... אָט פֿון אַזאַ בעכער!.. הייסן אָנגיסן? האַ?.. כאַ־כאַ... דער קיניג פֿון יהודה, זע איך, איז נאָך אַלץ בייז...

— יאָ, איך בין בייז — איז הורדוס מיט אים געווען אָפֿנהאַרציק — זייער בייז. און אויך מאַרק אַנטאָני, בין איך זיכער, וועט זײַן בייז, זייער בייז, ווען די נײַס וועגן דעם, וואָס דאָ איז געשען וועט זיך צו זײַנע אויערן דערטראָגן...

און ווען גאַיוס סאַסיוס האָט דערהערט דעם נאָמען פֿון מאַרק אַנטאָני, האָט ער זיך גלײַך אין גאַנצן אויסגעניכטערט.

— דער קיניג פֿון יהודה דאַרף ניט זײַן בייז — האָט ער גוטברודעריש אַרומ־גענומען הורדוסן מיט איין האַנט — צו וואָס זײַן בייז? איך שווער בײַ די געטער, אַז נאָך הײַנט, אײדער די זון וועט פֿאַרגיין, וועט אין שטאָט זײַן שטיל און קיין רוימער וועט ניט אויפֿהייבן זײַן האַנט אויף קיינעם פֿון די אײַנוואוינער דאָ און בײַ קיינעם וועט ניט געמינערט ווערן קיין האָר פֿון קאָפּ און מע וועט בײַ קיינעם ניט צונעמען אַפֿילו קיין בענדל פֿון אַ שוך.

און אַזוי איז טאַקע געווען.

אָבער אַפֿילו נאָך דעם ווי דער עלטסטער פֿון די רוימישע לעגיאָנען האָט שוין געהאַט אײַנגעשטילט די לײַדנשאַפֿטן פֿון זײַנע צעווילדעוועטע זעלנער און אין דער שטאָט ירושלים איז שוין געווען שטיל, איז די מורא דאָרט נאָך אַלץ געווען גרויס און מענטשן האָבן זיך אין די לעכער פֿאַררוקט און מורא געהאַט זיך אין גאַס צו ווײַזן. מע האָט זיך פֿאַרן אייגענעם שאָטן געשראָקן, און ווען עס האָט זיך פֿון ערגעץ דערטראָגן עפּעס אַ רעש, איז די מורא גלײַך געוואָרן נאָך

גרעסער, און אַלע האָבן פֿאַר שרעק אײַנגעהאַלטן די אָטעמס און עס האָט זיך געדאַכט, אַז באַלד וועלן דאָ אַלע אָנהייבן שרײַען מיט באַנומענע קולות און אַ סך וועלן אין דעם גרויסן פּחד אין גאַנצן פֿון זינען אַרונטער.

ז

אונ אין דער מהומה, וואָס האָט לאַנג געהערשט אין דער שטאָט, האָבן הורדוסעס באַוואָפֿנטע לײַט געפֿאַנגען אַנטיגאָנוסן און אים איבער די גאַסן געפֿירט צו סאָסיוסן.

ער האָט געקענט אַנטלויפֿן נאָך איידער מע האָט אים געפֿאַנגען, אָבער ער האָט ניט געוואָלט אַנטלויפֿן, דער לעצטער קיניג פֿון דער חשמונאים־משפּחה.

אַפֿילו דאַן, ווען עס איז שוין פֿאַר אים געווען קלאָר, אַז ער האָט די מלחמה פֿאַרלוירן און אַז ער קען שוין מער אויף גאָרניט האָפֿן, האָט ער זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן און ניט געוואָלט אַנטלויפֿן. ווען די חיילות פֿונעם שונא האָבן זיך אַרײַנגעריסן קיין ירושלים מיט שטורעם און האָבן פֿאַרכאַפּט איין טייל פֿון שטאָט, האָט ער מיט זײַנע מחנות געפּרואווט זיך באַפֿעסטיקן אין דעם אַנדערן טייל פֿון שטאָט. עטלעכע טעג האָט ער אַהין די חיילות פֿון דעם שונא ניט צוגעלאָזט. ער אַליין איז אין אַלע שלאַכטן געווען אין די ערשטע רייען. פּונקט ווי ער וואָלט געזוכט דעם טויט, האָט ער זיך אין די גרעסטע סכּנות געשפּאַרט. און ווען ער איז שוין געווען גרייט צו פֿאַלן אויף זײַן שווערד און אַליין מאַכן אַ סוף צו זײַן לעבן, האָבן הורדוסעס באַוואָפֿנטע לײַט אים געפֿאַנגען און אים אַוועקגעפֿירט צו סאָסיוסן.

אויפֿן וועג, ווען מע האָט אים איבער די גאַסן געפֿירט, האָט ער געפּרואווט האַלטן דעם קאָפּ הויך אויפֿגעהויבן, אָבער ער האָט ניט געקענט. עס איז אים שווער געווען צו שפּאַנען אַ געפֿאַנגענער איבער די גאַסן פֿון דער שטאָט, וואו ער איז מער ווי דרײַ יאָר געווען אַ קיניג און אַ כּהן־גדול; אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז פֿון אַלע שפּאַלטן און פֿון אַלע לעכער קוקט מען איצט אויף אים און מע זעט אים אין זײַן גאַנצער געפֿאַלנקייט; ער האָט דאַן אין זײַן אייגענער געפֿאַלנקייט געפֿילט די ירידה און דעם אונטערגאַנג פֿון דער גאַנצער חשמונאים־משפּחה, וואָס האָט אַ מאָל געמאַכט גרויס און באַרימט דעם נאָמען פֿון זײַן פֿאָלק און פֿון זײַן לאַנד; דער טיפֿער ווייטאָג, וואָס ער האָט אין האַרצן געטראָגן, איז געוואַקסן און איז געוואָרן גרעסער מיט יעדן שפּאַן, וואָס ער האָט געמאַכט, בעת מע האָט אים געפֿירט אַ געפֿאַנגענעם איבער דער שטאָט, וואו ער האָט ערשט ניט לאַנג צוריק געהערשט; ער האָט געוואָלט, אַז דער וועג זאָל זיך שוין וואָס שנעלער ענדיקן און עס זאָל שוין זײַן אַ סוף צו דער שרעקלעכער אָפּקומעניש, אָבער ווי אויף צו להכעיס האָט זיך דער וועג געצויגן לאַנג. און ווען מע האָט אים צום רוימישן קריגספֿירער סאָסיוס געבראַכט, איז דאָס האַרץ שוין בײַ אים געווען אַזוי פֿול מיט ווייטיק, אַז ער האָט מיט אַ מאָל געגעבן אַ פֿאַל אויף די קני און פֿון די אויגן האָבן זיך בײַ אים גענומען גיסן טרערן ווי פֿון אַ קוואַל...

עס איז ניט געווען קיין אונטערטעניקייט אין דעם, וואָס ער איז אויף די קני געפֿאַלן, ווען מע האָט אים צום עלטסטן פֿון די רוימישע לעגיאָנען געבראַכט; ער האָט סאָסיוסן גאָרניט געזען, ווײַל אין די אויגן האָט אים אַזוי געשווינדלט, אַז ער האָט קיינעם און קיין זאַך פֿאַר זיך ניט געזען. ער איז פּשוט געווען אַזוי שרעקלעך אויסגעמאַטערט און אַזוי צעבראָכן, אַז ער האָט מער אויף די פֿיס ניט געקענט שטיין. און ווען מע האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט אים, איז ער אומגעפֿאַלן אויף די קני און האָט דעם קאָפּ צו דער ערד אָנגעבויגן. אָבער געבעטן האָט ער בײַ סאָסיוסן גאָרניט. ער האָט די אויגן פֿון דער ערד ניט אויפֿגעהויבן. און זײַנע שטײַף צוגעמאַכטע ליפּן האָבן קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. ער האָט בײַ קיינעם ניט געוואָלט בעטן, מע זאָל אים באַגנעדיקן. ער איז געווען גרייט מע זאָל אים געבן דעם טויט...

עס איז אויך ניט געווען קיין אונטערטעניקייט אין דעם, וואָס ער האָט אַזוי געוויינט, ליגנדיק אויף דער ערד; ער האָט מיט זײַנע טרערן קיינעם ניט געוואָלט רירן און ער איז דערמיט ניט אויסן געווען אַרויסצורופֿן רחמנות צו זיך. ער האָט די טרערן פּשוט ניט געקענט אײַנהאַלטן, ווײַל דאָס האַרץ האָט אין אים געוויינט; ער האָט אין אַלע בלוטן און אין אַלע אבֿרים געפֿילט ניט נאָר זײַן אייגענעם סוף, נאָר אויף דעם סוף פֿון דער גאַנצער חשמונאים־משפּחה, וואָס האָט הונדערט מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר געקיניגט אין יהודה און אַרויס־געגעבן אַזוי פֿיל גיבורים, וואָס האָבן זיך געמאַכט באַליבט בײַם גאַנצן פֿאָלק; ער האָט אין זײַן אייגענעם סוף אויך געזען דעם סוף פֿון אַ טרוים, וואָס האָט געוואָרעמט די הערצער פֿון אַ גאַנץ פֿאָלק...

און ער האָט געמוזט וויינען.

דער בראָך פֿון דורות האָט פֿון אים אַרויסגעוויינט.

דער בראָך פֿון דורות, וואָס זענען שוין אַוועק און אויך פֿון די, וואָס וועלן ערשט קומען...

אָבער דאָס האָט דער רוימער גאַיוס סאָסיוס ניט געקענט פֿאַרשטיין. קוקנדיק אויף אַנטיגאָנוס דעם חשמונאי, ווי ער ליגט אַזוי אויף דער ערד און וויינט, האָט ער זיך צעלאַכט אויפֿן קול.

— כאַ־כאַ־כאַ, דער קיניג וויינט...

דאָס הילכיקע געלעכטער זײַנס האָט זיך אַנטיגאָנוסן שאַרף אין די אויערן אַרײַנגעשניטן און ער האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ און איז אויפֿגעשטאַנען. און ווען ער האָט פֿאַר זיך דעם רוימישן קריגספֿירער דערזען, איז ער געבליבן שטיין אַ גלײַכער, אַן אויסגעצויגענער און מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ערשט איצט האָט ער זיך דערמאָנט וואוהין מע האָט אים געבראַכט און פֿאַר וועמען ער שטייט. אָבער אַפֿילו ווען ער איז געשטאַנען אַ גלײַכער, אַן אויסגעצויגענער און זיך אָנגעשטרענגט צו קוקן אויפֿן רוימער שטאָלץ, זענען בײַ אים די אויגן דאָך געווען פֿול מיט טרערן און ער האָט געביסן די ליפּן ביז בלוט...

ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן. אַזוי האָט זיך אויסגעוויזן די מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען לעבן אים. אָבער פֿון זײַן מויל איז קיין וואָרט ניט אַרויסגע־

קומען. מיט די אויגן האָט ער געזוכט הורדוסן און ער האָט אַזוי געוואָלט, דאָ פֿאַר אַלעמען אין די אויגן און צום לעצטן מאָל, שיקן אַ קללה אויף זײַן קאָפּ און אים אויפֿוואַרפֿן זײַן נידעריקן שטאַם. אָבער ער האָט דאָ אין ערגעץ הורדוסן ניט געזען. און די בליקן, וואָס ער האָט אין אַלע זײַטן געוואָרפֿן, האָבן אָפּגעשפּיגלט די גאַנצע פֿאַרלוירנקייט זײַנע. און דאַן איז סאַסיוס צוגעגאַנגען נעענטער און אַרײַנלאַכנדיק אים גלײַך אין פּנים אַרײַן, האָט ער זײַן נאָמען איבערגעדרייט אַזוי, אַז ער זאָל קלינגען ווײַבעריש:

— אַנטיגאָנאַ...

מיט דעם האָט דער רוימער דעם לעצטן קיניג פֿון די חשמונאים געוואָלט נאָך מער דערנידעריקן. ער האָט דעם ווײַבערישן נאָמען עטלעכע מאָל איבער־געזאָגט און אַלע מאָל מיט נאָך מער גאַל, מיט נאָך מער חוזק:

— אַנ־טי־גאָ־נאָ...אַנ־טי־גאָ־נאָ...

און ער האָט אַלץ געלאַכט און געלאַכט.

מע האָט געקענט זען, ווי דער מענטש האָט גרויס פֿאַרגעניגן פֿון דעם, וואָס עס איז אים אַזאַ גלענצנדיקער געדאַנק אײַנגעפֿאַלן, און ווי עס קומט אים צו אַ שטיק געזונט דערפֿון, וואָס ער קען אַזוי חוזק מאַכן פֿון דעם געפֿאַלענעם ייִדישן קיניג, וואָס האָט שוין אַלץ פֿאַרלוירן. און בײַ אַנטיגאָנוסן האָט זיך פֿון האַרצן בלוט געגאָסן, אָבער ער האָט דאָך גאָרניט געזאָגט. פֿאַרקריצט די ציין און גאָרניט געזאָגט. עס איז אים דאַן שוין געווען אַלץ איינס. ער האָט מער קיין האָפֿענונגען ניט געהאַט און זיך מער פֿאַרן טויט שוין ניט געשראָקן. בלויז דער געדאַנק, אַז מען קען אים נאָך פּײַניקן אויך פֿאַרן טויט האָט בײַ אים אַרויסגערופֿן אַ געפֿיל פֿון שרעק. קיין ערגערע זאַך ווי געפּײַניקט צו ווערן אין אומבאַהאָלפֿנקייט האָט ער זיך גאָר קיין מאָל ניט געקענט פֿאָרשטעלן. און ווען מע האָט אים געבראַכט אין דער שטאָט אַנטיוכיאַ, וואו מאַרק אַנטאָני האָט זיך דעמאָלט גראָד אָפּגע־שטעלט אויף אַ קורצער צײַט, איז די שרעק פֿאַר דעם בײַ אים געוואָרן נאָך גרעסער און ער האָט געוואָלט, אַז עס זאָל שוין וואָס גיכער קומען דער סוף.

און גלײַך נאָך דעם, ווי מע האָט אַנטיגאָנוסן אַ געפֿאַנגענעם קיין אַנטיוכיאַ אַוועקגעפֿירט, איז הורדוס אויך אַוועק אַהין. ער האָט זיך געאײַלט צו זײַן דאָרט וואָס שנעלער, ווײַל ער האָט מורא געהאַט, אַז מאַרק אַנטאָני זאָל נאָך דעם גע־פֿאַלענעם ייִדישן קיניג פֿון יהודה ניט אַוועקשיקן קיין רוים, מע זאָל אים דאָרט משפּטן. דאָס וואָלט הורדוסן זיכער ניט געגעבן קיין רו, ווײַל עס איז שוין פֿאַר אים מער קיין סוד ניט געווען, אַז פּונקט אַזוי ווי מאַרק אַנטאָני טראַגט זיך אַרום מיטן געדאַנק אָפּצוראַמען זײַן פֿרײַנד אָקטאַוויאַנוס פֿון וועג און אַליין ווערן דער הערשער פֿון דער רוימישער אימפּעריע, אַזוי טראַכט אָקטאַוויאַנוס וועגן פּטור ווערן פֿון מאַרק אַנטאָנין און אַליין איבערנעמען די גאַנצע מאַכט. דאָס האָט הורדוס גוט געוואוסט. ער האָט וועגן דעם אָפּט געטראַכט; און ער האָט אויך געטראַכט, אַז אין דעם קריג צווישן די צוויי קען אין רוים זיך נאָך שאַפֿן אַזאַ לאַגע, אַז אָקטאַוויאַנוסן זאָל זיך לוינען צו נעמען דעם געפֿאַלענעם חשמונאי און אים צוריק מאַכן פֿאַרן קיניג פֿון יהודה, און קעגן דעם הורדוס זיך בײַ צײַטנס שוין געוואָלט באַוואָרענען.

געקומען קיין אַנטיוכיאַ צו מאַרק אַנטאָנין איז הורדוס דאַן ניט מיט קיין ליידיקע הענט; ער האָט אים געבראַכט מתנות פון גאָלד און זילבער און טײַערע איידלשטיינער, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פונעם אוצר פון דער מלוכה, און אָוועקלייגנדיק דאָס אַלץ פאַר אים, האָט ער זיך טיף פאַרנייגט.

— דאָס, מײַן פרײַנד מאַרק אַנטאָני — האָט ער געזאָגט — איז דער אויס־דרוק, וואָס קומט פון דער טיפעניש פון מײַן האַרץ. זאָל דאָס זײַן אַ צייכן פון פרײַנדשאַפט צווישן רוים און ירושלים. מיט דער הילף פון די רוימישע לעגיאָנען, וואָס דו האָסט מיר מיט סאָסיוסן געשיקט, האָב איך דעם שונא געשלאָגן. און דאָס איז מײַן דאַנק דערפאַר, וואָס דו האָסט מיר געטאָן אַזוי פיל גוטס.

מאַרק אַנטאָני האָט באַוואונדערט די טײַערע איידלשטיינער. די אויגן האָבן זיך בײַ אים גאָר ברייטער צעעפנט, ווען ער האָט דאָס גאָלד און זילבער דערזען. מיט זײַן געניטקייט אין אַזעלכע זאַכן, האָט ער אין געדאַנק באַלד אָפּגעשאַצט די ווערט פון די טײַערע מתנות. דאָס פנים האָט בײַ אים געשײַנט, און דאַן איז שוין הורדוסן געווען לײַכטער צוצוקומען צום עיקר, וואָס האָט אים די גאַנצע צײַט ניט געלאָזט רוען.

— און וואָס דענקט מײַן פרײַנד מאַרק אַנטאָני איצטער צו טאָן מיט אַנטי־גאָנוסן דעם חשמונאי? — האָט ער דעם רוימישן הערשער געפרעגט.

— איך וועל אים אַ געפאַנגענעם, געשמידט אין קייטן, ברענגען קיין רוים — האָט מאַרק אַנטאָני געענטפערט. — מיט נאָך געפאַנגענע פון אַנדערע לענדער וועט ער, דער קיניג פון יהודה, גיין דער ערשטער אין דער ריי, און אַלע וועלן אויף אים מיט די פינגער אָנווײַזן און וועלן לאַכן. דאָס וועט זײַן אַ בילד, וואָס מ׳וועט אין רוים לאַנג געדענקען...

— און נאָך דעם? — האָט הורדוס ווידער געשטעלט אַ פראַגע.

— נאָך דעם וועט ער פאַרשפאַרט ווערן אין געפענקעניש.

— און ווײַטער?

וועגן דעם וואָס ס׳וועט זײַן ווײַטער האָט מאַרק אַנטאָני ניט געטראַכט און ניט געהאַלטן פאַר נייטיק צו טראַכטן, וואָרעם דער עיקר איז בײַ אים געווען, מ׳זאָל זען אין רוים, אַז ער האָט געבראַכט אַ קיניג געפאַנגען. ערשט ווען הורדוס האָט אים געזאָגט, אַז מ׳דאַרף זיך גוט באַקלערן וואָס ווײַטער צו טאָן, האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דעם, אָבער ער האָט גאָרניט געקענט צוטראַכטן.

— מײַן פרײַנד מאַרקוס אַנטאָניוס דאַרף געדענקען — האָט הורדוס צו אים געזאָגט אַזוי ווי ער וואָלט געוואויגן און געמאָסטן יעדעס וואָרט — מײַן פרײַנד מאַרקוס אַנטאָניוס דאַרף געדענקען, אַז אַנטיגאָנוס איז פון דער חשמונאים־משפחה, און דאָס מיינט, אַז ער איז אַ שונא פון רוים. פונקט ווי זײַן פאָטער אַריס־טובולוס, וואָס איז אין רוים אין געפענקעניש געווען פאַרשפאַרט, קען ער אויך פון דאָרט אַנטלויפן און ווידער קומען אַהער און רופן דאָס פאָלק צו מלחמה... און ס׳קען גאָר זײַן, אַז איינער, וואָס קלײַבט זיך צו פאַרשפרייטן אַ נעץ פאַר דיר, מײַן פרײַנד מאַרקוס אַנטאָניוס, זאָל אים העלפן אַנטלויפן פון געפענקעניש... איז דען דאָס זעלבע ניט געשען, ווען זײַן פאָטער אַריסטובולוס איז אין רוים אין תפיסה געווען פאַרשפאַרט?.. און דעריבער איז מײַן עצה, אַז...

דאָ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און ניט געענדיקט, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן. אָבער מאַרק אַנטאָני האָט פֿאַרשטאַנען וואָס ער מיינט.

— איך פֿאַרשטיי, איך פֿאַרשטיי — האָט ער געזאָגט — דו האָסט מיר איצט די אויגן געעפֿנט. און ס'איז מײַן פֿעסטער באַשלוס, אַז אַנטיגאָנוס דער חשמונאי זאָל דאָ אין אַנטיוכיאַ פֿאַרמשפּט ווערן צום טויט... און משפּטן וועט מען אים ניט ווי אַ געפֿאַנגענעם קיניג, נאָר ווי אַן איינפֿאַכן פֿאַרברעכער. מע וועט אים אָפּהאַקן דעם קאָפּ... יאָ, אַזוי וועט דאָס זײַן! — האָט ער אַ זאָג געטאָן פֿעסט, ווי ער וואָלט זיך אַליין געוואָלט אונטערגעבן מער מוט — דאָ אין אַנטי־יוכיאַ וועט ער געפֿינען דעם טויט. זײַנע אויגן וועלן שוין רוים ניט זען...

נאָך דעם האָבן זיי שוין ביידע גאַנץ געמיטלעך גערעדט צווישן זיך וועגן גאָר אַנדערע זאַכן. עס איז אויסגעקומען ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגעפֿאַרטיקט מיט אַ קלייניקייט, וואָס האָט זיי אַ ביסל געשטערט, און איצט זענען זיי שוין דערפֿון פּטור און זיי קענען רעדן וועגן אַלץ, וואָס ס'מאַכט זיך נאָר. הורדוס האָט מאַרק אַנטאָנין דערציילט וועגן זײַן חתונה מיט מרימען אין שומרון און וועגן דעם ווי מרים איז באַליבט בײַם גאַנצן פֿאָלק, און דאַן איז מאַרק אַנטאָני מיט אַ מאָל געוואָרן פֿריילעך און געהייסן דעם באַדינער אָנגיסן די בעכערס מיט ווײַן. דעם ערשטן כּוס האָט ער אויסגעטרונקען פֿאַרן געזונט פֿון קלעאָפּאַטרען און נאָך דעם האָט ער שוין גלאַט אַזוי געטרונקען איין בעכער ווײַן נאָכן אַנדערן, און טרינ־קענדיק האָט ער געהאַלטן אין איין דערציילן געשיכטעס וועגן דעם ווי קלעאָ־פּאַטרע האָט בלויז אים אַליין ליב און נאָר צו אים גלוסט איר לײַב. און הורדוס האָט דאָס אויסגעהערט מיט אַ קלוגן און פֿילבאַדײַטנדיקן שמייכל, וואָס ער האָט זייער קונציק אין די ווינקלען פֿונעם מויל באַהאַלטן. ער האָט אויך אויסגעהערט אַלץ, וואָס מאַרק אַנטאָני האָט אים דערציילט וועגן די נעכט פֿון ליבע און ווילדער תּאווה מיט קלעאָפּאַטרען אין אַלעקסאַנדריע. ער האָט אים געלאָזט פֿלוידערן פֿרײַ וועגן דעם, כאָטש די אַלע זאַכן האָבן בײַ אים אַרויסגערופֿן אַ ווידער־געפֿיל, און ער אַליין האָט דערבײַ גאָר געטראַכט וועגן דעם ווי שיין מרים איז אין איר ליבע און ווי חנעוודיק און באַשיידן זי איז אין דעם. און ווען מאַרק אַנטאָני איז שוין געווען גוט שיכּור און די לײַדנשאַפֿטן זײַנע האָבן זיך אין אים צעשטורעמט, האָט ער זיך מיט אַ מאָל שטאַרק פֿונאַנדערגעלאַכט:

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט ער זיך מיטן גאַנצן שווערן קערפּער זײַנעם גע־טרייסלט — מיר איז איצט אַ געדאַנק אײַנגעפֿאַלן, אַ טיפֿער געדאַנק!

אין זײַן פֿולער לענג האָט ער זיך אַ צופֿרידענער אויסגעצויגן אויף דער ווייכער סאָפֿע, וואו ער איז די גאַנצע צײַט געזעסן, און פֿאַרוואָרפֿנדיק דעם קאָפּ אָן אַ זײַט, האָט ער מיט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט געוואָלט אונטערשטרײַכן די טיפֿקייט פֿון זײַן געדאַנק, וואָס איז אים נאָר וואָס אײַנגעפֿאַלן, געגעבן אַ זאָג:

— אים, אַנטיגאָנוסן דעם חשמונאי, וועט מען מיט נאָסע ריטער שמײַסן איבערן הוילן לײַב!..

באַלד האָט ער צו דעם נאָך צוגעגעבן:

— ער האָט דאָך געוויס אַ שיין לײַב, דער חשמונאי, האַ?..

די אויגן האָבן בײַ אים געברענט. עס האָט זיך אין זיי אַ גרין פֿײַערל אָנ־געצונדן, און ער האָט אַזוי געלאַכט, אַז דער גאַנצער קערפּער זײַנער האָט זיך בײַ אים אין גרויס נחת געוואָרפֿן, און ער האָט עטלעכע מאָל דאָס זעלבע אי־בערגעזאָגט:

— מיט נאַסע ריטער איבערן הוילן לײַב... מיט נאַסע ריטער...

און ער האָט שטאַרק געוואָלט וויסן:

— וואָס וועט הורדוס זאָגן וועגן דעם?

אָבער הורדוס האָט וועגן דעם גאָרניט געזאָגט. ער איז געבליבן זיצן אַ פֿאַרטראַכטער און האָט קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט...

ח

נאָך אין דעם זעלבן טאָג איז שוין אַלץ געווען צוגעגרייט דורכצו־פֿירן דעם ווילן פֿון מאַרק אַנטאָני. מע האָט דעם קיניג אַנטיגאָנוס פֿאַרמשפּט צום טויט און געמשפּט האָט מען אים ווי אַן איינפֿאַכן פֿאַרברעכער. מע האָט דעם אָנגעקלאָגטן גאָרניט געפֿרעגט און פֿון זײַן מויל גאָרניט געוואָלט הערן; מ'האָט אים אַפֿילו פֿאַר די ריכטער ניט געבראַכט. הינטער די אויגן האָט מען אויף אים דעם טויטאורטייל אַרויסגעטראָגן. און באַלד נאָך דעם האָט מען אויף דעם באַפֿעל פֿון מאַרק אַנטאָני פֿון אים די קליידער אַרונטערגעריסן און אים צוגעבונדן צו אַ קלאָץ אויף אַ שטריק און אַ מאַן מיט אַ פּנים פֿון אַ רוצח האָט אים געטריבן, ער זאָל לויפֿן ווי אין אַ ראָד און טרײַבנדיק אים האָט ער מיט נאַסע ריטער אים געשמיסן איבערן לײַב.

פֿון אַנטיגאָנוסן האָט זיך געגאָסן בלוט. אָבער ער האָט ניט געשריגן. קיין איין זיפֿץ, קיין איין קרעכץ האָט מען פֿון אים ניט געהערט. מיט די לעצטע כּוחות, וואָס ער האָט נאָך געהאַט אין זיך, האָט ער די ווייטיקן אַריבערגעטראָגן און ניט אַרויסגעוויזן אַפֿילו קיין סימן פֿון שוואַכקייט. ער האָט זיך ניט געבויגן, ווען מ'האָט מיט די ריטער געדרעשעט זײַן לײַב. ער האָט די גאַנצע צײַט די אויגן געהאַלטן אָפֿן און די ציין פֿאַרקריצט. און פּונקט ווי דער מוט פֿון די חשמונאָים פֿון אַ מאָל וואָלט איצט צו אים מיט אַ מאָל געקומען, האָט ער זיך אין מיטן לויפֿן געגעבן אַ שטעל אָפּ און פֿאַרלייגנדיק די הענט אויף דער ברוסט, האָט ער זײַן פֿײַניקער צוגעוואָרפֿן אַ בליק, וואָס האָט אין זיך געהאַט אַ וועלט מיט פֿאַראַכטונג.

דאָס האָט בײַ דעם מאַן מיטן פּנים פֿון אַ רוצח אַרויסגערופֿן נאָך מער רציחה, און ער האָט מיט נאָך מער כּעס אָנגעהויבן דרעשען מיט ריטער דאָס לײַב פֿון דעם געפֿאַלענעם ייִדישן קיניג. אָבער אַנטיגאָנוס דער חשמונאי האָט זיך גע־שטאַרקט, זיך ניט צוגעהערט צו די געשרייען פֿון דעם פֿײַניקער, ער זאָל לויפֿן אַרום און אַרום ווי אין אַ ראָד. מיט די הענט פֿאַרלייגט אויף דער ברוסט איז ער אַלץ אויף איין אָרט געשטאַנען. און אַלע מאָל, ווען ער האָט אויפֿן הוילן לײַב די ריטער דערפֿילט, האָט ער דעם שאַרפֿן ווייטיק אין זיך דערשטיקט און זײַן

פּנים האָט נאָך מער פֿאַראַכטונג אויסגעדריקט. און אַזוי איז ער געשטאַנען ביז די כּוחות האָבן זיך בײַ אים אויסגעלאָזט און ער איז אומגעפֿאַלן אויף דער ערד.

ווען מ'האָט אים דערמינטערט און ער האָט די אויגן געעפֿנט, האָט ער זיך אָנגעטאָן אַ כּוח צו רעדן און ער האָט צו די באַוואָפֿנטע לײַט געזאָגט:

— גיט איבער מאַרק אַנטאָנין אין מײַן נאָמען, אַז דערמיט וואָס ער האָט געהייסן דרעשען מיט ריטער דאָס לײַב פֿון אַ ייִדישן קיניג, וואָס שטאַמט פֿון די חשמונאים, האָט ער מיך ניט באַליידיקט; ער האָט זײַן אייגענעם נאָמען מיט שאַנד באַדעקט. דורות וועלן אַוועק און זײַן אייגן פֿאָלק וועט זיך שעמען דערמיט, וואָס ער האָט צו מיר געטאָן...

עס איז אים געווען שווער צו רעדן. די ווערטער זענען בײַ אים פֿון מויל אַרויסגעקומען אַזוי, אַז מ'האָט זיי קוים געקענט הערן. עס האָט אים אויסגעפֿעלט אָטעם און די ציין אין מויל האָבן בײַ אים געציטערט. אָבער מיט די אַלע כּוחות, וואָס זענען אים נאָך געבליבן, האָט ער זיך אָנגעשטרענגט, און ער האָט צוגעגעבן נאָך עפּעס, וואָס ער האָט געמוזט אַרויסזאָגן:

— און הורדוסן דעם אדומי גיט איבער — האָט ער פֿון צווישן די ציין די ווערטער אַרויסגעבראַכט — אַז מײַן בלוט וועט פֿאַלן אויף זײַן קאָפּ!..

מער האָט ער גאָרניט געזאָגט און גאָרניט גערעדט. און פּונקט אַזוי ווי ער האָט צוגעשלאָסן דאָס מויל און מער גאָרניט געוואָלט רעדן, אַזוי האָט ער צו־געשלאָסן די אויגן און מער די ליכט פֿון דער וועלט שוין ניט געוואָלט זען. מיט פֿאַרמאַכטע אויגן האָט ער זיך געלאָזט פֿירן צו דער קלאָץ, וואו דער תּליון מיט דער גרויסער האַק האָט שוין געוואַרט אויף אים. און שפּעטער האָט דער תּליון דערציילט:

— קיין איין קוויטש האָט מען פֿון אים ניט געהערט... ער איז שוין געווען טויט נאָך איידער מ'האָט אים דעם קאָפּ אָפּגעהאַקט...

און ווען מע האָט הורדוסן אין אַנטיוכיאַ איבערגעגעבן, אַז אַנטיגאָנוס איז שוין טויט, האָט דאָס פּנים זיך בײַ אים צעשטראַלט פֿון פֿרייד. אָבער באַלד איז אים מיט אַ מאָל געוואָרן שרעקלעך אומעטיק אויפֿן האַרצן.

ער האָט געוואָלט זײַן פֿריילעך, אָבער ער האָט ניט געקענט...

און ער האָט אַליין ניט געוואוסט, פֿאַר וואָס ער קען זיך ניט פֿרייען דערמיט, וואָס זײַן גרעסטער שׂונא איז שוין טויט...

די אַלע איינצלהייטן, וואָס מע האָט אים איבערגעגעבן וועגן דעם, ווי אַזוי מע האָט אַנטיגאָנוסן געפּײַניקט, האָבן בײַ אים גאָר אַרויסגערופֿן פּונקט אַ פֿאַר־קערטן געפֿיל פֿון דעם, וואָס ער האָט געוואָלט האָבן...

די לעצטע ווערטער פֿון דעם חשמונאי, אַז זײַן בלוט וועט פֿאַלן אויף זײַן קאָפּ, האָבן אים ניט געלאָזט רוען...

עס איז אויף אים פּלוצלינג אָנגעפֿאַלן אַזאַ מורא, אַז ער האָט זיך פֿון איר גאָר אין ערגעץ ניט געקענט באַהאַלטן...

פֿון אַלץ וואָס מע האָט אים דערציילט וועגן דעם, ווי אַזוי אַנטיגאָנוס האָט זיך געהאַלטן פֿאַרן טויט און ווי ער האָט אָפּגעגעבן די נשמה דעם באַשעפֿער, איז בײַ אים אויסגעקומען, אַז דער חשמונאַי איז שטילערהייט אפֿשר גאָר געווען אַ הייליקער און אַז ס׳קען זײַן, אַז זײַן טויט איז געווען בלויז אַ טייל פֿון אַ שליחות, וואָס ס׳איז אים געגעבן געוואָרן דורכצופֿירן אין לעבן. ער האָט אַ סך געטראַכט וועגן דעם. און ער איז פֿון אַנטיוכיאַ אַוועק צוריק קיין ירושלים מיט זייער אַ שווער געמיט...

ער האָט זיך געשראָקן, דער נײַער קיניג פֿון יהודה. ער האָט מורא געהאַט, און נאָך אַליין ניט געוואוסט פֿאַר וואָס. און אין דער זעלבער צײַט האָט ער אויך געפֿילט ווי דער כּעס ברענט אין אים און ער איז גרייט וועלטן גאַנצע אומצו־ברענגען צו פֿאַרטרײַבן די מורא פֿון זיך...

צווייטער טייל

ערשטער קאַפּיטל

אין אימפּעט פֿון נקמה

א

פֿינף און דרײַסיק יאָר איז הורדוס אַלט געווען, ווען ער איז אַרויף אויפֿן טראָן און איז געוואָרן דער קיניג פֿון יהודה.

מרים איז געווען מיט צוועלף יאָר ייִנגער פֿון אים.

און קיינער אין לאַנד האָט ניט געגלויבט, אַז די יונגע קיניגין, וואָס שטאַמט פֿון דער חשמונאים־משפּחה, האָט טאַקעווירקלעך ליב דעם קיניג הורדוס, דעם אדומי; פֿון מויל צו מויל האָט מען אין ירושלים און אויך אין די אַנדערע שטעט פֿון לאַנד איבערגעגעבן, אַז הורדוס האָט מרימען מיט גוואַלד געצוואונגען חתונה צו האָבן מיט אים. און ס'האָבן זיך אויך געפֿונען אַזעלכע, וואָס האָבן פֿאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די שיינע, יונגע קיניגין גייט שטענדיק אַרום אין הויף אַ פֿאַר־וויינטע; זי איז דאָרטן ווי אַ געפֿאַנגענע, און זי באַוויינט דעם שרעקלעכן טויט פֿון אַנטיגאָנוס דעם חשמונאי, און זי קלאָגט אויף דעם אונטערגאַנג פֿון דער גאַנצער משפּחה, וואָס האָט אַ מאָל געמאַכט גרויס דעם נאָמען פֿונעם ייִדישן פֿאָלק...

— מיט בלוט און פֿײַער און וואָלקנס רויך איז הורדוס קיין ירושלים אַרײַן!

— רוים האָט אים מיט געוואַלד אויף אונדז אַרויפֿגעצוואונגען!

— ער האָט אונדזער מלחמה פֿאַר פֿרײַהייט אין טײַכן בלוט דערטרונקען!

אַזוי האָבן מענטשן גערעדט צווישן זיך; אָבער אַלץ אין דער שטיל, ווײַל קיינער האָט ניט געהאַט דעם מוט די שׂנאה צו הורדוסן אַרויסווײַזן אָפֿן.

די מורא איז שטענדיק געהאנגען איבערן קאָפּ. און מענטשן האָבן זיך געהיט מיט אַ וואָרט, און יעדער איינער האָט זיך געשראָקן, עס זאָל נאָך אויף אים קיין חשד ניט פֿאַלן.

אַזוי גלײַך פֿון אָנהויב אָן.

אָבער וויפֿל מע האָט זיך ניט געהיט, האָט דאָס אַלץ ניט געהאָלפֿן. הורדוס האָט בחוש באַלד דערפֿילט די גרויסע שׂנאה צו זיך, און אַפֿילו ווען ער האָט אין ערגעץ קיין סימן פֿון איר ניט באַמערקט אָפֿן, האָט ער דאָך געזען, ווי זי גראָבט טיף שטילערהייט. ער האָט דאָס געזען אין די קאַלטע בליקן, מיט וועלכע דאָס פֿאָלק האָט אים באַגעגנט, ווען ער איז צוריק פֿון אַנטיוכיאַ געקומען. ער האָט דאָס געפֿילט אין דער פֿאַרגליווערטער שטילקייט, וואָס האָט די גאַסן פֿון ירושלים אַרומגעכאַפּט אַלע מאָל, ווען ער האָט זיך דאָרט מיט מרימען באַוויזן. און ווען עס האָט פֿאַר אים אַלץ מער און מער אָנגעהויבן ווערן קלאָר, אַז די האָפֿענונג

צו געווינען חן אין די אויגן פֿונעם פֿאָלק דורך דעם, וואָס אַ טאָכטער פֿון דער חשמונאים־משפּחה איז געוואָרן זײַן ווײַב, איז געווען אומזיסט, האָט ער דאָס גאַנצע לאַנד פֿאַרפּלייצט מיט זײַנע אויסשפּירער און דאַן איז שוין ניט אַוועק קיין איין טאָג, אַז זיי זאָלן אים ניט צושטעלן אַ צעטל פֿון מענטשן, וואָס האָבן זיך דאָ אָדער דאָרט אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט קעגן אים.

אומעטום זענען זיי געווען פֿול, די אויסשפּירער, וואָס הורדוס האָט צעשיקט איבערן לאַנד; זיי האָבן זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר פּאַסטעכער, פֿאַר ערד־אַרבעטער, פֿאַר סוחרים, פֿאַר אָרעמע וואַנדערער, וואָס קומען פֿון ווײַט און גייען ווײַטער. אויף די פֿעלדער, אין די ווײַנגערטנער, אין די הײַזער און אויף די גאַסן — אומעטום האָבן זיי זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס אַנדערע רעדן וועגן הורדוסן, און באַלד נאָך דעם האָט מען אָנגעהויבן הערן, ווי דאָ און דאָרט האָט מען אײַנוואוינער פֿון שטעט און דערפֿער אויף די גאַסן געכאַפּט, און זיי אין די תּפֿיסות פֿאַרשפּאַרט. עס איז שוין אויך קיין נײַס ניט געווען, אַז מ׳זאָל מענטשן אין מיטן דער נאַכט פֿון די געלעגערס אַרויסשלעפּן און זיי ערגעץ אַוועקפֿירן און קיינער זאָל דערנאָך ניט וויסן, וואָס מ׳האָט מיט זיי געטאָן און וואָס ס׳איז פֿון זיי געוואָרן.

פֿון די באַריכטן און מסירות, וואָס זײַנע אויסשפּירער האָבן אים געבראַכט פֿונעם גאַנצן לאַנד, איז פֿאַר די אויגן פֿון דעם קיניג הורדוס אויסגעוואַקסן אַ מורא, וואָס האָט אים פֿאַרפֿאָלגט טאָג ווי נאַכט; עס איז בײַ אים שוין גאָר קיין צווייפֿל ניט געווען, אַז ער קען דאָ קיין מאָל מיטן לעבן ניט זײַן זיכער, ווײַל ווען ס׳איז ווער געמאַכט ווערן אַ פֿאַרשווערונג און מ׳וועט אים דערהרגענען. און וואָס גרעסער עס איז געווען זײַן מורא, אַלץ שטאַרקער האָט זיך אין אים צעברענט דער פֿאַרלאַנג אַרויפֿצוואַרפֿן אַ פּחד אויף אַנדערע.

ער האָט בשום אופֿן ניט געקענט פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס דאָס פֿאָלק איז אַזוי שטאַרק קעגן אים אַפֿילו איצט, ווען ער זיצט שוין אויפֿן טראָן און ווען ס׳דאַרף שוין פֿאַר אַלעמען זײַן קלאָר, אַז די לעצטע פֿון די חשמונאים זענען געווען ניט מער ווי צעפּוילטע צווײַגן, וואָס האָבן זיך פֿון אַ בוים אָפּגעבראָכן און אַז דער איינציקער שטאַרקער מענטש, וואָס קען פֿירן די מלוכה אין יהודה, איז ער און ניט קיין אַנדערער. ער איז געווען בייז, פֿאַר וואָס מע זעט ניט אין אים דעם גײַסט פֿון דער נײַער צײַט. עס איז אים געווען אַ פֿאַרדרוס. דער כּעס האָט אין אים געברענט. און אַלע מאָל, ווען ער האָט צו מרימען גערעדט וועגן דעם, וואָס ער וויל אויפֿטאָן פֿאַרן פֿאָלק און וואָס ער טראַכט וועגן אויפֿבויען דאָס לאַנד, וואו די יאָרן פֿון מלחמה האָבן דעם חורבן געמאַכט אַזוי גרויס, איז ער אַרויסגעקומען אַלץ מיט די זעלבע טענות, אויף וועלכע זי האָט אים קיין באַשטימטן ענטפֿער ניט געקענט געבן:

— פֿאַר וואָס פֿאַרשטייען זיי מיך ניט? פֿאַר וואָס קוקן זיי אויף מיר ווי אויף איינעם, וואָס איז ניט פֿון אייגענעם שטאַם? פֿאַר וואָס רופֿן זיי מיך אַלץ „דער קנעכט פֿון אדום“ אָדער „האַלבער ייִד“? איך בין ניט קיין האַלבער ייִד; איך בין אַ גאַנצער ייִד! שוין באַלד הונדערט יאָר זינט יוחנן־הורקונוס, אַ ייִדישער קיניג פֿון דער חשמונאים־משפּחה, האָט אײַנגענומען אדום און אַרויפֿגעצוואונגען דעם ייִדישן גלויבן אויפֿן באַזיגטן פֿאָלק... נאָך דאַן האָט מײַן

משפחה דעם גלויבן פון יידישן פאָלק אָנגענומען און איך בין ניט קיין פרעמ־דער!..איך בין געבוירן געוואָרן אַ ייד!..איז פאַר וואָס האָבן זיי מיך אַזוי פיינט?..

און מרים האָט אים דערויף אַלע מאָל דעם זעלבן ענטפער געגעבן:

— זיי גוט צום פאָלק, הורדוס. ווייז אַרויס דיין גנאָד צו אַלעמען. הערש מיט חסד און רחמנות, און דאַן וועט די שׂנאה פון זייערע הערצער פאַרשווינדן און זיי וועלן דיך אָנהייבן ליב האָבן ווי דו פאַרדינסט. נאָר מיט חסד און גנאָד

ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ כּוח אויסצוהערן אירע רייד געדולדיק, ווען זי האָט מיט אים אַזוי גערעדט. דאָס איז אים געווען שווער, ווייל פון די באַריכטן, וואָס זיינע אויסשפירער האָבן אים צוגעשטעלט, האָט ער די לאַגע אין לאַנד גאָר מיט אַנדערע אויגן געזען, און ער האָט געהאָט גרויסע ספקות אין דעם, צי ער וועט מיט גוטן עפּעס קענען אויספירן. און שפּעטער, ווען עס האָט אָנגעהויבן ווערן נאָך ערגער, האָט ער שוין אין גאַנצן דאָס געדולד פאַרלוירן. און ווען ער האָט זיך דערויף פאַר מרימען געקלאָגט, און זי האָט ווידער אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם, ווי מע דאַרף הערשן מיט חסד און אַרויסווייזן גנאָד צום פאָלק, האָט ער זיך מיט אַ מאָל צעשריגן אויפן קול:

— ניין, ניט מיט גנאָד דאַרף מען הערשן איבער זיי, נאָר מיט אַ שטאַרקער האַנט און מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם!..אויסראָטן און פאַרטיליקן דאַרף מען זיי, די אַלע, וואָס פאַרשטייען ניט און וואָס שטעלן זיך מיר אַנטקעגן!..

ב

באַלד נאָך דעם האָט זיך אין ירושלים אָנגעהויבן אַ צייט, ווען טעג און נעכט האָבן זיך אין איין גרויסן פלאָנטער פון שרעק און גרויל צונויפגעג־דרייט. עס איז ניט אַוועק קיין איין פרימאָרגן, אַז מע זאָל ניט הערן וועגן מענטשן, וואָס מע האָט ביי נאַכט פון די געלעגערס אַרויסגעשלעפּט; דאָס צעטל מיט נעמען פון די וואָס זענען געשטאַנען אונטער חשד, אַז זיי האָבן אין די צייטן פון קריג געהאַלטן מיט די חשמונאים, איז וואָס אַ מאָל געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער; הורדוס אַליין האָט דאָס צעטל פּינקטלעך דורכגעקוקט. מיט דער הילף פון זיינע אויסשפירער האָט ער אויסגעפונען, וואָס די אַלע מענטשן האָבן געטאָן, ווען אַנטיגאָנוס האָט קעגן אים אַ מלחמה געפירט. און אויף זיין באַפעל האָט מען זיי אין די תּפיסות פאַרשפּאַרט און דאָרט האָט מען אַ סך פון זיי פאַרפייניקט צום טויט.

דעם גרעסטן צאָרן זיינעם האָט הורדוס אויסגעלאָזט צו די צדוקים, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז זיי האָבן געהאַלטן מיט אַנטיגאָנוס דעם חשמונאי. פינף און פערציק פון די אָנגעזעענסטע צווישן זיי אין ירושלים האָט ער פאַרמשפּט צום טויט, און אויף די אַנדערע האָט ער אָנגעוואָרפן אַזאַ מורא, אַז קיינער פון זיי האָט זיך אין ירושלים מיטן לעבן ניט געפילט זיכער. און ווער עס האָט נאָר

געקענט, איז בײַ נאַכט אַנטלאָפֿן וואוהין די אויגן האָבן אים נאָר געטראָגן, און זיי האָבן זיך באַהאַלטן אין די וועלדער און אויך אין די גריבער און היילן צווישן די בערג.

אַלע וועגן און שטעגן זענען געווען פֿול מיט אַנטלאָפֿענע. עס זענען אַנטלאָפֿן אַזעלכע, וואָס האָבן זיך טאַקע געפֿילט שולדיק. און עס זענען אויך אַנטלאָפֿן אַזעלכע, וואָס זענען אין קיין זאַך שולדיק ניט געווען. די מורא האָט אַלעמען געטריבן פֿון איין אָרט אויפֿן אַנדערן; מענער האָבן איבערגעלאָזט זייערע ווײַבער און קינדער און זענען אַנטלאָפֿן אַליין ניט־וויסנדיק וואויהין; מע האָט זיך געיאָגט ווי פֿון אַ בייזן שונא, וואָס האָט זיך פֿאַרלייגט אַלע און אַלעמען אויסצוראָטן און פֿאַרטיליקן. און אין יענער צײַט האָט מרים גאַנצע טעג זיך אַרומגעדרייט איבער אַלע חדרים פֿון הויף ווי אַ פֿאַרלוירענע. ווען זי האָט דערזען הורדוסן אין אימפּעט פֿון נקמה שוין נאָכן נצחון, איז אויף איר אויך אַ פּחד אָנגעפֿאַלן. און נאָך מער דערשראָקן האָט זי זיך, ווען זי האָט דערזען, ווי אַלע מאָל ווען זי פּרוּווט אים אײַננעמען מיט גוטן און שטילן זײַן צאָרן, פֿאַרלירט ער דאָס געדולד אויסצוהערן אירע רייד, און ניט־אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט, גייט ער זיך אַוועק...

מער ווי צו אַלע אַנדערע מענטשן אין הויף איז דער קיניג הורדוס דאָן געשטאַנען נאָענט צו קאָסטאָבאַרן, וועלכער איז פּונקט ווי ער אויך געווען אַן אדומי און אויך פּונקט אַזוי גרויזאַם ווי ער. אים האָט ער גוט געקענט נאָך פֿון דער מלחמה מיט חזקיהן אין די בערג פֿון גליל און אים האָט ער איצט אין הויף אַלע באַפֿעלן איבערגעגעבן, און יענער האָט זיי פּינקטלעך דורכגעפֿירט און געהאַט פֿאַרגעניגן פֿון דעם, וואָס הורדוס האָט אים אַזוי הויך דערהויבן, ווען ער איז נאָכן גרויסן נצחון אַרײַן אינעם אימפּעט פֿון נקמה.

— דאָס איז דער בעסטער וועג זיך צו באַפֿעסטיקן אין דער מאַכט — האָט קאָסטאָבאַר הורדוסן אונטערגעגעבן מוט — נקמה אין די שונאים! אַנדערש וועט מען קיין מאָל ניט קענען אײַנשטעלן קיין אָרדענונג אין יהודה...

עס איז ניט אַוועק קיין איין טאָג, אַז קאָסטאָבאַר זאָל הורדוסן ניט איבערגעבן אַלץ, וואָס ער און זײַנע לײַט האָבן אַרויסגעקראָגן פֿון די מענטשן, וואָס מע האָט אין די תּפֿיסות געפּײַניקט. ער האָט דאָס דערציילט מיט פֿאַרגעניגן, קאָסטאָבאַר דער אדומי. דאָס רויטע, פֿולע פּנים זײַנס האָט בײַ אים געשײַנט פֿון פֿרייד און ער איז דערבײַ געשטאַנען אַזוי ווי ער וואָלט די גאַנצע צײַט אַרויסגעקוקט אויף נאָך און נאָך באַפֿעלן צו נעמען נקמה אין נאָך און נאָך מענטשן...

— און איצט, וואָס ווײַטער? — האָט ער אין אַזעלכע פֿאַלן הורדוסן גלײַך אין די אויגן אַרײַנגעקוקט און עס האָט אים שטאַרק הנאה געטאָן, וואָס אין דעם פֿאַרלאָזט זיך הורדוס אויף קיינעם ניט אַזוי פֿיל ווי אויף אים.

און הורדוס האָט פֿאַר אים אַלע מאָל שוין געהאַט פֿאַרטיק אַ באַפֿעל.

אויף דעם באַפֿעל צו באַשטראָפֿן מיטן טויט די ריכטער פֿון סנהדרין האָט הורדוס איבערגעגעבן קאָסטאָבאַרן דורכצופֿירן, ווײַל אויף אים האָט ער זיך אין דעם מער ווי אויף אַלע אַנדערע געקענט פֿאַרלאָזן. אויף זיי, אויף די ריכטער פֿון סנהדרין, האָט ער געטראָגן אַ כּעס נאָך פֿון יענער צײַט, ווען זיי האָבן אים געוואָלט משפּטן פֿאַרן טויט פֿון חזקיה הגלילי. ער האָט דאָס אַלץ ניט געקענט

פֿאַרגעסן, און אין זײַן צאָרן, וואָס האָט זיך אַלץ ניט געקענט אײַנשטילן, פּונקט ווי די מורא, אַז ער קען נאָך אַלץ ניט זײַן זיכער מיטן טראָן אין יהודה, האָט זיך ניט געלאָזט דערשטיקן, האָט ער בייז געשריגן אויפֿן קול:

— אויסראָטן דאַרף מען זיי אַלע, די ריכטער פֿון סנהדרין! אויסראָטן ביז איינעם!..

און ווי ער האָט אַזוי געהאַלטן אין שרײַען, האָט ער זיך אַליין איבערגע־שלאָגן אין מיטן און אָנגעהויבן רעדן גאָר אַנדערש:

— נאָר איינעם דאַרף מען שוינען. נאָר איינעם פֿון זיי דאַרף מען דאָס לעבן שענקען...

און ער האָט אָנגערופֿן דעם נאָמען פֿונעם אַלטן ריכטער שמעיה...

דווקא אים, דעם איינציקן ריכטער, וואָס האָט דאַן אויפֿן משפּט געהאַט דעם מוט זיך אים צו שטעלן אַנטקעגן, האָט דער גרויזאַמער קיניג געהייסן שענקען דאָס לעבן. און ווי ער וואָלט איצט געדאַרפֿט ענטפֿערן אויף אַ פֿראַגע, וואָס מע האָט אים געקענט שטעלן, אָבער מע האָט אים דאָך ניט געשטעלט, האָט ער אָנגענומען קאָסטאָבאַרן אונטערן אָרעם און מאַכנדיק עטלעכע שפּאַן אין איינעם מיט אים, האָט ער געזאָגט:

— נאָך איצט שטייט ער מיר אַזוי קלאָר פֿאַר די אויגן, דער אַלטער ריכטער שמעיה, און איך קען אים ניט פֿאַרגעסן!.. אַ קלייניקער אַזאַ, אָבער — אַ כּוח, אַ גרויסער כּוח...

אויך מרימען האָט ער דאָס זעלבע געזאָגט, ווען ער האָט מיט איר וועגן דעם אַלטן ריכטער שמעיה גערעדט:

— גלויב מיר, ליבסטע מײַנע — האָט ער זי פֿאַרזיכערט — אַז איך קען אַרויסווײַזן גנאָד אויך, אָבער נאָר צו אַזעלכע, וואָס פֿאַרדינען דאָס... צו שׂונאים אויפֿן לעבן דאַרף מען ניט זײַן גנעדיק. און געדענק, ליבסטע מײַנע, אַז די, וואָס זענען קעגן מיר, זענען אויך קעגן דיר. מײַנע שׂונאים זענען איצט שוין אויך דײַנע שׂונאים און דו דאַרפֿסט דעריבער שוין פּונקט ווי איך וועלן, אַז מע זאָל זיי אויסראָטן און פֿאַרטיליקן...

וויפֿל מרים האָט אים ניט געבעטן, אַז אויך צו די אַנדערע ריכטער פֿון סנהדרין זאָל ער אַרויסווײַזן זײַן גנאָד, האָט זי דאָס בײַ אים ניט געקענט פּועלן. אין אימפּעט פֿון נקמה האָט ער אַפֿילו איר ניט געקענט נאָכגעבן. דאָס איינציקע, וואָס זי האָט בײַ אים דעמאָלט אויסגעפֿירט איז געווען, אַז אויך דעם ריכטער אַבטליון, דעם אַב־בית־דין פֿון סנהדרין, זאָל ער אַרויסווײַזן זײַן גנאָד און אים שענקען דאָס לעבן.

ג

דאָס אויסראָטן די ריכטער פֿונעם סנהדרין האָט דעמאָלט בײַ אַלעמען גרויס צאָרן אַרויסגערופֿן, אָבער קיינער האָט זיך דאָך ניט דערוועגט דעם צאָרן אָפֿן אַרויסצואווײַזן. אַפֿילו רעדן וועגן דעם אין דער הויך האָט מען

מורא געהאַט. אין גאַנץ יהודה איז די שרעק בײַ אַלעמען געהאַנגען איבער די קעפּ און אומעטום האָט דער פּחד אַזוי געשטיקט, אַז ס'איז שווער געווען דעם אָטעם צו כאַפּן. אויף הורדוסעס באַפעל, האָט קאָסטאָבאַר דאָן איבערן גאַנצן לאַנד אָנגעהויבן עפּעס אַזאַ ווילדן געיעג אויף אַלץ און אויף אַלעמען, אַז קיינער האָט שוין מער מיטן לעבן ניט געקענט זײַן זיכער. אויף וועמען עס איז נאָר געפאַלן עפּעס אַ חשד, האָט מען אים גלײַך געכאַפּט און אים פאַרשפּאַרט אין געפּענקעניש און אַ סך האָט מען פאַרמשפּט צום טויט און זיי פון דער וועלט אומגעבראַכט. און נאָך דעם ווי הורדוס האָט אָנגעפילט די אוצרות פון דער מלוכה מיט דעם גאָלד און זילבער פון די, וואָס ער האָט געהייסן פאַרמשפּטן צום טויט, און אויך פון די, וואָס זענען פון יהודה אַנטלאָפן, האָט ער פון בבל געבראַכט עפּעס איינעם אַ חננאל און אים געמאַכט פאַרן כהן־גדול אין בית־המקדש.

קיינער אין ירושלים האָט ניט געוואוסט, ווער ער איז, דער חננאל פון בבל, און קלאַנגען האָבן זיך אַרומגעטראָגן, אַז ער שטאַמט גאָרניט פון קיין כהנים־משפּחה און אַז ער איז בכלל ניט ראוי צו טראָגן אויף זײַן קאָפּ די קרוין פון דער כהונה. אָבער הורדוס האָט געהייסן אויסרופן, אַז חננאל שטאַמט פון דער משפּחה פון אַהרן הכהן און אַז ער איז ראוי צו זײַן דער כהן־גדול. און אַזוי איז דאָס געבליבן.

הורדוס אַליין האָט אויך ניט געוואוסט, ווער ער איז, דער חננאל פון בבל. אָבער אין דעם האָט ער זיך אין גאַנצן פאַרלאָזט אויף זײַן פרײַנד מענעלעוס, אַ פאַרגריכישטער ייִד, זייער אַ רײַכער, וואָס איז געקומען צו אים פון סיריע. יענער האָט פאַר אים דעם פרעמדן פאַרגעשטעלט ווי זײַנעם אַ נאָענטן קרוב פון בבל און געבעטן, אַז מע זאָל אים מאַכן פאַרן כהן־גדול אין בית־המקדש. און אים, דעם גרויסן נגיד, וואָס האָט אים ניט איין מאָל אַרויסגעהאָלפן מיט געלט אין די יאָרן, ווען ער האָט געפירט מלחמה אַקעגן אַנטיגאָנוסן דעם חשמונאי, האָט ער ניט געקענט אָפּזאָגן...

און מענעלעוס האָט געוואוסט ווי דאָס צו שעצן. ער האָט הורדוסן מיט טײַערע מתנות באַלוינט און הורדוס האָט אים דערפאַר דערהויבן אין דער מלוכה; ער האָט אים געמאַכט פאַר איינעם פון זײַנע ראַטגעבער און אין הויף איז ער געווען צווישן די, וואָס זענען אויף אַלע סעודות געזעסן בײַם טיש לעבן קיניג, און אַלע מאָל, ווען מ'האָט געדאַרפט באַשטימען אַ מענטשן אויף אַ הויכן פאָסטן, האָט דער קיניג מיט אים זיך בעראָטן, און ער איז געווען דער, וואָס האָט די פאַסיקע מענטשן צוגעקליבן, און זײַן עצה איז געווען:

— פאַר די וויכטיקסטע פאָסטנס אין דער מלוכה זאָל דער קיניג ניט נעמען קיין ייִדן פון יהודה, נאָר פון אַנדערע לענדער. דאָס וועט זײַן זיכערער, ווײַל אין יהודה איז יעדער ייִד געבייגט צו האַלטן שטילערהייט מיט די חשמונאים...

און ער האָט שטענדיק געהאַט וועמען פאָרצושלאָגן פאַר אַ וויכטיקן פאָסטן אין דער מלוכה; ער האָט אין יעדן לאַנד אַזעלכע מענטשן געהאַט, און זיי זענען אַלע געווען קרובים פון יענע, מיט וועמען ער האָט יאָרן לאַנג גרויסע מסחרים געפירט...

שטילערהייט האָט מען אין הויף געלאַכט פֿון אים, פֿון דעם פֿאַרגריכישטן יידן מענעלעאוס, ווײַל געווען איז ער אַ נידעריקער אין וואוקס, אַ דיקער, מיט קורצע פיסלעך, וואָס באַוועגן זיך צו שנעל, און דאָס קול איז בײַ אים געווען דין, ווײַבעריש קוויטשיק. און ווען ער האָט גערעדט, האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט עס, דאָס דאָזיקע קול זײַנס, בײַ עמעצן געבאָרגט און ער היט עס אָפּ עס זאָל זיך נאָך ניט אָפּנוצן צו שנעל. מ׳האָט אויך געלאַכט פֿון דעם, וואָס ער עסט צו פֿיל. אָבער אין די אויגן האָט קיינער פֿון אים ניט געלאַכט און אַפֿילו די, וואָס האָבן אים שטאַרק פֿײַנט געהאַט, האָבן אים אַ סך כּבֿוד אָפּגעגעבן און אים גע־לויבט, ניט נאָר פֿאַר זײַן עשירות, נאָר אויך פֿאַר זײַן קלוגשאַפֿט.

אויך הורדוס האָט געלויבט זײַן קלוגשאַפֿט. און איין מאָל, ווען ער האָט וועגן אים גערעדט מיט די, אויף וועמען ער האָט געהאַט אַ חשד, אַז זיי זענען פֿון יענע, וואָס לאַכן פֿון אים שטילערהייט, האָט ער געזאָגט:

— עס איז אמת, ער איז ניט פֿון די, וואָס קענען איבערראַשן מיט זייער אויסזען, מיט זייער געשטאַלט. ער איז אויך ניט פֿון די, וואָס קענען פֿאַרשטעלן אַנדערע מיטן גלאַנץ פֿון זייערע קלוגע רייד; ער איז אָבער דאָך איינער פֿון די קליגסטע מענטשן, וואָס מיר האָבן דאָ אין הויף...

דער גרויסער נגיד מענעלעוס האָט געוואוסט, אַז דער קיניג האַלט פֿון אים, און ער האָט זיך שטאַרק איבערגענומען דערמיט און ער האָט דאָס אויס־גענוצט פֿאַר די גרויסע מסחרים, וואָס ער האָט געפֿירט אין יהודה און אין אַנ־דערע לענדער. און נאָך מער געהויבן בײַ זיך איז ער געוואָרן, ווען הורדוס האָט אים אויסגעקליבן צו פֿאָרן קיין בבֿל און ברענגען פֿון דאָרט צוריק קיין ירושלים דעם אַלטן הורקונוס, וועלכער איז פֿריִער געווען דער קיניג פֿון יהודה.

מענעלעוס איז לכתּחילה געווען איבערראַשט.

— דער קיניג וועט מיר פֿאַרגעבן — האָט ער מיט זײַן ווײַבעריש־קוויטשיק קולכל אָנגעהויבן — אָבער מײַן עצה וואָלט געווען, אַז מ׳זאָל אָהער דעם אַלטן הורקונוס צוריק ניט ברענגען. דאָס פֿאָלק אין ירושלים וועט דערזען דעם געווע־זענעם קיניג און כּהן־גדול פֿון די חשמונאים און מ׳וועט ווידער טראַכטן דערפֿון, אַז ער דאַרף זיצן אויפֿן טראָן. זאָל דער קיניג בעסער זיך גוט באַטראַכטן און ער וועט אײַנזען, אַז איך בין גערעכט.

— איך האָב זיך שוין גוט באַטראַכט — האָט הורדוס מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן אים געענטפֿערט — דעם אַלטן הורקונוס קען איך גוט. אַ סכּנה פֿאַר מיר און פֿאַר מײַן טראָן קען ער אפֿשר זײַן, ווען ער געפֿינט זיך אין אַן אַנדער לאַנד. דאָרט קען אַ מאָל נאָך קומען אַ צײַט, ווען ס׳וועט זיך לוינען אַן אַנדער מלוכה אָנצוהייבן אַ מלחמה קעגן רוים, און אים, דעם אַלטן פֿון די חשמונאים, קען מען נאָך אײַנרעדן, אַז ער זאָל פֿאָדערן צוריק זײַנע רעכט אויפֿן טראָן פֿון יהודה, אויב דאָס וועט זיך נאָר לוינען יענער מלוכה, וואָס וועט אויפֿהייבן אַ שווערד קעגן רוים. און דאָס וועט שטעלן אין אַ סכּנה מײַן טראָן אין יהודה; עס וועלן ווידער אָנהייבן גיין מחנות אויף ירושלים; די שונאים פֿון אינעווייניק און פֿון דרויסן וועלן ווידער אויפֿהייבן די קעפּ, און בלוט — בלוט פֿון אייגענע און בלוט פֿון פֿרעמדע — וועט זיך ווידער גיסן אין די גרענעצן פֿון יהודה. דאָס גאַנצע

לאַנד וועט ווידער אַרײַנגעצויגן ווערן אין אַ מלחמה. און דאָס וויל איך ניט!..
דאָ, אין ירושלים, וועל איך אַליין קענען האַלטן אַן אויג אויף דעם אַלטן הורקונוס.
דאָ וועט ער פֿאַר מיר קיין סכּנה קיין מאָל ניט קענען זײַן.

מענעלעוס האָט געמוזט צוגעבן, אַז די אויגן פֿונעם קיניג זעען ווײַטער ווי
די אויגן פֿון אַן אַנדער מענטשן. און ער האָט זיך געפֿילט שטאָלץ דערמיט, וואָס
דער קיניג האָט אים אַזאַ וויכטיקע שליחות אָנגעטרויט.

— דער באַפֿעל פֿונעם קיניג וועט פּינקטלעך דורכגעפֿירט ווערן — האָט
ער געזאָגט. און דאָס מאָל האָט ער זיך פֿאַרנייגט נאָך טיפֿער ווי געוויינטלעך, און
אים איז דאָס אָנגעקומען זייער שווער, ווײַל דער דיקער בויך און די קורצע
פֿיסלעך האָבן אים געשטערט אין דעם.

און שפּעטער האָט הורדוס שוין געהאַט אַ גרונט צו ווײַזן מרימען ווי גוט
ער איז.

— זעסטו שוין, ליבסטע מײַנע, ווי גנעדיק איך קען זײַן — האָט ער איר
געזאָגט — ס'איז געווען איינער פֿון דער אייגענער משפּחה, וואָס האָט דײַן זיידן
הורקונוס אַזוי פֿאַרשעמט, אים שיִער פֿון דער וועלט ניט אומגעבראַכט און אים
ווײַט אין אַ פֿרעמד לאַנד פֿאַרטריבן. און ס'איז איך, דער פֿרעמדער, וואָס ברענגט
אים צוריק אַהער קיין ירושלים מיט כּבֿוד.

מרים האָט זיךווירקלעך געפֿרייט דערמיט, וואָס ער ברענגט דעם זיידן
צוריק. זי האָט אים מיטן גאַנצן האַרצן געדאַנקט דערפֿאַר. און ווען איר מוטער
איז גראָד פּונקט דאַן אַרײַנגעקומען, האָט זי איר מיט אַ גדולה די גרויסע בשורה
אָנגעזאָגט:

— מוטער, דער זיידע קומט צוריק!.. דער זיידע הורקונוס... אַ שליח ווערט
אַרויסגעשיקט קיין בבֿל אים צו ברענגען אַהער...

אָבער אויף אַלכּסנדרהס פּנים האָט זיך אַפֿילו קיין סימן פֿון פֿרייד ניט גע־
וויזן ווען זי האָט דערהערט, אַז מע ברענגט איר פֿאַרטריבענעם פֿאָטער צוריק.
אַ בייזע, אַ שטרענגע איז זי געבליבן שטיין און האָט אויף הורדוסן אַפֿילו ניט
געקוקט. און הורדוס האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער באַמערקט גאָרניט, ווי
זי איז בייז אויף אים, און ער האָט ווײַטער גערעדט וועגן דעם, ווי ער וועט דעם
אַלטן הורקונוס אָפּגעבן כּבֿוד, ווען ער וועט קומען אַהער און ווי ער וועט אים
אָפּהיטן ווי אַן אייגענעם פֿאָטער. ער האָט אויך גערעדט וועגן דעם, וואָס נאָך דעם,
ווי ער וועט שוין אײַנשטעלן אָרדענונג אין לאַנד, וועט ער אַרויסווײַזן זײַן גנאָד
ניט נאָר צו די אייגענע פֿון דער חשמונאים־משפּחה, נאָר אויך צו פֿרעמדע. ער
האָט אַלץ אונטערגעשטראָכן, אַז ער קען זײַן גוט, אַז ער קען זײַן גנעדיק, און
אַז דער עיקר איז נאָר, מע זאָל דאָס פֿאַרדינען און מע זאָל אײַנזעען, אַז זײַן וועג איז
דער ריכטיקער און מע זאָל פֿאַרשטיין, אַז איצט קומט אַ נײַע צײַט. און שפּעטער,
ווען ער איז געבליבן אַליין, איז ער לאַנג מיט צעשפּרייטע פֿיס און מיט ברייט
צעעפֿנטע אויגן געזעסן אויפֿן טראָן אַ פֿאַרטראַכטער. און מיט אַ מאָל האָט ער
זיך געגעבן אַ כאַפּ, ווי ער וואָלט זיך גאָר פּלוצלינג דערמאָנט אָן אַ זאַך, וואָס
איז אים פֿריִער אין גאַנצן אַרויס פֿון זינען, און ער האָט אָנגעהויבן שרײַען אויפֿן
קול:

— קאָסטאָבאַר! קאָסטאָבאַר!

און ווען קאָסטאָבאַר דער אדומי איז אַרײַנגעקומען, האָט ער פֿאַר אים גע־האָט אַ נײַעם באַפֿעל:

— אויף די מתים, וואָס מ׳טראָגט אַרויס פֿון שטאָט, זאָל מען האַלטן אַן אויג!..

קאָסטאָבאַר איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער. ער האָט ניט פֿאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט.

— אויף די טויטע? — האָט ער איבערגעפֿרעגט.

— יאָ, אויף די טויטע — האָט הורדוס אים געענטפֿערט, ניט אויפֿהייבנדיק דעם קאָפּ — אויף די טויטע... עס קען דאָך זײַן, אַז זיי דאָרט, די אײַנוואוינער פֿון ירושלים, קליגן זיך אַרויסצופֿירן פֿון דאַנען גאָלד און זילבער און זיי לייגן דאָס אַרײַן אין די מיטות פֿון די טויטע, וואָס מע טראָגט אַרויס פֿון דער שטאָט... און דעריבער באַפֿעל איך, אַז מע זאָל יעדן מת אויפֿדעקן און זען, צי מע האָט אין דער מיטה ניט אַרײַנגעלייגט קיין גאָלד און זילבער...

בײַ קאָסטאָבאַרן האָבן די שמאָלע, שפּיציקע אויגן זיך ברייטער צעעפֿנט.

— איך מוז צוגעבן — האָט ער געזאָגט — אַז קיינעם אין יהודה וואָלט אַזוינס ניט אײַנגעפֿאַלן.

און ער האָט הורדוסן אַ גרויסן שבֿח געזאָגט:

— דער קיניג איז דער קליגסטער צווישן מענטשן.

אַ צופֿרידענער מיט זיך אַליין האָט הורדוס געשמייכלט. און נאָך מער צו־פֿרידן איז ער געווען שפּעטער, ווען ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ סך אײַנוואוי־נער אין ירושלים באַנוצן זיך טאַקע מיט די מיטות פֿון די מתים אַרויסצופֿירן פֿון שטאָט גאָלד און זילבער און טײַערע איידלשטיינער. בײַ הורדוסן האָבן די אויגן געשײַנט פֿון פֿרייד, ווען מ׳האָט צו אים אין הויף דאָס פֿאַרכאַפּטע גאָלד און זילבער געבראַכט. לאַכנדיק אויפֿן קול האָט ער קאָסטאָבאַרן מיט דער האַנט איבער דער פּלייצע געקלאַפּט און האָט שטאַרק אַנגעקוואָלן פֿון זיך אַליין:

— אַ מענטש מיט מוט — האָט ער געזאָגט — דאַרף קיין מורא ניט האָבן פֿאַר קיינעם, ניט פֿאַר די לעבעדיקע און אויך ניט פֿאַר די טויטע...

צווייטער קאַפּיטל

פאַר כתר־כהונה און כתר־מלכות

א

פון אין דער פרי אָן האָט זיך דער טאָג אין קיניגלעכן הויף אָנגעהויבן אַזוי, אַז מ׳האָט גלײַך געקענט זען, אַז ס׳קלײַבט זיך שוין אַזאַ שטורעם, וואָס וועט אַוודאי קיינעם ניט אויסמײַדן.

אָנגעהויבן האָט זיך עס פון דעם, וואָס הורדוס האָט זיך מיט אַ מאָל געכאַפּט, אַז דאָס קליינע בילד, וואָס זײַנער אַ פרײַנד, אַ גריכישער מאָלער מיט אַ נאָמען אין יהודה, האָט אים נאָך מיט אַ צײַט צוריק געמאָלן פון מרימען, איז פלוצלינג פאַרשוואונדן געוואָרן און מע קען עס אין ערגעץ ניט געפינען.

דאָס האָט אים אַרײַנגעבראַכט אין אַזאַ ווילדן צאָרן, אַז ער איז געווען גרייט זיך אַרויפצוואַרפן אויף יעדן איינעם, וואָס איז אים נאָר פאַר די אויגן געקומען. נאָך אײדער ער האָט זיך קלאָר באַטראַכט וועגן דעם, וואָס עס האָט געקענט געשען מיט דעם פאַרלוירענעם בילד, האָט זיך אין אים די אײַפערזוכט אָנגעצונדן, און ער האָט אַזוי געשריגן אויפן קול, אַז ס׳איז אויף אַלעמען אַ פחד אַרויפגעפאַלן און די באַדינער אין הויף האָבן זיך אין די ווינקלען פאַררוקט און אַלע האָבן געציטערט פאַר שרעק.

זייער ווייניק מענטשן אין הויף האָבן געוואוסט וועגן דעם, אַז אַ מאָלער האָט פון מרימען אַ בילד געמאַכט. און די, וואָס האָבן פון דעם יאָ געוואוסט, האָבן דאָס געהאַלטן בסוד, ווײַל בײַ ייִדן איז אַזוינס ניט געווען אָנגענומען. הורדוס האָט מרימס בילד אָפּגעהיט ווי דאָס שוואַרצאַפּל פונעם אויג. און אַלע מאָל, ווען ער האָט געמוזט ווײַט אַוועק פון דער היים, האָט ער דאָס בילד מיטגענומען מיט זיך, און ווען קיינער האָט ניט געזען, האָט ער אויף דעם קליינעם בילד לאַנג געקוקט און שטיל פאַר זיך זי מיט די שענסטע און ליבסטע נעמען אָנגערופן און דאַן האָט דאָס האַרץ אין אים געזונגען פאַר פרייד...

עס איז אין הויף זעלטן אַוועק אַ וואָך, ער זאָל ניט געבן אַ קוק וואו דאָס בילד ליגט און צי ס׳איז גוט אָפּגעהיט. ער איז שוין געווען געוואוינט דאָס שטענדיק אויף דעם זעלבן אָרט צו געפינען, און דאָס האָט בײַ אים אַלע מאָל אַרויסגערופן אַ געפיל פון זיכערקייט, אַז דאָ אין הויף איז זײַן לעבן מיט דער שיינער יונגער קיניגין אַוועקגעשטעלט אויף אַ פעסטן באָדן און אַז קיין בייזע ווינטן בלאָזן ניט פון ערגעץ. עס האָט אים געמעגט זײַן ווי שווער אויפן האַרצן פון דעם, וואָס דאָס פאָלק ווײַזט ניט אַרויס קיין ליבשאַפט צו אים, אָבער איין קוק אויף מרימס בילד אין אַ שעה, ווען ער האָט מיט קיינעם ניט געקענט רעדן

פֿון דעם, וואָס אים פּײַניקט, און די גאַנצע מרה־שחורה איז אַוועק און ער איז גלײַך געוואָרן רואיק און מיט אַ ווייך געמיט.

דערפֿאַר איז ער געבליבן שטיין אַזוי צעטומלט, ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל מרימס בילד ניט געפֿונען דאָרט, וואו ער האָט עס שטענדיק באַהאַלטן. דאָס איז געווען נאָך אַ שווערער נאַכט, ווען שרעקלעכע חלומות האָבן אים לאַנג געפּײַניקט און ער האָט אין חלום געזען די גײַסטער פֿון די מענטשן, וואָס ער האָט פֿון דער וועלט אומגעבראַכט זינט ער איז מיט זײַנע חיילות קיין ירושלים אַרײַנגעקומען. אויך דעם פֿאַרפּײַניקטן אַנטיגאָנוס, דעם חשמונאי, האָט ער אין יענער נאַכט אין חלום געזען. און ווען ער איז אין דער פֿרי פֿון שלאָף אויפֿגע־שטאַנען און מרים האָט אים געפֿרעגט, פֿאַר וואָס ער איז אַזוי צעטראָגן, האָט ער איר דעם אמת ניט געקענט דערציילן. עס איז אים געווען שרעקלעך שווער איר דעם אמת צו דערציילן. ער האָט מיט קיינעם דאַן ניט געקענט רעדן. און ווי שטענדיק אין אַזאַ צײַט, איז ער געלאָפֿן אַ קוק טאָן אויף דעם בילד, וואָס האָט געוויינטלעך ווייך געמאַכט זײַן געמיט. און ווען ער האָט דערזען, אַז דאָס בילד איז ניטאָ, האָט ער דערפֿילט, ווי דאָס האַרץ וואָלט זיך אין אים אָפּגעריסן. ער האָט אין דעם געזען אַ שלעכטן סימן, אַ המשך פֿון די שרעקלעכע חלומות, וואָס האָבן אים בײַ נאַכט געפּײַניקט, און צו דעם איז נאָך באַלד צוגעקומען די בלינדע אײפֿערזוכט, וואָס האָט זיך אין אים שטענדיק זייער לײַכט אָנגעצונדן...

— וואו איז דײַן בילד?.. וואו איז דײַן בילד?.. — האָט ער, אַ פֿאַרלוי־רענער, אויסגעברומט, אַרײַנלויפֿנדיק אין מרימס חדר — ווער האָט צוגענומען דײַן בילד?

און ווען ער האָט געזען, אַז מרים ווייסט פֿון גאָרניט, האָט ער זיך געגעבן אַ לאָז איבער אַלע חדרים פֿונעם הויף, און אומעטום האָבן זײַנע שווערע טריט אָפּגעהילכט, אומעטום האָבן פֿון זײַנע קולות די ווענט געציטערט.

ער אַליין האָט אַ סך פֿון די הויפֿלײַט און באַדינער אײַנציקווײַז אויף אַ שטרענגן פֿאַרהער גענומען און יעדן איינעם מיט פֿראַגעס פֿאַרוואָרפֿן. און ווען ער האָט שוין מער קיין פֿראַגעס ניט געהאַט, האָט ער געוואָרנט:

— אויב ס׳וועט זיך אַרויסווײַזן, אַז דו האָסט דאָס בילד יאָ צוגענומען, אָדער אַז דו ווייסט ווער ס׳האָט דאָס געטאָן און דו זאָגסט מיר ניט אויס, וועל איך דיר דערפֿאַר געבן דעם טויט!..

אַלעמען האָט ער מיטן טויט געשראָקן, אָבער דאָס האָט אַלץ ניט געהאָלפֿן; קיינער האָט ניט געוואוסט, ווער ס׳האָט מרימס בילד צוגענומען.

און אין דעם טומל, וואָס הורדוס האָט אויפֿגעהויבן אין הויף, האָט זיך דער אַלטער הורקונוס מיט די צעשניטענע אויערן אַלעמען פֿאַר די פֿיס געפּלאָנטערט. ער, דער געוועזענער קיניג פֿון די חשמונאים, וועמען הורדוס האָט צוריק פֿון בבל געבראַכט, האָט זיך פֿונעם ערשטן טאָג אָן אָנגעהויבן האַלטן אַזוי ווי מ׳וואָלט אים דאָ אָנגעשטעלט ער זאָל באַשטעטיקן, אַז אין הויף איז אַלץ געבליבן אויף דעם זעלבן אָרט ווי ס׳איז פֿריִער געשטאַנען, און ער האָט זיך אַזוי אַרײַנגע־אַרבעט אין דעם, אַז ער האָט זיך שוין אַזוי געהאַלטן די גאַנצע צײַט; אויף אַלץ האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַלעמען האָט ער געגעבן גערעכט. און אין

דעם זעלבן הויף, וואו ער איז אַ מאָל אויפֿן טראָן געזעסן, האָט ער קיין מאָל ניט אַרויסגעוויזן אַפֿילו קיין סימן פֿון עפּעס, וואָס מ׳זאָל קענען אויסטײַטשן, אַז ער טראַכט פֿון יענע צײַטן, ווען ער איז דאָ געווען אַ קיניג און אַ כּהן־גדול. ער איז גאָר געווען צופֿרידן דערפֿון, וואָס ער האָט איצט ניט אויפֿן קאָפּ אַזעלכע זאַכן, וואָס זאָלן שטערן זײַן רו און צערודערן זײַן געמיט; ער האָט זייער ווייניק געוואוסט וועגן דעם, וואָס ס׳קומט איצט פֿאָר אין לאַנד און ווי אַזוי די מלוכה ווערט געפֿירט. אַזעלכע זאַכן זענען אים גאָרניט אָנגעגאַנגען און ער האָט זיך ניט געפֿילט באַליידיקט פֿון דעם, וואָס הורדוס פֿרעגט בײַ אים קיין מאָל קיין עצות ניט. דער עיקר איז בײַ אים געווען, אַז אין הויף זאָל זײַן שטיל און ער זאָל זיך דאָ קענען לעבן רואיק און האָבן נחת פֿון דעם, וואָס זײַן אייניקל מרים איז שוין אַ קיניגין.

פֿון אַלץ וואָס ער האָט אין הויף געהערט און געזען, האָט ער געשעפּט נחת, דער אַלטער הורקונוס, אָבער אַלץ אויף אַ שטילן און זייער בנעימותדיקן שטייגער; ער האָט קיין מאָל הויך ניט געלאַכט. און ווען מרים האָט דאָס ערשטע קינד געבוירן און מ׳האָט אין קיניגלעכן הויף אַ גרויסע סעודה געמאַכט, איז זײַן פֿרייד געווען זייער גרויס, און ער האָט זיך צו דעם נײַ־געבוירענעם אור־אייניקל אַזוי צוגעבונדן, אַז ער האָט קיין מאָל קיין איין טאָג ניט פֿאַרפֿעלט זיך צו שפּילן דערמיט; ער האָט שטונדן לאַנג לעבן דעם קינד געקענט זיצן און רעדן דערצו אויף אַ קינדערשן שטייגער, און דאָס איז אים געווען לײַכטער און ליבער ווי צו רעדן צו די דערוואַקסענע מענטשן אין הויף...

זינט ער איז צוריק פֿון זײַן געפֿאַנגענשאַפֿט געקומען, איז דאָס געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער האָט הורדוסן געזען אַזאַ בייזן, און ווען ער האָט דערהערט, אַז דאָס איז איבער דעם, וואָס מרימס בילד איז פֿאַרלוירן געוואָרן, האָט ער גלאַט ניט פֿאַרשטאַנען, פֿאַר וואָס מ׳דאַרף מאַכן אַזאַ טומל, און ער האָט אַלץ געפּרוווט הורדוסן אײַנשטילן.

— דער קיניג דאַרף ניט זײַן אומרואיק — האָט ער גערעדט מיט אים אונטערטעניק, און דערבײַ האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ און געפֿינטלט מיט די וואַסערדיקע אויגן — צו וואָס זאָל דער קיניג זײַן אומרואיק? מע וועט אַוודאי געפֿינען דאָס בילד...מ׳וועט עס אַזוי לאַנג זוכן ביז מ׳וועט עס געפֿינען... קיין זאַך ווערט דאָ ניט פֿאַרפֿאַלן...קיין זאַך ניט..

ער האָט דאָס געזאָגט אַזוי פֿיל מאָל און אַלץ אויף דעם זעלבן שטייגער, אַז ס׳איז הורדוסן נמאס געוואָרן דאָס צו הערן. דעם אַלטנס ווערטער האָבן אים פּשוט אין די אויערן געגרילצט, און ער האָט זיך געדאַרפֿט אָנטאָן אַ כּוח אים ניט צו זאָגן, אַז ער איז אַן אַלטער נאַר און פֿאַרשטייט ניט און אַז ס׳איז בעסער, ער זאָל זיך ניט אַרײַנמישן...

— איך דאַנק דיר, פֿאָטער, פֿאַר דער עצה — האָט הורדוס קוים אײַנגע־האַלטן דעם כּעס יעדעס מאָל, ווען דער אַלטער הורקונוס האָט געפּרוווט אים באַרואיקן. אָבער ער האָט זיך קיין איין מאָל ניט אָפּגעשטעלט צו פֿאַרפֿירן מיט אים אַ לענגערן געשפּרעך וועגן דעם. איבערלאָזנדיק אים אין מיטן, איז ער ווײַטער געלאָפֿן. און באַלד האָט מען שוין זײַנע קולות געהערט פֿון אַן אַנדער

חדר און ער האָט אַלץ געוואָרנט, אַלץ געשראָקן, אַז דער וואָס האָט צוגענומען דאָס בילד וועט באַשטראָפט ווערן מיטן טויט, אויב ער וועט עס היינט ניט אומ־קערן צוריק!..

אַפילו מרים האָט אין אים דעם צעשטורעמטן כּעס ניט געקענט איינשטילן. אירע גוטע און ווייכע רייד האָבן אויף אים ניט געווירקט. עס האָט זיך אין אים אַלץ מער און מער אַ מורא צעוואַקסן און ער האָט אָנגעהויבן גלויבן, אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט אַ פאַרשווערונג, וואָס ווערט דאָ אין הויף געמאַכט קעגן אים שטילערהייט...

***

אַלץ און אַלעמען האָט ער חושד געווען, און די מורא איז איבער זיין קאָפּ געהאַנגען. און דאַן האָט זיין שוועסטער סאַלאָמעאַ ווידער געפונען אַ געלעגנהייט נאָך מער צו צעבלאָזן דאָס פייער, און מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אַז מער ווי זיין טובה איז זי גאָרניט אויסן, האָט זי, פאַרציענדיק די שמאָלע, בלויע ליפּן, אַריינ־געוואָרפן אַ באַמערקונג:

— די חשמונאים־משפּחה... זיי זענען אויף אַלץ פעאיק... מיט טויזנט אויגן דאַרף מען דאָ אַכטונג געבן אויף זיי!..

זי, די מרשעת, וואָס האָט פיינט געהאַט אַלץ און אַלעמען, איז צו יעדער צייט געווען גרייט אָנצוהעצן דעם ברודער אויף דער משפּחה פון זיין ווייב; זי האָט פיינט געהאַט מרימען און אויך מרימס מוטער אַלכּסנדרה דערפאַר, וואָס זיי קוקן אויף איר פון אויבן אַראָפּ. זי האָט אויך פיינט געהאַט מרימס ברודער, דעם יונגן אַריסטובולוס, וואָס איז עפּעס ווי מיט אַ מאָל אויסגעוואַקסן אַזוי הויך און געוואָרן אַזוי שיין, אַז אַלע האָבן אויף אים מיט פאַרגאַפטע בליקן געקוקט. און אויך אויף אים האָט זי איצט געפונען אַ געלעגנהייט אַריינצוואַרפן אַ וואָרט, וואָס זאָל נאָך מער דאָס פייער צעבלאָזן.

— האַלט אַן אויג אויף אים, אויף אַריסטובולוסן דעם חשמונאי — האָט זי דעם ברודער געוואָרנט — ער האַלט זיך שוין אַזוי ווי ער וואָלט געזאָגט: „זעט, איך בין אויסגעוואַקסן פון דעם שטאַם, וואָס איז טיף אין אונדזער ערד איינגעפלאַנצט. איך דאַרף זיין דער קיניג פון יהודה!"

אַפילו איר אייגענעם מאַן יוסף, וועלכער האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן שטייגן אין דער מלוכה און איז געווען איינער פון הורדוסעס נאָענטסטע ראַטגעבער, האָט זי פיינט געהאַט דערפאַר, וואָס ער האָט שטענדיק געהאַט צו זאָגן אַ גוט וואָרט אויף מרימען און אויף די אַנדערע פון איר משפּחה. זי האָט אים חושד געווען, אַז ער איז שטילערהייט גאָר פאַרליבט אין דער יונגער שיינער קיניגין; איבער דעם האָט אין איר די אייפערזוכט געברענט. זי האָט שוין ביי צייטנס אָנגע־הויבן גראָבן אַ גרוב פאַר אים, און איצט האָט זי זיך באַנוצט דערמיט, וואָס הורדוס איז אַזוי בייז און זי האָט אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט, אַז ס׳פאַלט איר איין, אַז ער, איר מאַן יוסף, ווייסט אפשר עפּעס וועגן דעם פאַרלוירענעם בילד...

— זיכער אין דעם בין איך ניט — האָט זי מיט געמאַכטער תּמימות געזאָגט — אָבער איך האָב אַ גרונט צו גלייבן, אַז אפשר ווייסט ער יאָ עפּעס דערפון...

מ׳האָט דאָן קיין סך ניט געדאַרפט האָבן הורדוסן צו צערייצן; אין אים האָבן זיך שוין דעמאָלט אָנגעהויבן ווייזן די סימנים פון דער איבערגעטריבענער מורא, וואָס האָט אים צײַטנווײַז געמאַכט אַזוי ווילד, אַז ער איז גרייט געווען וועלטן גאַנצע אומצוברענגען. און יעדעס וואָרט, וואָס די שוועסטער האָט אים דאָן געזאָגט, האָט זיך אין זײַן מוח צעפלאַמט ווי אויפן פײַער און ער האָט זיך די שרעקלעכסטע זאַכן פאָרגעשטעלט.

און גראָד אין אַזאַ טאָג איז אַלכּסנדרה געקומען צו מרימען מיט טענות, פאַר וואָס זי ווייסט ניט ווי אַזוי אויסצונוצן הורדוסעס ליבע צו איר...

— איך האָב לאַנג געשוויגן, טאָכטער — האָט זי איר געזאָגט — אָבער איצט קען איך שוין מער ניט שווײַגן. איך קען ניט!

ס׳איז ניט געווען אמת, וואָס זי האָט געזאָגט. דאָס איז שוין געווען ניט דאָס ערשטע מאָל, וואָס זי האָט צו דער טאָכטער געהאַט אַזעלכע טענות. זינט הורדוס האָט געבראַכט דעם אומבאַקאַנטן חננאל פון בבל און אים געמאַכט פאַרן כּהן־גדול, האָט אַלכּסנדרה ניט געקענט רוען און זי האָט געהאַט טענות צו מרימען, פאַר וואָס זי האָט דערלאָזט אַזאַ זאַך. עס איז זעלטן אַוועק אַ וואָך, אַז זי זאָל ניט קומען אין קיניגלעכן הויף רעדן מיט דער טאָכטער וועגן דעם, אָבער אַלע מאָל, ווען זי איז מיט די זעלבע טענות אַרויסגעקומען, האָט זי מיטן זעלבן נוסח אָנגעהויבן:

— איך האָב לאַנג געשוויגן, טאָכטער, אָבער איצט קען איך שוין מער ניט שווײַגן, איך קען ניט!..

אין אַלגעמיין איז אַלכּסנדרה געווען אַנטוישט. פון איר טאָכטערס חתונה מיט הורדוסן איז ניט אַרויסגעקומען דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט און וואָס זי האָט זיך פריִער פאָרגעשטעלט.

— איך, טאָכטער, האָב זיך פאָרגעשטעלט — האָט זי מרימען געזאָגט — אַז ווען דו וועסט ווערן די קיניגין, ווען דו וועסט זײַן דאָס ווײַב פון דעם מעכּטיקסטן מאַן אין יהודה, וועסטו זען, אַז ס׳זאָל גאָרניט געמינערט ווערן פונעם כּבוד פון אונדזער משפּחה. איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט זען ווירקן אויף דײַן מאַן, אַז ער זאָל אונדז אומעטום אַרויסשטעלן די ערשטע. עס איז דאָך אונדזער משפּחה, וואָס האָט אים געמאַכט ראָוי דערצו, אַז ער זאָל זײַן אַ מלך בײַ ייִדן. ווען ער וואָלט ניט חתונה געהאַט מיט דיר, וואָלט זיך נאָך איצט בלוט געגאָסן אין יהודה און מע וואָלט אים ניט אַרויפגעלאָזט אויף דעם טראָן, וואו מײַנע און דײַנע פאָטערס און זיידעס זענען געזעסן. יאָ, די מלחמה וואָלט נאָך ביז איצט ניט געווען געענדיקט. דאָס גאַנצע לאַנד וואָלט חרוב געוואָרן און ער וואָלט אויפן טראָן פון אונדזערע זיידעס ניט אַרויף...

— איך האָב דאָס שוין געהערט, מוטער — האָט מרים געפּרוּווט איר איבערשלאָגן — איך האָב דאָס שוין ניט איין מאָל פון דיר געהערט.

— און איך וויל, אַז איצט זאָלסטו מיך ווײַטער הערן! — האָט אַלכּסנדרה זיך געגעבן אַ שטעל אַוועק און דאָס פּנים איז בײַ איר געוואָרן נאָך שטרענגער — עס ליגט אויף דיר אַ חוב צו זען, אַז דער קיניג זאָל אַוועקשיקן דעם חננאל צוריק אַהין, פֿון וואַנען ער האָט אים געבראַכט, און מאַכן דײַן ברודער אַריסטאָבולוס פֿאַרן כּהן־גדול. דו מוזסט דאָס טאָן. איך באַשווער דיך, אַז דו זאָלסט דאָס טאָן און טאַקע וואָס שנעלער!

— אָבער מוטער — האָט מרים זיך געבעטן בײַ איר — איך האָב שוין מיט אים ניט איין מאָל גערעדט דערפֿון. דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב שוין ניט איין מאָל מיט אים דערפֿון גערעדט.

— ר׳עדן אַליין איז ניט גענוג...

— וואָס דען זאָל איך טאָן?

אַלכּסנדרה האָט צוגעצויגן מרימען צו זיך און זיך אַוועקגעזעצט אין איינעם מיט איר אויף דער נידעריקער ווייכער סאָפֿע, וואו עס זענען געלעגן אַ סך זײַדענע קישעלעך.

— טאָכטער מײַנע — האָט זי אָנגעהויבן רעדן שטיל און זי אַרומגענומען מיט איין האַנט בײַ די אַקסלען — טאָכטער מײַנע, ניטאָ נאָך אַזאַ שיינע פֿרוי ווי דו אין גאַנץ יהודה... אַפֿילו קלעאָפּאַטרע, די קיניגין פֿון מצרים, איז ניט אַזוי שיין ווי דו... און דער קיניג האָט דיך ליב, זייער ליב... דו דאַרפֿסט נאָר וויסן, ווי אַזוי בײַ אים צו בעטן, און דו וועסט בײַ אים אַלצדינג פּועלן... און אויב דו פּועלסט ניט בײַ אים, ווען דו בעטסט אים בײַ טאָג, וועסטו דאָס קענען פּועלן, ווען ער קומט צו דיר בײַ נאַכט... אָבער ווײַז אַרויס עקשנות, טאָכטער ליבע, אַ סך עקשנות... און זײַ ניט נאָכגיביק... זאָל די תּאווה דיך ניט בייגן... רייץ אים מיטן צויבער פֿון דײַן לײַב... אָבער גיב זיך ניט אונטער און גיב ניט נאָך זײַן גרויסע תּאווה ביז ער וועט דיר ניט געבן זײַן וואָרט, דאָס וואָרט פֿון אַ קיניג, אַז ער וועט טאָן אַלץ, וואָס דו פֿאַרלאַנגסט פֿון אים...

מרימען איז געוועזן זייער אומאַנגענעם צו הערן ווי די מוטער רעדט. אירע רייד האָבן זי געמאַכט בייז און זי האָט זיך געשעמט די אויגן אויפֿצוהייבן.

— מוטער — האָט זי אויסגעשריגן מיט ווייטיק — איך קען ניט הערן ווי דו רעדסט! מיט אַזעלכע מיטלען ווילסטו זאָל איך זיך באַנוצן צו מאַכן מײַן ברודער פֿאַר אַ כּהן־גדול אין הייליקן טעמפּל?..

אַלכּסנדרה האָט זיך צעלאַכט.

— נאַריש קינד — האָט זי מרימען איבערן קאָפּ געגלעט — ס׳איז ניט קיין שאַנד אַזאַ זאַך צו טאָן. דערויף באַשאַפֿן האָט אונדז גאָט... מיר זענען פֿרויען, און ס׳איז פֿון גאָט אַ ברכה. ס׳איז אונדזער זאַך אַזוי צו טאָן. און שעמען זיך דערמיט דאַרף מען ניט. דו פֿאָלג מיך און טו אַזוי און דו וועסט זען, ווי ער וועט ווייך ווערן און וועט טאָן אַלץ, וואָס דו פֿאַרלאַנגסט...

***

עס איז ניט געווען קיין איין זאַך, וואָס זאָל אַלכּסנדרהן קענען אָפּשטעלן, ווען זי האָט זיך אויף עפּעס פֿאַרלייגט. און אַלע מיטלען זענען בײַ איר געווען כּשר,

ווען זי האָט עפּעס געוואָלט דערגרייכן. און אַזוי ווי דאָס מאָל איז איר שטאַרקסטער וואונטש געווען, אַז איר זון אַריסטובולוס זאָל ווערן דער כהן־גדול און זי האָט געוואוסט, אַז אויף מרימען קען זי זיך אין דעם ניט פֿאַרלאָזן, האָט זי אָפּגעטאָן אַ זאַך, וואָס זי האָט עטלעכע טעג נאָך אַנאַנד געהאַלטן בסוד. און איצט האָט זי דאָס מרימען שטילערהייט פֿאַרטרויט, כּדי דערמיט איר צו ווײַזן, אַז מ׳דאַרף טאָן אַלץ אין דער וועלט, ווען מ׳וויל בײַ הורדוסן עפּעס אויספֿירן.

— דו ווייסט דאָך, מײַן טאָכטער — האָט זי איר שטילערהייט געזאָגט — אַז ווען מאַרק אַנטאָני וואָלט געהייסן הורדוסן, ער זאָל מאַכן דײַן ברודער אַריס־טובולוס פֿאַרן כהן־גדול, וואָלט ער אים געמוזט פֿאָלגן. דו ווייסט אויך, אַז ער, דער מעכטיקער הערשער פֿון רוים, איז ווי אַ שקלאַף בײַ דער שיינער קלעאָפּאַטרע, די קיניגין פֿון מצרים...

— איך ווייס דאָס, איך ווייס דאָס — איז מרים געוואָרן אומגעדולדיק, ווײַל זי האָט געמיינט, אַז באַלד וועט זי איר ווידער אָנהייבן באַווײַזן, אַז זי דאַרף פֿאַר זיך נעמען קלעאָפּאַטרען ווי אַ מוסטער און הערשן איבער הורדוסן, ווי יענע הערשט איבער מאַרק אַנטאָנין...

אָבער דאָס מאָל האָט זי אָן דעם ניט דערמאָנט.

— שלאָג מיך ניט איבער, טאָכטער — האָט זי געזאָגט — און הער ווײַטער און דאַן וועסטו זען, ווי איך קען זײַן געטרײַ מײַנע קינדער.

און זי האָט איר שטילערהייט אַ סוד פֿאַרטרויט:

— איך האָב אין דער שטיל אַוועקגעשיקט אַ שליח צו קלעאָפּאַטרען קיין אַלעקסאַנדריע — האָט זי איר געזאָגט, אָננעמענדיק זי בײַ ביידע הענט. — מיט דעם שליח האָב איך מיטגעגעבן דײַן בילד און אויך דאָס בילד פֿון אַריסטו־בולוסן... און אין אַ פֿאַרזיגלטער צושריפֿט בעט איך זי, אַז זי אַליין זאָל זען ווי שיין מײַנע קינדער זענען, און זי זאָל זיי אויך ווײַזן מאַרק אַנטאָנין און אים בעטן, ער זאָל זען, אַז הורדוס זאָל מאַכן מײַן זון אַריסטובולוס פֿאַר דעם כהן־גדול. פֿאַר מיר וועט קלעאָפּאַטרע דאָס טאָן. עס איז דאָך צווישן אונדז אַ פֿרײַנד־שאַפֿט שוין פֿון יאָרן...

מרים האָט אָנגעהויבן ציטערן, ווען זי האָט דאָס דערהערט.

— מוטער! — האָט זי אויסגעשריגן אויפֿן קול און זיך באַלד פֿאַרכאַפּט און אָנגעהויבן רעדן שטילער — ביסטו דאָס געווען די, וואָס האָט דאָס בילד?..

— ניט איך, טאָכטער מײַנע, האָב דאָס געטאָן — האָט אַלכּסנדרה גע־שמייכלט — אַ באַדינער האָט דאָס פֿאַר מיר שטילערהייט געטאָן און איך האָב אים דערפֿאַר גוט באַלוינט. עס איז מיר נאָר אַ וואונדער, וואָס איך האָב פֿון דער קיניגין פֿון מצרים ביז איצט נאָך גאָרניט געהערט. און דערפֿאַר, טאָכטער, בין איך איצט צו דיר געקומען דיך בעטן, אַז דו זאָלסט אפֿשר זען דאָך פּרוּוון פּועלן בײַ אים בײַ נאַכט דאָס, וואָס דו קענסט בײַ אים ניט פּועלן בײַ טאָג...

מרים איז געבליבן זיצן אַ צעטומלטע און מיט אַ מאָל האָט זי זיך שטאַרק צעוויינט.

— מוטער, וואָס האָסטו געטאָן?

און אַלכּסנדרה האָט געפּרוּווט זי אײַננעמען:

— דו פֿאַרשטייסט ניט, טאַטער ליבע, דו פֿאַרשטייסט דאָס ניט...אין אַזעלכע זאַכן דאַרפֿסטו זיך אין גאַנצן פֿאַרלאָזן אויף מיר. איך ווייס בעסער... און איך בין געטריי מיינע קינדער. זייער געטריי. אַלץ בין איך פֿאַר זיי גרייט צו טאָן...

זי האָט ליב געהאַט צו רעדן וועגן דער גרויסער געטריישאַפֿט אירער צו די קינדער. ביי יעדער געלעגנהייט, וואָס זי האָט נאָר געהאַט, האָט זי דאָס דערמאָנט און זיך שטאַרק איבערגענומען דערמיט. אין דער אמתן אָבער איז זי אירע קינדער גאָרניט געווען אַזוי געטריי און זי האָט שטענדיק פֿריִער פֿון אַלץ זיך אַליין אין זינען געהאַט. דערפֿאַר האָט זי פֿריִער געטאָן אַלץ, וואָס ס'איז נאָר געווען אין אירע כּוחות, אַז הורדוס זאָל נעמען מרימען פֿאַר אַ ווייב; זי האָט געגלויבט, אַז ווען הורדוס וועט ווערן קיניג, וועט אויך זי, די מוטער פֿון זיין ווייב, האָבן אַ דעה אין הויף. זי האָט געהאַט גרויס פֿאַרדרוס פֿון דעם, וואָס ס'איז ניט אַזוי. זי האָט אין דעם געמאַכט שולדיק מרימען. זי איז געווען בייז אויף איר דערפֿאַר, וואָס זי האָט גאָרניט קיין באַגער צו הערשן, און זי האָט זיך דערייבער דערטראַכט צום געדאַנק, אַז אויב הורדוס טראָגט שוין די קרוין פֿון דער מלוכה, וואָלט איר זון אַריסטובולוס געדאַרפֿט טראָגן די קרוין פֿון דער כּהונה... און זי האָט זיך שוין אַזוי קלאָר פֿאָרגעשטעלט, ווי אין די יום־טובֿדיקע טעג וועט דאָס גאַנצע פֿאָלק גאַפֿן פֿון דעם, ווי איר זון אַריסטובולוס, יונג אין יאָרן, שיין אין אויסזען און הויך אין וואוקס, טראָגט די קרוין פֿון דער כּהונה אין הייליקן טעמפּל...זי האָט דערויף גרויסע האָפֿענונגען אַרויפֿגעלייגט און זי האָט געגלויבט, אַז דאַן וועט דאָס פֿאָלק זיכער טראַכטן וועגן די פֿריִערדיקע צייטן, ווען דער קיניג, וואָס איז געקומען פֿון די חשמונאים, האָט געטראָגן ביידע קרוינען, סיי די קרוין פֿון דער מלוכה און סיי די קרוין פֿון דער כּהונה...עס איז ביי איר גאָר קיין צווייפֿל ניט געווען, אַז ווען ס'ניט איז וועט אין לאַנד אויסברעכן אַ מרידה און הורדוס וועט פֿאַלן...דאַן וועט איר זון אַריסטובולוס ווערן דער קיניג פֿון יהודה און דאָס וועט פּשוט מיינען, אַז די מאַכט וועט זיין ביי איר אין די הענט. זי וועט פֿירן די מלוכה...

דאָס איז ביי איר געווען דער עיקר און דערגרייכן דערצו האָט זי געוואָלט מיט דער הילף פֿון קלעאָפּאַטרען. צוליב דעם האָט זי איר די בילדער פֿון די צוויי שיינע קינדער אירע צוגעשיקט, זי זאָל זיי ווייזן מאַרק אַנטאָנין און מיט זיי אָנוואָרעמען זיין האַרץ. אין דעם בריוו, וואָס זי האָט מיטן שליח צו דער קיניגין פֿון מצרים צוגעשיקט, האָט זי אַליין צו דעם מעכטיקן הערשער פֿון רוים אויך צוגעשריבן אַ פּאָר ווערטער, אַז זי וועט דאָס האַלטן פֿאַר זייער אַ גרויסן כּבֿוד ווען ער וועט איר זון אַריסטובולוס אַרויסרופֿן קיין אַלעקסאַנדריע. זי וויל ער זאָל זען ווי שיין און געראָטן ער איז און זי וועט אים אַ סך דאַנקען און זי וועט וויסן ווי דאָס צו שעצן ווען ער וועט זען, אַז הורדוס זאָל אים מאַכן פֿאַרן כּהן־גדול אין הייליקן טעמפּל...

אָבער עס זענען אַוועק וואָכן און וואָכן און זי האָט פֿון אַלעקסאַנדריע גאָרניט געהערט. דאָרט, אין דער הויפּטשטאָט פֿון מצרים, האָט די קיניגין קלעאָפּאַטרע זיך ניט געאיילט צו ווייזן איר געליבטן די בילדער פֿון מרים און אַריסטובולוס.

זי איז געווען איפּערזיכטיק און זי האָט ניט געוואָלט, אַז מאַרק אַנטאָני זאָל זיך צו פיל פאַרקוקן אויף אַזאַ שיינער יונגער פרוי ווי מרים די חשמונאית איז געווען. און זי האָט אויך ניט געוואָלט, אַז ער זאָל זען דאָס בילד פון דעם שיינעם יונגן אַריסטובולוס, ווייל זי האָט געוואוסט, אַז אין זיין גייעג נאָכצוגעבן אַלע זיינע תאוות און אין זיין ניי־גיגעריקייט אויסצופּרוּוון אַלץ, וואָס זאָגט נאָר צו פאַרגעניגן, ווייזט מאַרק אַנטאָני אַ מאָל אַרויס אַ שוואַכקייט צו שיינע מאַנספּאַרשוינען אויך... זי האָט אים דעריבער די צוויי בילדער אין גאַנצן ניט געוויזן און זי האָט אים בלויז געזאָגט, אַז פון ירושלים האָט זי פון אַלכּסנדרהן געקראָגן אַ צושריפט מיט אַ בקשה, אַז מע זאָל זען ווירקן אויף הורדוסן, אַז ער זאָל דעם יונגן אַריסטובולוס מאַכן פאַרן כהן־גדול אין הייליקן טעמפּל.

זיי זענען ביידע געווען צו פיל פאַרנומען מיט זיך, קלעאָפּאַטרע און מאַרק אַנטאָני. דער גאַנצער ענין וועגן דעם, ווער עס זאָל זיין דער כהן־גדול אין הייליקן טעמפּל איז זיי ניט אָנגעגאַנגען און זיי האָבן דעריבער דעם ענטפער צו אַלכּסנדרהן אַלץ אָפּגעלייגט אויף שפּעטער. און זייער אָפּט, ווען די צעלאָזענע קיניגין פון מצרים האָט גלאַט געוואָלט האָבן אַ ביסל שפּאַס, האָט זי דווקא אויסגעקליבן אַזאַ צייט, ווען מאַרק אַנטאָני איז געווען שיכּור, און דאַן האָט זי אים מיט אַ פאַר־שייטן שמייכל געפרעגט:

— וועט דער גאָט פון ווייַן אפשר איצט באַשטימען, ווער עס זאָל זיין דער כהן־גדול ביי די ייִדן אין הייליקן טעמפּל אין דער שטאָט ירושלים?..

און אַלע מאָל, ווען ער האָט דאָס פון איר מויל דערהערט, האָט ער הילכיק און פריילעך געלאַכט:

— כאַ־כאַ־כאַ!..

און

— כאַ־כאַ־כאַ!..

***

דער יונגער אַריסטובולוס אַליין האָט גאָרניט געוואוסט וועגן די מיטלען, וואָס זיין מוטער נעמט אָן אים צו מאַכן פאַר אַ כהן־גדול, און ווען ער וואָלט וועגן דעם יאָ געוואוסט, וואָלט ער דאָס זיכער ניט געוואָלט ליידן. ער איז אין דער נאַטור געווען זייער אַן איידעלער, אַ שטאָלצער, און ער האָט הויך געשעצט דאָס גרויסע און שיינע, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער פאַרגאַנגענהייט פון דער חשמונאים־משפּחה. אין דעם גאַנצן טומל, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם קיניגלעכן הויף אַרום אים, האָט ער זיך געהאַלטן ווי אַ זייטיקער. ער אַליין האָט צו הורדוסן קיין טענות ניט געהאַט דערפאַר, וואָס ער האָט אים ניט גע־מאַכט פאַר קיין כהן־גדול. ער האָט גאָר קיין מאָל ניט געטראַכט וועגן דעם. און אַלע מאָל, ווען אַלכּסנדרה איז צוגעשטאַנען צו אים, פאַר וואָס ער שווייגט, פאַר וואָס ער ווייזט ניט אַרויס דעם קיניג, אַז ער פילט זיך באַליידיקט פון דעם, וואָס ער האָט אים אין דער מלוכה ניט דערהויבן, האָט ער פאַר איר עפּעס ווי אין אייַלעניש איין ענטפער געהאַט:

— איך בין נאָך צו יונג צו זײַן אַ כּהן־גדול. איך וועל דאָס זײַן, ווען איך וועל עלטער ווערן...

לויט זײַן באַגריף האָט די קרוין פֿון דער כּהונה זיך געפּאַסט נאָר פֿאַר אַן עלטערן מענטשן און פֿאַר זייער אַן ערנצטן. ער האָט אויף זיך גאָר אַזאַ שווערן עול ניט געוואָלט נעמען. ער איז געווען יונג און שיין. די פֿרייד מיטן אַרײַנקומען אינעם אַכצנטן יאָר פֿון זײַן לעבן האָט אין אים ווי פֿון אַ קוואַל געשלאָגן; ער האָט ליב געהאַט זיך צו לאָזן טראָגן אויף די כוואַליעס פֿון ים און ווײַזן, אַז נאָך אַזאַ שווימער ווי ער איז אין יהודה שווער צו געפֿינען; ער האָט ליב געהאַט זיך צו יאָגן איבער פֿעלדער רײַטנדיק אויף אַ פֿערד, און דאָס האָט אים אַלע מאָל גרויס פֿאַרגעניגן פֿאַרשאַפֿט; ער האָט ליב געהאַט זיך צו פֿאַרמעסטן מיט די שנעלסטע לויפֿער אין ירושלים, און ווען ער האָט אַ מאָל אַ גוטן לויפֿער אַריבער־געיאָגט, האָט ער זיך שטאַרק איבערגענומען און זיך דערמיט דערנאָך פֿאַר אַלעמען באַרימט; ער האָט ליב געהאַט צו שיסן אַ פֿײַל פֿון בויגן און טראָגן אַ שווערד אויף זײַן דיך. אַלץ וואָס האָט נאָר געקענט אויסדריקן דעם פֿאַרמעסט פֿון כּוח איז אים געווען ליב. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אין איינעם מיט דער איידלקייט פֿון זײַן נאַטור, וואַקסט אין אים אויך די גבֿורה. און אין הויף זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן שטילערהייט גערעדט וועגן דעם, אַז עפּעס וועט ער אַ מאָל אַוודאי טאָן דערמיט...

— די גבֿורה פֿון די חשמונאים איז נאָך ניט אין גאַנצן אויסגעשעפּט...

מע האָט אויך דערציילט, אַז צווישן פֿאָלק געפֿינען זיך אַזעלכע, וואָס זאָגן, אַז אַריסטובולוס דער חשמונאי וועט זײַן דער, וואָס וועט ברענגען די גאולה...

אָבער אַלכּסנדרה, די מוטער פֿון אַריסטובולוס דעם חשמונאי, האָט ניט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטן. און אַרויסקוקנדיק אַזוי לאַנג אויף נײַס פֿון קלעאָפּאַטרען, איז זי געוואָרן נאָך מער אומגעדולדיק. און איבער דעם האָט זי זיך אַליין אַרײַנגעטריבן אין אַזאַ געמיט, אַז עס האָט איר אָנגעהויבן ווערן שווער זיך צו האַלטן אַזוי, אַז הורדוס זאָל ניט באַמערקן ווי צעטראָגן זי איז. און כּדי דאָס צו באַהאַלטן, האָט זי אים גענומען אַרויסווײַזן שוין אַ ביסעלע צו פֿיל גע־טרײַשאַפֿט און איבערגעגעבנקייט; זי האָט אים אַנדערש ניט גערופֿן ווי נאָר „זון מײַנער" און גראָד דאָס האָט בײַ הורדוסן אַרויסגערופֿן חשד און ער האָט אָנגע־זאָגט זײַנע אויסשפּירער, מע זאָל האַלטן אַן אויג אויף איר...

אין הויף איז די שטימונג דאַן געווען זייער אַן אָנגעצויגענע; מענטשן האָבן מורא געהאַט איינער פֿאַרן אַנדערן, זיך שטענדיק געהיט איינער פֿאַרן אַנ־דערן; קיינער האָט זיך ניט דערוועגט צו רעדן הויך און מע האָט זיך אויך געשראָקן צו רעדן שטיל, כּדי אַנדערע זאָלן ניט מיינען, אַז מע באַהאַלט אַ סוד. עס איז געווען גענוג, אַז מע זאָל דערהערן הורדוסעס טריט, און די הויט אויפֿן לײַב האָט גלײַך בײַ אַלעמען אָנגעהויבן ציטערן. און אַפֿילו אין די טעג, ווען דער קיניג איז ניט געווען בייז, איז די מורא ניט געווען קלענער, און מע האָט חושד געווען, אַז ער וויל מיט געמאַכטער גוטסקייט אַרײַננאַרן די אויף וועמען ער האָט אַ חשד...

אין יענער צײַט איז אַלכּסנדרה אָפּט קיין נעכט ניט געשלאָפֿן. אין דער מורא פֿאַר אַן אומגליק האָט זי דאָך אַרויסגעקוקט, אַז עס זאָל זיך טרעפֿן אַ גליק, ביז זי האָט זיך איין מאָל דאָך דערוואַרט אויף אַ טאָג, ווען עס איז פֿון מאַרק אַנטאָנין אָנגעקומען אַ שליח מיט אַ פֿאַרזיגלטן בריוו פֿאַר הורדוסן...

פֿון דעם, וואָס ס'איז אין בריוו געשטאַנען, האָט מען זיך גלײַך געקענט אָנשטויסן, אַז עמעצער פֿון די אייגענע האָט זיך אין דעם שוין אַוודאי אַרײַנגעמישט. מאַרק אַנטאָני האָט דאָרט געשריבן, אַז ער וועט וויסן ווי דאָס צו שעצן, ווען הורדוס וועט דעם יונגן אַריסטובולוס צושיקן צו אים קיין אַלעקסאַנדריע; ער וויל אים זען, ווײַל ער האָט פֿון אים אַ סך געהערט און ווי מע גיט אים איבער איז זײַן אויסזען ווירקלעך צו באַוואונדערן; און נאָך מער וועט ער וויסן ווי דאָס צו שעצן, ווען הורדוס וועט נאָך דעם דעם יונגן חשמונאי ווײַזן זײַן קיניגלעכן גנאָד און אים מאַכן פֿאַרן כּהן־גדול אינעם הייליקן טעמפּל; ער איז זיכער, אַז מיט דעם וועט ער זיך דערהויבן אין די אויגן פֿון פֿאָלק, פּונקט ווי ער איז זיכער, אַז ער וועט דערמיט שטאַרק אויסנעמען בײַ זײַן שיינער ווײַב מרים און איר ליבע צו אים וועט ווערן נאָך גרעסער ווי זי איז...

דאָס איז פֿאַר הורדוסן געווען גענוג, און אין דער צעטומלטקייט האָבן זיך בײַ אים דאָך אָנגעהויבן עפֿענען די אויגן. עס איז אויסגעקומען ווי בײַ אים אין מוח וואָלט מיט אַ מאָל אויפֿגעבליצט אַזוינס, אַז ער אַליין האָט זיך געדאַרפֿט וואונדערן, ווי דאָס איז אים פֿריִער גאָר קיין מאָל ניט אײַנגעפֿאַלן. ער האָט דעם בריוו פֿון מאַרק אַנטאָני גלײַך פֿאַרבונדן מיט דער געשיכטע פֿון מרימס בילד, וואָס איז פֿאַרשוואונדן געוואָרן נאָך מיט אַ צײַט צוריק. און אַלץ, וואָס ער האָט נאָר אַרויפֿגעכאַפּט אויפֿן געדאַנק אין דעם ווילדן אימפּעט דאָס שנעלער צו פֿאַרבינדן מיט די אַנדערע זאַכן, וואָס האָבן זיך בײַ אים אַלע אין איינעם צונויפֿגעמישט, איז פֿאַר אים אויסגעוואַקסן ווי אַ פֿאַרשווערונג, וואָס ווערט דאָ אין הויף צוגעגרייט קעגן אים...

ער האָט לאַנג אַלצדינג גוט אַרומגעטראַכט. ער האָט אין געדאַנק אַ סך נעמען איבערגעוואָרפֿן ביז ער האָט זיך דאָך אויף איין נאָמען אָפּגעשטעלט. זיך אָפּגעשטעלט מיט דער זיכערקייט, וואָס מע האָט געוויינטלעך, ווען מע דערפֿילט דעם אמת בחוש. און עפּעס גאָר אין גאַנצן ניט אַזוי ווי שטענדיק, ווען עס האָט זיך בײַ אים אויף עמעצן צעוואַקסן אַ חשד, האָט הורדוס דאָס מאָל גראָד אײַנגעהאַלטן זײַן כּעס און ניט־מאַכנדיק קיין טומל אַרום דעם, האָט ער שטילערהייט געשיקט רופֿן מרימס מוטער...

ער מוז זי שוין זען!

און ווען אַלכּסנדרה איז געקומען צו אים אין דעם גאַנצן קיניגלעכן גלאַנץ, וואָס זי האָט געקענט אַרויפֿציִען אויף זיך, ווען זי האָט דאָס נאָר געוואָלט, האָט ער זיך מיט איר אין אַ ווײַטן חדר פֿון הויף פֿאַרמאַכט. עס האָט געזאָלט הייסן, אַז ער דאַרף מיט איר איצט רעדן אַזוינס, וואָס מע קען נאָר איר אַליין פֿאַרטרויען. און כאָטש עס איז אים געווען שווער צו צוימען דעם צאָרן, וואָס האָט אין אים געברענט, האָט ער מיט איר דאָך גערעדט שטיל און איידל:

— מוטער. — האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און אין אַזאַ טאָן ווי ער וואָלט זיך טאַקע געפֿילט שולדיק קעגן איר. — מוטער, איך ווייס, אַז דײַן האַרץ איז ריין און אַז ניט פֿון שלעכטקייט האָסטו שטילערהייט און אָן מײַן וויסן צוגעשיקט פֿאַר מאַרק אַנטאָני דאָס בילד פֿון מרימען און אויך דאָס בילד פֿון אַריסטובולוסן דײַן זון...

אַלכּסנדרה האָט זיך אין שרעק געגעבן אַ כאַפּ און געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער הורדוס האָט געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט און דאָס איז געווען אַ צייכן, אַז זי זאָל שווײַגן:

— רואיק, מוטער, רואיק — האָט ער זי אײַנגעשטילט — ניט דו ביסט שולדיק אין דעם, וואָס דו האָסט דאָס געדאַרפֿט טאָן שטילערהייט; איך בין אין דעם שולדיק!.. עס איז געווען מײַן חובֿ ווי דער קיניג פֿון יהודה און ווי דער מאַן פֿון דײַן טאָכטער צו געבן אַריסטובולוסן דײַן זון די קרוין פֿון דער כּהונה. איך האָב דאָס ניט געטאָן, ווײַל איך האָב געמיינט, אַז ער איז נאָך צו יונג פֿאַר דעם. און איך בעט דיך, מוטער, פֿאַרגיב מיר...

ער האָט זי פֿאַרזיכערט, אַז דורך דעם, וואָס זי האָט דאָס געטאָן שטילערהייט איז פֿון איר כּבֿוד בײַ אים גאָרניט געמינערט געוואָרן. פונקט ווי עס איז גאָרניט געמינערט געוואָרן פֿון זײַן ליבשאַפֿט צו איר...

— פֿאַר מיר איז דאָס בלויז נאָך אַ צייכן ווי געטרײַ און איבערגעגעבן דו ביסט דײַנע קינדער. און איך שעץ הויך די מוטער, וואָס איז צו אירע קינדער אַזוי געטרײַ און איבערגעגעבן, אַז זי איז פֿאַר זיי גרייט אַלץ צו טאָן, אַפֿילו ווען דאָס איז פֿאַרבונדן מיט סכּנות... דו ביסט דורך דעם נאָך העכער אויסגעוואַקסן אין מײַנע אויגן און איך פֿיל זיך שולדיק קעגן דיר...

אין זײַן רעדן מיט איר האָט ער זיך געהאַלטן אַזוי, אַז עס האָט איר גאָרניט געקענט אײַנפֿאַלן, אַז דאָס שטויסט ער זיך בלויז אָן, אַז עס איז געווען אַזוי און אַז זײַן כּוונה דערבײַ איז זי אַרײַנצונאַרן. זי האָט געמיינט, אַז ער האָט שוין אָוודאי אַלץ אויסגעפֿונען, אַז ער ווייסט שוין דעם סוד, און אַז עס וואָלט זיכער געווען אָן אומזין דאָס צו פֿאַרלייקענען. איז זי דעריבער פֿאַר הורדוסן מיט אַ געבויגענעם קאָפּ געשטאַנען און האָט די גאַנצע צײַט קיין איין וואָרט פֿון מויל ניט אַרויסגעבראַכט. זי האָט זיך נאָר צוגעהערט צו דעם, וואָס ער האָט איר געזאָגט, אַליין אָבער האָט זי גאָרניט געזאָגט. ערשט ווען ער האָט געענדיקט, האָט זי די אויגן אויפֿגעהויבן און פֿאַרנייגנדיק זיך פֿאַר אים מיט דעם גאַנצן ווײַבערשן חן, וואָס זי האָט אַזוי בריהש געקענט אַרײַנגעבן אין אַ שמייכל, האָט זי שטיל געזאָגט:

— איך נעם זיך איבער מיט דיר, מײַן זון, וואָס דו פֿאַרשטייסט אַזוי גוט דאָס האַרץ פֿון אַ מוטער...

***

עס איז אויסגעקומען, ווי דאָס וואָלט געווען אַ פֿרײַנדלעכער איבעררייד צווישן צוויי מענטשן פֿון איין משפּחה וועגן עפּעס אַ קלייניקייט, וואָס זיי האָבן ניט ריכטיק פֿאַרשטאַנען און איבער וואָס זיי האָבן זיך אַ מאָל צו פֿיל געקאָכט

אומזיסט און אומנישט, און אַלכּסנדרה איז אַוועק אַ צופֿרידענע דערמיט, וואָס זי איז בלויז אָפּגעקומען מיט שרעק. און נאָך אין דעם זעלבן טאָג האָט הורדוס קיין אַלעקסאַנדריע אַוועקגעשיקט אַ שליח מיט אַ פֿאַרחתמעטן בריוו פֿאַר מאַרק אַנטאָני, אָבער קיינער האָט ניט געוואוסט, וואָס ס'איז דאָרט אין יענעם בריוו געשטאַנען. און באַלד נאָך דעם האָט ער אין הויף געלאָזט וויסן, אַז עס איז זײַן גוטער ווילן און זײַן פֿעסטער באַשלוס, אַז אַריסטובולוס דער חשמונאי זאָל ווערן דער כּהן־גדול אינעם הייליקן טעמפּל...

עס האָט זיך געקענט דאַכטן, אַז ער האָט מיט אַ מאָל טאַקע באַקומען אַ חשק צו ווײַזן ווי גוט ער קען זײַן צו די אייגענע פֿון דער משפּחה און ווי אין איינעם מיט דעם וויל ער נאָך מער ווי אַלע מאָל ווײַזן ווי גרויס עס איז זײַן ליבע צו מרימען. ער האָט איר דאַן טיף אין די אויגן אַרײַנגעקוקט און זי בײַביידע הענט געהאַלטן, ווען ער האָט מיט איר גערעדט וועגן דעם, וואָס איר יונגער ברודער אַריסטובולוס וועט זײַן דער כּהן־גדול. ער האָט איר דאַן געזאָגט:

— דאָס גיב איך נאָך דײַן פֿאַרלאַנג, ליבסטע מײַנע... איך ווייס, אַז עס איז דער וואונטש פֿון דײַן האַרץ, אַז אַריסטובולוס זאָל טראָגן די קרוין פֿון דער כּהונה, וועט דאָס זײַן אַזוי ווי דו ווילסט...

אין דער זעלבער צײַט האָט ער אַלכּסנדרהן אויך פֿאַרזיכערט, אַז דאָס טוט ער איר צוליב. ער איז צו איר געווען ווייך און איידל, ווען ער האָט מיט איר וועגן דעם גערעדט און אַנדערש ווי „מוטער" האָט ער זי ניט גערופֿן. אָבער עס איז אַוועק ניט מער ווי איין טאָג און ער האָט אין הויף אַלע זײַנע ראַטגעבער צונויפֿגערופֿן. אויך אַלכּסנדרהן און די אַנדערע פֿון דער משפּחה האָט ער פֿאַרבעטן. עס האָט געהייסן, אַז עס וועט זײַן אַ גרויסע סעודה און מע וועט זיך פֿרייען דערמיט, וואָס דער יונגער אַריסטובולוס איז דערהויבן געוואָרן אַזוי ווי ער פֿאַרדינט. אָבער ווען אַלע זענען שוין בײַם טיש געווען אויסגעזעצט, האָט הורדוס זיך אויפֿגעשטעלט און נאָך דעם ווי ער האָט אַלע באַדינער געהייסן אַרויסגיין, האָט ער אָנגעוויזן מיטן פֿינגער אויף אַלכּסנדרהן, און ניט־אַרויסווײַזנדיק אַפֿילו קיין סימן פֿון אויפֿרעגונג, האָט ער געזאָגט:

— אויף אײַך, מײַנע נאָענטסטע פֿרײַנד און ראַטגעבער, וויל איך זיך פֿאַרלאָזן, אַז איר זאָלט משפּטן צווישן מיר און דער מוטער פֿון מײַן ווײַב!..

אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט פֿאַרוואונדערט. אויף אַזאַ זאַך האָבן זיי זיך ניט געריכט. פֿון גרויס איבערראַשונג האָבן זיך בײַ זיי ברייטער די אויגן צעעפֿנט און בײַ אַלכּסנדרהן איז דאָס פּנים געוואָרן בלאַס און זי האָט מיט רחמנות־דיקע בליקן געקוקט אויף מרימען, אָבער מרים איז אַליין אויך געזעסן אַ דערשראָקענע און די אויגן זענען בײַ איר געווען אַרונטערגעלאָזט צו דער ערד.

דער איינציקער, וואָס איז געבליבן רואיק, איז געווען הורדוס. קוקנדיק אויף אַלעמען מיט פֿאַרגליווערטע בליקן, האָט ער ביידע הענט אויף דער ברוסט פֿאַרלייגט און האָט ווײַטער גערעדט, און דערבײַ האָט ער די גאַנצע צײַט זײַן קול ניט אויפֿגעהויבן. אין איין טאָן, פּונקט ווי ער וואָלט איבערגעגעבן אַ געשיכטע, וואָס גייט אים ניט שטאַרק אָן, האָט ער דערציילט, אַז אַלכּסנדרה האָט שטילערהייט געמאַכט אַ פֿאַרשווערונג קעגן אים; אַז איר כּוונה איז געווען אים

אַרונטערצוזעצן פֿון טראָן און מאַכן איר זון אַריסטובולוס פֿאַרן קיניג פֿון יהודה...

— אַלע מיטלען זענען בײַ איר געווען רעכט — האָט ער געזאָגט און אַלץ מיט דער זעלבער רואיקייט — עס איז בײַ איר געווען רעכט זיך צו ווענדן נאָך הילף צו קלעאָפּאַטרען, דער קיניגין פֿון מצרים, און דאָס מיינט, אַז אין איר ווידערשפּעניקייט קעגן דעם קיניג פֿון יהודה, האָט זי זיך געוואָלט באַנוצן מיט דער הילף פֿון אַ פֿרעמדער מלוכה... עס איז בײַ איר אויך געווען רעכט, אַז צוליב דעם זאָל מען איר זון אַריסטובולוס שיקן צו מאַרק אַנטאָני קיין אַלעק־סאַנדריע און עס זאָל דאָרט צו אים געטאָן ווערן אַן אומווערדיקע זאַך, וואָס איז קעגן די געזעצן פֿון אונדזער הייליקער תּורה... עס איז בײַ איר אויך געווען רעכט צוצונעמען בײַ איר אייגענער טאָכטער דעם גרויסן כּבֿוד, וואָס זי האָט ווי דאָס ווײַב פֿון דעם קיניג פֿון יהודה. אַלץ איז בײַ איר געווען רעכט צו טאָן. און געטאָן האָט זי דאָס ניט אָפֿן, ווי אַ מענטש מיט מוט, נאָר ווי אַ ווידערשפּעניקערין, וואָס גראָבט שטילערהייט...

ער האָט פֿאַרזיכערט, אַז ווען ער וואָלט די פֿאַרשווערונג ניט אויפֿגעדעקט בײַ צײַטנס, וואָלט געוויס ווידער אויסגעבראָכן אַ מלחמה.

— און דאָס גאַנצע לאַנד וואָלט ווידער אָפּגעגאַנגען מיט בלוט — האָט ער געזאָגט און אַלץ ניט אויפֿגעהויבן דאָס קול — דער חורבן וואָלט געווען אפֿשר נאָך גרעסער ווי פֿריִער, און דאָס איז אין אַ צײַט, ווען אויף די פֿעלדער איז אַ טרוקעניש, ווען אין לאַנד הערשט אַ הונגער, און איך ליידיק אויס די אוצרות פֿון דער מלוכה צו שפּײַזן די, וואָס האָבן ניט קיין ברויט!

ווען ער האָט געענדיקט און זיך צוריק אַוועקגעזעצט, האָט זיך אַרום און אַרום אײַנגעשטעלט אַזאַ אָנגעצויגענע שטילקייט, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז עפּעס וועט דאָ באַלד מוזן פּלאַצן. די אַלע צונויפֿגערופֿענע מענטשן האָבן ניט געוואוסט, וואָס זיי דאַרפֿן איצט טאָן, צי זיי זאָלן אַרויסזאָגן זייער מיינונג וועגן דעם אָדער זיי זאָלן בלײַבן שטילע עדות; זיי האָבן ניט געוואוסט צוליב וואָס הורדוס האָט זיי אַהער צונויפֿגערופֿן און וואָס ער דערוואַרט פֿון זיי. און פּונקט ווי די מערסטע פֿון זיי זענען געווען איבערראַשט פֿון דעם, וואָס זיי האָבן געהערט, זענען זיי אויך געווען איבערראַשט פֿון דעם, וואָס הורדוס האָט דערפֿון גערעדט אַזוי רואיק און געלאַסן און די גאַנצע צײַט זײַן קול ניט אויפֿגעהויבן. זיי האָבן ניט געקענט פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס ער שרײַט ניט, פֿאַר וואָס ער בייזערט זיך ניט און פֿאַר וואָס ער דערמאָנט גאָרניט קיין וואָרט, אַז ער וועט אַלכּסנדרהן שטרענג באַשטראָפֿן דערפֿאַר. צעטומלטע האָבן זיי געקוקט — דאָ אויף הורדוסן און דאָ אויף אַלכּסנדרהן, וועלכע איז געזעסן מיט אַ געבויגענעם קאָפּ. בײַ קיינעם פֿון זיי האָט זיך ניט געעפֿנט דאָס מויל אַ וואָרט צו זאָגן. און ווען הורדוס האָט גע־הייסן צוריק אַרײַנרופֿן די באַדינער און אָנהייבן די סעודה לכּבֿוד דעם, וואָס ער האָט דעם יונגן אַריסטובולוס געמאַכט פֿאַרן כּהן־גדול, זענען אַלע נאָך מער צעטומלט געוואָרן; קיינער האָט ניט געקענט פֿאַרשטיין, וואָס דאָ איז און זיי האָבן מורא געהאַט, אַז עס וועט זיך אַוודאי ענדיקן זייער שלעכט, ווײַל זיי האָבן חושד געווען, אַז עס איז ניט אַנדערש, נאָר הורדוס האָט פֿאַרטראַכט עפּעס אַזוינס,

וואָס מוז אַוודאי זײַן שרעקלעך. די גאַנצע צײַט האָבן זיי מיט די אויגן נאָכגע־פאָלגט יעדע באַוועגונג, וואָס ער האָט געמאַכט, און יעדן בליק, וואָס ער האָט אויף אַנדערע געוואָרפן. אַלע זענען געווען אומרואיק. אַפילו דער דיקער מענע־לעוס מיטן גראָבן בויך און מיט די קורצע פיסלעך האָט אָנגעהויבן ווערן זייער אומרואיק און די טיף אײַנגעגראָבענע אויגן זײַנע האָבן שוין אַ ביסל צו פיל געפינטלט, און דער רויטער, פעטער קאַרק זײַנער איז מיט אַ קאַלטן שוויס געווען באַדעקט. אים האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז באַלד וועט אַוודאי געשען עפּעס אַזוינס, וואָס וועט אויף אַלעמען אַרויפוואַרפן אַ פּחד.

און מיט אַ מאָל האָט זיך דערהערט דאָס געוויין פון אַ פרוי. אַלע האָבן זיך נאָך מער דערשראָקן. אָבער קיינער האָט זיך דאָך פון אָרט ניט גערירט.

דאָס האָט געוויינט מרימס מוטער.

און געוויינט האָט זי אַזוי שטאַרק און מיט אַזאַ שאַרפן קוויטש, אַז אַלע זענען געבליבן זיצן ווי פאַרציטערטע. וואָס אַ מאָל איז דאָס געוויין בײַ אַלכּסנדרהן געוואָרן שטאַרקער און עס האָט זיך הויך און ווײַט איבערן הויף געטראָגן. די אַקסלען האָבן זיך בײַ איר אויף און אָפּ געהויבן. און ווען דאָס שאַרפע קוויטשען האָט אויפגעהערט, האָט זי אָנגעהויבן כליפּען אויפן קול. עס האָט אַלעמען ווי געטאָן דאָס האַרץ קוקנדיק אויף איר, ווי זי איז אין גאַנצן אַ צעדריקטע, אַ צע־טראָטענע. אָבער בײַם טיש האָט זיך דאָך ניט געפונען קיין איינער, וואָס זאָל צוגיין צו איר און זי אײַנשטילן. אַפילו אירע קינדער, מרים און אַריסטובולוס, זענען צו איר ניט צוגעגאַנגען. דערשראָקענע זענען זיי אויף זייערע ערטער גע־בליבן זיצן און עס האָט זיך געקענט דאַכטן, אַז באַלד וועלן זיי זיך אפשר גאָר אויך צעוויינען אויפן קול און די בהלה וועט ווערן נאָך גרעסער. אַלע זענען געווען צעשראָקן. די מורא איז געהאַנגען איבער די קעפּ. און הורדוס איז געזעסן אַ קאַלטער, אַ רואיקער. ער האָט דאָס מויל ניט געעפנט. ער האָט געשוויגן און מיט זײַן שווײַגן האָט ער אויף אַלעמען אַרויפגעוואָרפן נאָך אַ גרעסערן פּחד ווי ווען ער וואָלט געשריגן...

עס האָט זיך געדאַכט, אַז קיין כּוח אין דער וועלט וועט דאָס וויינען פון אַלכּסנדרהן ניט קענען אָפּשטעלן.

לאַנג האָט זי אַזוי געוויינט און דאָן איז געשען אַזוינס, וואָס האָט אַלעמען גאָר אין גאַנצן צערודערט. אַלכּסנדרה האָט מיט אַ מאָל זיך אַליין אײַנגעשטילט. זי האָט זיך פּלוצלינג אָנגעהויבן שעמען דערמיט, וואָס אַזוי פיל מענטשן האָבן געזען, ווי זי האָט געוויינט, און זי האָט דאָס געוויין אין זיך איבערגעריסן אַזוי ווי זי וואָלט עס דערשטיקט אין מיטן. אין דער אָנגעצויגענער שטילקייט, וואָס האָט זיך ווידער אײַנגעשטעלט אַרום און אַרום איבער די אַלע מענטשן, וואָס זענען ביים טיש געזעסן, האָט אַלכּסנדרה דאָן, ניט אויפהייבנדיק די אויגן, גע־פילט אַלעמענס בליקן אויף זיך, און דאָס האָט בײַ איר נאָך מער אַרויסגערופן דעם געפיל פון שאַנד, און זי האָט מיט פאַרדרוס די ליפּן געביסן און די פינגער פון די הענט געצויגן. און מיט אַ מאָל האָט זי זיך געגעבן אַ גלײַך אויס און מיט אַ שטים, וואָס האָט אין זיך געהאַט בלויז אַ שוואַכן שפּור פון דעם פריִערדיקן

געוויין, האָט זי אָנגעהויבן רעדן צו הורדוסן און דערבײַ האָט זי אים גלײַך אין די אויגן אַרײַנגעקוקט:

— מײַן זון — האָט זי די ווערטער קלאָר און שאַרף פֿון מויל אַרויסגעבראַכט, כאָטש מע האָט נאָך געקענט זען, ווי שווער דאָס קומט איר אָן — מײַן זון, דאָ, פֿאַר די אויגן פֿון אַלע מענטשן, וואָס דו האָסט צונויפֿגערופֿן אַהער, עפֿן איך מײַן האַרץ און איך גיב צו: עס איז אמת, אַז מײַן וואונטש צו זען מײַן אייניציקן זון אַריסטובולוס מיט דער קרוין פֿון דער כּהונה אויפֿן קאָפּ איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז איך האָב אַריבערגעטראָטן די רעכט, וואָס דו ביסט געווען אַזוי גנעדיק מיר צו באַווילִיקן. אין דעם וואָס דו האָסט גענומען אַ פֿרעמדן און אים געמאַכט פֿאַרן כּהן־גדול, האָב איך געזען אַ גרויסע באַליידיקונג פֿאַר מײַן זון, וועלכער איז לויט זײַן הויכן שטאַנד ווירדיק צו טראָגן די קרוין פֿון דער כּהונה אין יהודה. איך און מײַן טאָכטער מרים האָבן דיך ניט איין מאָל געבעטן דו זאָלסט דאָס טאָן, אָבער דו האָסט זיך צו אונדזער געבעט ניט צוגעהערט. עס איז געווען דער געפֿיל פֿון אמתער געטרײַשאַפֿט פֿון אַ מוטער צו איר קינד, וואָס האָט מיר אונטערגעזאָגט צו קערן די בליקן פֿון מײַנע אויגן צו קלעאָפּאַטרען, דער קיניגין פֿון מצרים, און זי בעטן, אַז זי זאָל מיר העלפֿן. איך בין זיך מודה, אַז איך האָב דאָס געטאָן. עס איז אָבער ניט אמת, אַז איך האָב געזוכט וועגן, וואָס זאָלן פֿירן מײַן זון אַריסטובולוס צום טראָן! מיר איז אַזוינס קיין מאָל גאָר אַפֿילו אויפֿן געדאַנק ניט געקומען. און פֿאַר די אַלע מענטשן, וואָס זיצן דאָ בײַם טיש, זאָג איך, אַז אַפֿילו ווען דו וואָלסט מיט דײַן אייגענעם גוטן ווילן אָנגעבאָטן איבערצוגעבן מײַן זון אַריסטובולוס די קרוין פֿון דער מלוכה, וואָלט מײַן ווילן געווען, אַז ער זאָל זיך אָפּזאָגן דערפֿון.

זי האָט גערעדט אַזוי, אַז מע האָט ווירקלעך געקענט מיינען, אַז דאָס קומט בײַ איר פֿון האַרצן. זי האָט מיט אירע רייד אויף אַלעמען אַ שטאַרקן אײַנדרוק געמאַכט. אַפֿילו אויף הורדוסן. בלויז אויף הורדוסעס שוועסטער, אויף סאַלאָמעאַן, האָט דאָס קיין אײַנדרוק ניט געמאַכט און זי האָט אויף אַלכּסנדרהן מיט אַ גאַליקן שמייכל געקוקט און דערבײַ די שמאָלע ליפּן אירע אַלע מאָל מיט דער צונג באַנעצט. אָבער אַלכּסנדרה האָט זיך פֿון סאַלאָמעאַס בליקן אָפּגעקערט, און פֿאַרנייגנדיק זיך פֿאַר הורדוסן אין דער קיניגלעכער חשיבֿות אירער, מיט דעם גאָר באַזונדערן ווײַבערשן חן, האָט זי געענדיקט אַזוי, אַז אַלע האָבן גלײַך דערפֿילט בחוש, אַז מיט אירע רייד האָט זי אין גאַנצן צעטריבן דעם שטורעם, אויף וועלכן אַלע האָבן זיך דאָ געריכט...

— איך דאַנק דיר, מײַן זון — האָט זי געזאָגט שיין און איידל, און אין איר פּנים האָט אויפֿגעלויכטן דער שטאָלץ פֿון דער חשמונאים־משפּחה, וואָס איז געווען אַזוי באַליבט בײַם פֿאָלק — יאָ, איך דאַנק דיר, מײַן זון, פֿאַר דײַן גרויס גנאָד צו מיר און צו מײַנע קינדער. און איך פֿאַרזיכער דיך, אַז פֿאַר מיר איז גענוג דער כּבֿוד, וואָס מײַן טאָכטער מרים איז דאָס ווײַב פֿון דעם קיניג און וואָס מײַן זון אַריסטובולוס וועט טראָגן די קרוין פֿון דער כּהונה. צו דער קרוין פֿון דער מלוכה הייבן זיך ניט מײַנע אויגן און אויך ניט די אויגן פֿון מײַן זון

אַריסטובולוס. קיינעם אין יהודה פּאַסט ניט די קרוין אַזוי גוט ווי דיר. קיינער אין יהודה קען זי ניט טראָגן אַזוי ווירדיק ווי דו...

עס איז פּשוט געווען שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז דאָס איז די זעלבע פרוי, וואָס האָט דאָ פריִער אַזוי יאָמערלעך געוויינט...

אויף הורדוסעס פּנים האָט זיך אַ צופרידענער שמייכל באַוויזן. ער האָט גלייך אויפן אָרט שוין פאַרטראַכט אַזוינס, וואָס האָט אים געגעבן די זיכערקייט, אַז עס וועט זיין אַזוי ווי ער וויל. און ווען ער האָט גראַד דאַן אויפגעכאַפּט די בליקן פון מרימס אויגן, איז דער צופרידענער שמייכל אויף זיין פּנים נאָך ברייטער געוואָרן און אויפהייבנדיק איין האַנט אין דער הויך, ווי זיין שטייגער איז געווען אַלע מאָל, ווען ער האָט געוואָלט צוגעבן גרויס פייערלעכקייט צו דעם, וואָס ס'קומט אַרויס פון זיין מויל, האָט ער געזאָגט:

— אַלץ איז פאַרגעבן!..לאָמיר דאָס פאַרגעסן און זאָל פון היינט אָן און ווייטער הערשן שלום אין מיין הויף...

נאָך דעם איז מען ווייטער אָנגעגאַנגען מיט דער סעודה לכּבוד דעם, וואָס דער יונגער אַריסטובולוס איז געוואָרן כּהן־גדול. מע האָט געגעסן און געטרונקען און מע איז געווען פריילעך. און מער ווי אַלע אַנדערע האָט זיך געפרייט דער אַלטער הורקונוס. ער האָט אויף אַלץ מיטן קאָפּ צוגעשאָקלט און געהאַלטן אין איין גלעטן די גרייז־גרויע באָרד זיינע.

— עס איז גוט אַזוי, זייער גוט אַזוי — האָט ער אָנגעקוואָלן, רעדנדיק צו די געסט, וואָס זענען לעבן אים געזעסן — זאָל זיין שלום, זאָל שטענדיק זיין שלום...און זי, מיין טאָכטער אַלכּסנדרה, איז גערעכט. אַוודאי איז זי גערעכט, אַז קיינער קען ניט טראָגן אויפן קאָפּ די קרוין פון דער מלוכה אַזוי ווירדיק ווי אונדזער קיניג הורדוס...אַוודאי איז זי גערעכט, האַ?..איך האָב דאָס אַליין געזאָגט צו מאַרק אַנטאָני, ווען ער האָט מיך געפרעגט, ווער עס איז דער שטאַרקסטער מאַן אין יהודה...נאָך דאַן האָב איך אָנגעוויזן אויף אים, אויף הורדוסן, און האָב געזאָגט: „ער! ער איז דער שטאַרקסטער מאַן אין יהודה“... האָט איר דאָס געהערט? האַ?..אַלע האָבן דאָס געהערט? האַ?..

ער האָט זיך אַליין געפרעגט און זיך אַליין געענטפערט. דאָס פּנים האָט ביי אים געשיינט פון גליק, ווען הורדוס האָט אים פאַר אַלעמען אין די אויגן אָנגערופן „פאָטער“. ער האָט זיך געפרייט דערמיט, וואָס אַלע גיבן אָפּ כּבוד מרימען און וואָס זי איז שוין מער ניט פאַרזאָרגט און זי שמייכלט צו די געסט אַזוי שיין און ליבלעך. און ווען עמעצער האָט אָנגעהויבן רעדן צו אים, האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ, כאָטש ער האָט ניט געקענט הערן וואָס יענער זאָגט. ער האָט פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען די זעלבע ווערטער געהאַט:

— עס איז גוט אַזוי!..זאָל נאָר זיין שלום!..

אַלע אין הויף האָבן דאַן געלויבט הורדוסן פאַר זיין גרויסמוטיקייט און אַלכּסנדרהן פאַר איר מוט. אַלע זענען געווען צופרידן פון דעם, וואָס דער צאָרן האָט זיך איינגעשטילט. קיינער האָט ניט געוואוסט, אַז גלייך נאָך דעם ווי די סעודה האָט זיך געענדיקט, האָט הורדוס גערעדט צו אַלכּסנדרהן מיט איינגע־

האַלטענעם כּעס און איר אָנגעזאָגט שטרענג, אַז זי זאָל זיך מער ניט מישן אין די ענינים פֿון דער מלוכה...

— דאָס איז אַ וואָרענונג! — האָט ער איר געזאָגט — אַ שטרענגע וואָרענונג. און געדענק: פֿאַרגעבן פֿאַרגיב איך בלויז איין מאָל!.. ניט מער ווי איין מאָל...

קיין צוטרוי צו איר האָט ער מער ניט געקענט האָבן. דער געדאַנק, אַז זי וועט דאָך מאַכן אַ פֿאַרשווערונג האָט אים ניט געלאָזט רוען, און ער האָט זי דעריבער אין איר אייגענעם הויף אַרומגערינגלט מיט זײַנע מענטשן, און זיי האָבן אים יעדן טאָג געדאַרפֿט איבערגעבן אַלץ, וואָס זיי האָבן געזען און געהערט.

— דו זאָלסט געדענקען, מוטער — האָט ער איר אָנגעזאָגט שטרענג — אַז פֿון הויף טאָרסטו ניט אַרויסגיין. אַזוי איז מײַן באַפֿעל!..

***

זייער ווייניק מענטשן האָבן געוואוסט, אַז דער קיניגינס מוטער איז שטענדיק אונטער אַ שטרענגער וואַך און אַז מע האַלט אַן אויג אויף יעדן שריט, וואָס זי מאַכט און אויף אַלץ וואָס זי טוט. מע האָט עס ניט געקענט וויסן, ווײַל אויף יעדער סעודה, וואָס מע האָט געמאַכט אין הויף, איז זי געווען אײַנגעלאַדן און הורדוס האָט איר גרויס כּבֿוד אָפּגעגעבן און געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז זייער גוט צו איר. און געמאַכט האָט ער דאָס אַזוי קונציק, אַז עס האָט גאָר קיינעם ניט געקענט אײַנפֿאַלן, אַז דאָס איז בלויז אַ שפּיל אַזאַ...

און אַלכּסנדרה האָט זיך אין איר אייגענעם הויף געפֿילט ווי אַ געפֿאַנגענע. עס האָט איר שוין ניט געקענט באַקומען, וואָס איר זון אַריסטובולוס איז דער־הויבן געוואָרן צו דער קרוין פֿון דער כּהונה. אַ מורא, אַז הורדוס האָט פֿאַרטראַכט שלעכטס, האָט זי טאָג און נאַכט געפּײַניקט; זי האָט זיך אַלץ געשראָקן, אַז הורדוס זאָל נאָך דעם יונגן זון אירן ניט אַרײַננאַרן אין אַזאַ נעץ, פֿון וואַנען ער וועט זיך שוין ניט קענען אַרויסדרייען; זי האָט געציטערט פֿאַר זײַן לעבן, און ווען עס איז אַ מאָל אַוועק אַ טאָג און זי האָט אים ניט געזען, איז זי געווען זייער אומרואיק.

אויך הורדוסן איז דאַן באַפֿאַלן אַ מורא און ער האָט קיין רו ניט געקענט געפֿינען; אַלע מאָל, ווען ער האָט געזען ווי דאָס פֿאָלק גיט אָפּ גרויס כּבֿוד דעם יונגן כּהן־גדול, האָט דאָס אים ווי מיט שאַרפֿע שפּיזן דאָס האַרץ געשטאָכן. ער האָט אין דעם יונגן חשמונאי אָנגעהויבן זען אַ סכּנה פֿאַר זיך און פֿאַר זײַן טראָן...

געדעדט וועגן דעם האָט ער אָבער מיט קיינעם ניט, אַפֿילו ניט מיט זײַן שוועסטער סאַלאָמעאַ, וועלכע איז קיין מאָל ניט מיד געוואָרן אים צו זאָגן, אַז דער יונגער אַריסטובולוס איז אויסגעוואַקסן אויף זײַן קאָפּ; ער האָט זיך אַלע מאָל בלויז צוגעהערט צו דעם, וואָס זי זאָגט, אָבער ער אַליין האָט איר גאָרניט געזאָגט וועגן דעם. און צו אַריסטובולוסן האָט ער זיך לפּנים באַצויגן אַזוי גוט, אַז יענער האָט אים גאָרניט געקענט זײַן אין קיין חושד שלעכטס. ער האָט מיט אים אָפּט ווי מיט אַ ייִנגערן חבֿר געשטיפֿט, זיך ניט איין מאָל פֿאַרמאָסטן מיט אים אין אַ געראַנגל, ווער עס וועט אַרויסווײַזן מער כּוח, און ער האָט אים מיט־

גענומען, ווען ער איז געגאַנגען אויף יאָגד און זיך געוועט מיט אים, ווער עס וועט וועמען אַריבעריאָגן רײַטנדיק אויף אַ פֿערד...

אַלכּסנדרה האָט אַריסטובולוסן געוואָרנט:

— היט זיך פֿאַר אים, מײַן זון, ער וויל דיך אומברענגען... דו ביסט אים ווי אַ דאָרן אין די אויגן. האָב שטענדיק אין זינען, מײַן זון, אַז ער, דער רוצח, איז אויף אַלץ פֿעיִק... און ווען פֿון זײַנע ליפּן טריפֿט האָניק, איז זײַן האַרץ פֿול מיט גיפֿט און גאַל. היט זיך פֿאַר אים!..

זי האָט דעם יונגן אַריסטובולוס אַזוי אָנגעשראָקן, אַז ער האָט זיך אין הויף שוין קיין מאָל ניט געקענט פֿילן זיכער מיטן לעבן. ס׳זענען געווען נעכט, ווען ער האָט ניט געקענט שלאָפֿן, און עס האָט זיך אים אַלץ אויסגעוויזן, אַז ער הערט שטילע טריט און אַז דאָס קומט מען אים דערהרגענען שטילערהייט...

עס איז אַלכּסנדרהן געווען שווער צו בלײַבן ווײַטער אַ פֿאַרשפּאַרטע אין הויף און זי האָט אָנגעהויבן זוכן מיטלען, ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען, זיך און איר זון. און זי האָט זיך ווידער שטילערהייט געווענדט נאָך הילף צו קלעאָפּאַטרען. און דאָס מאָל האָט די קיניגין פֿון מצרים זי לאַנג ניט געלאָזט וואַרטן אויף אַן ענטפֿער און זי האָט זי פֿאַרבעטן צו קומען קיין אַלעקסאַנדריע אין איינעם מיט איר זון...

זי האָט אַלכּסנדרהן זייער שטאַרק געוואָלט העלפֿן אין דעם, און דאָס איז געווען ניט דערפֿאַר, וואָס זי איז מיט איר געווען אַזוי גוט באַפֿרײַנדט, נאָר דערפֿאַר וואָס זי האָט זיך געוואָלט נוקם זײַן אין הורדוסן. דאָס איז געווען אירער אַ סוד און קיינער האָט ניט געוואוסט, אַז זי טראָגט זיך אַרום מיט אַ כּעס אויף אים דערפֿאַר, וואָס ווען זי האָט געגלוסט צו אים נאָך דאַן, ווען ער איז געווען אין אַלעקסאַנדריע, האָט ער איר תּאווה פֿון זיך אָפּגעשטויסן און די גאַנצע צײַט גערעדט צו איר וועגן דעם ווי שטאַרק ער האָט ליב מרימען... דאָס האָט זי אים ניט געקענט פֿאַרגעבן, און זי האָט אים זייער געוואָלט זען אַ געפֿאַלענעם...

דערצו האָט זי נאָך געהאַט אַן אויג אויף גרויסע שטיקער לאַנד אין דער געגנט פֿון דער שטאָט יריחו, וואו עס זענען געוואַקסן די בעסטע טייטלען אין לאַנד און אויך אַנדערע גוטע פּירות, וואָס זענען געשמאַק צום גומען. יענע שטי־קער לאַנד האָט זי געוואָלט האָבן אין איר קיניגרײַך און זי האָט ניט איין מאָל גערעדט וועגן דעם מיט מאַרק אַנטאָניִן, ער זאָל דאָס איר אַוועקגעבן. אָבער ער האָט דאָס אַלץ אָפּגעלייגט, ווײַל ער האָט ניט געוואָלט זײַן שלעכט צו הורדוסן. אָבער זי האָט אַלץ אַרויסגעקוקט אויף דער געלעגנהייט, ווען זי וועט קענען דורכפֿירן דאָס, וואָס זי האָט פֿאַרטראַכט און זי האָט שוין בײַ צײַטנס אַלץ אָנגע־הויבן צוגרייטן אַזוי, אַז דאָס זאָל זײַן די גוטע געלעגנהייט...

און אַלכּסנדרה האָט זיך גלײַך אָנגעכאַפּט אַן דער אײַנלאַדונג צו קומען מיט איר זון אַריסטובולוס קיין אַלעקסאַנדריע. זי האָט פֿאַר זיך שוין קיין אַנדער אויסוועג ניט געזען. ניט פֿאַר זיך און ניט פֿאַר איר זון, און זי איז דעריבער געוואָרן זייער אומגעדולדיק. זי האָט שוין וואָס שנעלער געוואָלט אַנטלויפֿן פֿון ירושלים, און דאָס מאָל האָט זי שוין מרימען גאָרניט געזאָגט וועגן דעם, וואָס זי האָט פֿאַרטראַכט. בלויז מיט אַריסטובולוסן האָט זי וועגן דעם גערעדט, און

פֿון דעם ווי זי האָט דאָן פֿאַר אים געשילדערט, וואָס ס׳שטייט פֿאַר, ווען מע וועט בלײַבן דאָ אין הויף, איז ער שוין געווען אַזוי צעמישט און אָנגעשראָקן, אַז ער איז אויך געווען גרייט צו אַנטלויפֿן וואָס שנעלער...

עס איז אָבער פֿאַר זיי ביידן געווען אַ גרויסע אײַנשטעלעניש צו אַנטלויפֿן פֿון הויף בײַ נאַכט שטילערהייט; עס זענען דאָרט בײַ אַלע טויערן געשטאַנען באַוואָפֿנטע וועכטער און אויך די טויערן פֿון שטאָט זענען געווען גוט באַוואַכט; עס איז אויך געווען נייטיק צוצוגרייטן קעמלען זיי ביידן אָוועקצופֿירן צום ברעג ים אין דער פֿינצטערניש פֿון דער נאַכט און זען, אַז ווען מע וועט זיי ברענגען אַהין, זאָל דאָרט שוין שטיין גרייט די שיף, וואָס וועט זיי אָוועקפֿירן קיין אַלעקסאַנדריע; מע האָט געמוזט אַרײַנצִיען אין דעם אַ סך מער מענטשן ווי מע האָט געוואָלט בײַם היטן זיך ניט אַרײַנצופֿאַלן און עס האָט געדויערט אַ סך לענגער ווי מע האָט זיך פֿריִער פֿאַרגעשטעלט; אַלע מאָל האָט מען עפּעס געדאַרפֿט בײַטן, עפּעס געדאַרפֿט אָנהייבן בײַ נײַס, אָדער אין גאַנצן אַנדערש; און אַזוי איז אַוועק אַ לענגערע צײַט ביז אַלכּסנדרה האָט אַריסטובולוסן סוף כּל סוף דאָך געבראַכט דעם גרויסן סוד, אַז אַלץ איז שוין פֿאַרטיק און אַז זײַן וועט דאָס אַזוי:

— אַהער, אין הויף אַרײַן, וועט מען ברענגען צוויי קאַסטנס — האָט זי אים געזאָגט, אַרומקוקנדיק זיך אין אַלע זײַטן, ווי מע וואָלט זיך דאָ פֿאַרן איי־גענעם שאָטן געדאַרפֿט היטן — צוויי קאַסטנס... און ווען מע וועט אונדז לאָזן וויסן, אַז בײַם ברעג ים שטייט שוין די שיף גרייט, וועל איך זיך אַרײַנלייגן אין איין קאַסטן און דו, מײַן זון, וועסט זיך אַרײַנלייגן אין צווייטן קאַסטן און בײַ נאַכט וועט מען אונדז ביידן פֿון דאַנען אַרויסטראָגן און עס וועט הייסן, אַז דאָס טראָגט מען פֿון דאַנען אַרויס צוויי מתים...

זי האָט אים געהאַט אַ סך צו זאָגן וועגן דעם, וואָס זי האָט שוין געטאָן ביז איצט און וואָס זי קלײַבט זיך נאָך צו טאָן. אָבער ווײַל עס האָט זיך איר אַלץ געדאַכט, אַז כאָטש ער איז גרייט אין איינעם מיט איר צו אַנטלויפֿן קיין מצרים, איז אים דאָס האַרץ דאָך ניט אין גאַנצן דערבײַ, האָט זי מיט אים קיין סך וועגן דעם ניט גערעדט. זי האָט אים בלויז פֿאַרזיכערט, אַז אויף איר מעג ער זיך גוט פֿאַרלאָזן. דער עיקר איז נאָר — וואָס שנעלער אָנקומען קיין אַלעקסאַנדריע...

— דאָרט, מײַן זון — האָט זי צו אַריסטובולוסן געזאָגט — וועסטו זען, וואָס דײַן מוטער קען אויפֿטאָן און ווי געטרײַ איך בין דיר, מײַן קינד...

און זי האָט ניט געוואוסט, אַז עס איז שוין לאַנג זינט קאָסטאָבאַר אַליין, דער עלטסטער פֿון אַלע געהיימע אויסשפּירער אין דער מלוכה, איז געפֿאַלן אויפֿן שפּור פֿון אַלץ, וואָס ס׳ווערט געטאָן אַרום דעם, וואָס זי האָט פֿאַרטראַכט, און אַז צווישן די באַדינער, וועמען זי האָט דעם סוד פֿאַרטרויט און זיי שוין אַפֿילו מיט גאָלד און זילבער באַלוינט דערפֿאַר, וואָס זיי העלפֿן איר אין די אַלע צו־גרייטונגען דערבײַ, געפֿינען זיך ניט ווייניק אַזעלכע, וואָס קוקן שוין לאַנג אַרויס אויף דעם לעצטן באַפֿעל פֿון אויבן און זיי זאָלן קענען ווײַזן הורדוסן ווי געטרײַ זיי האָבן אים געדינט די גאַנצע צײַט...

עס איז בײַ אַלכּסנדרהן אין הויף דעמאָלט שווער געווען צו געפֿינען איינעם, וואָס זאָל זיך ניט אַרומטראָגן מיט קיין סודות. און איינער האָט געהיט דעם אַנ־

דערן, איינער האָט חושד געווען דעם אַנדערן און קיינער האָט זיך ניט געפֿילט זיכער. אַלכּסנדרה אַליין האָט געציילט די טעג און אַלץ אַרויסגעקוקט אויף דער שעה, ווען אַלץ וועט שוין זײַן גרייט און זי זאָל מיט איר זון אַריסטובולוס פֿון דאַנען שוין קענען אַנטלויפֿן. אָבער עפּעס ווי אויף צו להכעיס האָט מען זיך אַלע מאָל אָן אַן אַנדער אָפּהאַלט אָנגעשטויסן און מע האָט ווידער געדאַרפֿט וואַרטן. און ווען אַלץ איז שוין סוף כּל סוף געוואָרן פֿאַרטיק, איז אַלכּסנדרה געוואָרן נאָך מער אומרואיק. אין דער נאַכט, ווען זי האָט מיטן זון שוין געדאַרפֿט אַוועק פֿון הויף, איז איר אויפֿן האַרצן געווען זייער שווער און זי איז אַ צעטראָגענע אַרומגעגאַנגען איבער אַלע חדרים פֿון הויף און די אויגן זענען בײַ איר געווען פֿול מיט טרערן. און ווען זי האָט געזען ווי איר זון אַריסטובולוס לייגט זיך אַרײַן אין דעם קאַסטן, וואָס שטייט שוין גרייט פֿאַר אים, האָט זי זיך שטאַרק צעוויינט.

אַפֿילו בײַ די באַדינער, וואָס האָבן זיך בײַ הורדוסן אין הויף שוין געהאַט צוגעוואוינט צו זען, וואָס מע זעט ניט אין ערגעץ, האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן. און ווען אַלכּסנדרה אַליין האָט זיך אַרײַנגעלייגט אין דעם צווייטן קאַסטן, וואָס איז שוין געשטאַנען גרייט פֿאַר איר, זענען אַלע געבליבן שטיין אַזוי ווי דאָס לשון וואָלט זיי אָפּגענומען מיט אַ מאָל. עס איז אַרום און אַרום געווען שטיל און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אויב עמעצער וועט זיך נאָר געבן אַ קרום און עס וועט זיך פֿון ערגעץ דערהערן אַ שטיל געוויין, וועלן אַלע מיט אַ מאָל זיך אַזוי צעיאָמערן, אַז קיינער וועט עס שוין ניט קענען אָפּשטעלן.

בלויז איינער פֿון די באַדינער איז געבליבן רואיק און דאָס איז געווען דער, וואָס האָט אַרײַנגעפֿירט די טרעגער און זיי אויף די צוויי פֿאַרמאַכטע קאַסטנס אָנגעוויזן. ער האָט דערבײַ קיין איין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. ערשט ווען מע האָט די צוויי קאַסטנס גענומען אַרויסטראָגן, האָט ער זיך געגעבן אַ שטעל אַוועק פֿאָרויס און אויפֿהייבנדיק די האַנט האָט ער מיט פֿעסטקייט אין זײַן קול אויסגערופֿן:

— נאָך מיר!

די טרעגער האָבן געפֿאָלגט. מיט די צוויי קאַסטנס אויף די אַקסלען זענען זיי אים נאָכגעגאַנגען, און ער האָט זיי איבער טרעפּ און לאַנגע קאָרידאָרן געפֿירט. און אַלכּסנדרה און אַריסטובולוס האָבן זיך אינעווייניק אין די פֿאַרמאַכטע קאַסטנס צוגעהערט צו די טריט, וואָס האָבן אָפּגעהילכט; מיט פֿאַרכאַפּטע אָטעמס האָבן זיי געוואַרט, אַז די טריט זאָלן אויפֿהערן אָפּהילכען און דאָס וועט מיינען, אַז מע איז שוין אַרויס פֿונעם הויף, אַז מע גייט ניט מער אויף די האַרטע דילן פֿון מירמלשטיין, נאָר אויף דער ערד פֿון די גאַסן. אָבער די טריט האָבן אַלץ אָפּגעהילכט און פּלוצלינג האָט מען זיך גאָר אָפּגעשטעלט און מ'האָט די קאַסטנס אַראָפּגעלאָזט, און באַלד האָט מען זיי געגעבן אַן עפֿן אויף, און אַלכּסנדרה און אַריסטובולוס האָבן דערזען, אַז זיי געפֿינען זיך אין דעם גרויסן זאַל, וואו עס שטייט דער טראָן פֿונעם קיניג...

דאָרט איז דאַן קיינער ניט געווען. אָבער באַלד האָט זיך אַ גרויסע טיר געעפֿנט און עס האָבן אָנגעהויבן אַרײַנקומען אַ סך מענטשן. דער ערשטער איז

אַרײַנגעקומען הורדוס, און נאָך אים זענען געגאַנגען אַלע זײַנע ראַטגעבער און פֿרײַנד, און צווישן זיי האָט זיך דאָס מאָל מער ווי אַלע אַנדערע אָנגעזען קאָסטאָבאַר; ער האָט געשפּאַנט מיט פֿעסטע, זיכערע טריט און מיט אַ צופֿרידענעם שמייכל אויפֿן פּנים, מיט איין האַנט האָט ער געהאַלטן דאָס הענטל פֿון דער שווערד, וואָס ער האָט אויפֿן דיך געטראָגן. און ער איז געווען דער ערשטער, נאָך הורדוסן, צוצוגיין צו די צוויי קאַסטנס, וואָס זענען שוין געווען אָפֿן. ער האָט זיך אין זײַן גאַנצער הויך אויסגעצויגן, ווען ער האָט מיט דעם צופֿרידענעם שמייכעלע אויפֿן פּנים אַראָפּגעקוקט אויף אַלכּסנדרהן און אַריסטובולוסן, וועלכע זענען צעשראָקענע אין די צוויי קאַסטנס געלעגן און זיך פֿון די ערטער ניט גערירט. און לעבן אים איז געשטאַנען דער קורצער און דיקער מענעלעוס מיט די קורצע פֿיסלעך. און די אויגן האָבן זיך בײַ אים אין אַלע זײַטן געוואָרפֿן און ער איז געווען זייער צעטומלט און האָט ניט געקענט פֿאַרשטיין, צי דאָס איז טאַקע אַן ערנצטע זאַך און מע דאַרף זײַן איבערראַשט דערפֿון און ציִען מיט די אַקסלען, אָדער בלויז אַ שפּיל אַזאַ און מע דאַרף דערפֿון גאַפֿן...

— איצט מעגט איר שוין אַרויסגיין פֿון די קאַסטנס! — האָט הורדוס געגעבן אַ זאָג צו אַלכּסנדרהן און צו אַריסטובולוסן, און אין די ווינקלען פֿון זײַן מויל האָט זיך אַ גאַליקער שמייכל באַהאַלטן.

און ווען זיי זענען ביידע פֿון די קאַסטנס אַרויס און געבליבן שטיין צעשראָקענע און פֿאַרשעמטע, האָט הורדוס אויף זיי מיט אַ פֿינגער אָנגעוויזן, און ווענדנדיק זיך צו די אַלע, וואָס זענען אַרום אים געשטאַנען, האָט ער געזאָגט:

— איר קענט זיי דאָך געוויס ביידן... די פֿרוי, וואָס שטייט דאָ, איז די מוטער פֿון מײַן ווײַב מרים... און דער יונגערמאַן — דאָס איז אַריסטובולוס, דער כּהן־גדול...

יעדעס וואָרט זײַנס איז געווען פֿול מיט גיפֿט און גאַל, און בײַם רעדן האָט ער די אויגן ניט אַראָפּגענומען פֿון דער מוטער און פֿון דעם זון, וועלכע זענען ביידע געשטאַנען דערשלאָגענע מיט געבויגענע קעפּ. ווען אַלכּסנדרה האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, האָט ער זי גלײַך אָפּגעשטעלט. אויך אַריסטובולוסן האָט ער קיין וואָרט ניט געלאָזט אַרויסרעדן, ווען עס האָט אים בלויז אויסגעוויזן, אַז ער וויל עפֿענען דאָס מויל. ער האָט קיינעם ניט געלאָזט רעדן. און נאָך דעם ווי ער האָט דערציילט, וואָס די צוויי זענען אויסן געווען מיט דעם, וואָס זיי האָבן זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר מתים, כּדי צו קענען אַנטלויפֿן שטילערהייט צו קלעאָפּאַטרען קיין מצרים, האָט ער דערמאָנט ווי גנעדיק ער איז געווען דערמיט, וואָס ער האָט דעם יונגן אַריסטובולוס דערהויבן צו דער קרוין פֿון דער כּהונה, און גענדיקט האָט ער מיט אַ טענה:

— האָט מען מיר געדאַרפֿט באַצאָלן מיט שלעכטס פֿאַר גוטס?

קיינער האָט דערויף ניט געענטפֿערט, און הורדוס האָט גאָרניט געוואַרט, אַז מע זאָל אים דערויף ענטפֿערן.

— און איצט — האָט ער מיט אַ מאָל געביטן דעם טאָן און דער אויסדרוק אויף זײַן פּנים האָט זיך אין איין אויגנבליק אין גאַנצן געביטן — וועל איך ווידער ווײַזן ווי גרויס עס קען זײַן מײַן גנאָד און איך וועל ווידער פֿאַרגיבן... זאָל הערשן

שלום אין מײַן הויזגעזינד און זאָלן די שיינע אויגן פֿון מײַן ווײַב מרים קיינעם ניט דאַרפֿן באַוויינען איבער מיר...

אַלע זענען געבליבן שטיין איבערראַשטע און זיי האָבן זיך איבערגעוואָרפֿן מיט בליקן, וואָס האָבן אָן ווערטער געשטעלט פֿראַגעס, אויף וועלכע עס איז געווען שווער צו געפֿינען אַן ענטפֿער. און ווען מרים איז גאָר פּלוצלינג אַרײַנגעלאָפֿן אַ צעשראָקענע מיט די צעלאָזענע האָר איבער די אַקסלען און מיט דער מידקייט פֿון ניט דערשלאָפֿן אין די אויגן, און הורדוס האָט זיך געגעבן אַ לאָז צו איר מיט אַ ברייטן שמייכל אויפֿן פּנים און זי מיט ליבשאַפֿט אַרײַנגענומען אין די אָרעמס און זי געדריקט צו זיך, זענען אַלע מיט שטילע טריט אַרויס אײַנציקווײַז און קיינער האָט צו קיינעם ניט אַרויסגערעדט קיין וואָרט...

דריטער קאַפּיטל

יום־טובֿ בײַ ייִדן

אויף אַלע וועגן און שטעגן, וואָס האָבן געפֿירט קיין ירושלים, זענען מיט לאַנגע שטעקנס אין די הענט געגאַנגען הונדערטער און טויזנטער מענטשן, און עס איז צווישן זיי ניט געווען קיין איינער, וואָס זאָל מיט זיך ניט פֿירן עפּעס אין דער הייליקער שטאָט.

דאָס זענען געווען די עולה־רגלניקעס, וואָס זענען פֿון ווײַטע שטעט און דערפֿער און אויך פֿון ווײַטע לענדער געגאַנגען קיין ירושלים פּײַערן דעם יום־טובֿ סוכּות. און אַלע האָבן אין די קוישן געהאַט די ערשטצײַטיקע פּירות, וואָס מע האָט פֿון די ביימער אָראָפּגענומען צו ברענגען אין בית־המקדש. אַלע האָבן גע־טראָגן קרוגן ווײַן, לאָגלען וואַסער און קאָרבן מיט עסנוואַרג אונטערצולעבן דאָס האַרץ אויפֿן וועג. און עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן מיט זיך געפֿירט שאָף און רינדער, וואָס זיי האָבן פֿון זייערע טשערעדעס אויסגעקליבן צו ברענגען אויפֿן מזבח קרבנות צו גאָט, און די קעפּ און די העלדזער בײַ די שאָף און רינדער זענען מיט קראַנצן געווען אויסגעפּוצט.

ניט אומעטום זענען די וועגן געווען גוטע; זייער אָפֿט האָט מען זיך אָנגע־שטויסן אָן פֿעלדזיקע בערג, אָן זומפּיקע טאָלן און אויך אָן קליינע טײַכלעך, וואו מע האָט מיט די באָרוועסע פֿיס געדאַרפֿט שפּאַנען. אָבער דאָס האָט דאָן ניט געשטערט די מענטשן צו זײַן פֿריילעך און זיך פֿילן געהויבן בײַ זיך. די הערצער זענען בײַ זיי אַלע געווען פֿול מיט פֿרייד, וואָס זיי גייען אויף יום־טובֿ קיין ירושלים; זיי האָבן געוואוסט, אַז אין ערגעץ קען מען ניט זען און הערן דאָס, וואָס מע זעט און מע הערט אין דעם יום־טובֿ סוכּות אין דער הייליקער שטאָט און אין דעם הייליקן טעמפּל, און זיי האָבן מיט באַגײַסטערונג און פֿרומער כּוונה געזונגען די געזאַנגען פֿון תּהילים:

ווי ליב עס זענען די ערטער, וואו
דו רוסט, גאָט פֿון די חיילות!
מײַן זעל טוט גלוסטן און
שמאַכטן נאָך גאָטס הילף.
מײַן האַרץ און מײַן לײַב גלוסט
צו זינגען צום גאָט, וואָס לעבט.

קיינער האָט זיך אין וועג ניט געקלאָגט אויף מידקייט. אַלע זענען געווען מונטער און אויפֿגעלייגט. אַלע האָבן זיך געפֿילט יום־טובֿדיק נאָך איידער דער

יום־טובֿ איז געקומען. און די, וואָס זענען שוין פֿריִער ניט איין מאָל געווען אין ירושלים, האָבן געהאַט אַ סך צו דערציילן צו די, וואָס גייען אַהין דאָס ערשטע מאָל. און ביים דערציילן האָט איינער ביים אַנדערן געוואָלט אויסכאַפּן דאָס בעסטע, וואָס זאָל איבערראַשן און אָנצינדן די פֿאַרשטעלונגס־קראַפֿט פֿון יענע, וואָס האָבן נאָך ביז איצט ניט געזען ווי דער יום־טובֿ סוכּות ווערט געפּייערט אין דער שטאָט ירושלים.

— גאַנץ ירושלים איז פֿול מיט סוכּות — האָט איינער אָנגעהויבן — וואו מע גייט און וואו מע שטייט זעט מען סוכּות! — האָט אַן אַנדערער דאָס געמאַכט שטאַרקער.

— אויף די דעכער, אין די הויפֿן, אין שטאָט און אויסער דער שטאָט — אומעטום סוכּות.

— און געמאַכט זענען די סוכּות פֿון אַזעלכע צווייגן, וואָס מע זעט גאָרניט אין ערגעץ, נאָר אין ירושלים.

— די גאַנצע שטאָט איז ווי איינגעטונקען אין גרינע צווייגן, און וואו מע גיט זיך נאָר אַ קער און וואו מע גיט נאָר אַ קוק, זעט מען איילבירט־ביימער, ווערבעס, עקאַליפּטעס־ביימער און נאָך און נאָך פֿאַרשיידענע מינים ביימער און צווייגן, וואָס פֿילן אָן די גאַנצע לופֿט מיט אַזעלכע פֿרישע ריחות, וואָס קרעפֿטיקן דאָס לייב און זעטיקן דאָס אויג.

— און די גאַסן זענען פֿול מיט מענטשן, וואָס זענען זיך צונויפֿגעקומען אַהין פֿון אַלע עקן לאַנד און אויך פֿון אַנדערע לענדער, און אַלע זענען אויסגע־פּוצט אין יום־טובֿדיקע קליידער, און איטלעכער באַזונדער טראָגט אַ לולבֿ אין דער האַנט און אַלע זינגען און אַלע טאַנצן.

— און צווישן די, וואָס זענען פֿון אַנדערע לענדער אָנגעקומען, זעט מען אַ סך געלערנטע און קלוגע לייט, וואָס האָבן דעם גלויבן אין אונדזער גאָט אָנגענומען און זיי פֿירן זיך ווי יידן...

— יאָ, אַ סך אַזעלכע זעט מען דאָרט. און דאָס באַווייזט, אַז עס וועלן מקוים ווערן די ווערטער פֿון די נבֿיאים, אַז אַלע פֿעלקער פֿון דער וועלט וועלן דערזען דאָס ליכט פֿון גאָט און וועלן אָננעמען אונדזער גלויבן, און דאַן וועט אַ פֿאָלק אויף אַ פֿאָלק ניט אויפֿהייבן קיין שווערד און עס וועלן מער ניט זיין קיין מלחמות אויף דער וועלט און אַלע וועלן לעבן אין שלום. וואָרעם פֿון ציון קומט אַרויס די תּורה און גאָטס וואָרט — פֿון ירושלים.

געזאָגט האָט דאָס אַן עלטערער ייִד מיט אַ פֿרום ערנצט פּנים; ער איז מיט נאָך אַ סך עולה־רגלניקעס געגאַנגען צו פֿוס קיין ירושלים אויף יום־טובֿ. אַהין אין דער שטאָט, וואו דער הייליקער טעמפּל איז געשטאַנען, האָט עס אים שטענדיק געצויגן, און ווען ער האָט נאָר אָנגעהויבן רעדן פֿון דעם, וואָס ער האָט דאָרט געהערט און געזען, האָט ער דערמאָנט די ווערטער פֿון די נבֿיאים וועגן די צייטן, ווען אַלע פֿעלקער וועלן לעבן צווישן זיך ווי ברידער און וועלן מער ניט פֿאַרגיסן קיין בלוט. און דאָס זעלבע האָט מען אויך געקענט הערן פֿון די ייִדן, וואָס זענען אויף אַלע אַנדערע וועגן און שטעגן געגאַנגען מיט די לאַנגע

שטעקנס אין די הענט קיין ירושלים אויף יום־טובֿ און אַלע זענען געווען באַ־גײַסטערט.

— עס איז בעסער צו זײַן איין טאָג אין גאָטס הויז און מיט די אייגענע אויגן זען דאָס בית־המקדש אינעווייניק און אין דרויסן איידער צו זײַן טויזנט טעג אין דער היים.

— און ווער עס האָט ניט געזען, ווי מע פֿײַערט שׂמחת בית השואבֿה אין ירושלים, האָט נאָך קיין מאָל אין זײַן לעבן קיין שׂמחה ניט געזען.

און אַזוי איז מען געגאַנגען טעג און טעג, און אַלע מאָל האָט מען זיך אויף אַן אַנדער וועג געטראָפֿן מיט נאָך מחנות עולה־רגלניקעס, און מע איז ווײַטער געגאַנגען אין איינעם און געזונגען אין איינעם. און ווען מע איז שוין געווען ניט ווײַט פֿון דער שטאָט און מע האָט דערזען די הויכע טורעמס, האָט מען מיט פֿאַרגאַפֿטע בליקן די אויגן אין דער הייך אויפֿגעהויבן, און אַלע האָבן זיך צעזונגען מיט פֿרייד:

אַזוי ווי די בערג רינגלען אַרום
די שטאָט ירושלים,
אַזוי רינגלט גאָט אַרום זײַן פֿאָלק
פֿון הײַנט ביז אייביק.

און ווען מע איז שוין צו די טויערן פֿון דער שטאָט צוגעקומען, האָט מען זיך אָפּגעשטעלט און געוואַרט ביז אַלע מחנות מיט די לאַנגע שטעקנס אין די הענט און מיט די קוישן אויף די אַקסלען זענען זיך פֿון אַלע וועגן און שטעגן צונויפֿגעקומען און פֿון די בערג אַראָפּגענידערט, און דאַן האָט איינער לעבן יעדער מחנה זיך אַרויפֿגעשטעלט אויף אַ שטיין און אויפֿן קול אָנגעהויבן זינגען דאָס געזאַנג פֿון דוד דעם מלך פֿון ישׂראל:

איך האָב זיך געפֿרייט, ווען
מע האָט מיר געזאָגט:
צו גאָטס הויז וועלן מיר גיין.

מיט אַ שיין קול און מיט גרויס כּוונה האָט יעדער זינגער אויסגעזונגען דעם אָנהייב פֿון דעם געזאַנג, און באַלד האָבן אַלע, אין יעדער מחנה באַזונדער, אויפֿ־געהויבן די שטעקנס אין דער הייך, און איבער בערג אַרום און אַרום האָט זיך צעטראָגן אַ געזאַנג פֿון טויזנטער מענטשן, וואָס זענען געווען פֿריילעך און פֿרום:

אונדזערע פֿיס שטייען שוין
בײַ די טויערן פֿון ירושלים,
און דאָס איז די שטאָט וואָס איז
געבויט מיט אַלע שיינקייטן.
אַהער זענען עולה רגל אַלע שבֿטים,
די קומען לויבן דעם נאָמען פֿון גאָט.

און ווען מע האָט געענדיקט דאָס געזאַנג, האָבן זיך באַלד ווידער דערהערט די קולות פֿון די איינציקע זינגער אין די מחנות, אָבער שוין אָן דעם ניגון, וואָס האָט אין זיך געהאַט די גאַנצע פֿרייד און אויך דעם גאַנצן זיסן אומעט פֿון מזרח:

— באַגריסט און בענטשט די שטאָט ירושלים!

און אַלע האָבן דערויף געענטפֿערט אויפֿן קול און אויך אָן אַ ניגון:

— זאָל זײַן פֿרידן אין דײַנע טויערן און רו אין דײַנע הויפֿן. צוליב אונדזערע ברידער און פֿרײַנד ווינטשן מיר דיר דאָס, און צוליב דעם הויז פֿון אונדזער גאָט בעטן מיר גוטס פֿאַר דיר.

אַזוי האָט מען מיט געזאַנג און קולות פֿאַרהילכט די לופֿט אַרום און אַרום. און אַלע האָבן געוואַרט ביז די טויערן וועלן זיך עפֿענען. און ווען די טויערן האָבן זיך געעפֿנט, האָבן פֿון דאָרט אין אַ קײַלעכדיקער ראָד אַרויסגעטאַנצט מיידלעך מיט בלומען־קראַנצן אויף די קעפּ און אויסגעפּוצט אין יום־טובֿדיקע קליידער. זיי האָבן געטאַנצט אַקעגן די געסט, וואָס זענען פֿון אַלע עקן פֿון יהודה און פֿון אַנדערע לענדער אַהער געקומען. און טאַנצנדיק האָבן זיי געזונגען און זיך אין עטלעכע רעדער צעוואָרפֿן.

די שיינע מיידלעך אין יעדער טאַנצנדיקער ראָד האָבן פֿריילעך געלאַכט און וואָרפֿנדיק אויגן צו די בחורים, וואָס זענען פֿון ווײַט געקומען, האָבן זיי געזונגען, אַז אַ פֿרוי איז באַשאַפֿן געוואָרן צו זײַן שיין, און זינגענדיק האָבן זיי זיך געהנדלט און זיך אַלץ געדרייט אַזוי, אַז מע זאָל זען ווי שלאַנק און רירעוודיק זיי זענען. און די מיידלעך, וואָס זענען ניט געווען שיין, זענען אויך ניט אַראָפּגעפֿאַלן בײַ זיך, און טאַנצנדיק האָבן זיי געזונגען, אַז אַ פֿרוי איז ניט באַשאַפֿן געוואָרן צו זײַן שיין, נאָר צו האָבן קינדער...

קיינער האָט זיך ניט געפֿילט געפֿאַלן בײַ זיך אין די טעג, ווען מע האָט זיך צו דעם גרויסן און פֿײַערלעכן יום־טובֿ געגרייט. ניט נאָר די רײַכע, נאָר אויך די אָרעמע האָבן זיך מיט דעם פֿײַערלעכן יום־טובֿ געפֿרייט, און אַלע האָבן געפֿילט, אַז זיי זענען קינדער פֿון איין פֿאָלק, וואָס דינט צו איין גאָט און האָט איין גלויבן און אויך איין שטאַרקן וואונטש צו זײַן פֿרײַ און לעבן אין שלום און דינען ווי אַ בײַשפּיל פֿאַר אַנדערע פֿעלקער, וועלכע וועלן אויך סוף כּל סוף דערזען דאָס ליכט און וועלן זיך אָפּזאָגן פֿון זייערע אָפּגעטער און וועלן מער איינער אַקעגן אַנדערן ניט אויפֿהייבן קיין שווערד און ניט פֿאַרגיסן קיין בלוט...

* *
*

און ווען דער ערשטער טאָג סוכּות איז געקומען, האָט זיך פֿון אין דער פֿרי אָן אָנגעהויבן אַ גרויסע שׂמחה, וואָס האָט ווי מיט ברייטע אָרעמס אַרומגענומען אַלעמען — אַלטע און יונגע, מאַנספּאַרשוינען און ווײַבער, דערוואַקסענע און קליינע קינדער, אײַנגעזעסענע און אויך פֿרעמדע.

אָנגעהויבן האָט זיך די גרויסע שׂמחה אויף דעם באַרג, וואו דער הייליקער טעמפּל איז געשטאַנען. אַהין האָבן די כּהנים געבראַכט לאַנגע, פֿרישע צווײַגן פֿון

ווערבעס, וואָס וואַקסן בײַם וואַסער, און זיי אויסגעשטעלט אין לאַנגע רייען מיט די שפּיצן אַריבערגעבויגן איבער די ברעגן פון דעם מזבח, וואו מע האָט די קרבנות געדאַרפט שעכטן, און געבראַכט די צווײַגן האָבן די כהנים פון מוצא, וואָס איז ניט ווײַט פון ירושלים. און געגאַנגען אַהין און אויך פון דאָרט זענען די כהנים ניט אַליין; אַ סך מענטשן האָבן זיי אויפן וועג באַגלייט, און אַלע זענען געגאַנגען מיט פרייד און געזאַנג און פרומער כוונה.

ווי ווײַט דאָס אויג האָט נאָר געקענט גרייכן, האָט מען אַרום דעם באַרג, וואו דאָס בית־המקדש איז געשטאַנען, געזען יום־טובדיקע מענטשן מיט שײַנענדיקע פּנימער. זיי זענען געשטאַנען אין ענג געשלאָסענע רייען און אויך אין קליינע און אין גרויסע רעדלעך, און אַלע האָבן געקוקט אַרויף, אַלע האָבן מיט די בליקן פון די אויגן אַרײַנגענומען אויף שטענדיק אין געדעכעניש אַלץ, וואָס זיי האָבן נאָר געזען, און איינער האָט דעם אַנדערן מיט גרויס שׂמחה איבערגעגעבן, אַז דער יונגער אַריסטובולוס, דער חשמונאי, טוט איצטער דאָס ערשטע מאָל זײַן דינסט אַלס דער כהן־גדול.

אויך הורדוסן האָט מען געזען אויף דעם באַרג, וואו עס זענען געשטאַנען הונדערטער און טויזנטער יום־טובדיקע מענטשן מיט שײַנענדיקע פּנימער. מיט דער קרוין אויפן קאָפּ און אַרומגערינגלט מיט אַ סך פון זײַנע הויפלײַט און פרײַנד, איז ער געשטאַנען אין דער הייך, און דאָס פּנים איז בײַ אים געווען אַנגעכמורעט. אָבער קיינער פון דעם גרויסן עולם האָט זיך דאָרט כמעט ניט אומגעקוקט אויף אים; אַלעמענס בליקן זענען געווען געווענדט צו דעם יונגן כהן־גדול פון די חשמונאים. אויף אים האָבן אַלע אָנגעוויזן און וועגן אים האָבן אַלע גערעדט:

— ווי הויך ער איז אין וואוקס!

— און ווי שיין אין אויסזען!

— ער איז גלײַך ווי אַ צעדערבוים; געבוירן צו טראָגן אַ קרוין אויפן קאָפּ!..

זיי האָבן זיך גאָרניט געקענט געגוג אָפּלויבן פון אים.

און ווען ער האָט אָראָפּגענידערט פון דעם באַרג און זיך געלאָזט גיין פּאָרויס, אָנגעטאָן אין די קליידער פון כהן־גדול און מיט אַ גרויסן, גילדענעם קרוג אין דער האַנט, האָבן זיך הונדערטער מענטשן מיט אַ געזאַנג געלאָזט גיין נאָך אים. זינגענדיק און טאַנצנדיק האָבן זיי אים באַגלייט צו דעם קוואַל פון שילוח, וואו ער האָט אָנגעשעפּט וואַסער אין דעם גילדענעם קרוג צו גיסן אויפן מזבח. זינגענדיק און טאַנצנדיק זענען זיי אים נאָכגעגאַנגען, ווען ער האָט זיך מיט דעם פולן גילדענעם קרוג אין האַנט אומגעקערט צוריק צום הייליקן טעמפּל. און ווען ער איז צוגעקומען צום וואַסער־טויער, וואָס פירט צום אינעווייניקסטן הויף, האָט דער גאַנצער עולם אים דאָרט אויפגענומען מיט גרויס שׂמחה, און כהנים האָבן מיט זילבערנע טרומפּייטן געבלאָזן.

— תקיעה!

— תרועה!

און ווידער אַ מאָל:

— תקיעה!

יעדער בלאָז פון די זילבערנע טרומפייטן האָט געהאַט אַן אַנדער באַדײַטונג. און בעת די כהנים האָבן אין די טרומפייטן געבלאָזן, איז דער גאַנצער עולם אַרום און אַרום געשטאַנען שטיל און זיך צוגעהערט צו די געדרייטע קלאַנגען, וואָס זענען ווי פון אַ ווײַטער וועלט געקומען. און נאָך דער צווייטער „תקיעה", וואָס איז געקומען נאָך דער „תרועה", האָבן אַלע אויפגעהויבן די הענט אין דער הייך און וויגנדיק זיך מיט גרויס כוונה, האָבן זיי אָנגעהויבן זינגען אויפן קול:

מיט פרייד וועט איר וואַסער שעפּן —
וואַסער פון די קוואַלן פון הילף.
און אין יענעם טאָג זאָגן זאָלט איר:
דעם באַשעפער לויבט
און זײַן נאָמען רופט!
זײַנע מעשים, וואָס זענען גוטע,
צווישן אַלע פעלקער מאַכט באַקאַנט.

אַז זײַן נאָמען אין דערהויבן —
אַלעמען דערמאָנט אָן דעם.
זינגט צו גאָט,
וואָרעם ער האָט גרויסעס געטאָן,
דאָס איז אויף דער גאַנצער וועלט באַקאַנט.

זינגט און פרייט זיך דאָ, איר אַלע,
וואָרעם דער הייליקער פון ישׂראל איז דאָ מיט אײַך.

ווײַט און הויך האָט זיך דאָס געזאַנג געטראָגן, און ווען מע האָט אויפגעהערט זינגען, האָט דער יונגער כהן־גדול אַריסטובולוס דער חשמונאי מיטן גילדענעם קרוג וואַסער אין דער האַנט זיך געלאָזט גיין צום אינעווייניקסטן הויף, וואָס איז אויך געווען פול מיט מענטשן. דאָס פּנים האָט בײַ אים געשײַנט. יעדער טראָט און יעדער בליק זײַנער האָט אויסגעדריקט דעם ערנצט און די ווירדיקייט פון דער הייליקער דינסט, וואָס ער האָט אַצינדער געטאָן, און ווען ער איז אַרויף אויף דעם מזבח, וואָס איז שוין מיט צווײַגן פון ווערבעס געווען אַרומגעשטעלט, און וואו דער מאָרגן־קרבן איז שוין געלעגן אַ פאַרברענטער, האָט ער מיט איין האַנט אויפגעהויבן אין דער הייך איינעם פון די צוויי זילבערנע בעקנס, וואָס האָבן געהאַט אַ שמאָל רערל אין מיטן, און מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער פון דעם גילדענעם קרוג אַהין וואַסער געגאָסן. און ווען דאָס פאָלק האָט געזען, אַז ער גיסט דאָס וואַסער אויפן מזבח, ווי עס איז דער מנהג בײַ די פּרושים, און ניט אויף דער ערד, ווי עס איז דער מנהג בײַ די צדוקים, האָט מען געשאַלט און געיובלט און עס איז צו דער גרויסער שמחה גאָר קיין ברעג ניט געווען. און ווען די קולות האָבן זיך אײַנגעשטילט, האָבן די כהנים מיט די זילבערנע טרומפייטן ווידער געבלאָזן:

— תּקיעה!
— תּרועה!
— תּקיעה!

און ווידער האָבן זיך די געדרייטע קלאַנגען, וואָס זענען ווי פֿון אַ ווײַטער ווײַטער וועלט געקומען, געטראָגן איבער די קעפּ פֿון הונדערטער און טויזנטער מענטשן, וועלכע זענען פֿאַרגאַפֿטע געשטאַנען שטיל, און מיט פֿרומער כּוונה זיך צוגעהערט. און באַלד נאָך דעם האָבן די כּהנים זיך אויסגעשטעלט אין אַ לאַנגער ריי און מיט גרינע צווײַגן פֿון ווערבעס אין די הענט האָבן זיי זיך אין אַ קײַלעכדיקער ראָד געדרייט אַרום דעם מזבח, און ווײַטער זענען געשטאַנען די לוויִם, אַלע אויסגעפּוצטע אין יום־טובֿדיקע קליידער, און זיי האָבן שיין געזונגען אַלע אין איינעם:

לאָמיר זיך פֿרייען אין דעם טאָג,
וואָס איז געמאַכט פֿון גאָטס זאָג.

און ווען זיי זענען צוגעקומען צום „אָנאָ, אַדוני, הושיעה נאָ״, האָט דער גאַנצער עולם אָנגעהויבן שאָקלען די לולבֿים און אונטערגעכאַפּט דאָס געזאַנג:
— אָנאָ אַדוני, הושיעה נאָ!
— אָנאָ, אַדוני, הצליחה נאָ!

אַלע האָבן געבעטן גאָט, ער זאָל העלפֿן, ער זאָל באַגליקן. און די לולבֿים האָבן זיך געהויבן אין דער הייך. אויך די גרינע צווײַגן פֿון די ווערבע־ביימער, וואָס די כּהנים האָבן געטראָגן אין די הענט, דרייענדיק זיך אַרום דעם מזבח, האָבן זיך אין דער הייך געהויבן, אין איינעם מיט דעם געזאַנג פֿון דעם גאַנצן עולם, וואָס איז געשטאַנען אינעווייניק און אויך אין דרויסן, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס האָט זיך אַ לעבעדיקער וואַלד צעוויגט און צעזונגען, און מענטשן און וועלט בעטן בײַ גאָט, ער זאָל העלפֿן און באַגליקן.

***

יעדער טאָג פֿון דעם גרויסן יום־טובֿ האָט מיט זיך געבראַכט אַ וועלט מיט פֿרייד פֿאַר די אַלע, וואָס זענען פֿון נאָענט און פֿון ווײַט קיין ירושלים געקומען און אויך פֿאַר די אײַנגעזעסענע, וואָס האָבן דאָרט שטענדיק געוואוינט. די גאַנצע שטאָט איז שטענדיק געווען פֿול מיט קלאַנגען און געזאַנגען און אויך מיט פֿאַרבן און קאָלירן, וואָס האָבן פֿאַרכאַפּט דאָס אויג מיט זייער שיינקייט. אומעטום האָט מען געזען אויסגעפּוצטע מענטשן, יונגע און אַלטע, מאַנספּאַרשוינען און ווײַבער, און אַלע זענען געווען פֿריילעך, און מע האָט אין ערגעץ ניט געזען קיין איינעם מיט אַ פֿאַרטרויערט פּנים; פֿון אומעטום און פֿון אַלץ און פֿון אַלעמען האָט די לוסטיקייט ווי פֿון אַ לעבעדיקן קוואַל געשלאָגן, און אויף אַלע גאַסן און געמאַרקן האָט מען אין דער גרויסער שׂמחה מיט באַגײַסטערונג און שטאָלץ גערעדט וועגן דעם יונגן כּהן־גדול אַריסטובולוס.

— דאָס איז אַ צווײַג פֿון דעם פֿעסטן שטאַם, פֿון די חשמונאים.

— נאָך אַזוי יונג, און דאָך איז שווער זיך פֿאָרצושטעלן, אויב אַן אַנדערער פֿון זײַן משפחה וואָלט מיט אַזאַ כּבֿוד און מיט אַזוי פֿיל חשיבֿות געקענט טראָגן די קרוין פֿון דער כּהונה אויפֿן קאָפּ.

— ווען מ׳דערזעט אים אין הייליקן טעמפּל, דערמאָנט מען זיך אין די צײַטן, ווען זײַנע אָבֿות האָבן גרויס געמאַכט דעם נאָמען פֿון יהודה צווישן אַלע פֿעלקער.

— ער איז פֿון גאָט געבענטשט מיט אַלע מעלות.

און עס האָבן זיך אויך געפֿונען אַזעלכע, וואָס האָבן שטילערהייט געזאָגט:

— ער איז צו אונדז פֿון גאָט געשיקט; ער וועט אונדז אויסלייזן פֿון די הענט פֿון הורדוס דעם אדומי. ער וועט אונדז באַפֿרײַען פֿון דעם יאָך פֿון רוים און מיר וועלן ווידער זײַן אַ פֿרײַ פֿאָלק...

ווער עס האָט נאָר געזען ווי דער יונגער אַריסטובולוס האָט געדינט גאָט אין הייליקן טעמפּל, האָט וועגן אים וואונדער דערציילט. זײַן נאָמען איז געווען אויף אַלעמענס ליפּן. אַלע האָבן אים גערימט און געלויבט. און נאָך העכער אויסגעוואַקסן אין די אויגן פֿון דעם פֿאָלק איז ער אין דער נאַכט פֿון שׂמחת בית השואבֿה, ווען ער האָט דורכגעפֿירט די גרויסע, פֿײַערלעכע שׂמחה, וואָס האָט צו זיך קיין גלײַכן ניט געהאַט אין אַלע יום־טובֿים, וואָס ייִדן האָבן געהאַט.

אין דעם ווײַבערישן הויף פֿון דעם הייליקן טעמפּל האָט מען שׂמחת בית השואבֿה געפֿײַערט. אַזוי איז געווען אײַנגעפֿירט שוין פֿון דורות. און דאָס מאָל האָט מען דעם ווײַבערישן הויף אויסגעפּוצט נאָך שענער און רײַכער און ראַשיקער ווי אַלע מאָל, ווײַל אַזוי איז געווען דער וואונטש פֿון דער קיניגין מרים. און איר האָט הורדוס צוליב געטאָן און ער האָט אַליין געזען, אַז די פֿײַערונג פֿון שׂמחת בית השואבֿה זאָל זײַן וואָס שענער און ראַשיקער.

אויף זײַן באַפֿעל האָט מען אין דעם ווײַבערישן הויף פֿון דעם הייליקן טעמפּל אַוועקגעשטעלט פֿופֿצן זײַלן, וואָס האָבן געהאַלטן צו פֿופֿציק איילן די הייך. יעדער זײַל איז געווען אויסגעפּוצט מיט גרינע צווײַגן און בלעטער און אוילבירטביימער און טייטלביימער און אויבן איז געווען צוגעהעפֿט אַ גרויסע גילדענע מנורה. און אין מיטן איז געשטאַנען אַ זײַל, וואָס איז געווען נאָך העכער פֿון די אַנדערע זײַלן. און די מנורה, וואָס איז געווען צוגעהעפֿט אויבן, איז געווען נאָך גרעסער און שענער פֿון דער אַנדערע מנורות. און אַלץ איז געווען געמאַכט פֿון גינגאָלד, און די קרוגן, פֿון וועלכע מע האָט געדאַרפֿט גיסן בוימל אין די בעקנס פֿון די מנורות, זענען אויך געווען פֿון גינגאָלד, און אַלץ אַרום און האָט געשײַנט און געפֿינקלט.

ווען די פֿײַערונג האָט זיך אָנגעהויבן, זענען שוין אַלע באַלקאָנען אַרום דעם הויף געווען באַזעצט מיט ווײַבער, און אַלע האָבן מיט פֿאַרגאַפֿטע בליקן געקוקט אַראָפּ, וואו די מאַנסבילן זענען געשטאַנען און האָבן געוואַרט ביז הורדוס און מרים און די אַנדערע פֿון דעם קיניגלעכן הויזגעזינד וועלן זיך אַוועקזעצן אויף דער הויכער בימה, וואָס מע האָט פֿאַר זיי אַוועקגעשטעלט. צווישן די, וואָס מע האָט אויף דער בימה געזען, איז אויך געווען דער יונגער כּהן־גדול אַריסטובולוס.

און ווען ער איז פֿון דער בימה אַראָפּ און איז צוגעגאַנגען צו דעם לייטער, וואָס איז בײַם העכסטן זײַל געשטאַנען, האָבן אַלע אויסגעשריגן אין איין קול:

— לעבן זאָל אונדזער כּהן־גדול, אַריסטובולוס דער חשמונאי!

נאָך גרעסער איז געוואָרן די באַגײַסטערונג פֿאַר אַריסטובולוסן, ווען ער האָט אויף אַ הויכן לייטער, וואָס איז געווען באַפּוצט מיט גרינע צווײַגן און בלעטער, אַרויפֿגעקלעטערט צום שפּיץ פֿון דעם העכסטן זײַל, וואָס איז אין מיטן געשטאַנען, און האָט דאָרט אָנגעצונדן די גרויסע גילדענע מנורה. ער האָט דאָס געטאָן מיט אַזאַ יוגנטלעכן חן, און יעדע באַוועגונג זײַנע איז געווען אַזוי רירעוודיק, אַז אַלע האָבן אים געמוזט באַוואונדערן, און עס האָבן זיך ווידער דערהערט קולות:

— לעבן זאָל אונדזער כּהן־גדול, אַריסטובולוס דער חשמונאי!

און באַלד נאָך דעם זענען אויף אַלע אַנדערע לייטערס אַרויפֿגעקראָכן יונגע כּהנים, וואָס האָבן נאָך קיין בערד ניט געהאַט; זיי זענען אַרויף צו די שפּיצן פֿון די הויכע זײַלן און האָבן דאָרט אַלע מנורות אָנגעצונדן, און עס איז געוואָרן אַזוי ליכטיק, אַז מע האָט געקענט זען ווי ווײַט אַרום און אַרום שטייען מענטשן אויף די דעכער און קוקן אַהער און הערן זיך צו צו די געזאַנגען און צו דעם שפּילן פֿון פֿלייטן און האַרפֿן און פֿידלען.

ניט נאָר יונגע, נאָר אויך אַלטע און מיושבֿדיקע לײַט האָבן געטאַנצט מיט ברענענדיקע פֿאַקלען אין די הענט; טאַנצנדיק האָבן זיי די פֿאַקלען געוואָרפֿן אין דער הייך און זיי געכאַפּט צוריק און זיי באַלד ווידער געוואָרפֿן אַרויף. און צווישן די טאַנצנדיקע יונגע און עלטערע ייִדן האָט מען געזען אַזעלכע, וואָס האָבן אין דעם פֿאַלקטאַנץ אַרויסגעוויזן אַזאַ בריהשקייט און אַזעלכע קונצן, אַז אַלע האָבן געגאַפֿט; האַלטנדיק אין די הענט צו זעקס און צו אַכט אָנגעצונדענע פֿאַקלען, האָבן די טאַנצנדיקע יונגע און אַלטע לײַט זיי איינציקווײַז געוואָרפֿן אין דער הייך און זיי צוריק געכאַפּט. און צווישן איין מאָל און דעם אַנדערן האָבן זיי זיך אויף די שפּיץ פֿינגער צו דער ערד געבויגן מיט די קעפּ און זיך באַלד געגעבן אַ הויב אין דער הויך מיט אַ קונציקן שפּרונג און מיט די הענט געגעבן אַ כאַפּ דעם אָנגעצונדענעם פֿאַקל און געגעבן אַ וואָרף אַן אַנדערן אין דער הייך. און אַזוי — איינס נאָכן אַנדערן, איינעם נאָכן אַנדערן און מיט אַזאַ שנעלקייט, מיט אַזאַ קונציקייט, אַז עס איז אוממעגלעך געווען צו כאַפּן מיטן אויג ווי אַזוי זיי טוען דאָס, און עס איז געווען ניט צו פֿאַרשטיין ווי אַזוי די אָנגעצונדענע פֿאַקלען, וואָס פֿליִען אַרויף און אַראָפּ, רירן ניט אָן איינע די אַנדערע און פֿאַלן קיין איין מאָל ניט אַראָפּ אויף דער ערד.

***

אומעטום, איבערן גאַנצן ווײַבערישן הויף, וואָס איז געווען אַזוי העל באַלויכטן פֿון די גרויסע גילדענע מנורות, וואָס האָבן אין דער הייך געברענט אויף די זײַלן, האָט מען געטאַנצט און געשפּרונגען. מע האָט געטאַנצט אין אַ ראָד און אויך איינציקווײַז; מע האָט זיך געהאַלטן בײַ די הענט און בײַ די אַקסלען, און

אַלע מאָל איז ערגעץ אַנדערש אַ ראָד געוואָרן גרעסער און נאָך גרעסער, און יעדער נײַער מענטש, וואָס איז אין אַ טאַנצנדיקער ראָד אַרײַן, האָט צוגעגעבן פרישן כּוח די אַנדערע. און פּיס און אַקסלען האָבן זיך געהויבן הויך און נאָך העכער, און וואָס אַ מאָל איז די שׂמחה געוואָרן שטאַרקער און נאָך שטאַרקער.

טאַנצנדיק האָט מען געזונגען און זינגענדיק האָט מען אַלע מאָל אויפֿן קול אַן אַנדער אויסרוף אויסגעשריגן.

— וואויל איז צו דעם, וואָס האָט ניט געזינדיקט! — האָט אויסגעשריגן איינער.

— און אויב ער האָט יאָ געזינדיקט, וועלן אים די זינד פֿאַרגעבן ווערן! — האָט אַן אַנדערער אים אָפּגעענטפֿערט אויפֿן קול, און אויסשטרעקנדיק בײדע הענט, האָט ער ווײַטער געטאַנצט.

— וואויל איז צו אונדזער יוגנט, וואָס פֿאַרשעמט ניט אונדזער עלטער! — האָט אַ דריטער אויסגערופֿן און דאָס פּנים האָט בײַ אים געשײַנט, אַנקוקנדיק פֿון די יונגע בחורים, וואָס טאַנצן אין אַ ראָד.

— וואויל איז צו אונדזער עלטער, וואָס פֿאַרשעמט ניט אונדזער יוגנט! — האָט אים אויפֿן קול אָפּגעענטפֿערט אַ פֿערטער און דערבײַ האָט ער אָנגעוויזן אויף אַן אַלטן מאַן, וואָס האָט טאַנצנדיק געוואָרפֿן ברענענדיקע פֿאַקלען און זיי בריהש געכאַפּט צוריק, אונטערשפּרינגענדיק אויף די שפּיץ פֿינגער.

אַלע זענען געווען פֿריילעך. אַלע האָבן געפּאַטשט מיט די הענט, און די געסט פֿון נאָענט און פֿון ווײַט, די וואָס האָבן די גרויסע שׂמחה איצט דאָס ערשטע מאָל געזען, האָבן אַליין ניט געוואוסט אויף וואָס פֿריער צו קוקן; עס האָבן זיי אויס־געפּעלט ווערטער די באַגײַסטערונג אויסצודריקן און זיי האָבן איינער דעם אַנדערן געזאָגט:

— יאָ, עס איזווירקלעך אַזוי: ווער עס האָט ניט געזען די פֿײַערונג פֿון שׂמחת בית השואבֿה אין ירושלים, האָט נאָך קיין מאָל אין זײַן לעבן קיין אמת גרויסע שׂמחה ניט געזען!

און אַלע האָבן זיך געפֿרייט מיט אַריסטובולוסן און אים געלויבט דערפֿאַר, וואָס ער פֿירט אַלץ דורך אַזוי פֿײַערלעך און שיין, און אַלע מאָל ווען מע האָט אים אויף דער הויכער בימה דערזען לעבן דעם קיניג און זײַן הויזגעזינד, האָבן זיך דערהערט קולות:

— לעבן זאָל דער כּהן־גדול, אַריסטובולוס דער חשמונאי!

אויך מרימען האָט מען מיט באַגײַסטערטע אויסרופֿן באַגריסט:

— לעבן זאָל די קיניגין מרים פֿון די חשמונאים!

און אַן הורדוסן האָט מען גאָר אין גאַנצן ווי פֿאַרגעסן. מע האָט געקוקט אויף אים און מע האָט אים דאָך ניט געגריסט. און ווען עס האָט זיך שוין יאָ דערהערט עפּעס אַ הייזעריק קול, אַ שוואַכס, פֿון אַן אַלטן מאַן, וואָס האָט ערגעץ אויסגעשריגן: „לעבן זאָל דער קיניג!" האָט דאָס קיינער ניט אונטערגעכאַפּט און עס איז דערטרונקען געוואָרן אין דעם ים פֿון קולות. און דאַן האָט זיך הורדוס פּלוצלינג געגעבן אַ הייב אויף.

— שוין צײַט צו גיין! — האָט ער געגעבן אַ זאָג צו מרימען און צו די אַנדערע פֿון דעם הויזגעזינד.

— יאָ, מיר זענען דאָ איבעריקע — האָט זיך אָנגערופֿן זײַן שוועסטער סאַלאָמעאָ און די שמאָלע בלויע ליפּן האָבן זיך בײַ איר פֿאַרצויגן אַזוי, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז כאָטש זיי זענען פֿאַרמאַכט, שפּריצט דאָך פֿון זיי מיט גיפֿט — קיין אַנדער זאַך הערט מען דאָך דאָ ניט, נאָר חשמונאָים און חשמונאָים!.. דעם קיניג זעט מען דאָ גאָרניט!..

בײַם אַרויסגיין האָט הורדוס זיך אָפּגעשטעלט אַ קוק צו טאָן צום לעצטן מאָל אויף דער שׂמחה פֿון דעם גרויסן עולם. און גראָד דאַן האָבן זיך פֿון אַלע זײַטן דערהערט קולות: „לעבן זאָל דער קיניג!" אָבער הורדוס איז שוין געווען זיכער, אַז דאָס מיינט מען ניט אים, נאָר דעם יונגן אַריסטובולוס דעם חשמונאי...

***

נאָך דעם האָט די גרויסע שׂמחה אין דעם ווײַבערישן הויף פֿונעם הייליקן טעמפּל זיך געצויגן אַ גאַנצע נאַכט. אויף די פּופּצן טרעפּ, וואָס האָבן געפֿירט אַרויף צום הויף פֿון די מאַנסבילן, האָט דער יונגער כּהן־גדול אַריסטובולוס אַוועקגעשטעלט די בעסטע זינגער און שפּילער פֿון די לוויִם, און זיי האָבן אויף האַרפֿעס און פֿלייטן, אויף פֿידלען און טרומפּייטן, געשפּילט די גאַנצע צײַט און פֿאַר יעדער טרעפּ האָבן זיי געהאַט אַן אַנדער געזאַנג פֿון די געזאַנגען פֿון דוד המלך.

„דאָס געזאַנג פֿון די טרעפּ" — אַזוי האָט זיך יעדער שיר אָנגעהויבן. און כאָטש דאָס פֿאָלק האָט געקענט די ווערטער אויף אויסווייניק, האָט קיינער דעם שיר ניט אונטערגעכאַפּט, כּדי דערמיט ניט צו שטערן דאָס שיינע זינגען פֿון די לוויִם, וואָס האָבן אַזעלכע זיסע און שיינע שטימען געהאַט.

די ערשטע האָבן אָנגעהויבן די לוויִם, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער אונ־טערשטער טרעפּ און אַלע אַרום האָבן זיך צוגעהערט:

— דאָס געזאַנג פֿון די טרעפּ! — האָט איינער אויסגערופֿן אויפֿן קול. און די אַנדערע לוויִם פֿון דער אונטערשטער טרעפּ האָבן אונטערגעכאַפּט:

צו גאָט האָב איך גערופֿן,
ווען מיר איז ענג געווען,
און ער געענטפֿערט האָט מיר באַלד.

רעטע, גאָט, מײַן זעלע
פֿון פֿאַלשע ליפּן
און פֿון אַ פֿאַלשער צונג.

און ווען די לוויִם, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער אונטערשטער טרעפּ, האָבן געענדיקט, האָבן גלײַך אָנגעהויבן די לוויִם, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער צווייטער טרעפּ:

צו די בערג הייב איך אויף מײַנע אויגן;
פֿון וואַנען וועט קומען מײַן הילף?
קומען וועט די הילף פֿון גאָט,
וואָס הימל און ערד באַשאַפֿן האָט.

אַזוי איז דאָס געגאַנגען אַלץ העכער און העכער און אַלץ מיט געזאַנג און שפּיל:

זײַ גנעדיק און דערבאַרעם זיך אויף אונדז, גאָט!
דען זאַט מיר זענען שוין פֿון שפּאָט!

און ווען עס איז געקומען צו די לוִיִים, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער אויבערשטער טרעפּ, האָבן זיי זיך צעזונגען מיט גאָר אַ גרויסן פֿאַרנעם, און אַלע אַנדערע האָבן דאָס געזאַנג באַגלייט אויף די פֿידלען, אויף די האַרפֿעס און אויף די פֿלייטן:

איר אַלע דאָ, וואָס דינט צו גאָט
און איר שטייט אין זײַן הויז בײַ נאַכט —
בענטשט און לויבט זײַן נאָמען!
די הענט הייבט אויף מיט הייליקייט
און בענטשט און לויבט זײַן נאָמען!

דאָס שיינע געזאַנג האָט איבערן גאַנצן הויף אָפּגעקלונגען, און בײַ די לעצטע ווערטער האָט דאָס גאַנצע פֿאָלק אונטערגעכאַפּט מיט אַ שטאַרקן הילך פֿון קולות:

בענטשן זאָל אונדז דאָ אַלע גאָט,
דער וואָס הימל און ערד באַשאַפֿן האָט!

אין אַלץ, וואָס מע האָט אין דער גרויסער שׂמחה געטאָן, האָט מען מיט געזאַנג און שפּיל און גרויס פֿײַערלעכקייט אַרויסגעבראַכט, אַז דאָס פֿאָלק, וואָס קומט אַהער פֿון נאָענט און פֿון ווײַט, דינט א י י ן גאָט, און איז ניט אַזוי ווי די אַנדערע פֿעלקער, וואָס לעבן נאָך אין פֿינצטערניש און דינען די טויטע געצן, וואָס מע האַקט אויס פֿון האָלץ און פֿון שטיין. מע האָט אויך אין געזאַנג און אין שפּיל אַרויסגעבראַכט, אַז דאָס גאַנצע פֿאָלק וויל לעבן אין שלום און טרוימט וועגן דער גליקלעכער צײַט, ווען עס וועלן מקוים ווערן די ווערטער פֿון דעם גרויסן נביא, און אַ פֿאָלק אויף אַ פֿאָלק וועט מער ניט אויפֿהייבן קיין שווערד און עס וועלן מער ניט זײַן קיין מלחמות.

אויף דער אויבערשטער טרעפּ, לעבן דעם ניקאַנאָר־טויער, וואָס האָט פֿון ווײַבערישן הויף געפֿירט צום צווייטן הויף, זענען פֿון בײַדע זײַטן געשטאַנען צוויי כּהנים מיט זילבערנע טרומפּייטן אין די הענט. אַוועקגעשטעלט דאָרט האָט זיי דער יונגער כּהן־גדול, און די גאַנצע צײַט, וואָס די לוִיִים האָבן געזונגען די „געזאַנגען פֿון די טרעפּ“, זענען זיי מיט די זילבערנע טרומפּייטן אין די הענט

געשטאַנען שטיל און האָבן געוואַרט. ערשט ווען עס האָט זיך דערהערט דאָס קרייען פֿון דעם האָן, האָבן זיי אָנגעהויבן בלאָזן דרײַ מאָל:

— תקיעה!

— תרועה!

— תקיעה!

דאָס איז געווען אַ צייכן, אַז די נאַכט איז שוין אַוועק, אַז דער פֿרימאָרגן איז שוין געקומען — און די גרויסע שׂמחה איז געענדיקט.

ווירדיק און מיט גרויס פֿאַרנעם האָבן די צוויי כּהנים מיט די זילבערנע טרומפּייטן אין די הענט אָנגעהויבן אַרונטערגיין פֿון די טרעפּ, און אַלעמענס בליקן זענען געווען געווענדט צו זיי. אויף דער צענטער טרעפּ האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און ווידער געבלאָזן דרײַ מאָל:

— תקיעה!

— תרועה!

— תקיעה!

און אַלע האָבן פֿאַר זיי געמאַכט אַ גרויסע וואַרע, און די לויִים, וואָס האָבן זיך אויף די טרעפּ אויסגעשטעלט אין צוויי לאַנגע רייען פֿון בײדע זײַטן, האָבן פֿאַר זיי געלאָזט פֿרײַ דעם וועג און מיט יראת־הכּבֿוד געקוקט אויף זיי. און ווען די צוויי כּהנים, וואָס זענען מיטן אָנקומען פֿון דעם פֿרימאָרגן געוואָרן אַזוי חשובֿ בײַ זיך און בײַ אַלעמען, זענען שוין אַרונטער פֿון דער לעצטער טרעפּ און זענען געבליבן שטיין אין הויף, האָבן זיי די זילבערנע טרומפּייטן נאָך העכער אויפֿגעהויבן און צום לעצטן מאָל געבלאָזן דרײַ מאָל:

— תקיעה!

— תרועה!

— תקיעה!

נאָך דעם איז געוואָרן שטיל, און אין דער שטילקייט האָט מען פֿון דער ווײַטנס געהערט ווי דאָס קרייען פֿון הענער טראָגט זיך פֿון אַלע זײַטן און ווי ביסלעכווײַז ווערט דערמיט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע שטאָט.

דאַן האָט דער יונגער כּהן־גדול שטיל און מיט געמאָסטענע טריט זיך גע־לאָזט גיין צום טויער, וואָס אין מזרח־זײַט. ער איז געגאַנגען דער ערשטער און נאָך אים זענען, פּונקט אַזוי שטיל און פּונקט מיט אַזעלכע געמאָסטענע טריט געגאַנגען די צוויי כּהנים מיט די זילבערנע טרומפּייטן און נאָך זיי זענען אין גלײַכע רייען געגאַנגען די כּהנים און די לויִים און די חשובֿע און געלערנטע לײַט פֿון יהודה און ירושלים. און נאָך זיי איז נאָכגעגאַנגען דאָס פֿאָלק. אַלע זענען אין גלײַכע רייען געגאַנגען מיט געמאָסטענע טריט; קיינער האָט זיך ניט געשטופּט, קיינער איז פֿון זײַן ריי ניט אַרויס און גייענדיק האָט מען פֿריילעך געזונגען די געזאַנגען פֿון דוד המלך, און מע האָט געשפּילט אויף די האַרפֿעס און פֿלייטן און געשאַלט מיט די טרומפּייטן. און ווען מע איז צוגעקומען צו דעם טויער, וואָס אין מזרח־זײַט, האָט דער יונגער כּהן־גדול זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו מערבֿ־זײַט, און באַלד האָבן אַלע אַנדערע אויך געטאָן דאָס זעלבע. און אָנשטעלנדיק

די בליקן אויף דעם הייליקן טעמפּל, האָבן זיי געוואַרט ביז דער כּהן־גדול וועט אָנהייבן, און ווען ער האָט אָנגעהויבן, האָבן זיי אים נאָכגעזאָגט וואָרט בײַ וואָרט:

— אין די צײַטן פֿון אַ מאָל — האָט ער געזאָגט — פֿלעגן אונדזערע אור־עלטערן שטיין דאָ אויף דעם אָרט מיט די רוקנס צו גאָטס הויז און מיט די פּנימער צו מזרח־זײַט און זיך בוקן צו דער זון. אָבער מיר — צו גאָט זענען מיר און צו גאָט זענען אונדזערע אויגן געווענדט!

יעדער איינער פֿון דעם גרויסן עולם האָט די ווערטער קלאָר און שאַרף אַרויסגעבראַכט. און אין די ווערטער איז געלעגן דער שטאָלץ פֿון אַ גאַנץ פֿאָלק, וואָס האָט זיך אין גײַסט אויפֿגעהויבן העכער פֿון אַנדערע און בוקט זיך ניט אַזוי ווי זיי צו דער זון און צו טויטע אָפּגעטער, נאָר צו דעם איינציקן גאָט, וואָס האָט די גאַנצע וועלט באַשאַפֿן און וואָס רוט אין הימל און האָט ניט קיין געשטאַלט, נאָר זײַן גײַסט שוועבט אומעטום.

„צו גאָט זענען מיר, און צו גאָט זענען אונדזערע אויגן געווענדט!“

ווײַט און הויך האָבן די ווערטער אָפּגעקלונגען, און ווען מע האָט שוין דעם כּהן־גדול מער ניט געדאַרפֿט נאָכזאָגן, האָבן די אַנדערע כּהנים, די לוויִים און אויך די מענטשן פֿון פֿאָלק זיך אָנגעכאַפּט אין די זעלבע ווערטער, און יעדער איינער האָט זיי אויף זײַן אייגענעם שטייגער אַרויסגעשריגן אויפֿן קול:

— מיר זענען צו גאָט!

— אונדזערע אויגן — צו גאָט!

— צו גאָט זענען מיר!

— צו גאָט זענען אונדזערע אויגן!

עס איז געווען אַ לעבעדיקע שפּיל מיט ווערטער, וואָס מע האָט אין דער פֿרישער פֿרימאָרגן לופֿט מיט גרויס כּוונה געוואָרפֿן; ווי נאָר איינער האָט געענדיקט, האָט אַן אַנדערער אָנגעהויבן און יעדער אויסרוף איז אַרויסגעקומען מיט אַן אַנדער ניגון, וואָס האָט זיך ווײַטער ווי פֿון זיך אַליין שוין געוועבט און געשפּינט, ווען אַן אַנדערער האָט אים אויף זײַן אייגענעם שטייגער אונטערגעכאַפּט. און אַזוי איז מען געגאַנגען איבער די גאַסן פֿון דער שטאָט מיטן יונגן כּהן־גדול פֿאָרויס, און פֿון אַלע דעכער האָבן מענטשן אַראָפּגעקוקט און די פּנימער האָבן בײַ זיי געשײַנט פֿאַר פֿרייד. און אַלע מאָל האָבן זיך אין אַן אַנדער ראָד דערהערט הילכיקע קולות:

— לעבן זאָל דער כּהן־גדול אַריסטובולוס פֿון די חשמונאים!

— לעבן זאָל דער כּהן־גדול אַריסטובולוס פֿון די חשמונאים!

אין יענער נאַכט האָט הורדוס ניט געקענט שלאָפֿן, און אין דער פֿרי, ווען ער איז אויפֿגעשטאַנען אַ צערודערטער, האָט ער גלײַך געשיקט רופֿן קאָסטאָבאַרן און זיך מיט אים אויף לאַנג אין אַ באַזונדער חדר פֿאַרמאַכט, און קיינער אין הויף האָט ניט געוואוסט פֿון וואָס די צוויי האָבן צווישן זיך אַזוי לאַנג גערעדט...

פֿערטער קאַפּיטל

אין געראַנגל

נאָך דעם האָט זיך אין הויף אָנגעהויבן אַ צײַט, ווען עס האָט זיך געדאַכט, אַז די טעג וואָס קומען אָן און גייען אַוועק קערן זיך גאָרניט אָן מיט די וואָכן און חדשים, וואָס זענען פֿריִער געווען, און אַז עמעצער האָט זיי ערגעץ אויסגעבאָרגט און געבראַכט אַהער, כּדי מיט זיי צו פֿאַרשטעלן עפּעס זייער אַ וויכטיקע זאַך, וואָס מע דאַרף באַהאַלטן.

מע האָט זיך אין הויף געריכט אויפֿן אויסבראָך פֿון אַ שטורעם, און עס איז דווקא געווען שטיל און רואיק. הורדוס האָט זיך באַצויגן גוט און איידל צו אַלכּסנדרהן און אויך צו אַריסטובולוסן; ער האָט זיי אין הויף אויף יעדער סעודה גרויס כּבֿוד אָפּגעגעבן; ער האָט זיך געהאַלטן אַזוי, אַז אַלע האָבןווירקלעך געקענט מיינען, אַז איצט הערשט שוין טאַקע שלום אין דער משפּחה. און צו מרימען האָט ער אָפֿט געזאָגט:

— עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס דאָס פֿאָלק ווײַזט אַרויס אַזאַ ליבשאַפֿט צו דײַן ברודער; ער איז אַזוי שיין אין אויסזען, אַזוי הויך אין וואוקס, אַזוי יונג אין יאָרן, און די קרוין פֿון דער כּהונה פּאַסט אים אַזוי ווי קיינעם ניט. איך אַליין האָב אים אויך ליב, זייער ליב...

און דאָס איז געווען אמת; ער האָט אַריסטובולוסן ווירקלעך ליב געהאַט, אָבער די מורא, אַז כּל־זמן אַריסטובולוס לעבט, קען ער ניט זײַן זיכער מיטן טראָן, האָט אים דאָך ניט געלאָזט רוען...

ווען עס האָבן זיך אין ירושלים אָנגעהויבן די רעגנדיקע טעג און עס איז געוואָרן קאַלט אין דרויסן, האָט הורדוס מיטן גאַנצן הויף זיך אַריבערגעקליבן אין דער שטאָט יריחו, ווײַל עס איז שוין געווען אַ מנהג פֿון דורות, אַז ווען עס הייבן זיך אָן די קאַלטע טעג אין ירושלים, זאָל דער קיניג פֿון יהודה זיך דאָרט באַזעצן אין דעם קיניגלעכן שלאָס, וואָס די חשמונאים האָבן אויסגעבויט. און הורדוס האָט דעם אַלטן מנהג פֿון דורות געוואָלט אָפּהיטן, און צו מרימען האָט ער געזאָגט:

— דאָס טו איך צוליב דיר, געליבטע פֿון מײַן האַרץ. צוליב דיר און צוליב די, וואָס זענען דיר זייער טײַער — דײַן ברודער, דײַן מוטער און אויך דער פֿאָטער פֿון דײַן מוטער. עס וועט זיי אַלע געוויס זײַן זייער אָנגענעם צו וואוינען אין דער צײַט פֿון יאָר אין דעם קיניגלעכן שלאָס, וואָס די משפּחה האָט געבויט.

און מרים האָט אים איידל געדאַנקט דערפֿאַר און זי האָט דערבײַ אַ צופֿרי־דענע געשמייכלט. די האָפֿענונג, אַז איר וועט זיך דאָך אײַנגעבן אים צו מאַכן

ווייכער און דערמיט דינען דעם פֿאָלק און ברענגען נוצן דעם לאַנד, האָט זיך אין איר דעמאָלט שוין אַזוי געהאַט געשטאַרקט, אַז זי האָט שוין אין דעם געזען ניט נאָר אַ גוטן וואונטש, נאָר אויך אַ גוטן באַוויַז דערויף און זי האָט ווירקלעך געגלויבט אין אירע אייגענע כּוחות...

***

אין יריחו איז אין קיניגלעכן הויף שטענדיק געווען פֿריילעך. הורדוס האָט דאָרט פֿון זיך אַלע זאָרגן פֿון דער מלוכה אָראָפּגעוואָרפֿן און זיך אין גאַנצן אָפּגעגעבן מיט דער משפּחה. ער האָט זעלטן מיט עמעצן גערעדט וועגן דעם, וואָס עס קומט פֿאָר אין לאַנד. אויך וועגן דער לאַגע אין רוים האָט ער זייער ווייניק גערעדט, און עס איז כּמעט קיין מאָל ניט אַוועק אַ טאָג, אַז ער זאָל אין הויף ניט מאַכן אַ סעודה און פֿאַרבעטן אַ סך געסט. ער האָט פֿאַרבעטן רײַכע און אָרעמע; ער האָט געוואָלט, אַז אויף יעדער סעודה זאָלן זײַן וואָס מער מענטשן און אַלע זאָלן זען ווי גוט ער איז צו דעם יונגן כּהן־גדול און ווי שטאַרק ער האָט אים ליב...

אויף איינער אַזאַ סעודה, וואָס מע האָט אין אַ הייסן טאָג געפּראַוועט אין דעם גרויסן גאָרטן, וואָס בײַם הויף, איז הורדוס געווען זייער פֿריילעך און ער האָט פֿאַר אַלעמען אין די אויגן דעם יונגן אַריסטובולוס זייער שטאַרק געלויבט.

— ער איז יונג, ער איז מוטיק — האָט ער געזאָגט און דערבײַ האָט ער דעם יונגן כּהן־גדול אַרומגענומען מיט איין האַנט און אים צוגעדריקט צו זיך — ער איז געבוירן צו זײַן אַ העלד. און ווען ער וואָלט ניט געווען קיין כּהן־גדול, וואָלט איך אים פֿאַר איינעם פֿון מײַנע קריגספֿירער געמאַכט, און ער וואָלט אין אַ מלחמה גרויסע חיילות געפֿירט. אָט קוקט אויף אים, איר אַלע און זעט, ווי עס פּאַסט אים צו זײַן אַ קריגספֿירער! ער איז הויך, שיין, יונג, פֿעסט און שטאַרק — איינער פֿון די גרעסטע גיבורים אין יהודה!..

דער אַלטער הורקונוס האָט געשעפּט נחת, ווען ער האָט געזען ווי הורדוס שפּיגלט זיך אַזוי אין דעם יונגן אַריסטובולוס. אויך אַלכּסנדרה און מרים האָבן געשעפּט נחת דערפֿון. עס האָט זיי ביידן שטאַרק הנאה געטאָן, וואָס דער קיניג רעדט אַזוי צום פֿאָלק וועגן דעם יונגן כּהן־גדול פֿון די חשמונאים. זיי האָבן אָבער גאָרניט געזאָגט וועגן דעם און זיך בלויז איבערגעוואָרפֿן מיט די בליקן. דער איינציקער, וואָס האָט דאַן אָפֿן אַרויסגעוויזן זײַן באַגײַסטערונג, איז געווען דער אַלטער הורקונוס. צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ, האָט ער מיט איין האַנט, וואָס האָט שטאַרק געציטערט, די לאַנגע גרויע באָרד געגלעט. און קוקנדיק אויף הורדוסן מיט די קלויציק־וואַסערדיקע אויגן, האָט ער געזאָגט:

— אַזוי זענען זיי אַלע אין אונדזער משפּחה — גיבורים גרויסע. די כּהונה אין היילקן טעמפּל האָט זיי ניט געשטערט צו זײַן גיבורים און קריגספֿירער. און אַזוי איז אַלע מאָל געווען: אַ קיניג פֿון די חשמונאים האָט געטראָגן ביידע קרוינען — די קרוין פֿון דער כּהונה און די קרוין פֿון דער מלוכה...

ער האָט אַליין ניט געוואוסט, דער אַלטער, ווי ווײַט ער האָט מיט זײַנע ווערטער געטראָפֿן און וואָס פֿאַר אַ טיפֿע וואונד ער האָט אָנגערירט בײַ הורדוסן. וואָס עס איז אים אין יענער רגע אײַנגעפֿאַלן, דעם אַלטן הורקונוס, האָט ער געזאָגט, און ער איז שוין געווען גרייט נאָך עפּעס צו זאָגן וועגן דעם, ווי די חשמונאים האָבן געטראָגן בײדע קרוינען; עס איז בײַ אים אויסגעקומען, ווי דאָס וואָלט געווען ניט מער ווי אַ מעשׂה פֿון אַ מאָל און אַז מיטן הײַנט קער זיך דאָס גאָרניט אָן. אָבער אַלכּסנדרה האָט אים ווײַטער ניט געלאָזט רעדן; ווי זי האָט נאָר באַמערקט ווי בײַ הורדוסן האָבן זיך געביטן די קאָלירן אין פּנים, האָט זי זיך אויפֿגעהויבן, און צוגייענדיק צום אַלטן הורקונוס, האָט זי מיט אַ־בערגעטריבענער צערטלעכקייט בײדע הענט צו אים אויף די אַקסלען אַרויפֿ־געלייגט:

— דו זעסט אויס זייער מיד, פֿאָטער — האָט זי אים געזאָגט — זייער מיד... די היץ האָט דיך אויסגעמאַטערט; דו האָסט הײַנט צו פֿיל די כּוחות אָנגעשטרענגט. קום, ווײל איך דיך אין דײַן חדר אַרײַנפֿירן און דו וועסט זיך דאָרט אָפּרוען. דו דאַרפֿסט האָבן רו, פֿאָטער, רו...

און זי האָט אים אַוועקגעפֿירט.

הורדוס האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז די רייד פֿון דעם אַלטן הורקונוס האָבן צו זײַנע אויערן גאָרניט דערגרייכט. ער איז ווײַטער געווען פֿריילעך; ער האָט געלאַכט און געשטיפֿט. און ווען אַלע געסט זענען זיך צעגאַנגען און עס זענען געבליבן בלויז די אייגענע פֿון דעם הויזגעזינד, האָט ער דעם יונגן אַריס־טובולוס אָנגענומען אונטערן אָרעם, און ווענדנדיק זיך צו מרימען און צו די אַנדערע פֿון דער משפּחה, האָט ער פֿריילעך אויסגערופֿן:

— קומט מיט מיר!

געגאַנגען איז מען איבער דער לענג פֿון די גערטנער, וואָס האָבן זיך ווײַט געצויגן. הורדוס און אַריסטובולוס האָבן געשפּאַנט פֿאָרויס און נאָך זיי זענען פּאַמעלעך און מיט געמאָסטענע טריט נאָכגעגאַנגען די פֿרויען — מרים, אַלכּסנדרה און סאַלאָמעאַ. סאַלאָמעאַ איז די גאַנצע צײַט געווען בייז און זי האָט קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט צו מרימען און אַלכּסנדרהן. זי האָט זיך געהאַלטן אַזוי, פּונקט ווי זי, דעם קיניגס שוועסטער, וואָלט זיי געטאָן אַ גרויסע טובֿה דערמיט, וואָס זי גייט מיט זיי...

אויפֿן וועג איז הורדוס מיט אַ מאָל געוואָרן נאָך פֿריילעכער און שטיפֿערי־שער ווי פֿריִער.

— לאָמיר זיך פֿאַרמעסטן אין כּוחות! — האָט ער פּלוצעם געגעבן אַ זאָג דעם יונגן כּהן־גדול — לאָמיר זען ווער וועמען עס וועט בײַקומען אין אַ גע־ראַנגל!..

און באַלד זענען שוין בײדע, דער קיניג און דער כּהן־גדול געווען אַרײַנ־געצויגן אין אַ געראַנגל. און געראַנגלט האָבן זיי זיך לאַנג, און אַלע מאָל האָט זיך געדאַכט, אַז אַן אַנדערער פֿון זיי איז שטאַרקער. אָבער געענדיקט האָט זיך עס דערמיט, וואָס דער קיניג האָט בײַגעקומען דעם כּהן־גדול...

— לאָמיר ווידער פּרוּוון! — האָט אַריסטובולוס זיך אָנגערופֿן, אויפֿ־הייבנדיק זיך פֿון דער ערד און אַוועקשטעלנדיק זיך פֿעסט אויף די פֿיס — לאָמיר ווידער פּרוּוון!..

— גוט. לאָמיר ווידער פּרוּוון — האָט הורדוס אײַנגעשטימט דערויף.

דאָס מאָל האָבן זיי זיך ביידע געראַנגלט נאָך לענגער ווי פֿריִער. אַריס־טובולוס האָט זיך מיט אַלע כּוחות אָנגעשטרענגט בײַצוקומען הורדוסן; ער האָט געפּרוּווט אים אָפּצורײַסן פֿון דער ערד און אים אומוואַרפֿן. אָבער ער האָט דאָס ניט געקענט; דאָס פּנים איז בײַ אים געוואָרן רויט, די האָר פֿון קאָפּ האָבן זיך בײַ אים צעשויבערט; ער האָט זיך געדרייט און געוואָרפֿן אין אַלע זײַטן, אָבער עס איז אַלץ גאָרניט אַרויסגעקומען דערפֿון. און הורדוס איז די גאַנצע צײַט געווען געלאַסן; אויף זײַן פּנים האָט אַ לײַכטער שמייכל געשוועבט; די פֿיס זענען בײַ אים געווען ווי אײַנגעגראָבן אין דער ערד און ער האָט זיך בלויז פֿון צײַט צו צײַט לײַכט אויפֿגעהויבן אויף זיי. און ווען אַריסטובולוס איז שוין געווען אויסגעמאַטערט, האָט הורדוס אים שנעל געגעבן אַ הייב אין דער הייך און אים אומגעוואָרפֿן אויף דער ערד...

מרים און אַלכּסנדרה האָבן פֿריילעך געלאַכט. עס איז זיי ביידן שטאַרק געפֿעלן די שפּיל. זיי האָבן געהאַט פֿאַרגעניגן פֿון דעם, וואָס דער קיניג און דער כּהן־גדול שטיפֿן איינער מיטן אַנדערן ווי צוויי קינדער, וואָס ווייסן ניט פֿון קיין זאָרג. און מרים האָט זיך אין שפּאַס געררייצט מיטן ברודער:

— דער קיניג איז שטאַרקער פֿון דיר, אַריסטובולוס, מײַן ברודער! — האָט זי אויפֿן קול געשריגן — שטאַרקער פֿון דיר...

און אַלכּסנדרה האָט דעם זון, לאַכנדיק, אונטערגעגעבן מוט:

— פּרוּוו נאָך אַ מאָל, אַריסטובולוס, מײַן זון, נאָך אַ מאָל! כאַטש איין מאָל וואַרף אים אום אויף דער ערד! כאַטש איין מאָל!..

אַפֿילו די בייזע סאַלאָמעאַ איז אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער שפּיל. זי האָט אויך געלאַכט אויפֿן קול, און ווען הורדוס האָט אַריסטובולוסן אויף דער ערד אויסגעצויגן, האָט זי אונטערגעשפּרונגען פֿאַר פֿרייד:

— זעט, זעט!

נאָך דעם האָבן זיך אַלע אַוועקגעזעצט אין שאָטן זיך אָפּצורוען אַ ביסל, און די דרײַ פֿרויען האָבן גוטמוטיק געמאַכט שפּאַס פֿון אַריסטובולוסן.

— ביסט אַ גיבור — האָט מרים צו אים מיטן פֿינגער געטײַטלט — אָבער מיטן קיניג קענסטו זיך אין כּוחות ניט פֿאַרמעסטן...

— אָבער לויפֿן קען איך שנעלער פֿון אים — האָט אַריסטובולוס געזאָגט, ווי ער וואָלט זיך פֿאַר עפּעס געדאַרפֿט פֿאַרענטפֿערן. — אין לויפֿן וועט דער קיניג מיך ניט אַריבעריאָגן!..

— דאָס קענען מיר שוין זען! — האָט הורדוס זיך געגעבן אַ שטעל אויף — לויפֿן מיר? איך בין גרייט!

— איך אויך! — האָט אַריסטובולוס געענטפֿערט.

און באַלד זענען שוין ביידע, דער קיניג און דער כּהן־גדול, אין איין גלײַכער ריי געשטאַנען איינער לעבן אַנדערן. הורדוס האָט אָנגעוויזן אויף אַ בוים און

געזאָגט, אַז ביז אַהין זאָל מען לויפֿן. און כּדי אַלץ זאָל צוגיין פּינקטלעך ווי אין אַן אמתן געוועט, און אין דער זעלבער צײַט זאָלן אַלע האָבן אַ סך שפּאַס, האָט ער די דרײַ ווײַבער אויך אַרײַנגעצויגן אין דער שפּיל; ער האָט זיי געהייסן זיך אַוועקשטעלן ניט ווײַט פֿון דער ליניע, וואָס ער האָט מיט אַ שווערד אָנגע־צייכנט אויף דער ערד. און ער האָט יעדער איינער פֿון זיי אַן אַרבעט געגעבן.

— די מוטער — האָט ער געזאָגט, אָנווײַזנדיק אויף אַלכּסנדרהן — וועט אויסשרײַען אויפֿן קול: „איינס!". און דו, מײַן ליבסטע — האָט ער געזאָגט צו מרימען — וועסט אויסשרײַען: „איינס און צוויי!" און דו, שוועסטער — האָט ער זיך געווענדט צו סאַלאָמעאָן — וועסט אויסשרײַען: „איינס און דרײַ!" אַזוי — איינס נאָכן אַנדערן. בײַם אויסגעשריי „איינס און דרײַ" הייבן מיר ביידע אָן לויפֿן. און ווער פֿון אונדז עס וועט דער ערשטער צולויפֿן צו יענעם בוים, דער איז דער געווינער.

סאַלאָמעאָ איז אַפֿילו געווען ברוגז, פֿאַר וואָס דער ברודער האָט זי אויס־געקליבן צו זײַן דווקא די לעצטע אויסצושרײַען, אָבער זי האָט דאָך דערפֿון קיין גרויסן ווען ניט געמאַכט. אַלע דרײַ ווײַבער האָבן געטאָן, וואָס הורדוס האָט זיי געהייסן, און ווען דעם קיניגס שוועסטער האָט די לעצטע אויסגעשריגן „איינס און דרײַ", האָבן ביידע, דער קיניג און דער כּהן־גדול, זיך געגעבן אַ לאָז פֿאָרויס און אָנגעהויבן לויפֿן צו דעם בוים, וואָס מע האָט פֿריִער אויסגעקליבן. און דער ערשטער, וואָס איז צום בוים צוגעלאָפֿן, איז געווען אַריסטובולוס...

דאָס האָט בײַ אים אַרויסגערופֿן גרויס פֿרייד און ער האָט זיך ווי געברייצט מיט הורדוסן:

— אין לויפֿן שנעל קען דער קיניג מיט מיר זיך ניט פֿאַרמעסטן!..

— ווילן מיר פּרוּוון נאָך אַ מאָל? — האָט הורדוס געפֿרעגט מיט אַ שמייכל.

— זאָל זײַן נאָך אַ מאָל — האָט אַריסטובולוס זיך ניט געשפּאַרט.

אויך דאָס צווייטע מאָל איז הורדוס געווען הינטערשטעליק אין לויפֿן. דער יונגער אַריסטובולוס איז ווידער געווען דער ערשטער צוצולויפֿן צום בוים, און דאָס האָט נאָך גרעסער געמאַכט זײַן פֿרייד.

***

דער טאָג האָט שוין געהאַלטן בײַם פֿאַרגיין, אָבער די היץ איז נאָך געווען גרויס.

— איצטער איז גוט זיך צו באָדן אין טײַך — האָט הורדוס געזאָגט, צו־וואַרפֿנדיק אַ בליק צו אַריסטובולוסן.

און אַריסטובולוס האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם.

— און אפֿשר ווילסטו מיט מיר זיך פֿאַרמעסטן אין שווימען אויך? — האָט הורדוס אים געפֿרעגט און אויף זײַן פּנים האָט זיך אָן אַרויפֿגעצוואונגענער שמייכל באַוויזן.

דער יונגער כּהן־גדול האָט שוין געוואָלט ענטפֿערן, אַז ער איז גרייט דערויף, אָבער אַלכּסנדרה האָט אים אָפּגעשלאָגן דערפֿון.

— גיב צו, מײַן זון — האָט זי געזאָגט — אַז אַלץ קען דער קיניג בעסער פֿון דיר. און צו װאָס װײַטער די שפּיל און דאָס געװעט? איר זײַט דאָך בײדע אױסגעמאַטערט. גײט צום טײַך און באָדט זיך דאָרט און זאָל דאָס װאַסער אײַער לײַב אָפּפֿרישן. און מיר, די װײַבער, װעלן גײן צוריק און אין שלאָס אױף אײַך װאַרטן. אָבער זאַמט זיך ניט און מאַכט דאָס שנעל, װײַל הײַנט בײַ נאַכט גיב איך אַ סעודה, אַ גרױסע סעודה פֿאַר אַלע געסט. און מע װעט זיך פֿרײען. עס װעט זײַן לוסטיק ביז דער מאָרגן װעט אָנקומען.

מרים און אַלכּסנדרה און אױך הורדוסעס שװעסטער סאַלאָמעאַ זענען אַװעק צוריק אין שלאָס, און דער קיניג מיטן כּהן־גדול זענען אַװעק צום טײַך זיך באָדן. צװישן צװײ רײען געדיכטע בײמער האָבן זײ בײדע אױף אַ שמאָלן, שטױביקן װעג געשפּאַנט לאַנגזאַם. אַריסטאָבולוס האָט אַ סך גערעדט װעגן דעם טאָג, װאָס איז אַװעק אין שפּיל און אין פֿרײד. און הורדוס האָט גערעדט בלױז װערטער, אָבער ער האָט זײ ניט געקענט צונױפֿבינדן. אױף זײַן פּנים האָט אַ טיפֿער טרױער גערוט; ער איז געװען שטאַרק צעטראָגן; די בליקן פֿון זײַנע גרױסע אױגן האָבן געבלאָנדזשעט װײַט, און אַלע מאָל האָט ער זיך אױפֿן יונגן שװאָגער אומגעקוקט, װי ער װאָלט זיך געװאָלט איבערצײַגן אין דעם, אַז דאָס איז טאַקע ער און ניט קײן אַנדערער. גערעדט האָט ער גאָרניט. בלױז אײן מאָל האָט ער מיט אַ טיפֿן זיפֿץ געגעבן אַ זאָג:

— װי גוט װאָלט געװען װען דו, אַריסטאָבולוס, װאָלסט געװען אײנער פֿון מײַן משפּחה און ניט פֿון דער משפּחה פֿון די חשמונאים!..

אַריסטאָבולוס האָט דאָס ניט פֿאַרשטאַנען, און ער האָט, אַ פֿאַרװאונדערטער, די בליקן פֿון זײַנע אױגן אױף הורדוסן אָנגעשטעלט.

— האָט דען דער קיניג ניט געזאָגט, אַז ער האָט מיך ליב װי אַ ברודער?

— אמת — האָט הורדוס צוגעגעבן — אָבער װען דו װאָלסט מיר געװען אַן אײגענער ברודער, װאָלט איך דיך נאָך מער ליב געהאַט... און אין אַלגעמײן װאָלט עס געװען אַנדערש... אין גאַנצן אַנדערש...

װאָס אַריסטאָבולוס האָט אים דערױף געענטפֿערט, האָט ער שױן ניט גע־הערט. ער איז װײַטער געװען צעטראָגן און צעררודערט, און עס איז אים שװער געװען צונױפֿצונעמען די געדאַנקען, װאָס האָבן זיך בײַ אים אין מוח געמישט. און װען ער האָט צװישן די בײמער דערזען פֿון דער װײַטנס קאַסטאַבאַרס פּנים, האָט ער מיטן גאַנצן קערפּער געגעבן אַ ציטער, אָבער באַלד האָט ער זיך גע־שטאַרקט; מיט אַ װאונק פֿון אױג האָט ער אים אױף אַריסטאָבולוסן אָנגעװיזן און אים געגעבן אַ צײכן, אַז ער זאָל גײן װײַטער. און בײדע, דער קיניג און זײַן תּליון, האָבן זיך אױפֿן װאונק פֿאַרשטאַנען...

װען מע איז צוגעקומען צום טײַך, האָט די זון שױן געהאַלטן בײַם פֿאַרגײן.

— מע דאַרף זיך אײַלן — איז הורדוס געװאָרן אומגעדולדיק — באַלד װעט די נאַכט צופֿאַלן, און דאָ אין טײַך זענען זײער טיפֿע ערטער פֿאַראַן...

אין אײַלעניש האָט ער פֿון זיך די קלײדער אַרונטערגעװאָרפֿן און באַלד איז ער שױן געשװאומען אין דעם גרױסן טײַך, פּאַטשנדיק מיט די הענט די אױפֿגעשלאָגענע כװאַליעס. אױך אַריסטאָבולוס איז אַרײַן אין טײַך און האָט אָנגע־

הויבן שווימען. און דאַן זענען צום ברעג באַלד צוגעקומען עטלעכע אומבאַקאַנטע לײַט, וואָס קיינער האָט פריִער אין ערגעץ ניט געזען; זיי האָבן מיט פאַרגאַפטע בליקן געקוקט ווי די צוויי טראָגן זיך אַזוי לײַכט אויף די כוואַליעס. און ווען הורדוס האָט זיי בײַם ברעג דערזען, האָט ער, אַרויסשטעקנדיק דעם קאָפּ פון וואַסער, אָנגעהויבן שרײַען אויפן קול:

— ווער עס קען נאָר גוט שווימען, זאָל אַרײַן אין טײַך!

ער האָט געלאַכט. ער איז געווען פריילעך. ער האָט זיך ווי אַ יונגל אַ שטיפער מיט די כוואַליעס פון טײַך געשפּילט. און ווען ער האָט געזען, ווי די מענטשן בײַם ברעג וואַרפן פון זיך אַראָפּ די קליידער ניט שנעל גענוג, האָט ער זיי אונטערגעיאָגט מיט זײַנע קולות:

— שנעלער אַהער! שנעלער אַהער!

און ווען יענע זענען אין וואַסער אַרײַנגעשפּרונגען, איז ער באַלד אַרויס...

פונעם ברעג האָט ער געזען, ווי צוויי פון די נײַע שווימער האָבן שוין אַריסטובולוסן אַרײַנגעצויגן אין אַ געוועט און ווי ער איז שוין שטאַרק פאַר־קאַכט אין דעם. ער האָט געוואוסט, אַז זיי טוען דאָס, ווײַל קאָסטאָבאַר האָט זיי אַזוי געהייסן. ער האָט אויך געוואוסט, מיט וואָס דער געוועט וועט זיך ענדיקן. און ער האָט זיך שנעל אָנגעטאָן און איז אין איינעם מיט זײַנע לײַבוועכטער שנעל אַוועק...

געגאַנגען צוריק צום שלאָס איז ער אין גרויס אײַלעניש. ער האָט וואָס שנעלער געוואָלט אַנטלויפן פון דאָרט. און ווען ער האָט אויפן וועג געטראָפן קאָסטאָבאַרן, האָט ער אים, ניט־אָפּשטעלנדיק זיך אַפילו, אַ קורצן באַפעל צוגע־וואָרפן:

— מאַכן אַ סוף!..

מער האָט ער אים גאָרניט געזאָגט און איז ווײַטער געגאַנגען. ער איז געווען אַזוי צעטראָגן, אַז ער האָט גאָר אין גאַנצן פאַרגעסן אָן די לײַבוועכטער, וואָס זענען אים נאָכגעגאַנגען. ער האָט אַפילו זייערע טריט ניט געהערט. און ווען ער איז צוריק אין הויף געקומען, איז שוין אין דרויסן געווען פינצטער.

ער האָט זיך אין הויף מיט קיינעם ניט אָפּגעשטעלט, ווען ער איז אַרײַנגע־קומען אַהין. מיט פעסטע טריט האָט ער געשפּאַנט אין אַזאַ אימפּעט, פונקט ווי ער וואָלט זיך שטאַרק געאײַלט דורכצופירן אַזאַ שליחות, וואָס מע קען שוין מער בשום אופן אויף שפּעטער ניט אָפּלייגן. עס האָט זיך אויך געקענט דאַכטן, אַז דאָס אַנטלויפט ער פון עפּעס אָדער פון עמעצן. און ווי ער האָט אַזוי געשפּאַנט אין דעם אימפּעט, וואָס ער האָט מיט זיך אַרײַנגעבראַכט, איז אין הויף מיט אַ מאָל געוואָרן אַ טומל און עטלעכע באַוואָפנטע לײַט האָבן דעם יונגן אַריסטובולוסן אַרײַנגעבראַכט אַ טויטן...

— ער איז דערטרונקען געוואָרן — האָט איינער פון די באַוואָפנטע לײַט געמאָלדן דעם קיניג, בייגנדיק טיף דעם קאָפּ — ווען מיר האָבן אים פון אונטערן וואַסער אַרויסגענומען, איז ער שוין געווען טויט...

שטייענדיק אַזוי די גאַנצע צײַט מיט דעם טיף געבויגענעם קאָפּ פאַרן קיניג האָט דער באַוואָפנטער מאַן נאָך ווײַטער גערעדט. אָבער קיינער האָט אים שוין

מער ניט געהערט. צעשראָקענע און צעטומלטע האָבן זיך די הויפֿלײַט אַרומ־געשטעלט בײַ דעם טויטן קערפּער פֿון דעם יונגן כּהן־גדול, וואָס איז אויף דעם באַדעקטן דיל פֿון מירמלשטיין געלעגן מיט אַ בלוי־גרינלעך פּנים, מיט גע־שלאָסענע אויגן און מיט אַ פֿאַרמאַכט מויל. און פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ געוויין, וואָס האָט זיך באַלד אַלעמען שאַרף אין די אויערן אײַנגעשניטן. דאָס איז מרים אַרײַנגעלאָפֿן פֿון אַן אַנדער חדר, און ווען זי האָט דערזען ווי איר ברודער אַריסטובולוס ליגט אַ טויטער, איז זי אומגעפֿאַלן לעבן אים און האָט זיך אָנגעהויבן רײַסן די האָר פֿון קאָפּ; מיט ציטערדיקע הענט האָט זי אים ווי אַ בלינדע דאָס פּנים געטאַפּט; ניט געוואָלט און ניט געקענט גלויבן, אַז ער איז שוין טויט. און וואָס אַ מאָל איז איר געוויין געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער; אויף די קני און אויף די הענט האָט זי זיך צו אים געצויגן און דאָס גאַנצע לײַב האָט בײַ איר געציטערט; פֿון די אויגן האָבן זיך בײַ איר די טרערן ווי פֿון אַ שטראָם געגאָסן. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי וועט גאָר קיין מאָל ניט קענען אויפֿהערן וויינען און אַז אַזוי וועט זי שוין אויסגיין לעבן דעם טויטן קערפּער פֿון איר ברודער.

ניט נאָר די פֿרויען, נאָר אויך די מאַנספּאַרשוינען אין הויף האָבן געגאָסן מיט טרערן, ווען זיי האָבן געזען, ווי דער שיינער, יונגער כּהן־גדול, וואָס איז געווען אַזוי באַליבט בײַם פֿאָלק, ליגט אויפֿן דיל אַ טויטער. און צווישן די, וואָס האָבן געוויינט, איז אויך געווען הורדוס...

דער איינציקער מענטש, וואָס האָט ניט געוויינט, איז געווען אַלכּסנדרה...

זי האָט בלויז איין שאַרפֿן קוויטש געטאָן, ווען זי האָט איר זון דערזען אַ טויטן. אין דעם קוויטש איז געווען אַזוי פֿיל פֿאַרצווייפֿלונג און שרעק, אַז מער האָט מען שוין גאַרניט געקענט — ניט וויינען און ניט שרײַען. און נאָך דעם איז זי געבליבן שטיין ווי אַ פֿאַרגליווערטע. און אַזוי איז זי לאַנג געשטאַנען און האָט זיך פֿון אָרט ניט גערירט. און די גאַנצע צײַט זענען בײַ איר די אויגן געווען אָנגעשטעלט אויף הורדוסן און זי האָט אים דורכגענומען מיט אירע בליקן...

אויך ער זי האָט דורכגענומען מיט די בליקן. אָבער געזאָגט איינער דעם אַנדערן האָבן זיי גאָרניט.

אַפֿילו ניט קיין וואָרט...

פֿינפֿטער קאַפּיטל

פֿון גרויס ליבשאַפֿט

א

אין ירושלים האָבן זיך שוין ווידער געהאַט אָנגעהויבן די וואַרעמע טעג, ווען הורדוס און אַלע פֿון זײַן הויף זענען אַהין צוריק פֿון דער שטאָט יריחו געקומען.

אויף די גאַסן פֿון ירושלים איז געווען שטיל, ווען דער קיניג איז אַהין אָנגעקומען, מענטשן האָבן זיך פֿאַררוקט אין זייערע שטיבער און געצעלטן און זענען ניט אַרויסגעגאַנגען אַקעגן אים צו באַגעגענען. און צווישן זיך האָט מען שטילערהייט גערעדט:

— ער איז שולדיק אין דעם טויט פֿון אַריסטובולוס דעם חשמונאי...

— און מיט דער גרויסער לויה, וואָס ער האָט פֿאַר דעם יונגן כּהן־גדול געמאַכט, איז ער אויסן געווען צוצודעקן זײַן שולד...

מע האָט דערציילט, אַז די מוטער פֿון דעם יונגן כּהן־גדול האָט שוין עטלעכע מאָל פֿאַר גרויס פֿאַרצווייפֿלונג געוואָלט מאַכן אַ סוף צו איר לעבן, און אַז אַצינדער היט מען זי בײַ טאָג און בײַ נאַכט, אַז זי זאָל זיך אין הויף ניט אַרונטערוואַרפֿן פֿון דאַך. מע האָט אויך דערציילט, אַז זינט דער יונגער כּהן־גדול אַריסטובולוס איז דערטרונקען געוואָרן, רעדט מרים אין גאַנצן ניט צו הורדוסן...

פּונקט ווי זי וואָלט בחוש געפֿילט, אַז מיטן טויט פֿון איר ברודער קומט די סכּנה שוין פֿאַר איר אויך...

— זי איז ברוגז מיט אים — האָט איינער דעם אַנדערן אַ סוד איבערגעגעבן
— זי האָט אים אָפֿן געזאָגט, אַז ער איז שולדיק אין דעם טויט פֿון איר ברודער...
ער לייקנט דאָס, אָבער זי גלויבט אים ניט...

— אים קען מען ניט גלויבן...

— ער איז בלוטדאַרשטיק ווי אַ חיה אין וואַלד...

— ער וועט אויסראָטן און פֿאַרטיליקן יעדן איינעם, וואָס שטאַמט פֿון די חשמונאים...

— אַריסטובולוס איז אים געווען ווי אַ דאָרן אין די אויגן.

און עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן דערבײַ ניט פֿאַרגעסן צו דערמאָנען אַזוינס, וואָס האָט זיי שוין לאַנג ניט געלאָזט רוען:

— זײַן הערשאַפֿט איבער אונדז — האָבן זיי געזאָגט — איז אַ שטראָף פֿון גאָט; דאָס קומען מיר אָפּ דערפֿאַר, וואָס בײַם אײַננעמען אדום האָבן מיר דאָרט אויפֿן פֿאָלק אונדזער גלויבן מיט גוואַלד אַרויפֿגעצוואונגען... פֿריִער האָבן ייִדן

אַזוינס קיין מאָל ניט געטאָן. הורדוס דער אדומי איז די נקמה, וואָס אדום נעמט איצטער אין אונדז...

אין אַלע שטעט און אין אַלע דערפער פון יהודה האָט מען געקענט הערן ווי מענטשן רעדן אַזוי.

מ׳האָט מורא געהאַט צו רעדן און מ׳האָט דאָך גערעדט. מ׳האָט מורא געהאַט זיך צו באַקלאָגן און מ׳האָט זיך דאָך באַקלאָגט. און פאַר הורדוסן איז דאָס ניט געווען פאַרהוילן, ווײַל די אויסשפּירער, וואָס קאָסטאָבאַר האָט צעשיקט איבערן גאַנצן לאַנד, זענען אומעטום געווען, און ס׳איז זעלטן אַוועק אַ טאָג, אַז זיי זאָלן ניט צושיקן קיין מעלדונגען וועגן דעם, וואָס זיי האָבן געהערט דאָ און דאָרט, פון דעם און פון יענעם. דאָס האָט דעם גרויזאַמען קיניג נאָך מער צערודערט; ער איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען אַ בייזער, אַן אָנגעכמורעטער; ער האָט ניט גערעדט, נאָר געברומט; ער האָט געהאַלטן אין איין אַרויסגעבן באַפעלן צו קאָסטאָבאַרן, ווען מ׳זאָל בײַ נאַכט אַרויסשלעפּן פון די געלעגערס און פאַרשפּאַרן אין תּפיסה און ווען מ׳זאָל באַשטראָפן מיטן טויט שטילערהייט.

פאַר מרימען האָט ער זיך דאַן שטאַרק געהיט. ער האָט ניט געוואָלט, זי זאָל וויסן, וואָס ער טוט, אָבער ער האָט דאָס פאַר איר דאָך ניט געקענט באַהאַלטן. און איין מאָל, ווען זי האָט אים אָנגעהויבן זאָגן מוסר, פאַר וואָס ער איז אַזוי גרויזאַם, איז ער געוואָרן אין כּעס.

— מרים — האָט ער מיט אַ מאָל געגומען שרײַען אויפן קול — איך וואָרן דיך, אַז דו זאָלסט זיך דאָ קיין מאָל ניט אַרײַנמישן אין די ענינים פון דער מלוכה!

באַלד אָבער האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער האָט צו הויך זײַן קול אויפגעהויבן אויף איר, און ער איז געוואָרן ווייכער.

— ליבסטע מײַנע — האָט ער איר געזאָגט און זי צאַרט און איידל צוגעטוליעט צו זיך — אַלץ אין דער וועלט בין איך גרייט צו טיילן מיט דיר, אָבער איך בעט דיך, גיי ניט אין קלעאָפּאַטרעס וועגן און לערן ניט קיין הערשער ווי אַזוי צו הערשן...

זי האָט זיך אין אָנהויב שוין געהאַט אַ ביסל פאַרלוירן פון דעם, וואָס ער האָט זיך מיט אַ מאָל אַזוי צעשריגן אויף איר. אָבער די צערטלעכקייט, וואָס איז געקומען באַלד נאָך דעם, האָט זי צוריק אַרײַנגעפירט אין דעם פריערדיקן געמיט און זי האָט אים ווײַטער שטיל און איידל געזאָגט מוסר און ווי אַ מוסטער האָט זי פאַר אים אַרויסגעשטעלט די בעסטע פון די חשמונאים.

— די בעסטע פון די חשמונאים — האָט ער אויפגעכאַפּט אירע ווערטער ניט אָן גאַל — און ווי גרויס זענען זיי דאָס געווען אין צאָל, די בעסטע פון די חשמונאים?.. איז אפשר אַלכּסנדר ינאַי אויך געווען איינער פון די בעסטע צווישן זיי?..

און ער האָט איר אָנגעהויבן אויסרעכענען די זינד פון איר עלטער־זיידן, וואָס איז געווען אַ קיניג בײַ ייִדן נאָך מיט אַ סך יאָרן צוריק:

— ווייסטו, ליבסטע מײַנע — האָט ער איר ווי פאַרגעוואָרפן — אַז ווען דאָס פאָלק אין ירושלים האָט איין מאָל אָנגעהויבן וואַרפן אויף אים אתרוגים דערפאַר, וואָס ער האָט סוכּות אין הייליקן טעמפּל געגאָסן די וואַסער אויף דער

ערד און ניט אויפֿן מזבח, ווי ס'איז אײַנגעפֿירט בײַ די פּרושים, האָט ער געהייסן זײַנע באַוואָפֿנטע לײַט נעמען נקמה דערפֿאַר און זיי האָבן דאָרט בײַם הייליקן טעמפּל אויסגעקוילעט אין יענעם טאָג זעקס טויזנט ייִדן ?!.. און ווייסטו, ליבסטע מײַנע, אַז אונטער זײַן הערשאַפֿט האָבן זיך די פּרושים און די צדוקים שטענדיק אַרומגעריסן צווישן זיך און אין דעם ברודער־קריג האָט זיך דאַן אין יהודה בלוט ווי וואַסער געגאָסן? אַלע מאָל האָט ערגעץ אַנדערש אויסגעבראָכן אַן אַנדער מרידה און ניט ווייניקער ווי פֿופֿציק טויזנט ייִדן האָבן דעמאָלט זייערע לעבנס פֿאַרלוירן!.. ווייסטו, אַז ווען ער, דײַן עלטער־זיידע אַלכּסנדר ינאַי, האָט אין דער שטאָט בית־חומה אײַנגעשטילט די מרידה קעגן אים, האָט ער אַכט הונדערט מענטשן געלאָזט אויפֿהענגען אויף ביימער, און איידער מ'האָט זיי אויפֿגעהאַנגען, האָט ער פֿאַר זייערע אויגן געלאָזט אויסשעכטן זייערע ווײַבער און קינדער?.. ווייסטו, אַז אַריסטובולוס דער ערשטער האָט זײַן אייגענע מוטער פֿאַרשפּאַרט אין תּפֿיסה און זי איז דאָרט פֿאַר הונגער געשטאָרבן. און אַז ער האָט זײַן אייגענעם ברודער אַנטיגאָנוס פֿאַרנאַרט צו זיך אין הויף און אים פֿאַרמשפּט צום טויט?.. ווייסטו, אַז...

— גענוג! — האָט מרים אויסגעשריגן ווי ניט מיט איר קול, און זי האָט מיטן גאַנצן לײַב אַזוי געציטערט, אַז זי האָט מער קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסרעדן.

ערשט ווען זי האָט זיך אַ ביסעל באַרואיקט, האָט זי אים געפּרואווט באַווײַזן, אַז די אַלע שרעקלעכע זאַכן האָבן שונאים אויסגעטראַכט, אָבער ער איז דאַן געווען אַזוי פֿאַרטאָן אין דעם, וואָס ער האָט פֿריִער געזאָגט, אַז ער האָט זיך גאָרניט צוגעהערט צו דעם, וואָס זי האָט אים דערויף געענטפֿערט.

— חשמונאים!.. — האָט ער מיט פֿאַראַכטונג אַרויסגערעדט דאָס וואָרט, וואָס איז אים דאַן מער ווי אַלץ געלעגן אין זינען — חשמונאים!.. פֿאַרהייליקטע זענען זיי אַרײַן אין דער געדעכעניש פֿון פֿאָלק, אָבער וויפֿל פֿון זיי האָבן דאָס טאַקע פֿאַרדינט?..

נאָך דעם האָט ער לאַנג גערעדט מיט איר וועגן זײַן טרוים צו מאַכן פֿון יהודה אַ גרויסע מלוכה.

— די צײַט איז איצטער אין גאַנצן ניט אַזאַ ווי אַ מאָל און מע דאַרף נאָר וויסן ווי זי אויסצונוצן — האָט ער געזאָגט אין אַזאַ טאָן, ווי ער וואָלט פֿאַר איר איצטער געדאַרפֿט מאַכן קלאָר אַזוינס, וואָס זי האָט שוין לאַנג געדאַרפֿט פֿאַרשטיין. — מיטן אויפֿקומען פֿון דער רוימישער מאַכט האָט זיך אַלצדינג אין אַלע לענדער פֿון דער וועלט אין גאַנצן געביטן, און כּדי ייִדן זאָלן פֿאַרבלײַבן אַ פֿאָלק צווישן פֿעלקער, דאַרפֿן מיר אַצינדער די זאַכן פֿון דער מלוכה אין זינען האָבן מער ווי די זאַכן פֿון אונדזער גלויבן... מיט גלויבן קען מען בלויז אויפֿהאַלטן אַ פֿאָלק, אָבער ניט קיין לאַנד... און עס איז שוין געקומען די צײַט, אַז ייִדן זאָלן ניט זען קיין שלעכטס אין איבערנעמען דאָס גוטע בײַ אַנדערע פֿעלקער אויך... מיר האָבן די אַנדערע פֿעלקער געגעבן אַזוי פֿיל, אַז מיר מעגן בײַ זיי אַ ביסל נעמען אויך...

עס איז מרימען געווען אָנגענעם, וואָס ער רעדט אַזוי וועגן אַ טרוים פֿון אַ גרויסער יידישער מלוכה. און פּונקט ווי ס'וואָלט בײַ איר גאָר קיין ספק ניט געווען, אַז נאָך מער ווי אַלע מאָל איז איצט זייער נייטיק, אַז זי זאָל אים דער־מאָנען אָן דעם, וואָס ער האָט שוין בײַ איר געבעטן ניט איין מאָל, האָט זי אין איר איידלקייט געפּרוּווט אַרויסרופֿן בײַ אים אַ וואַרעמען געפֿיל...

— זײַ אַ גוטער, הורדוס — האָט זי אים געזאָגט — הערש מיט חסד, ליבסטער מײַנער. געדענק, אַז אין קיין זאַך קען אַ קיניג ניט שטײַגן אַזוי הויך ווי אין חסד, און אין קיין זאַך קען ער ניט זײַן אַזוי גרויס ווי אין פֿאַרגעבן...

ערגער פֿון אַלעמען אין הויף איז געווען אַלכּסנדרהן. דער טויט פֿונעם זון האָט זי אין גאַנצן צעבראָכן און די עלטער האָט זיך אויף איר מיט אַ מאָל אָנגע־רוקט. דאָס פּנים איז בײַ איר געוואָרן צעקנייטשט. זי האָט געהאַלטן אין איין בײַסן די ליפּן, און זי האָט אַלץ גערעדט וועגן נקמה.

— ער וועט קומען, ער וועט קומען, דער טאָג פֿון נקמה! — האָט זי איין האַנט אין דער אַנדערער געקלאַפּט — און ער, דער רוצח, וועט מוזן אָפּגעבן דין־וחשבון פֿאַרן בלוט פֿון מײַן זון!..

אַזוי האָט זי אַלע מאָל געענדיקט, ווען זי האָט מיט דער טאָכטער גערעדט וועגן דעם ווי זי לײַדט און וואָס זי טראָגט איבער זינט אַריסטובולוס איז אומ־געקומען. און זי האָט אַלץ געוואַרט אויף דעם טאָג פֿון נקמה.

זי האָט לאַנג געוואַרט ביז אַזאַ טאָג איז ענדלעך דאָך געקומען. אַ שליח פֿון מאַרק אַנטאָני האָט הורדוסן געבראַכט אַ פֿאַרזיגלטע צושריפֿט, אַז ער זאָל גלײַך קומען צו אים אין דער שטאָט לאַודיקיאַ, וואָס אין סיריע. דאָרט געפֿינט ער זיך איצט און ער איז זייער שטאַרק נײַגעריק צו וויסן אַלץ וועגן טויט פֿון דעם יונגן אַריסטובולוס...עפּעס האָט ער וועגן דעם געהערט...צו זײַנע אויערן האָבן זיך וועגן דעם פֿאַרשיידנערליי קלאַנגען דערטראָגן, וויל ער וויסן דעם אמת...

הורדוסן האָט דאָס שטאַרק צעטומלט און עס האָט בײַ אים גרויס צאָרן אַרויסגערופֿן; ער האָט גלײַך פֿאַרשטאַנען, אַז שולדיק אין דעם איז אַלכּסנדרה און אַז אַ גרויסן חלק אין דעם האָט אַוודאי אויך קלעאָפּאַטרע. ער האָט אָבער זײַן צאָרן צו אַלכּסנדרהן דאָך ניט אַרויסגעוויזן. ער האָט מיט איר גאָר אין גאַנצן ניט גערעדט וועגן דעם. ער האָט מיט קיינעם אין הויף ניט גערעדט דערפֿון. ער האָט זיך גאָר געשעמט מיט עמעצן דערפֿון צו רעדן און ער האָט מיט גרויס פֿאַרדרוס און טיפֿן ווייטאָג געקלערט, אַז ווי איז דעם קיניג, ווען אַ מאַרק אַנטאָני קען באַשטימען זײַן גורל און אויך דעם גורל פֿון זײַן קיניגרײַך גראָד דאַן, ווען ער ליגט מיט קלעאָפּאַטרען אין בעט...

ב

עס איז הורדוסן געווען זייער שווער אויפֿן האַרצן אין די טעג, ווען ער האָט זיך געגרייט צו פֿאַרלאָזן ירושלים. געדאַנקען, וואָס זענען געווען איינער שרעקלעכער פֿון אַנדערן, האָבן אים טאָג און נאַכט געפּײַניקט און אים קיין רו

ניט געגעבן. ער האָט געטראַכט, אַז עס איז מעגלעך, אַז קלעאָפּאַטרע, וועלכע האָט שטענדיק געהאַט אַן אויג אויף יהודה, האָט שוין אפשר געפּועלט בײַ מאַרק אַנטאָנין, אַז ער זאָל איר אָוועקגעבן דאָס לאַנד, אָדער אַ גרויסן טייל דערפון, און אים, דעם געקרוינטן קיניג, זאָל ער, ווי אַ ווידערשפּעניקן, פאַרשפּאַרן אין תּפיסה אָדער אים אפשר גאָר באַשטראָפן מיטן טויט...

די שרעקלעכסטע געדאַנקען זענען אים אין קאָפּ אַרײַנגעקראָכן. עס איז אים דאַן אויך אײַנגעפאַלן, אַז אויב עס וועט מיט אים עפּעס געשען, וועט מען מרימען אָוועקגעבן צו אַן אַנדערן פאַר אַ ווײַב און נאָך דעם וועט זי אין אים שוין אפשר אין גאַנצן פאַרגעסן...

די אייפערזוכט האָט זיך אין אים ווי אַ העליש פײַער צעברענט. די געדאַנקען אין קאָפּ האָבן זיך בײַ אים אַזוי געמישט, אַז ניט איין מאָל האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער גייט אַרונטער פון זינען. ער האָט געזוכט מיטלען, ווי אַזוי עס זאָל ניט קענען קומען דערצו, אַז מע זאָל מרימען אָוועקגעבן צו אַן אַנדערן פאַר אַ ווײַב. אַלע מאָל האָט ער זיך אין געדאַנק אָן עפּעס אַנדערש אָנגעכאַפּט, אָבער לאַנג האָט ער זיך אָן דעם ניט געקענט האַלטן... זײַנע שווערע טריט, וואָס האָבן געוויינטלעך אַרויסגערופן אַ מורא, ווען זיי האָבן זיך פון ערגעץ דערטראָגן, האָבן דעמאָלט אָפט גאַנצע טעג איבערן הויף געהילכט, און אַלע מאָל האָט מען פון אַן אַנדער ווינקל דערהערט ווי ער ברומט און שרײַט.

קיינער האָט מיט אים דעמאָלט ניט געקענט רעדן. עס איז געווען אַ מורא בײַ אים עפּעס צו פרעגן אָדער אים קומען אונטער דער האַנט. די איינציקע, וואָס האָט אים געקענט אײַנשטילן אין אַזאַ צײַט, איז געווען מרים. אָבער אויך איר האָט ער ניט געקענט זאָגן דעם אמת, פאַר וואָס ער איז אַזוי שטאַרק צערודערט, און זי האָט ניט געקענט פאַרשטיין, פאַר וואָס ער קוקט אויף איר מיט אַזעלכע צעשראָקענע אויגן און פאַר וואָס ער ציטערט אַזוי מיטן גאַנצן לײַב, ווען ער נעמט זי אַרום מיט גרויס ליבשאַפט און קושט זי...

און איידער ער איז קיין לאַודיקיאַ אַוועק, האָט ער צו זיך אַרײַנגערופן זײַן שוועסטער סאַלאָמעאָס מאַן יוסף און האָט אים געזאָגט אַזוינס, וואָס האָט יענעם גאָר אין גאַנצן צעטומלט:

— הער זיך צו צו מײַנע רייד, יוסיפוס, דיך האָב איך אויסגעקליבן — האָט ער אָנגעהויבן, אָנרופנדיק אים מיט דעם נאָמען, וואָס ער פלעגט אים רופן נאָר דאַן, ווען ער האָט אים געוואָלט אָנטאָן אַ ביסל כּבֿוד — דיך, יוסיפוס, האָב איך אויסגעקליבן צו פירן די מלוכה, ווען איך וועל דאָ ניט זײַן.

יוסיפוס האָט זיך טיף פאַרנייגט פאַר אים. אָבער ער איז געווען איבערראַשט דערפון, וואָס דווקא אים האָט ער אין אַזאַ צײַט אויסגעקליבן די מלוכה צו פירן.

— אויף אַזאַ כּבֿוד, מײַן קיניג, האָב איך זיך ניט געריכט — האָט ער געזאָגט, און די בליקן פון זײַנע תּמעוואַטע אויגן האָבן זיך אַלע מאָל אויף עפּעס אַנדערש אָפּגעשטעלט — מיט וואָס האָב איך דאָס פאַרדינט?

אַ לאַנגער, אַן אויסגעדאַרטער און מיט אַ פּנים, וואָס איז שטענדיק גרייט צו שמייכלען, ווען מע זאָגט אים אַ גוט וואָרט, איז יוסיפוס געשטאַנען און האָט געוואַרט אויף אַן ענטפער. און ווען דער קיניג האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט

אים אויסגעקליבן דערפֿאַר, וואָס אויף אים קען ער זיך מער ווי אויף אַלע אַנדערע פֿאַרלאָזן, האָט ער פֿון גרויס פֿאַרגעניגן אָנגעהויבן לאַכן מיט אַ שיטער געלעכטערל. און באַלד האָט ער זיך אָן זײַן גרויסער וויכטיקייט דערמאָנט און איז געבליבן שטיין אַ גלײַכער, אַן אויסגעצויגענער, גרייט צו הערן, וואָס דער קיניג וועט אים ווײַטער זאָגן...

ער האָט זיך קיין מאָל מיט קיין זאַך ניט אויסגעצייכנט, דער מענטש מיט די תּמעוואַטע אויגן. פֿאַר דער גאַנצער צײַט, וואָס ער איז געווען דער מאַן פֿון דעם קיניגס שוועסטער סאַלאָמעאַ, האָט ער זיך צוגעוואוינט מורא צו האָבן ניט נאָר פֿאַר זײַן ווײַב, נאָר פֿאַר אַלץ און פֿאַר אַלעמען. ער איז געווען אונטערטעניק; ער האָט געפֿאָלגט. און ווען מע האָט אים געהייסן עפּעס טאָן, האָט ער קיין מאָל ניט איבערגעפֿרעגט, פֿאַר וואָס און צו וואָס. און טאַקע דערפֿאַר האָט אים הורדוס איצטער אויסגעקליבן דורכצופֿירן, וואָס ער האָט פֿאַרטראַכט. פּונקט אַזאַ מענטשן האָט ער איצט געדאַרפֿט...

— און איצט הער זיך ווײַטער צו צו מײַנע רייד, יוסיפֿוס — האָט הורדוס דעם שוואָגער געזאָגט — דער וועג, אויף וועלכן איך שטעל אַצינדער מײַנע טריט, איז זייער אַ געפֿערלעכער. עס קען זײַן, אַז איך זאָל מער ניט געפֿינען קיין חן אין די אויגן פֿון מאַרק אַנטאָנין און ער וועט זײַן שטרענג צו מיר... עס קען זײַן, אַז אין זײַן צאָרן זאָל ער מיך פֿאַרשפּאַרן אין תּפֿיסה, אָדער מיך פֿאַרמשפּטן צום טויט... אַ בייזער פֿײַנד לויערט אויף מיר, און די סכּנה פֿאַר מיר איז נאָך קיין מאָל ניט געווען אַזוי גרויס ווי איצט... זאָג איך דיר אָן, און זאָלן דײַנע אויערן פֿאַרנעמען יעדעס וואָרט, וואָס מײַנע ליפּן ברענגען אַרויס: ווען עס וועט צו דײַנע אויערן דערגרייכן אַ ידיעה, אַז איך בין טויט, זאָלסטו די קיניגין דערשטיקן אויף טויט...

— מרימען? — האָט זיך יוסף געגעבן אַ כאַפּ.

— יאָ, מרימען! — האָט אים הורדוס קאַלט גלײַך אין די אויגן אַרײַנגעקוקט — זי דערשטיקן אויף טויט!..

ער האָט אים איצט שוין די גאַנצע צײַט דווקא גערופֿן יוסיפֿוס און ניט יוסף, ווי ער פֿלעגט אים געוויינטלעך רופֿן. דאָס האָט געזאָלט זײַן אַ צייכן פֿון גרויס אַכטונג און פֿרײַנדשאַפֿט. און יוסף איז לעבן אים געשטאַנען אַ צעטומלטער און האָט ניט געוואוסט, וואָס ער זאָל זאָגן. אָבער ווען הורדוס האָט אים ווידער געפֿרעגט, צי ער זאָגט דאָס אים צו, האָט ער געענטפֿערט:

— יאָ, איך זאָג דאָס דיר צו, מײַן קיניג...

די גרייטקייט פֿון דעם אונטערטעניקן מענטשן דורכצופֿירן דעם שטרענגן באַפֿעל האָט הורדוסן מאָדנע צערודערט. ער האָט מיט אַ מאָל באַקומען רחמנות אויף דעם שוואַכן מענטשן, וואָס האָט זיך שנעל אָנגעכאַפּט אָן דער געלעגנהייט צו ווײַזן, ווי מוטיק ער קען זײַן, ווען דאָס איז נאָר נייטיק. פּונקט ווי ער וואָלט ניט געווען אין גאַנצן זיכער, אַז דאָס איז טאַקע ער, יוסיפֿוס זײַן שוואָגער, האָט ער איין מאָל און צוויי מאָל אויף אים שאַרף די אויגן אָנגעשטעלט און עס האָט אים אָנגענומען אַ חשק צו רעדן צו אים ווי צו אַן אייגענעם וועגן דעם ווי גרויס עס איז זײַן ליבע צו מרימען...

— עס קען זײַן — האָט ער געזאָגט — אַז דיר איז אַזאַ זאַך שווער צו פֿאַרשטיין. דו האָסט דײַן ווײַב קיין מאָל ניט ליב געהאַט. און דער, וואָס ווייסט ניט ווי גרויס און ווי טיף עס קען זײַן די ליבע פֿון אַ מאַן צו זײַן ווײַב, דער קען מיך ניט פֿאַרשטיין... אויף דער גאַנצער וועלט קען מען ניט געפֿינען נאָך אַ מאַן, וואָס זאָל ליב האָבן זײַן ווײַב אַזוי שטאַרק ווי איך האָב ליב מרימען...ווען איך וואָלט זיך צו די העכסטע שפּיצן פֿון די בערג אויפֿגעהויבן, וואָלט איך דאָרט צו די הימלען איר נאָמען אויסגערופֿן, און ווען איך וואָלט זיך צו די טיפֿסטע טיפֿענישן פֿון דעם תּהום געדאַרפֿט אַראָפּלאָזן, וואָלט איך זי מיטגענומען אַהין... עס איז די ליבע צו איר, וואָס האָט מיך צום טראָן פֿון יהודה געפֿירט! עס איז די ליבע צו איר, וואָס גיט מיר כּוח אַלע מײַנע שׂונאים בײַצוקומען!..עס איז די ליבע צו איר, וואָס קען מיך אָדער גאָר הויך דערהייבן אָדער גאָר נידעריק אַראָפּוואַרפֿן...

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, און אין דער שווײַגעניש האָט זיך אויף זײַן פּנים אויסגעשפּרייט אַ טיפֿער צער. און מיט אַ מאָל האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט האַרץ:

— דער געדאַנק, אַז מײַן לעבן איז איצט אין אַ סכּנה און אַז נאָך מײַן טויט וועט מען מרימען אפֿשר אַוועקגעבן צו אַן אַנדער מאַן פֿאַר אַ ווײַב, לאָזט מיך ניט רוען...דאָס פּײַניקט מיך שרעקלעך. איך טראַכט וועגן דעם בײַ טאָג און איך טראַכט וועגן דעם בײַ נאַכט...די געדאַנקען אין קאָפּ מישן זיך מיר פֿון דעם...און דערפֿאַר איז מײַן באַפֿעל צו דיר, יוסיפֿוס, אַז ווען עס וועט צו דײַנע אויערן דערגרייכן אַ ידיעה, אַז מאַרק אַנטאָני האָט מיר אין לאָודיקיאַ געגעבן דעם טויט, זאָלסטו דאָ באַלד נעמען מרימען, די געליבטע פֿון מײַן האַרץ, און זי דערשטיקן!..דערשטיקן אויף טויט!..

דעם זעלבן באַפֿעל האָט ער שטילערהייט אויך אַרויסגעגעבן מיט אַ צײַט שפּעטער, ווען עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז איבער די געשעענישן אין רוים איז זײַן לעבן ווידער אין אַ גרויסער סכּנה און ער האָט מורא געהאַט, אַז נאָך דעם ווי מע וועט אים געבן דעם טויט, וועט מען מרימען אַוועקגעבן צו אַן אַנדער מאַן פֿאַר אַ ווײַב. אָבער ער האָט זיך פֿון אַלע סכּנות אַרויסגעדרייט, און ווען ער האָט זיך דערנאָך אומגעקערט צוריק אַהיים אין אַ געהויבענער שטימונג, האָט ער געהאַט אַ סך צו דערציילן וועגן דעם, ווי ער האָט אויסגענומען בײַ די מעכטיקע פֿון רוים, ווי זיי האָבן אים געלויבט פֿאַר זײַן קלוגשאַפֿט, ווי זיי האָבן אים באַלוינט פֿאַר זײַן געטרײַשאַפֿט, און ער איז געווען שטאָלץ דערמיט, וואָס אונטער קיין איינעם פֿון די ייִדישע קיניגן, וואָס זענען געקומען נאָך דוד המלך, האָט די ייִדישע מלוכה זיך ניט צעוואַקסן אַזוי גרויס ווי אונטער אים. אַפֿילו ניט אונטער די חשמונאים...

אָבער אַפֿילו אין דער געהויבענער שטימונג האָט ער דאָך ניט פֿאַרגעסן צו הייסן נעמען דעם פֿאַרטרויטן מענטש, וועמען ער האָט פֿריִער שטילערהייט געגעבן דעם באַפֿעל צו דערשטיקן מרימען, און אים אָפּהאַקן דעם קאָפּ...

זעקסטער קאַפּיטל

פֿון זיכערקייט וועגן

א

צ ופּוסנס פֿון אַ קליין בערגל, וואָס איז אין מיטן פֿעלד געשטאַנען, זענען אין אַ הייסן זומערדיקן טאָג צוויי יונגע פּאַסטעכער געזעסן אין שאָטן און ניט ווײַט פֿון זיי האָבן זיך אויפֿן גרינעם גראָז געפּאַשעט שעפּעלעך און ציגנבעק.

דער הימל איז געווען לויטער־בלוי, און פֿון דער שטילקייט אין פֿעלד אַרום און אַרום האָט מיט געמיטלעכער פֿוילקייט געאָטעמט. און ווען אַ שעפּעלע אָדער אַ ציגנבאָק האָט ערגעץ אַ מעקע געטאָן, איז דאָס געווען ווי צו דערמאָנען די שטילקייט, אַז אויף דער וועלט איז נאָך דאָ לעבן...

די צוויי יונגע פּאַסטעכער האָבן מיט פֿאַרגאַפֿטע בליקן געקוקט אויף דער ברייטקייט פֿון די פֿעלדער אַרום און אַרום. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס זיי האָבן דאָ, אויף דעם אָרט, זייערע טשערעדעס געפּאַשעט. אַלץ איז דאָ פֿאַר זיי געווען נײַ און זיי האָבן זיך צו יעדן באַרגשפּיץ און צו יעדן בוים צוגעקוקט, און ווען זיי זענען שוין געווען מיד פֿון זיצן און פֿון ליגן אויפֿן גראָז און אויך פֿון אייגענעם שווײַגן, האָט איינער זיך אויסגעדרייט צום אַנדערן מיטן פּנים:

— ביז צום זון־אונטערגאַנג איז נאָך ווײַט.

— יאָ, נאָך ווײַט — האָט דער אַנדערער זיך ניט געשפּאָרט מיט אים.

נאָך דעם האָבן זיי ביידע ווידער לאַנג געשוויגן, געקוקט אין דער ווײַטקייט אַרײַן און אין דער הייך אַרויף און — געשוויגן. און דאַן האָט איינער אויף אַ פֿײַפֿעלע אָנגעהויבן שפּילן אַ ניגון, וואָס האָט אין זיך געהאַט די קלאַנגען סײַ פֿון אומעט און סײַ פֿון פֿרייד. און דער אַנדערער האָט אָנגעהויבן זינגען אַ ליד, וואָס האָט פּונקט ווי דער ניגון געהאַט אין זיך אַ געמיש פֿון אומעט און פֿרייד.

דאָס איז געווען אַ ליד וועגן דעם, אַז אַ מענטש דאַרף קיין מאָל בײַ זיך ניט זײַן געפֿאַלן, ווײַל ווען ס'איז איצטער שלעכט, דעם וועט שפּעטער זײַן גוט, און ווען ס'איז איצט גוט, דעם וועט שפּעטער זײַן נאָך בעסער, און אַלע מענטשן וועלן זײַן גליקלעך, ווען זיי וועלן ניט פֿאַרלירן די האָפֿענונג און וועלן אין דעם גוטן געפֿינען אַ טרייסט אויף דעם שלעכטן.

אָן דעם ניגון האָט דאָס ליד קיין באַדײַטונג ניט געהאַט. די זעלבע ווערטער וועגן גוטע און שלעכטע צײַטן און וועגן טרייסט און האָפֿענונג האָבן זיך צו פֿיל מאָל איבערגעחזרט. אָבער ווען מ'האָט זיי מיט דעם ניגון געזונגען, זענען זיי

טיף אין האַרצן אַרײַן. און זינגענדיק האָט מען אַליין ניט באַמערקט, ווען און ווי אַזוי מ'איז אין אַ פֿרומער דבֿקות אַרײַן, און מ'האָט דאָס ליד איבערגעזונגען נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל. אַזוי אָן אַ שיעור מאָל. און דאַן האָט מען געפֿילט, ווי דער אומעט, וואָס האָט פֿריִער דאָס האַרץ גענאָגט, ווערט ביסלעכווײַז פֿאַר־שוואונדן און עס בלײַבט פֿון אים גאָרניט.

קיינער האָט ניט געוואוסט, פֿון וואַנען דאָס ליד האָט זיך גענומען און ווער ס'האָט די ווערטער מיט דעם ניגון צוגעטראַכט. אָבער מ'האָט עס געזונגען איבערן גאַנצן לאַנד. מ'האָט עס געהערט אויף די פֿעלדער, וואו אַלטע און יונגע האָבן סנאָפּעס געבונדן; מ'האָט עס געהערט אין די טאָלן, וואו פּאַסטעכער האָבן זייערע טשערעדעס געפּירט, און מ'האָט עס אויך געהערט אויף אַלע געמאַרקן, וואו מענטשן פֿון שטעט און דערפֿער זענען זיך אָפֿט צונויפֿגעקומען.

אויך צו הורדוסן אין הויף איז דאָס ליד דערגאַנגען. און ווײַל ער האָט מיט זײַן געזונטן חוש גלײַך דערפֿילט, אַז ס'איז גוט, וואָס דאָס פֿאָלק האָט איצט אַזאַ געזאַנג אויפֿגעכאַפּט, האָט ער אַליין שוין אויך געהאָלפֿן, אַז דאָס ליד מיט דעם האַרציקן ניגון און מיט די תּממותדיקע ווערטער זאָל זיך ווײַטער און ווײַטער פֿאַרשפּרייטן און מ'זאָל עס זינגען אומעטום. זײַן באַפֿעל איז געווען, מע זאָל איבערן גאַנצן לאַנד אַרויסשיקן זינגער מיט שיינע שטימעס און זיי זאָלן דאָס ליד פֿון טרייסט און האָפֿענונג איבער אַלע ווינקלען פֿון לאַנד צעטראָגן.

זייער ווייניק מענטשן אין הויף האָבן פֿאַרשטאַנען, פֿאַר וואָס דער קיניג אַליין איז אַזוי פֿאַרקאָכט געוואָרן אין אַ ליד, וואָס דאָס פֿאָלק זינגט. אָבער הורדוס האָט אין דעם געזען אַ גרויסע זאַך, וואָס אַ גאַנץ פֿאָלק קען געפֿינען טרייסט אין אַ ליד און אין אַ ניגון, וואָס דרינגט טיף אין האַרצן אַרײַן.

וואָרעם געווען איז דאָס אין אַ צײַט, ווען דאָס לאַנד איז פֿון אַ גרויסן אומגליק געטראָפֿן געוואָרן. אַן ערד־ציטערניש, וואָס איז געקומען גאָר פּלוצלינג, האָט געמאַכט אַ שרעקלעכן חורבן אין יהודה. בײַ נאַכט, ווען אַלע זענען גע־שלאָפֿן, איז די ערד־ציטערניש געשען. הײַזער און מויערן זענען אײַנגעפֿאַלן און מענטשן זענען אונטער די חורבֿות באַגראָבן געוואָרן לעבעדיקערהייט; מער ווי דרײַסיק טויזנט מענטשן זענען דאַן אומגעקומען, אויך הונדערטער שאָף און רינדער זענען דערהרגעט געוואָרן. דער שאָדן איז געווען ניט צו שאַצן, און דער אומגליק איז געווען גרויס און אין דער שטאָט ירושלים האָט מען עטלעכע טעג נאָך אַנאַנד געטראָגן טויטע צום בית־עולם און דאָס געוויין פֿון ווײַבער און קינדער האָט די הימלען געקענט שפּאַלטן.

דאָס פֿאָלק האָט אין דעם געזען אַ צייכן פֿון גאָט, און אַלע זענען דערנאָך שטענדיק אַרומגעגאַנגען פֿאַרטרויערט און מיט געבויגענע קעפּ. אויך די חיילות, וואָס האָבן זיך דעמאָלט מיט די אַראַבישע מחנות געשלאָגן אויף די שלאַכט־פֿעלדער, האָבן דעם מוט פֿאַרלוירן. אָבער הורדוס האָט געשטאַרקט די הענט פֿון די ייִדישע חיילות. ער האָט דאַן פֿאַר זיי אויפֿן שלאַכטפֿעלד אַ שטאַרקע רעדע געהאַלטן און גערעדט צו זיי האָט ער דאַן ניט ווי אַ קיניג, וואָס שטעלט זיך אַוועק העכער פֿונעם פֿאָלק, נאָר ווי אַ זעלנער, וואָס טראָגט אַריבער גלײַך מיט אַלעמען די גאַנצע שווערִיקייט פֿון דער מלחמה. „חבֿרים אין געווער", האָט ער

זיי גערופֿן און ער האָט געזאָגט, אַז ער פֿאַרשטייט, פֿאַר וואָס זיי האָבן דעם מוט פֿאַרלוירן; אַזאַ אומגליק ווי די ערד־ציטערניש האָט געמוזט אָנפֿילן זייערע הערצער מיט טרויער, אָבער זיי דאַרפֿן דאָך ניט זען אין דעם קיין שלעכטן צייכן פֿון הימל, ווײַל זיי וויסן דאָך, אַז די מלחמה קעגן די אַראַבער, וואָס ווילן אָפּרײַסן שטיקער פֿון יהודה, איז אַ גערעכטע.

ווי פֿאַר אייגענע מענטשן, מיט וועלכע מ׳רעדט זיך אַ מאָל דורך וועגן אַן ענין, וואָס איז זיי אַלעמען זייער נאָענט, האָט ער אין זײַן רעדע זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם שטייגער ווי אַזוי די אַראַבער פֿירן אַ קריג; ער האָט באַוויזן, אַז זיי זענען ניט קיין העלדן און אַז מע דאַרף פֿאַר זיי קיין מורא ניט האָבן; אַז זיי פֿאַלן אָן הינטן אַרום און פּלוצלינג, ווי ווילדע מענטשן, אָבער ווען מ׳מאַכט אויף זיי אַן אָנגריף לויט אַלע כּללים פֿון מלחמה, דערשרעקן זיי זיך און זיי אַנטלויפֿן. ער האָט אויך באַוויזן, אַז זיי קענען זיך ניט שלאָגן ווי גלײַכע מיט גלײַכע און אַז אין די פֿריִערדיקע מלחמות האָבן זיי באַוויזן, אַז אַ נצחון קענען זיי האָבן בלויז דאַן, ווען דער שונא פֿאַרלירט זיך אין גאַנצן. — לאָמיר ווײַטער דרייסט און מוטיק גיין אַקעגן זיי און מיר וועלן זיי בײַקומען! — האָט ער אויסגערופֿן, אויפֿהייבנדיק בײדע הענט אין דער הייך. — מיר מוזן זיי בײַקומען!..

ער האָט דאַן אין זײַן רעדן צו די זעלנער אַרײַנגעלייגט אַזוי פֿיל האַרץ, און אין יעדן וואָרט, וואָס ער האָט אַרויסגערעדט, איז געווען אַזוי פֿיל גלויבן, אַז ס׳איז גאָר קיין וואונדער ניט געווען, וואָס די ייִדישע חיילות האָבן צוריק דעם פֿריִערדיקן מוט געקראָגן... און ווען ער האָט זיי ווידער אַרויסגעפֿירט אין שלאַכט קעגן די אַראַבישע מחנות, האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַזוי פֿיל העלדישקייט, אַז ס׳איז אויפֿן שונא אַ פּחד אַרויפֿגעפֿאַלן, און די צעמישעניש אין זייערע רייען איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַנטלויפֿנדיק פֿאַר די ייִדן, זענען זיי אַרײַן אין אַזאַ בהלה, אַז זיי האָבן מיט די שווערדן איינע די אַנדערע געשטאָכן...

עטלעכע טעג האָט הורדוס געיאָגט די אַראַבישע מחנות אַלץ ווײַטער און ווײַטער פֿונעם ירדן. צוועלף טויזנט פֿון זיי זענען געפֿאַלן טויט און פֿיר טויזנט פֿון זיי זענען אַרײַנגעפֿאַלן אין געפֿאַנגענשאַפֿט. די ייִדן האָבן די אַראַבישע חיילות אין גאַנצן צעקלאַפּט. און ווען די אַראַבער האָבן געזען, אַז די ייִדן זענען שטאַרקער פֿון זיי, האָבן זיי בײַ הורדוסן געבעטן, ער זאָל מיט זיי מאַכן שלום. און ווען ער האָט מיט זיי שלום געמאַכט, האָט ער אויף זיי שווערע שטײַערן אַרויפֿגעלייגט און זיי האָבן געמוזט צאָלן צינדזן און זייער קיניג איז אים געוואָרן אונטערטעניק.

בײַ די ייִדן איז די פֿרייד מיט דעם נצחון איבער די אַראַבער געווען גרויס, אָבער איבערן חורבן פֿון דער ערד־ציטערניש האָט אַפֿילו די פֿרייד מיטן נצחון איבערן שונא ניט געקענט באַקומען.

טויזנטער און טויזנטער מענטשן זענען פֿון דעם אומגליק שרעקלעך פֿאַר־אָרעמט געוואָרן. אין אַלע שטעט און דערפֿער און אויף אַלע וועגן און שטעגן האָבן זיך אַרומגעשלעפּט אָן אַ שיעור אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע מענטשן און האָבן געבעטלט אַ שטיקל ברויט. אומעטום האָט מען געזען ווי יונגע און אַלטע וואַלגערן זיך אין די גאַסן, און ווי מוטערס מיט קליינע קינדער אויף די הענט

זיצן אויף דער ערד פֿאַרשמאַכטע און אויסגעהונגערטע און בעטן אַ נדבֿה מיט אויסגעלאָשענע אויגן, ווײַל זיי האָבן קיין כּוח ניט דאָס מויל צו עפֿענען.

און דאַן האָט הורדוס געהייסן עפֿענען די אוצרות פֿון דער מלוכה און העלפֿן די, וואָס נייטיקן זיך אַזוי שטאַרק.

אָבער דאָס איז אַלץ ניט געווען גענוג.

עס האָט געריסן דאָס האַרץ קוקנדיק אויף די אָרעמע מענטשן און אויף די אײַנגעפֿאַלענע הײַזער. און אין אַזאַ צײַט איז יעדע זאַך, וואָס האָט געקענט ברענגען אַ ביסל טרייסט דעם פֿאָלק, געווען זייער וויכטיק. און ווײַל הורדוס האָט געוואוסט פֿון זײַנע אויסשפּירער אין אַלע שטעט, אַז דאָס ליד מיטן ניגון ווירקט אַזוי גוט אויף מענטשן פֿון אַלע שטאַנדן, איז ער געווען אַזוי נײַגעריק, אַז מ׳זאָל עס וואָס מער פֿאַרשפּרייטן. און זייער אָפֿט, בײַם אָפּהאַלטן אַ באַראַטונג מיט זײַנע נאָענטע מענטשן, האָט ער געקענט איבעררײַסן אין מיטן און געבן אַ פֿרעג איינעם פֿון די ראַטגעבער:

— און וואָס איז מיט דעם ליד? מ׳זינגט עס נאָך אומעטום? האַ?

און ווען מ׳האָט אים געענטפֿערט, אַז יאָ, איז ער געווען זייער צופֿרידן.

— גוט אַזוי, גוט אַזוי. זאָל מען זינגען, זאָל מען זינגען...

ב

עס איז שוין דאַן געווען זיבן יאָר זינט ער איז אַרויף אויפֿן טראָן פֿון יהודה. מרים האָט שוין פֿון אים פֿינף קינדער געהאַט געבוירן — דרײַ זין און צוויי טעכטער, און ער האָט די קינדער זייער ליב געהאַט און זיך אָפֿט גע־שפּילט מיט זיי און זײַן טרוים איז געווען, אַז ווען זיי וועלן אונטערוואַקסן, וועט ער די זין אַוועקשיקן קיין רוים און דאָרטן וועלן זיי דערצויגן ווערן ווי וועלט־לעכע מענטשן און ווי ס׳פּאַסט פֿאַר די זין פֿון אַ קיניג. זיי וועלן אין רוים שטיין נאָענט צו די מעכטיקע הערשער פֿון לאַנד; זיי וועלן זיך אָפֿט געפֿינען צווישן די קלוגסטע און געלערנטסטע לײַט פֿון דער מלוכה, וואָס האָט איר הערשאַפֿט איבער אַ וועלט פֿאַרשפּרייט; זיי וועלן אין וויסן און אין קענטעניש ניט אָפּשטיין פֿון די גרעסטע אין זייער צײַט; זיי וועלן אויך זײַן גרויסע גיבורים און גוטע קריגספֿירער — אַ שטאָלץ פֿאַר אים און אויך פֿאַרן פֿאָלק. און ווען ער וועט שוין זײַן אַלט, וועט ער פֿאַרן טויט דעם עלטסטן זון, וואָס מרים האָט פֿון אים געבוירן, איבערלאָזן בירושה דעם טראָן פֿון יהודה, און אַזוי וועט עס גיין פֿון דור צו דור; די ייִדישע קיניגן, וואָס וועלן אַרויסקומען פֿון זײַן שטאַם, וועלן די גרענעצן פֿון דעם לאַנד צעשפּרייטן אַלץ ווײַטער און ברייטער; דער נאָמען פֿונעם ייִדישן פֿאָלק וועט זײַן גרויס צווישן די פֿעלקער פֿון דער גאַנצער וועלט, און די הורדוס־משפּחה וועט בײַ ייִדן מיט דורות שפּעטער זײַן פּונקט אַזוי דער־הויבן, ווי די משפּחה פֿון די חשמונאים, און אפֿשר נאָך מער...

וועגן זײַן עלטסטן זון אַנטיפּאַטער, וואָס זײַן ערשט ווײַב דאָריס האָט פֿון אים געבוירן, האָט ער ניט געטראַכט. אים האָט ער ניט אין זינען געהאַט איבער־

צוגעבן בירושה דעם טראָן פֿון יהודה; ער האָט אים אין איינעם מיט דער מוטער נאָך לאַנג צוריק אַוועקגעשיקט, און זיי האָבן זיך אין הויף ניט געטאָרט ווײַזן. זײַן וואונטש איז געווען, אַז דער וואָס וועט פֿון אים ירשענען דעם טראָן, זאָל זײַן אַ זון, וואָס מרים האָט פֿון אים געבוירן...

מיטן לויף פֿון די יאָרן איז זײַן ליבע צו איר נאָך גרעסער געוואָרן. אין זײַנע אויגן האָט זי אויסגעזען נאָך שענער און רייצנדיקער ווי דאַן, ווען ער האָט זי דאָס ערשטע מאָל דערזען; דעמאָלט איז זי נאָך געווען אַ קינד. אָבער איצט איז זי געווען אַ שיינע פֿרוי, וואָס האָט אין זיך געהאַט אַ וועלט מיט רייץ; מיט איר יוגנט און שיינקייט האָט זי זיך נאָך מער צעבליט, איר חנעוודיקע באַשיידנקייט האָט אים נאָך מער ווי פֿריִער געבריצט. און כאָטש ער האָט געמעגט האָבן נאָך ווײַבער, ווי ס'איז געווען אײַנגעפֿירט אין יענע צײַטן, איז אים קיין מאָל גאָר אַפֿילו ניט אײַנגעפֿאַלן צו נעמען נאָך אַנדערע אויך. אויך פֿון קיין קעבס־ווײַבער האָט ער ניט געוואָלט וויסן. ער האָט געוואָלט, אַז מרים זאָל בײַ אים זײַן די איין און איינציקע. ער האָט גאָר קיין מאָל צו קיין אַנדערע פֿרויען זיך ניט צוגעקוקט, קיין גלוסטונג ניט געהאַט צו זיי. און ער איז געווען זייער צופֿרידן פֿון דעם, וואָס ער האָט בײַ איר סוף כּל סוף געפּועלט, אַז זי זאָל זיך ניט באַנוצן דערמיט, וואָס ער האָט זי אַזוי ליב און זי זאָל אים ניט זאָגן קיין דעות ווי אַזוי צו פֿירן די מלוכה...

ג

דאָס פֿאָלק האָט זיך ביסלעכווײַז שוין אויך געהאַט צוגעוואוינט צו אים. דער גרויסער נצחון, וואָס ער האָט געהאַט אויפֿן שלאַכטפֿעלד אין דער מלחמה מיט די אַראַבער, האָט אים דערהויבן אין די אויגן פֿון אַ סך פֿון פֿאָלק און ס'האָבן זיך שוין געפֿונען אַזעלכע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז אונטער אים איז אַ סך בעסער ווי ס'איז געווען אונטער די לעצטע פֿון די חשמונאים...

— פֿריִער איז קיין שלום ניט געווען אין יהודה — האָבן מענטשן געזאָגט — יאָרן און יאָרן איז דאָס לאַנד געווען פֿאַרפֿלייצט פֿון בלוט, און ברידער האָבן ברידער ווי די שאָף געשאָכטן. איצט ווייסן מיר מער ניט פֿון קיין מלחמות צווישן אייגענע ברידער. און ווען מיר האָבן יאָ אַ מאָל אַ מלחמה, איז דאָס קעגן אַ פֿרעמדן שונא, וואָס וויל אָפּרײַסן שטיקער פֿון אונדזער לאַנד. אַ מלחמה קעגן פֿרעמדע, ניט קעגן אייגענע, און אין אַזאַ מלחמה האָבן מיר ווער ס'זאָל אונדז פֿירן. און עס איז ניטאָ קיין גרעסערער גיבור פֿון אונדזער קיניג הורדוס.

און הורדוס האָט געוואוסט וועגן די נײַע שטימונגען אין לאַנד אן דאָס האָרץ האָט זיך אין אים געפֿרייט. און ער האָט שוין ווידער אָנגעהויבן טרוימען וועגן די צײַטן, ווען ער וועט קענען מאַכן אַ רוים פֿון ירושלים אָדער כאָטש אַוועקלייגן אַ באָדן פֿאַר אַזאַ מעגלעכקייט אין די צײַטן, וואָס וועלן קומען נאָך אים...

אָבער פּלוצלינג איז געשען אַזוינס, וואָס האָט אַלע זײַנע האָפֿענונגען צעטרייסלט און אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף אים אַזאַ אימה, אַז ער האָט געמיינט, אַז דאָס איז שוין דער סוף.

אַ שליח האָט קיין ירושלים געבראַכט די ידיעה, אַז אין דער גרויסער שלאַכט בײַ אַקטיום, צווישן די צוויי מעכטיקע רוימישע הערשער, איז אָקטאַוויאַנוס־צעזאַר אַרויס מיט אַ נצחון און מאַרק אַנטאָני איז אין גאַנצן צעקלאַפּט געוואָרן און איז אַנטלאָפֿן צוריק קיין אַלעקסאַנדריע צו קלעאָפּאַטרען...

דערויף האָט זיך הורדוס גאָר אין גאַנצן ניט געריכט. ער איז געווען זיכער, אַז אין דעם קריג צווישן די צוויי מעכטיקע רוימישע הערשער, וואָס רײַסן זיך שוין לאַנג אַרום צווישן זיך איבער דער מאַכט אין דער גרויסער אימפּעריע, וועט מאַרק אַנטאָני געוויס זײַן דער, וואָס וועט אַרויסקומען מיט אַ נצחון, ווײַל ער איז אַ בעסערער קריגספֿירער און איז מער געניט אין מלחמות. אַזוי גרויס איז געווען זײַן זיכערקייט אין דעם, אַז ווען ער וואָלט פֿריִער ניט געווען פֿאַר־נומען מיט דער מלחמה קעגן די אַראַבער, וואָלט ער מיט זײַנע חיילות געהאָלפֿן אַנטאָנין אין דער מלחמה קעגן אָקטאַוויאַנוס־צעזאַר. ער איז געווען גרייט דערויף, און ער האָט דאַן אַפֿילו אַ האָר ניט געצווייפֿלט, אַז ווען ער וואָלט דאָס געטאָן, וואָלט ער זיך דערמיט געשטעלט אויף דער זײַט פֿון דעם, וואָס וועט אַוודאי געווינען.

און מיט אַ מאָל גאָר אַזאַ איבעררעשונג!..

טראַכטנדיק וועגן דער איבערקערעניש, וואָס וועט אַוודאי מוזן פֿאָרקומען אַצינדער אין יהודה איבער דעם, וואָס זײַן פֿרײַנד און באַשיצער מאַרק אַנטאָני האָט די שלאַכט בײַ אַקטיום פֿאַרלוירן, האָט ער געברענט פֿון כּעס אויף קלעאָפּאַטרען, ווײַל ער האָט געוואוסט, אַז זי איז אין אַלצדינג שולדיק, און אַז ווען מאַרק אַנטאָני וואָלט זיך פֿון איר ניט געלאָזט פֿאַרפֿירן, וואָלט ער געוויס די שלאַכט בײַ אַקטיום ניט פֿאַרלוירן. עס האָט אים פֿאַרדראָסן, וואָס ער האָט זיך צוגעהערט צו דער עצה פֿון זײַנע ראַטגעבער און זי מיט די אייגענע הענט ניט דערשטיקט, ווען זי איז מיט אַ צײַט צוריק געקומען צו אים צו גאַסט קיין ירושלים; דאַמאָלסט האָט ער דאָס זייער לײַכט געקענט טאָן, ווײַל פּונקט ווי אין אַלעקסאַנדריע, נאָך מיט יאָרן צוריק, האָט זי אין ירושלים אויך געפּרואווט אים אַרײַננאַרן אין דער נעץ פֿון איר צויבער; אַ סך מאָל האָט זי אים דאַן געזאָגט, אַז צו קיין מאַן האָט זי נאָך קיין מאָל אין איר לעבן ניט געהאַט אַזאַ גלוסטונג ווי צו אים; אירע רייד וועגן ליבע זענען אים אָבער געווען דערווידער, און ער האָט שוין געהאַט אָפּגעמאַכט בײַ זיך, אַז ווען זי וועט זיך ווידער אַרויפֿ־וואַרפֿן אויף אים און וועט אים אַנהייבן האַלדזן און קושן, זאָל ער זי מער ניט אָפּשטויסן פֿון זיך, און ווען זי וועט זײַן אין זײַנע אָרעמס, זאָל ער זי מיט זײַנע אייגענע הענט דערשטיקן אויף טויט. עס האָט אים אָבער אויסגעפֿעלט מוט דערצו. און ווען זי איז דאַן פֿון ירושלים אַוועק צוריק, האָט ער זי ביז צו דער גרענעץ באַגלייט און האָט איר נאָך טײַערע מתנות מיטגעגעבן.

ער האָט זייער געוואָלט קומען מאַרק אַנטאָנין צו הילף און אים דערמיט אָפּדאַנקען פֿאַר דער פֿרײַנדשאַפֿט, וואָס ער האָט צו אים אַרויסגעוויזן די גאַנצע צײַט. האָט ער דעריבער אין גרויס אײַלעניש מיט אַ שליח אַוועקגעשיקט צו אים אַ פֿאַרזיגלטן בריוו, אַז ער זאָל איצט פֿריִער פֿון אַלץ פֿאַרמשפּטן קלעאָפּאַטרען צום טויט און מיט דעם גאָלד און זילבער, וואָס געפֿינט זיך אין די אוצרות פֿון איר

מלוכה, זאָל ער גלײַך צונויפֿשטעלן נײַע לעגיאָנען און זיי פֿירן אין דער מלחמה אַקעגן אָקטאַוויאַנוסן. „איך וועל דיר אויך אַרויסהעלפֿן אין דעם — האָט ער אים אין דעם פֿאַרזיגלטן בריוו געשריבן — פֿון מײַן פֿרײַנדשאַפֿט צו דיר איז גאָרניט געמינערט געוואָרן."

עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. מאַרק אַנטאָני האָט שוין דאַן קיין נײַע לעגיאָנען ניט געקענט צונויפֿשטעלן. דער קלאַפּ, וואָס ער האָט געקראָגן מיט זײַנע לעגיאָנען אין דער שלאַכט בײַ אַקטיוס פֿון זײַן אייגענעם שוואָגער אָקטאַוויאַנוס־צעזאַר, איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט שוין מער קיין מלחמה ניט געקענט פֿירן. ער האָט געזען, אַז ס'איז שוין געקומען זײַן סוף. און נאָך דעם ווי ער האָט הורדוסן דורך אַ שליח איבערגעגעבן, אַז ער דאַנקט אים פֿאַר זײַן פֿרײַנדשאַפֿט, האָט ער אַליין געמאַכט אַ סוף צו זײַן לעבן. ער האָט זיך מיט אַ שווערד געעפֿנט דעם בויך און שפּעטער איז ער אין שרעקלעכע אַנגסטן געשטאָרבן אין קלעאָפּאַטרעס אָרעמס. און זי האָט ווי אַ צעמישטע זײַן וואונד מיט די ליפּן גע־קושט און זיך אויסגעשמירט דאָס גאַנצע פּנים מיט זײַן בלוט און זי האָט לאַנג געקלאָגט און געיאָמערט, און נאָך דעם האָט זי איר לײַב מיט וואַסער געוואַשן און מיט טײַערע זאַלבן באַשמירט. און זי האָט זיך אָנגעטאָן דאָס בעסטע קיניגלעכע קלייד, וואָס זי האָט געהאַט. אויך די קרוין אויפֿן קאָפּ האָט זי אָנגעטאָן, און דאַן האָט מען צו איר געבראַכט אַ גיפֿטיקע שלאַנג, און זי האָט זיך פֿון איר געלאָזט אַ ביס טאָן אין אָרעם. זי אַליין האָט די גיפֿטיקע שלאַנג צו איר לײַב צוגעלייגט, און ווען זי האָט געפֿילט, אַז דער סוף איז שוין נאָענט, האָט זי זיך אויסגעצויגן אויף אַ גאָלדן בעט מיטן פּנים אַרויף און מיט דער קרוין אויפֿן קאָפּ.

אויך צוויי פֿון אירע געטרײַע יונגע באַדינערינס האָבן זיך פֿון דער גיפֿטי־קער שלאַנג געלאָזט בײַסן. און ווען די שליחים פֿונעם צעזאַר זענען אין דעם פֿאַרמאַכטן חדר אַרײַנגעקומען, איז שוין די שיינע קיניגין פֿון מצרים געווען טויט. אויך איינע פֿון די באַדינערינס איז שוין געווען טויט. מע האָט דערציילט, אַז מע האָט געזען ווי די צווייטע, וואָס האָט נאָך געאָטעמט, ליגנדיק אין אַנגסטן אויף דעם געשטריקטן טעפּעך לעבן דעם גילדענעם בעט, הייבט זיך לאַנגזאַם און שווער אויף אַ האַנט צו רעכט צו מאַכן די קרוין, וואָס האַלט בײַם אַרונטער־פֿאַלן פֿון קלעאָפּאַטרעס קאָפּ...

ווען מע האָט הורדוסן די אַלע איינצלהייטן איבערגעגעבן, האָט ער מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— זי האָט אַוודאי געמיינט, אַז אָקטאַוויאַנוס אַליין וועט אַרײַנקומען צו איר, און זי האָט אים טויטערהייט געוואָלט געפֿעלן...

ד

ד ע ר ג ע ד אַ נ ק, אַ ז אָקטאַוויאַנוס־צעזאַר קען נאָך איצט אַרײַנקומען קיין יהודה מיט זײַנע לעגיאָנען, האָט הורדוסן שטאַרק געשראָקן, ווײַל ער האָט גוט געוואוסט, אַז די ייִדישע חילות וועלן די רוימישע מאַכט ניט קענען בײַקומען.

טראַכטנדיק וועגן דעם, וואָס דאָס פֿאָלק איז שוין איצט ניט אַזוי שטאַרק קעגן אים ווי אין די ערשטע צײַטן, ווען ער איז אַרויף אויפֿן טראָן, איז ער געווען זיכער, אַז ווען ער וואָלט זיי איצט גערופֿן אין אַ מלחמה קעגן די רוימער, וואָלטן זיי גערן געגאַנגען; ער וואָלט זייער לײַכט געקענט אויפֿהייבן אַ געשריי, אַז מ׳דאַרף זיך שלאָגן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט פֿאַר דער פֿרײַהייט פֿון דעם לאַנד און פֿון דעם פֿאָלק, און דאָס וואָלט אים הויך דערהויבן אין די אויגן פֿון די, וואָס דערמאָנען נאָך ביז הײַנטיקן טאָג מיט גרויס אַכטונג דעם נאָמען פֿון חזקיה הגלילי און די נעמען פֿון די אַנדערע העלדן, וואָס האָבן אויפֿגעהויבן אַ שווערד קעגן די רוימער; מ׳וואָלט דאַן אפֿשר פֿאַרגעסן אָן דעם, אַז ער שטאַמט פֿון אדום; מ׳וואָלט מער ניט געמורמלט, אַז ער איז אַ קנעכט פֿון רוים, און מ׳וואָלט אין אים געזען דעם גײַסט פֿון די חשמונאים.

אָבער הורדוסן האָט דאָס דאָך ניט גערייצט. פֿירן אַ מלחמה, וואָס מ׳וועט זיכער פֿאַרלירן, האָט ער ניט געוואָלט. אַזאַ זאַך האָט ער געהאַלטן פֿאַר אַ פֿאַר־ברעכן קעגן זיך און אויך קעגן פֿאָלק.

אין דער זעלבער צײַט האָט ער אויך מורא געהאַט, אַז אָקטאַוויאַנוס־צעזאַר זאָל אים נאָך ניט אַרונטערזעצן פֿונעם טראָן דערפֿאַר, וואָס ער איז שטענדיק געווען אַזאַ איבערגעגעבענער פֿרײַנד צו מאַרק אַנטאָניוּן. דאָס האָט אים ניט געלאָזט רוען. ער האָט וועגן דעם געהאַלטן אין איין קלערן. ער האָט געזוכט עצות, וואָס צו טאָן, כּדי צו געווינען דעם נײַעם מעכטיקן הערשער פֿון רוים אויף זײַן זײַט. און ס׳איז בײַ אים געבליבן, ער זאָל ניט וואַרטן ביז יענער וועט אים רופֿן צו זיך, נאָר ער זאָל בעסער גלײַך פֿאָרן צו אים...

דאָס, האָט ער געדענקט, איז דאָס בעסטע, וואָס ער קען איצטער טאָן. און ער האָט געהאָפֿט, אַז מיט זײַנע רייד וועט ער געפֿינען חן אין די אויגן פֿון אָק־טאַוויאַנוס־צעזאַר און דאַן וועט ער ווײַטער בלײַבן דער קיניג פֿון יהודה.

אין גאַנצן זיכער אין דעם איז ער אָבער דאָך ניט געווען. ער האָט זיך אַלץ געשראָקן. און איין מאָל, ווען ער האָט געזען, ווי דער אַלטער הורקונוס מיט דער גרײַז־גרויער באָרד שפּילט זיך אין הויף מיט איינעם פֿון זײַנע אוראייניקלעך, האָט ער זיך געגעבן אַ שטעל אָפּ, ווי ס׳וואָלט אים מיט אַ מאָל אײַנגעפֿאַלן אַזוינס, וואָס ער האָט פֿריִער גאָר קיין מאָל אין זינען ניט געהאַט. ער האָט לאַנג אויף דעם אַלטן געוועזענעם קיניג און כּהן־גדול פֿון דער ווײַטנס געקוקט. נאָך דעם איז ער צו אים צוגעגאַנגען, און פֿאַרקוקנדיק זיך אָן אַ זײַט, ווי ער וואָלט זיך איצט מיט די בליקן פֿון זײַנע אויגן ניט געוואָלט טרעפֿן, האָט ער געגעבן אַ פֿרעג:

— ווי אַלט ביסטו, פֿאָטער?

— אַכציק יאָר — האָט דער אַלטער הורקונוס געענטפֿערט — ווייסטו דאָס דען ניט, מײַן זון?

— יאָ, איך ווייס דאָס... איך האָב דאָס געוואוסט... אָבער גראָד איצט האָב איך דאָס געהאַט פֿאַרגעסן...

מער האָט הורדוס גאָרניט געפֿרעגט און ער איז אַוועק ווײַטער, איבער־לאָזנדיק דעם אַלטן זיך שפּילן מיטן אוראייניקל, אָבער געקלערט האָט ער שוין, אַז ס׳איז ניט גוט, וואָס דער אַלטער הורקונוס לעבט אַזוי לאַנג, זייער ניט גוט...

נאָך דעם האָט דאָס אים שוין מער פֿונעם קאָפּ ניט געקענט אַרויס, און ער האָט געטראַכט, אַז ס׳איז זייער מעגלעך, אַז אָקטאַוויאַנוס־צעזאַר זאָל זיך איצט כאַפּן, אַז מאַרק אַנטאָני האָט אים פֿאַרפֿירט, וואָרעם רעכט אויפֿן טראָן פֿון יהודה האָט דאָך גאָר דער אַלטער הורקונוס דער חשמונאי, און ניט ער, הורדוס, דער זון פֿון אַנטיפּאַטרוס, וואָס שטאַמט ניט פֿון דער חשמונאים־משפחה...

די מורא פֿאַר די חשמונאים האָט אים ווידער אָנגעהויבן פֿאַרפֿאָלגן. ער האָט זיך איצט פֿאַר דעם אַלטן הורקונוס אָנגעהויבן שרעקן ניט ווייניקער ווי פֿאַר דעם יונגן אַריסטובולוס, ווען ער האָט נאָך מיט אַ צײַט צוריק פֿון דער וועלט אומגעבראַכט. און באַלד איז שוין בײַ אים געווען פֿאַרטיק אַ באַשלוס און ער האָט דאָס ניט אָפּגעלייגט אויף שפּעטער.

אין געדאַנק האָט ער פֿאַר זיך איבערגעקליבן די נעמען פֿון די עטלעכע באַדינער פֿון דעם אַלטן הורקונוס, און אָפּגעשטעלט האָט ער זיך אויפֿן נאָמען פֿון איינעם אַ פֿאַרגריכישטן יידן, וואָס ער האָט גוט געקענט און ער האָט גלײַך געשיקט נאָך אים.

— דײַן נאָמען איז דאָסיטעוס? — האָט ער אים געפֿרעגט, כאָטש ער האָט גוט געוואוסט זײַן נאָמען.

— יאָ, מײַן קיניג, דאָסיטעוס איז מײַן נאָמען.

— זאָג־זשע מיר, דאָסיטעאוס, דײַן האַר, דער אַלטער הורקונוס, גלויבט אין דיר?

— ער האַלט מיך פֿאַר דעם געטרײַסטן צווישן זײַנע נאָענטע.

— און דו ביסט אים ווירקלעך געטרײַ?

— יאָ, מײַן קיניג, איך בין אים ווירקלעך געטרײַ.

— וואָלסטו אים אויך געבליבן געטרײַ, ווען דו וואָלסט דורך דעם מיר געדאַרפֿט זײַן פֿאַלש?

— ניין, מײַן האַר. די געטרײַשאַפֿט צום קיניג איז בײַ מיר העכער פֿון אַלץ אין דער וועלט. און ווער עס איז פֿאַלש דעם קיניג, דער פֿאַרדינט דעם טויט...

דאָסיטעוס האָט אין אָנהייב ניט פֿאַרשטאַנען צו וואָס דער קיניג שטעלט אים די אַלע פֿראַגעס און וואָס ער איז מיט דעם אויסן. אָבער הורדוס האָט אים ניט געלאָזט וואַרטן לאַנג צו טרעפֿן צוליב וואָס מ׳האָט אים אַהער גערופֿן, און ער איז גלײַך איבערגעגאַנגען צום עיקר.

— דאָס וואָס איך רעד איצט מיט דיר — האָט ער אים געזאָגט — דאַרף בלײַבן אַ סוד צווישן אונדזביידן. איך וועל דיר איבערגעבן זייער אַ וויכטיקע שליחות דורכצופֿירן. איך האָב דיך אויסגעקליבן, ווײַל איך ווייס, אַז דו ביסט אַ מענטש מיט פֿאַרשטאַנד. און ווען דו וועסט פֿאַר מיר די שליחות דורכפֿירן, וועל איך דיר געבן אַ גוטע באַלוינונג פֿון גאָלד און זילבער און איך וועל דיך הויך דערהייבן דאָ אין הויף.

— איך בין גרייט דעם קיניג צו דינען — האָט דאָסיטעוס פֿאַר אים דעם קאָפּ אײַנגעבויגן.

— איז הער זיך גוט צו צו מײַנע רייד — האָט הורדוס אים נעענטער צו זיך צוגעצויגן — זאָג דעם אַלטן הורקונוס, אַז פֿון מענטשן, וואָס שטייען זייער

באַענט צו מיר, האָסטו זיך דערוואוסט, אַז איך קלײַב זיך אים צו טאָן שלעכטס, און רעד אים אײַן, אַז עס וועט פּאַר אים זײַן בעסער צו אַנטלויפֿן וואָס שנעלער אין אַן אַנדער לאַנד און זוכן שוץ בײַ אַן אַנדער קיניג. זאָג אים, אַז אַנטלויפֿן זאָל ער צום קיניג פֿון די אַראַבער...

— צום שׂונא פֿון אונדזער לאַנד? — האָט זיך דאָסיטעוס געוואונדערט.

— יאָ, צו אים. און זע, אַז ער זאָל מיט זײַן אייגענער האַנט אָנשרײַבן אַ בריוו צו דעם קיניג פֿון די אַראַבער און אים בעטן, ער זאָל אים וואָס שנעלער העלפֿן אַנטלויפֿן פֿון דאַנען און אים געבן שוץ אין זײַן לאַנד. דעם בריוו זאָל ער דורך דיר אַריבערשיקן צום קיניג פֿון די אַראַבער. און ווען דו וועסט שוין האָבן דעם בריוו אין דײַן האַנט, זאָלסטו אים ברענגען צו מיר. זאָגסטו דאָס מיר צו?

— איך שווער, אַז איך וועל דאָס טאָן — האָט דאָסיטעוס אים פֿאַרזיכערט
— אָבער וואָס וועט זײַן, אויב הורקונוס וועט זיך ניט צוהערן צו מײַנע רייד?

— ער וועט זיך צוהערן — האָט הורדוס געשמייכלט — איך קען אים בעסער... און פֿרעג מיך מער גאָרניט און טו, וואָס איך הייס דיר. און זע, אַז מאָרגן אָדער איבערמאָרגן זאָלסטו שוין האָבן זײַן בריוו צו דעם קיניג פֿון די אַראַבער אין דײַנע הענט.

און געוועזן איז דאָס טאַקע אַזוי ווי הורדוס האָט געזאָגט. דער אַלטער הור־קונוס האָט אין זײַן צעטומלטקייט דאָסיטעוסן גלײַך געגלויבט. ער האָט זיך אַלע מאָל לײַכט געקענט פֿאָרשטעלן, אַז הורדוס וויל אים טאָן שלעכטס, און ער האָט זיך דעריבער באַלד אין גאַנצן פֿאַרלוירן און ער איז שוין געווען גרייט צו פֿאָלגן דאָסיטעוסעס עצה און אַנטלויפֿן וואָס שנעלער.

— אָבער וואוהין זאָל איך לויפֿן? — האָט ער דאָסיטעוסן געפֿרעגט.

דאַן האָט דאָסיטעוס געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער פֿאַרטראַכט זיך זייער ערנצט און נאָך דעם ווי ער האָט לאַנג כּלומרשט נאָכגעדענקט, האָט ער אים געזאָגט:

— מײַן עצה איז, אַז אַנטלויפֿן דאַרף מען צום קיניג פֿון די אַראַבער.

— פֿאַר וואָס עפּעס דווקא צו אים?

— ווײַל ער איז אַ פֿײַנד פֿון הורדוסן, און דערפֿאַר וועט ער אַן אַנטלאָפֿענעם פֿון זײַן קיניגרײַך געבן שוץ.

אַליין באַשליסן אַזאַ וויכטיקע זאַך האָט דער אַלטער הורקונוס ניט געקענט. און ער איז גלײַך אַוועק צו אַלכּסנדרהן און האָט איר אַלץ דערציילט. און אַלכּסנדרה האָט זיך באַלד אָנגעכאַפּט אָן דעם.

— מ'מוז דאָס טאָן וואָס שנעלער — האָט זי געזאָגט — ווײַל מ'קען זיך אַצינדער ריכטן אויף זייער וויכטיקע געשעענישן... זײַן טראָן וואַקלט זיך איצט. עס איז מעגלעך, אַז ער ווייסט שוין, אַז אָקטאַוויאַנוס־צעזאַר וויל דיך, פֿאָטער, צוריק מאַכן פֿאַרן קיניג פֿון יהודה, און דערפֿאַר וויל ער דיך אומברענגען. דו מוזסט וואָס שנעלער אַנטלויפֿן פֿון דאַנען, פֿאָטער!..

און נאָך אין דעם זעלבן טאָג האָט שוין דאָסיטעוס געהאַט בײַ זיך אין די הענט אַ בריוו, וואָס דער אַלטער הורקונוס האָט אים איבערגעגעבן אַפּצופירן שטילערהייט צום קיניג פון די אַראַבער...

דאַן האָט דאָסיטעוס דעם בריוו גלײַך געבראַכט צו הורדוסן, און ווען ער האָט אים איבערגעלייענט, האָט זיך אויף זײַן פּנים אַ צופרידענער שמייכל באַוויזן.

— גוט — האָט דער קיניג געזאָגט — ערשט איצט זע איך, אַז איך האָב ביז איצט דײַן קלוגשאַפט ניט אויסגענוצט און אַז דו האָסט שוין לאַנג פאַרדינט, אַז איך זאָל דיך דאָ אין הויף העכער דערהייבן. און איצט הער זיך ווײַטער צו צו מײַנע רייד, דאָסיטעוס. דעם בריוו לאָז איבער בײַ מיר, און דו שטעל די טריט פון דײַנע פּיס צו דעם אָרט, וואוהין הורקונוס דער אַלטער האָט דיך געשיקט. קום צום קיניג פון די אַראַבער און רעד צו אים אין דעם נאָמען פון דײַן האַר הורקונוס דעם חשמונאי. זאָג אים דאָס זעלבע, וואָס דאָ אין בריוו שטייט געשריבן און לייג נאָך צו עפּעס פון דײַן זײַט אויך. איך בין זיכער, אַז דו וועסט שוין וויסן וואָס צוצולייגן, ווײַל גאָט האָט דיך געבענטשט מיט קלוגשאַפט. זע, אַז ער, דער קיניג פון די אַראַבער, זאָל אין שריפט פאַרזיכערן דעם אַלטן הורקונוס, אַז ער איז גרייט אים העלפן צו אַנטלויפן און ער וועט אים און זײַנע באַגלייטער אויפנעמען מיט כּבוד און אים געבן שוץ אין זײַן לאַנד. און ווען דו וועסט די שריפט שוין האָבן אין דײַנע הענט, זאָלסטו זיך באַלד אומקערן צוריק קיין ירושלים און דאָס מיר איבערגעבן. און אויפן וועג זאָלסטו זיך אין ערגעץ ניט אָפּשטעלן און מיט קיינעם ניט רעדן. זאָלסט אײַלן דײַנע טריט און האַלטן דעם סוד. זאָגסטו דאָס מיר צו, דאָסיטעוס?

— איך שווער, מײַן קיניג, אַז אַזוי וועל איך טאָן.

און אַזוי האָט ער טאַקע געטאָן. ער האָט צו הורדוסן געבראַכט דעם שריפט־לעכן ענטפער, וואָס דער קיניג פון די אַראַבער האָט איבערגעגעבן אין זײַנע הענט פאַר הורקונוסן. און דאַן האָט הורדוס דעם אַלטן הורקונוס באַלד אָנגעקלאָגט אין פאַרראַט און ער האָט אים גערופן צום משפּט פאַר אַ סנהדרין, וואָס ער אַליין האָט אויף שנעל צונויפגערופן, ווי ער האָט געוויינטלעך געטאָן אין די פאַלן, ווען ער האָט געוואָלט זײַן זיכער, אַז עס וועט געטאָן ווערן אַזוי ווי עס איז זײַן ווילן...

ה

נאָך דעם איז שוין אַלץ אַוועק אין אַזאַ אימפּעט, פּונקט ווי מע וואָלט זיך אַרײַנגעדרייט אין אַ וויכער, פון וואַנען מע קען שוין ניט אַרויס.

אין דעם זעלבן גרויסן חדר, וואו הורדוס איז אַ מאָל געשטאַנען אַן אָנגעקלאָגטער פאַרן טויט פון חזקיה הגלילי, און הורקונוס דער חשמונאי איז אין זײַן הויכן שטאַנד געזעסן צווישן די אַלטע ריכטער אויף דעם העכסטן שטול, איז דער אַלטער אַכציק־יאָריקער הורקונוס איצט געשטאַנען אַן אָנגעקלאָגטער אין פאַרראַט צו זײַן לאַנד, און אויף דעם הויכן קיניגלעכן שטול צווישן די ריכטער פון סנהדרין איז געזעסן הורדוס...

פֿון יענע ריכטער, וואָס האָבן דאַן מיט יאָרן צוריק געדאַרפֿט משפּטן הורדוסן פֿאַרן טויט פֿון חזקיה הגלילי, איז שוין איצט אין סנהדרין קיינער ניט געווען. אַ סך פֿון זיי האָט הורדוס מיטן טויט באַשטראָפֿט באַלד נאָך דעם ווי ער איז אַרויף אויפֿן טראָן, און אַנדערע זענען זיך פֿון ירושלים צעלאָפֿן. און די נײַע ריכטער, וואָס האָבן איצט דעם געוועזענעם קיניג און כהן־גדול געדאַרפֿט משפּטן ווי אַ ווידערשפּעניקן, האָבן פֿאַרשעמטע אויף דעם אָנגעקלאָגטן געקוקט. און קוקנדיק אויף אים האָבן זיי געטראַכט וועגן יענעם אַלטן ריכטער שמעיה, וואָס איז נאָך דאַן געווען דער איינציקער אַרויסצוטרעטן שאַרף קעגן הורדוסן און זאָגן, אַז אויב מ׳וועט אים איצטער אָפּלאָזן פֿרײַ, וועט ער שפּעטער אַלע ריכטער אומברענגען און דעם קיניג אַליין אויך...

אָבער דער אַלטער ריכטער שמעיה איז שוין געווען טויט. און צווישן די נײַע ריכטער פֿון סנהדרין, וואָס הורדוס האָט אויף שנעל צונויפֿגעשטעלט, איז ניט געווען קיין איינער, וואָס זאָל האָבן מוט קעגן הורדוסן אַרויסצוטרעטן...

און הורדוס האָט ניט געלאָזט, אַז דער משפּט זאָל זיך לאַנג פֿאַרציִען און מ׳זאָל זיך אַרײַנלאָזן אין צו פֿיל איינצלהייטן. רואיק און זיכער האָט ער זיך פֿון שטול אויפֿגעהויבן. און ווען ער האָט די ערשטע עטלעכע ווערטער אַרויסגערעדט, האָבן שוין אַלע געוואוסט, וואָס פֿאַר אַן ענטפֿער זיי דאַרפֿן געבן.

— זאָגט מיר, איר ריכטער פֿון סנהדרין — האָט ער אָנגעהויבן און אין זײַן קול איז ניט געווען קיין שפּור פֿון כּעס אָדער אויפֿגערעגטקייט — זאָגט מיר, וואָס קומט איינעם וואָס איז פֿאַלש צו זײַן לאַנד, און אין אַ צײַט ווען די זיכערקייט פֿונעם לאַנד און פֿונעם קיניג איז אין אַ גרויסער סכּנה, און ער ווענדט זיך, דער איינער, נאָך שוץ צו אַ קיניג, וואָס איז אַ שונא פֿון זײַן לאַנד און פֿון זײַן קיניג?

עס איז אויסגעקומען ווי ער וואָלט געוואָלט, אַז זיי, די געלערנטע לײַט, וואָס וויסן אַלע דינים פֿון דער תּורה און אַלע געזעצן פֿון דער מלוכה, זאָלן אים ענטפֿערן אויף אַ פֿראַגע, וואָס איז פֿאַר אים ניט אין גאַנצן קלאָר; ער ווייסט דאָס ניט און ער וויל וויסן.

— וואָס קומט אַזאַ מענטשן?

און דער עלטסטער פֿונעם סנהדרין האָט געענטפֿערט:

— אַזאַ מענטשן קומט די העכסטע שטראָף — דער טויט!

אויף די אַנדערע ריכטער האָבן די זעלבע מיינונג אַרויסגעזאָגט.

און דאַן האָט הורדוס אָנגעוויזן מיטן פֿינגער אויפֿן אַלטן הורקנוס:

— ער — האָט ער געזאָגט — הורקנוס דער חשמונאי איז שולדיק אין אַ פֿאַרברעכן, פֿאַר וואָס עס קומט דער טויט!

דער אַכציק־יאָריקער זקן האָט גענומען ציטערן. מיט די אויסגעלאָשענע אויגן האָט ער אַ צעשראָקענער אויף די ריכטער געקוקט און די ליפּן פֿון מויל האָבן זיך בײַ אים געטרייסלט, און ער האָט קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסרעדן. און הורדוס האָט זיך אַפֿילו ניט אומגעקוקט אויף אים און האָט ווײַטער גערעדט און אַלץ מיט דער זעלבער רואיקייט ווי פֿריִער:

—צום ערגסטן און ביטערסטן שונא פֿון אונדזער לאַנד — האָט ער געזאָגט, קוקנדיק דעם עלטסטן פֿון די ריכטער גלײַך אין די אויגן אַרײַן — צום קיניג

פֿון די אַראַבער האָט ער זיך נאָך הילף געווענדט; בײַ אים האָט ער אין אַזאַ צײַט געבעטן, ער זאָל אים העלפֿן אַנטלויפֿן פֿון ירושלים און אים געבן שוץ אין זײַן לאַנד. און זאָל דער אָנגעקלאָגטער דאָס לייקענען, אויב ער קען...

בײַם אַלטן הורקונוס האָט זיך אַ פֿאַרשטיקטער אויסגעשריי פֿון האַרצן אַרויסגעריסן:

— איך בין ניט שולדיק! איך בין ניט שולדיק! — האָט ער אַ צעטומלטער געמורמלט, און עס איז שווער געווען צו הערן די אָפּגעהאַקטע ווערטער, וואָס זענען בײַ אים פֿון מויל אַרויסגעקומען — איך בין ניט שולדיק!

ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, דער אַלטער הורקונוס; ער האָט געוואָלט געבן צו פֿאַרשטיין, אַז ער איז פֿאַרפֿירט געוואָרן; ער האָט אויך געוואָלט באַווײַזן, אַז בכלל האָט ער זיך אַלע מאָל געהאַלטן ווײַט פֿון אַזעלכע זאַכן, וואָס זענען פֿאַרבונדן מיט מלוכה, און דערפֿאַר קען מען אים ניט חושד זײַן, אַז ער איז געווען אַ פֿאַרשווערער, אַ ווידערשפּעניקער, און האָט איצט געוואָלט פֿאַרכאַפּן דעם טראָן פֿון יהודה.

די אַלע זאַכן האָט ער איצט געוואָלט זאָגן די ריכטער פֿון סנהדרין, און ער איז גרייט געווען צוצוגעבן, אַז אויב ער איז אין עפּעס שולדיק, איז דאָס בלויז אין דעם, וואָס ער האָט זיך געלאָזט פֿאַרפֿירן פֿון אַנדערע. אָבער די ווערטער, וואָס ער האָט געוואָלט אַרויסזאָגן, זענען בײַ אים אין האַלדז דערשטיקט געוואָרן, ווען ער האָט די קאַלטע און שטרענגע בליקן פֿון די ריכטער אויף זיך דערפֿילט. און דאַן האָט הורדוס אַרויסגענומען דעם בריוו, וואָס דער אַלטער הורקונוס האָט געשריבן צו דעם קיניג פֿון די אַראַבער און האָט אים געוויזן דעם עלטסטן פֿון די ריכטער.

— לייענט דאָס איבער — האָט ער געזאָגט — און זעט; דער אָנגעקלאָגטער וועט דאָך געוויס ניט לייקענען, אַז דאָס איז געשריבן געוואָרן מיט זײַן אייגענער האַנט, און אויב דאָס איז ניט גענוג — האָט ער מיט נצחון אַרײַנגעוואָרפֿן אַ באַמערקונג — איז דאָ פֿאַר אײַך דער ענטפֿער פֿונעם קיניג פֿון די אַראַבער...

און ער האָט דעם ענטפֿער אויך געוויזן.

דערמיט איז דער משפט געווען געענדיקט. מ׳האָט דעם אַלטן הורקונוס פֿאַרמשפּט צום טויט. און נאָך אין דעם זעלבן טאָג איז דער אורטייל דורכגעפֿירט געוואָרן.

אַזוי איז געווען דער באַפֿעל פֿונעם קיניג. און גלײַך נאָך דעם איז ער אין גרויס אײַלעניש אַוועק פֿון ירושלים זיך צו טרעפֿן מיט אָקטאַוויאַנוס־צעזאַר אויף דעם אינדזל ראָדעס, וואָס אויפֿן עגעיִשן ים. אָבער אַפֿילו אין דער גרויסער אײַלעניש האָט ער דאָך ניט פֿאַרגעסן ווידער אויסצוקלײַבן אַ פֿאַרטרויטן מענטשן און אים שטילערהייט געבן דעם באַפֿעל, אַז ווען ער וועט דערהערן, אַז ס׳איז מיט אים אויפֿן אינדזל ראָדעס אַן אומגליק געשען, זאָל ער דאָ מרימען דערשטיקן אויף טויט. און אויסגעקליבן דערויף האָט ער דאָס מאָל שוין ניט קיין איינעם פֿון דער משפּחה, נאָר זײַן פֿרײַנד סאָעמוס, איינעם פֿון די גאָר אָנגעזעענע צווישן זײַנע הויפֿלײַט, און ער איז געווען זיכער, אַז אויף אים, דעם פֿאַרגריכישטן ייִדן, וועמען ער האָט פֿאַר געטרײַשאַפֿט הויך דערהויבן אין הויף, קען ער זיך אין דעם מער ווי אויף אַלע אַנדערע פֿאַרלאָזן...

זיבעטער קאַפּיטל

פֿון דער הייך און פֿון דער טיפֿעניש

א

פֿון דער מוראָ וואָס הורדוס האָט די גאַנצע צײַט געפֿילט, ווען ער האָט געטראַכט, אַז אָקטאַוויאַנוס־צעזאַר קען אים מאַכן פֿאַר אויס קיניג און אים דערצו נאָך געבן דעם טויט אויך, איז אויף זײַן פּנים שוין אַפֿילו קיין שפּור ניט געווען, ווען ער האָט אויפֿן אינדזל ראָדעס זיך מיט אים געטראָפֿן. ער איז צום נײַעם רוימישן הערשער געקומען אָנגעטאָן אין זײַדנס און מיט אַ קיניגלעכן פּורפּור־רויטן מאַנטל פֿאַרוואָרפֿן איבער די אַקסלען, און מיט אַ גילדענעם שווערד אויפֿן דיך. דער שווערד איז בײַ אים אויף אַ זילבערנעם גאַרטל געהאַנגען, און ווען ער האָט מיט פֿעסטע טריט געשפּאַנט, האָט ער דאָס גילדענע הענטל מיט דער לינקער האַנט אָנגעהאַלטן. אין זײַן גאַנג און אין זײַן האַלטונג איז ער געווען אַ קיניג פֿונעם קאָפּ ביז די פֿיס. בלויז דעם גילדענעם שטערן־באַנד, וואָס איז געווען אַ צייכן, אַז ער איז אַ געקרוינטער קיניג, האָט ער אויפֿן קאָפּ ניט אָנגעטאָן. ער האָט אים בײַ די פֿיס פֿונעם צעזאַר אַוועקגעלייגט, און ווען ער איז פֿאַר אים געבליבן שטיין, האָט ער זיך טיף פֿאַרנייגט. אָבער באַלד האָט ער צוריק דעם קאָפּ הויך אויפֿגעהויבן, און ווען דער רוימישער הערשער, וואָס איז געזעסן ווי אַ פֿאַרגאַפֿטער פֿון דעם וואָס ער זעט, האָט אים געגעבן אַ צייכן, ער זאָל רעדן, האָט ער גלײַך אָנגעהויבן אין אַ זיכערן טאָן:

— מיט דײַן דערלויבעניש, גרויסער צעזאַר, וויל איך צו דיר איצט רעדן ניט ווי איינער וואָס לייקנט זײַן זינד, ווען ער קומט בעטן מע זאָל אים פֿאַרגעבן, נאָר ווי איינער, וואָס איז שטאָלץ דערויף, וואָס ער האָט געהאַנדלט דווקא אַזוי און ניט אַנדערש...

אָקטאַוויאַנוס־צעזאַר האָט זיך נעענטער צוגעבויגן צו אים.

— רעד ווײַטער — האָט ער אים געזאָגט. און מ'האָט געקענט זען ווי איבערראַשט ער איז פֿון די ערשטע ווערטער, וואָס הורדוס האָט אַרויסגערעדט.

און הורדוס האָט גערעדט ווײַטער, און יעדעס וואָרט, וואָס איז פֿון זײַן מויל אַרויסגעקומען, האָט אין זיך געהאַט ניט נאָר פֿעסטקייט, נאָר אויך וואָג און מאָס.

— איך גיב צו אָפֿן — האָט ער געזאָגט — אַז אין דער מלחמה, וואָס מאַרק אַנטאָני האָט געפֿירט קעגן דיר, האָב איך אים געהאָלפֿן מיט חיילות, מיט גאָלד און זילבער און אויך מיט עצות. איך גיב אויך צו, אַז ווען איך וואָלט דאַן ניט געווען פֿאַרנומען מיט דער מלחמה קעגן די אַראַבער, וואָלט איך אַליין אים אויך געקומען

צו הילף מיט מײַנע בעסטע חיילות, און אין די שלאַכטן קעגן דיר וואָלט איך זיך אין אײנעם מיט אים געשלאָגן, דיך און דײַנע חיילות בײַצוקומען. איך גיב דאָס צו. איך וויל אויך ניט פאַרהוילן פאַר דיר דעם אמת, אַז אַפילו נאָך דעם ווי ער האָט די שלאַכט בײַ אַקטיוס פאַרלוירן, איז מײַן פרײַנדשאַפט צו אים געבליבן די זעלבע ווי פריִער. פון מײַן ליבשאַפט צו אים איז דעמאָלט אַפילו אַ האָר ניט געמינערט געוואָרן. איך בין אים דאַן געבליבן דער זעלבער פרײַנד וואָס פריִער, און ווי אַן אמתער פרײַנד, האָב איך אים געגעבן אַ גוטע עצה, און איך בין זיכער, אַז ווען ער וואָלט זיך צוגעהערט, וואָלט זיך דאָס מזל צוריק אומגעקערט צו אים און ער וואָלט דיך בײַגעקומען, און אויף דעם זעלבן אָרט, וואו דו זיצסט איצטער, וואָלט ער געזעסן. מײַן עצה צו אים איז געווען, אַז ער זאָל פריִער פון אַלץ נעמען די קלעאָפּאַטרע, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט, און איר אָפּהאַקן דעם קאָפּ, ווײַל זי איז פאַר אים דער גרעסטער אומגליק. און נאָך דעם זאָל ער צונויפנעמען די לעגיאָנען, וואָס זענען בײַ אים געבליבן, און צו זיי נאָך צונויפשטעלן נײַע און אַרויסטרעטן קעגן דיר און דײַנע לעגיאָנען. איך האָב געגלויבט, אַז אויב אַזאַ מלחמה וועט זיך אַפילו ניט ענדיקן מיט קיין גאַנצן נצחון פאַר אים, וועט דאָס אָבער אָפּשוואַכן דײַנע כּוחות, און דו וועסט זײַן געצוואונגען אים נאָכצוגעבן עפּעס און אפשר ווײַטער טיילן מיט אים די הערשאַפט איבער דער רוימישער מלוכה. אַלץ וואָס איך האָב נאָר געקענט, האָב איך געטאָן פאַר אים, און בין געווען גרייט צו טאָן נאָך, אַז ער זאָל די מלחמה קעגן דיר געווינען...

— אָבער — האָט ער אויפגעהויבן די האַנט הויך און אַ ביסל נידעריקער אַרונטערגעלאָזט זײַן שטים — אויב געטרײַשאַפט צו אַ פרײַנד איז אַ זינד; אויב איבערגעגעבנקייט צו אַ מענטשן, וואָס האָט מיר אָנגעטאָן כּבוד מיט זײַן פרײַנדשאַפט און מיר אַזוי פיל גוטס געטאָן, איז אַ פאַרברעכן, דאַן קען מען זאָגן, אַז איך בין שולדיק, און מע דאַרף מיך פאַר אַזאַ „פאַרברעכן" באַשטראָפן. פאַר דיר, צעזאַר, שטייט אַ מאַן, וואָס גלויבט, אַז יעדער מענטש מיט אַ ריין האַרץ דאַרף האַנדלען אַזוי ווי איך האָב געהאַנדלט אין מײַן פרײַנדשאַפט צו מאַרק אַנטאָניִן. באַצאָלן אַ פרײַנד מיט גוטס פאַר גוטס — דאָס איז טיף בײַ מיר אין האַרצן אײַנגעוואָרצלט. אַזאַ געפיל קען איך ניט דערשטיקן. און ווען איך וואָלט דאָס יאָ דערשטיקט, וואָלט אַ שאַנד מײַן קאָפּ באַדעקט. פאַר זיך אַליין געשעמט וואָלט איך זיך. און זאָל דער צעזאַר אויף אַ ווײַלע אָן מאַרק אַנטאָניִן פאַרגעסן און אויף זײַן אָרט שטעלן זיך אַליין. בלויז דעם נאָמען דאַרף מען בײַטן. בלויז דעם נאָמען און ניט מער. אויפן אָרט פון מאַרק אַנטאָני זאָל אָקטאַוויאַנוס־צעזאַר שטיין. און זאָל ער זאָגן, צי ער וואָלט אַליין ניט וועלן האָבן אַזאַ פרײַנד, וואָס קען פאַר גוטס מיט גוטס באַצאָלן און ווייסט צו שעצן פרײַנדשאַפט הויך און בלײַבט געטרײַ אין צײַטן שלעכטע און איז גרייט זײַן לעבן מקריב צו זײַן. יאָ, בלויז דעם נאָמען דאַרף מען בײַטן. בלויז דעם נאָמען און ניט מער... און דער פרײַנד — פאַר דיר איצט שטייט ער. דיר צו דינען איז ער גרייט...

בײַ די לעצטע ווערטער האָט ער זיך ווידער טיף פאַרנייגט. און דאָס האָט געמיינט, אַז ער האָט געענדיקט. און דאַן האָט דער צעזאַר זיך אָנגעבויגן, און

אויפֿהייבנדיק דעם גילדענעם שטערן־באַנד, וואָס הורדוס האָט פֿריִער בײַ זײַנע פּיס אַוועקגעלייגט, האָט ער עס אים אויפֿן קאָפּ אָנגעטאָן...

— דו ביסט ווירדיק צו זײַן אַ קיניג — האָט ער אים געזאָגט — אַזוי רעדן קען בלויז איינער, וואָס טוט פֿאַר קיינעם זיך ניט בייגן און האָט דעם מוט צו זאָגן אָפֿן, וואָס ער פֿילט און וואָס ער דענקט. און וואָרום איז דעם, וואָס דו ביסט זײַן פֿרײַנד. אַזאַ פֿרײַנדשאַפֿט שעץ איך הויך. טראָג די קרוין אויף דײַן קאָפּ דעם שטאָלצן. מיר בלײַבן פֿרײַנד אויף ווײַטער אויך!..

ב

נאָך דעם האָבן ביידע שוין צווישן זיך, ווי צוויי גלײַכע מענטשן גע־רעדט. הורדוס האָט דעם צעזאַר געגעבן עצות, אויף וועלכע וועגן ער זאָל שיקן די רוימישע לעגיאָנען צו פֿאַרנעמען מצרים, און ער האָט צוגעזאָגט צו זען, אַז ווען די לעגיאָנען וועלן גיין איבער דעם מדבר, זאָלן זיי ניט דאַרפֿן לײַדן פֿון דורשט.

— דאָס קען איך פֿאַרזאָרגן זייער גרינג — האָט ער געזאָגט — איך וועל איבער דער גאַנצער לענג פֿון דער מדבר, אויף באַשטימטע ערטער אַוועקשטעלן מענטשן פֿון מײַנע חיילות און זיי וועלן מיט זיך האָבן גענוג וואַסער אין קרוגן און אויך אין פֿעסער. אויך ווײַן וועלן זיי האָבן צו קרעפֿטיקן די זעלנער, וואָס וועלן זײַן מיד פֿון וועג. און די מענטשן, וואָס איך וועל אַוועקשטעלן, וועלן זײַן אַזעלכע, וואָס קענען דעם מדבר זייער גוט און וואָס וויסן אַלע וועגן און שטעגן דאָרט און זיי וועלן שוין דײַנע לעגיאָנערן פֿירן צו די ערטער, וואו עס וועט פֿאַר זיי גענוג וואַסער זײַן צוגעגרייט.

אויך אַ מתּנה פֿון אַכט הונדערט גילדענע רענדלעך האָט ער דעם צעזאַר געגעבן.

— דאָס — האָט ער געזאָגט — איז פֿאַר די אוצרות פֿון דער רוימישער מלוכה דיר צו העלפֿן פֿירן ווײַטער די מלחמות פֿאַרן פֿאָלק.

און אָקטאַוויאַנוס־צעזאַר האָט אים דערפֿאַר געדאַנקט. און פּונקט ווי די אַנדערע רוימישע הערשער, וואָס זענען געווען פֿאַר אים, האָט ער איצטער הור־דוסן אויך דאָס זעלבע געזאָגט:

— רוים וועט וויסן ווי דאָס צו שעצן...

און ווען עס איז געקומען דער טאָג, ווען די רוימישע לעגיאָנען האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן אײַנצונעמען דאָס לאַנד מצרים, איז הורדוס געריטן אויף אַ פֿערד לעבן אָקטאַוויאַנוס־צעזאַר, און דאָס איז געווען אַ גרויסער כּבֿוד פֿאַרן קיניג פֿון יהודה און עס האָט געהייסן, אַז דער בונד צווישן רוים און ירושלים איז ווידער באַנײַט און די צוויי מענטשן, וואָס פֿאַרן אַרויס רײַטנדיק אויף די פֿערד, שטעלן מיט זיך פֿאַר די צוויי מלוכות, וואָס האָבן צווישן זיך אַ בונד פֿון פֿרײַנדשאַפֿט געשלאָסן. און אָקטאַוויאַנוס־צעזאַר איז געווען זייער צופֿרידן דערפֿון, וואָס ער האָט איצט אין הורדוסן אַזאַ איבערגעגעבענעם פֿרײַנד. ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט פֿון אים גרויסע נוצן האָבן, און פֿאַרן צעשיידן זיך מיט אים,

האָט ער געפֿילט, אַז ער מוז אים שוין ווײַזן ווי ווײַט ער קען גיין אָפּשאַצנדיק זײַן פֿרײַנדשאַפֿט, און ער האָט מיט אים פּלוצלינג אָנגעהויבן רעדן וועגן די שטעט, וואָס מאַרק אַנטאָני האָט בײַ אים צוגענומען און זיי אָוועקגעגעבן אַ מתּנה קלעאָפּאַטרען.

— פֿאַר דער שטאָט יריחו — האָט ער אים געזאָגט — דאַרפֿסטו איצטער קיינעם קיין צינדז מער ניט צאָלן. די שטאָט און די גאַנצע געגנט אַרום וועט פֿון הײַנט אָן און ווײַטער זײַן אַ טייל פֿון דײַן מלוכה.

הורדוס האָט אים געדאַנקט דערפֿאַר.

— און איצט הער ווײַטער, מײַן פֿרײַנד — האָט אָקטאַוויאַנוס־צעזאַר אים געזאָגט מיט אַ שמייכל — מע האָט דײַן לאַנד פֿון דעם ים־ברעג אָפּגעשניטן. און דאָס איז פֿאַר אַ לאַנד ניט גוט, און דעריבער האָב איך איצט באַשלאָסן, אַז יפֿו, עזה און מגדל סטרטון, וואָס געפֿינען זיך בײַם ברעג ים, זאָלן פֿון דײַן קיניגרײַך זײַן אַ טייל. ביסטו צופֿרידן, מײַן פֿרײַנד הורדוס?

— יאָ, און איך דאַנק דיר זייער דערפֿאַר.

— און דאָס איז נאָך ניט אַלץ — האָט אָקטאַוויאַנוס־צעזאַר געשמייכלט — אַ לאַנד, וואָס האָט דיך פֿאַר אַ קיניג, דאַרף זײַן גרעסער ווי עס איז. אַזוי דענק איך, און אַזוי איז מײַן ווילן...

מיט אַ לײַכטן נייג פֿון קאָפּ האָט הורדוס אים פֿאַר די גוטע רייד געדאַנקט. און דאַן האָט אָקטאַוויאַנוס־צעזאַר אים געזאָגט, אַז די גרענעצן פֿון יהודה דאַרפֿן זיך פֿאַרשפּרייטן ווײַט איבער יענער זײַט ירדן און ער האָט אים אָוועקגעגעבן שומרון, גאַפּירה און חיפּוס און די געגנטן אַרום זיי.

ער האָט זיך ניט געקענט באַפֿרײַען, דער יונגער צעזאַר, פֿון דעם שטאַרקן אײַנדרוק, וואָס הורדוס האָט אויף אים געמאַכט איצט, נאָך דעם ווי ער האָט אים אַזוי פֿיל יאָרן ניט געזען. און ווען ער האָט געטראַכט פֿון די אַלע שטערונגען, וואָס הורדוס האָט בײַגעקומען פֿון יענער צײַט אָן זינט יוליוס־צעזאַר האָט אים געמאַכט פֿאַר טעטראַרך פֿון גליל, האָט ער אים באַוואונדערט און זיך ניט געקענט גענוג אָפּלויבן פֿון זײַן קלוגשאַפֿט און פֿון זײַן מוט.

— אַזאַ מענטש ווי דו, מײַן פֿרײַנד — האָט ער אים געזאָגט — האָט געדאַרפֿט געבוירן ווערן אַ רוימער...

און הורדוס איז געווען זייער צופֿרידן דערפֿון, וואָס ער האָט געפֿונען אַזוי פֿיל חן אין די אויגן פֿון דעם נײַעם רוימישן הערשער. ער האָט אויסגערעכנט, אַז איצט, נאָך דעם ווי מע האָט אים אָוועקגעגעבן די שטעט בײַם ברעג ים און אויך די שטעט, וואָס פֿון יענער זײַט ירדן, איז דאָס לאַנד יהודה שוין ווידער אַזוי גרויס, ווי עס איז געווען איידער רוים האָט זיך אַרײַנגעריסן אַהין און דאָרט איר הערשאַפֿט פֿאַרשפּרייט. דער געדאַנק, אַז ער האָט די אַלע שטעט געוואונען אָן אַ מלחמה, האָט אים גרויס פֿאַרגעניגן פֿאַרשאַפֿט. דאָס איז פֿאַר אים געווען דער גרעסטער נצחון, און ער האָט זיך אַ גליקלעכער געלאָזט אין וועג אַרײַן צוריק קיין ירושלים.

ג

אין הויף איז שוין אַלץ געווען צוגעגרייט אים צו באַגעגענען, ווײַל ער האָט נאָך פֿריִער דורך אַ שליח געלאָזט וויסן, אַז ער קומט. אַלע הויפֿלײַט האָבן זיך געטומלט. און אַפֿילו די, וואָס זענען טיף אין האַרצן ניט געווען צו־פֿרידן דערפֿון, וואָס ער האָט זיך פֿון דער גרויסער סכּנה אַרויסגעדרייט, האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי פֿרייען זיך שטאַרק דערמיט און האָבן געהאַלטן פֿאַר נייטיק די געמאַכטע פֿרייד זייערע אויסצודריקן דווקא דאָן, ווען זײַן שוועס־טער סאַלאָמעאַ און אויך קאָסטאַבאַר, וועלכער איז שוין דעמאָלט געווען איר מאַן, זענען געשטאַנען דערבײַ. דערמיט האָבן זיי געוואָלט מאַכן זיכער, אַז מע וועט דאָס אָפּדערציילן הורדוסן און ער וועט דאָס אַוודאי גוט אַרײַננעמען אין זינען.

די איינציקע, וואָס האָט קיין פֿרייד ניט אַרויסגעוויזן, איז געווען מרים...

זי האָט זיך מיט הורדוסעס גרויסן נצחון ניט געפֿרייט, ניט איידער ער האָט זיך אומגעקערט צוריק פֿון דער רײַזע און אויך ניט נאָך דעם, ווען אַלע אין הויף האָבן זיך שוין געטומלט מיט אים. און געקומען איז דאָס פֿון דעם, וואָס דער בלבול אויף איר זיידן, דעם אַלטן הורקנוס דעם חשמונאי, און דאָס פֿאַרמשפּטן אים צום טויט האָט זי אַזוי צערודערט, אַז עס איז פֿאַר איר שוין מער גאָר קיין טרייסט ניט געווען און זי האָט זיך אין הויף אין ערגעץ מער קיין פּלאַץ ניט געקענט געפֿינען. עס איז אויך געקומען פֿון דעם, וואָס זי האָט זיך שוין געהאַט דערוואוסט דעם סוד, אַז אויך דאָס מאָל האָט הורדוס פֿאַרן אַוועקפֿאָרן פֿון ירושלים שטילערהייט געגעבן אַ באַפֿעל, אַז אויב עס וועט מיט אים אויף דער רײַזע עפּעס געשען, זאָל מען זי דאָ גלײַך דערשטיקן אויף טויט...

ווען ער איז בײַם קומען צוריק צוגעפֿאַלן צו איר מיט דער גאַנצער צע־שטורעמטער פֿרייד אין האַרצן און ער האָט זי אָנגעהויבן האַלדזן און קושן, איז זי געבליבן שטיין אַ קאַלטע און האָט זיך אַפֿילו פֿון אָרט ניט גערירט. מיט שטרענגע בליקן האָט זי דאָן געקוקט אויף אים און אַפֿילו קיין איין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. אָבער ער איז דאָן געווען אַזוי פֿאַרטאָן אין דעם, וואָס ער האָט איר צו דערציילן, אַז ער האָט לכתּחילה גאָרניט באַמערקט, ווי זי קוקט אויף אים בייז. פֿול מיט באַגײַסטערונג פֿון דעם נצחון, וואָס ער האָט געהאַט בײַ דער באַגעגעניש מיט דעם נײַעם רוימישן הערשער, האָט ער פֿאַר איר מיט אַלע איינצלהייטן געשילדערט, ווי אַזוי ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט פֿאַרן צעזאַר און ווי אַזוי ער האָט מיט אים גערעדט אָפֿן און ווי דער צעזאַר האָט זיך מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם צוגעהערט צו יעדן וואָרט, וואָס ער האָט פֿון די ליפּן אַרויס־געבראַכט.

— איך האָב אַלץ פֿריִער גוט אויסגערעכנט — האָט ער איר געזאָגט ניט אָן שטאָלץ — איך האָב אַ סך געטראַכט איידער איך האָב פֿאַר אים די רעדע געהאַלטן. יעדעס וואָרט מײַנס איז געווען געוואויגן און געמאָסטן. און ווען איך בין פֿאַר אים געשטאַנען און גערעדט, האָב איך געפֿילט ווי מײַנע רייד ווירקן אויף אים, ווי זיי גייען אים טיף אין האַרצן אַרײַן. און דאָס האָט מיר צוגעגעבן

נאָך מער מוט... און ווען דו, געליבטע פֿון מײַן האַרץ, וואָלסט דאָס מיט דײַנע אויגן געזען — האָט ער זי מיט אַ מאָל אין זײַנע אָרעמס אַרײַנגענומען און זי צערטלעך צום האַרצן געדריקט — וואָלט דאָס אָנגעפֿילט דײַן האַרץ מיט שטאָלץ און פֿרייד.

און ווען מרים האָט אויף זיך זײַנע אָרעמס דערפֿילט, האָט די הויט אויפֿן לײַב בײַ איר אָנגעהויבן ציטערן און זי האָט זיך אָפּגערוקט פֿון אים.

ערשט דאַן האָט ער זיך געכאַפּט, אַז זי איז איצט גאָר בייז אויף אים. אָבער ער האָט דערפֿון קיין ווערט ניט געמאַכט; געמיינט, אַז דאָס איז אַוודאי אַ קלייניקייט, וואָס וועט באַלד איבערגיין, ווי עס האָט שוין ניט איין מאָל געטראָפֿן בײַ אַנדערע פֿאַלן, ווען זי איז אויף אים אַ מאָל געווען בייז. אָנשטעלנדיק אויף איר די אויגן מיט נאָך מער נײַגעריקייט ווי פֿריִער, און אָננעמענדיק אַ פּאָזע, וואָס האָט געקענט מיינען, אַז ער האָט נאָך אַליין ניט אָפּגעמאַכט בײַ זיך, צי זאָל ער זײַן איבערראַשט צי ניין, האָט ער ווײַטער דערציילט וועגן דעם גרויסן נצחון, וואָס ער האָט געהאַט און וועגן די שטעט וואָס אָקטאַוויאַנוס־צעזאַר האָט אים צוגעגעבן צו די גרענעצן פֿון דער מלוכה, און ווי ער האָט אים געזאָגט, אַז אַזאַ קיניג ווי ער איז, דאַרף הערשן איבער אַ לאַנד וואָס איז גרעסער. ער איז געווען זיכער, אַז ווען זי וועט דאָס דערהערן, וועט זי פֿאַרגעסן אָן דער קליינינקייט, פֿאַר וואָס זי איז איצטער בייז אויף אים און זי וועט זיך מיט זײַן גרויסן נצחון זייער שטאַרק פֿרייען. אָבער מרים איז אַלץ געשטאַנען אַ בייזע און צוהערנדיק זיך צו דעם, וואָס ער דערציילט, האָט זי דעם קאָפּ אַלץ נידעריקער און נידעריקער געבויגן און געהאַלטן אין איין בײַסן די ליפּן. און ווען ער האָט געענדיקט און געפֿרעגט בײַ איר, צי זי איז צופֿרידן דערפֿון, האָט זי מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ אים אַ שלײַדער געטאָן אין פּנים אַרײַן בלויז איין וואָרט:

— ניין!..

זי האָט דאָס איינע וואָרט מיט פֿאַרקריצטע ציין אַרויסגעזאָגט, און עס איז אין דעם געווען ניט נאָר כּעס, נאָר אויך צו להכעיס. דערנאָך האָט זי שוין אויף אים אַפֿילו קוקן ניט געקענט, און צוואוואַרפֿנדיק אים אַ בליק, וואָס איז געווען פֿול מיט פֿאַראַכטונג, איז זי שנעל אַוועק.

אים האָט דאָס אַזוי צעטומלט, אַז ער האָט זיך מיטן גאַנצן קערפּער געגעבן אַ וואָרף צוריק און איז געבליבן זיצן אַ צעמישטער; ער האָט ניט געקענט גלויבן, אַז דאָס, וואָס עס איז געשען איז אַווירקלעכקייט און ניט קיין בייזער חלום. זיצנדיק אַזוי האַרט בײַ דער וואַנט, האָט ער די אויגן אַלע מאָל פֿאַרמאַכט און זיי באַלד צוריק ווידער געעפֿנט. ער האָט זיך מיט ביידע הענט דעם שטערן געריבן און מיט אַ מאָל האָט ער געגעבן אַ שפּרונג און זיך געלאָזט לויפֿן.

— מרים! מרים! — האָט ער געשריגן אַזוי הויך, אַז זײַנע קולות האָבן זיך איבערן גאַנצן הויף געטראָגן — מרים!..

און ווען זי האָט זיך פֿון ערגעץ ניט אָפּגערופֿן, איז ער איבער אַלע חדרים פֿון הויף געלאָפֿן און האָט זי געזוכט אומעטום. און ווען ער האָט זי געפֿונען, האָט ער זי מיט ביידע הענט ביי די אַקסלען אָנגעכאַפּט.

— מרים! — האָט ער ווידער אָנגעהויבן רעדן צו איר, און דאָס קול האָט בײַ אים געציטערט — וואָס האָסטו פֿריִער געזאָגט? ענטפֿער מיר! וואָס האָסטו פֿריִער געזאָגט?

— וואָס איך האָב פֿריִער געזאָגט, האָסטו געהערט — האָט זי געענטפֿערט און אים דרייסט אין די אויגן אַרײַנגעקוקט.

און ווען הורדוס האָט דאָס דערהערט, האָט ער זי מיט ביידע הענט אָנגעהויבן טרייסלען.

— מרים! — האָט ער געשריגן — הערן דײַנע אויערן, וואָס דײַן מויל רעדט?

זי האָט זיך אָבער פֿאַר זײַן כּעס ניט דערשראָקן, און אַרויסרײַסנדיק זיך פֿון זײַנע הענט, האָט זי זיך אַקעגן אים אַוועקגעשטעלט אַזוי, אַז זי זאָל אים גלײַך אין די אויגן קענען אַרײַנקוקן:

— איך האָס דיך! — האָט זי פֿון צווישן די ציין אַרויסגעזאָגט און איז ווידער אַנטלאָפֿן, איבערלאָזנדיק אים אַליין.

זי האָט מיט אים מער גאָרניט געוואָלט רעדן, און ווען נאָר זי האָט אים אין הויף ערגעץ דערזען, האָט זי געוויכט פֿון אים. אַזוי טעג און וואָכן, און ווען זי האָט שוין אַ מאָל יאָ גערעדט מיט אים, איז יעדעס וואָרט אירס געווען פֿול מיט גאַל און זי האָט אים שוין אָפֿן געזאָגט, אַז זי באַשולדיקט אים אינעם טויט פֿון איר זיידן הורקנוס דעם חשמונאי און אויך אינעם טויט פֿון איר ברודער אַריסטובולוס.

אויך אין אַנדערע פֿאַרברעכנס, וואָס זי האָט פֿריִער קיין מאָל אויף די ליפּן פֿון מויל ניט אַרויסגעבראַכט, האָט זי אים באַשולדיקט — פֿאַרברעכנס קעגן איר משפּחה און אויך קעגן גאַנצן פֿאָלק. און דערבײַ האָט זי אים דרייסט אין די אויגן אַרײַנגעקוקט און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דערמיט, וואָס זי רעדט וועגן דעם שטיל און זי הייבט ניט אויף דאָס קול, איז זי אויסן אים צו מאַכן בייז, כּדי זי זאָל אים נאָך מער דערצאָרענען. און ער האָט זיך אונטער אירע רייד ווי אַ שלאַנג אין אַלע זײַטן געדרייט. יעדעס וואָרט אירס האָט אים דאָס האַרץ ווי מיט אָנגעגליטע שפּיזן געבערענט; ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ כּוח דעם צאָרן אײַנצוהאַלטן, אָבער ער האָט ניט געקענט און מיט אַ מאָל האָט ער זי מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט בײַם האַלדז און האָט זי אָנגעהויבן שטיקן...

שטיקנדיק זי, האָט ער ווי אַ ווילדער געברומט, און ווײַל זי האָט זיך ניט געווערט, האָט ער זיך אַליין שטאַרק דערשראָקן, און געבנדיק אַ וואָרף דעם קאָפּ צוריק, האָט ער זיך געלאָזט לויפֿן איבערן הויף און לויפֿנדיק אַזוי, האָט ער געוואָרפֿן און געשלײַדערט אַלץ, וואָס ס'איז נאָר אונטער דער האַנט געקומען.

און ווידער זענען אַוועק טעג און וואָכן און אַלץ, וואָס הורדוס האָט געטאָן אײַנצונעמען מרימען מיט גוטן און אַ מאָל אויך מיט בייזן, האָט זיך ניט אײַנגעגעבן. זי האָט אַלץ געוויכט פֿון אים, און דווקא דערפֿאַר, וואָס זי האָט פֿון אים געוויכט, האָט זײַן לוסט צו איר זיך נאָך מער צעברענט. אַלע מאָל, ווען ער האָט זי פֿון דער ווײַטנס דערזען, האָט זיך די תּאווה אין אים ווי אַ העליש

פֿײַער אָנגעצונדן, און ער האָט געהאַט דעם פֿאַרלאַנג זי צו כאַפּן און מיט געוואַלד זי צווינגען, זי זאָל צו אים זײַן אַ ווײַב...

אויך ווען ער האָט בלויז געטראַכט פֿון איר, איז זײַן באַגער געווען גרויס און די תאווה האָט אין אים ווי אַ העליש פֿײַער געברענט. די וויכטיקסטע זאַכן פֿון דער מלוכה זענען אים אין קאָפּ אַרײַן ניט געגאַנגען און ער האָט מיט לײַב און נשמה געלעכצט נאָך מרימס ליבע. אין מיטן רעדן מיט זײַנע ראַטגעבער וועגן די וויכטיקסטע ענינים, וואָס מע האָט אָן אים ניט געקענט באַשליסן, האָט ער זיי געקענט איבערלאָזן און זיך לאָזן לויפֿן צו מרימען. און עס איז געווען גענוג, אַז ער זאָל זי דערזען און ער איז איר גלײַך צו די פֿיס געפֿאַלן און זיך געבעטן בײַ איר, זי זאָל אים ליב האָבן אַזוי ווי פֿריִער. ער איז אויסגעגאַנגען נאָך אַ שמייכל פֿון אירע ליפּן. ער האָט געבענקט נאָך אירע צערטלעכקייטן, וואָס ער האָט מיט אַלע אבֿרים פֿון זײַן לײַב און אויך מיט זײַן גאַנצער נשמה אַזוי שאַרף געדענקט נאָך פֿון יענע צײַטן, ווען זי איז געווען גוט צו אים. ער האָט געגלוסט צו איר בײַ נאַכט, און דאָס האָט בײַ אים דעם שלאָף צוגענומען, און ער האָט געמוזט קומען צו איר זיך בעטן, זי זאָל אים לאָזן בלײַבן מיט איר. אָבער זי האָט אים פֿון זיך געטריבן. ער האָט אויך געגלוסט צו איר בײַ טאָג, ווען ער האָט זיך אין אַ נאָכמיטאָג־שעה צוגעלייגט אויפֿן בעט זיך אָפּצורוען אַ ביסל. און זייער אָפֿט האָט ער אין אַזאַ צײַט געפּרוּווט זי נעמען. אָבער זי האָט זיך פֿון זײַנע הענט אַרויסגעריסן און איז מיט שנעלע טריט אַוועק און אים איבער־געלאָזט אַליין...

אַ סך מאָל האָט ער געפּרוּווט זיך פֿאַרענטפֿערן פֿאַר איר:

— מרים — האָט ער זיך בײַ איר געבעטן — דו דאַרפֿסט מיר בלויז זאָגן, פֿאַר וואָס דײַן אײדל האַרץ איז מיט אַ מאָל אָנגעפֿילט געוואָרן מיט אַזוי פֿיל ביטערקייט, און איך וועל טאָן אַלץ אײַנצושטילן דײַן געמיט. זאָל זיך אויף דײַן פּנים ווידער אַ שמייכל באַווײַזן, און די וועלט וועט פֿאַר מיר ווידער ליכטיק זײַן. זאָלן די ווינטן פֿון פֿעלד דײַן כּעס ווי שטויב ווײַט פֿאַרטראָגן, און דאַן וועט מײַן לעבן דאָ אין הויף האָבן אַ זין...

און אַלע מאָל, ווען זי האָט פֿון אים אַזעלכע רייד געהערט, איז זי שוין געווען גרייט אים צו פֿאַרגעבן, און קוקנדיק אויף אים פֿון אַ זײַט, ווי ער שטייט פֿאַר איר אַ צעדריקטער מיט זײַן ריזיקן וואוקס און מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און מיט אַזאַ טיפֿן אומעט אין זײַנע גרויסע בלויע אויגן, האָט זי געפֿילט, אַז אויב ער וועט ווײַטער רעדן אַזוי, וועט זי מער ניט קענען בלײַבן אַזוי קאַלט און שטרענג און זי וועט זיך אים מוזן געבן אַ וואָרף אויפֿן האַלדז און אים קושן. און טאַקע דערפֿאַר האָט זי אים קיין מאָל אין אַזאַ פֿאַל ווײַטער ניט געלאָזט רעדן.

— איך וויל פֿון דיר גאָרניט הערן! — האָט זי אים די רייד איבערגעע־שלאָגן — דו קענסט מיר מער גאָרניט זאָגן. די גאַנצע צײַט האָב איך זיך אין דיר גענאַרט. אָבער איצט האָבן זיך מײַנע אויגן געעפֿנט און איך ווייס, אַז ווען פֿון דײַנע ליפּן טריפֿט האָניק, האַלטסטו אַ שווערד אונטער דײַן מאַנטל און דײַן צונג באַהאַלט טויזנט פֿאַלשקייטן...

און זי איז מיט שנעלע טריט אַוועק און האָט אים ווידער איבערגעלאָזט אַליין.

אין יענער צײַט האָט זײַן שוועסטער סאַלאָמעאַ, אין איר האַס צו מרימען, זיך מיט נאָך מער ברען אַ נעם געטאָן צעבלאָזן דאָס פײַער, וואָס האָט שוין אַזוי אויך גענוג געברענט. זי האָט ניט דורכגעלאָזט קיין איין געלעגנהייט אויסצורעדן אויף דער קיניגין דאָס ערגסטע; זי האָט מיט אירע רייד אָנגעפילט דעם ברודערס האַרץ מיט גאַל און גיפט, און אַלע מאָל, ווען זי האָט מיט אים וועגן מרימען גערעדט, האָט זי אים מיט אָנצוהערענישן געגעבן אַ וואָרענונג:

— היט זיך פאַר איר, ברודער; זי איז, זאָג איך דיר, פון די, וואָס קענען שטילערהייט אַרײַנטאָן סם אין בעכער...

עס איז גאָרניט געווען קיין איין זאַך, וואָס די בייזע סאַלאָמעאַ זאָל אויף מרימען ניט אויסטראַכטן. זי האָט הורדוסן געפרואווט אײַנרעדן, אַז מרים האָט צו אים גאָר קיין מאָל קיין ליבשאַפט ניט געפילט; אַז אַלע מאָל ווען ער איז פון ירושלים אַוועק, האָט זי שטילערהייט געמאַכט פאַרשווערונגען קעגן אים און טיף אין האַרצן האָט זי אים געוואונטשן דעם טויט און מיט אומגעדולד אַרויס־געקוקט אויף זײַן סוף.

— אַזוי זענען זיי אַלע פון דער חשמונאים־משפחה — האָט זי געשפריצט מיט גאַל, פאַרציִענדיק די שמאָלע, בלויע ליפּן אירע — זיי האָבן אונדז אַלעמען פײַנט. זיי האַסן אונדז ווי דעם טויט. און ווען איך וואָלט אויף איר און אויף איר מוטער קיין אויג ניט געהאַלטן, וואָלטן זיי דיך שוין לאַנג אומגעבראַכט!..

הורדוס האָט דאָס ניט געקענט הערן, אָבער ער האָט דאָך ניט אָפּגעשטעלט די שוועסטער, ווען זי האָט וועגן מרימען אַזוי גערעדט. ער האָט געטראַכט, אַז אין דער אמתן זאָגט זי דאָך אַרויס דאָס, וואָס ער טראַכט איצט אָפט אין די לאַנגע נעכט, ווען ער קען ניט שלאָפן; און ער האָט זי געלאָזט רעדן, אָבער געענטפערט דערויף האָט ער איר דאָך גאָרניט...

אין זײַן פאַרצווייפלונג האָט ער זיך אַלע מאָל אין אַן אַנדער מיטל אָנגע־כאַפּט צוריק צו געווינען מרימען. אַפילו צו איר מוטער איז ער אָנגעקומען און זיך געבעטן בײַ איר, אַז זי זאָל מאַכן ווייך דאָס האַרץ פון איר טאָכטער און איר געבן צו פאַרשטיין, אַז עס איז ניט גוט, וואָס זי טוט איצט צו אים. זייער ניט גוט...

— דו, מוטער, קענסט דאָס איר געבן צו פאַרשטיין — האָט ער גערעדט אײדל, כאָטש דאָס איז פאַר אים געווען שווער — צו דײַנע רייד וועט זי זיך אַוודאי צוהערן, און אין איר אײדל האַרץ וועט ווידער אָפּגעפרישט ווערן די ליבע, וואָס זי האָט שטענדיק געפילט צו מיר.

ער האָט אַלכּסנדרהן צוגעזאָגט ,אַז אויב זי וועט דאָס טאָן פאַר אים, וועט ער זי דערפאַר העכער דערהויבן אין דער מלוכה און איר אָפּגעבן דעם כּבֿוד וואָס זי פאַרדינט...

— איך שווער דיר, מוטער — האָט ער זי פאַרזיכערט — אַז ווען עס וועט ווידער הערשן שלום אין מײַן הויף און די קיניגין וועט זיך פון מיר ניט דער־ווײַטערן, וועט קיין זאָרג מער ניט פײַניקן מײַן געמיט און איך וועל אַרויסווײַזן מײַן גנאָד צו אַלע פרײַנד פון דער משפחה. יעדן שלעכטן געפיל וועל איך אין

זיך דערשטיקן. איך וועל לײַטערן מײַן נשמה. איך וועל אויף קײנעם קיין האַס ניט טראָגן און צו אַלע מענטשן, וואָס אַרום מיר, וועל איך גוט און אײדל זײַן...

אַלכּסנדרהן האָט עס שטאַרק הנאה געטאָן, וואָס הורדוס איז צו איר אָנגעקומען און וואָס ער בעט זיך בײַ איר אַזוי. און כאָטש זי האָט אים פֿײַנט געהאַט, האָט זי אים דאָך צוגעזאָגט, אַז זי וועט זען ווירקן אויף מרימען, אַז זי זאָל זיך פֿון אים מער ניט דערווײַטערן...

איבער דעם וואָס זי האָט איצט געזען אַ נײַע מעגלעכקייט פֿאַר זיך צוצוקומען צום פֿאָדערגרונד פֿון דער מלוכה און פֿאַרנעמען אַזאַ אָרט, וואָס פּאַסט פֿאַר איר לויטן שטאַנד, האָט אַלכּסנדרה טאַקע געהאַלטן איר צוזאָג. זי האָט מיט מרימען לאַנג גערעדט וועגן דעם, וואָס הורדוס האָט איר געזאָגט, און זי האָט געפּרוּווט ווייך מאַכן איר האַרץ. און ניט נאָר איין מאָל, נאָר אַ סך מאָל האָט זי מיט איר וועגן דעם גערעדט. אָבער מרים האָט פֿאַר איר אַלע מאָל איין ענטפֿער געהאַט:

— מוטער, דײַנע רייד זענען איבעריק. אין זײַנע צוזאָגן גלויב איך ניט מער. דער געפֿיל פֿון ליבע צו אים איז אין מײַן האַרץ אָפּגעשטאָרבן. ער איז דער הערשער און ער קען מיך פֿון זײַן הויף אַרויסטרײַבן. איך בין גרייט דערויף. אָבער אַ ווײַב צו אים קען איך מער ניט זײַן!..איך קען ניט!..

אין דעם וויכן פֿון אים בײַ טאָג און בײַ נאַכט האָט מרים געזען דאָס אײנציקע מיטל, וואָס זי האָט געקענט האָבן צו נעמען נקמה אין אים פֿאַר דער גאַנצער רשעות, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן צו איר משפּחה און אויך צו די פֿרײַנד פֿון איר משפּחה און צום פֿאָלק. אַלץ וואָס זי האָט פֿריִער פֿאַרשוויגן און געדולדיק אַריבערגעטראָגן, האָט זיך מיט אַ מאָל מוראדיק צעוואַקסן אין איר אָנגעווייטאָגט האַרץ און אין איר געפּײַניקטן מוח. אַלץ וואָס זי האָט פֿריִער יאָרן לאַנג דערשטיקט אין זיך, האָט זיך איצט מיט אַלע אָנגעזאַמלטע כּוחות אַרויסגעשפּאַרט, און זי האָט דאָס מער ניט געקענט דערשטיקן. זי האָט געטראַכט וועגן דעם טויט פֿון איר ברודער אַריסטובולוס, וואָס איז אומגעקומען אַזוי יונג; זי האָט ניט געקענט פֿאַרגעסן אינעם טויט פֿון איר זיידן הורקנוס, וואָס האָט ווי דער עלטסטער פֿון דער חשמונאים־משפּחה געהאַט רעכט צו טראָגן די כּתר־כּהונה און אויך די כּתר־מלכות; זי האָט פֿאַר די אויגן געזען די אַלע מאַרטירער פֿון איר משפּחה און אויך די מאַרטירער פֿון פֿאָלק — די אַלע הונדערטער און טויזנטער מענטשן, וואָס קאָסטאָבאַר און זײַנע לײַט האָבן אויף הורדוסעס באַפֿעל בײַ נאַכט פֿון די בעטן אַרויסגעשלעפּט און אין די תּפֿיסות פֿאַרשפּאַרט און צום טויט פֿאַרפּײַניקט. זיי זענען איר איצט די גאַנצע צײַט אין זינען געלעגן און זי האָט באַשולדיקט הורדוסן אין זייער טויט. דאָס בלוט פֿון די חשמונאים האָט פֿון איר אָנגעהויבן אַרויסשרײַען. און ווײַל זי האָט מער שוין קיין האָפֿענונג ניט געהאַט, אַז זי וועט מיט איר גוטסקייט קענען ווירקן אויף הורדוסן אַזוי, אַז ער זאָל ניט זײַן אַזאַ אַכזר, האָט זי שוין מער ניט געקענט אַריבערטראָגן געדולדיק אַלץ, וואָס זי האָט פֿריִער אין זיך דערשטיקט. זי האָט געזוכט נקמה. אַ געפֿיל, וואָס האָט זי אין גאַנצן באַהערשט, האָט זי געטריבן דערצו. זי האָט דאָס געהאַלטן פֿאַר אַ הייליקן חוב צו אַלע מאַרטירער פֿון איר משפּחה און אויך צו די מאַר־

טירער פֿון פֿאָלק. און ווען זי האָט געזען, ווי ער ליידט פֿון דעם, וואָס זי האָט זיך פֿון אים אין גאַנצן דערווײַטערט, איז זי געווען צופֿרידן דערפֿון. דאָס איז געווען איר נקמה אין אים...

ד

אַ גאַנץ יאָר איז אַזוי אַוועק און ער איז אין דעם איינעם יאָר אַזוי אַ תּל געוואָרן, אַז מענטשן, וואָס האָבן אים אַ לענגערע צײַט ניט געזען, האָבן אים קוים דערקענט. עס איז אין אים מער ניט געווען די זיכערקייט וואָס פֿריִער. ער איז שטענדיק געווען אויפֿגערעגט און צעטראָגן און אויף זײַן פּנים איז תּמיד אַ מידקייט געלעגן. די אויגן האָבן זיך בײַ אים טיף אונטערן שטערן אײַנגעגראָבן און די קינבאַקן האָבן זיך שאַרף אַרויסגעשפּאַרט. ער האָט אָנגעהויבן פֿאַרגעסן אָן זאַכן, וואָס זענען אים נאָר וואָס אין זינען געלעגן. ער האָט פֿאַרלוירן דאָס געדולד אויסצוהערן ביזן סוף, ווען מ'האָט אים אַ וויכטיקע מעלדונג איבער־געגעבן. און אין די טעג, ווען ער איז אויף יאַגד געגאַנגען, האָט ער שרעקלעך אויסגעמאַטערט די אַלע באַדינער, וואָס זענען מיט אים מיטגעגאַנגען. אויך דאָס פֿערד האָט ער שרעקלעך אויסגעמאַטערט; ווי אַ ווילדער האָט ער זיך רײַטנדיק געיאָגט איבער טאָל און איבער בערג און געשאָסן פֿײַלן פֿונעם בויגן אַפֿילו דאַן, ווען ער האָט אין ערגעץ קיין ווילדע חיה ניט געזען.

און גראָד אין יענער צײַט האָט ער ווידער געדאַרפֿט אַוועקפֿאָרן זיך זען מיטן צעזאַר, וועלכער האָט אים אַרויסגערופֿן צו זיך קיין אַלעקסאַנדריע, זיך צו באַראָטן מיט אים וועגן די נײַע אָרדענונגען, וואָס ער קלײַבט זיך אײַנצופֿירן אין מצרים. אויך וועגן די רעכט, וואָס ער וויל געבן די ייִדן, וואָס וואוינען דאָרט, האָט ער זיך מיט אים געוואָלט באַראָטן.

פֿאַר הורדוסן איז דאָס געווען אַ גרויסע פֿרייד, און ער איז גלײַך אַוועק־געלאָפֿן צו מרימען איר דאָס צו דערציילן. ער האָט איר וואָס גיכער געוואָלט אָנזאָגן די בשׂורה, אַז ער האָט איצט די געלעגנהייט צו טאָן גוטס פֿאַר די ייִדן אין מצרים און ער איז געווען זיכער, אַז דאָס וועט איר געוויס זײַן צום האַרצן. און ווען עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז צוהערנדיק זיך צו דעם, וואָס ער דערציילט איר, האָט אין די בליקן פֿון אירע אויגן ווידער אויפֿגעשטראַלט דער וואַרעמער גלאַנץ פֿון אַ מאָל, איז די פֿרייד בײַ אים געוואָרן נאָך גרעסער און מיט אַ מאָל איז אים אײַנגעפֿאַלן אַזוינס, וואָס איז אים פֿריִער גאָר קיין מאָל אַפֿילו אין זינען ניט געלעגן:

— הער מיך אויס, מרים, און פֿאַרנעם מײַנע רייד, וואָס קומען פֿון האַרצן!

— האָט ער אָנגעהויבן אין אַזאַ טאָן, אַז ס'זאָל קלינגען וואָס פֿײַערלעכער — דו ווייסט דאָך, אַז אַלע מאָל, ווען איך פֿאָר אַוועק אויף אַ קורצער אָדער אויף אַ לענגערער צײַט, לאָז איך איבער די פֿירונג פֿון דער מלוכה אויף אַ פֿאַרטרויטן מענטשן. אויך איצט האָב איך שוין אַזאַ מענטשן אויסגעקליבן, און דאָס איז — דו!..

מרים איז געבליבן שטיין ווי געפּלעפֿט און די קאָלירן אין פּנים האָבן זיך בײַ איר געביטן.

— איך ?..

— יאָ, דו, מײַן ליבסטע!

און איר אומצוטרוי צו אים האָט זי געטראַכט, אַז ער האָט אוודאי פֿאַרטראַכט עפּעס שלעכטס, אַז ס'איז אין דעם געוויס פֿאַראַן עפּעס אַ שפּיצל. האָט זי אים מיט קאַלטער אײדלקייט געדאַנקט פֿאַר דעם כּבֿוד, וואָס ער האָט איר געוואָלט אָנטאָן און מיט פּונקט אַזאַ קאַלטער אײדלקייט האָט זי זיך אָפּגעזאָגט דערפֿון און באַלד נאָך דעם איז זי, ווי אַלע מאָל, אַוועק מיט שנעלע טריט און מער ניט געוואָלט רעדן מיט אים וועגן דעם...

ערשט נאָך זײַן אַוועקפֿאָרן האָט מען זיך דערוואוסט, אַז פּונקט ווי פֿריִער האָט ער דאָס מאָל אויך אויסגעקליבן סאָעמוסן און אים געמאַכט פֿאַר זײַן שטעלפֿאַרטרעטער צו פֿירן די מלוכה, ווען ער וועט דאָ ניט זײַן. און מיט דעם האָט ער שטאַרק דערצאָרנט זײַן יִינגערן ברודער פֿעראָראַ, וועלכער האָט שוין לאַנג אַרויסגעקוקט דערויף, אַז מע זאָל אים אַ מאָל איבערלאָזן צו פֿירן די מלוכה; און ער האָט אָפֿן אַרויסגעוויזן דעם גרויסן צאָרן זײַנעם, נאָך דעם ווי דער קיניג איז אַוועק קיין אַלעקסאַנדריע.

אין הויף האָבן זיך דאַן גלײַך גענומען אַרומטראָגן קלאַנגען, אַז אויסגעקליבן סאָעמוסן ווידער אַ מאָל האָט הורדוס, כּדי דערמיט אויסצונעמען בײַ מרימען. און ווײַל פֿעראָראַ האָט געגלויבט, אַז דאָס קען זײַן, האָט ער שוין די גאַנצע שולד דערפֿון געוואָרפֿן אויף איר און ער איז דערפֿאַר שוין אויך צוגעשטאַנען צו די, וואָס האָבן שטענדיק קעגן דער קיניגין געהעצט, כאָטש פֿריִער האָט ער זיך מיט זיי געהאַלטן פֿון דער ווײַטנס און ער האָט זיך געהאַט זײַנע אייגענע וועגן ווי אַזוי שטילערהייט צו גראָבן אויף אַנדערע, כּדי ער אַליין זאָל הויך שטײַגן אין דער מלוכה. ער האָט זיך אויך געמאַכט פֿאַרגעסן אָן דעם, וואָס ער האָט ניט איין מאָל אַרויסגעקוקט דערויף, אַז זײַן ברודער זאָל פֿאַלן און ער זאָל דאַן פֿאַרנעמען זײַן טראָן. ער איז אים מיט אַ מאָל גאָר געוואָרן געטרײַ און איבערגעגעבן. אַזוי האָט ער פֿאַרזיכערט אַלע נאָענטע אין הויף און אין איינעם מיט זײַן שוועסטער סאַלאָמעאַ, וועמען ער האָט שטענדיק שטילערהייט גאָר געהאַסט, האָט ער אַלץ געזוכט חטאים אויף מרימען און זי די גאַנצע צײַט געהאַלטן אויפֿן אויג.

— מע דאַרף זי היטן, שוועסטער — האָט ער צו סאַלאָמעאַן געזאָגט — שטאַרק היטן. זי און איר מוטער אַרבעטן שטילערהייט אויס אַ פֿאַרשווערונג קעגן קיניג, און דערפֿאַר האָט זי ניט געוואָלט, אַז איינער פֿון אונדזער משפּחה זאָל פֿירן די מלוכה, ווען דער קיניג איז דאָ ניטאָ...

די גאַנצע צײַט, וואָס הורדוס איז אין ירושלים ניט געווען, האָט פֿעראָראַ ניט גערוט. אויך סאַלאָמעאַ האָט זיך שטענדיק מיט סודות אַרומגעטראָגן. ביידע, דער ברודער און די שוועסטער, האָבן געהאַלטן אין איין זוכן מיטלען, ווי אַזוי זיך נוקם צו זײַן אין מרימען. זיי האָבן זי אַלץ געוואָלט כאַפּן בײַ עפּעס אַ פֿאַרברעכן, און צוליב דעם האָבן זיי אַלע מאָל אַן אַנדערן פֿון אירע באַדינער אונטערגעקויפֿט, ער זאָל זיי דערציילן, וואָס זי טוט, וואָס זי רעדט און צי זי טרעפֿט זיך מיט עמעצן שטילערהייט. און ווען זיי האָבן געזען, אַז פֿון די אַלע זאַכן,

וואָס די אונטערגעקויפּטע באַדינער דערציילן, קען מען מרימען אין קיין זאַך ניט געפינען שולדיק, האָבן זיי זיך מיט קאָסטאָבאַרן געהאַלטן אַן עצה, און ער, דער געניטער אויסשפּירער, וואָס איז אַלע מאָל געווען אַ גרויסער בריה צו מאַכן בלבולים אויף אומשולדיקע מענטשן, האָט גלײַך געהאַט אַ פּאַרטיקן מיטל:

— דאָס בעסטע אין דעם פאַל — האָט ער געזאָגט — איז מאַכן דעם קיניג צו גלויבן, אַז זי איז אים דאָ געווען פאַלש...

— און אַז אויסגעביטן האָט זי אים דאָ אויף סאָעמוסן!.. — האָט פּעראָראַ זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט אַ גדולה.

און דאָס גאַנצע געזינדל אין הויף האָט זיך מיט ברען אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט.

עס איז אין הויף דאַן שווער געווען צו געפינען אַ מענטשן מיט אַן אָפן פּנים, פּונקט ווי עס איז דאָרט שווער געווען צו געפינען אַ מענטשן מיט אַן אָפן האַרץ. אַלע האָבן זיך מיט סודות אַרומגעטראָגן, און איינער האָט דעם אַנדערן נאָכגעשפּירט און עפּעס פאַר עמעצן באַהאַלטן. אומעטום האָט מען זיך אָנגעשטויסן אָן האַס, אָן פאַרביטערטקייט און אָן פאַלשקייט, וואָס מע האָט מיט אַ געמאַכטן שמייכל געפּרוּווט פאַרשטעלן. און מע האָט ניט געוואוסט, ווער עס איז מיט וועמען און ווער קעגן וועמען. און אַ מורא איז געהאַנגען איבערן קאָפּ בײַ טאָג און בײַ נאַכט. און קיינער האָט דעם אַנדערן גלײַך אין די אויגן ניט געקענט קוקן.

און אין דעם קנויל פון האַס און פאַלשקייט און מורא און פאַרביטערטקייט האָט זיך מרים געפּלאָנטערט מיט איר טיפן ווייטאָג אין האַרצן און מיט שווערע געדאַנקען אין מוח. עס איז איר שוין געווען אַלץ איינס צי סאַלאָמעאַ און די אַנדערע פון הורדוסעס משפּחה שפּירן איר נאָך צי ניין. זי האָט שוין די גאַנצע משפּחה זײַנע פײַנט געהאַט און שוין מיט קיינעם פון זיי ניט גערעדט. זי האָט סאַלאָמעאָס פּנים מיט די גרינע אויגן ניט געקענט אָנקוקן, און אַלע מאָל, ווען זי האָט זי אין הויף דערזען, האָט זי זיך מיט פאַראַכטונג אָפּגעקערט פון איר. אויך פון סאַלאָמעאָס מאַן קאָסטאָבאַר, דעם הויפּט פון אַלע אויסשפּירער אין לאַנד, האָט זי זיך אָפּגעקערט מיט פאַראַכטונג אַלע מאָל, ווען זי האָט אים נאָר אין הויף דערזען. זי האָט ניט געקענט קוקן אויף זײַן רויטן קאַרק, דעם פעטן, וואָס האָט זיך שטענדיק אין טיפע קאַרבן געקנייטשט און עס האָט זיך געדאַכט, אַז פון וואָס פאַר אַ זײַט מע זאָל ניט קוקן אויף אים, אויף דעם קאָסטאָבאַרן, וואַרפט זיך פריִער פון אַלץ אין די אויגן דער רויטער קאַרק זײַנער, און ווען ער וואַרפט אַ בליק אויף אַ מענטשן, דערזעט ער בײַ אים דעם האַלדז נאָך איידער ער דערזעט זײַן פּנים, און אין געדאַנק טוט ער אים שוין אָן די תּליה...

קיינער אין הויף איז איר ניט געווען ליב, אַפילו ניט איר אייגענע מוטער; זי איז געווען בייז אויף איר, פאַר וואָס זי איז מיט אַ מאָל אַריבערגעגאַנגען אויף הורדוסעס זײַט, און זי האָט ניט געקענט הערן ווי יענע רעדט איר אַלץ אײַן, אַז זי זאָל זיך מיט אים איבערבעטן און ווידער זײַן אַ ווײַב צו אים. אַלע מאָל ווען די מוטער האָט מיט איר אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם, האָט זי זיך אַרויסגעדרייט פון איר און איז אַוועק צו די קינדער, און בלויז דאַן, ווען זי האָט מיט די קינדער

פאַרבראַכט, האָט זי געפילט, ווי זי וואַרפט פון זיך אַרונטער די שווערקייט, וואָס דריקט אַזוי איר געמיט.

אָבער אַלכּסנדרה האָט איר קיין רו ניט געגעבן.

— דו גייסט צו ווײַט אין דײַן עקשנות, טאָכטער — האָט זי מרימען געוואָרנט — דו שטעלסט דײַן לעבן אין אַ גרויסער סכּנה.

— מיר איז דאָס שוין אַלץ איינס — האָט מרים איר געענטפערט.

און ווען אַלכּסנדרה האָט איר אָנגעהויבן געבן צו פאַרשטיין, אַז זי איז איצטער איבערגעגאַנגען אויף הורדוסעס זײַט ניט דערפאַר, וואָס ער האָט מיט אַ מאָל געפונען חן אין אירע אויגן, נאָר דערפאַר, וואָס די נײַע געשעענישן אין רוים האָבן זײַן מאַכט נאָך מער באַפעסטיקט און עס איז מער ניטאָ קיין האָפענונג, ער זאָל פאַלן, האָט מרים איר איבערגעשלאָגן:

— מוטער — האָט זי איר געזאָגט — אין די אַלע זאַכן קלײַב איך זיך ניט פונאַנדער און זיי גייען מיר איצט ניט אָן. מלוכה־ענינים זענען מיר פרעמד און זיי קענען ניט בײַטן די געפילן פון מײַן האַרץ. ווען איך האָב אים ליב געהאַט, איז דאָס געווען מיטן גאַנצן האַרצן, און איצט, ווען איך האַס אים, איז דאָס אויך מיטן גאַנצן האַרצן...

און פונקט ווי זי וואָלט זיך דערשראָקן פאַר די לעצטע ווערטער, וואָס זי האָט אַליין פון מויל אַרויסגעבראַכט, האָט זי אָנגעהויבן שרײַען אויפן קול:

— אַז איך וויל פון אים מער קיין קינדער ניט האָבן! איך וויל ניט!..

נאָך דעם האָט זי לאַנג שטיל געוויינט, און וויינענדיק האָט זי ווי צו זיך אַליין גערעדט:

— איך האָב מורא...אַ פחד פילט אָן מײַן האַרץ, ווען איך טראַכט וועגן די קינדער, וואָס איך האָב פון אים געבוירן... זין און טעכטער... און זיי וועלן דאָך אויסוואַקסן גרויסע, די זין און אויך די טעכטער... די זין — יורשים פאַרן טראָן פון יהודה... און ער האַסט דאָך יעדן איינעם, וואָס האָט אין זיך דאָס בלוט פון אַ חשמונאי, פון מײַן משפּחה... און ער וועט זיי אַוודאי אומברענגען, די זין מײַנע... ער וועט זיי אומברענגען...

פריִער האָט איר אַזוינס קיין מאָל גאָרניט געקענט קומען אויפן זינען; און איצט, ווען דאָס איז איר שוין יאָ אויפן זינען געקומען, איז דאָס ווי אַ שווערער שטיין אין וואַסער גלײַך אַרונטער צו דער סאַמע טיפעניש און זי האָט שוין וועגן דעם ווײַטער געטראַכט, און וואָס מער זי האָט געטראַכט דערפון, אַלץ מער איז בײַ איר אויסגעקומען, אַז ס׳איז טאַקע זייער מעגלעך, אַז דאָס זאָל געשען... וואָרעם וואָס איז דאָ אין הויף דען ניט מעגלעך?..דאָס איז אַ הויף, וואו אַלץ, וואָס מע זעט נאָר מיט די אויגן, אָטעמט מיט האַס... איבער אַלעמענס קעפּ הענגט דאָ שטענדיק אַ מורא... און ווען מע דערמאָנט זיך אָן דעם, וואָס ס׳איז דאָ שוין געשען, און מ׳גיט אַ טראַכט וועגן דעם, וואָס ס׳קען דאָ נאָך געשען, באַפאַלט אַזאַ אימה, אַז ס׳דאַכט זיך, אַז אומעטום שטייט מען דאָ אויג אויף אויג מיטן טויט...

אַזוי האָט מרים געטראַכט און אַרײַנגעמענדיק דעם קאָפּ אין בײדע הענט, האָט זי געוויינט און געוויינט און עס איז פאַר איר ניט געווען קיין טרייסט...

אַכטער קאַפּיטל

ווי עס פּאַסט פאַר אַ טאָכטער פון די חשמונאים

א

דאָס מאָל האָט הורדוס בײַם צעזאַר זיך לאַנג ניט פאַרזאַמט. און געקומען צוריק קיין ירושלים איז ער ניט אַליין, נאָר מיט פיר הונדערט פון קלעאָפּאַטרעס געוועזענע לײַבוועכטער, וואָס אָקטאַוויאַנוס האָט אים אָוועקגעגעבן אַ מתנה.

— זעט די גיבורים! — האָט הורדוס אין הויף זיך באַרימט מיט זיי — אַלע אויסגעפּרואווטע קריגסלײַט, געלערנט צו מלחמה. דער שטאָלץ פון קלעאָפּאַטרעס הויף זענען זיי געווען, און איצט האָט דער צעזאַר זיי מיר אָוועקגעגעבן אַ מתנה ווי אַ צייכן פון זײַן פרײַנדשאַפט צו מיר.

געזאָגט האָט ער דאָס אויף דער גרויסער סעודה, וואָס מע האָט געמאַכט אין הויף אין דעם טאָג פון זײַן קומען. אַלע הויפלײַט און ראַטגעבער זענען צו דער סעודה געקומען. און אויסגעזעצט בײַם טיש זענען זיי געווען לויט ראַנג און שטאַנד, און אויבנאָן איז געזעסן דער קיניג, און לעבן אים אין דער רעכטער זײַט איז געזעסן מרים און אין דער לינקער זײַט איז געזעסן אַלכּסנדרה.

ער איז דאַן געווען גוט אויפגעלייגט, דער קיניג. דאָס אַליין, וואָס מרים איז געזעסן לעבן אים איז געווען גענוג, אַז ער זאָל זיך פילן אין אַ געהויבענער שטימונג. און ווען ער האָט מיט באַגײַסטערונג דערציילט וועגן די גרויסע זאַכן, וואָס ער האָט איצטער אויפגעטאָן פאַר די ייִדן אין מצרים, האָט ער געטראַכט פון דעם, וואָס איר וועט דאָס אוודאי וואויל געפעלן, און זי וועט אים אפשר פאַרגעבן די זינד פון פריִער און זי וועט ווידער ווערן גוט צו אים...

— איך האָב דעם צעזאַר באַוויזן — האָט ער געזאָגט מיט גרויס פאַרנעם, און דערבײַ געכאַפּט אַ קוק צו מרימען צו זען אויב זי הערט זיך צו אויפמערקזאַם צו זײַנע רייד — יאָ, איך האָב אים באַוויזן, אַז די ייִדן אין מצרים זענען שטענדיק געווען פרײַנד פון רוים, און מע דאַרף איצט דעריבער אויף זיי ניט קוקן ווי אויף פרעמדע, נאָר ווי אויף אײַנגעזעסענע. און זיי דאַרפן האָבן די זעלבע רעכט גלײַך מיט אַלעמען. און דער איידעלער אָקטאַוויאַנוס האָט זיך צוגעהערט צו מײַנע רייד און אין זײַן גנאָד האָט ער צו אונדזערע ברידער אין מצרים געגעבן די זעלבע רעכט, וואָס ער האָט געגעבן אַלע אײַנגעזעסענע בירגער אין לאַנד.

— און ייִדן אומעטום וועלן דיך בענטשן דערפאַר. — האָט איינער בײַם טיש שטיל געזאָגט.

— דאָס פֿאָלק וועט דיך בענטשן דערפֿאַר, זון, — האָט אַלכּסנדרה געגעבן אַ זאָג אַזוי, אַז אַלע זאָלן הערן.

הורדוס האָט זיך לײַכט פֿאַרנייגט פֿאַר איר, און דאָס האָט געמיינט, אַז ער שעצט הויך איר לויב. און באַלד האָט ער שוין ווידער גערעדט וועגן די גרויסע זאַכן, וואָס ער האָט אויפֿגעטאָן:

— איך האָב דעם צעזאַר געמאַכט צו גלויבן — האָט ער יעדעס וואָרט מיט זיכערקייט אונטערגעשטראָכן — אַז אויף קיינעם קען ער זיך אַזוי ניט פֿאַרלאָזן ווי אויף ייִדן. און איך האָב אים געראָטן, אַז ער זאָל זיי דערהויבן צו די העכסטע שטעלעס אין דעם לאַנד מצרים, און ער האָט זיך צוגעהערט צו מײַנע רייד און האָט דעם עלטסטן פֿון די ייִדן אין אַלעקסאַנדריע, דעם קלוגן און דעם ווירדיקן ניקאַנאָר, געמאַכט פֿאַרן אַראַבאַרך איבער אַלע צינדזן און שטײַערן פֿון די תּבֿואות, וואָס גייען אַרויס פֿון דעם גאַנצן לאַנד דורכן טײַך נילוס און דורך דעם ים התּיכון. צו אַזאַ כּבֿוד איז נאָך ביז איצט קיין ייִד אין דעם לאַנד מצרים ניט דערהויבן געוואָרן. און דער צעזאַר אַליין האָט מיט זײַן גרויס גנאָד אַרויסגעגעבן אַ געזעץ, אַז קיינער פֿון די גרויסע לײַט אין רוים, אַפֿילו די וואָס זיצן אין סענאַט, טאָר ניט באַטרעטן די ערד פֿון מצרים אָן אַ באַזונדערער דערלויבעניש פֿון דעם ייִדישן אַראַבאַרך. דאָס איז אַ כּבֿוד פֿאַר די ייִדן אין מצרים, און אויך פֿאַר די ייִדן, וואָס וואוינען אין אַנדערע לענדער. און געטאָן האָט דאָס דער צעזאַר, ווײַל ער האָט זיך צוגעהערט צו מײַנע רייד, און ווי אַ צייכן פֿון פֿרײַנדשאַפֿט צו מיר און צו מײַן קיניגרײַך.

ווען ער האָט געענדיקט, האָט ער זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו מרימען און מיט אַ צופֿרידענעם שמייכל איר אין די אויגן אַרײַנגעקוקט, און שפּעטער, ווען אַלע בײַם טיש האָבן שוין גערעדט צווישן זיך, האָט ער איר שטיל געזאָגט:

— און די אַלע גוטע זאַכן פֿאַר די ייִדן אין מצרים האָב איך געטאָן צוליב דיר, געליבטע פֿון מײַן האַרץ. דאָס איז די מתּנה, וואָס איך האָב דיר געבראַכט פֿון אַלעקסאַנדריע, ווײַל איך האָב געוואוסט, אַז אַזאַ מתּנה וועט בײַ דיר זײַן טײַערער פֿון גאָלד און זילבער און פֿון די בעסטע שנירלעך פּערל, וואָס קענען באַפּוצן דײַן שיינעם האַלדז...

מרים האָט אים געדאַנקט פֿאַר די גוטע זאַכן, וואָס ער האָט געטאָן פֿאַר ייִדן. זי האָט מיט אים בײַם טיש גערעדט זייער איידל, און דאָס האָט אים געמאַכט צו גלויבן, אַז זי טראָגט מער ניט אין איר האַרץ קיין כּעס אויף אים, און ער האָט זיך שוין געפֿילט גליקלעך און האָט צוליב דעם געטרונקען מער ווײַן ווי געווינטלעך. אָבער בײַ נאַכט, ווען ער איז צו איר געקומען, האָט זי אים פֿון זיך ווידער אָפּגעשטויסן...

— אָבער מרים, מרים... — האָט ער מיטן גאַנצן לײַב געציטערט — זעסטו דען ניט?.. פֿילסטו דען ניט, ווי איך גאַר נאָך דיר?..ווי איך...

ער האָט ניט געוואוסט, וואָס ער זאָל איר זאָגן. עס האָבן אים אויסגעפֿעלט ווערטער אויסצודריקן, וואָס ער פֿילט, און ער איז ווי אַ צעמישטער בײַ איר בעט געשטאַנען און האָט אַזוי שווער געאָטעמט, אַז די ברוסט האָט זיך בײַ אים אויף און אָפּ געהויבן.

— מרים... מרים...

זי האָט דעם קאָפּ פֿון דעם קישן אויפֿגעהויבן און מיט אַ פֿינגער פֿון דער האַנט אָנגעוויזן אויף דער טיר.

— גיי אַרויס פֿון דאַנען, הורדוס, און צעשטער ניט די רו פֿון דער נאַכט... אין מײַן האַרץ איז מער ניטאָ קיין ליבע פֿאַר דיר...

אַלע בלוטן זענען אים געקומען אין פּנים אַרײַן און ער האָט זיך געלאָזט לויפֿן ווי אַ ווילדער. און לויפֿנדיק האָט ער מיט אַ פֿאַרשטיקט קול געשריגן און זיך געריסן די האָר פֿון קאָפּ.

די באַדינער אין הויף האָבן מורא געהאַט זיך צו ווײַזן פֿאַר אים, ווען זיי האָבן זײַנע ווילדע קולות דערהערט. זיי האָבן זיך אַלע נאָך מער אין זייערע ווינקלען פֿאַררוקט. און אײַנהאַלטנדיק דעם אָטעם האָבן זיי געוואַרט ביז די קולות האָבן זיך אײַנגעשטילט. און נאָך דעם האָט שוין קיינער פֿון זיי ניט געקענט שלאָפֿן. און אויף מאָרגן האָט הורדוסעס קאַמערדינער יעדן איינעם פֿון זײַנע פֿרײַנד אין הויף דעם זעלבן סוד שטילערהייט דערציילט:

— דער קיניג האָט אַ גאַנצע נאַכט שרעקלעכע חלומות געזען, און ער האָט ווי אַ לייב געברומט... אויך געוויינט האָט ער אין שלאָף, און וויינענדיק האָט ער די קיניגין בײַם נאָמען אָנגערופֿן: „מרים!.. מרים!..“

נאָך דעם איז דער סוד פֿון מויל צו מויל געגאַנגען. אַלע האָבן זיך וועגן דעם שטילערהייט געשושקעט. אויך סאַלאָמעאַ האָט מיט איר ייִנגערן ברודער פֿעראָראַ און מיט איר מאַן קאָסטאָבאַר זיך וועגן דעם געסודעט; אַלע דרײַ האָבן אַלע מאָל עפּעס אַנדערש צוגעטראַכט, ווי אַזוי נאָך מער צו צערייצן דעם קיניג. און איין מאָל איז סאַלאָמעאַ אַרײַנגעלאָפֿן צו אים אַ צעקאָכטע, און זי האָט אים געזאָגט, אַז איצט ווייסט זי שוין באַשטימט, אַז מרים איז אים געווען פֿאַלש. זי האָט אים מיט איבערגעטריבענעם כּעס שוין געהאַט אָנגעהויבן עפּעס דערציילן וועגן דעם; אָבער ער האָט גאָרניט געוואָלט הערן וואָס זי רעדט.

— שווײַג! — האָט ער זיך אויף איר בייז צעשריגן — און פּײַניק מיך ניט מיט דײַנע רייד. איך וויל דאָס פֿון דיר מער ניט הערן!..

ב

אים אַליין האָט שוין דאָן אויך געפּײַניקט דער שרעקלעכער געדאַנק, אַז מרים איז אים געווען פֿאַלש. אָבער ער האָט ניט געוואָלט, אַז אַנדערע זאָלן אים דאָס זאָגן. ער האָט זיך פֿון דעם געפֿילט שרעקלעך באַליידיקט און געקרענקט. ער האָט ניט געקענט פֿאַרגעסן, וואָס זי האָט אים געזאָגט, אַז אין איר האַרץ איז מער ניטאָ קיין ליבע צו אים; ער האָט ניט געוואָלט גלויבן אין דעם; ער איז געווען זיכער, אַז אויב ער וועט אין דעם יאָ גלויבן, וועט ער נאָך אפֿשר פֿון זינען אַרונטער; ער איז געווען גרייט אַ וועלט אַ גאַנצע חרוב צו מאַכן, אויב ס'וועט זיך אַרויסווײַזן, אַז עס איז אמת, וואָס מרים אַליין האָט אים בײַ נאַכט געזאָגט. און פּונקט אַזוי גרייט איז ער געווען אַ וועלט אַ גאַנצע אויסצובויען, אַז עס זאָל זיך אַרויסווײַזן, אַז זי האָט ניט געמיינט, וואָס זי האָט געזאָגט. און גאַנצע

טעג האָט ער ווי אַ פֿאַרליבטער ייִנגל נאָכגעפֿאָלגט יעדע באַוועגונג אירע, יעדן בליק אירן, און אָנגענומען פֿאַר אַ גוטן סימן אַלץ, וואָס זי האָט געטאָן, און יעדע קלייניקייט, וואָס האָט אין דער אמתן קיין באַדײַטונג ניט געהאַט. און אַלע טאָג האָט ער מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דער באַשטימטער שעה, ווען זי שיקט צו אים אַרײַן מיט איר באַדינער אַ בעכער צו טרינקען. ער האָט אין דעם געזען אַ צייכן פֿון איר ליבע צו אים, און דער בעכער ווײַן, וואָס זי האָט אים מיטן באַדינער אַרײַנגעשיקט, האָט בײַ אים געהאַט דעם בעסטן טעם אין דער וועלט. און ער האָט נאָך אַלץ ניט אויפֿגעגעבן די האָפֿענונג, אַז ווען ניט ווען וועט סוף כּל סוף קומען אַ טאָג, ווען זי וועט אַליין, פּונקט ווי אַ מאָל, אין דער באַשטימטער שעה אַרײַנקומען צו אים מיטן בעכער ווײַן אין דער האַנט און מיטן ליבן שמייכל אויף די ליפּן און דאַן וועלן אַלע ליידן, וואָס ער טראָגט איבער די לעצטע צײַט, אין גאַנצן אָפּגעווישט ווערן, און עס וועט אים קענען באַקומען דאָס, וואָס זײַן מאַכט איז געוואָרן נאָך פֿעסטער און זיכערער זינט אָקטאַוויאַנוס האָט אים אַזוי הויך דערהויבן.

אָבער עס זענען אַוועק וואָכן און חדשים און אַזאַ טאָג איז ניט געקומען...

דאָס האָט אים געמאַכט אַזוי ווילד, אַז עס איז געווען אַ מורא צו רעדן מיט אים. יעדע קלייניקייט האָט אים אויפֿגערעגט; ער האָט געהאַלטן אין איין שרײַען אויף אַלעמען; וואָס מע האָט אין הויף געטאָן, איז אים ניט געפֿעלן, און ווען מע האָט זיך פֿאַר אים מיט עפּעס פֿאַרזינדיקט, האָט ער גלײַך אויפֿן אָרט געהאַט די שטראָף:

— אָפּהאַקן דעם קאָפּ!.. אָפּהאַקן דעם קאָפּ!..

שטענדיק איז ער געווען בייז, שטענדיק איז ער געווען צערייצט און ווילד. און איין מאָל ווען ער האָט זיך אין זײַן חדר אַוועקגעלייגט זיך אָפּצורוען אַ ביסל, ווי זײַן שטייגער איז געווען אַלע טאָג אין אַ באַשטימטער נאָכמיטאָג־שעה, האָט מען מיט אַ מאָל פֿון דאָרט זײַנע הילכיקע קולות דערהערט:

— מרים!.. מרים!..

ווי דאָס ווײַטע אָפּהילכן פֿון אַ דונער האָבן זיך זײַנע קולות איבערן גאַנצן הויף געטראָגן און אויף אַלעמען אַרויפֿגעוואָרפֿן אַזאַ מורא, אַז ווער עס האָט נאָר ערגעץ אין מיטן גאַנג געהאַלטן, האָט זיך אָפּגעשטעלט און איז ווײַטער ניט געגאַנגען. און ווער עס האָט נאָר אין מיטן רעדן געהאַלטן, איז געבליבן שטיל...

מרים האָט זיך אויף זײַנע קולות ניט אָפּגערופֿן. ערשט ווען ער האָט נאָך איר אַ באַדינער געשיקט, איז זי שטיל צו אים אַרײַנגעקומען און איז געבליבן שטיין בײַ דער טיר.

— קום נעענטער צו מיר — האָט ער זי צו זיך גערופֿן.

זי איז צוגעגאַנגען.

— לייג זיך אַנידער אָט דאָ לעבן מיר — האָט ער איר אויפֿן בעט אָנגעוויזן.

זי האָט גאָרניט געענטפֿערט און זיך פֿון אָרט ניט גערירט.

— פֿײַניק ניט אַזוי מײַן לײַב — האָט ער זיך בײַ איר אָנגעהויבן בעטן — און לאָז מיך דײַנע ליפּן קושן. איך ווער פֿאַרברענט פֿון דעם באַגער, דעם אָטעם

פון דײַן מויל צו פילן און דעם ריח פון דײַן לײַב... קום אַהער צו מיר, מײַן ליבע. קום צו נעענטער, מײַן ווײַב...

בײַ מרימען האָט זיך דאָס פּנים געררויטלט. זי האָט אַלץ געשוויגן און צו אים דאָס פּנים ניט אויפגעהויבן. און ווען עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זי וויל זיך שוין אויסדרייען און אַוועקגיין, האָט ער זי אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט.

— מרים, האָסטו גאָר קיין רחמנות ניט אויף מיר?..

זי האָט איר האַנט פון זײַנער אַרויסגעריסן און דער קאָליר פון פּנים האָט זיך בײַ איר מיט אַ מאָל געביטן.

— רחמנות? — האָט זי אָנגעהויבן רעדן מיט גאַל — דו רעדסט פון רחמנות? האָסטו רחמנות געהאַט אויף מײַן ברודער, ווען דו האָסט געהייסן, מע זאָל אים אין יריחו אין טײַך דערטרינקען? האָסטו רחמנות געהאַט אויף מײַן זיידן, ווען דו האָסט אויף אים געמאַכט אַ בלבול און אים באַשטראָפט מיטן טויט? האָסטו רחמנות געהאַט אויף מיר, אָדער אויף די קינדער, ווען דו האָסט בײַם פאַרלאָזן ירושלים אָנגעזאָגט, אַז אויב עס וועט מיט דיר עפּעס געשען, זאָל מען מיך דאָ גלײַך דערשטיקן אויף טויט? האָסטו רחמנות געהאַט אויף די אַלע הונ־דערטער און טויזנטער מענטשן, וואָס קאָסטאָבאַר און זײַנע לײַט האָבן אויף דײַן באַפעל בײַ נאַכט פון די בעטן אַרויסגעשלעפּט און זיי אין די תּפיסות פאַרשפּאַרט און פון דער וועלט אומגעבראַכט? דו האָסט אויף קיינעם קיין רחמנות ניט געהאַט. דיר איז אין גאַנצן פרעמד אַזאַ געפיל און דאָס לעבן פון אַ מענטשן האָט בײַ דיר ניט קיין ווערט. אין בלוט, אין פײַער און אין וואָלקנס רויך האָסטו פאַר זיך אַ וועג געמאַכט. דו האָסט דאָס גאַנצע לאַנד מיט בלוט פאַרפּליצט. דו האָסט די הערצער פון אַלע אײַנוואוינער אין יהודה מיט שרעק און אימה אָנגעפילט. מענטשן האָבן אָנגעהויבן מורא האָבן פאַרן אייגענעם שאָטן און קיינער איז מיט זײַן לעבן מער ניט זיכער... איך האָב אַלץ געהאָפט, אַז דו וועסט בעסער ווערן, אַז דײַן האַרץ וועט דאָך ווערן ווייך. זיך אַליין האָב איך גענאַרט שטענדיק, ווײַל גרויס געווען איז צו דיר מײַן ליבע. אָבער איצט זיך נאַרן קען איך מער ניט!.. איך האָב פאַר דיר קיין ליבע מער ניט!.. און איך זאָג דאָס דיר גאַנץ אָפן און בעט מיך ניט צו זײַן דײַן ווײַב!..

נאָך קיין מאָל האָט ער פון איר אַזעלכע שאַרפע און ביטערע רייד ניט געהערט. און ער האָט זיך ווי אין אַנגסטן געצאַפּלט, ווען זי האָט אַזוי גערעדט. עטלעכע מאָל האָט ער איר געוואָלט איבערשלאָגן, אָבער ער האָט זיך אײַנגע־האַלטן, און דאָס איז אים אָנגעקומען זייער שווער, און ער האָט מיט אַ פאַרשטיקט קול געברומט. און ווען זי האָט געענדיקט, האָט ער געגעבן אַ שפּרונג אויף, און קריצנדיק מיט די ציין, האָט ער אָנגעהויבן שרײַען:

— ניט בעטן וועל איך דיך, נאָר צווינגען וועל איך דיך צו זײַן אַ ווײַב צו מיר!..

און אָנווײַזנדיק אויף דעם בעט, וואָס איז נידעריק אויף אַ געשטריקטן טעפּעך געשטאַנען, האָט ער נאָך העכער גענומען שרײַען:

— שוין זאָלסטו זיך דאָ אַוועקליגן לעבן מיר!.. אַזוי איז מײַן באַפעל!..

ער אַליין האָט זיך פֿאַר זײַנע אייגענע ווילדע קולות דערשראָקן און ער איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער און האָט געוואָרט, אַז זי זאָל טאָן, וואָס ער הייסט איר. אָבער אויף מרימס פּנים איז אַפֿילו קיין סימן פֿון קיין שרעק ניט געווען. אַן אײַנגעשפּאַרטע האָט זי אים מיט פֿאַראַכטונג גלײַך אין די אויגן אַרײַנגעקוקט, און ניט זאָגנדיק קיין וואָרט, האָט זי זיך אויסגעדרייט מיט די פּלייצעס צו אים און איז מיט שנעלע טריט אַרויס און אים איבערגעלאָזט אַליין.

און ווען ער איז געבליבן אַליין, האָט ער זיך מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט בײַם קאָפּ און אַליין ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך, צי זאָל ער איר נאָכלויפֿן און זי טאַקע צווינגען צו טאָן זײַן ווילן אָדער ער זאָל איר פֿאַלן צו די פֿיס און בעטן, זי זאָל אים פֿאַרגעבן, פֿאַר וואָס ער איז געווען אַזוי ניט איידל צו איר. בײַסנדיק די ליפּן ביז בלוט, האָט ער זיך געגעבן אַ וואָרף מיטן פּנים אַראָפּ אויף דעם ליידיקן בעט, און ער האָט ווי אַ ניט־דערקוילעטער אָקס געכאָרכלט און זיך געריסן די האָר פֿונעם קאָפּ.

לאַנג אײַנליגן אויף אַן אָרט האָט ער ניט געקענט. ער איז באַלד אויפֿגעשפּרונגען און מיט ברייטע טריט האָט ער אָנגעהויבן שפּאַנען הין און צוריק, און אַלע מאָל ווען ער איז צו אַ וואַנט צוגעקומען, האָט ער זי מיטן פֿוס געגעבן אַ קלאַפּ און זיך אויסגעדרייט צוריק און איז ווידער אַ מאָל און נאָך אַ מאָל געגאַנגען איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פֿון דעם גרויסן חדר, וואָס האָט אים מיט שווערער פּוסטקייט געדריקט. און אַזוי האָט ער זיך געדרייט ביז עס האָט אים אָנגעהויבן שווינדלען אין די אויגן, און ער האָט שוין מער אויף די פֿיס ניט געקענט אײַנשטיין. און דאַן האָט ער זיך צוריק אויפֿן בעט אַוועקגעזעצט, און אַרײַננעמענדיק דעם טיף געבויגענעם קאָפּ אין ביידע הענט, האָט ער שווער געאָטעמט און אַלע מאָל האָט ער די אויגן פֿאַרמאַכט און זיי באַלד צוריק ווידער געעפֿנט.

***

עס איז הורדוסן געווען שווער צו פֿועלן בײַ זיך, אַז דאָס איז שוין טאַקע דער סוף פֿון דער גרויסער ליבע, וואָס האָט אים אַזוי פֿיל יאָרן צוגעגעבן מוט און געשטאַרקט זײַנע הענט אַזוי, אַז ער זאָל אַלע שטערונגען קענען בײַקומען. מרימס געשטאַלט איז אים די גאַנצע צײַט פֿון די אויגן ניט אַוועק, און ער האָט אין דער לופֿט געשמעקט דעם ריח פֿון איר לײַב און אין אַלע בלוטן פֿון די אָדערן געפֿילט דעם באַגער צו איר. ער האָט געוואָרט, אַז זי זאָל צוריק אַרײַנקומען צו אים, און וואָרטנדיק האָט ער געטראַכט, אַז ווען זי וועט אַרײַנקומען, וועט ער זי איצט דווקא ניט נעמען ווי אַ מאַן אַ ווײַב, נאָר ער וועט צאַרט און איידל קושן אירע ליפּן און אירע אויגן און וועט איר זאָגן אַ סך גוטע רייד. פֿון יעדן שאָרך, וואָס האָט זיך פֿון דער אַנדערער זײַט וואַנט צו אים דערטראָגן, האָט ער די אויערן אויפֿגעשפּיצט, און אויפֿהייבנדיק דעם קאָפּ, האָט ער מיט פֿאַרבענקטע בליקן צו דער טיר געקוקט. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו הערן איר קול פֿון דער אַנדערער זײַט וואַנט. ער האָט געלעכצט צו זען איר פּנים און פֿילן דעם וואַרעמען אָטעם פֿון איר מויל.

אָבער מרים איז צו אים צוריק ניט אַרײַנגעקומען.

מיט אַ מאָל האָט ער דערהערט טריט, און ווען ער האָט דעם געבויגענעם קאָפּ אויפגעהויבן, האָט ער דערזען ווי מרימס באַדינער, גאַדי, שטייט פאַר אים מיט אַ בעכער ווײַן אויף אַ גילדענער טאַץ.

— פון דער קיניגין? — האָט ער זיך געגעבן אַ כאַפּ, און זײַן פרייד איז געווען זייער גרויס, וואָס אַפילו איצט האָט זי אים אין דער באַשטימטער שעה דעם בעכער ווײַן אַרײַנגעשיקט.

און ער איז שוין געווען גרייט דעם ווײַן צו טרינקען, אָבער דער באַדינער גאַדי האָט אים אָפּגעשטעלט:

— זאָל דער קיניג צו דעם ווײַן זיך ניט צורירן; עס איז אין דעם בעכער גיפט פאַראַן!..

— גיפט?! — האָט הורדוס זיך געגעבן אַ כאַפּ צוריק און איז געבליבן שטיין אַ דערשראָקענער — פאַר וואָס־זשע האָסטו מיר דעם בעכער ווײַן געבראַכט?

— די קיניגין האָט דאָס מיר געהייסן — האָט ער געענטפערט — אין איך האָב אַליין מיט מײַנע אייגענע אויגן געזען, ווי זי האָט אין דעם בעכער ווײַן גיפט אַרײַנגעטאָן. זי האָט מיר אַ מתנה פון גאָלד און זילבער דערפאַר געגעבן — האָט ער אים אַ קליין זעקעלע מיט מטבעות געוויזן — דאָס, האָט זי געזאָגט, וועט זײַן מײַן באַלוינונג דערפאַר, וואָס איך וועל ניט אַנטפּלעקן דעם סוד; אָבער איך בין צום קיניג אַ קנעכט אַ געטרײַער און איך אַנטפּלעק דיר דעם סוד, מײַן האַר...

— ביסטו זיכער, אַז אין דעם בעכער איז גיפט פאַראַן? — האָט הורדוס אָנגעהויבן שרײַען אויפן באַדינער — אויב דאָס איז אַ בלבול אויף דער קיניגין, וועל איך דיך דערפאַר מיטן טויט באַשטראָפן און פאַרן טויט וועט מען דײַן לײַב מיט אָנגעגליטע שפּיזן ברענען און בראָטן. ענטפער, גאַדי, זאָג מיר שוין! איז אין דעם בעכער גיפט פאַראַן?

—יאָ, מײַן קיניג — האָט גאַדי געענטפערט — עס איז אין דעם בעכער גיפט פאַראַן און מיט מײַנע אויגן האָב איך געזען, ווי די קיניגין האָט אין אים דעם גיפט אַרײַנגעטאָן.

דאָס גלאַטע תמעוואַטע פנים פון אַ סריס האָט זיך בײַ אים ניט באַוועגט און ער האָט ווײַטער מיט זײַן ווײַבעריש קול גערעדט וועגן זײַן געטרײַשאַפט צום קיניג און וועגן דער מתנה פון גאָלד און זילבער, וואָס די קיניגין האָט אים נאָר וואָס געגעבן. אָבער הורדוס האָט זיך שוין מער ניט צוגעהערט צו זײַנע רייד. אַ צעטומלטער האָט ער אויף דעם בעכער ווײַן געקוקט און האָט ניט געקענט גלויבן, אַז דאָס, וואָס דער באַדינער גאַדי האָט אים איצט דערציילט, איז טאַקע אמת. ער איז געווען אַזוי צעמישט, אַז ער האָט ממש געקענט פילן ווי די געדאַנקען אין קאָפּ האָבן זיך בײַ אים אין גאַנצן אָפּגעשטעלט און זענען ווי פאַרגליווערט געוואָרן. און מיט אַ מאָל האָט ער זיך געגעבן אַ לאָז, ווי ער וואָלט זיך נאָך אַ גרויסער אָנשטרענגונג פונעם אָרט אָפּגעריסן, און ער האָט אָנגעהויבן שרײַען:

— שוין זאָל מען פֿון געפֿענגעניש ברענגען אַהער אַ מענטשן, וואָס איז צום טויט פֿאַרמשפּט!

בײַם אויסשרײַען דעם באַפֿעל איז ער געבליבן שטיין מיט אַן אויפֿגעהויבענער האַנט און פֿון זײַנע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ ווילדער צאָרן, וואָס איז געווען געמישט מיט שרעק. און ווען מע האָט פֿון געפֿענגעניש געבראַכט אַ מענטשן, וואָס איז שוין געווען צום טויט פֿאַרמשפּט, האָט הורדוס מיט דער האַנט אָנגעוויזן אויף אים:

— גיב אים אויסטרינקען דעם בעכער ווײַן!..

געזאָגט האָט ער דאָס קאָסטאָבאַרן, וועלכער איז שוין דאַן געשטאַנען לעבן אים גרייט זײַנע באַפֿעלן דורכצופֿירן. אויך סאַלאָמעאַ איז שוין לעבן אים גע־שטאַנען און האָט די גאַנצע צײַט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז דאָס, וואָס זי הערט און זעט איצט, איז פֿאַר איר אַ נײַס און אַז זי איז שטאַרק צערודערט דערפֿון און קען פֿון גרויס אויפֿרעגונג אויף אַן אָרט ניט אײַנשטיין; אַלע מאָל איז זי אַרויסגעלאָפֿן און איז באַלד צוריק ווידער אַרײַנגעלאָפֿן, און לויפֿנדיק אַזוי אַהין און צוריק, האָט זי אַלע מאָל געהאַט עפּעס אַ נײַס צו דערציילן דעם ברודער. אָבער הורדוס איז געווען אַזוי צערודערט, אַז ער האָט ניט געקענט הערן, וואָס זי רעדט צו אים. און ווען דער מענטש, וועלכער איז געווען צום טויט פֿאַרמשפּט, האָט אויסגעטרונקען דעם בעכער ווײַן און איז געפֿאַלן טויט, זענען אַלע אַרום אים געבליבן שטיין מיט ברייט צעעפֿנטע אויגן און מיט אײַנגעהאַלטענע אָטעמס, און קיינער האָט קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט.

אַלע האָבן געוואַרט, אַז דער קיניג זאָל דער ערשטער עפּעס זאָגן. אָבער דער קיניג איז ווי אַ פֿאַרגליווערטער געשטאַנען און האָט גאָרניט געזאָגט. פּונקט ווי דאָס לשון וואָלט אים אָפּגענומען, איז ער לאַנג געשטאַנען, אַ דערשלאָגענער, און עס איז פֿון זײַן מויל קיין איין וואָרט ניט אַרויסגעקומען. ערשט ווען מע האָט דעם טויטן אַרויסגעטראָגן, האָט דער קיניג געגעבן אַ שלעפּ מרימס באַדינער צו זיך, און קוקנדיק אויף אים שטרענג, האָט ער געזאָגט:

— אויף די אַלע פֿראַגעס, וואָס איך וועל דיר שטעלן, זאָלסטו מיר ענטפֿערן קורץ און דערציילן זאָלסטו מיר דעם אמת.

— איך בין גרייט דעם קיניג צו דינען — האָט גאַדי געענטפֿערט און אויף זײַן גלאַטן פּנים פֿון אַ סריס האָט זיך באַוויזן אַ שאָטן פֿון שרעק — איך וועל דעם קיניג דערציילן דעם אמת.

זאָגנדיק דאָס, האָט ער אויף זיך די בליקן פֿון קאָסטאָבאַרן און פֿון סאַלאָ־מעאָן דערפֿילט, און ער האָט זיך נאָך מער אָנגעהויבן שרעקן. און ווען הורדוס האָט אים געפֿרעגט, צי ער ווייסט נאָך עפּעס וועגן דער קיניגין, האָט ער גע־ענטפֿערט:

— איך ווייס, אַז עס איז שוין אַ לאַנגע צײַט זינט זי איז אויפֿן קיניג בייז, זייער בייז...

— ווייסטו פֿאַר וואָס זי איז בייז?

— דאָס קען איך ניט וויסן — האָט גאַדי געענטפֿערט — איך ווייס אָבער, אַז אָנגעהויבן צו זײַן בייז האָט זי נאָך דעם ווי סאָעמוס האָט איר עפּעס דער־

ציילט... וואָס ווייס איך ניט. איך ווייס נאָר, אַז נאָך דעם איז זי אין גאַנצן אַן אַנדערע געוואָרן... אַ בייזע אַזאַ שטענדיק. אַ בייזע און אַ צעטראָגענע... מער ווייס איך גאָרניט...

— סאָעמוס?.. — האָט דער קיניג דעם נאָמען ווי פֿאַר זיך אַרויסגעזאָגט. ער האָט דאָס אין אָנפֿאַנג ניט געוואָלט גלויבן. געשיקט זיך, אַז אויך ער, סאָעמוס, האָט אין אים געפֿעלשט און מרימען דעם סוד וועגן זײַן באַפֿעל אויסגעזאָגט?.. אויב אַזוי, איז ווי קען ער זײַן זיכער, צי מרים אַליין האָט ניט געפֿעלשט אין אים... אפֿשר האָט זי דערנאָך טאַקע מיט אים אַליין, מיט דעם סאָעמוסן גע־זינדיקט?..

און ווי נאָר דאָס איז אים אַרויף אויפֿן זינען, האָט דאָס פּנים זיך בײַ אים ווי מיט בלוט אָנגעגאָסן און ער האָט ווי אַ ווילדער גענומען שרײַען:

— אים אָפּהאַקן דעם קאָפּ!.. אים אָפּהאַקן דעם קאָפּ!..

אַזוי האָט ער מיט באַנומענע קולות געשריגן, מאַכנדיק מיט בײדע הענט אין דער לופֿט. דער קאָפּ איז בײַ אים געווען הויך פֿאַרריסן, די פּיס האָט ער געהאַלטן צעשפּרייט, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אין איינעם מיט די געשרייען, וואָס קומען בײַ אים פֿון מויל אַרויס, ווערט ער נאָך גרעסער און שרעקלעכער ווי ער איז און אַז באַלד וועט דאָ פֿאָרקומען אַזוינס, וואָס מע האָט נאָך דאָ קיין מאָל ניט געזען און זיך פֿאָרשטעלן ניט געקענט. די ווענט אין הויף האָבן פֿון זײַנע קולות געציטערט; בײַ קיינעם האָט זיך דאָס מויל ניט געעפֿנט אַ וואָרט אַרויסצורעדן, ווען מע האָט זײַנע געשרייען דערהערט. אַפֿילו קאָסטאָבאַר האָט זיך דערשראָקן, ווען ער האָט דערזען ווי ווילד ער קוקט אויס. אַ צעטומלטער איז ער געשטאַנען און האָט ניט געוואוסט, צי זאָל ער שוין גיין דעם באַפֿעל פֿונעם קיניג דורכפֿירן און אָפּהאַקן סאָעמוסן דעם קאָפּ אָדער ער זאָל דעם קיניג פֿרעגן, ווען מע זאָל דאָס טאָן. און ווען עס איז שוין בײַ אים געבליבן, אַז ער זאָל גלײַך דעם באַפֿעל דורכפֿירן, האָט הורדוס אים אָפּגעשטעלט.

— וואָרט — האָט ער אַרויסגעברומט — בײַ אַ טויטן איז דאָס מויל גע־שלאָסן און ער רעדט ניט מער, איז נעם סאָעמוסן און פּײַניק אים... פּייניק אים אַזוי לאַנג ביז ער וועט זיך מודה זײַן...

ג

עס איז בײַ הורדוסן דאַן שוין מער קיין צווייפֿל ניט געווען, אַז מרים איז געווען פֿאַלש צו אים און אַז זי האָט מיט סאָעמוסן געזינדיקט. נאָך דער געשיכטע מיט דעם סם אין בעכער ווײַן האָט ער אויף מרימען אַלץ געקענט גלויבן. און נאָך זיכערער איז ער געוואָרן אין דעם, אַז זי איז אים געווען פֿאַלש, ווען זי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו ענטפֿערן אויף די פֿראַגעס, וואָס ער האָט איר וועגן דעם געשטעלט. מער ווי איין פֿראַגע האָט זי פֿון אים ניט געוואָלט הערן. ווען ער איז אַרײַנגעלאָפֿן צו איר אַ צעשויבערטער, אַ הייזעריקער און האָט זי געפֿרעגט, צי עס איז אמת, אַז זי האָט מיט סאָעמוסן געזינדיקט, האָט זי זיך צו אים מיט די אַקסלען אויסגעדרייט און געענטפֿערט מיט אײַנגעהאַלטענעם כּעס:

— איך וואָלט זיך אַליין דערגידעריקט, ווען איך וואָלט דיר אויף דײַן פֿראַגע אַן ענטפֿער געגעבן.

— ענטפֿער מיר בלויז: יאָ אָדער ניין! — האָט ער אויף איר געשריגן.

— איך וויל דיר גאָרניט ענטפֿערן! — האָט זי זיך פֿון אים אָפּגעקערט.

און מיט עטלעכע טעג שפּעטער, ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז מע האָט סאָעמוסן אין תּפֿיסה אין אַ פֿינצטערן קעלער פֿאַרשפּאַרט און מע פּײַניקט אים דאָרט, האָט זי זייער שטאַרק געליטן דערפֿון. זי האָט רחמנות געהאַט אויף דעם אומגליקלעכן מענטשן און געהאַלטן אין איין טראַכטן, ווי אַזוי אים צו העלפֿן. אַלע מאָל האָט זי זיך אָן אַן אַנדער מיטל אָנגעכאַפּט און באַלד אײַנגעזען, אַז דאָס טויג ניט. און אין איר אומבאַהאָלפֿנקייט עפּעס צו טאָן פֿאַר דעם אומגליקלעכן מענטשן, איז זי געקומען צו הורדוסן בעטן פֿאַר אים.

— ניט פֿאַר זיך — האָט זי געזאָגט — בין איך געקומען צו דיר בעטן רחמנות, נאָר פֿאַר סאָעמוסן. ער איז אין קיין זאַך ניט שולדיק און דאָס, וואָס שלעכטע מענטשן דערציילן דיר אויף אים, איז אַ בלבול. איך בעט דיך, ווײַז דאָך אַרויס דײַן גנאָד און דערבאַרעם זיך אויף אים. ער איז ריין פֿון זינד...

מיט דעם האָט זי נאָך ערגער געמאַכט. וואָרעם ווען הורדוס האָט דערהערט ווי זי בעט אים, אַז ער זאָל זיך אויף סאָעמוסן דערבאַרעמען, האָט זיך די אייפֿער־זוכט אין אים נאָך מער צעברענט.

— דו האָסט אַצינדער זיך אַליין אַרויסגעגעבן — האָט ער זײַן צעפֿלאַמט פּנים נעענטער צו איר געשפּאַרט, און די ווערטער האָבן בײַ אים פֿון האַלדז ווי אַרויסגעכאָרכלט — יאָ, דו האָסט זיך אַליין אַצינדער אַרויסגעגעבן. וואָרעם ווען דו וואָלסט אין דײַן האַרץ ניט געהאַט פֿאַר אים קיין ליבע, וואָלסטו צו מיר דאָך ניט געקומען בעטן פֿאַר אים... פֿאַר אים האָסטו ליבע און מיך האָסטו פֿײַנט, מיך האָסטו!.. פֿאַר מיר האָסטו אין דעם בעכער ווײַן גיפֿט אַרײַנגעטאָן... גיפֿט, וואָס זאָל מיך טויטן אויפֿן אָרט, און דו, אַ טאָכטער פֿון די חשמונאים, זאָלסט די מלוכה אין דײַנע הענט איבערנעמען... טויטן האָסטו מיך געוואָלט... מיך, דײַן מאַן, וואָס האָט פֿאַר דיר אין זײַן האַרץ די גרעסטע ליבע אין דער וועלט גע־וואָרעמט, און וואָס איז דיר קיין מאָל ניט געווען פֿאַלש און קיין מאָל מיט קיין אַנדערער ניט געזינדיקט!..

דאָס איז שוין ניט געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס זי האָט פֿון זײַנע ליפּן געהערט די באַשולדיקונג, אַז זי האָט אין זײַן בעכער ווײַן גיפֿט אַרײַנגעטאָן. ער האָט איר מיט כּעס די באַשולדיקונג אין פּנים אַרײַן געשלײַדערט נאָך אין יענעם טאָג, ווען דאָס איז געשען, און פּונקט ווי דאַן האָט זי איצט פֿאַר אים דעם זעלבן ענטפֿער געהאַט:

— דאָס איז ניט אמת. איך האָב אין דײַן בעכער ווײַן קיין גיפֿט ניט אַרײַנ־געטאָן. ווי שטענדיק אין דער באַשטימטער שעה, האָב איך אַליין דעם ווײַן אין בעכער אַרײַנגעגאָסן און אים צו דיר מיט מײַן באַדינער גאַדי געשיקט. קיין גיפֿט איז אין דעם ווײַן ניט געווען...

— עס איז דאָרט יאָ געווען גיפֿט? — האָט ער מיט כּעס און ווייטאָג אויס־געשריגן.

זיך שפּאַרן מיט אים וועגן דעם האָט מרים ניט געוואָלט. זי האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַן אומכּבוד פאַר זיך און זי האָט אויף דער גאַנצער באַשולדיקונג געקוקט ווי אויף אַ גרויסן אומזין און אויך ווי אויף אַ שרעקלעכער באַליידיקונג. און דערצו איז איר שוין גלאַט געווען אַלץ אײנס; יעדער טאָג אין הויף איז פאַר איר געווען אַ מאַטערניש און דאָס גאַנצע לעבן איז איר מער ניט באַקומען...

דעמאָלט איז הורדוסעס שוועסטער סאַלאָמעאַ שוין געווען זיכער, אַז דער טאָג פון נקמה אין דער שטאָלצער טאָכטער פון די חשמונאים איז נאָענט און זי האָט זיך שוין בײַ צײַטנס געפרייט דערמיט, ווי מיט אַן אייגענעם אויפטו זייער אַ גרויסן. פאַר איר מאַן קאָסטאָבאַר, וואָס האָט זיך אָפּט געגרויסט פאַר איר מיט דעם, וואָס ער טוט אויף אין זײַן אַמט פון עלטסטן איבער אַלע אויסשפּירער פון לאַנד, האָט זי זיך באַרימט:

— עס האָט טאַקע לאַנג געדויערט, אָבער איך האָב זיך דאָך געכאַפּט, אַז אויב איך וועל דעם געטרײַען באַדינער אירן, דעם גאַדין, אַריבערגעווינען אויף אונדזער זײַט און אים אונטערקויפן, וועט שוין ניט זײַן שווער אַלץ דורכצופירן... און עס איז שווער געווען אים אונטערצוקויפן, דעם נאַר. ער האָט מורא געהאַט, געציטערט ווי אַ פיש, ווען ער האָט דערהערט, וואָס איך פאַרלאַנג פון אים. אָבער איך האָב אים אײַנגענומען און אים אַזוי אַרײַנגעצויגן אין דעם, דעם נאַר, אַז ער האָט זיך שוין ניט געקענט אַרויסדרייען... איך האָב אים צוגעזאָגט, אַז איך וועל שוין זען, אַז דער קיניג זאָל אים אין הויף הויך דערהייבן און ס'וועט הייסן, אַז ס'איז אַ באַלוינונג דערפאַר, וואָס ער האָט דעם קיניגס לעבן געראַטעוועט... און ער האָט אַזוי געציטערט, דער נאַר, ווען איך האָב אים געגעבן דעם גיפט, ער זאָל דאָס אין דעם בעכער ווײַן אַרײַנוואַרפן... ער האָט אויך געציטערט, ווען איך האָב אים דאָס קליינע זעקעלע מיט געלט געגעבן און אים געהייסן זאָגן דעם קיניג, אַז דאָס האָט אים די קיניגין שוין אַ באַלוינונג געגעבן... ער האָט זיך שטאַרק געשראָקן, דער נאַר, און ער איז שוין געווען גרייט זיך אָפּצוזאָגן פון דער שליחות, אָבער איך האָב אים געוואָרנט, אַז אויב אַזוי שלעפּ איך אים שוין אַרײַן צום קיניג מיט דעם בעכער אין האַנט און איך וועל זאָגן, אַז דאָס האָט ער דעם קיניג געוואָלט פאַרסמען, נאָר איך האָב אים געכאַפּט בײַ דער האַנט...

קאָסטאָבאַר האָט צופרידן געשמייכלט, ווען זי האָט דאָס אים דערציילט. און ווען זי האָט געענדיקט, האָט ער פון זײַן זײַט צוגעגעבן נאָך עפּעס, וואָס איז איר פריִער גאָר אויפן זינען ניט געקומען:

— פון זיכערקייט וועגן — האָט ער געזאָגט — וועט מען אים, דעם גאַדין, אויך דאַרפן אָפּראַמען פונעם וועג... ס'וועט זײַן בעסער, ווען ער וועט שוין מער ניט זײַן...

און הורדוס האָט אין גאַנצן ניט געוווּסט פון דעם, וואָס מע האָט הינטער זײַנע פּלייצעס אָפּגעטאָן און ער האָט יעדן טאָג אַרויסגעגעבן אַן אַנדער באַפעל ווי אַזוי מע זאָל סאָעמוסן פּײַניקן און אים צווינגען, ער זאָל זיך מודה זײַן. ער אַליין האָט דעם געפּײַניקטן סאָעמוסן עטלעכע מאָל אויף אַ שטרענגן פאַרהער גענומען און אים פאַרוואָרפן מיט פראַגעס, און סאָעמוס האָט אַלץ דעם זעלבן

ענטפֿער געגעבן, אַז ער איז ריין פֿון זינד און אַז ער ווייסט ניט פֿון קיין שלעכטס צו דערציילן אויף דער קיניגין. אָבער ער האָט זיך אין זײַנע ענטפֿערס אָפֿט אַזוי פֿאַרפּלאָנטערט, אַז וואָס ער האָט געזאָגט פֿריִער האָט ניט געשטימט מיט דעם, וואָס ער האָט געזאָגט נאָך דעם, און דאָס האָט הורדוסן נאָך מער צע־רודערט...

ער איז שוין געווען שרעקלעך אויסגעמאַטערט, סאָעמוס. פֿון די שווערע עינויִים, וואָס מע האָט אים אָנגעטאָן בײַ טאָג און בײַ נאַכט, איז שוין דער מוח בײַ אים געווען אַזוי צעמישט, אַז צײַטנווײַז האָט ער אַליין ניט געוואוסט, וואָס ער רעדט, און ער האָט ניט קלאָר פֿאַרשטאַנען, וואָס מ׳פֿרעגט אים. עס איז געווען געננוג, ער זאָל אין פֿינצטערן קעלער דערהערן, ווי עס דערנעענטערן זיך צו אים טריט, און דאָס לײַב האָט אויף אים אָנגעהויבן ציטערן און ער האָט מיט באַנומענע קולות אָנגעהויבן שרײַען און קוויטשען. און אַ מאָל האָט ער זיך גאָר, ווי אַ געשלאָגענער הונט, פֿאַררוקט אין אַ ווינקל און פֿון זײַן האַלדז האָט זיך אַ פֿאַר־שטיקטער יוכצן געריסן און פֿון זײַנע אויגן האָט אַ פֿאַרגליווערטע אימה אַרויס־געקוקט.

איבער דעם וואָס ער איז שוין פֿון די שרעקלעכע פּײַניקונגען געוואָרן אַזוי צעמישט, האָט ער איין מאָל, ווען מע האָט אים דאָס לײַב מיט אָנגעגליטע שפּיזן געברענט, אָנגעהויבן שרײַען, אַז ער וועט זיך מודה זײַן. און דאַן האָט ער דער־ציילט, אַז ער האָט מיט דער קיניגין געזינדיקט... יאָ, ער איז זיך מודה. ער האָט מיט איר געזינדיקט...

בײַ קאָסטאָבאַרן האָבן זיך די אויגן ברייטער צעעפֿנט, ווען ער האָט דאָס דערהערט. דער רויטער קאַרק האָט זיך בײַ אים אין די אַקסלען אַרײַנגעצויגן און ער איז אין גרויס אײַלעניש אַוועק רופֿן הורדוסן, ער זאָל דאָס אַליין הערן פֿון זײַן מויל... אָבער ווען סאָעמוס האָט אין פֿינצטערן קעלער דערזען דעם קיניג, האָט ער, ליגנדיק אויף דער ערד אַ נאַקעטער, אַ צעטראָטענער, אָנגע־הויבן קריכן אויף די הענט און אויף די פֿיס און זיך אַלץ נעענטער צו דער וואַנט געררוקט. די צעבלוטיקטע ליפּן פֿון מויל האָבן בײַ אים געציטערט. עס האָט אים געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן. און ווען דער קיניג האָט געפֿאָדערט, ער זאָל אים זאָגן דאָס זעלבע, וואָס ער האָט דאָ פֿריִער געזאָגט קאָסטאָבאַרן, האָט ער אָנגע־הויבן קוויטשען אַזוי, אַז ס׳איז שווער געווען צו גלויבן, אַז דאָס קוויטשעט אַ מענטש:

— איך קען ניט!.. איך קען ניט!..

ער האָט אויך געשריגן, אַז עס איז אַ זינד, אַ גרויסע זינד, און מע האָט ניט געקענט וויסן, וואָס ער מיינט דערמיט. אָבער בײַ הורדוסן איז דאָס געבליבן, אַז סאָעמוס האָט זיך מודה געווען, און ער האָט גלײַך אויפֿן אָרט אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל:

— אים אָפּהאַקן דעם קאָפּ!..

ווי שטענדיק אין אַזאַ פֿאַל, איז ער אויך דאָס מאָל נאָך דעם געוואָרן נאָך ווילדער ווי ער איז געווען, און פּונקט ווי מיט קיין אַנדער זאַך ווי רישעות וואָלט ער ניט געקענט באַרעכטיקן זײַנע מעשׂים און באַווײַזן, אַז ווי אַלע מאָל איז ער

איצטער אויך גערעכט, האָט ער מרימען אָנגעהויבן פֿאַראומערן דאָס לעבן נאָך מער ווי פֿריִער און ס׳איז ניט אַוועק קיין טאָג, אַז ער זאָל זי ניט אויסזוכן אַפּילו ווען זי האָט זיך פֿון אים באַהאַלטן. און אַלע מאָל, ווען ער האָט זיך מיט איר אויג אויף אויג געטראָפֿן, האָט ער גערעדט צו איר אַזעלכע רייד, וואָס זאָלן איר שטאַרק ווי טאָן; פּונקט ווי עמעצער וואָלט אים געטריבן דערצו, האָט ער זיך אין זײַן אייגענער וואונד נאָך טיפֿער געגראָבן און ער האָט וואָס אַ מאָל נאָך מער דאָס פֿײַער צעבלאָזן; ער האָט מרימען אָפֿט באַליידיקט, ווען די נאָענטע פֿון זײַן משפּחה זענען געווען דערבײַ. ער האָט זי מיט שענדלעכע נעמען אָנגערופֿן. און איין מאָל, ווען זי האָט אים אויף זײַנער אַ באַליידיקונג אָפּגעענטפֿערט, איז ער געוואָרן שטאַרק אין כּעס און האָט איר געגעבן אַ פּאַטש אין פּנים...

דערבײַ זענען געווען די קינדער און זיי האָבן דאָס געזען, און דאָס האָט בײַ מרימען אַרויסגערופֿן אַזאַ טיפֿן ווייטאָג אין האַרצן, אַז זי האָט די ליפּן ביז בלוט געביסן און אין די אויגן האָט איר געשווינדלט. דאָס פּנים האָט בײַ איר געפֿלאַמט פֿון בושה, און דאַן האָט זי אים דאָס ערשטע מאָל אָנגערופֿן מיט דעם נאָמען, וואָס האָט אים מער פֿון אַלץ דערצאָרנט:

— קנעכט פֿון אדום!..

מיט דעם האָט זי אויסגעדריקט דעם גאַנצן האַס, וואָס עס האָט זיך בײַ איר אין האַרצן אָנגעקליבן. די אויגן זענען בײַ איר געווען פֿול מיט טרערן. אָבער זי האָט ניט געוואָלט, אַז ער זאָל זען ווי זי וויינט. ערשט ווען זי האָט זיך מיט די קינדער אין איר חדר פֿאַרמאַכט, האָט זי זיך זייער שטאַרק צעוויינט, און די קינדער, וועלכע האָבן נאָך ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פֿאָר, האָבן זיך דערשראָקענע און נעבעכדיקע געטוליעט צו איר און האָבן אויך געוויינט...

ד

עס זענען אַוועק טעג און וואָכן, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס גאַנצע לעבן אין לאַנד האָט זיך ווי אָפּגעשטעלט און אַז אין ערגעץ קומט קיין זאַך ניט פֿאָר, נאָר אין קיניגלעכן הויף. די אַלע מענטשן, וואָס זענען פֿריִער געווען פֿאַרנומען מיט וויכטיקע מלוכה־ענינים און אויך מיט דעם צונויפֿשטעלן חיילות בײַ די נײַע גרענעצן פֿון יהודה, האָבן איצט גאָר וועגן קיין אַנדער זאַך ניט גע־רעדט, ווי נאָר וועגן דעם קריג צווישן דעם קיניג און דער קיניגין. עס איז אין ערגעץ ניט געווען קיינער, וואָס זאָל וויסן באַשטימט, וואָס פֿאַר אַ פֿליכטן מע האָט אויף אים אַרויפֿגעלייגט און ווי אַזוי ער דאַרף דאָס דורכפֿירן. און אויף אַלע פֿעלדער, וואו מענטשן האָבן געאַקערט און געזייט, און אין אַלע שטיבער, בײַדלעך און געצעלטן, וואו מענטשן האָבן גערוט, האָט מען ניט געוואוסט צו די רואיקייט, וואָס איז אַזוי פּלוצלינג געקומען, איז אַ סימן אויף בעסערע צײַטן און מע דאַרף זיך ריכטן דערויף, אַז דער קיניג הורדוס וועט מער ניט זײַן אַזוי שטרענג אָדער, פֿאַרקערט, עס איז אַ סימן אויף ערגערע צײַטן און מע דאַרף זיך ריכטן, אַז אין גיכן וועט אַוודאי געשען אַזוינס, וואָס וועט דאָס גאַנצע לאַנד צערודערן.

און ווי שטענדיק האָבן זיך צווישן פֿאָלק אַרומגעטראָגן אַן אַ שיִער קלאַנגען און מע האָט דערציילט אַלץ, וואָס מע האָט נאָר אין דער לופֿט געקענט אויפֿכאַפּן. דאָ האָט איינער דערציילט, אַז ער האָט אַליין געהערט, אַז אַ מלאך פֿון הימל האָט זיך באַוויזן צו הורדוסן און אים געזאָגט, אַז פֿון איצט אָן און ווײַטער זאָל ער זײַן גוט צום פֿאָלק ישׂראל, און אויב ניט וועט אויף אים דער האַר פֿון אַלע וועלטן אָנשיקן אַזעלכע מכות, וואָס ער האָט אַפֿילו אויף פּרעהן, דעם מלך פֿון מצרים, ניט אָנגעשיקט; דאָרט האָט אַן אַנדערער איבערגעגעבן, אַז ער האָט אַליין געהערט פֿון איינעם, וואָס ווייסט גוט אַלע סודות פֿון הויף, אַז דער קיניג איז פֿון זינען אַרונטער און מע האַלט אים פֿאַרשפּאַרט, און אַז דערפֿאַר האָט מען אים שוין לאַנג אויף די גאַסן פֿון ירושלים ניט געזען. יעדער איינער האָט געהאַט וואָס צו דערציילן און אומעטום האָט מען זיך מיט גרויס נײַגעריקייט צו די אַלע געשיכטעס צוגעהערט. און אַפֿילו די, וואָס האָבן אין דעם אין גאַנצן ניט געגלויבט, האָבן צוגעגעבן, אַז אויב אַפֿילו די אַלע קלאַנגען זענען ניט אמת, איז אָבער זיכער, אַז בײַם קיניג הורדוס אין הויף קומט פֿאָר עפּעס אַזוינס, וואָס מע וויל דערשטיקן...

און אין הויף איז דאַן די שרעק שוין געווען אַזוי גרויס, אַז קיינער האָט ניט געוואוסט וועמעס קאָפּ עס וועט פֿאַלן מאָרגן. און דער קיניג אַליין האָט מער ניט געשריגן. מע האָט פֿון ערגעץ מער זײַנע ווילדע קולות ניט געהערט. און זײַן שווײַגן האָט אַלעמען געשטיקט, און אַלע מאָל, ווען מע האָט אים נאָר ערגעץ דערזען אַן אָנגעכמורעטן, אַ בייזן און אַ שווײַגנדיקן, האָט זיך געדאַכט, אַז באַלד וועט ער מיט דער האַנט אָנווײַזן אויף וועמען עס ניט איז, ווער עס וועט אים נאָר קומען אונטער דער האַנט, און וועט אַרויסברומען מיט כּעס:

„אים אָפּהאַקן דעם קאָפּ!"...

די אָנגעצויגנקייט אין הויף איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַפֿילו די, וואָס האָבן שטילערהייט געהאַלטן מיט מרימען, האָבן געטראַכט, אַז ווי שרעקלעך עס זאָל ניט דאַרפֿן זײַן דער סוף פֿון דעם קריג צווישן איר און דעם קיניג, זאָל ער שוין קומען וואָס גיכער און — זאָל זיך ענדיקן און מער ניט הענגען איבער אַלעמענס קעפּ ווי אַ באַרג, וואָס האַלט אין פֿאַלן און פֿאַלט ניט...

מע האָט שוין פּשוט ניט געקענט אַריבערטראָגן דאָס וואַרטן, וואָס איז טאָג ווי נאַכט געווען אָנגעלאָדן מיט גרויל. און ווען מע האָט אַ מאָל אַ מענטשן פֿון הויף אַ טאָג אָדער צוויי ניט געזען, האָט מען זיך שוין שטילערהייט געשושקעט, אַז מע האָט אים ערגעץ אין אַ פֿינצטערן קעלער פֿאַרשפּאַרט און מע פּײַניקט אים דאָרט...

מרימען איז דאָס וואַרטן געווען נאָך שווערער אַריבערצוטראָגן. פֿון יענעם טאָג אָן, וואָס הורדוס האָט אויף איר אַ האַנט אויפֿגעהויבן און זי באַליידיקט פֿאַר די קינדער אין די אויגן, האָט זי זיך פֿאַר קיינעם פֿון די הויפֿלײַט ניט געוויזן און הורדוסן אַליין האָט זי קיין מאָל צו זיך שוין מער ניט צוגעלאָזט. ער האָט צו איר אָפֿט שליחים געשיקט און געבעטן, אַז זי זאָל נאָר זאָגן, אַז זי איז ריין פֿון זינד און ער וועט איר גלויבן; אָבער זי האָט פֿאַר די אַלע שליחים איין ענטפֿער געהאַט:

— גייט און גיט איבער דעם קיניג, אַז איך האָב אים מער גאָרניט וואָס צו זאָגן און איך האָב מיט אים מער גאָרניט וואָס צו רעדן...

ווי אַ מענטש, וואָס האָט שוין אַלע חשבונות מיט דער וועלט אונטערגעצויגן, האָט זי זיך פֿון אַלץ און פֿון אַלעמען אָפּגעזונדערט. אין דעם חדר, וואו זי איז זייער אָפֿט געווען אַליין און אַ מאָל אויך מיט אירע קינדער, האָט זי זיך אַרומ־געדרייט ווי אַ שאָטן. זי האָט זעלטן אַ וואָרט אַרויסגערעדט און פּונקט אַזוי שטיל ווי זי איז געווען, אַזוי זענען אויך געווען אירע טריט.

ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז אַ גייסט, וואָס האָט אַהער אין הויף פֿון אַן אַנדער וועלט פֿאַרבלאָנדזשעט און וואָס קער זיך אין גאַנצן ניט אָן מיט דעם גרויל, וואָס שפּאַרט זיך דאָ פֿון אַלע ווינקלען אַרויס. און איר פּנים, וואָס האָט אין די טעג פֿון גרויס צער באַקומען נאָך מער חן ווי פֿריִער, האָט שטענדיק אַן אינעווייניקסטע רואיקייט אויסגעדריקט.

קיין זאַך האָט זי שוין מער ניט געשראָקן.

און זי איז געבליבן רואיק אַפֿילו דאַן, ווען דער קיניג האָט איר דורך אַ שליח געלאָזט וויסן, אַז ער קלאָגט זי אָן אין געריכט...

אַ גלייכע, אַ שטאָלצע, האָט זי דעם שליח אויסגעהערט און אַפֿילו ניט גע־פֿרעגט, אין וואָס דער קיניג קלאָגט זי אָן און ווער עס וועלן זיין די ריכטער. עס איז איר געווען אַלץ איינס; זי האָט זיך געגרייט צום טויט און זי האָט געוואָלט, אַז אַלץ זאָל שוין וואָס שנעלער אַריבערגיין און עס זאָל שוין נעמען אַ סוף. און ווען די מוטער איז צו איר אַריינגעלאָפֿן אַ צעקאָכטע און האָט אָנ־געהויבן שרייען, אַז זי זאָל שוין לויפֿן צום קיניג און אים פֿאַלן צו די פֿיס און אים בעטן, ער זאָל איר פֿאַרגעבן, האָט זי איר שטיל און רואיק געזאָגט:

— מוטער, איך שעם זיך אַזעלכע רייד פֿון דיר צו הערן!..

און ווען אַלכּסנדרה האָט נאָך העכער אָנגעהויבן שרייען, האָט מרים איר אָנגעוויזן אויף דער טיר.

— גיי דיר, מוטער, אין דיינע וועגן — האָט זי איר געזאָגט און אַלץ די רואיקייט ניט פֿאַרלוירן — און איך וועל מיר גיין אין מיינע וועגן און דער האַר אין הימל וועט משפּטן, ווער פֿון אונדז ביידן עס איז גערעכט...

זי האָט געוואוסט, אַז הורדוס צאַפּלט זיך אין אַנגסטן איבער דעם, וואָס זי האַלט זיך אַזוי שטאָלץ, און דאָס איז פֿאַר איר געווען אַ באַפֿרידיקונג פֿאַר די אַלע שרעקלעכע ליידן, וואָס זי האָט אַריבערגעטראָגן. דער גאַנצער שטאָלץ פֿון דער חשמונאים־משפּחה, וואָס האָט אַ מאָל גרויס געמאַכט דעם נאָמען פֿון פֿאָלק, האָט אין איר מיט אַ מאָל אויפֿגעוואַכט. און ווי זי וואָלט אַליין גענומען אויף זיך אַ הייליקן חובֿ אויפֿצוהייבן די איצטיקע געפֿאַלנקייט פֿון איר משפּחה, האָט זי מיט דעם אויפֿגעוואַכטן שטאָלץ גענומען נקמה פֿאַר דעם פֿאַרגאָסענעם בלוט.

און דאָס איז געווען די גרעסטע נקמה, וואָס זי האָט געקענט נעמען אָן דעם מענטשן, וואָס איז אַצינדער אין אירע אויגן געווען שולדיק אין די אַלע אומגליקן, וואָס זענען געקומען אויף איר משפּחה. אַ נקמה פֿון דורות, אַ נקמה פֿאַר בלוט, וואָס שרייט אַרויס פֿון קבֿרים. מיט איר שטאָלץ און מוט, וואָס זי האָט מיט פֿאַרביסענעם שווייגן אויסגעדריקט, האָט זי אים אַזוי געפּייניקט, אַז ער איז

ווירקלעך שיִער ניט פֿון זינען אַרונטער, און ער האָט ניט געקענט געפֿינען קיין עצה, ווי אַזוי איר שטאָלץ צו ברעכן. מיט זײַן גאַנצער גבֿורה און מאַכט איז ער געווען שרעקלעך אומבאַהאָלפֿן אַנטקעגן איר, און ווען ער האָט איר געלאָזט וויסן, אַז ער קלאָגט זי אָן אין געריכט, איז דאָס אין דער אמתן געווען ניט מער ווי אַ מיטל זי אָנצושרעקן; ער האָט געמיינט, אַז מיט דעם וועט ער ברעכן איר שטאָלץ און זי וועט קומען צו אים בעטן, ער זאָל זי ניט פֿאַרשעמען פֿארן גאַנצן פֿאָלק און זיך דערבאַרעמען אויף איר; ער האָט געגלויבט, אַז דאָס וועט אויף איר אָנוואַרפֿן אַזאַ מורא, אַז זי וועט מוזן עפֿענען דאָס מויל און לייקענען די קלאָגנגען. און ווען זי וואָלט דאָס געלייקנט, וואָלט ער איר שוין אַלץ פֿאַרגעבן, אַבי זי זאָל זיך מער ניט דערוויטערן פֿון אים און זאָל אים ווידער זײַן אַ ווײַב...

אָבער ווען אַלכּסנדרה האָט אים איבערגעגעבן, אַז אויך איצט, שוין נאָך דעם ווי ער האָט איר געלאָזט וויסן, אַז ער וועט זי אָנקלאָגן אין געריכט, וויל זי זיך פֿאַר אים ניט בייגן, האָט זיך אין אים אַ ווילדער צאָרן אָנגעצונדן, דאָס פּנים האָט זיך בײַ אים צעקרימט, דאָס מויל האָט זיך בײַ אים פֿאַרדרייט אין אַ זײַט און ער האָט אָנגעהויבן שרײַען אויפֿן קול:

— אויב מלחמה, איז — מלחמה!..און ווי וועט זײַן צו דעם, וואָס גורט אָן די לענדן און פֿאַרמעסט זיך אין כּוחות קעגן מיר!..עס איז אַלע מאָל אַזוי געווען און איצטער וועט דאָס זײַן אַזוי!..מחנות, וואָס זייער צאָל איז געווען אַזוי גרויס ווי די זאַמד בײַם ברעג ים, האָב איך מיט מײַן שווערד און מיט מײַן שטאַרקער האַנט פֿאַרטיליקט, און זי, די ווידערשפּעניקערין, וועל איך אויך בײַ־קומען!..

ער האָט אַליין ניט באַמערקט, ווי ער באַנוצט דערבײַ אַזאַ שפּראַך, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אַרויסצוגיין אויפֿן שלאַכטפֿעלד קעגן אַ ביטערן שונא. ער האָט מיט די געשרייען צעבלאָזן אין זיך דאָס פֿײַער, וואָס האָט שוין אַזוי אויך גענוג געברענט. און פּונקט ווי ער וואָלט מורא געהאַט, ער זאָל נאָך ניט בײַטן זײַן באַשלוס, האָט ער זיך גלײַך נאָך דעם אָנגעהויבן אײַלן צוצוגרייטן אַלץ פֿאַר דעם משפּט, וואָס האָט אים אַליין שטאַרק געשראָקן און דאָך האָט ער געוואָלט, אַז ער זאָל שוין פֿאַרקומען וואָס גיכער...

ער האָט אַלעמען געיאָגט, אַלעמען געטריבן. אַן אימפּעט, וואָס ער אַליין האָט שוין ניט געקענט אָפּשטעלן, האָט זיך אין אים מיט אַ מוראדיקער קראַפֿט צע־שטורעמט. און ער האָט שוין מער גאָרניט געקענט טראַכטן וועגן דעם, וואָס עס וועט זײַן נאָך דעם, ווי מע וועט שוין מרימען פֿאַרמשפּטן צום טויט. ער האָט בלויז געטראַכט, אַז דאָס וואָס עס איז איצט, טאָר מער ניט זײַן. ער מוז דאָס פֿון זיך אַראָפּוואַרפֿן. ער מוז זיך פֿון דעם וואָס שנעלער באַפֿרײַען, ווײַל אויב ניט, וועט ער אונטערגיין און עס וועט גאָרניט בלײַבן פֿון דעם, וואָס ער האָט מיט אַזוי פֿיל מי אויפֿגעטאָן...

עס איז געווען דער שטאַרקער ווילן ניט צו פֿאַרלירן דעם וועג, אויף וועלכן ער האָט זיך אין זײַן לעבן אַזוי הויך דערהויבן, וואָס האָט אים איצט מיט אַזאַ כּוח געטריבן אומצוברענגען מרימען וואָס שנעלער. עס איז אויסגעקומען, ווי ער וואָלט זיך מיט האַסט גאָר פּלוצלינג פֿון זיך אַליין אָפּגעריסן און זיך אין

גאַנצן געלאָזט באַהערשן פֿון דעם שטאַרקן ווילן, וואָס האָט אין אים באַנײַס ווידער אויפֿגעוואַכט. און ווי אַ געפֿאַנגענע חיה, וואָס רײַסט זיך אַרויס פֿון אַ שטײַג און לויפֿט מיט אימפּעט און קוקט זיך ניט אום אויף צוריק, האָט ער אַלץ מיט די פֿיס צעטראָטן און צעבראָכן. ער האָט אַלץ געטאָן, כּדי אין גאַנצן צו דערשטיקן אין זיך די גרויסע ליבע צו מרימען, און עס האָט זיך אים שוין אַפֿילו אָנגעהויבן דאַכטן, אַז דאָס גיט זיך אים אײַן.

אָבער ווען ער האָט זי אין געריכט דערזען, האָט ער ווידער דערפֿילט, ווי ער איז גרייט איר צו די פֿיס צו פֿאַלן און זי בעטן, אַז זי זאָל זאָגן די ריכטער, אַז זי איז ריין פֿון זינד. די קני האָבן זיך בײַ אים אָנגעהויבן בויגן. און די פֿאַרב אין פּנים האָט זיך בײַ אים געביטן. ער האָט שוין געהאַט געמאַכט דעם ערשטן טראָט צוצוגיין צו איר, אָבער זי האָט אויף אים דאַן געגעבן אַ קוק מיט אַזוי פֿיל פֿאַראַכטונג און האַס, אַז ער האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ צוריק און שוין מער קיין איין שפּאַן ניט געקענט מאַכן.

ער האָט דאַן אין איר בליק דערפֿילט ניט נאָר פֿאַראַכטונג און האַס, נאָר אויך אַ כּוח, זייער אַ גרויסן, וואָס ווישט אָפּ זײַן גאַנצע מאַכט און אַלץ וואָס ער האָט אויפֿגעטאָן אין די אַלע יאָרן פֿון זײַן לעבן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז עס איז אין איר בליק פֿאַראַן אַזוינס, וואָס קען אים אין גאַנצן פֿאַרניכטן. און ווען ער האָט אָנגעהויבן רעדן צו די ריכטער, ווען ער האָט פֿאַר זיי די קלאָגע געבראַכט, האָט ער שוין וועגן מרימען ניט גערעדט ווי וועגן דער, וואָס ער האָט אַ מאָל גאָר אַנדערש ניט גערופֿן ווי נאָר „די געליבטע פֿון מײַן האַרץ“. ער האָט וועגן איר גערעדט ווי וועגן אַ ביטערן שׂונא, וואָס וויל אים אומברענגען...

— זי איז צו מיר געווען פֿאַלש! — האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ פֿעסטער שטימע און די אויגן האָבן בײַ אים געברענט פֿון כּעס — זי האָט איר ליבע צו אַ קנעכט אָוועקגעגעבן אין אַ צײַט, ווען די טריט פֿון מײַנע פֿיס האָבן אויף ווײַטע וועגן געשפּאַנט און מײַן לעבן איז אין דער גרעסטער סכּנה געווען; זי האָט זיך ניט געפֿרייט, ווען איך האָב זיך אומגעקערט צוריק פֿון דעם צעזאַר און איר אָנגעזאָגט די גרויסע בשׂורה, אַז די גרענעצן פֿון אונדזער לאַנד ווערן איצט ווײַטער פֿאַרשפּרייט; אַ שאָטן פֿון טרויער האָט באַדעקט איר פּנים און אַ טיפֿער צער האָט איר האַרץ אָנגעפֿילט, ווען זי האָט די בשׂורה פֿון מײַנע ליפּן דערהערט. עס האָט איר באַנג געטאָן, פֿאַר וואָס דער צעזאַר האָט מיר פֿאַרגעבן מײַן פֿרײַנד־שאַפֿט צו מאַרק אַנטאָנין און מיך ניט באַשטראָפֿט מיטן טויט, און זי האָט מיר אַליין געזאָגט, אַז זי פֿרייט זיך ניט מיט מײַן גרויסן נצחון; עס איז שוין אַ לאַנגע צײַט זינט זי קוקט אַרויס אויף מײַן טויט. דאָס איז איר שטאַרקסטער וואונטש געווען. און ווען זי האָט געזען, אַז דער האַר פֿון אַלע וועלטן גיט מיר ניט דעם טויט און היט מײַנע טריט אויף אַלע וועגן, וואו דער שׂונא לאָקערט הינטער מײַנע פּלייצעס, און אויך אין די מלחמות, וואָס איך פֿיר פֿאַר מײַן פֿאָלק און פֿאַר מײַן לאַנד, האָט זי אַרײַנגעטאָן גיפֿט אין מײַן בעכער ווײַן און מיט אַן אונטערגעקויפֿטן באַדינער דאָס צוגעשיקט פֿאַר מיר צו טרינקען!

פֿאַר די ריכטער איז דאָס קיין נײַס ניט געווען; זיי האָבן נאָך פֿריִער גע־וואוסט, אין וואָס דער קיניג וועט אָנקלאָגן די קיניגין. אָבער זיי האָבן דאָך גע־

מאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי זענען שטאַרק איבערראַשט פֿון דעם, וואָס זיי הערן, און דער עלטסטער ריכטער האָט מיט אַן ערנצטער מינע אויפֿן פּנים געשאָקלט מיטן קאָפּ אַהין און אַהער, און דאָס האָט געזאָלט הייסן, אַז דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבן הערט ער אַזעלכע שרעקלעכע זאַכן...

און הורדוס האָט געוואַרט ביז די ריכטער וועלן אָנהייבן שטעלן פֿראַגעס. ער האָט געוואָלט הערן, וואָס מרים וועט אויף די פֿראַגעס ענטפֿערן. אָבער מרים האָט אויף אַלע פֿראַגעס איין ענטפֿער געגעבן:

— איך האָב גאָרניט וואָס צו זאָגן!

אַפֿילו דאַן, ווען דער עלטסטער פֿון די ריכטער האָט זי געפֿרעגט, צי זי מיינט דערמיט צו זאָגן, אַז זי לייקנט ניט די קלאַגן, וואָס דער קיניג האָט קעגן איר געבראַכט, האָט זי דעם זעלבן ענטפֿער געגעבן:

— איך האָב גאָרניט וואָס צו זאָגן!

און ווען זי האָט די ווערטער אויף די ליפּן פֿון מויל אַרויסגעבראַכט, האָט זיך געדאַכט, אַז ניט זי רעדט דאָס, נאָר אַ גײַסט רעדט פֿון איר אַרויס. זי האָט אויף אַלעמען געמאַכט דעם אײַנדרוק פֿון אַ מענטשן, וואָס איז גאָר אין גאַנצן ניט פֿון דער וועלט, נאָר פֿון אַן אַנדער וועלט, וואָס קער זיך גאָרניט אָן מיט דעם, וואָס מע זעט אַרום און אַרום. עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי קוקט מיט אָפֿענע אויגן אויף אַלעמען, אָבער זי זעט גאָרניט. זי האָט זעלטן אַ באַוועגונג געמאַכט, זי האָט זיך גאָרניט צוגעהערט צו די פֿראַגעס, וואָס מע האָט איר געשטעלט, און זי האָט געוואָלט, אַז עס זאָל זיך שוין וואָס גיכער ענדיקן און מע זאָל זי פֿון דאַנען אַרויספֿירן...

דער משפּט האָט לאַנג ניט געדויערט און דער אורטייל פֿון די ריכטער איז געווען, אַזוי ווי דער קיניג האָט פֿאַרלאַנגט — ט ו י ט!

ח

א ו י ס ג ע ה ע ר ט ד ע ם א ו ר ט י י ל האָט מרים רואיק און אויף איר פּנים האָט זיך ניט געוויזן אַפֿילו קיין סימן פֿון שרעק. מיט דעם פֿאַרגליווערטן בליק אין אירע ברייט־צעעפֿנטע צוויי גרויע אויגן האָט זי די ריכטער גלײַך אין פּנים אַרײַן געקוקט און די ליפּן פֿון איר מויל זענען בײַ איר געווען פֿעסט גע־שלאָסן. און ווען מע האָט זי פֿון געריכט אַרויסגעפֿירט, איז זי צווישן די באַ־וואָפֿנטע וועכטער געגאַנגען מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ; זי האָט שטאָלץ און מוטיק געקוקט פֿאָרויס. אָבער די טריט פֿון אירע פֿיס זענען געווען אַזעלכע שטילע, אַז מע האָט זיי אין גאַנצן ניט געהערט...

קיינער האָט ניט געקענט וויסן, ווען דער אורטייל וועט דורכגעפֿירט ווערן. הורדוס אַליין האָט דאָס אַלץ אָפּגעלייגט אויף שפּעטער; ער האָט אַלץ געהאָפֿט, אַז מרים וועט זיך אפֿשר דאָך באַדענקען און זי וועט זיך בײַ אים בעטן, ער זאָל איר פֿאַרגעבן און עס וועט זיך אַרויסווײַזן, אַז זי איז טאַקע אומשולדיק און מע האָט אויף איר אַ בלבול אויסגעטראַכט. ער האָט די גאַנצע צײַט אַרויסגעקוקט דערויף, און אַפֿילו אונטערגעשיקט שליחים צו איר אין געפֿענגעניש, זיי זאָלן

זי צורעדן דערצו און פּרוּאוון אויסגעפֿינען בײַ איר עפּעס וועגן דעם. און ווען זײַן שוועסטער סאַלאָמעאַ האָט דערזען, אַז דער אורטייל ווערט ניט דורכגעפֿירט, האָט זי זיך שטאַרק דערשראָקן; זי האָט אין דעם געזען אַ גרויסע סכּנה פֿאַר זיך, און געטראַכט האָט זי, אַז אויב דער צאַרן פֿונעם קיניג וועט זיך אײַנשטילן און די קיניגין וועט צוריק דערהויבן ווערן אין הויף, וועט דאַן שוין זיכער אַרויסקומען דער גאַנצער אמת; מרים וועט הורדוסן עפֿענען די אויגן; מיט ליבע וועט זי אים צוריק געווינען אויף איר זײַט, און ווען הורדוס וועט זיך דערוויסן, אַז מרים איז אומשולדיק און אַז ניט זי, זײַן ווײַב, נאָר די אייגענע שוועסטער זײַנע האָט אַרײַנגעטאָן דעם סם אין זײַן בעכער ווײַן, וועט ער איר געוויס גיבן דעם טויט דערפֿאַר...

זי איז געווען זיכער, דעם קיניגס שוועסטער סאַלאָמעאַ, אַז אַזוי וועט עס אַוודאי זײַן, אויב זי וועט באַלד ניט אָננעמען קיין מיטלען קעגן דעם. און גלײַך איז זי געפֿאַלן אויף אַ געדאַנק:

— קאָסטאָבאַר — האָט זי געזאָגט צו איר מאַן, און דאָס בייזע פּנים אירס האָט זיך שטאַרק פֿאַרקרימט דערבײַ — עס איז איצטער צו שטיל אין ירושלים און מע דאַרף זען, עס זאָל זיך עפּעס אַ רודער טאָן...

— און ווי מאַכט מען דאָס, אַז עס זאָל זיך עפּעס אַ רודער טאָן? — האָט ער מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכל געפֿרעגט.

— טו אַזוי — האָט זי אָנגעהויבן רעדן שנעל און שטרענג — זאָלן דײַנע לײַט פֿאַרשפּרייטן אַ קלאַנג צווישן די אײַנוואוינער פֿון ירושלים, אַז דער קיניג איז קראַנק, זייער קראַנק, און זאָלן זיי אויך אײַנרעדן די אײַנוואוינער פֿון דער שטאָט, אַז איצטער איז די בעסטע צײַט אויפֿצוברעכן די תּפֿיסה, וואו די פֿאַר־משפּטע קיניגין איז פֿאַרשפּאַרט, און זי אַרויפֿזעצן אויפֿן טראָן פֿון יהודה... דאָס פֿאָלק אין ירושלים וועט זיך אָנכאַפּן אָן דעם. עס וועט אויסברעכן אַ מרידה און דאַן וועלן מיר שוין זען...

קאָסטאָבאַר האָט געפּרוּווט זי אָפּרעדן דערפֿון:

— עס איז אַ צו גרויסע אײַנשטעלעניש — האָט ער געזאָגט — מע קען אַ מאָל אין דעם פֿאַרגיין צו ווײַט... אַ מרידה איז ווי אַ פֿײַער, וואָס צעברענט זיך אַלץ מער און מער...

אָבער סאַלאָמעאַ איז געווען אײַנגעעקשנט.

— מיר מוזן דאָס טאָן — האָט זי אים געוואָרנט — מיר מוזן איצט אײַנ־שטעלן. דאָס איז דאָס איינציקע וואָס ס'איז אונדז געבליבן צו טאָן. געדענק, אַז ניט נאָר מײַן לעבן, נאָר אויך דײַן לעבן הענגט דאָ אין הויף איצטער אויף אַ האָר...

ניט מיטן גוטן ווילן, נאָר פֿאַר מורא, אַז זײַן אייגן ווײַב זאָל אים ניט אויס־געבן, האָט קאָסטאָבאַר צוגעשטימט צו טאָן, וואָס סאַלאָמעאַ הייסט אים. און ס'איז אים דעמאָלט ניט אָנגעקומען שווער צוצורעדן די אײַנוואוינער פֿון ירושלים אַזוי, אַז עס זאָל ווערן אַ גערודער. עס האָט זיך שוין סײַ ווי סײַ שטאַרק גערודערט אין שטאָט. אויף אַלע גאַסן און אויף אַלע געמאַרקן האָט מען גערעדט וועגן דעם, וואָס מע האָט די קיניגין פֿאַרמשפּט צום טויט און מע האַלט זי איצט פֿאַרשפּאַרט

אין תּפֿיסה. אַלע האָבן זיך געקאָכט און אַלע האָבן געזאָגט, אַז אַזוינס איז נאָך קיין מאָל ניט געהערט געוואָרן אין יהודה און אַז עס איז ניט אַנדערש, נאָר דער גרויזאַמער קיניג איז פֿון זינען אַרונטער און אַ בייזער גײַסט פֿירט מיט זײַן האַנט אומצוברענגען פֿון דער וועלט יעדן איינעם, וואָס שטאַמט פֿון די חשמונאים.

ירושלים האָט ניט געגלייבט אין די קלאָגן, וואָס הורדוס האָט אין געריכט געבראַכט קעגן מרימען. מע האָט געשיקט קללות אויף די קעפּ פֿון די ריכטער, וואָס האָבן זי צום טויט פֿאַרמשפּט, און יענע האָבן זיך אין גאַס ניט געקענט ווײַזן, ווײַל זיי האָבן מורא געהאַט, מע זאָל זיי נאָך מיט שטיינער ניט באַוואַרפֿן. אַ גאַנצן טאָג זענען די גאַסן און געמאַרקן געווען פֿול, און אומעטום זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז מע טאָר מער ניט שווײַגן, אַז מע מוז די קיניגין ראַטעווען. און ווען קאַסטאָבאַרס פֿאַרשטעלטע לײַט האָבן נאָך צוגעגאָסן בוימל צום פֿײַער און גענומען פֿאַרשפּרייטן דעם פֿאַלשן קלאַנג, אַז דער קיניג איז איצט זייער קראַנק און אַז מע ריכט זיך שוין ניט אויף זײַן לעבן, האָבן זיך אַלע שטאַרק דערפֿרייט. און באַלד האָט מען שוין דערזען ווי דאָ און דאָרט צווישן אַ רעדל מענטשן שטייט איינער, וואָס העצט און גיט אונטער מוט:

— איצט איז די צײַט!..

— אויב ניט איצט, איז ווען דען?..

קיינער האָט ניט געוואוסט, אַז די לײַט, וואָס העצן און גיבן אונטער מוט, זענען אונטערגעשיקט געוואָרן אַהער פֿון קאָסטאָבאַרן, און אַז מיט דעם איז מען אויסן דאָס פֿאָלק צו פֿאַרפֿירן. און באַלד האָט שוין פֿון אַלע זײַטן געשטראָמט מיט מענטשן, וואָס זענען מיט צעפֿלאַמטע פּנימער און מיט צעוויגטע הענט געגאַנגען צום קיניגלעכן הויף. אַלע האָבן געשריגן, אַלע האָבן געליאַרעמט, און זייערע קולות האָבן זיך הויך און ווײַט געטראָגן איבער די גאַסן פֿון דער שטאָט.

און סאַלאָמעאַ איז די גאַנצע צײַט מיט דעם געמישטן געפֿיל פֿון שרעק און צאָרן געווען אויף דער וואַך. ווי נאָר זי האָט דערהערט די קולות, איז זי די ערשטע אַרײַנגעלאָפֿן צום קיניג, און מאַכנדיק אַן אָנשטעל, אַז זי איז זייער שטאַרק צעשראָקן, האָט זי אויסגעשריגן:

— אין שטאָט איז אַ מרידה!.. אַלע שפּאַרן זיך אַהער!..

— אַ מרידה? — האָט הורדוס זיך געגעבן אַ כאַפּ.

— יאָ, ברודער, אַ מרידה! — האָט זי אָנגעהויבן רעדן אין איין אָטעם — דאָס פֿאָלק קען אַלץ ניט פֿאַרגעסן די פֿאַרשאָלטענע חשמונאים־משפּחה און זיי ווילן די פֿאַרמשפּטע קיניגין מרים אַרויפֿזעצן אויפֿן טראָן... זיי וועלן די טויערן פֿון דער תּפֿיסה אויפֿברעכן און וועלן זי אויפֿן טראָן אַרויפֿזעצן...

און ווען זי האָט געזען ווי צעטומלט הורדוס איז געוואָרן פֿון דעם, וואָס זי האָט אים געזאָגט, האָט זי ניט געוואַרט ביז ער וועט בײַ איר עפּעס פֿרעגן, און אָנכאַפּנדיק אים בײַ ביידע הענט, האָט זי ווײַטער גערעדט און אַלץ מיט אַזאַ אימפּעט, וואָס זאָל אים נאָך מער צעטומלען:

— דו טאָרסט איצט קיין צײַט ניט פֿאַרלירן, ברודער! דו מוזסט זיי שוין ווײַזן די שטאַרקייט פֿון דײַן האַנט! דײַן לעבן און דײַן טראָן זענען אין סכּנה, אויב דו וועסט דער פֿאַרמשפּטער קיניגין גלײַך ניט געבן דעם טויט... זיי מוזן

שוין זען ווי מעכטיק דו ביסט. דער קלאַפּ דאַרף זײַן אַזאַ שטאַרקער, אַז דאָס גאַנצע לאַנד זאָל געבן אַ ציטער. אַ פּחד זאָל פֿאַלן אויף די אַלע ווידערשפּעניקער, וואָס קלעפּן זיך נאָך אַלץ צו די רעשטלעך פֿון דער פֿאַרשאָלטענער חשמונאים־משפחה! און טאָן מוזסטו דאָס וואָס שנעלער, טאָן מוזסטו דאָס גלײַך!..

ווי אַ צעמישטער איז הורדוס געבליבן שטיין מיט אַן אָפֿן מויל. די נאָזלעכער האָבן זיך בײַ אים ברייטער צעבלאָזן, ווי ער וואָלט אין דער לופֿט עפּעס דער־שמעקט. און באַלד האָט ער געהייסן, מע זאָל צו אים אַרײַנשיקן קאָסטאָבאַרן, און ווען קאָסטאָבאַר, וועלכער האָט שוין געוואָרט דערויף, אַז דער קיניג זאָל אים איצטער רופֿן, איז אַרײַנגעקומען און האָט זיך טיף פֿאַרנויגט, האָט ער אים אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל:

— שוין זאָל מען אַרויסשיקן די קריגסלײַט און צעטרײַבן די, וואָס שרײַען דאָרט!.. און — קיין רחמנות צו די ווידערשפּעניקער!..רויט זאָלן ווערן די שווערדן פֿון בלוט!..

נאָך דעם האָט ער שוין מער לאַנג אויף אַן אָרט ניט געקענט אײַנשטיין. ער איז ווי אַ ווילדער איבערן הויף אַרומגעלאָפֿן. און ווען ער האָט דערהערט, ווי פֿון דרויסן טראָגן זיך שוין די פֿאַרצווייפֿלטע געשרייען פֿון די מענטשן, וואָס זענען אַהער מיט שטיינער און צונויפֿגעביילטע פֿויסטן געקומען, האָט ער שוין מער אין הויף ניט געקענט בלײַבן, און באַלד איז ער שוין אַליין אויך געווען אין דרויסן, און ווען מע האָט אים דאָרט דערזען רײַטנדיק אויף אַ פֿערד און מיט דער בלויזער שווערד אין האַנט, זענען זיך אַלע צעלאָפֿן וואוהין די אויגן האָבן זיי נאָר געטראָגן. און ווען דער גאַנצער פּלאַץ אַרום און אַרום איז שוין געווען אָפּגעליידיקט פֿון די טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן זיך געלאָזט פֿאַרפֿירן, האָבן זיך אומעטום געוואַלגערט טויטע און פֿאַרוואונדעטע ווי נאָך אַ מלחמה.

אָבער דער צאָרן פֿונעם קיניג האָט זיך אַלץ ניט געקענט אײַנשטילן. דער כּעס האָט אין אים געברענט און אין איינעם מיט דעם כּעס איז בײַ אים אויך געוואַקסן די מורא פֿאַר אַ גרויסער מרידה, וואָס קען זיך נאָך אפֿשר טאַקע ענדיקן אַזוי, אַז דאָס פֿאָלק זאָל אים אַרונטעררײַסן פֿונעם טראָן און אָנטאָן מרימען די קרוין פֿון יהודה. זײַן שוועסטער סאַלאָמעאַ האָט שוין געזען, אַז די מורא פֿאַר דעם זאָל זיך אין אים אַלץ מער און מער צעוואַקסן. און דאָן איז געקומען דער טאָג, ווען אַלע אײַנוואוינער פֿון דער שטאָט ירושלים האָבן איינער דעם אַנדערן איבערגעגעבן שטילערהייט, אַז מאָרגן אין דער פֿרי מיטן אויפֿגאַנג פֿון דער זון וועט מען די פֿאַרמשפּטע קיניגין פֿירן צום טויט...

מע האָט אויך איבערגעגעבן, אַז לויט די קלאַנגען, וואָס קומען פֿון הויף, וועט מען איר אָפּהאַקן דעם קאָפּ...

און אין יענער נאַכט איז אין ירושלים קיינער ניט געשלאָפֿן. און אויף אַלע גאַסן האָבן זיך באַוואָפֿנטע לײַט אַרומגעדרייט. און וואו זיי האָבן נאָר ערגעץ אַ פֿאַרבײַגייער דערזען, האָבן זיי אים אָפּגעשטעלט און אים גלײַך אין געפֿענ־געניש אַוועקגעפֿירט.

אַזוי האָט באַפֿוילן דער קיניג.

עס איז געווען אַ מורא אַריבערצוטרעטן די שוועל פֿון אַ שטוב אָדער פֿון אַ געצעלט. די, וואָס זענען געווען אינעווייניק, האָבן זיך געשראָקן פֿאַר די, וואָס האָבן זיך מיט די שווערדן אויף די דיכן אַרומגעדרייט אין דרויסן. און די, וואָס זענען געווען אין דרויסן, האָבן זיך געשראָקן פֿאַר די, וואָס זענען געווען אינעווייניק. און ווען אַ באַוואָפֿנטער וועכטער האָט אין דער שטילקייט פֿון דער נאַכט דערהערט טריט פֿון ערגעץ ווײַט, האָט ער זיך באַלד פֿאַר דער שווערד געכאַפּט און איז געווען גרייט צו טויטן. אומעטום האָט די נאַכט אימה און פּחד געשפּרייט, און אין אַלע הײַזער און געצעלטן האָבן מענטשן שטיל געבעטן גאָט, אַז ווען די נאַכט וועט אַוועק און דער פֿרימאָרגן וועט קומען, זאָל געשען אַ נס און די קיניגין מרים זאָל בלײַבן לעבן.

זי איז בײַם גאַנצן פֿאָלק געווען באַליבט; זי איז אַלעמען צום האַרצן געווען נאָענט.

און אין דעם טרויער, וואָס האָט אין יענער נאַכט אין אַלע הײַזער און געצעלטן געהערשט, האָבן אָרעמע און גאָטספֿאַרכטיקע לײַט גערעדט וועגן איר ווי וועגן אַ הייליקער, וואָס דער באַשעפֿער פֿון אַלע וועלטן האָט פֿון הימל אַראָפּגעשיקט אויף דער ערד צו לײַטערן די נשמות פֿון די זינדיקע און אויסצולייזן די רעכטפֿאַרטיקע פֿון די הענט פֿון די רשעים.

— ווען ניט זי, וואָלט דער גרויזאַמער קיניג דאָס גאַנצע לאַנד מיט בלוט פֿאַרפֿלייצט...

— אין איר זכות איז ער דערהויבן געוואָרן צום טראָן פֿון יהודה...

— זי האָט ניט איין מאָל זײַן האַנט אָפּגעשטעלט און ער האָט די שווערד צוריק אין שייד אַרײַנגעלייגט...

— דאָס גוטע, וואָס ער האָט אַ מאָל געטאָן, איז געקומען פֿון איר...

— און ווי' וועט זײַן דעם גאַנצן פֿאָלק, ווען איר קאָפּ פֿון דער האַק וועט פֿאַלן!..

— ווער וועט אונדז אין הויף באַשיצן?..

— יתומים בלײַבן מיר דאָ אַלע...

אַזוי האָבן די אײַנוואוינער פֿון דער שטאָט ירושלים וועגן דער פֿאַרמשפּטער קיניגין גערעדט. און רעדנדיק אַזוי, האָבן זיי באַקלאָגט ניט נאָר איר ביטערן גורל, נאָר אויך זייער אייגענעם. און עס איז פֿאַר זיי קיין טרייסט ניט געווען, וואָרעם אין איר טרויעריקן סוף האָבן זיי געזען דעם אונטערגאַנג פֿון דער שענסטער געשטאַלט, וואָס איז נאָך פֿאַרבליבן פֿון דער גאַנצער חשמונאים־משפּחה, און דאָס איז פֿאַר זיי געווען אַ צייכן, אַז באַלד וועלן געוויס אָנקומען זייער שלעכטע צײַטן פֿאַרן גאַנצן פֿאָלק און פֿאַרן גאַנצן לאַנד...

ז

אין יענער נאַכט איז מרים אין געפֿענגעניש, מיט דער אינעווייניקסטער רואיקייט, וואָס האָט איר נשמה אָנגעפֿילט, געזעסן איינע אַליין בײַ אַ קליין לעמפּעלע, וואָס האָט געברענט אויף בוימל. די טונקעלע שײַן פֿונעם לעמפּל האָט

אויף איין זײַט פֿון איר פּנים אַ שאָטן געוואָרפֿן. בלויז דאָס ווינקל, וואו זי איז געזעסן, איז געווען באַלויכטן, און ווײַטער האָט זיך אַלץ אין פֿינצטערניש פֿאַרלוירן און אַרום און אַרום איז געווען שטיל.

זי איז געזעסן מיט אַן אָנגעבויגענעם קאָפּ און אין די געדאַנקען איז זי שוין געווען אין גאַנצן אָפּגעשיידט פֿון דער ערד. יעדעס מאָל, ווען מע האָט דעם שווערן טויער פֿון געפֿענגעניש געעפֿנט און עס האָבן זיך דערהערט טריט פֿון אַ מענטשן, האָט זי זיך אַפֿילו ניט אומגעקוקט. און ווען אַ באַדינער איז נאָר צוגעקומען צו איר און אונטערטעניק געפֿרעגט, צי זי פֿאַרלאַנגט עפּעס, האָט זי אים גאָרניט געענטפֿערט, נאָר בלויז אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ אין ביידע זײַטן, און דאָס האָט געהייסן, אַז זי פֿאַרלאַנגט גאָרניט. און פֿאַר טאָג, ווען דער קיניג האָט איר דורך אַ שליח געלאָזט וויסן, אַז ער וויל זי זאָל אים איבערגעבן איר לעצטן וואונטש, האָט זי שטיל בלויז עטלעכע ווערטער אַרויסגערעדט:

— מײַן לעצטער וואונטש איז, ער זאָל מיר צושיקן אַהער מײַנע קינדער. איך וויל זיי זען איידער איך גיי אַוועק פֿון זיי אויף אייביק...

— איז אפֿשר דער וואונטש פֿון דער קיניגין דעם קיניג אַליין אויך צו זען? — האָט דער באַדינער געפֿרעגט, ווײַל צוליב דעם האָט הורדוס אים געשיקט אַהער.

— ניין! — האָט זי געענטפֿערט מיט פֿעסטקייט אין איר שטים — גיב איבער דעם קיניג, אַז אים זען וויל איך ניט!..

און אין דעם איז שוין ניט געווען קיין האַס. וואָרעם זי האָט מער קיינעם ניט געהאַסט, ווען זי האָט זיך צום טויט געגרייט. און זי האָט אויך קיינעם ניט באַדויערט, אַפֿילו זיך אַליין ניט. אַלע אירע חשבונות מיט דער וועלט, וואָס אויף דער ערד, זענען שוין געווען אונטערגעצויגן און זי האָט מיטן גאַנצן האַרצן געגלויבט, אַז מיט דעם, וואָס זי האָט אויף איר אייגענעם ווײַבערישן שטייגער גענומען נקמה אין הורדוסן, האָט זי באַצאָלט אַ הייליקן חוב, וואָס זי איז געווען שולדיק איר משפּחה און איר פֿאָלק און אַז אין דער קריג, וואָס זי האָט מיט אים געפֿירט אַזאַ לאַנגע צײַט, איז זי אַרויסגעקומען מיט אַ נצחון. זי און — ניט ער...

ער איז דער, וואָס האָט פֿאַרלוירן, און זי איז די, וואָס האָט געוואונען. און ווען זי וואָלט נאָר לעבן זיך איצט געהאַט אַ נאָענטן מענטשן, וועמען זי זאָל קענען זאָגן, וואָס זי טראַכט וועגן דעם אַצינדער, אין די לעצטע שעהען פֿון איר לעבן, וואָלט זי אים געזאָגט:

— פֿאַרבאָרגן זענען די וועגן פֿון גאָט און אַ רעטעניש איז דער מענטש. וואָרעם עס טרעפֿט אַ מאָל, ווען דער, וואָס פֿאַלט פֿון דער שווערד, איז גאָר מעכטיקער פֿון דעם, וואָס איז אים בײַגעקומען אין שלאַכט...

אָבער זי האָט קיין נאָענטן מענטשן ניט געהאַט. אַלע אין הויף זענען איר געווען פֿרעמד; זיי האָבן זי פֿריִער קיין מאָל ניט פֿאַרשטאַנען און איצט וואָלטן זיי זי אוודאי ניט פֿאַרשטאַנען. זי איז געווען עלנט בײַם לעבן און זי איז אויך געבליבן עלנט בײַם טויט. אַפֿילו איר אייגענע מוטער איז איר געווען פֿרעמד, און זי האָט איצט פֿאַרן טויט ניט געהאַט קיין באַגער זי צו זען און רעדן מיט איר, ווײַל זי האָט געוואוסט, אַז באַלד וועט זי איר אָנהייבן באַווײַזן, אַז זי האָט זיך

פֿאַרנומען אויף אַ שלעכטן וועג און אַז דאָס איינציקע, וואָס זי דאַרף איצט טאָן, איז — פֿאַרבייגן דעם שטאָלץ און בעטן דעם קיניג, ער זאָל איר פֿאַרגעבן.

אויך מיט די קינדער האָט זי וועגן דעם ניט געקענט רעדן. זיי זענען נאָך געווען צו קליין דאָס צו פֿאַרשטיין. און ווען מע האָט זיי צו איר אין תּפֿיסה געבראַכט, האָט זי זיי געהאַלדזט און געקושט. און ווען זי האָט געזען, ווי זיי קוקן זיך אַרום צעשראָקענע און פֿאַרשטייען ניט, וואָס דאָ קומט פֿאָר, האָט זי צו זיי געשמייכלט, ווי זי וואָלט זיך מיט זיי אין הויף געשפּילט. און ווען די צוויי יינגעלעך, אַלעקסאַנדרוס און אַריסטובולוס, האָבן אָנגעהויבן וויינען, האָט זי זיי בײַ זיך אויפֿן שויס אָוועקגעזעצט און זייביידן צערטלעך אַרומגענומען.

— ס'איז גאָרניט, קינדער מײַנע, גאָרניט — האָט זי צו זיי געשמייכלט — די מאַמע האָט געוואָלט רו, איז זי אַהער אין אַ שטילן ווינקל אַוועק, און דאָ האָט זי גאָט געבעטן פֿאַר אײַך, פֿאַרן פֿאָטער און פֿאַרן גאַנצן הויזגעזינד... גאָט הערט זיך צו בעסער צו די תּפֿילות פֿון אַ מענטשן, וואָס רופֿט צו אים פֿון דער טיפֿעניש... און איצט וועט די מאַמע אַוועק אויף אַן אָרט, וואו עס הערשט נאָך מער רו און שטילקייט...

— און ס'איז ווײַט פֿון דאַנען, מוטער? — האָבן די קינדער געוואָלט וויסן.

— ניין, קינדער — האָט זי זיי געקושט — פֿאַר מיר איז דאָס ניט ווײַט. עס וועט לאַנג ניט געדויערן און איך וועל דאָרטן זײַן...

— און ווען וועסטו קומען צוריק, מוטער?

— איך וועל קומען, איך וועל קומען... — האָט זי די צוויי קינדער צו זיך געטוליעט.

זי האָט מורא געהאַט, זי זאָל זיך נאָר ניט צעוויינען, האָט זי די צוויי יינגעלעך צוריק אויף דער ערד אַוועקגעשטעלט און אַליין איז זי אַריבער אין אַ פֿרום געבעט:

— פֿון דער טיפֿעניש האָב איך דיך גערופֿן, גאָט מײַן האַר, הער זיך צו צו מײַן קול און זאָלן דײַנע אויערן פֿאַרנעמען מײַן געבעט.

ווײַטער האָט זי שוין שטיל, פֿאַר זיך, געשעפּטשעט, און בײַ די לעצטע ווערטער פֿון דער תּפֿילה האָט זי ווידער אויפֿגעהויבן איר קול:

— דאָס פֿאָלק ישׂראל האָפֿט צו גאָט, ווײַל ער איז גנעדיק און ער וועט אויסלייזן דאָס פֿאָלק פֿון אַלע זײַנע זינד...

נאָך דעם האָט זי די קינדער ווידער געהאַלדזט און געקושט און געהייסן דעם באַדינער, וואָס האָט זיי געבראַכט, ער זאָל זיי אָפּפֿירן צוריק אין הויף אַרײַן. און זי האָט מוטערלעך־ליב געשמייכלט, ווען זי האָט זיך מיט זיי געזעגנט. און דאָס האָט דעם באַדינער אַזוי גערירט, אַז עס האָבן זיך אים געשטעלט טרערן אין די אויגן. און ווען מרים האָט דאָס דערזען, האָט זי געגעבן אַ כאַפּ אַרײַן דאָס גלידל פֿון אַ פֿינגער אין מויל אַרײַן און דאָס איז פֿאַרן באַדינער געווען אַ צייכן, אַז ער זאָל זיך ניט דערוועגן אַרויסצואווײַזן אַזאַ שוואַכקייט, ווען די קינדער זענען דערבײַ...

אויך ווען מע האָט זי געפֿירט צום טויט איבער די גאַסן פֿון דער שטאָט ירושלים, האָט זי זיך געהאַלטן מוטיק און שטאָלץ, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ טאָכטער

פֿון דער חשמונאים־משפּחה. מיט אַ געהויבענעם קאָפּ און מיט פֿעסטע און געמאָסטענע טריט איז זי געגאַנגען צווישן די באַוואָפֿנטע לײַט, וואָס האָבן זי אַרומגערינגלט, און אירע אויגן האָבן אָפּגעשפּיגלט די אינעווייניקסטע רואיקייט פֿון איר נשמה, און ווען זי האָט דערזען, ווי אַ סך פֿון די מענטשן, וואָס שטייען אויף די דעכער און בײַ די שוועלן פֿון זייערע שטיבער און געצעלטן, באַגלייטן זי מיט די בליקן און שאָקלען מיט די קעפּ און ווישן זיך די טרערן פֿון די אויגן, האָט זי זיי מיט דער האַנט געגעבן אַ צייכן, אַז זיי זאָלן זי ניט באַוויינען.

אויך די באַוואָפֿנטע לײַט, וואָס האָבן זי צום טויט געפֿירט, האָט זי געטרייסט, ווען זי האָט געזען ווי טרויעריק זיי זענען און ווי זיי מײַדן אויס מיט אירע בליקן זיך צו טרעפֿן.

— טרויערט ניט אויף מיר — האָט זי שטיל געזאָגט און איז צווישן זיי מיט פֿעסטע טריט געגאַנגען ווײַטער — קיינער דאַרף מיך ניט באַקלאָגן. דער טויט איז גאָרניט אַזוי שרעקלעך ווי איר אַלע שטעלט זיך פֿאָר. אַ מאָל איז לעבן אַ סך שווערער ווי שטאַרבן פֿאַר אַ גרויסער זאַך...

זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז הורדוס האָט אומיסטן געהייסן זי פֿירן צום טויט איבער די גאַסן פֿון ירושלים, כּדי דערמיט צו ווײַזן זײַן מאַכט און אַרויפֿוואַרפֿן אַ מורא אויף די, וואָס זענען שטענדיק געווען אויף דער זײַט פֿון די חשמונאים. און אין דעם האָט זי אויך געזען זײַן שוואַכקייט און איר מאַכט, זײַן געפֿאַלנקייט און איר דערהויבונג. און דאָס האָט איר צוגעגעבן נאָך מער מוט צו באַגעגענען דעם טויט אָן מורא און שטאַרבן מיט דעם געדאַנק, אַז אין דעם גרויסן קריג איז זי אַרויסגעקומען מיט אַ נצחון. זי און — ניט ער...

און זי איז ווײַטער געגאַנגען אַ שטאָלצע, אַ מוטיקע, מיט אַ געהויבענעם קאָפּ, ווי זי וואָלט זיך אומגעקערט פֿון אַ מלחמה נאָך אַ גרויסן נצחון איבער אַ שטאַרקן שׂונא. און אין די שטומע בליקן פֿון פֿאָלק, וואָס האָבן זי דעם גאַנצן וועג צום טויט באַגלייט, האָט זי געפֿילט די גרויסע ליבע צו זיך און צו דער גאַנצער חשמונאים־משפּחה, וואָס האָט אין משך פֿון מער ווי הונדערט יאָר אַרויסגעגעבן אַזוי פֿיל גיבורים, וואָס האָבן זייערע לעבנס אַוועקגעגעבן פֿאַרן פֿאָלק און פֿאַרן לאַנד. און מיט דער פֿולער זיכערקייט, אַז מיט איר גיין צום טויט הייבט זי אויף העכער די פֿאָן, וואָס איז ביז איצט אין שטויב געלעגן, איז זי ווײַטער געגאַנגען מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ און מיט פֿעסטע און געמאָסטענע טריט.

און ווי זי איז אַזוי געגאַנגען, איז איר מיט אַ מאָל געקומען אויפֿן זינען, וואָס זי האָט אַ מאָל געהערט וועגן אַנטיגאָנוסן, דעם לעצטן קיניג פֿון די חשמונאים; זי האָט געהערט, אַז ווען מע האָט אים געפֿירט צום טויט, האָט ער געהאַלטן די אויגן פֿאַרמאַכט. זי האָט ניט געקענט אויפֿהערן טראַכטן דערפֿון און — זי האָט אויך פֿאַרמאַכט די אויגן. ערשט ווען מע האָט זי צוגעפֿירט צו דעם אָרט, וואו דער קלאָץ איז געשטאַנען, האָט זי די אויגן געעפֿנט און דאַן האָבן די פּנימער פֿון אַלע באַוואָפֿנטע לײַט אַרום איר זיך איין פּנים צונויפֿגעגאָסן. זי האָט שוין מער גאָרניט געוואָלט זען, גאָרניט געוואָלט הערן. זי האָט געוואָלט, אַז אַלץ זאָל זיך שוין וואָס גיכער ענדיקן. און ווען זי איז שוין געווען גרייט אַליין

אַוועקצוליייגן דעם קאָפּ אונטער דער האַק, איז אין גרויס אײַלעניש אַנגעלאָפֿן אַ שליח פֿון הויף און ער האָט אויפֿן קול אויסגערופֿן:

— מיט זײַן גנאָד האָט דער קיניג אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל, אַז די פֿאַר־משפּטע קיניגין זאָל ניט שטאַרבן מיט קיין שענדלעכן טויט...

דאָ האָט ער זיך אַליין אָפּגעהאַקט איבערצוכאַפּן דעם אָטעם, און מע האָט געדענקט, אַז ווײַטער וועט ער אַוודאי אויסרופֿן, אַז דער קיניג האָט דער פֿאַר־משפּטער קיניגין געשענקט דאָס לעבן. אָבער ער האָט גאָר אויסגערופֿן, אַז ס׳איז דער באַפֿעל פֿונעם קיניג, אַז מע זאָל דער פֿאַרמשפּטער קיניגין ניט אָפּהאַקן דעם קאָפּ, נאָר מע זאָל פֿאַרצי׳ען אַרום איר האַלדז אַ שנירל, וואָס איז געמאַכט פֿון ריינע פֿעדעם זײַד און מע זאָל זי דערשטיקן...

מרימס פּנים האָט זיך אין אַ גאַליקן שמייכל פֿאַרקרימט און ווי אָפּגעריסן זי איז שוין ניט געווען פֿונעם גאַנצן לעבן אויף דער ערד, האָט זי אויף אַ ווײַלע דאָך געקראָגן אַ באַגער זיך צום לעצטן מאָל אַ ביסל אַ רייץ צו טאָן מיט הורדוסן און זי האָט שוין געוואָלט בעטן דעם שליח, ער זאָל אים איבערגעבן, דעם גרויזאַמען קיניג, אַז זי דאַנקט אים זייער דערפֿאַר, וואָס ער האָט צו איר אַרויס־געוויזן זײַן גנאָד, אָבער זי האָט דאָס דאָך ניט געטאָן; זי האָט שוין בײַ קיינעם גאָרניט געוואָלט בעטן און זיך מיט קיינעם שוין ניט געוואָלט רייצן, און אויפֿ־הייבנדיק דעם קאָפּ אין דער הייך, ווי זי וואָלט צום לעצטן מאָל געוואָלט זען אַלץ, וואָס מ׳קען נאָר מיט די בליקן אויפֿכאַפּן, האָט זי שטיל געזאָגט:

— איך בין גרייט...

דאָס זענען געווען אירע לעצטע ווערטער. און ווי זי האָט זיי נאָר פֿון מויל אַרויסגעבראַכט, האָט זי גלײַך פֿאַרמאַכט די אויגן, זיי מער קיין מאָל שוין ניט צו עפֿענען...

און אַלט געווען איז זי דאָן איין און דרײַסיק יאָר.

***

נאָך דעם האָט מען אין אַלע הײַזער און געצעלטן פֿון לאַנד, אויף אַלע פֿעלדער און ווײַנגערטנער און אויף אַלע וועגן און שטעגן לאַנג גערעדט פֿון דעם, ווי אַזוי די קיניגין מרים האָט באַגעגנט דעם טויט און ווי שטאָלץ און מוטיק זי האָט זיך געהאַלטן. דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט איר נאָמען אויף די ליפּן געטראָגן און איר געדעכעניש הייליק געהאַלטן; און ווען אַ מענטש פֿון אַ נאָענטער אָדער פֿון אַ ווײַטער שטאָט האָט דאָס ערשטע מאָל געהערט פֿון מרימס שרעקלעכן סוף און ער האָט מער די טרערן ניט געקענט אײַנהאַלטן, איז געווען גענוג, אַז מע זאָל אים זאָגן, אַז די קיניגין האָט פֿאַרן טויט געבעטן, אַז מע זאָל זי ניט באַוויינען, און ער האָט גלײַך די טרערן פֿון די אויגן אויסגעווישט און שוין מער ניט גע־וויינט. און אומעטום האָט דאָס פֿאָלק וועגן איר לעבן און טויט וואונדער־געשיכטעס דערציילט. און אַלע זענען געווען שטאָלץ מיט איר, און יעדער איינער, וואָס האָט נאָר וועגן איר לעבן און טויט דערציילט, האָט געמוזט ענדיקן מיט די ווערטער:

— און געשטאָרבן איז די קיניגין מרים אַזוי ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ טאָכטער פֿון די חשמונאָים!..

נײַנטער קאַפּיטל

מרימס שאַטן

א

לפּנים האָט זיך געדאַכט, אַז אין הויף האָט זיך קיין זאַך ניט געביטן. פּונקט ווי פריִער, זענען מענטשן יעדן פרימאָרגן אויפגעשטאַנען אין דער באַשטימטער צײַט און יעדער איינער האָט פּינקטלעך דורכגעפירט די פליכטן, וואָס ער האָט אויף זיך געטראָגן.

באַפעלן זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין צײַט, און שליחים, וואָס זענען געקומען פון נאָענט און פון ווײַט, האָבן זיי אין אַלע עקן פון לאַנד צעטראָגן.

דעם קיניגס ראַטגעבער זענען גאַנצע טעג געווען פאַרנומען מיט וויכטיקע מלוכה־ענינים און דער קיניג אַליין איז גאָר קיין מאָל ניט מיד געוואָרן אַרויפצוזלייגן אויף זיי און אויך אויף זיך אַליין, נאָך און נאָך נײַע פליכטן.

שטונדן־לאַנג האָט ער מיט זײַנע נאָענטע ראַטגעבער און פרײַנד געקענט אָפּזיצן און רעדן וועגן דעם, וואָס מע דאַרף און וואָס מע קען טאָן צו מאַכן שענער און גרעסער די שטעט פון יהודה; ער האָט אָנגעוואָרפן פּלענער, וואו מע זאָל בויען נײַע שטעט, נײַע פעסטונגען און וואו מע זאָל פלאַסטערן נײַע וועגן פאַר די קאַראַוואַנען, וואָס פירן סחורה צו די ברעגן פון ים.

— גוטע וועגן — האָט ער געזאָגט — זענען זייער וויכטיק פאַר אַ לאַנד; זיי ברענגען גרויסע נוצן אין דער צײַט פון אַ מלחמה און זיי ברענגען אויך גרויסע נוצן אין די צײַטן פון שלום.

און ער האָט מיט באַגײַסטערונג גערעדט וועגן די צײַטן, ווען די שטעט אין יהודה וועלן מער ניט זײַן אַזוי אַלט און אָפּגעלאָזט, נאָר אַ צירונג פאַרן אויג. און ווען אַלע וועגן, וואָס פירן פון איין שטאָט אין דער אַנדערער און פון איין געגנט אין אַן אַנדערער וועלן זײַן ברייטע און זיכערע, און מע וועט אויף זיי אָן שוועריקייטן קענען אַריבערפירן גרויסע חיילות און אויך גרויסע קאַראַוואַנען מיט סחורה, וואָס מע וועט אויף די ימים צעשיקן איבער אַנדערע לענדער.

— זאָל נאָר זײַן שלום צווישן יהודה און אירע שכנים — האָט ער געזאָגט — און דאַן וועט זיך אונדזער לאַנד צעוואַקסן און צעבליִען, און אַלע פעלקער פון אַרום און אַרום וועלן אונדז מקנא זײַן...

מע האָט ווירקלעך געקענט מיינען, אַז ער האָט איצט ווידער באַקומען זײַנע אַמאָליקע כּוחות און זײַן ברייטן פאַרנעם. און צווישן זײַנע נאָענטע פרײַנד

אין הויף האָבן זיך שוין געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז מיט דעם טויט פון מרימען האָט ער זיך אַליין געראַטעוועט פון אונטערגאַנג...

***

אָבער ביי אים אַליין איז דאָס אַריינוואָרפן זיך אין דער אַרבעט מיט אַזאַ ברען געווען ניט מער ווי אַ מיטל זיך צו פאַרטומלען. ער האָט געמיינט, אַז ווען ער וועט איצטער טאָן אַזעלכע זאַכן, וואָס ער האָט אַלע מאָל ליב געהאַט און ער וועט זיך פאַרמעסטן צו טאָן נאָך גרעסערע, וועט ער אָן מרימען פאַרגעסן...

צוליב דעם האָט ער גלייך נאָך איר טויט אָוועקגעשיקט די קינדער קיין רוים, זיי זאָלן דאָרטן דערצויגן ווערן. ער האָט געמיינט, אַז ווען ער וועט דאָ די קינדער ניט זען, וועט ער אפשר וועגן דער מוטער זייערער אַזוי פיל ניט טראַכטן...

צוליב דעם האָט ער אַלעמען אין הויף און אויך זיך אַליין שטענדיק געהאַלטן שטאַרק באַשעפטיקט. ער האָט קיינעם לאַנג אויף אָן אַרט ניט געלאָזט איינזיצן, און אין הויף איז אַלע מאָל געווען אַ יאָגעניש און אָן איילעניש. גאַנצע טעג האָט אין ערגעץ אַ טיר לאַנג ניט גערוט אויפן ביישטידל, נאָר זי האָט זיך אַלע מאָל געעפנט און פאַרמאַכט, און מענטשן זענען אַריין און אַרויס, אַריין און אַרויס.

עס האָט זיך שטענדיק געטומלט.

עס האָט זיך שטענדיק געקאָכט.

אָבער הורדוסן האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז אָן מרימען איז דער גאַנצער הויף מיט אַ מאָל געוואָרן ליידיק...

און וואוהין ער איז נאָר געגאַנגען און וואו ער איז נאָר געשטאַנען, האָט ער פאַר זיך איר שאָטן געזען...

און אַלע מאָל, ווען עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער זעט איר שאָטן, האָט ער געפילט ווי אַ קאַלטער סקרוך לויפט אים אַריבער איבערן גאַנצן לייב, און ווי באַלד נאָך דעם צינדט זיך אָן אויף אים די הויט און ער ברענט פון דעם שטאַרקן באַגער צו זען איר פנים און פילן איר נאָענטקייט...

און קיינעם אין הויף האָט ער דאָס ניט געקענט זאָגן. מיט קיינעם האָט ער דערפון ניט געקענט רעדן. עס איז אים געווען אַ בזיון צו דערציילן, אַז ער שלאָפט ניט קיין נעכט און טראַכט אַלץ וועגן דער קיניגין, וואָס ער האָט אַליין פון דער וועלט אומגעבראַכט. ער האָט זיך געשעמט צוצוגעבן, אַז איצט, נאָך דעם ווי מרים איז שוין טויט, איז זיין ליבע צו איר געוואָרן נאָך שטאַרקער און גרעסער ווי פריִער, און אַז ביי טאָג און ביי נאַכט עסט ער זיך אַליין אויף לעבעדיקערהייט פאַר וואָס ער האָט זי באַשטראָפט מיטן טויט...

און איין מאָל, ווען ער איז צווישן זיינע ראַטגעבער געזעסן און האָט געהאַלטן אין מיטן רעדן פון די נייע וועגן און די נייע שטעט, וואָס ער וועט אויסבויען, האָט ער פלוצלינג אַלץ געגעבן אַ רוק אָפּ פון זיך, און צושפאַרנדיק ביידע הענט צום טיש, האָט ער אויף אַלעמען מיט ווילדע בליקן אָנגעהויבן קוקן.

— צו וואָס דאַרף איך די שטעט און צו וואָס דאַרף איך די וועגן? — האָט ער בייז צווישן די ציין געברומט — איך דאַרף זיי ניט!..

אַלע האָבן זיך דערשראָקן.

דער איינציקער, וואָס האָט זיך געקענט אָנבעמען מיט מוט עפּעס צו זאָגן, איז געווען מענעלעוס. ער, דער גרויסער נגיד, וואָס האָט זיך מיט זײַן עשירות הויך דערהויבן אין דער מלוכה און איז געווען אַ גרויסער יחסן אין הויף, האָט דעם קאָפּ און דעם פּעטן קאַרק זײַנעם אין די נידעריקע אַקסלען אַרײַנגעצויגן און האָט הורדוסן אַן עצה געגעבן:

— דער קיניג נייטיקט זיך אַצינדער אין רו — האָט ער אים געזאָגט — דער קיניג איז מיד, זייער מיד. מע זעט דאָס אויף זײַן פּנים...

אָבער דאָס האָט הורדוסן נאָך בייזער געמאַכט.

— מע זעט גאָרנישט אויף מײַן פּנים און איך נייטיק זיך ניט אין קיין רו! — האָט ער געענטפערט מיט כּעס — און זאָגט מיר, איר קלוגע לײַט פון הויף — האָט ער צו יעדן איינעם פון די ראַטגעבער דאָס צעפּלאַמטע פּנים זײַנס געשפּאַרט — יאָ, זאָגט מיר, איר קלוגע לײַט, פאַר וואָס דערמאָנט איר קיין מאָל ניט פאַר מיר מרימס נאָמען?..איז זי דען טויט, וואָס מע דערמאָנט דאָ מער קיין מאָל איר נאָמען ניט?..ענטפערט מיר: איז זי טאַקע טויט?..

ער האָט אויסגעזען אַזוי ווילד, אַז עס איז געווען אַ מורא צו קוקן אויף אים. און די אונטערשטע ליפּ האָט בײַ אים געציטערט און ער האָט זיך געהאַלטן אין איין שויבערן די האָר פון קאָפּ און האָט אַלץ געפאָדערט, מע זאָל אים ענטפערן אויף זײַן פראַגע:

— איז זי טאַקע טויט?..

— יאָ, די קיניגין איז טויט — האָבן די ראַטגעבער אים געענטפערט שטיל, און דערבײַ האָבן זיי פאַרוואונדערטע און צעשראָקענע געקוקט איינער אויפן אַנדערן — זי איז טויט, די קיניגין...

— ניין, זי איז ניט טויט! — האָט ער זײַן קול אויפגעהויבן — זי איז ניט טויט! און שוין זאָלן אַלע דאָ איר נאָמען אָנרופן!..שוין זאָלן אַלע שרײַען אויפן קול: „מרים! מרים!”...

אַלע ראַטגעבער האָבן געמוזט פאָלגן זײַן באַפעל און אויסרופן אויפן קול דעם נאָמען פון דער טויטער קיניגין. עס איז געווען אַ סכּנה אים ניט צו פאָלגן, ווײַל עס האָט זיך געדאַכט, אַז אין זײַן ווילדקייט וועט ער זיך באַלד אויף אַלעמען ווי אַ צערייצטע חיה אַרויפוואַרפן. און ווען זיי האָבן דעם נאָמען פון דער טויטער קיניגין אויפן קול אויסגערופן, איז ער איבער זיי מיט צונויפגעבײַלטע פויסטן געשטאַנען; ווי אַ פאַררייקטער, וואָס ווייסט שוין אַליין ניט, וואו ער איז אין דער וועלט, האָט ער זיך צו די קולות צוגעהערט. דאָס האַרץ האָט זיך בײַ אים אויף און אָפּ געהויבן און ער האָט שווער געאָטעמט.

— העכער! נאָך העכער! — האָט ער מיט די ציין געקריצט.

עס האָט זיך די אַלע מענטשן געדאַכט, אַז אויב דאָס וועט אַזוי געדויערן נאָך אַ ביסל, וועלן זיי פון זינען אַרונטער און זיי וועלן שוין גאָר קיין מאָל ניט קענען אויפהערן שרײַען און רופן דעם נאָמען פון דער קיניגין, וואָס איז שוין טויט. אַלץ אַרום זיי האָט זיך אין אַ קנויל פון ווילד שרײַענדיקער משוגעת צונויפגעדרייט; זיי האָבן זיך פאַר זייערע אייגענע קולות דערשראָקן און אויפגעהערט

שרײַען האָבן זיי ערשט, ווען זיי האָבן זיך געכאַפּט, אַז דער קיניג איז שוין דאָ לעבן זיי ניטאָ...

און דער קיניג איז ווי אַ פֿאַרריקטער איבערן גאַנצן הויף געלאָפֿן און אין וואָס פֿאַר אַ חדר ער איז נאָר אַרײַנגעקומען און האָט דאָרט מענטשן דערזען, האָט ער זיי געהייסן רופֿן אויפֿן קול דעם נאָמען פֿון דער טויטער קיניגין, און דער גאַנצער הויף איז פֿון די קולות פֿאַרהילכט געוואָרן:

— מרים!..מרים!..

אַלע מאָל האָבן זיי זיך ערגעץ אײַנגעשטילט, די קולות, און באַלד האָבן זיי זיך פֿון אַן אַנדער אָרט נאָך הילכיקער צעטראָגן. און אין דעם ליאַרעם פֿון וואַנזין און שרעק, וואָס האָט אַלץ און אַלעמען אַרומגעכאַפּט, האָט הורדוס מיט ברייטע און שווערע טריט געשפּאַנט, און אַלע מאָל האָט ער זיך ערגעץ אַנדערש אָפּגעשטעלט און זיך צו די קולות צוגעהערט. און ווען מע האָט אים שוין מער אין ערגעץ ניט געזען און אין הויף איז געוואָרן שטיל, האָבן זיך אַלע באַדינער באַהאַלטן, וואו ווער עס האָט נאָר געקענט. אַפֿילו סאַלאָמעאַ און קאָסטאָבאַר האָבן מורא געהאַט זיך צו ווײַזן, און אַלע הויפֿלײַט האָבן איינער דעם אַנדערן שטילערהייט געזאָגט:

— דער קיניג איז פֿון זינען אַרונטער...

ב

די שטילקייט אין הויף האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. פֿון דעם גרויסן חדר, וואו דער טראָן איז געשטאַנען, האָט מען באַלד ווידער דעם קיניגס קול דערהערט:

— קאָסטאָבאַר! קאָסטאָבאַר!

און ווען קאָסטאָבאַר איז אַרײַנגעקומען, האָט דער קיניג צו אים די אויגן ניט אויפֿגעהויבן. האַלטנדיק דעם קאָפּ געבויגן, איז ער ווײַטער אַזוי געזעסן און האָט זיך פֿון אָרט ניט גערירט. און ווען קאָסטאָבאַר האָט אים געזאָגט, אַז ער איז גרייט צו הערן זײַן באַפֿעל, האָט ער מיד איין האַנט אויפֿגעהויבן און זי באַלד אַרונטערגעלאָזט.

— די ריכטער, וואָס האָבן מרימען צום טויט פֿאַרמשפּט — האָט ער קאָסטאָבאַרן געזאָגט, און די ווערטער זענען איינציקווײַז ווי שווערע שטיינער געפֿאַלן — זיי אַלע באַשטראָפֿן מיטן טויט!..

און נאָך דעם זענען געקומען טעג און נעכט, ווען די מורא איז אין הויף ווי אַ שווערער וואָלקן געהאַנגען איבער אַלעמענס קעפּ און קיינער האָט ניט געוואוסט, ווען די האַק וועט פֿאַלן אויף זײַן קאָפּ. עס איז זעלטן אַוועק אַ טאָג, אַז מע זאָל עמעצן פֿון הויף אויפֿן באַפֿעל פֿון קיניג ניט פֿאַרמשפּטן צום טויט. און קיינער האָט ניט געוואוסט מיט וואָס די פֿאַרמשפּטע האָבן זיך פֿאַרן קיניג פֿאַרזינדיקט. דווקא די, וואָס זענען אַלע מאָל צו הורדוסן זייער נאָענט געשטאַנען און מע האָט זיי געהאַלטן פֿאַר זײַנע בעסטע פֿרײַנד, האָבן איצט מער ווי אַלע אַנדערע געדאַרפֿט מורא האָבן, ווײַל אויף זיי האָט ער געקוקט מיט נאָך מער חשד און

ער האָט קיין איינעם פֿון זיי מער ניט געטרויט. מענטשן, וואָס ער האָט פֿריִער אין דער מלוכה דערהויבן, זענען אים מיט אַ מאָל געוואָרן גרויס אין די אויגן און ער האָט זיך דערמאָנט אָן חטאים, וואָס זיי זענען אַ מאָל באַגאַנגען אָדער האָבן געזאָלט באַגיין קעגן אים. אין איין טאָג האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל, אַז מע זאָל אָפּהאַקן דעם קאָפּ דאָסיטעוסן, וועלכער האָט אים אַזוי געטריַי געדינט, ווען ער האָט באַשלאָסן אומצוברענגען דעם אַלטן קיניג און כהן־גדול הורקונוס פֿון די חשמונאים. און עס האָט דאָסיטעוסן ניט געהאָלפֿן דאָס וויינען און דאָס בעטן, וויַיל דער קיניג האָט זיך פֿעסט געהאַלטן בײַ זײַנע ווערטער, אַז דער וואָס קען זײַן פֿאַלש צו איינעם, קען אויך זײַן פֿאַלש צו אַ צווייטן...

און באַלד נאָך דעם, ווי מע האָט דאָסיטעוסן אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ, האָט דער קיניג אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל, אַז מע זאָל נעמען מרימס באַדינער גאַדי, דעם זעלבן, וואָס האָט אים געבראַכט דעם בעכער ווײַן און געזאָגט, אַז ער האָט אַליין געזען ווי די קיניגין האָט אַהין גיפֿט אַרײַנגעטאָן, און אים אויך אָפּהאַקן דעם קאָפּ...

קיינעם פֿון די פֿאַרמשפּטע האָט ער ניט געוואָלט אויסהערן און קיינער אין הויף האָט ניט געוואָגט צו קומען צו אים בעטן, ער זאָל אַ פֿאַרמשפּטן באַגנעדיקן. מיט דעם האָט מען נאָך דאָס אייגענע לעבן געקענט שטעלן אין אַ סכנה. וואָרעם אין יעדן מענטשן, וואָס האָט אַרויסגערעדט אַ גוט וואָרט אויף איינעם, וואָס מע האָט צום טויט פֿאַרמשפּט, האָט ער שוין געזען זײַנעם אַ שונא, אַ ווידערשפּעניקער. ער האָט אים גלײַך חושד געווען אין אַלץ, און ער האָט פֿאַר אַלעמען איין אורטייל געהאַט:

— אָפּהאַקן דעם קאָפּ!..

אַפֿילו אויף זײַן פֿרײַנד מענעלעוס האָט ער אָנגעהויבן קוקן מיט חשד, און אין הויף האָט מען שוין גערעדט, אַז אויך ער, דער גרויסער נגיד, וואָס האָט דעם קיניג אַזוי פֿיל געהאָלפֿן מיט גאָלד און זילבער אין דער מלחמה קעגן אַנטי־גאָנוסן, איז שוין אויך מיט זײַן לעבן ניט זיכער. און מענעלעוס האָט טאַקע שטאַרק מורא געהאַט דערפֿאַר און עס איז שוין געווען בײַ אים אָפּגעמאַכט, אַז ער זאָל אַנטלויפֿן אין אַן אַנדער לאַנד און זיך דאָרטן באַזעצן. אָבער גראַד דאַן, ווען ער האָט זיך אין וועג אַרײַן געקליבן, איז ער פּלוצלינג געשטאָרבן, און אין הויף האָט מען געזאָגט, אַז ער איז געשטאָרבן פֿאַר שרעק...

ניט נאָר אין הויף, נאָר אויך אין גאַנץ ירושלים איז די אומרואיקייט געווען גרויס. אַ קורצע צײַט נאָך מרימס טויט האָט אין שטאָט אויסגעבראָכן אַ מגפֿה און אַ סך מענטשן זענען אויסגעשטאָרבן. און אַלע האָבן אין דעם געזען אַ צייכן פֿון הימל און מע האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ שטראָף פֿון גאָט פֿאַר דעם טויט פֿון דער באַליבטער קיניגין מרים.

אויך הורדוס האָט אין דעם געזען אַ שטראָף פֿון גאָט, און דאָס האָט נאָך מער צערודערט זײַן מוח און ער איז נאָך ווילדער געוואָרן, און אין איינעם מיט דער מורא, וואָס די שטראָף פֿון גאָט האָט אויף אים אַרויפֿגעוואָרפֿן, איז אויך געוואַקסן זײַן גרויזאַמקייט. און אין דער זעלבער צײַט, וואָס זײַן גרויזאַמקייט איז געוואַקסן, האָט ער בײַ נאַכט געוויינט אויף מרימס טויט. און זייער אָפֿט האָט

ער זיך פֿון שלאָף אויפֿגעכאַפּט און אין דער פֿינצטער איר נאָמען גערופֿן. און בײַ טאָג האָט ער אויף די ווענט איר שאָטן געזוכט און מיט די ליפּן געקושט די ערטער, וואו אירע פֿיס האָבן געטראָטן. און אַ פֿאַרבענקטער האָט ער געקוקט אין די ברונעמער און טײַכלעך, וואו איר פּנים האָט זיך אַ מאָל אָפּגעשפּיגלט...

ג

שעהען לאַנג איז ער דאָן געזעסן אײנער אַליין אין דעם חדר, וואו איר ליידיק בעט איז געשטאַנען, און ער האָט גערעדט צו איר אַזוי, ווי ער וואָלט זי איצט אַ לעבעדיקע פֿאַר די אויגן געזען. ער האָט זי מיט די ליבסטע און שענסטע נעמען אָנגערופֿן און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער זעט זי, אַז ער הערט איר קול. און ער האָט די הענט צו איר געשטרעקט און די נאָזלעכער האָבן זיך בײַ אים ברייט צעעפֿנט, ווען עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער שמעקט דעם ריח פֿון איר לײַב, און די בלוטן אין די אָדערן האָבן זיך בײַ אים אָנגעצונדן פֿון דעם שטאַרקן באַגער זי נאָענט לעבן זיך צו פֿילן. אַלץ אין אים האָט געלעכצט נאָך איר. און ווען ער האָט זיך געכאַפּט, אַז זי אַליין איז שוין טויט און אַז לעבן לעבט זי בלויז אין זײַנע געדאַנקען און אַז ער אַליין האָט זי פֿון דער וועלט אומגעבראַכט, האָט ער מיט די נעגל פֿון די פֿינגער געריסן שטיקער פֿון זײַן לײַב און פֿון האַלדז זענען בײַ אים אַרויסגעקומען אַזעלכע פֿאַרשטיקטע געשרייען, אַז ער האָט זיך פֿאַר זיך אַליין דערשראָקן. ער האָט אָנגעהויבן פֿײַנט האָבן מענטשן מיט אַזאַ שׂנאה, וואָס האָט אים אַליין שטענדיק גענאָגט און אַלץ פֿאַרמיאוסט אין זײַנע אויגן. ער האָט אויף אַלעמען אין הויף געקוקט ווי אויף נישטיקע באַשעפֿענישן, וועלכע האָבן ניט די ווערט, וואָס די ערד טראָגט זיי. און כּדי זיך צו דערווײַטערן פֿון די אַלע מענטשן, וואָס ער האָט אַזוי פֿײַנט און צו בלײַבן אַליין מיט זײַנע געדאַנקען וועגן מרימען, איז ער אָפּט אויף גאַנצע טעג אַוועק אין די וויסטענישן און אויך אין געדיכטע וועלדער, און עס האָט געהייסן, אַז ער גייט אַהין אויף יאַגד; אָבער ער האָט זיך דאָרט נאָך קיין חיות ניט געיאָגט. און ווי ער איז נאָר אין אַ וויסטעניש אָדער אין אַ געדיכטן וואַלד געקומען, האָט ער דאָס פֿערד איבערגעגעבן אין די הענט פֿון אַ באַדינער און אים אָנגעזאָגט, ער זאָל קומען צוריק, ווען די זון וועט שוין האַלטן בײַם פֿאַרגיין. און ווען ער איז מיט זיך אַליין געבליבן, האָט ער זיך געלאָזט גיין אין וואָס פֿאַר אַ ריכטונג עס האָט זיך נאָר געמאַכט. און גייענדיק אַזוי אָן אָנגעכמורעטער און אַ פֿאַרטראַכטער, האָט ער זיך אַלע מאָל אָפּגעשטעלט און האָט מרימס נאָמען אין דער הייך אויסגערופֿן און געוואַרט ביז אַ ווידערקול פֿון ווײַט וועט אים איר נאָמען ברענגען צוריק...

איבער אַלע וועלדער און וויסטענישן פֿון לאַנד האָט ער מרימס נאָמען ווײַט צעטראָגן. און ווען ער איז אין הייסע טעג געלעגן אויף די זאַמדן, וואָס זענען פֿון דער זון געווען אָנגעגליט, האָט ער זיך אָן רחמנות געפּײַניקט, ווי ער וואָלט זיך אַליין געוואָלט באַשטראָפֿן דערפֿאַר, וואָס ער האָט די געליבטע פֿון זײַן האַרץ פֿון דער וועלט אומגעבראַכט. ער האָט צו איר געשטאַלט גערעדט, ווי

זי וואָלט אַ לעבעדיקע פֿאַר זײַנע אויגן געשטאַנען, און רעדנדיק אַזוי צו איר, האָט ער זיך אַלע מאָל אין אַן אַנדער געמיט אַרײַנגעטריבן; אָט איז ער געווען ווייך און איידל און אָט איז ער געוואָרן האַרט און שטרענג. און שרײַענדיק אויפֿן קול, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער די שפּיצן פֿון די זאַמד־בערג, וואָס ווינטן האָבן אָנגעוואָרפֿן, איז ער ווי אַ וואָרעם געקראָכן אויפֿן בויך און האָט ביז בלוט געביסן די פֿינגער פֿון די הענט און די ליפּן פֿון מויל...

און אין פֿינצטערע נעכט, ווען עס האָט זיך פֿון די בערג אַרום און אַרום געהערט דאָס וואָיען פֿון הונגעריקע שאַקאַלן און עס איז געווען אַ מורא אין גאַס אַרויסצוגיין, האָט ער זיך איבערגעטאָן, אַז קיינער זאָל אים ניט דערקענען, און אַרויסשאַרנדיק זיך שטילערהייט פֿון הויף, איז ער אויף מרימס קבֿר אַוועק און איז דאָרט לאַנג געזעסן און האָט שטיל געוויינט. און אָפּט מאָל, ווען ער איז אין אַזאַ נאַכט צוריק אין הויף אַרײַנגעקומען, פּונקט אַזוי שטיל ווי ער איז פֿון דאָרט אַוועק, האָט ער געהייסן דעם באַדינער, ער זאָל אים ווײַן דערלאַנגען, און ער האָט דעם ווײַן פֿון גרויסע בעכערס געטרונקען, און נאָך דעם האָט ער מיט זײַנע געשרייען אַלע באַדינער פֿון שלאָף אויפֿגעוועקט, און אַלע מאָל האָט ער אַן אַנדערן פֿון זיי מיט ביידע הענט בײַ די אַקסלען אָנגעכאַפּט און אַלץ איין זאַך געפֿאָדערט:

— שוין זאָלסטו מיר מרימען ברענגען אַהער!..

אין אַזעלכע שעהען האָט ער אַ מאָל די בושה פֿאַר זײַטיקע מענטשן אין גאַנצן פֿאַרלוירן און גערעדט אַזעלכע רייד, וואָס מע האָט פֿון אים פֿריִער גאָר קיין מאָל ניט געהערט...

— איך וויל שלאָפֿן מיט איר, מיט דער געליבטער פֿון מײַן האַרץ! — האָט ער די ווערטער ווי אַרויסגעכריפּעט פֿון האַלדז — איך וויל זי באַפּרוכפּערן... איך וויל זי באַמאַנען... איך וויל פֿילן די וואַרעמקייט און די גלאַטקייט פֿון איר לײַב... שוין זאָל מען זי ברענגען אַהער צו מיר!..

ד

פֿון אַלע מענטשן אין הויף איז זײַן שוועסטער סאַלאָמעאַ דאַן געווען די איינציקע, צו וועמען ער האָט געהאַט צוטרוי. צו איר האָט ער זיך אַ מאָל דאָך געקענט צוהערן און זיך פֿאַרטראַכטן וועגן דעם, וואָס זי זאָגט אים. און זי האָט אים געזאָגט:

— קיינער, ברודער, פֿאַרשטייט דיך ניט אַזוי גוט ווי איך און קיינעם, ברודער, טוט אַזוי ניט וויי דאָס האַרץ ווי מיר, ווען איך זע ווי דו לײַדסט. און דעריבער זאָלסטו זיך צוהערן צו מײַנע רייד און דו וועסט זען, ווי עס וועט לאַנג ניט געדויערן און דו וועסט אָן מרימען אין גאַנצן פֿאַרגעסן...

— אָבער איך וויל זי ניט פֿאַרגעסן! — האָט הורדוס אויסגעשריגן, און דער גאַנצער קערפּער האָט בײַ אים געציטערט — איך וויל מרימען ניט פֿאַרגעסן!..

— רואיק, ברודער, רואיק! — האָט זי אים אײַנגענומען — דו מוזסט מרימען פֿאַרגעסן, אויב דו ווילסט ניט אַליין אין גאַנצן אונטערגיין...

זי האָט אים דערבײַ טיף אין די אויגן אַרײַנגעקוקט און זי האָט ווײַטער גערעדט:

— און פֿאַרגעסן מרימען וועסטו בלויז דאַן, ווען דו וועסט דײַן גלוסטונג שטילן אין דעם לײַב פֿון אַנדערע שיינע יונגפֿרויען... און זאָלן מײַנע רייד דיך ניט שרעקן, ברודער — האָט זי צו אים געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט, ווען זי האָט געזען, ווי דאָס פּנים האָט זיך בײַ אים פֿאַרקרימט און ווי ער האָט זיך מיטן גאַנצן קערפּער געגעבן אַ וואָרף צוריק — יאָ, זאָלן דיך מײַנע רייד ניט שרעקן... דו ביסט אַ קיניג, אַ הערשער איבער אַ פֿאָלק, און די שענסטע יונגפֿרויען פֿון לאַנד וועלן קומען אויף דײַן רוף... און קיינער וועט דיר דאָ ניט שטערן, קיינער וועט דיר דאָ ניט זײַן אין וועג... און ניט נאָר איינע, נאָר אַ סך מיידלעך זאָל מען פֿאַר דיר אַהער ברענגען... יונגע, שיינע מיידלעך... נאַקעטע זאָלן זיי דאָ פֿאַר דיר טאַנצן, און מיט זיי אין איינעם זאָלסטו לוסטיק זײַן... שטיל אין זיי דײַן תּאווה... לעש אין זיי דײַן גלוסטונג און טראַכט פֿון לעבן, ניט פֿון טויט...

הורדוסן זענען אירע רייד ניט געווען צום האַרצן, און ווען זי האָט געענדיקט, האָט ער געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט און איז אַוועק אַ בייזער. אָבער מיט עטלעכע טעג שפּעטער, ווען זי האָט מיט אים ווידער די זעלבע רייד גערעדט, האָט ער איר שוין מער ניט איבערגעשלאָגן און שטיל אויסגעהערט אַלץ, וואָס זי האָט אים געזאָגט וועגן די שיינע יונגפֿרויען, וואָס וועלן קומען אויף זײַן רוף, און וועגן דעם פֿאַרגעניגן, וואָס זיי וועלן אים פֿאַרשאַפֿן אין די נעכט, ווען ער וועט אָן אַלץ פֿאַרגעסן און זיך אין גאַנצן איבערגעבן אין דעם רשות פֿון פֿרייד און לוסט...

— אַזוי דאַרף לעבן אַ קיניג! — האָט זי אים צוגערעדט צו זינד — ווײַן און ווײַבער יעדע נאַכט... פֿון קלאָגן נאָך אַ ווײַב אַ טויטער, ווערט דאָס לײַב בײַ אַ מאַן פֿאַרשמאַכט... איז פֿאָלג מיך, ברודער, הער מײַן עצה...

זי האָט אַזוי לאַנג גערעדט איבער אים, ביז זי האָט געפּועלט, וואָס זי האָט געוואָלט, און דאַן האָבן זיך אין הויף אָנגעהויבן ווילדע נאַכט־שׂמחות, וואָס האָבן זיך ביזן גרויען פֿרימאָרגן געצויגן. דער קיניג אַליין האָט אויף די ווילדע שׂמחות אַ סך ווײַן פֿון גרויסע בעכערס געטרונקען, און מיידלעך מיט דורכזיכטיקע שלייערן אויפֿן הוילן לײַב האָבן פֿאַר אים פֿאַרשיידענע טענץ געטאַנצט און געוואָרפֿן זייער נאַקעטקייט אין זײַנע אויגן און זיך פֿאַר אים מיט די שלאַנקע לײַבער געדרייט און געבויגן, גרייט זײַנע באַגערן נאָכצוגעבן און דאָס פֿײַער פֿון זײַן גלוסטונג צו לעשן. אָבער ער איז אַלץ געווען אָנגעכמורעט און פֿאַרטרויערט און האָט די טאַנצנדיקע מיידלעך פֿון זיך געטריבן. און ווען ער האָט שוין יאָ אַ מאָל אויסגעקליבן איינע און זי בײַ זיך אויף די קני אַרויפֿגעזעצט, האָט ער אויף איר נאַקעט לײַב מיט צעטומלטע בליקן געקוקט. און ווען זי האָט אירע גלאַטע, ווייכע אָרעמס אַרום זײַן האַלדז פֿאַרוואָרפֿן און צוגעשפּאַרט די ברוסטן צו אים, האָט ער מיט עקל דאָס צעפֿלאַמטע פּנים פֿאַרקרימט און מיט פֿאַראַכטונג זי אָפּגעשטויסן פֿון זיך...

פֿון אַלע עקן לאַנד האָט מען פֿאַרן קיניג יונגפֿרויען געבראַכט. און געווען זענען זיי פֿון פֿאַרשיידענע פֿעלקער און שטאַנדן — אַלע שיינע, רייצנדיקע און

פֿאַרשײַטע. און זיי האָבן געקענט ניט נאָר טאַנצן, נאָר אויך שפּילן; זיי האָבן געשפּילט אויף פֿלייטן און האַרפֿעס און אויך געזונגען האָבן זיי זייער שיין; מיט זייערע געזאַנגען און טענץ און אויך מיטן רייץ פֿון זייער יוגנט, וואָס האָט אין שפּיל מיט נאַקעטקייט געגליט, האָבן זיי געקענט אָנצינדן די תאווה פֿון יעדן מאַן. אָבער הורדוס איז געבליבן קאַלט צו זייער רייץ. מיט זייער שיינקייט און יוגנט האָבן זיי בײַ אים קיין באַגער ניט אַרויסגערופֿן; ווען זיי האָבן אַרום אים אין אַ ראָד געטאַנצט, האָט ער די אָנגעכמורעטע אויגן צו דער ערד אַרונטערגעלאָזט, און ווען זיי האָבן די ראָד אַרום אים געמאַכט ענגער און מיט די נאַקעטע פּיס און הוילע אָרעמס זיך צו אים געקלעפּט, האָט ער מיט די נעגל פֿון די פֿינגער זייער לײַב געגראַבלט און מיט די פּיס זיי פֿון זיך געשטויסן און געקריצט מיט די ציין אַפֿילו דאַן, ווען ער האָט איינע פֿון זיי אַרומגעכאַפּט צו קושן...

ער האָט אַלץ געדענקט, אַז ביסלעכווײַז וועט ער זיך דאָך צוגעוואוינען דערצו און ער וועט קענען אָנהייבן לעבן אַזוי, ווי זײַן שוועסטער סאַלאָמעאַ האָט אים געראַטן. און צוליב דעם האָט ער אין די נעכט פֿון די ווילדע שׂמחות מיט די פֿאַרשײַטע טענצערינס נאָך מער ווײַן אָנגעהויבן טרינקען. און איין מאָל, ווען ער איז אַן אָנגעטרונקענער געזעסן מיט צעשפּרייטע פּיס און צעשויבערטע האָר, און די מיידלעך האָבן שפּילנדיק און זינגענדיק און טאַנצנדיק זייער נאַקעטקייט אים אין די אויגן געוואָרפֿן, האָט ער מיט אַ מאָל זיך דערמאָנט, אַז אויף דעם זעלבן אָרט האָבן מרימס פּיס ניט איין מאָל געטראָטן און אַז דאָ האָט זיך אָפֿט געהערט איר קול און איר געלעכטער. און דאַן האָט ער זיך געגעבן אַ הייב אויף און האָט אָנגעהויבן שרײַען:

— זונות!.. שוין זאָלט איר אַלע אַרויס פֿון דאַנען!.. קיין איינע פֿון אײַך זאָל דאָ ניט בלײַבן!.. און באַשמוצט ניט מיט די טריט פֿון אײַערע פּיס דאָס אָרט, וואו ז י האָט אַ מאָל געטראָטן!..

מיט דעם האָבן זיך געענדיקט די ווילדע נאַכט־שׂמחות אין הויף. דער קיניג האָט אָנגעזאָגט שטרענג, אַז מע זאָל פֿאַר אים מער קיין יונגפֿרויען ניט ברענגען און מער קיין ווילדע שׂמחות פֿאַר אים ניט מאַכן, און אַליין איז ער אַוועק קיין שומרון און האָט זיך באַזעצט אין דעם הויף, וואו ער האָט מיט יאָרן צוריק חתונה געהאַט מיט מרימען, נאָך דעם ווי מע האָט אים אין רוים געמאַכט פֿאַר דעם קיניג פֿון יהודה.

אין יענעם הויף, וואו אַלץ האָט אים דערמאָנט אָן די צײַטן, ווען ער איז געווען גליקלעך מיט מרימען, האָט ער איצטער געוואָלט זײַן. און דאָרט איז ער אָפֿט שעהען־לאַנג איינער אַליין געזעסן אין די גרויסע חדרים, וואו ער איז אַ מאָל מיט מרימען געזעסן. אין דער שטילקייט, וואָס איז ווי פֿאַרגליווערט געוואָרן צווישן די דיקע ווענט, וואָס האָבן דעם טומל פֿון די גאַסן ניט צוגעלאָזט, האָט ער זיך פֿון אַלץ און פֿון אַלעמען אָפּגעזונדערט און ער איז טעג און נעכט געווען אַליין מיט זיך און מיט די טרויעריקע געדאַנקען, וואָס האָבן אים די גאַנצע צײַט ניט אָפּגעלאָזט. שפּאַנענדיק מיט שווערע טריט איבער די גרויסע און ליידיקע חדרים און אויך איבער דעם גאָרטן, וואָס אַרום הויף, האָט ער זיך אַלע מאָל דערמאָנט אָן עפּעס אַנדערש, וואָס איז מיט זײַן גרויסער ליבע צו מרימען געווען

פֿאַרבונדן — דאָ איז ער מיט איר געזעסן און זי האָט זיך שטיל צוגעהערט צו דעם, וואָס ער דערציילט איר ווי מע האָט אים אין רוים געמאַכט פֿאַרן קיניג פֿון יהודה; דאָרט האָט זי שעמעוודיק די אויגן צו דער ערד אַרונטערגעלאָזט, ווען ער האָט איר געגעבן אַ קוש; דאָ האָט זי אַ מאָל געלאַכט, ווען ער האָט זיך איין מאָל אויסגעגליטשט און איז געפֿאַלן, און דאָרט האָט זי אים געזאָגט, אַז זי וואָלט שוין געוואָלט די מלחמה זאָל זיך ענדיקן, ווײַל ווען ער איז אויפֿן שלאַכט־פֿעלד, איז זי זייער אומרואיק און קען איבער דעם קיין נעכט ניט שלאָפֿן...

עס איז אין דעם הויף פֿון שומרון ניט געווען קיין איין זאַך, וואָס זאָל אים ניט דערמאָנען אָן מרימען און אָן די צײַטן, ווען ער איז געווען אַזוי גליקלעך מיט איר. און אַלץ איז פּונקט ווי דעמאָלט אויף דעם זעלבן אָרט געשטאַנען. און אים האָט זיך געדאַכט, אַז אין דער שטילקייט, וואָס רוט צווישן די דיקע, געמויערטע ווענט, פֿילט ער נאָך איר אָטעם און הערט דעם אָפּקלאַנג פֿון אירע שטילע טריט...

אין געדאַנק איז ער די גאַנצע צײַט געווען מיט איר און נאָר מיט איר. קיינעם פֿון זײַן אייגענער משפּחה האָט ער דאַן צו זיך ניט צוגעלאָזט. אַפֿילו ניט די שוועסטער זײַנע. בלויז עטלעכע פֿון זײַנע געטרײַע באַדינער האָט ער מיט זיך קיין שומרון מיטגענומען, און אַפֿילו צו זיי האָט ער שוין מער קיין צוטרוי ניט געקענט אַרויסווײַזן, און ווען נאָר מע האָט אים צום טיש דערלאַנגט עפּעס צום עסן אָדער עפּעס צום טרינקען, האָט איינער דאָס פֿריִער געמוזט פֿאַרזוכן, ווײַל דעם קיניג האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז זיי האָבן פֿאַרטראַכט שלעכטס און ער האָט אַלץ מורא געהאַט, אַז זיי זאָלן אים נאָך ניט סמען; ער איז שטענדיק געווען אין דער מורא און פּונקט אַזוי זענען זיי אויך, די געטרײַע באַדינער זײַנע, שטענדיק געווען אין דער מורא; זיי האָבן שטילערהייט צווישן זיך גערעדט וועגן דעם אַזוי, פּונקט ווי זיי וואָלטן פֿאַר זיך אַליין מורא געהאַט צו ברענגען אויף די ליפּן דאָס, וואָס זיי טראַכטן איצט די גאַנצע צײַט. און זיי האָבן שוין געוואוסט, אַז בײַ נאַכט, ווען דער קיניג הייבט אָן רופֿן דעם נאָמען פֿון דער קיניגין, וואָס ער אַליין האָט אין אַ בייזער שעה אומגעבראַכט פֿון דער וועלט, און די ווענט אין הויף הייבן אָן ציטערן פֿון זײַנע קולות, איז בעסער מע זאָל זיך דאַן פֿאַר זײַנע אויגן ניט ווײַזן און וואַרטן ביז די קולות וועלן זיך אײַנשטילן פֿון זיך אַליין...

די גאַנצע צײַט, וואָס ער איז געווען אין שומרון, האָט ער זיך געהאַלטן אַזוי, ווי ער וואָלט זיך אין גאַנצן אָפּגעריסן פֿון דער וועלט אין וועלכער ער האָט פֿריִער געלעבט. עס איז אויסגעקומען, ווי ער וואָלט זיך אַהין געיאָגט מיט דער פֿולער זיכערקייט צו געפֿינען, וואָס ער זוכט און מיט אַ מאָל האָט ער זיך דער־מאָנט, אַז פֿאַרלוירן האָט ער דאָס גאָר ערגעץ אַנדערש. אַלץ, וואָס האָט אים אין שומרון דערמאָנט אָן מרימען, האָט אים אַזוי צערודערט און צעטומלט, אַז ער האָט אָפּט שוין גאָר אַליין ניט געוואוסט, ווען ס'איז טאָג און ווען ס'איז נאַכט; ער האָט סײַ אין דער פֿינצטער און סײַ אין דער ליכטיקייט געקענט זיצן לאַנג איינער אַליין מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און טראַכטן פֿון מרימען און רעדן צו איר געשטאַלט, פּונקט ווי ער וואָלט זי געזען אַ לעבעדיקע. און אַלע מאָל, ווען ער איז אַזוי מיט פֿאַרמאַכטע אויגן געזעסן, האָט ער מורא געהאַט זיי צו עפֿענען; ער האָט זיך געשראָקן פֿאַר דערווירקלעכקייט און בעסער געוואָלט בלײַבן מיט

דעם חלום, וואָס ער אַליין האָט פֿאַר זיך אויסגעוועבט, ווײַל אין דעם אויס־געוועבטן חלום האָט מרים פֿאַר אים נאָך געלעבט און אין דער ווירקלעכקייט איז זי פֿאַר אים שוין געווען טויט...

אַ לאַנגע צײַט האָט ער זיך אַזוי געפּײַניקט, אָבער גערעדט וועגן דעם האָט ער ניט מיט קיינעם. ער האָט גאָר פֿאַרלוירן דעם חשק צו רעדן מיט מענטשן. און ווען ער האָט שוין אַ מאָל יאָ מיט עמעצן גערעדט, זענען די ווערטער בײַ אים אַרויסגעקומען ווי צעהאַקטע און צעביסענע...

און איין מאָל, ווען אין שומרון זענען אַלע אין הויף זיך איינער דעם אַנדערן שוין געווען נמאס און זיי האָבן זיך אַלע אין איינעם און איטלעכער באַזונדער אַרומגעטראָגן מיט אַ טיפֿן ווייטאָג אין האַרצן, פֿאַר וואָס זיי קענען אַלץ ניט וויסן, וואָס דער מאָרגן וועט זיי ברענגען און וואָס ס'וועט בכלל ווערן דערפֿון, וואָס מע האַלט זיי דאָ, האָט הורדוס, אין אַ פֿרימאָרגן נאָך אַ גאַנצער נאַכט ניט שלאָפֿן, אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל, וואָס האָט אַלעמען אַרײַנגעוואָרפֿן אין אַ בהלה, כאָטש זיי האָבן פֿריִער שטאַרק אַרויסגעקוקט דערויף:

— שוין זאָל מען זיך אומקערן צוריק קיין ירושלים!

פּונקט ווי ער וואָלט זיך מיט אַ מאָל געכאַפּט, אַז ער האָט אַזאַ באַפֿעל שוין לאַנג געדאַרפֿט אַרויסגעבן, האָט ער אַלעמען געיאָגט, אַלעמען געטריבן. און ווען ער איז קיין ירושלים אָנגעקומען, האָט ער דאָרט אויך גלײַך אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל, וואָס האָט אַלעמען אין נאָך אַ גרעסערער בהלה אַרײַנגעוואָרפֿן:

— שוין זאָל מען פֿון דאַנען אַרויסשיקן אַ שליח קיין מצרים און ער זאָל פֿון דאָרט ברענגען אַהער דעם בעסטן פֿון די, וואָס וויסן ווי אַזוי אײַנצובאַלזאַמירן אַ קיניג נאָכן טויט!..

ער האָט קיינעם גלײַך אין די אויגן ניט אַרײַנגעקוקט, ווען ער האָט דאָס געזאָגט. אַ מידער, אַ צערודערטער איז ער מיט דער גאַנצער שווערקייט פֿון זײַן לײַב געזעסן אַן אָנגעכמורעטער, מיט אַ פֿינצטער פּנים, מיט אַן אויסגעקרומט מויל און מיט אַן אָנגעבויגענעם קאָפּ. מע האָט געקענט זען, ווי עס קומט אים אָן שווער צו רעדן, אָבער ער האָט דאָך גערעדט:

— און ווען מע וועט אים ברענגען אַהער — האָט ער געזאָגט, אָנבייגנדיק דעם קאָפּ נאָך מער אַראָפּ — ווען מע וועט אים ברענגען אַהער, דעם בעסטן פֿון די, וואָס וויסן ווי אײַנצובאַלזאַמירן אַ קיניג נאָכן טויט, וועל איך אים הייסן, ער זאָל ז י דאָ אײַנבאַלזאַמירן...

אַלע אַרום אים האָבן זיך איבערגעקוקט און בלויז איינער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און האָט שטיל געפֿרעגט:

— וועמען?

— ז י... — האָט הורדוס געענטפֿערט, ניט אויפֿהייבנדיק דעם קאָפּ, און די אַקסלען האָבן בײַ אים געטאָן אַ ציטער — ז י, די געליבטע פֿון מײַן האַרץ... און האַלטן זאָל מען זי אין האָניק... יאָ, אין האָניג! — האָט ער פּלוצלינג אָנגע־הויבן שרײַען אויפֿן קול — עס איז מײַן ווילן און איך באַפֿעל דאָ גלײַך אויפֿן אָרט, אַז מע זאָל ז י האַלטן אין האָניק אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבן, אַזוי לאַנג ווי איך וועל אויף מײַן קאָפּ טראָגן די קרוין פֿון דער מלוכה אין יהודה...

בײַ די לעצטע ווערטער האָט ער זיך געגעבן אַ שטעל אויף און זיך אויס־געצויגן אין זײַן גאַנצער הייך, און ווען ער האָט אויף די אַלע נאָענטע אַרום אים געגעבן אַ שטעל אַן די בליקן פֿון זײַנע אויגן און מע האָט שוין אין זיי געקענט זען ניט נאָר די שטרענגקייט זײַנע, פֿאַר וועלכער מע האָט שטענדיק געציטערט, נאָר אויך די סימנים פֿון משוגעת, איז אויף זיי אַ פּחד געפֿאַלן, און אַליין ניט באַמערקנדיק דאָס, האָבן זיי זיך גענומען אָפּרוקן פֿון אים אויף צוריק...

נאָך דעם האָבן שוין אַלע אין הויף גערעדט וועגן דעם. איינער דעם אַנדערן האָט שטילערהייט פֿאַרטרויט דעם סוד:

— דער קיניג איז אַפּנים פֿון זינען אַרונטער... דער קיניג איז משוגע...

פֿון הויף איז דאָס געגאַנגען ווײַטער; מע האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט אין שטאָט און גאַנץ ירושלים האָט שוין דערפֿון גערעדט. מע האָט מורא געהאַט פֿון דעם צו רעדן, ווײַל קלאַנגען האָבן זיך אַרומגעטראָגן, אַז די אויסשפּירער פֿונעם קיניג זענען פֿול אומעטום און זיי האַלטן אויף אַלעמען אַן אויג; אָבער מע האָט דאָך גערעדט. שפּעטער האָט זיך דאָס שוין צעטראָגן איבערן גאַנצן לאַנד. אומעטום האָבן זיך שוין געפֿונען אַזעלכע, וואָס האָבן אַלע מאָל עמעצן אַנדערש שטילערהייט פֿאַרטרויט דעם סוד:

— עס איז אַ סבֿרא, אַז דער קיניג איז פֿון זינען אַרונטער... מע זאָגט, אַז דער קיניג איז משוגע...

ווי די אויסשפּירער זענען ניט געווען אויף דער וואַך, און וואָס מע האָט ניט געטאָן דאָס אָפּצולייקענען, האָט דאָס ניט געהאָלפֿן; אין לאַנד האָט מען אַלץ גערעדט וועגן דעם, וואָס ס'איז אַ סבֿרא, אַז דער קיניג איז פֿון זינען אַרונטער און אַז מע זעט שוין אין אים קלאָרע סימנים פֿון משוגעת. און עס זענען געווען אַ סך אַזעלכע, וואָס האָבן דערפֿון געדרונגען, אַז באַלד וועלן אַוודאי קומען שלעכטע צײַטן, זייער שלעכטע און ביטערע צײַטן, וואָס וועלן נאָך אפֿשר דעם גאַנצן פֿאָלק ישׂראל פֿאַראומערן דאָס לעבן און מע וועט אין ערגעץ ניט קענען געפֿינען קיין טרייסט; זיי וועלן מוזן קומען, די שלעכטע צײַטן, וואָס מע שטעלט זיך שוין בײַ צײַטנס פֿאָר, ווײַל צו דער רישעות פֿון דעם גרויזאַמען קיניג, וואָס קען מיט זײַן צאָרן אַלץ און אַלעמען פֿאַרברענען, וועט איצט נאָך צוקומען די משוגעת אויך, און דאָס קען אים אַ מאָל מאַכן נאָך ווילדער צו אייגענע און פֿרעמדע...

די מורא פֿאַר דעם, וואָס ס'קען געשען ערשט שפּעטער, איז געווען גרעסער ווי די מורא פֿאַר דעם, וואָס ס'איז שוין געשען איצט...

עס האָט זיך דעמאָלט קיינער גאָרניט געקענט פֿאַרשטעלן, אַז ער וועט זיך סוף כּל סוף דאָך באַרואיקן און ער וועט זיך נאָך מער ווי פֿריִער אַרײַנוואַרפֿן אין דעם אימפּעט אויפֿצובויען דאָס לאַנד און ער וועט אויך נעמען אויף זיך אין גאַנצן איבערצובויען דעם הייליקן טעמפּל.

עס איז געווען שווער זיך דאָס פֿאַרצושטעלן.

און אין יענער צײַט האָט זיך אויף די גאַסן פֿון ירושלים באַוויזן אַן אַלטער וואַנדערער, וואָס האָט יאָרן לאַנג אַ באָרוועסער און מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס אַלע שטויביקע וועגן אויסגעשפּאַנט, און וואָס האָט פֿון יעדער שטאָט און שטעטל און פֿון יעדן דאָרף און דערפֿל עפּעס געדענקט און עפּעס פֿאַרגעסן. ער איז געווען

אָנגעטאָן ווי אַ בעטלער און האָט גערעדט ווי אַ נביא. פֿון אומעטום, וואו ער האָט נאָר אַ באָרוועסער געשפּאַנט אויף דער ערד און מיט עמעצן בײַ אַ טיש ברויט געגעסן, האָט ער אין ירושלים געהאַט וואָס צו דערציילן וועגן דער שוועררער מורא, וואָס הענגט איצטער אין לאַנד איבער אַלעמענס קעפּ. און ווען ער האָט שוין מער גאָרניט געהאַט וואָס צוצוגעבן צו דעם, וואָס ער האָט דאָ און דאָרט געהערט, ווי אַנדערע רעדן דערפֿון, האָט ער די לאַנגע גרויע ברעמען אויפֿגעהויבן און קוקנדיק מיט די ברייטע צעעפֿנטע אויגן אַרויף צום הימל, האָט ער געזאָגט:

— דאָס איז די נקמה פֿון אדום אין יהודה דערפֿאַר, וואָס אַ קיניג פֿון די חשמונאים, יוחנן־הורקונוס, האָט אַ מאָל אויף אדום דעם יידישן גלויבן אַרויפֿגעצוואונגען... הורדוס, דער אדומי, ווייסט דאָס אפֿשר אַליין ניט, אָבער אַלץ, וואָס ער טוט זינט ער איז אַרויף אויפֿן טראָן פֿון יהודה, איז די נקמה פֿון דורות... עס איז גאָטס שטראָף... אַזוי איז דאָס אַלע מאָל געווען און אַזוי וועט עס געוויס שטענדיק זײַן: אַ פֿאָלק, וואָס ווערט אונטערדריקט פֿון אַן אַנדער פֿאָלק, גיט אַ מאָל אַרויס פֿון זיך איינעם, וואָס איז אַזוי שטאַרק און מעכטיק, אַז ער ווערט דער הערשער איבער דעם פֿאָלק, וואָס האָט אַ מאָל זײַנע ברידער געטאָן שלעכטס און אַרויפֿגעלייגט אויף זיי אַ שווערן יאָך. עס איז די נקמה פֿון דורות... און אויסמײַדן די נקמה קען מען ניט, וואָרעם אין יעדן פֿאַרברעכן ליגט די שטראָף...

נאָך דעם האָט מען אים שוין אין ירושלים מער ניט געזען, דעם אַלטען וואַנדערער, וואָס איז געווען אָנגעטאָן ווי אַ בעטלער און האָט גערעדט ווי אַ נביא; אַ באָרוועסער און מיטן זאַק אויף די פּלייצעס איז ער פֿון דאָרט ווײַטער אויף די שטויביקע וועגן אַוועק...

געזעצט און געדרוקט בײַ
מאַרסטין פּרעס, אינק׳,
228 איסט 45 סט׳, ניו-יאָרק
אייגנטימער: י. לאָנדאָן

438